STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05400

DOS NAYE VORT

S. Bastomski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. באַסטאָמסקי און מ. היימסאָן

דאָס נייע וואָרט

מוסטערן פאַר ליטעראַטור־וויסנשאַפט

כרעסטאָמאַטיע פאַר די העכערע קלאַסן פון דער פאָלקסשול

ערשטער באַנד

עפּאָס

פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"

ווילנע—1923

אלע רעכט און אלע לענדער פארבא־
האלטן די מחברים פאר זיך.

געזעצט אין די דרוקערייען פון ש. פ. גארבער און צ. ש. א.
געדרוקט ביי ש. פ. גארבער, ווילנע, זאוואלנע 25.

S. Bastomski i M. Chaimson

„Dos naie Wort"

Wypisy żydowskie na klasę starszę

1923.

Druk. F. Garbera, Wilno Zawalna, ul. 25

יידישע מיטן און אַגדות

פון דער ביבל.

די תבה.

(א) דאָס איז די געשיכטע פון נחן. נח איז געווען אַ גערעכטער, ערלעכער מאַן אין זיין דור; מיט גאָט איז געגאַנגען נח. (ב) און נח האָט געבאָרן דריי זין: שם, חם און יפת. (ג) און די ערד איז פאַרדאָרבן געוואָרן פאַר גאָט, און די ערד איז פול געוואָרן מיט אומרעכט. (ד) און גאָט האָט געזען די ערד, ערשט זי איז פאַרדאָרבן, ווייל יעטווידער לייב האָט פאַרדאָרבן זיין וועג אויף דער ערד. (ה) און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: דער סוף פון אַלע לייבער איז געקומען פאַר מיר, וואָרום די ערד איז פול מיט אומרעכט דורך זיי; און זע, איך וועל אומברענגען זיי מיט דער ערד. (ו) מאַך דיר אַ תבה פון פימסנהאָלץ; אין קאַמערן זאָלסטו מאַכן די תבה, און זאָלסט זי אויספּעכן פון אינעווייניק און פון אויסווייניק מיט פּעך. (ז) און אָט ווי דו זאָלסט זי מאַכן: דריי הונדערט איילן די לענג פון דער תבה, פופציק איילן איר ברייט און דרייסיק איילן איר הייך. (ח) אַ גיבל *) זאָלסטו מאַכן צו דער תבה, און אויף אַן אייל (די ברייט) זאָלסטו זי פאַרענדיקן פון אויבן; און די טיר פון דער תבה זאָלסטו מאַכן אין איר זייט; מיט אַן אונטערשטן, צווייטן, און דריטן שטאָק זאָלסטו זי מאַכן. (ט) און איך, זע, איך וועל ברענגען אַ מבול וואַסער אויף דער ערד, אומצוברענגען יעטווידער לייב, וואָס אין אים איז דאָ אַן אָטעם פון לעבן, פון אונטערן הימל; אַלץ, וואָס אויף דער ערד, וועט אומקומען. (י) אָבער איך וועל אויפשטעלן מיין בונד מיט דיר, און דו וועסט אַריינגיין אין דער תבה, דו און דיינע זין, און דיין ווייב, און דיינע זינס ווייבער, מיט דיר. (יא) און פון אַלץ, וואָס לעבט, פון אַלע לייבער, זאָלסטו אַריינברענגען צו צוויי פון איטלעכן אין דער תבה, אויף צו דערהאַלטן ביים לעבן מיט דיר; אַ זכר און אַ נקבה זאָלן זיי זיין. (יב) פון די פויגלען לויט זייערע מינים, און פון די בהמות לויט זייערע מינים, פון אַלע שרצים פון דער ערד לויט זייערע מינים, צו צוויי פון איטלעכן זאָלן אַריינגיין צו דיר, כדי אויף צו דערהאַלטן ביים לעבן. (יג) און דו נעם דיר פון יעטווידער עסנוואַרג, וואָס ווערט געגעסן, און זאָלסט אייַנזאַמלען צו דיר, כדי עס זאָל זיין פאַר דיר און פאַר זיי צום עסן.

(יד) און נח האָט אַזוי געטאָן; אַזוי ווי אַלץ, וואָס גאָט האָט אים באַפוילן, אַזוי האָט ער געטאָן.

דער מבול.

(א) און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: גיי אַריין דו און דיין גאַנץ הויזגעזינט אין דער תבה, וואָרום דיך האָב איך געזען גערעכט פאַר מיר אין דעמדאָזיקן דור. (ב) פון אַלע דיינע בהמות זאָלסטו דיר נעמען צו זיבן און זיבן, איטלעכס מיט זיין פּאָר; און פון די בהמות, וואָס זיי זיינען ניט ריין צו צוויי (און צוויי), איטלעכס מיט זיין פּאָר. (ג) אויך פון די פויגלען פון הימל צו זיבן און זיבן, אַן ער און אַ זי, כדי צו דערהאַלטן זאָמען אויפן גענזיכט פון דער גאַנצער ערד. (ד) וואָרום אין זיבן טעג אַרום וועל איך מאַכן רעגענען אויף דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט,

---

*) אַ דאַך.

און איך וועל אָפּמעקן דעם גאַנצן באַשטאַנד, וואָס איך האָב געמאַכט, פון דעם גע־זיכט פון דער ערד.

(ה) און נח האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ, וואָס גאָט האָט אים באַפוילן.

(ו) און נח איז געווען זעקס הונדערט יאָר אַלט, ווען דער מבול וואַסער איז געקומען אויף דער ערד. (ז) און נח, און זיינע זין, און זיין ווייב, און זיינע זינס ווייבער, מיט אים, זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער תּבה, פון וועגן דעם וואַסער פון מבול. (ח) פון די ריינע בהמות, און פון די בהמות, וואָס זיינען ניט ריין, און פון די פויגלען און אַלץ, וואָס קריכט אויף דער ערד, (ט) זיינען צו צוויי און צוויי אַריינגעגאַנגען צו נחן אין דער תּבה, אַ זכר און אַ נקבה, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן נחן.

(י) און עס איז געווען צו זיבן טעג, איז דאָס וואַסער פון מבול געקומען אויף דער ערד. (יא) אין דעם זעקס הונדערטסטן יאָר פון נחס לעבן, אין צווייטן חודש, אין זיבעצנטן טאָג פון חודש, אין דעמדאָזיקן טאָג האָבן אויסגעבראָכן אַלע קוואַלן פון גרויסן תּהום, און די פענסטער פון הימל האָבן זיך געעפנט. (יב) און דער רעגן איז געווען אויף דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט.

(יג) אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג זיינען אַריינגעגאַנגען נח, און שם, און חם, און יפת, נחס זין, און נחס ווייב, און די דריי ווייבער פון זיינע זין מיט זיי, אין דער תּבה; (יד) זיי, און אַלע חיות לויט זייערע מינים, און אַלע בהמות לויט זייערע מינים, און אַלע שרצים, וואָס קריכן אויף דער ערד לויט זייערע מינים, און אַלע עופות לויט זייערע מינים, אַלע פויגלען פון אַלערליי פליגלען. (טו) און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען צו נחן אין דער תּבה, צו צוויי, צו צוויי פון אַלע לייבער, וואָס אין זיי איז דאָ אַן אָטעם פון לעבן. (טז) און די, וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען, זיינען אַריינגעגאַנגען אַ זכר און אַ נקבה פון אַלע לייבער, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן; און גאָט האָט פאַרשלאָסן הינטער אים.

(יז) און דער מבול איז געווען פערציק טעג אויף דער ערד, און די וואַסערן האָבן זיך געמערט, און זיי האָבן געטראָגן די תּבה, און זי האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער ערד. (יח) און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט און האָבן זיך זייער געמערט אויף דער ערד, און די תּבה איז געגאַנגען אויף דער אויבערפלאַך פון די וואַסערן. (יט) און די וואַסערן האָבן זיך זייער־זייער געשטאַרקט אויף דער ערד; און עס זיינען פאַרדעקט געוואָרן אַלע הויכע בערג, וואָס אונטערן גאַנצן הימל. (כ) פופצן איילן אין דער הויך האָבן זיך די וואַסערן געשטאַרקט, ביז די בערג זיינען פאַרדעקט געוואָרן. (כא) און עס איז אומגעקומען יעטווידער לייב, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף דער ערד, סיי אַ פויגל, סיי אַ בהמה, סיי אַ חיה, סיי יעטווידער שרץ, וואָס קריכט אויף דער ערד, און יעטווידער מענטש; (כב) אַלץ, וואָס אין זיינע נאָזלעכער איז געווען אַ הויך פון אַ לעבעדיקן אָטעם, אַלץ, וואָס אויף דער יבשה, איז געשטאָרבן. (כג) און ער האָט אָפּגעמעקט דעם גאַנצן באַשטאַנד, וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד, פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ, און ביז אַ פויגל פון הימל. און זיי זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, און נאָר נח איז גע־בליבן, און די, וואָס מיט אים אין דער תּבה. (כד) און די וואַסערן האָבן זיך גע־שטאַרקט אויף דער ערד הונדערט און פופציק טעג.

דער סוף פון מבול.

(א) און גאָט האָט געדאַכט אָן נחן, און אָן אַלע חיות, און אָן אַלע בהמות,

וואָס מיט אים אין דער תּבה, און גאָט האָט געמאַכט אַריבערגיין אַ ווינט אויף דער ערד, און די וואַסערן האָבּן זיך אַיינגעשטילט. (ב) און עס זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פון תּהום, און די פענסטער פון הימל; און דער רעגן פון הימל איז פאַרהאַלטן געוואָרן. (ג) און די וואַסערן האָבּן געהאַלטן אין איין אָפּטרעטן פון דער ערד; און די וואַסערן זיינען געמינערט געוואָרן צום סוף פון הונדערט און פופציק טעג. (ד) און די תּבה האָט גערוט אין זיבּעטן חודש, אין זיבּעצנטן טאָג פון חודש, אויף די בּערג פון אַרָרָט. (ה) און די וואַסערן האָבּן געהאַלטן אין איין געמינערט ווערן בּיזן צענטן חודש; אין צענטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, האָבּן זיך בּאַוויזן די שפּיצן פון די בּערג.

(ו) און עס איז געווען צום סוף פון פערציק טעג האָט נח געעפנט דעם פענסטער פון דער תּבה, וואָס ער האָט געמאַכט. (ז) און ער האָט אַרויסגעשיקט די ראָבּ, און זי איז אַרויס הין און צוריק, בּיז דאָס וואַסער איז אָפּגעטריקנט געוואָרן פון דעם געזיכט פון דער ערד. (ח) האָט ער אַרויסגעשיקט פון זיך די טויבּ, צו זען אויבּ דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן פון דעם געזיכט פון דער ערד. (ט) אָבּער די טויבּ האָט ניט געפונען קיין אָפּרו פאַר איר פוסטריט, און זי האָט זיך אומגעקערט צו אים אין דער תּבה, ווייל וואַסער איז געווען אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד. האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און האָט זי גענומען און זי אַריינגעבּראַכט צו זיך אין דער תּבה. (י) און ער האָט אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבּן טעג און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויבּ פון דער תּבה. (יא) און די טויבּ איז געקומען אין אָוונט=צייט, ערשט אַן אָפּגעריסן איילבּערט=בּלאַט איז אין איר מויל, און נח האָט געוווסט, אַז דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן פון דער ערד. (יב) האָט ער אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבּן טעג, און האָט אַרויסגעשיקט די טויבּ און זי האָט זיך מער ניט אומגעקערט צו אים ווידער.

(יג) און עס איז געווען אין דעם זעקס הונדערט און ערשטן יאָר, אין ערשטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש איז אָפּגעטריקנט געוואָרן דאָס וואַסער פון דער ערד, און נח האָט אַראָפּגענומען דעם דעק פון דער תּבה און האָט אַ קוק געטאָן, ערשט דאָס געזיכט פון דער ערד איז טרוקן. (יד) און אין צווייטן חודש, אין זיבּן=און=צוואַנציקסטן טאָג פון חודש, איז די ערד געוואָרן אויסגעטריקנט.

(טו) און גאָט האָט גערעדט צו נחן, אַזוי צו זאָגן: (טז) גיי אַרויס פון דער תּבה, דו, און דיין ווייבּ, און דיינע זין, און די ווייבּער פון דיינע זין, מיט דיר. (יז) יעטווידער לעבּעדיקע זאַך, וואָס מיט דיר, פון אַלע לייבּער, סײַ אַ פויגל, סײַ אַ בּהמה, סײַ יעטווידער שרץ, וואָס קריכט אויף דער ערד, בּרענג אַרויס מיט זיך, און זיי זאָלן זיך ווידמענען אויף דער ערד, און זיך פרוכפּערן און מערן אויף דער ערד.

(יח) איז אַרויסגעגאַנגען נח, און זיינע זין, און זיין ווייבּ, און זיינע זינס ווייבּער, מיט אים. (יט) יעטווידער חיה, יעטווידער שרץ, און יעטווידער פויגל, אַלץ, וואָס בּאַוועגט זיך אויף דער ערד, לויט זייערע משפּחות, זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער תּבה. (כ) און נח האָט געבּויט אַ מזבּח צו גאָט, און ער האָט גענומען פון אַלע ריינע בּהמות, און פון אַלע ריינע פויגלען, און האָט אויפגעבּראַכט בּראַנדאָפּפער אויפן מזבּח. (כא) און גאָט האָט געשמעקט דעם געשמאַקן ריח, און גאָט האָט געזאָגט אין זיין האַרצן: איך וועל מער ווידער ניט פאַרשילטן די ערד פון וועגן דעם מענטשן; וואָרום די טראַכטונג פון דעם מענטשנס האַרצן איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן; און איך וועל מער ווידער ניט דערשלאָגן אַלץ, וואָס לעבּט, אַזוי ווי

איך האָב געטאָן. (כב) אַזוי לאַנג ווי די טעג פון דער ערד, זאָל זייונג און שניט, און קעלט און היץ, און זומער און ווינטער, און טאָג און נאַכט, ניט אויפהערן.

גאָטס בונד מיט נחן. דער רעגנבויגן.

(א) און גאָט האָט געבענטשט נחן און זיינע זין, און האָט צו זיי געזאָגט: פרוכפערט אייך און מערט אייך, און פילט אָן די ערד. (ב) און אייער מורא און אייער שרעק זאָל זיין אויף יעטווידער חיה פון דער ערד, און אויף יעטווידער פויגל פון הימל, אויף אַלץ וואָס די ערד ווידמעט, און אויף אַלע פישן פון ים; אין אייער האַנט זיינען זיי איבערגעגעבן. (ג) אַלץ, וואָס באַוועגט זיך, וואָס לעבט, זאָל זיין פאַר אייך צום עסן; אַזוי ווי גרינע קרייטעכטס האָב איך אייך דאָס אַלץ געגעבן. (ד) נאָר פלייש מיט זיין לעבן, זיין בלוט, זאָלט איר ניט עסן. (ה) און פאַרוואָר, אייער בלוט, פון אייערע נפשות, וועל איך אויפמאָנען; פון דער האַנט פון איטלעכער חיה וועל איך עס אויפמאָנען, און פון דער האַנט פון דעם מענטשן, פון דער האַנט פון דעם מענטשנס ברודער, וועל איך אויפמאָנען דאָס לעבן פון אַ מענטשן. (ו) דער, וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פון אַ מענטשן, זאָל דורך אַ מענטשן זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן; וואָרום אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער געמאַכט דעם מענטשן. (ז) און איר, פרוכפערט אייך און מערט אייך; ווידמעט אייך אויף דער ערד, און מערט אייך אויף איר.

(ח) און גאָט האָט געזאָגט צו נחן און צו זיינע זין מיט אים, אַזוי צו זאָגן: (ט) און איך, זע, איך וועל אויפשטעלן מיין בונד מיט אייך, און מיט אייער זאָמען נאָך אייך. (י) און מיט יעטווידער לעבעדיקער באַשעפעניש, וואָס מיט אייך, סײַ אַ פויגל, סײַ אַ בהמה, סײַ יעטווידער חיה פון דער ערד מיט אייך, פון די אַלע, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער תבה, אַלע לעבעדיקע זאַכן פון דער ערד. (יא) און איך וועל אויפשטעלן מיין בונד מיט אייך, און עס וועלן מער ניט פאַרשניטן ווערן אַלע לייבער פון אַ מבול-געוויסער, און עס וועט מער ניט זיין קיין מבול אומצוברענגען די ערד. (יב) און גאָט האָט געזאָגט: דאָס איז דער צייכן פון דעם בונד, וואָס איך מאַך צווישן מיר און צווישן אייך און צווישן יעטווידער לעבעדיקער באַשעפעניש וואָס מיט אייך, אויף אייביקע דורות. (יג) מיין בויגן האָב איך אַריינגעטאָן אין וואָלקן, און ער וועט זיין פאַר אַ צייכן פון בונד צווישן מיר און צווישן דער ערד. (יד) און עס וועט זיין, אַז איך וועל וואָלקנען אַ וואָלקן אויף דער ערד, וועט זיך באַווייזן דער בויגן אין דעם וואָלקן, (טו) און איך וועל זיך דערמאָנען אָן מיין בונד, וואָס צווישן מיר און צווישן אייך, און צווישן יעטווידער לעבעדיקער באַשעפעניש פון אַלע לייבער, און דאָס וואַסער וועט מער ניט ווערן אַ מבול, אומצוברענגען אַלע לייבער. (טז) און דער בויגן וועט זיין אין דעם וואָלקן, און איך וועל קוקן אויף אים, כדי זיך צו דערמאָנען אָן דעם אייביקן בונד צווישן גאָט און צווישן יעטווידער לעבעדיקער באַשעפעניש פון אַלע לייבער, וואָס אויף דער ערד. (יז) און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: דאָס איז דער צייכן פון דעם בונד, וואָס איך האָב אויפגעשטעלט צווישן מיר און צווישן אַלע לייבער, וואָס אויף דער ערד.

(יח) און די זין פון נחן, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער תבה, זיינען געווען שם, חם און יפת; און חם, דאָס איז דער פאָטער פון כנען. (יט) די דאָזיקע דריי זיינען געווען די זין פון נחן, און פון זיי האָט זיך צעשפּרייט די גאַנצע ערד.

יידישע אגדות*).

פון תלמוד און מדרשים.

דער פעניקס**).

חוה האָט געגעבן עסן פון דעם בוים אויך אַלע בהמות, חיות און עופות. אַלע האָבן זי געפאָלגט אויסער איין פויגל פעניקס. דערפאַר האָט אויף אים קיין שליטה נישט דער טויט. טויזנט יאָר לעבט ער, און נאָך טויזנט יאָר גייט אַרויס פון זיין אייגענעם נעסט אַ פייער און פאַרברענט אים. בלייבט פון אים איבער נאָר ווי אַן איי די גרויס. פון דעם וואַקסן אַרויס צוריק זיינע אברים און ער לעבט ווידער.

אברהמס דימענט.

אַ טייערער בריליאַנט איז געהאַנגען ביי אברהמען אויפן האַלדז. ווי אַ חולה האָט אים דערזען, איז ער באַלד געהיילט געוואָרן. אַז אברהם איז געשטאָרבן האָט גאָט דעם בריליאַנט אויפגעהאַנגען אויף דער זון. דעריבער פילט זיך יעדער קראַנ־קער בייטאָג פיל בעסער ווי ביינאַכט.

סדומער נדבות.

איז אַמאָל אַן אָרעמאַן געקומען אין סדום, פלעגט אים יעדער שענקען אַ רענדל, אָנגעשריבן דערויף זיין נאָמען בפירוש: פְּלוֹנִי בֶּן פְּלוֹנִי***), נאָר קיין ברויט האָט אים קיינער נישט געגעבן, און פון שטאָט האָט מען אים נישט אַרויסגעלאָזט, ביז ער שטאַרבט פון הונגער. נאָך זיין טויט פלעגט יעדער קומען און צוריק זיין רענדל צונעמען.

צוריקוועגס ביי יענער גרוב.

צוריקגייענדיק, נאָכן פאָטערס קבורה, האָט זיך יוסף אָפּגעשטעלט לעבן יענער גרוב, וווהין די ברידער האָבן אים אַמאָל אַריינגעוואָרפן. אים האָט זיך געוואָלט איינקוקן אין דעם אָרט, וווּ ס'איז מיט אים נס געשען: פון דער טיפער גרוב — אַ מִשְׁנֶה־לַמֶּלֶךְ אין מִצְרַיִם! די ברידער אָבער האָבן זיך פאַר דעם קוק דערשראָקן: „ווער ווייס, אפשר האָט זיך אין אים אַ שנאה צו אונדז דערוועקט, און איצט, נאָכן טאַטנס טויט, וועט ער זיך מיט אונדז אָפּרעכענען".

— זייט רויק — האָט זיי יוסף געטרייסט — ווען צען ליכט האָבן ניט געקענט איינע אויסלעשן, וועט איינע די צען געוויס ניט אויסלעשן.

---

*) אלע אגדות זיינען גענומען פון ח. נ. ביאַליק און י. ראַווניצקיס זאַמלונג „יידישע אגדות".

**) אַ לעגענדאַרער פויגל.

***) יענער, דער זון פון יענעם.

משהס טויט.

און סמאל, דער עלטסטער שטן, האָט יעדע רגע אויף משהס נשמה ארויסגעקוקט און געזאָגט: „ווען וועט שוין די רגע פון משהס טויט קומען, איך זאָל אַראָפּגיין און בּיי אים די נשמה נעמען? ווען וועט שוין מיכאל קלאָגן און איך וועל דעם גרויסן לאַך קענען געבּן?"

זאָגט גאָט צו גבריאלן: „גיי בּרענג די נשמה פון משה". ענטפערט ער אים: „רבונו־של־עולם! אַקעגן ששים רבוא בּאַשטייט ער איינער, — ווי קען איך זיין טויט צוקוקן?"

הייסט גאָט מיכאלן: „גיי בּרענג דו משהס נשמה". ענטפערט ער: „איך בּין זיין רבי געווען און ער מיין תלמיד — ווי קען איך זיין טויט צוקוקן?"

זאָגט גאָט צו סמאלן: „גיי דו בּרענג די נשמה פון משה". האָט ער בּאַלד זיך אָנגעקליידעט מיט צאָרן און אָנגעגורט זיין שווערד, און זיך איינגעהילט אין שרעק־לעכער רציחה — און אַוועק צו משהן. געפינט ער אים ווי ער זיצט און שרייבּט דעם שם המפורש אויף אַ מגילה, און זיין פּנים שיינט ווי די ליכטיקע זון, און זיין גאַנצעס אויסזען איז ווי אַ מלאך פון גאָט. האָט ער מורא פאַר אים בּאַקומען און אַ ציטער־ניש האָט אים אָנגעכאַפּט, און האָט קיין מויל ניט געקענט עפענען אַ וואָרט אויסצו־ריידן. בּיז משה האָט זיך צו אים אָנגערופן:

— רשע, וואָס בּאַדאַרפסטו דאָ?

— דיין נשמה צו נעמען בּין איך געקומען.

— ווער האָט דיך געשיקט?

— דער וואָס האָט אַלע בּרואים אויף דער וועלט בּאַשאַפן.

— אַוועק פון דאַנען, ווייל גאָט וויל איך לויבּן! „איך וועל נישט שטאַרבּן, נאָר לעבּן, און גאָטס מעשים וועל איך דערציילן".

— „די הימלען דערציילן די ערע פון גאָט".

— אַנטשוויגן ווערן וועל איך זיי הייסן און איך וועל אים לויבּן, — „הערט זיך איין, הימלען, איך וועל ריידן, און לאָז די ערד אויסהערן מיינע ווערטער".

— די נשמה פון אַלע בּרואים אויף דער וועלט איז אין מיין האַנט איבּערגעגעבּן.

— מיין כּוח איז גרעסער פון אַלע בּרואים אויף דער וועלט.

— אין וואָס בּאַשטייט אַזוינס דער כּוח דיינער?

— איך בּין עמרמס זון, וואָס האָבּ שוין אין מיינע קינדער־יאָרן אין זיך דעם געטלעכן כּוח דערשפּירט. אָן מורא בּין איך צום קעניג אין פּאַלאַץ אַריינגעגאַנגען און בּיי אים די קרוין אַראָפּגעריסן... און אַז איך בּין אַכציק יאָר אַלט געוואָרן, האָבּ איך אין לאַנד מצרים צייכן און וווּנדער בּאַוויזן און ששים רבוא פאַר די אויגן פון אַלע מצרים אַרויסגעפירט, און דעם ים האָבּ איך אויף צוועלף שטיקער צעשפּאָלטן, און אויפן הימל בּין איך אַרויפגעגאַנגען און דאָרט אַ וועג אויסגעטראָטן, און מיט מלאכים האָבּ איך געשטריטן און זיי מנצח געווען, און די סודות זייערע מגלה גע־ווען, און מיט גאָט בּרוך־הוא האָבּ איך פּנים־אל־פּנים גערעדט, די פייערדיקע תּורה פון זיין האַנט מקבּל געווען און זי דעם פאָלק ישראל געלערנט, און מיט סיחון און עוג, די צוויי גבּורים פון די אומות העולם, האָבּ איך מלחמה געהאַלטן. און מיטן שטעקן, וואָס אין מיין האַנט, זיי אויף טויט צעקלאַפּט, און אויבּן אין הימל האָבּ

איך די זון און לבנה אָפּגעשטעלט, — ווער נאָך צווישן אַלע ברואים פון דער וועלט קען דאָס אַלץ טאָן? אַוועק פון מיר — מיין נשמה וועל איך דיר נישט געבן!"

האָט סמאל זיך אומגעקערט און דעם אַלמעכטיקן גאָט ענטפער געגעבן.

זאָגט אים גאָט ווידער: „גיי ברענג משהס נשמה".

האָט סמאל זיין שווערד פון שיידל אַרויסגעצויגן און ווידער געקומען און זיך פאַר משהן געשטעלט. איז משה אויף אים אין צאָרן געוואָרן און אין זיין האַנט גענומען גאָטס שטעקן, אויף וועלכן דער שם־המפורש איז אויסגעקריצט, און קעגן סמאל מיט זיין גאַנצער קראַפט אַרויסגעטרעטן, ביז יענער איז פאַר אים אַנטלאָפן, און משה איז אים מיטן שם־המפורש נאָכגעלאָפן, און אַ שטראַל פון זיינע אויגן האָט ער געוואָרפן און סמאלס אויגן בלינד געמאַכט.

האָט זיך אַ בת־קול געלאָזט הערן: „די שעה איז געקומען, וואָס דו מוזט פון דער וועלט גיין". זאָגט משה: „געדענק מיר יענעם טאָג, וואָס דו האָסט זיך מיר ביים סנה באַוויזן! געדענק מיר יענעם טאָג, וואָס איך בין אויפן באַרג סיני פערציק טעג און פערציק נעכט געשטאַנען! איך בעט דיך, אין די הענט פונם מלאך־המות זאָלסטו מיך נישט איבערגעבן"!

לאָזט זיך ווידער אַ בת־קול הערן: „ניט שרעק זיך, איך אַליין וועל זיך מיט דיר און מיט דיין קבורה אָפּגעבן". זאָגט משה: — וואַרט מיר, ביז איך וועל בענטשן די יידן, וואָס האָבן אַלע מיינע יאָרן פון מיר קיין נחת געהאַט, צוליב דעם וואָס נישט אויפגעהערט האָב איך זיי צו וואָרנען און צו שטראָפן.

האָט משה אָנגעהויבן יעדן שבט באַזונדער צו בענטשן. אַז ער האָט אָבער געזען, דאָס די צייט איז קורץ, האָט ער זיי אַלע אין איין ברכה פאַרייניקט, און צום פאָלק ישראל אַזוי געזאָגט: „פיל האָב איך אייך מצער געווען צוליב דער תורה און די מצוות, — איצט זייט מיר מוחל"! זאָגן זיי אים: „אונדזער רבי און אונדזער האַר! אַלעס זיינען מיר דיר מוחל"! און די יידן זיינען אויף פאַר אים געשטאַנען און געזאָגט: וויפיל האָבן מיר דיך דערצאָרנט און פיל מי האָבן מיר אויף דיר אַרויפגעלייגט, זיי דו אונדז מוחל"! ענטפערט ער זיי: „איך בין אייך מוחל"!

לאָזט זיך הערן אַ בת־קול: „די רגע איז געקומען, וואָס דו מוזט פון דער וועלט גיין". זאָגט ער: „געבענטשט איז דער נאָמען פון דעם, וואָס לעבט אייביק"! און צו די יידן ווענדט ער זיך: „איך בעט אייך, ווען איר וועט אין דעם לאַנד קומען, זאָלט איר מיך און די ביינער מיינע געדענקען און זאָגן: „ווי צו עמרמס זון, וואָס איז ווי אַ פערד פאַר אונדז געלאָפן און זיינע ביינער זיינען אין דער מדבר געפאַלן".

לאָזט זיך ווידער אַ בת־קול הערן: „די האַלבע רגע איז געקומען, וואָס דו מוזט פון דער וועלט גיין". האָט ער זיינע צוויי אָרעם גענומען און זיי אויפן האַרצן געלייגט און צו די יידן געזאָגט: „אָט זעט דעם סוף פון אַ בשר־ודם".

נאָכדעם איז משה אויפגעשטאַנען און זיך ווי אַ מלאך געהייליקט. און גאָט ברוך־הוא איז פון די הויכע הימלען אַראָפּגעגאַנגען צו נעמען די נשמה פון משה, און דריי מלאָכים זיינען מיט אים געקומען: מיכאל און גבריאל און זגזגאל — מיכאל האָט משהס מטה אויסגעבעט, גבריאל האָט אַ ליינען־קלייד פאַרשפרייט צוקאָפּנס און זגזגאל — צופוסנס. און געשטאַנען איז מיכאל פון איין זייט און גבריאל פון דער אַנדער זייט. זאָגט גאָט צו משה: „משה, פאַרמאַך די אויגן"! — פאַרמאַכט ער.

— „ליג די הענט דיינע אויף דער ברוסט!“ — לייגט ער. — „נעם צונויף די פיס!“ — נעמט ער צונויף.

און גאָט ברוך־הוא האָט צו דער נשמה פון משה גערופן און אַזוי געזאָגט: „טאָכטער מיינע, הונדערט צוואַנציק יאָר האָב איך דיר אין משהס גוף באַשטעלט, איצט איז דיין סוף געקומען אַרויסצוגיין. גיי, נישט פאַרזוים“!

ענטפערט זי אים: „רבונו־של־עולם, ווייסן ווייס איך, אַז דו ביסט דער גאָט פון אַלע גייסטער און דער האַר פון אַלע נשמות. דו האָסט מיך באַשאַפן און דו האָסט מיך אין משהס גוף אַריינגעגעבן אויף הונדערט צוואַנציק יאָר. געפינט זיך דען איצט אויף דער וועלט אַ מער ריינער גוף פון משהס? ליב האָב איך אים און וועל פון אים נישט אַרויסגיין!“. זאָגט איר גאָט: „גיי אַרויס און איך וועל דיך אין די הויכע הימלען אַרויפנעמען און אונטער מיין כסא־הכבוד זעצן לעבן די כרובים און סרפים“.

און גאָט ברוך־הוא האָט משהן אַ קוש געגעבן און מיטן קוש זיין נשמה גענומען.

ר׳ שִׁמְעוֹן און ר׳ יִשְׁמָעֵאל.

(פון די עשרה הרוגי מלכות).

און די רוימישע רעגירונג, די מַרשעת, האָט אַרויסגעלאָזט אַ גזירה אומצו־ברענגען פון דער וועלט די גרעסטע יידישע געלערנטע.

כאַפּט מען ר׳ שמעון בן גמליאל און ר׳ ישמעאל כהן־גדול און מע פירט זיי אַרויס די ערשטע צום טויט. האָט זיך ר׳ שמעון צעוויינט. זאָגט אים ר׳ ישמעאל: „יונגער פירשט! נאָך אַ פּאָר שפּאַן גייסטו איבער אינם שויס פון די צדיקים — און דו וויינסט גאָר?“

אָ — ענטפערט ר׳ שמעון — דאָס האַרץ גייט מיר אויס, איך ווייס אַפילו נישט פאַר וואָס איך קום אום.

זאָגט אים ר׳ ישמעאל: „מעגלעך, ס׳האָט זיך דיר אַמאָל געמאַכט, אַז עמיצער איז צו דיר געקומען מיט אַ נייטיקן דין־תורה אָדער מיט אַ שאלה, און דו האָסט זיך נישט געאַיילט און אים געלאָזט וואַרטן, ביז דו וועסט אויסטרינקען דיין כוס צי אָנטאָן דיין שוך, אָדער איינהילן זיך אין דיין קלייד — און לויט דער תורה הייסט דאָס פּייניקן לאָזן אַ מענטשן, אַלצאיינס צי פיל צי ווייניק, און דערפאַר פאַרדינט מען טויט־שטראָף“. — רבי, דו האָסט מיך געטרייסט — זאָגט אים ר׳ שמעון.

האָבן זיי זיך געבעטן ביים תַּלְיָן. דער זאָגט: — איך בין אַ כהן־גדול, דער זון פון אַ כהן־גדול, פון אַהרונס אייניקלעך טויט מיך פריער, איך זאָל נישט זען דעם טויט פון מיין חבר. און דער בעט זיך: — איך בין אַ פירשט, דער זון פון אַ פירשט, פון דוד המלכס אייניקלעך, טויט מיך פריער, איך זאָל נישט זען דעם טויט פון מיין חבר. זאָגט דער תַּליִן: „וואַרפט צווישן זיך גורל. „איז געפאַלן דער גורל אויף ר׳ שמעון בן גמליאל. נעמט דער תלין די שווערד און קעפּט אים. הייבט ר׳ ישמעאל אויף דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ, דריקט אים צו דער ברוסט, וויינט און שרייט: „אָ, הייליק מויל, אָ, וואַרהאַפטיק מויל! אָ, מויל, וואָס ברילִיאַנטן, דימאַנטן און פערל האָבן זיך פון אים געשאָטן, ווער האָט איצט דיך געלייגט אין דער ערד אַריין און ווער האָט אין דיר די צונג אָנגעשטאָפּט מיט שטויב און אַש? אָך און וויי! דאָס איז די תורה

און דאָס איז איר לוין?״ ווי ר׳ ישמעאל יאָמערט אַזוי — קוקט אַרויס דעם קייסערס טאָכטער דורכן פענסטער, זעט און בלייבט פּאַראַגאַפּט פון זיין זעלטענער שיינהייט, ווייל ר׳ ישמעאל איז געווען איינער פון די זיבן באַרימטע שיינהייטן אין דער וועלט, און זיין געזיכט האָט געשיינט נאָר ווי פון אַ מלאך. באַקומט זי אויף אים גרויס מיטלייד און שיקט צום פאָטער: „טו מיר צוליב, וואָס איך וועל דיך בעטן״. ענטפערט ער איר: „וועגן אַלצדינג, וואָס דו וועסט מיך בעטן, טאָכטער מיינע, וועל איך דיר צוליב טאָן, נאָר אויסער וועגן ישמעאלן מיט זיינע חברים״. שיקט זי צו אים ווידער: „איך בעט דיך, שענק אים דאָס לעבן״. „ניין — ענטפערט ער איר — דאָס איז אומ־מעגלעך, איך האָב שוין געשוואָרן״. „אויב אַזוי — שיקט זי אים נאָכאַמאָל — באַפעל, מע זאָל אים אָפּשינדן גאַנצערהייט די הויט פון זיין קאָפּ. וועל איך זיך אין איר שפּיגלען״. האָט דער קייסער אַזוי באַפוילן. און מ׳האָט ישמעאלן גענומען שינדן דעם קאָפּ. ווי ס׳האָט געהאַלטן דאָרט ביים אָרט פון תּפילין האָט ר׳ ישמעאל אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעכן ביטערן געשריי, אַז הימל און ערד זיינען פאַרציטערט געוואָרן. אַ צווייטן נאָך אַ שרעקלעכערן געשריי — און דער כּסא הכּבוד איז פאַרציטערט געוואָרן. „רבונו־של־עולם — האָבן שוין נישט אויסגעהאַלטן די מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת און גענומען טענהן — אַזאַ צדיק, וואָס דו האָסט פאַר אים אויפגעדעקט אַלע שאַצקאַמערן פון די אייבערשטע וועלטן און אַלע סודות פון די אונטערשטע, זאָל אומקומען דורך אַזאַ ווילדן אומדערבאַרעמדיקן טויט? אָט דאָס איז די תּורה און דאָס איז איר לוין?!״ ענטפערט זיי גאָט ברוך־הוא: „וואָס זאָל איך טאָן פאַר מיינע קינדער, ס׳איז אַ גזירה, און ס׳איז ניטאָ ווער זאָל זי אָפּרופן״.

לאָזט זיך הערן אַ בת־קול: „ווערט ר׳ ישמעאל אַרויסלאָזן נאָך איין געשריי, קערט זיך איבער די גאַנצע וועלט״. ווי ר׳ ישמעאל האָט דאָס דערהערט, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.

פרעגט אים דער קייסער: „וואָס? נאָך פאַרזיכערסטו זיך אויף דיין גאָט?

— יאָ ענטפערט ר׳ ישמעאל — ער מעג מיך טויטן, צו אים וועל איך אַלץ האָפן — און מיט די ווערטער איז אים אויסגעגאַנגען די נשמה.

אַז ס׳איז אָנגעקומען צו ר׳ עקיבאן די טרויעריקע ידיעה וועגן דעם טויט פון די ביידע, איז ער אויפגעשטאַנען, צעריסן אויף זיך די קליידער און זיך אָנגעגורט אַ זאַק. „זייט גרייט — זאָגט ער די תּלמידים — אַ גרויסע שטראָף רוקט זיך אויף אונדז אָן. ווען אונדז זאָל פאַרשטיין גוטס אין אונדזער צייט, וואָלט קיינער נישט ווערט געווען דאָס צו באַקומען ווי ר׳ שמעון און ר׳ ישמעאל. נישט אַנדערש, גאָט ברוך־הוא ווייסט, אַז אַ גרויסער שלאַק קלייבט זיך קומען אויף דער וועלט. און דערפאַר האָט ער זיך געאײַלט צוצונעמען אָט די צוויי צדיקים פון אונדז, זיי זאָלן דעם אומגליק נישט זען מיט זייערע אויגן״.

רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא.

אַלע טאָג האָט זיך געלאָזט הערן אַ קול: — די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט צוליב חנינא מיין זון, און חנינא מיין זון באַגניגט זיך מיט אַ טאָפּ באָקסערן פון איין ערב־שבת ביזן אַנדערן.

גריכישע מיטן און אגדות.

דער גרויסער מבול.

שוין לאַנג האָט צעאוס, דער פאָטער פון די געטער, געהערט וועגן דער פאַרדאָרבנקייט פון די מענטשן. כּדי זיך צו איבערצייגן, צי זייִנען דידאָזיקע ידיעות ריכטיקע, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם הימל און אין אַ מענטשלעכן געשטאַלט אַרומוואַנדערן צווישן די מענטשן און זען אַלץ מיט די אייגענע אויגן. צום אומגליק האָט ער געפונען, אַז אין אמתן איז אַ סך ערגער, ווי מע האָט דערציילט: אומעטום האָט ער באַגעגנט נאָר אומרעכט און ווילדקייט. שפּעט אין אָוונט איז צעאוס אָנגעקומען קיין אַרקאַדיען, אין דאָס הויז פון דעם קיניג ליקאַאָן. אַרייַנקומענדיק אין הויז, האָט צעאוס געגעבן אַ צייכן פון זיין געטלעכקייט און דער המון האָט אים באַערט מיט תּפילות און נדרים. אָבער ליקאַאָן האָט געשפּאָט פון דעם המון און געזאָגט: „באַלד וועלן מיר זען, צי דאָס איז אַ גאָט צי אַ שטערבלעכער" און ער האָט באַשלאָסן צו פּרוּוון טויטן זיין גאַסט בייַנאַכט, בעת יענער וועט שלאָפן. אָבער פריער האָט ער אים אויסגעפּרוּווט אויף אַן אַנדער אופן: ער האָט געטויט אַ קינד, אויסגעקאָכט און אויסגעבראָטן זיינע נאָך ציטערנדיקע גלידער, מכבּד געווען מיט דעמדאָזיקן געריכט זיין גאַסט און געטראַכט: „מיר וועלן זען, צי וועט ער דערקענען, וואָס דאָס איז פאַר אַ שפּייַז, צי ניט".

מיט אַ שטראָפנדיקן בליץ טרעפט דאַן צעאוס ליקאַאָנס הויז און צעשטערט עס. משוגע פון שרעק לויפט דער פאַרברעכער פון זיין הויז. ווי ער קומט אַרויס אויף דער פריי, הייבט ער אָן צו וואָיען, ווי אַ חיה, ווייל ריידן אויף אַ מענטשלעכן לשון איז ער ניט בכּוח. ער וואַרפט זיך מיט ווּט אויף די טשערעדעס. אָבער דאָ ווערן זיינע קליידער צעפליקט אין צוויטן. די הענט ווערן פאַרוואַנדלט אין פיס; ער ווערט אַ וואָלף... און עד היום זעט מען אויפן וואָלף די שפּורן פון זיין פריערדיקן געשטאַלט: דיזעלביקע גרויע האָר, דיזעלביקע ברענענדיקע אויגן, דיזעלביקע ווילדקייט אין בליק און אין די באַוועגונגען.

אַזוי אַרום איז צעשטערט געוואָרן איין הויז. אָבער ניט נאָר איין הויז איז ווערט געווען אַזאַ גורל: דער פאָטער פון די געטער און שטערבלעכע האָט באַשלאָסן אומצוברענגען דאָס גאַנצע זינדיקע מענטשנגעשלעכט.

גלייך נאָכן צוריקקער אויפן הימל רופט צעאוס צונויף די געטער אויף אַ באַראַטונג. איבער דעם וועג פון די אומשטערבלעכע, איבער דעם גלאַנציקן מילכוועג, הייבן זיך די געטער אויף צו די הימלשע מלכותדיקע פּאַלאַצן פון דעם דונערשליידערער*) די גליקזעליקע געטער קומען אַריין אין אַ לאַנגער שורה אין צעאוסעס מירמלזאַל און פאַרנעמען דאָ יעדערער זיין אָרט. צעאוס אַליין זעצט זיך אויפן הויכן טראָן, אָנגעלעענט אויף דעם העלפאַנדביינענעם סצעפּטער, טוט ער אַ פּאָר מאָל אַ טרייסל מיטן מעכטיק־געלאָקטן קאָפּ, וואָס פון זיין באַוועגונג ווערט אויפגעציטערט די ערד, דער ים און די שטערן, און ער זאָגט: „קיינמאָל בין איך ניט געווען אַזוי אומרויִק פאַר מיין מלוכה, ווי איצט — אפילו ניט אין יענער צייט, ווען די

*) די העכערע געטער וווינען ניט ווייט פון צעאוסן, לינקס און רעכטס פון זיין הויז. די וווינונגען פון די איבעריקע געטער ליגן אין אומאָרדנונג אונטער זיי.

שלאַנגענפיסיקע טיטאַנען האָבן מיט די הונדערטער הענט געשטורעמט דעם הימל. אויך דער גאַנצער ערד פון איין עק ביזן צווייטן, האָב איך ניט געפונען גאַרנישט, אַחוץ שרעקלעכן אומרעכט. דאָס גאַנצע מענטשנגעשלעכט מוז ווערן אויסגעראָט!״

דערהערגנדיק די געשיכטע מיט ליקאַאָנען, שטימען די געטער איין מיט צע־אוסעס באַשלוס, נאָר זיי פרעגן אומרויִק: „אָבער אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד וועט זיין די ערד, בעת די מענטשן וועלן מער ניט זיין אויף איר? ווער וועט מקריב זיין די געטער קרבנות און רויכערן ווייַרויך?״ אָבער דער פאָטער פון די געטער באַרויִקט זיי און זאָגט צו צו באַפעלקערן די ערד מיט נייע בעסערע מענטשן.

ער נעמט זיך שוין צו זיינע בליצן און וויל זיי צעוואַרפן איבער דער ערד, אָבער ער האָט מורא, ס׳זאָל זיך ניט אָנצינדן דער הימל און ס׳זאָל ניט פאַרברענט ווערן די גאַנצע וועלט; און ער לייגט אָפּ אָן אַ זייט זיינע בליצן און באַשליסט אומצוברענגען די מענטשן דורך וואַסער.

און אָט האָט קראָניאָן*) איינגעשלאָסן אַלע ווינטן, וואָס צעטרייבן די וואָלקנס און מאַכן ריין דעם הימל; פרייהייט האָט ער געגעבן נאָר דעם דרומדיקן ווינט, דעם רעגנ־ברענגענדיקן נאָטוס. און נאָטוס צעשפּרייט זיינע פייכטע פליגלען און לאָזט זיך פליען איבער דער ערד. זיין קאָפּ איז פאַרהילט אין אַ פעכשוואַרצן חושך, פון זיינע גרויע האָר, פון די פאַלדן פון זיינע קליידער און פון דער לאַנגער באָרד רינט וואַסער; אים רינגלען אַרום גאַנצע מחנות וואָלקנס, און ווי נאָר ער טוט זיי אַ דריק מיט דער האַנט, נעמען מיט אַ רעשדיקן ברויזן שטראָמען פון זיי מוראדיקע רעגנס גלייך אויף דער ערד אַראָפּ. איריס*) אין אירע בונטע גלאַנצנדיקע קליידער שעפּט אָן אָן אויפהער וואַסער און נערט מיט דעם די וואָלקנס. אָט האָט שוין דער רעגן פאַרטרונ־קען די פעלדער. פאַרלאָרן איז די האָפענונג פונם לאַנדמאַן, צעשטערט איז די פרוכט פון דער אַרבעט פון אַ לאַנגן יאָר. אָבער דעם דערצאָרנטן צעאוס איז דאָס נאָך קאַרג. זיין ברודער פאָסיידאָן, דער גאָט פונם ים, העלפט אים אויך מיט זיינע וואַסערן. פאָסיידאָן רופט צונויף אַלע געטער פון די טייכן: „רייסט דורך די דאַמבעס״ — באַפעלט ער זיי — „עפנט די וואַסערקוואַלן!״

די טייכן פאָלגן. פאָסיידאָן אַליין שטעקט אַריין זיין דריישפּיץ אין דער ערד. עס ציטערט אויף די ערד און עפנט אַ פרייען וועג די וואַסערן, וואָס זיינען באַהאַלטן אין איר אינגעווייד. און אָט גייען אַרויס די טייכן פון די ברעגעס און טראָגן אַוועק מיט זיך ביימער, מענטשן, פי, הייזער, טעמפּלען... ניטאָ שוין קיין גרענעץ צווישן ערד און וואַסער. אַלץ איז איין ים, איין ברעגלאָזער ים. דאָרט, וווּ ס׳האָבן זיך פריער געפּאַשעט פרידלעכע ציגן, דאָרט לאַגערן איצט מיאוסע ים־הינט; דעלפינען שווימען און גריבלען אין די וועלדער. די ים־נימפן, די נערעאידן, באַטראַכטן מיט פאַרוווּנדערונג די וועלדער, הייזער און שטעט — אונטער דעם וואַסער. אין צע־שטרייטע מחנות טראָגן זיך איבער די כוואַליעס וועלף און שעפסן, לייבן און טיגערן. עס העלפט ניט דעם ווילדשווין זיין שרעקלעכע קראַפט; עס העלפט ניט דעם הירש די פלינקייט פון זיינע פיס; דער פויגל, וועלכער האָט אומזיסט געזוכט אַן אָרט זיך אָפּצורוען, פאַלט לסוף אָן כחות אַריין אין ים. און די מענטשן? אַ טייל זוכן רעטונג

---

*) קראָניאָן — דער זון פון קראָנאָס; קראָנאָס איז דער נאָמען פון צעאוסעס פאָטער.

*) דער רעגנבויגן.

אויף היגלען און בערג, אַנדערע — אויף שיפן און שיפלעך. אָבער דאָס וואַסער האָט באַדעקט סיי די היגלען, סיי די בערג; און ווען דאָס וואַסער האָט געשווינט, יענער איז אומגעקומען פון הונגער.

אין פאקיס האָט זיך ווייט איבער די וואָלקנס געהויכט דער צווייִשפּיציקער פּאַרנאַס. אין ערגעץ אַרום איז נישטאָ קיין באַרג, וואָס זאָל זיך קענען צו אים גלייכן. זיין שפּיץ קוקט פריי אַרויס פון די ברויזנדיקע כוואַליעס.

נאָך לאַנגע וואָגלעניש איבערן וואַסער האָט זיך דאָ אַרויסגעזעצט דער גערעכטער דויקאַליאָן מיט זיין צניעותדיק ווייב פּירראַ. פאַרן מבול האָט דויקאַליאָן לויט זיין פאָטערס עצה אויסגעבויט אַ שטאַרקע גוט באַפעסטיקטע שיף און האָט אין איר אָנגעגרייט שפּייז; אַזוי אַרום האָט ער אויסגעמיידט דעם טויט.

ווען צעאוס האָט דערזען, אַז פון אַזוי פיל טויזנטער מענטשן זיינען געבליבן נאָר צוויי זינדלאָזע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט פון די איבעריקע מיט זייער גערעכטיקייט, האָט ער צעטריבן די טונקעלע וואָלקנס, האָט באַוויזן דעם הימל — די ערד און דער ערד — דעם הימל. לויט זיין ווילן באַפעלט פּאָסיידאָן די טריטאָנען, זיי זאָלן טרומייטערן צו די ים-כוואַליעס, אָפּצוטרעטן צוריק. דער ים גייט צוריק אַריין אין זיינע ברעגעס, און די טייכן און טייכלעך — אין זייערע טייכבעטן: פון אונטער די כוואַליעס באַווייזן זיך היגלען, וועלדער, לאָנקעס, און די ערד אַנטפּלעקט זיך אין איר פריערדיקן געשטאַלט.

אַז דער מבול איז אַריבער, און דויקאַליאָן האָט דערזען די ערד אַן איינזאַמע און אַ וויסטע, האָט ער מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט צו פּירראַן: „אָ שוועסטער און ווייב, דו איינציקע פרוי אויף דער ערד, פון זונענאויפגאַנג ביזן אונטערגאַנג איז ניטאָ קיין מענטש אַחוץ אונדזביידן, אַלעמען האָבן די כוואַליעס פאַרשלונגען. אָבער מיר זיינען נאָך אויך ניט זיכער: יעדער וואָלקן שרעקט מיין זעל. אויב אַפילו די געפאַרן וועלן אונדז אויסמיידן, איז וואָס זאָלן מיר דאַן טאָן, מיר איינזאַמע, אויף דער פאַרוויסטער ערד? גוט וואָלט געווען, ווען איך וואָלט זיך אויסגעלערנט באַשאַפן מענטשן, אַריינבלאָזנדיק לעבן אין ליימענע פורעמס". דאָס האָט ער געזאָגט און ביידע האָבן אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין און האָבן באַשלאָסן בעטן דורך אַן אָראַקל הילף און ראָט ביי די אומשטערבלעכע.

זיי האָבן אויפגעזוכט דעם אָרט פון דעם דעלפישן אָראַקל, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט געהערט דער געטין טהעמיס. באַרירנדיק די טרעפּלעך פונם פאַרלאָזענעם טעמפּל, זיינען זיי געפאַלן צו דער ערד און געקושט דעם האַלב צעשטערטן מזבח: „זאָג אונדז, אָ טהעמיס, האָבן זיי צו איר תפילה געטאָן, מיט וואָס פאַר אַ קונסט קען מען פאַרגעלטן דעם אונטערגאַנג פון דעם מענטשנגעשלעכט? — „גיב דער חרובער וועלט ניי לעבן!"

די געטין האָט געגעבן אַזאַ ענטפער:

„פאַרלאָזט דעם טעמפּל, פאַרהילט אייערע קעפּ, בינדט אויף דעם גאַרטל פון אייערע קליידער, וואַרפט דאָס געביין פון דער גרויסער מוטער הינטער זיך".

לאַנג זיינען זיי געשטאַנען און געשטוינט. לסוף האָט פּירראַ געזאָגט: זי וויל ניט פאָלגן דער געטין און בעט ביי איר מיט שרעק אין האַרצן מחילה. פּירראַ קען ניט באַליידיקן דעם שאָטן פון איר מוטער, זי וויל ניט פונאַנדערוואַרפן אירע ביינער.

אַלץ מער און מער האָבן זיי געטראַכט וועגן די סודותדיקע ווערטער פון

דער געטין, און פלוצים ווערט דויקאַליאָנען קלאָר זייער זין. מיט פריינדלעכע
ווערטער באַרויִקט ער זיין ווייב: אָדער מיין שכל נאַרט מיך, אָדער די ווערטער
פון די געטער זיינען הייליק און זיי באַפעלן קיינמאָל ניט צו טאָן קיין פאַרברעכן.
די גרויסע מוטער, דאָס איז די ערד; דאָס געביין אין איר קערפּער זיינען, גלויב
איך, די שטיינער; זיי דאַרפן מיר דאָס וואַרפן אַהינטער.

אמת, זיי האָבן נאָך געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון זייער פּתרון, נאָר
פאַרוואָס זאָל מען ניט פּרוּוון? דויקאַליאָן און פּירראַ לאָזן זיך אַראָפּ אין טאָל, צע-
גאַרטלען די קליידער, פאַרהילן די קעפּ און נעמען וואַרפן די שטיינער. און לויט
דעם ווילן פון די געטער, זיינען די שטיי-ער, וואָס דויקאַליאָן האָט געוואָרפן, פאַר-
וואַנדלט געוואָרן אין מאַנסביל, און די שטיינער, וואָס פּירראַ האָט געוואָרפן—אין
פרויען. אַזוי אַרום איז די ערד ווידער באַפעלקערט געוואָרן מיט מענטשן.

אינגיכן זיינען אַנטשטאַנען אויך אַנדערע לעבעדיקע ברואים. בעת זיי הייסע
שטראַלן פון דער זון האָבן דערוואַרעמט דעם געדיכטן שלאַם, וואָס האָט זיך
אָפּגעזעצט פון די מבול-וואַסערן, האָט זיך דערדאָזיקער שלאַם צעשאָטן, איז צעפאַלן
געוואָרן, און פון אונטער אים האָט אויפגעשפּראָצט אַ נייַ לעבן. עס זיינען אַנטשטאַ-
נען די פאַרשיידנסטע באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער ערד, אין
דער לופט און אינם וואַסער.

פון אָווידיוס.

פּראָמעטעאוס.

הימל און ערד זיינען באַשאַפן געוועזן. דער ים האָט געכוואַליעט אין די ברע-
געס, פיש האָבן זיך געשפּילט אין אים; אין לופטן האָבן פויגלען געזונגען; דער
גאַנצער שטח פון דער ערד האָט געשווימלט און געגריבלט פון חיות. עס האָט נאָך
געפעלט אָבער די בריאה, וואָס זיין קערפּער איז אַזוי באַשאַפן, אַז אין אים האָט זיך
געקאָנט באַזעצן דער גייסט און באַהערשן דורך אים די וועלט.

האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד פּראָמעטעאוס, אַ צווייג פון דעם אַלטן געטער=
שטאַם, וואָס צעאוס האָט אים פון טראָן אַראָפּגעזעצט, אַ זון פון יאַפּעטאָס, אַ ברי=
אויף קלוגע איינפאַלן. ער האָט געוווּסט, אַז אין דער ערדס שויס דרימלט דער
הימל=קערנדל; האָט ער גענומען אַ שטיק ליים, האָט אים באַנעצט מיט וואַסער פון
טייך, האָט אים געקנאָטן און געמאַכט פון אים אַ קערפּער אין פורעם און געשטאַלט
פון די געטער, די האַרן פון דער וועלט. און כּדי לעבעדיק צו מאַכן אָט דעם ליי=
מענעם גולם, האָט ער געליִען ביי די נשמות פון אַלערליי חיות גוטע און שלעכטע מדות
און האָט זיי אַריינגעזעצט אין דעם מענטשנס ברוסט. צווישן די הימל=געטער האָט
ער געהאַט אַ פריינד, אַטענע, די געטין פון חכמה. האָט זי זיך געוווּנדערט אויף דעם
אויפטו פונם זון פון די טיטאַנען און האָט אַריינגעבלאָזן אין דער האַלב=לעבעדיקער
געשטאַלט דעם ג ײ ס ט, דעם געטלעכן אָטעם.

אָט אַזוי זיינען געקומען אויף דער וועלט די ערשטע מענטשן, וואָס האָבן זיך
געפּרוכפּערט און געמערט און אָנגעפּילט די ערד. אַ לאַנגע צייט אָבער האָבן זיי
נישט געוווּסט, ווי צו באַגיין זיך מיט די איידעלע גלידער און מיט דעם געטלעכן
פונק, וואָס זיי האָבן באַקומען. זיי האָבן געהאַט אויגן און נישט געזען, און מיט די
אויערן האָבן זיי נישט געהערט. ווי פאַרחלומטע זיינען זיי אַרומגעגאַנגען

אַהין און אַהער אָן זין און אָן פאַרשטאַנד. עס איז זיי געווען אומבאַקאַנט די קונסט שטיינער אויסצוגראָבן און זיי אָפּצושלייפן; פון ליים ציגל אויסצוברענען; ביימער אין וואַלד צו האַקן, פון זיי באַלקנס צו מאַכן און דערפון הייזער צו בויען. אונטער דער ערד, אין היילען, וווּ די זון קומט קיינמאָל ניט צו, זיינען זיי אַרומגעקראָכן, ווי מוראַשקעס. זיי האָבן קיין קלאָרע השגה ניט געהאַט ניט פון ווינטער, ניט פון בליענדיקן פרילינג, ניט פון דעם פרוכטבאַרן זומער, און זייערע מעשים האָבן קיין שום פּלאַן ניט געהאַט. האָט פּראָמעטעאוס זיך אָנגענומען פאַר זיינע ברואים, האָט זיי אויסגעלערנט אַכטונג צו געבן אויף דעם אויפגיין און פאַרגיין פון די שטערן, האָט זיי אויסגעלערנט די קונסט צו ציילן און די אותיות צו שרייבן, האָט זיי אויסגעלערנט חיות אין שפּאַן צו שפּאַנען און מאַכן זיי פאַר חברים צו דער אַרבעט און צוגעוווינען דעם פערד צום צוים און וואָגן, האָט אויסגעטראַכט שיף און זעגל אויפן וואַסער צו פאָרן. אויך פאַרן איבעריקן מענטשלעכן לעבן האָט ער געזאָרגט. פריער, ווען איינער איז קראַנק געוואָרן—האָט ער נישט געוווּסט קיין מיטל און שפּייז, וואָס זאָל פאַר אים פּאַסן, און קיין זאַלב, וואָס זאָל לינדערן זיינע שמערצן,— פלעגט ער אָוועקשטאַרבן עלנט און פאַרלאָזן. האָט זיי פּראָמעטעאוס געוויזן מישונגען פון פאַרשיידענע קרייטעכצער צו פאַרטרייבן פילערליי קראַנקייטן. דאַן לערנט ער זיי די קונסט פון פאָרויסזאָגן און פאָרויסטרעפן, דעם גאַנג פון כּוכבים און מזלות, פּותר זיין חלומות, שיחת עופות און קרבנות. ווייטער עפנט ער זיי די אויגן אויף די אונטערערדישע אוצרות און לאָזט זיי אַנטדעקן בליי, אייזן, זילבער און גאָלד; קורץ, ער האָט זיי געלערנט אַלע באַקוועמלעכקייטן און אומנות פון לעבן.

אויפן הימל הערשט דעמאָלט צעאוס מיט זיינע קינדער, דערזעלביקער צעאוס, וואָס האָט אַקאָרשט אַראָפּגעזעצט זיין פאָטער קראָנאָס פון טראָן און אויך באַזיגט די אַלטע געטער=פאַמיליע, וואָס פון איר שטאַמט פּראָמעטעאוס.

האָבן די נייע געטער דערוווּסט זיך פון דעם ניט לאַנג אויפגעקומענעם מענטשנפאָלק. האָבן זיי פאַרלאַנגט פון די מענטשן פאַרערונג פאַר דעם שוץ, וואָס זיי זיינען גרייט געווען זיי צו געבן. האָבן זיך אין מעקאָנע (סיקיאָן), וואָס אין גריכנלאַנד, צונויפגעקליבן שטערבלעכע און אומשטערבלעכע, און עס זיינען פאַר די מענטשן באַשטימט געוואָרן רעכט און התחייבותן. אויף אָט דער פאַרזאַמלונג איז געקומען פּראָמעטעאוס, אַ מליץ=יושר צו זיין פאַר זיינע מענטשן און צו זען, אַז די געטער, וואָס האָבן גענומען אויף זיך דעם שוץ פון די שטערבלעכע, זאָלן אויף זיי נישט אַרויפלייגן קיין צו שווערע לאַסט און התחייבותן. און אָט די קלוגהייט פאַרפירט דעם טיטאַנען-זון אָפּצונאַרן די געטער. ער האָט מקריב געווען אינם נאָמען פון די מענטשן אַ גרויסן אָקס און פאָרגעלייגט די געטער, זיי זאָלן זיך אויסקלייבן דערפון, וואָס זיי געפעלט צום בעסטן. ער האָט אָבער פונם קרבן געמאַכט צוויי חלקים: אויף איין זייט האָט ער געלייגט די פלייש, די איינגעווייט מיט אַ פולע שמאַלץ און האָט עס מיט דער אָקסן=פעל אַריבערגעדעקט און... אויבן דעם מאָגן געלייגט; און אויף דער צווייטער זייט—די הוילע ביינער קונציק איינגעוויקלט אינם חלב פון דעם קרבן, און אָט דער חלק איז געווען דער גרעסערער.

צעאוס, דער פאָטער פון די געטער, וואָס פון אים איז קיין זאַך נישט פאַרבאָרגן, באַמערקט דעם שפּיצל אוו זאָגט:

„ זון פון יאַפעטאָס, ליכטיקער קיניג, גוטער פריינד, ווי ניט גלייך האָסטו ביידע חלקים געמאַכט!"

פראָמעטעאוס איז איצט נאָך זיכערער געוועזן, אַז ער האָט אים אָפּגענאַרט, שמייכלט ער אונטער און זאָגט:

„ליכטיקער צעאוס, דער גרעסטער פון אַלע אייביקע געטער, קלייב דיר אויס דעם טייל, וואָס דיין האַרץ און ברוסט ראָט דיר צו קלייבן".

צעאוסן האָט פארקאָכט דאָס האַרץ, נאָר ער האָט דאָך זיך געכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר דעם ווייסן חלב. ווען ער האָט עס אָבער פונאַנדערגענומען און דערזען די הוילע ביינער—מאַכט ער דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט ערשט איצט אַנטפּלעקט די פאַלשקייט און זאָגט מיט כעס:

„איך זע, פריינד יאַפעטאָנידעס, אַז דו האָסט די קונסט פון אָפּנאַרן נאָך נישט פאַרגעסן".

האָט צעאוס באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אָן פראָמעטעאוסן פאַר זיין פאַלשקייט און האָט די שטערבלעכע ניט געגעבן די לעצטע מתּנה, דעם פ י י ע ר, וואָס איז זיי נייטיק געווען. דער פאַרשטענדיקער זון פון יאַפעטאָס האָט אָבער אויך דערצו געהאַט אַן עצה. ער נעמט דעם לאַנגן שטענגל פונם מאַרכיקן, ריזיק-אויסגעוואַקסענעם קראָפּ, דערנענטערט זיך דערמיט צום פאַרבייפאָרנדיקן זונענוואָגן און שטעקט אַריין דעם שטענגל אין דעם כוואַליענדיקן בראַנד. מיט אָט דעם אָנגעצונדענעם שטענגל נידערט ער אַראָפּ אויף דער ערד, און באַלד האָט אויפגעפלאַקערט דער ערשטער ביינטל האָלץ צום הימל.

טיף אין האַרצן האָט עס צעאוסן, דעם דונערשליידערער, פאַרדראָסן, ווען ער האָט דערזען דעם גלאַנץ פון דעם פייער, וואָס האָט זיך דאָרט אונטן ביי די מענטשן אָנגעצונדן. האָט ער אויף זיי באַלד געבראַכט אַ נייע צרה, אַ שטראָף פאַר דעם פייער, וואָס ער האָט שוין נישט געקענט ביי זיי מער אוועקרויבן.

ער האָט באַפוילן העפעסטאָסן, דעם באַרימטן פייערגאָט, ער זאָל אים שאַפן אַ פאַרבלענדעניש-געשטאַלט פון אַ שיינער יונגפרוי. אַטענע אליין, וואָס איז געווען אייפערזיכטיק אויף פראָמעטעאוסן, און געוואָרפן אויף אים אַן אומחן, האָט אַרויפגעוואָרפן אויף דער געשטאַלט אַ ווייסן שעמערירנדיקן געוואַנט, האָט איר געמאַכט אַ שלייער איבערן פּנים פלאַטערן, וועלכן די יונגפרוי האָט מיט די הענט אויף צווייען צעטיילט; האָט איר אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ אַ קראַנץ פרישע בלומען, אַרומגעבונדן עס מיט אַ גאָלדענער סטענגע, וועלכע העפעסטאָס האָט זיין פאָטער צוליב קונציק אויסגעאַרבעט און פיין אויסגעפּוצט מיט פילפאַרביקע געשטאַלטן פון כלערליי חיות. הערמעס, דער שליח פון די געטער, האָט דער שיינער געשטאַלט די שפּראַך געשאָנקען, אַפראָדיטע—דעם זיבעטן חן. אזוי האָט צעאוס אין אַ שיינער געשטאַלט אַ פאַרבלענדעניש געשאַפן און האָט איר געגעבן אַ נאָמען פּאַנדאָראַ, דאָס הייסט—די פון אַלעמען באַשענקטע, ווייל יעדערער פון די אומשטערבלעכע האָט דער פרוי געגעבן אַ געשאַנק, וואָס האָט באַדאַרפט ברענגען אומגליק די מענטשן. דאַן האָט ער זי געלאָזט אַראָפּנידערן אויף דער ערד, ווו שטערבלעכע און אומשטערבלעכע האָבן לוסטיק די צייט פאַרבראַכט. אַלע האָבן נישט געקאָנט זיך אָפּקוקן פון דער געשטאַלט, וואָס האָט קיין גלייכן ניט.

זי אָבער איז צוגעגאַנגען צו עפּימעטעאוסן, דעם אומשולדיקן ברודער פון פראָמעטעאוסן, אים איבערצוגעבן די מתּנה פון צעאוסן.

אומזיסט האָט אים פּראָמעטעאוס, זיין ברודער, מתרה געווען, ער זאָל בשום אופן ניט נעמען קיין מתנות פון דעם אָלימפּישן צעאוס, ער זאָל דערמיט אויף די מענטשן קיין נייע צרה נישט ברענגען.

עפּימעטעאוס האָט די רייד פון זיין ברודער פאַרגעסן, ער האָט אויפגענו־מען מיט פרייד די שיינע יונגפרוי און האָט דעם אומגליק דערפילט ערשט, ווען דאָס האָט אים שוין געטראָפן.

ביז אַהער האָבן די מענטשן־שבטים, געשיצט פון זיין ברודער, געלעבט פריי פון שלעכטס, אָן שווערער אַרבעט, אָן ווייטאָקדיקע מחלות. די ווייב אָבער האָט געבראַכט אין דער האַנט איר מתנה — אַ גרויסע כּלי, פאַרדעקט מיט אַ דעקל. ווי נאָר זי איז אָנגעקומען צו עפּימעטעאוסן — גיט זי אַ הייב אויף דאָס דעקל, און פון דער כּלי פליט גלייך אַרויס אַ מחנה פון אומגליקן, וואָס האָבן זיך מיט דער גיכקייט פון אַ בליץ פאַרשפּרייט איבער דער ערד. איין־איינציק גוטס — די האָפענונג — איז אונטן אין דער כּלי פאַרבאָרגן געווען, אָבער פּאַנדאָרע האָט לויט דער עצה פון געטער־פאָטער אַרויפגעוואָרפן געשווינד דאָס דעקל צוריק, נאָך איידער דאָס גוטס האָט צייט געהאַט אַרויסצופליען. און עס איז אויף אייביק פאַרשלאָסן געבליבן אין דער כּלי.

דאָס עלנט האָט אין אַלע זיינע געשטאַלטן אָנגעפילט די ערד, די לופט און דעם ים. די מחלות האָבן טאָג און נאַכט אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די מענטשן שטיל אין שוויי־גנדיק, דען צעאוס האָט זיי קיין שטים נישט געגעבן. אַ מחנה פון קדחתן האָט גע־האַלטן די ערד באַלאַגערט, און דער טויט, וואָס פלעגט זיך פריער פאַמעלעך אונטערגנבענען צו די מענטשן, האָט געמאַכט גיכער זיינע טריט.

דאַן האָט צעאוס זיך נוקם געווען אויף אָן פּראָמעטעאוסן. ער האָט איבערגעגעבן דעם פאַרברעכער אין די הענט פון העפעסטאָס און זיינע משרתים, דער קראַטאָס און דער ביאַ (צוואַנג און געוואַלד). זיי האָבן אים אַוועקגעשלעפּט אין די סקיטישע מדבריות און דאָ האָבן זיי אים איבער אַ שרעקלעכן תּהום צו אַ פעלז־וואַנט פון באַרג קאַוקאַזוס מיט קייטן צוגעשמידט. העפעסטאָס האָט אָן חשק דערפילט זיין פאָטערס ווונטש, וואָרום ער האָט געליבט דעם זון פון די טיטאַנען, דעם קרוב זיינעם, וואָס קומט אַרויס פון זיין עלטער־זיידן אוראַנוס, דעם געטער־זון, וואָס איז מיט אים פון איין יחוס. מיט ווערטער פול רחמנות, האָט ער געלאָזט אויספירן די דאָזיקע שרעקלעכע שטראָף. אַזוי האָט פּראָמעטעאוס געמוזט הענגען אויף דעם אומע־טיקן פעלז, אָן שלאָף, נישט קענענדיק אייַנבויגן די מידע קני. „דו וועסט פיל אומזיסטע זיפצן און וויגעשרייען פאַרלירן, האָט אים געזאָגט העפעסטאָס, דען צעאוס איז אַ קשה־עורף, און אַלע די, וואָס האָבן אָקאָרשט די ממשלה*) באַקומען, זיינען אכזרים”.

די ליידן פונם געהאַנגענעם האָבן געזאָלט געדויערן אייביק, אָדער ווייניקסטנס דרייסיק טויזנט יאָר, דאָך איז ער ביי זיך שטאָלץ געבליבן, כאָטש ער פלעגט גאַנץ הויך זיפצן און רופן פאַר עדות פון זיין פּיין די ווינטן, די שטראָמען, די קוואַלן, די ים־אינדן, די מוטער ערד און די אַלזעענדיקע זון.

---

*) לויט דער לעגענדע האָט צעאוס אַראָפּגעזעצט פון טראָן קראָנאָסן (סאַטורן) זיין פאָטער און מיט אים די אַלטע געטער־דינאַסטיע און מיט געוואַלד פאַרכאַפּט דעם אָלימפּ. יאַפּעטאָס און קראָנאָס זיינען געווען ברידער. פּראָמעטעאוס און צעאוס שוועסטערקינדער.

„ווער עס האָט די אומפאַרמיידלעכע קראַפט פון מזל פאַרשטאַנען, האָט ער געזאָגט, מוז רויִק טראָגן, וואָס אים איז באַשערט״.

צעאוס האָט וואָרט געהאַלטן. ער האָט צום געבונדענעם אַן אָדלער געשיקט, וואָס האָט אים טאָג-טעגלעך די לעבער געגעסן, און ווען זי פלעגט אויפגעצערט ווערן, פלעגט זי ווידער אויסוואַקסן.

די ליידן פון פראָמעטעאוסן האָבן ערשט דאַן געקאָנט אויפהערן, ווען עס וואָלט געקומען אַ ממלא מקומו, וואָס זאָל מיטן גוטן ווילן נעמען אויף זיך דעם טויט.

סוף כל סוף איז פאַר דעם אומגליקלעכן אָנגעקומען דער טאָג פון זיין אויסלייזונג נאָכדעם ווי ער איז הונדערטער יאָרן לאַנג אויף דעם פעלז געהאַנגען, איבערטראָגנדיק אַזוינע שרעקלעכע יסורים, איז אָנגעקומען העראַקלעס, פאָרנדיק צו די העספערידן. ווי נאָר ער האָט דערזען דעם אייניקל פון די געטער הענגען אויף דעם קאַוקאַזוס — האָט ער רחמנות געקראָגן אויף אים, דען ער האָט דערזען, ווי דער אָדלער, זיצנדיק אויף די קני פון פראָמעטעאוסן, פיקט די לעבער פונם אומגליקלעכן. האָט ער זיין האָלצהאַמער און לייבנפעל אַוועקגעלייגט הינטער זיך, אָנגעצויגן דעם בויגן און אַוועקגעשאָסן דעם בייזן פויגל פונם לעבער פונם געפייניקטן. דאַן האָט ער אים באַפרייט פון די קייטן און גענומען מיט זיך. כדי צו דערפילן דעם תנאי פונם קעניג איבער די געטער, האָט ער אים פאַר אַ ממלא מקומו צוגעשטעלט דעם קענטאַוור כיראָן, וועלכער איז פריער געווען אומשטערבלעך און איז איצט גרייט געווען צו שטאַרבן. כדי אָבער עס זאָל מקוים ווערן צעאוסעס משפט, וואָס לויט אים האָט פראָמעטעאוס געדאַרפט אַ סך אַ לענגערע צייט אויפן פעלז הענגען — האָט ער געמוזט אויף זיך תמיד טראָגן אַן אייזערנעם רינג, וואָס אויף אים האָט זיך געפונען אַ שטיינדל פון יענעם קאַוקאַזוס-פעלז. אַזוי האָט זיך צעאוס געקענט באַרימען, אַז זיין פיינד איז נאָך אַלץ געשמידט צום פעלז קאַאוקאַזוס.

פון גוסטאוו שוואבע, יידיש—ד. טשארני.

מ שָׁ ל י ם.

ר׳ עקיבא.

איינמאָל איז אַרויס אַ גזירה פון רוים, אַז יידן זאָלן זיך נישט דערוועגן צו לערנען תּורה, און ווער עס וועט נישט פאָלגן, וועט באַשטראָפט ווערן מיטן טויט. טרעפט איינמאָל פּפּוס בן יהודה, ווי ר׳ עקיבא פאַרזאַמלט יידן און לערנט מיט זיי תּורה, אָפן פאַר אַלעמען. ווערט ער דערשטוינט און פרעגט אים:

— עקיבא, וואָס הייסט עס, שרעקט דיר גאָר נישט אָפּ די גזירה? — עה, דו פּפּוס — זאָגט אים ר׳ עקיבא — מ׳זאָגט אויף דיר, אַז דו ביסט אַ קלוגער, צום סוף ביסטו גאָר אַ נאַר. איך וועל דיר זאָגן אויף דעם אַ משל: עס קומט אויס ווי יענער פוקס, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט ביים ברעג טייך, זעט ער ווי די פיש אין וואַסער לויפן אַרום אומרויִקע הין-און-הער. פרעגט ער זיי: — פאַר וועמען אַנטלויפט איר עס אַזוי? ענטפערן זיי: — מיר אַנטלויפן פאַר די אַלערליי נעצן, וואָס מע פאַרוואַרפט אין וואַסער אונדז צו כאַפּן. — ווייסט איר וואָס — זאָגט זיי דער פוקס — פאָלגט מיך, גייט אַרויס צו מיר אויף דער יבשה און מיר וועלן זיך וווינען פריינדלעך צוזאַמען ווי מיינע מיט אייערע עלטערן האָבן אַמאָל געוווינט. ענטפערן אים די פיש: „עה, דו פוקס! מע זאָגט אויף דיר, דו ביסט דער קליגסטער פון די חיות, צום סוף ביסטו גאָר אַ נאַר: באַרעכן זיך אַליין, אויב דאָ אין וואַסער אינם אָרט פון אונדזער לעבן, זיינען מיר אין אַזאַ שרעק, ווי זשע וועט שוין זיין, אַז מיר וועלן אַרויסגיין אויף דער טריקעניש, אינם אָרט פון אונדזער טויט!“ דאָסזעלבע זאָג איך דיר אויך: אויב איצט, ווען מיר הערן זיך נאָך נישט אויף אָפּצוגעבן מיט אונדזער תּורה, וואָס זי איז אונדזער לעבן און אין איר איז אונדזער אייביקייט, — זיינען מיר אין אַזאַ שרעק, היינט ווי וועט שוין זיין, אַז מיר וועלן זיך פון דער תּורה אינגאַנצן אָפּרייסן?

פון תּלמוד.

יידיש — ח. נ. ביאַליק און י. ראַווניצקי.

חנינא בן דוסא און די שלאַנג.

ערגעץ אין אַן אָרט האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ שלאַנג, פלעגט זי מזיק זיין מענטשן. קומט מען און מע דערציילט דערפון חנינא בן דוסאן. הייסט ער זיך ווייזן די לאָך פון דער שלאַנג. פירט מען אים אַהין אַוועק. טרעט ער אָן אויף דער לאָך. באַווייזט זיך די שלאַנג, גיט אים אַ ביס — און בלייבט טויט אויפן אָרט. פאַרוואַרפט ער זי אויפן אַקסל און טראָגט זי אַוועק צום בית-המדרש און זאָגט צו זיינע תּלמידים:

— זעט איר, קינדער, נישט די שלאַנג טויט, נאָר די זינד.

פון דעמאָלט אָן איז אַרויס דאָס שפּריכוואָרט: „ווייי איז דעם, וואָס שלאָגט זיך אָן אין אַ שלאַנג; און ווייי איז דער שלאַנג, וואָס שלאָגט זיך אָן אין חנינא בן דוסאָ“.

פון תּלמוד.

יידיש — ח. נ. ביאַליק און י. ראַווניצקי.

פראַמעטעאוס און די מענטשן.

לויט דעם ווילן פון צעאוסן האָט פראַמעטעאוס באַשאַפן די מענטשן און די חיות. האָט צעאוס דערזען, אַז חיות זיינען פאַראַן אַ סך מער. האָט ער געזאָגט צו פראַמעטעאוסן: „פאַרוואַנדל אייניקע חיות אין מענטשן". דער באַפעל איז תיכף אויסגעפירט געוואָרן.

און דערפאַר האָבן אייניקע פון די פאַרוואַנדלטע אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן און אַ נשמה פון אַ חיה.

פון עזאָפ.

האָפענונג.

צעאוס האָט צונויפגעזאַמלט אין אַ קרוג אַלע חסדים, צוגעדעקט זיי מיט אַ דעקל און אַוועקגעשטעלט פאַר דעם מענטשן. דער מענטש האָט זייער געוואָלט זיך דער־וויסן וואָס עס געפינט זיך אין קרוג, און ער האָט אַראָפּגענומען דאָס דעקל. די חסדים האָבן זיך דאַן אויפגעהויבן און זיינען אַוועקגעפלויגן הויך, הויך איבער דער ערד.

פאַרבליבן איז נאָר די האָפענונג, וועלכע דער מענטש האָט אויף גיך צוריק פאַר־דעקט מיטן דעקל.

פון עזאָפ.

דער פויער און הערקל.

אַ פויער איז אַמאָל געפאָרן אין אַ וואָגן. איז דער וואָגן פאַרפאָרן אין אַ זומפּ. דער פויער האָט גענומען רופן צו הילף הערקלען, פון וועלכן ער האָט זייער געהאַלטן. הערקל האָט זיך געוויזן פאַר אים און אַזוי געזאָגט: „פוילער יונג, וואָס שרייסטו? פריער גיב אַ הייב די רעדער, אַ שמיץ דעם פערד, און דאַן רוף די געטער, אַנדערש וועלן זיי זיך צו דיין רוף ניט צוהערן".

פון עזאָפ.

דער פוקס און די מאַלפּע.

אַ פוקס מיט אַ מאַלפּע זיינען געגאַנגען צוזאַמען און האָבן זיך גענומען אַמפּערן, ווער פון זיי שטאַמט פון אַ גרעסערן יחוס. אין וועג איז זיי אויסגעקומען צו גיין פאַרביי אַ בית־עלמין.

די מאַלפּע האָט אַ קוק געטאָן אויפן הייליקן אָרט און זיך ביטער פונאַנדער־געוויינט.

— וואָס וויינסטו? — פרעגט דער פוקס.

— ווי ווי, — האָט די מאַלפּע געזאָגט — דאָ זיינען דאָך אַלץ באַגראָבן די קנעכט פון מיינע עלטערן.

— מיין פריינד — האָט באַמערקט אויף דעם דער פוקס — קענסט זאָגן, וואָס דו ווילסט, קיינער פון זיי וועט ניט אויפשטיין דיר זאָגן, אַז דו ליגסט.

פון עזאָפ.

דער גוטער פוקס.

אַ פייגעלע דערשאָסן האָט אַ יעגער... (ער האָט דעם ביקס — מסתמא מעג ער). דאָס וואָלט נאָך אפשר זיין אַ האַלבע צרה, נאָר ס'איז אַ סבָרָא, אַז ס'זיינען דריי יתומימלעך געבליבן ... די קינדער קוויטשען און ליאַרמען, אַז ס'זאָל זיך גאָט דערבאַרמען ... דערווייל האָט געטראָפן, אַז ס'איז אַ פוקס פאַרביי־געלאָפן; דער־הערט, עס קוויטשען פויגלעך, פאַררייסט ער די פאַרברענטע אייגלעך, ווערט גלייך נתפָעל און שרייט מיט קולות: „שמע ישראל"!... איך קען — זאָגט ער — ניט זען דעם צער פון די יתומים... איך ווער נִשתּוֹמֵם: אַ גרויסע וועלט — און העלפן וויל ניט קיינער... ניט הערצער — עפּעס האַרטע שטיינער!... דו, קוקוק, פליסט אַרום אָן אַרבעט אומעטום — פון חַסִיֵהן צו בַתִיֵהן... ווי קענסטו צוזען דאָס און שווייגן און פאַר די עופהלעך ניט דאַגהן? עס וועלן דיינע פעדערלעך אינגיכן שוין סיי־ווי־סיי אויס־קריכן: איז גלייכער — ס'וועט דיר זאָגן יעדער — אַז דו זאָלסט לאָזן אויספליקן פון זיך אַ פעדער — וועט בלייבן כאָטש פון דיר אַ זֵכֶר: ס'וועט זיין די עופהלעך צו שלאָפן ווייכער... דו, ליבער שוואַלב, פליסט אויך סתם הענדום־פענדום אין דער הויך — זע אַדרבא זיך אַיינקויפן אין עולם־הבא. קלייב קערנדלעך צוזאַמען און זאָלן זען אין דיר די עופהלעך אַ מאַמען... דו, סאָלאָווייטשיק, זינגסט דאָך הַפלֵא — פיין, דעריבער וואָלט אַ יושר זיין, דו זאָלסט די עופהלעך פאַרוויגן אַלע נאַכט... זעט, פייגעלעך, ניט טראַכט, טוט אַייער מצוה גיכער, און איך בין זיכער, אַז די"... נאָר פלוצלונג טרעפט זיך אַ „ויהי": די נעסט מיט די יתומים טוט אַ פלי אויף דר'ערד, און אונדזער בעל־רחמנות ווערט אויס מגיד... שאַרפט די ציינדלעך און פרעסט אויף די יתומים מיט די ביינדלעך. —

היוצא מדברינו? צדיקים פונקט אַזוינע האָב איך געזען אַ פולע אומעטום... זיי שרייען, אַז מע דאַרף זיין גוט און פרום און זיי אַליין, באַדאַרפט איר וויסן, פאַרדייען נאָר דעם פעטסטן ביסן.

פון דער זאמלונג „דעם זיידנס משלים"
יידיש — מ. ריוועסמאַן.

חנפענען און גנבענען.

רב מרדכילע (ח. טשעמערינסקי)

אַ הונגעריקער רעבל דערטאַפּט אַמאָל אין שנעבל אַ כשרע מציאה, אַן אַנטיק— קעז אַ שטיק. פעט און ווייך, ווערעמדיקלעך אויך, און אַ רֵיַח אויף אַ מייל. מיינער גלויבט זיך קוים—אַזאַ הַצלחה! כאַפּט אַרויף זיך אין דער אַייל אויף אַ הויכן בוים, פאַרטראַכט זיך נאָר אַ ווייל און וויל שוין מאַכן ברכה.— מַעֲשֶׂה שָׂטָן לויפט דאָרט דורך אַ פוקס; ווערט אַ בַעַלן אויף דעם פעטן ביסן און טאַקע באַלד געפאַלן אויף אַ המצָאֶהלע אַ קלוגס: ער שטעלט זיך אָפּ, מאַכט אַ קניקס און הייבט אַזוי אָן זיס צו שמיסן: „אוי, נשמה טרייע, ביסטו שיין, מחיה, אַ זעלטנ־הייט צווישן אַלע פייגלעך, קיין עין־הרע, ליבע קראָע, האָסטו אַ פאָר פליגלען בלויע, דערצו נאָך אַפּאָר אייגלעך — אַ הימל מיט צוויי שטערן! היינט אַ העלדזעלע, אַ גיידער, יעדער אֵבר, יעדער פעדער, איטלעכס פיצעלע כסדר—

קיין בייז אויג זאָל דיר ניט שטערן — אָפּגעטאָקט ווי אַ ליאַלקע. טאַקע ווי דאָס ווערטל זאָגט: „שוואַרץ ווי אַ האַלקע און חנעוודיק ווי אַ בת־מלכּה!“ איך מעג הייליק שווערן, געוויס איז אויך דיין קעלע, דיין שטימע — גאָר אַ פֶּלֶא, אַ הילכיקע, אַ העלע, לויטער זילבער־קלאַנג! לאָז זיך נאָר ניט בעטן לאַנג, לאָז מיך הערן דיין געזאַנג! און ביסטו ביי דיין הדרת־פּנים אויך אַ שטיק יודע־נַגן — ווי איך האָף מיט אַלע תּגין — כּפּרה אַלע קאָר־חזנים! איך שווער ביי מיינער זעלע, אַזאַ מין טייער כּלי ווערט אויסגעקליבן באַלד אָן איבעריקע פראַגן פאַר אויבער־חזן דאָ אין וואַלד!“

מיינער שמעלצט זיך דאָרטן אַלץ, דער נאַר טוט אים אַ שפּאַר אַזש ביז צום האַלדז, ער גיט אַ קראַקע מיטאַמאָל אויף אַ ווילדן מיתה־משונה־קול, עפּעטעדיק אַ געמבע, אַ ברייטע ווי אַ רעכטער חזן אַ שוטה און בלייבט טויט ווי אַלע טויטע: דער קעז אַרויס פון מויל! ס׳פּיקסל איז ניט פויל — כאַפּ, לאַפּ און פּליטה.

איר פרעגלט זיך, רב קרוב, און שמייכלט זיך בנעימות, אַז יענער מאַכט פון אייך אַ צימעס — איך בין אַייך עָרב, אַז זיין גאַנצער צוועק, איז כאַפּן דאָ אַ לעק.

רב מרדכילע (חיים טשעמערינסקי).

משיחס צייטן.

אויף אַ בוים אַ הויכן שטייט אַ גאַלאַגאַנער האָן און קרייט, גאָרגלט, דרייט, ווי אַ חתן־בחורל אַן אָפּגעאַכטער, ציט אויף זיבן קלאַפּטער אַ שַלשֶלֶת אין אַ מַפטיר. אונטן לויפט אַ פוקס פאַרשמאַכט און טראַכט: „אוי, כּפּרה, שיינע, ריינע! ווי מעסט מען דיר אָן אַ מיצל, זאָלסט פון מיר ניט ווערן נצול? כלעבן, עס איז דאָ אַ שפּיצל: דעם יצר־הרע טאָן אַ קיצל!“ שטעלט זיך אָפּ, שניידט אויס אַ צורה מיט משוגענע העוויות און טוט אַ זאָג: „געזען אַזאַ פגירה? שטייט און זאָגט זיין פּרק שירה און ווייס ניט פון זיין חיות! מזל טוב דיר מיט אַ נייעס! הער נאָר, שוטה, און צעקיי עס: ס׳איז געקומען שוין משיח און איך בין זיינער אַ שליח, לויף אָנזאָגן די גוטע בשורה: שלום אַלע עופות, חיות, אויס מיט בלוט פאַרגיסן! מעגסט אומיסטן טאָן אַ בליק, וואָס טוט זיך אויף דער פאַפירענער בריק. דוד המלכס פידל סמיק שפּילט אַ פריילעכס, און חברה הוליאַקעס טאַנצן עס קאָזאַקעס: אַ לעמפּערטשע מיט אַ ביק, אַ לייב, אַ מלכות, מיט אַ ציג — ניטאָ אַמאָלעדיקע יאָרן, אויס נעגל, אויס ציין! קום, איך וועל דיר דאָרט צונויפפאָרן מיט דער אָדלערקע אַליין... וואָס קוקסטו דאָ אויף מיר מיט צאָרן? טראַכסט מכּח מעגן, טאָרן? — צי מיך נאָר ניט פאַרן צונג: איך קען דיר פאַר אַ פיינעם יונג — גיכער, גיב אַ שפּרונג!... וואָס זאָגט איר צו דעם גולם? דאָרט וואַרט אויף אים דער גאַנצער עולם — און ער שטייט און קראַצט דעם קאַם!“

מיינער מאַכט זיך כּלומרשט תּם און גיט אַ זאָג גראַם שטראַם: „זע נאָר העט ווייט דאָרט, ווי עס לויפט אַ דאַרער כאָרט, הינטער אים געשווינט אַ גאַנצע טיטשקע הינט, אַוודאַי צוויי מנינים, אויך אַ יעגער מיט אַ ביקס — הער זשע, ליבער פוקס, מיינס אַן עצהלע אַ קלוגס: זיי לויפן דאָך אַפּנים אויך מכּח די ענינים — זיי זשע אַזוי גוט און וואַרט אויף אַ פּאָר מינוט, ביז זיי קומען אָן די מחותּנים — גייען מיר צוזאַמען אויף קבלת פּנים“. יענעם דאָרט געפעלט ניט שטאַרק די עצה — איז אַ כאַפּ די פיסלעך אויף, פלייצע און הָלך הענדום פענדום.

רב מרדכילע (חיים טשעמערינסקי).

שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן.

פון „משלי".

באַרימען זיך — ווי וואָלקנס אין אַ שטורעם אָן אַ רעגן, אַזוי איז אַ מענטש, וואָס גרויסט זיך מיט אַ פאַלשער מתּנה.

בשורה — אַזוי ווי קאַלט וואַסער פאַר אַ מידן נפש, אַזוי איז אַ גוטע בשורה פון אַ ווייטן לאַנד.

גערולדיקער — 1. אַ מענטש, וואָס קען ניט איינהאַלטן זיין אייגן געמיט איז ווי אַ דורכגעבראָכענע שטאָט אָן אַ מויער.

2. דער געדולדיקער האָט פיל פאַרשטאַנד און דער אומגעדולדיקער אַנטפּלעקט זיין נאַרישקייט.

האָפענונג. — אַ האָפענונג, וואָס ציט זיך (לאַנג), איז אַ ווייטאָק אין האַרצן; אַ באַפרידיקט באַגער איז אַ בוים פון לעבן.

וואָרט — אַזוי ווי גאָלדענע עפּל אין זילבערנע שאָלן, אַזוי איז אויך אַ וואָרט גערעדט אויף אַ גוטן אופן.

וויסנשאַפט — פאַראַן גאָלד און פיל פּערל, אָבער די טייערסטע כּלי זיינען די לעפצן פון וויסנשאַפט.

זאַטער — אַ זאַטער טרעט אפילו האָניק, אָבער פאַר אַ הונגעריקן נפש איז דאָס ביטערע אויך זיס.

ליבשאַפט — בעסער צו האָבן אַ מאָלצייט פון גראָז און — ליבשאַפט דערביי, איידער אַ געשטאָפּטן אָקס און — האַס דערביי.

נאַר — 1. ווען אַ נאַר שווייגט, ווערט ער אויך גערעכנט פאַר אַ קלוגן.

2. ווען דו זאָלסט דעם נאַר צעשטויסן אין אַ שטויסל צווישן קערנדלעך ווייץ, וועט זיך דאָך זיין נאַרישקייט פון אים ניט אָפּטאָן.

3. ענטפער ניט קיין נאַרן אויף זיין נאַרישקייט, כּדי דו זאָלסט ניט געגליכן ווערן צו אים.

עצה — אַ גוטע עצה אין דעם מענטשנס האַרץ איז ווי אַ טיף וואַסער, און אַ פאַרשטענדיקער מאַן שעפּט עס אויס.

פוילער — 1. שטעקט אַריין דער פוילער זיין האַנט אין קעסל, פוילט ער זיך אפילו זי צוצוטראָגן צום מויל.

2. דער פוילער זאָגט: אַ לייב איז אין דרויסן, אין מיטן גאַס וועל איך דערהרגעט ווערן.

3. ווי עסיק פאַר די ציין, ווי רויך פאַר די אויגן, אַזוי איז דער פוילער פאַר די, וואָס שאַפן זיך מיט אים.

4. פאַרביי דעם פעלד פון אַ פוילן בין איך געגאַנגען און פאַרביי אַ ווייןגאָרטן פון אַ ניט־פאַרשטאַנדיקן; אַלץ איז דאָרט פאַרוואַקסן מיט ווילד־גראָז; מיט דערנער איז באַדעקט דער גאַנצער פלאַך, (פון פעלד), און דער שטיינערנער פאַרקאַן אַרום איז איינגעפאַלן. און איך האָב זיך צוגעקוקט, באַטראַכט זיך און האָב אַרויסגענומען פאָלגנדיקן מוסר־השׂכל: אַ ביסעלע שלאָפן, אַ בי־

סעלע דרעמלען, אַ ביסעלע ליגן צונויפגעלייגט די הענט—און דער דלות וועט קומען (מיטאַמאָל), ווי אַ רייזנדער, און די נויט — ווי אַ באַוואָפנטער מאַן.
פריילעך—אַ פריילעך הארץ מאַכט אַ שיין פּנים.
צדקה—טאָן צדקה און גערעכטיקייט איז ליבער פאַר גאָט ווי אַ קרבן.
צונג—1. דער וואָס היט זיין מויל און זיין צונג, דער פאַרהיט זיין נפש פון צרות.
2. דער טויט און דאָס לעבן איז אין דער מאַכט פון דער צונג.
קללה—ווי אַ פויגל, וואָס וואָגלט, ווי אַ שוואַלב, וואָס פליט אַרום, אַזוי אויך אַן אומזיסטע קללה קומט ניט אָן.
קלוג—פיר זיינען קליין אויף דער ערד, אָבער זיי זיינען קליגער פון קלוגע: די מוראַשקעס זיינען שוואַך, דאָך גרייטן זיי צו זומערצייט זייער שפּייז. די קיניגלעך זיינען אויך ניט קיין שטאַרק פאָלק, דאָך מאַכן זיי אין אַ פעלזנשטיין זייער הויז; די היישעריקן האָבן קיין קיניג ניט, דאָך ציען זיי אַלע אין געשלאָסענע מחנות; די שפּין פאַנגסטו מיט די הענט, און דאָך וווינט זי אין די פּאַלאַצן פונם קיניג.
שנאה—שנאה דערוועקט קריג און ליבע פאַרדעקט אַלע זינד.
שפּאָטן—דער וואָס שפּאָט פון אַן אָרעמאַן, לעסטערט זיין באַשעפער, און ווער עס פרייט זיך פון אַ (פרעמדן) אומגליק, וועט ניט בלייבן אומבאַשטראָפט.

פון „קהלת".

אָרעם-רייך. זיס איז דער שלאָף פון דעם אַרבעטער, צי ער האָט ווייניק צי פיל געגעסן: און דעם רייכנס זעטיקייט לאָזט אים ניט שלאָפן.
באַריידן—שענק ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו אַלע רייד, וואָס מע רעדט; זאָלסט ניט אונטערהאָרכן ווי דיין באַדינער שילט דיך. דען פיל מאָל — דיין האַרץ ווייס עס דאָך—האָסטו אויך געשאָלטן אַנדערע.
געלאַסנקייט—די געלאַסענע ווערטער פון די קלוגע ווערן בעסער צוגעהערט ווי דאָס אָנשרייען פון דעם הערשער אויף נאַרן.
ווינט—דער וואָס פּאַסט (נאָכאַנאַנד) אויף אויף דעם ווינט, וועט (קיינמאָל) ניט זייען, און דער וואָס קוקט (נאָכאַנאַנד) אויף די וואָלקן—וועט (קיינמאָל) ניט שניידן.
חכמה—די חכמה גיט דעם חכם מער שטאַרקייט ווי צען מעכטיקע הערשער, וועלכע זיינען פאַראַן אין דער שטאָט.
לעבן—דער וואָס איז נאָך באַהעפט צו אַלע לעבעדיקע, פאַר אים איז נאָך דאָ האָפענונג; יאָ, דעם לעבעדיקן הונט איז בעסער ווי דעם לייב וואָס איז טויט.
נאָמען—אַ גוטער נאָמען איז בעסער ווי טייערער אייל, און דער טאָג פון טויט—ווי דער טאָג פון געבאָרן ווערן.
פוילקייט—פון פוילקייט ווערט דער באַלקן צעפוילט; און פון אָפּגעלאָזענע הענט—רינט דאָס הויז.
צופאַל—איך האָב ווידער געזען אונטער דער זון, אַז ניט די פלינקע געווינען דעם לויף, און ניט די העלדן—די שלאַכט; און ניט די קלוגע האָבן ברויט, און ניט די פאַרנינפטיקע—רייכטום, און ניט די פאַרשטענדיקע געפינען לייטזעליקייט; דען צייט און צופאַל דערגרייכן זיי אַלעמען.

פון „בן־סירא".

אויסזען — לויב ניט א מענטשן צוליב זיין שיינקייט און פארשעם ניט א מענטשן צוליב זיין געשטאלט: אָט איז א בין א קליין באשעפעניש און איר פרוכט איז פול מיט זיסיקייט.

אָרעם־רייך — 1. אזוי ווי א לייב פארצוקט די ווילדפרעט פון מדבר, אזוי איז דער אָרעמאן א פאשע פארן רייכן.

2. וואס האָט צו טאָן דער ליימענער טאָפּ מיטן קופערנעם? ווען זיי טרעפן זיך, איז דער ברעכט און דער ווערט צעבראָכן; דער רייכער באַעוולט און ער באשולדיקט נאָך, דער אָרעמער ווערט געפייניקט און ער דארף נאָך איבערבעטן.

3. ווי דער שלום פון א לייב מיט א הונט, אזוי איז דער שלום פון א רייכן מיט אן אָרעמען.

געזאַנג — ווי א שמאראגדנזיגל איינגעפאסט אין גאָלד, אזוי איז די שטים פון געזאנג אויף א מאָלצייט און אויף א שמחה.

הערשער — ווי דער הערשער, אזוי זיינען זיינע באאמטע; ווי די פירער פון דער שטאָט — אזוי — אירע איינוווינער.

חכם — די רייד פון א חכם זיינען ווי א שטראָם וואסער, און די עצה פון זיינע ליפצן איז א קוואל פון לעבן.

חלום — דער וואָס גלויבט אין א חלום, איז ווי דער, וואָס האלט פעסט א שאָטן; ווער עס באהאלט אים, באהאלט דעם ווינט.

נאָמען — א גוט לעבן האָט אן ענד, אָבער א גוטער נאָמען האָט קיין ענד ניט.

נאר — גרינגער צו טראָגן די לאַסט פון זאמד, זאלץ און אייזן, איידער צו פאר־טראָגן א נאר אין זיין נארישקייט.

פארשעמען — דער וואָס ווארפט א שטיין אין פויגלען, צעטרייבט זיי, און דער האָס פארשעמט זיינע חברים, צעשטרייט זיי.

פוילער — א פוילער מענטש איז ווי א שטיין אין א קופע מיסט; ווער עס הייבט אים אויף, ריכט אייך זיינע הענט.

פעלער — יעדן געמאכטן פעלער קען מען פארריכטן, אחוץ שפּאָט, גרינגשעצונג, אויסזאָגן א סוד און פאלשקייט. דאָס אלץ דערווייטערט דעם חבר אויף אייביק.

פרייהייט — ליב דיין קנעכט ווי זיך אליין; קיין רגע פון פרייהייט זאָלסטו ביי אים ניט אָפּזעמען.

פריינד — 1. אן אמתן פריינד איז ניט אָפּצושאצן, זיין ווערט לאָזט זיך מיט זילבער ניט אָפּוועגן.

2. א טרייער פריינד איז א היילונג פאר דער נשמה.

3. א טרייער פריינד איז א זיכערע פעסטונג; ווער עס האָט אים געפונען, האָט געפונען אן אוצר.

פרעמדע — 1. ווער עס בויט זיין הויז פאר פרעמדע גוטס, דער זאמלט שטיינער אויף צו בויען א קבר.

2. ווער עס עסט פרעמד ברויט, דערנידעריקט זיין זעל.

צונג; מויל — 1. גאָלד און זילבער פאַרבינדסטו אין אַ בייטל, פאַרוואָס פאַרבינדסטו ניט דיין מויל?
2. דיין גאָרטן צאַמסטו דאָך אַרום מיט דערנער, פאַרצאַם אויך דיין מויל מיט טיר און ריגל.
3. הלואי וואָלט איך געקענט אָנטאָן אַ שלאָס אויף מיין מויל און אַ שטעמפּל אויף מיינע ליפּן, כדי איך זאָל ניט געשטרויכלט ווערן דורך מיין צונג און איך זאָל ניט גיין פאַרלאָרן.
4. פיל זיינען געפאַלן דורכן שווערד, אָבער נאָך מער דורך דער פאַלשער צונג.

קריג. — וואָס פאַר אַ האַלץ, אַזאַ פייער און וואָס פאַר אַ קריג, אַזאַ כעס.

שמחה — גיב ניט איבער דיין זעל דעם טרויער און קלעם ניט דיין האַרץ מיט נאַרישע געדאַנקען; וואָרום דאָס לעבן פון דעם מענטשן איז — אַ פריילעך האַרץ, און די פרוכט פון שמחה איז — אַ לאַנג לעבן.

פון תלמוד און מדרש.

אורח — אַן אורח איז ניט קיין מכניס־אורח.

איילן זיך — איל זיך ניט גלייך צו געבן אַ תשובה.

אָרעמקייט — נאָר די גייסטיקע אָרעמקייט איז אָרעמקייט.

איינהאַלט — קוק ניט אויפן קרוג, נאָר אויף דאָס, וואָס אין אים איז פאַראַן.

גבור — דער איז אַ גבור, וואָס באַצווינגט זיין יצר־הרע.

דערפאַרענער — קיינער איז ניט אַזוי קלוג ווי דער דערפאַרענער.

חסרון — אַלעמעס חסרונות זעט דער מענטש, אחוץ זיינע אייגענע.

חכם — דער איז אַ חכם, וואָס לערנט זיך פון איטלעכן.

טרעפן זיך — אַ באַרג מיט אַ באַרג טרעפן זיך ניט, אַ מענטש מיט אַ מענטשן טרעפן זיך יאָ.

טאָן — רייד ווייניקער און טו מער.

כלל — אַ מענטש דאַרף זיך ניט אויסשליסן פון כלל.

כבוד — דער וואָס יאָגט זיך נאָך כבוד, פון דעם אַנטלויפט דער כבוד.

לערנען — 1. זאָג ניט: „ווען איך וועל פריי זיין, וועל איך לערנען", דען מעגלעך אַז דו וועסט קיינמאָל ניט פריי זיין.
2. לערנען, וואָס גייט ניט האַנט ביי האַנט מיט אַרבעט, איז אַ ברכה לבטלה.

מעסטן — מיט וואָס פאַר אַ מאָס אַ מענטש מעסט אַנדערע, מעסט מען אים אַליין.

מלאָכה — 1. אַ סך מלאָכות און ווייניק ברכות.
2. זיבן יאָר האָט דער הונגער אַרומגעשפּאַצירט איבער דער וועלט און דעם בעל־מלאָכהס שוועל ניט אַריבערגעטראָטן.

נאַר — פון אַ נאַר ברענגט מען קיין ראיה ניט.

נס — אויף אַ נס טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן.

עם־האָרץ — אַן עם־האָרץ קען קיין פרומער ניט זיין.

ערן — דער ווערט געערט, וואָס ערט אַנדערע.

פרעמדע ברויט — בעסער שינדן אַ נבלה אין גאַס, איידער אָנקומען צו מענטשן.

פשוטער מענטש — זאָלסט ניט גרינגשעצן די ברכה פון אַ פשוטן מענטשן.

פריינדשאַפט — 1. נעם אויף יעדן מענטשן מיט אַ פריינדלעכן געזיכט.
2. זאָלסט ניט איבערבעטן דיין חבר בעת ער איז אין כעס; זאָלסט

אים ניט טרייסטן בעת זיין מת ליגט פאַר אים; זאָלסט ניט זוכן
אים צו זען בעת ער איז דערנידעריקט.

צ י י ט — וואָס די צייט קען מאַכן, קען דער שכל ניט מאַכן.

ק נ א ה — די קנאה פון געלערנטע פאַרמערט די חכמה.

ר א י ה — „ניט געזען" איז קיין ראיה ניט.

ש יי נ ק יי ט — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אויף זיך:

— איך בין געבליבן דער לעצטער פון ירושלימער שיינע מענטשן.
ווער ס׳וויל זיך פאָרשטעלן ר׳ יוחננס שיינקייט, זאָל ער נעמען אַ בעכער
פון ריין זילבער, אים אָנלייגן פול מיט קערנדלעך פון אַ רויטן מילגרוים,
אַרומלייגן אים פון אויבן מיט אַ קערנדל פון רויטע רויזן און דאָס אַוועק-
שטעלן צווישן זון און שאָטן — דער אָפּגלאַנץ פון דעם וועט דערמאָנען
ר׳ יוחננס שיינקייט.

ש ל אַ נ ג — דער בעסטער שלאַנג צעשמעטער דעם קאָפּ.

ש ע מ ע ד י ק ע ר — אַ שעמעדיקער קען קיין זאַך ניט לערנען.

ש ל ע כ ט ע — אַ שלעכט אויג, אַ שלעכטע נייגונג און שנאה צו לייטן ברענגען אום
דער מענטשן פון דער וועלט.

ת ו ר ה — ר׳ יהשע אַליין פלעגט זאָגן: אַפילו ווען אַלע ימען זאָלן טינט זיין, אַלע
טשערעט-רערלעך — פענעס, הימל און ערד — פאַרמעט און אַלע מענטשן —
שרייבער, וועט דאָס אַלץ ניט קלעקן צו באַשרייבן וויפיל תורה איך
האָב אויסגעלערנט. דאָך האָב איך זי נישט אָנגערירט אַפילו אויף אַזוי-
פיל, ווי איין פענדל-טונק קען אָנרירן דעם ים.

פון פאַרשיידענע זאַמלונגען אין יידיש.

א ו י ג — מיט איין אויג זעט בײַ דיר דער בלינדער מער, ווי דו בײַ אים מיט
צוויי אויגן.

א יי ל ע נ י ש — פון גרויס איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

אָ פּ ן — אין אַן אָפענעם טעפּל שטעקט יעדע מויז איר קעפּל.

אָ ר ע מ אַ ן — דעם אָרעמאַן איז תמיד דער ווינט אין די אויגן.

אַ ר ב ע ט - מ ל אָ כ ה — 1. אַז מע האָט אין דער האַנט אַ מלאָכה, קומט אין שטוב
אַריין די ברכה.

2. אַ מלאכה איז אַ פּאַנצער פאַר דעמדלות.

3. אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס.

4. מלאָכה איז מלוכה.

ב אַ ד אַ כ ט ן ז י ך — פריער געמאַכט און נאָכדעם באַדאַכט, האָט שוין ניט איינעם
פיל צרות געבראַכט.

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע — אַז די באַלעבאָסטע איז אַ קאַץ, איז די קאַץ אַ באַלעבאָסטע.

ב אַ ר י מ ע ר — אַ באַרימער איז גוט צו שמייסן.

ג אָ ט — 1. אַז גאָט זאָל וווינען אויף דער ערד, וואָלטן אים די מענטשן די פענ-
סטער אויסגעשלאָגן.

2. אַז גאָט זאָל וועלן צוהערן די נאַראָנים, וואָלט די וועלט געהאַט אַן אַנ-
דער פּנים.

3. אויף גאָט טאָר מען קיין קשיה ניט פרעגן, וואָרום ער זאָגט: ווילסט וויסן דעם תּירוץ, קום צו מיר.

4. גאָט וועט העלפן. ווי העלפט נאָר גאָט, ביז גאָט וועט העלפן.

5. גאָט זאָל אָפּהיטן פאַר גוישע הענט און פאַר יידישע קעפּ.

גביר — דער גביר בלאָזט זיך און דער אָרעמאַן ווערט געשוואָלן.

גליק — דאָס גליק אַליין העלפט ניט דעם מענטשן, ווען דער מענטש העלפט ניט מיט.

גנב — פאַר אַ היימישן גנב קען מען זיך ניט איינהיטן.

געזונט — אַז מע איז געזונט, איז מען רייך.

דלות, נויט — 1. דער דלות לייגט זיך צום ערשטן אויפן פּנים.

2. נויט ברעכט אייזן, דלות ברעכט שלעסער.

האָפן — כּל זמן דער מענטש האַלט נאָך די אויגן אָפן, זאָל ער נאָך האָפן.

וואָרט 1. אַ גוט וואָרט ברענגט אַ גוטן ענטפער.

2. זיין וואָרט וואָלט געווען אַ בריק, וואָלט איך מורא געהאַט אַריבערצוגיין.

וועלן — אַז מע וויל קען מען; אַז מע זוכט געפינט מען.

זאָרגן — די גאַנצע וועלט זאָרגט: איינע זאָרגט, וואָס די פּערל איז איר צו שיטער, און די אַנדערע זאָרגט, וואָס די פּערל-גריץ איז איר צו שיטער.

טרערן — ציבעלע-טרערן רירן ניט דאָס האַרץ.

ייד — 1. אַ יידישע נשמה קען מען ניט שאַצן.

2. אַלע יידן קענען זיין חזנים, נאָר דאָס רוב זיינען זיי הייזעריק.

3. די יידישע עשירות איז ווי מאַרצאָווע שניי. (וואַריאַנט — ... ווי אַ בינטל שטרוי.)

4. צווישן יידן ווערט מען ניט פאַרפאַלן.

כאַפּן — איז דאָס דיין, וואָס כאַפּסטו;

איז דאָס ניט דיין, וואָס זשע כאַפּסטו?

כעס — כּעס והמה מאַכט אַ מענטשן פאַר אַ בהמה.

ליגנער — אַ ליגנער מוז האָבן אַ גוטן זכּרון.

מאַמע; מוטער — 1. אַ קינד אָן אַ פאָטער איז אַ האַלבער יתום,

אָן אַ מוטער — אַ גאַנצער יתום

2. לעבן דער זון איז גוט צו זיצן,

לעבן דער מאַמען איז גוט צו וויינען.

3. מיט דער מאַמען איז דער טאַטע אַ פאָטער.

מיט דער מומען איז ער אַ פעטער.

מוט — געלט פאַרלאָרן, האַלב פאַרלאָרן; מוט פאַרלאָרן — אַלץ פאַרלאָרן.

מענטש — אַ מענטש איז אַמאָל שטאַרקער פון אייזן און אַמאָל שלאַפער פון אַ פליג.

נאַר 1. מיט אַ נאַר איז אָן אייביקער צער

2. אַ טויטן באַוויינט מען זיבן טעג, אַ נאַר — דעם גאַנצן לעבן (פון „בן סירא“).

3. אַז אַ נאַר גייט צווישן די קראָמען פרייען זיך די קרעמער.

4. אַ נאַר לאַכט דריי מאָל. (דאָס ערשטע מאָל — ווייל אַלע לאַכן; דאָס צווייטע מאָל — אַז מע פרעגט אים פאַרוואָס ער לאַכט; דאָס דריטע מאָל — אַז מע דערציילט דעם וויץ פון דער מעשה, דאַן לאַכט ער ערשט רעכט.)

5. אַ נאַר זאָגט, וואָס ער ווייס, אַ קלוגער ווייס וואָס ער זאָגט.

6. אַ פרעמדער נאַר איז כאַ, כאַ, כאַ! אַן אייגענער איז—אַך, אַך, אַך!

נאַרישקייט — נאַרישקייט און שטאָלץ וואַקסן אויף איין האָלץ.

סוד — וואָס דריי ווייסן, איז קיין סוד ניט.

עלטערן — אויף אַן אייגן קינד זיינען עלטערן בלינד.

עסן — אַז מע לייגט זיך ניט געגעסן, שטייט מען אויף ניט געשלאָפן.

עקשן — אַן עקשן איז ערגער ווי אַ קאַליקע.

פוילקייט — אָרעמקייט און פוילקייט זיינען צוויי ברידער.

פוילער — ביי אַ פוילן וואַקסט דער וועג אונטער די פיס.

פיל — פיל הענט ברעכן מויער און ווענט.

פריינד — נייע פריינד באַקומען, אַלטע ניט פאַרגעסן.

פריינדשאַפט — אויף אַ צעריסענע פריינדשאַפט קען מען קיין לאַטע ניט לייגן.

פויער — אַ פויער קאָך אים אין זיס און אין זויער בלייבט ער אַלץ פויער.

צו — 1. וואָס צו איז אומגעזונט.

2. זיי ניט צו זיס, מע זאָל דיך ניט אויפעסן; זיי ניט צו ביטער, מע זאָל דיך ניט אויסשפייען.

קאַרגער — אַ קאַרגער זופט יויך מיט אַ גאָפל און טרייסלט נאָך אָפּ.

קנאה — פון קנאה קומט שנאה.

שונא — בעסער דער שונא זאָל זען מיין גליק, איידער איך זיין אומגליק.

שלאָפן — מער שלאָפן, ווייניקער לעבן.

שלום — ווו שלום, דאָרט איז ברכה.

שלימעזאַלניק — אַז דער באַלעבאָס איז אַ שלימעזאַלניק, איז דער גנב אַ בריה.

שנאת-חנם — וועגן שנאת-חנם איז חרוב געוואָרן דער בית-המקדש.

שטיפמוטער — 1. אַ שטיפמוטער איז אַ שטאָכמוטער.

2. פאַר אַ גוטער שטיפמוטער שטייט אַ גאָלדענער שטול אין גן-עדן.

שפריכוואָרט — 1. אַ גוטער שפריכוואָרט איז מאַריך ימים.

2. אַ שפריכוואָרט איז אַ וואָרוואָרט.

3. אַ שפריכוואָרט איז להבדיל אַ תורה.

תורה — תורה קומט ניט בירושה.

יידישע פאָלקסרעטעניש.

1.

הויך ווי אַ מויער,
גראָב ווי אַ פויער,
זיס ווי צוקער,
ביטער ווי גאַל.

2.

אַ שוואַרצער טאַטער,
נעגל האָט ער,
ווו מע שיקט אים,
דאָרטן גייט ער.

3

אַלעמען באַנייט דאָס,
אַלעמען באַקליידט דאָס,
און אַליין גייט דאָס
מוטער-נאַקעט

4

וואָס זינגט בעסער ווי אַ פידל, וואָס גראָבט טיפער ווי אַ רידל?

5.

אין וואַלד וואַקס דאָס,
אין קראָם הענגט דאָס,
מ׳גיט אַ ריר — וויינט דאָס.

6.

אַ לעבעדיקער
שלאָגט אַ טויטן.
דער טויטער שרייט
און ס׳קערט זיך ווייט.

7.

אַזוי, לאַנג ווי איך נעם
ניט קיין טרונק,
קען איך ניט ריידן.

8.

אַליין בין איך אָרעם און דעם צווייטן מאַך איך רייך.

9

ווער גייט און שטייט הענגענדיק?

10.

וועלכער יום־טוב איז ווו מע וויל, אָבער ניט וואָס מ׳וויל;
וועלכער איז — וואָס מ׳וויל, אָבער ניט ווו מ׳וויל;
וועלכע איז — ווו מ׳וויל און וואָס מ׳וויל?

יידישע וויצן.

אַ שאלה אויף אַ שאלה.

איינעם אַ יידן האָט אַ קריסט אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט, איך בעט אייך, פאַרוואָס האָבן יידן ליב שטענדיק צו ענטפערן מיט אַ שאלה אויף אַ שאלה?

דער ייד האָט לאַנג ניט געטראַכט און גלייך אָפגעענטפערט — פאַרוואָס עפּעס זאָל מען אַזוי טאַקע ניט ענטפערן?

דער נשרף.

אַן אָרעמאַן איז אַרויסגעגאַנגען קלייבן נדבות. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ נשרף.

— ווו איז אייער כתב, אַז איר זייט באמת אַ נשרף? — האָט אים איינער געפרעגט.

— באַלד ווען עס איז געווען די שרפה, האָט דער אָרעמאַן געענטפערט, איז דער כתב פאַרברענט געוואָרן.

דער קלוגער חזן.

איינמאָל איז אַ בעל־תפילה אַרויסגעפאָרן אין אַ נאָענט שטעטל צו דאַוונען דאָרט אַ „שבת מברכין". אויפן וועג האָט אים דער בעל־עגלה עטלעכע מאָל ביי יעדן „באַרג־אַרויף" מטריח געווען אַראָפצוקריכן פונם וואָגן און גיין אַ ביסל צופוס. צוריק־וועגס אָבער איז דער חזן דעם גאַנצן וועג געזעסן ווי אַ פריץ און איינמאָל אפילו ניט באַדאַרפט זיך רירן פונם אָרט. חידושט ער זיך דערויף און פרעגט בתמימות דעם בעל־עגלה: — זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי זיינען עס כּלה געוואָרן איבער איין שבת אַזוינע בערג?

פאָלקס-מעשׂיות.

* * *

אַ מעשה איז געשען מיט אַ מאַן, דער איז אַ גרויסער עושר. ער וווינט נאָנט ביי ירושלים. און עס קומט איינמאָל צו אים אַ כותי און ברענגט אים משכּנות, ער זאָל אים דערויף געלט לייען. דאָ זאָגט דער מאַן צו זיין ווייב, זי זאָל גיין אין קאַמער אַריין און זאָל אַרויסנעמען אויס דעם קאַסטן געלט. אַזוי רופט אויס אַ שטים אויס דעם קאַסטן און זאָגט: „לאָז דאָס געלט ליגן, דען עס איז ניט דיין“. ווי די פרוי האָט דאָס דערהערט, דערשרעקט זי זיך זייער און גייט אַראָפּ און דערציילט עס איר מאַן און זאָגט צו אים, ער זאָל אַריינגיין דאָס געלט נעמען. אַזוי גייט דער מאַן זעלבערט אין דער קאַמער אַריין און וויל דאָס געלט נעמען. קומט ווידער אַ שטים און זאָגט: „לאָז דאָס געלט בלייבן ליגן, דען עס איז ניט דיין“. דערשרעקט זיך דער מאַן אויך זייער, נאָר ער איז זיך מיישב און פרעגט: „אַזוי באַלד ווען דאָס געלט איז נישט מיין, לאָז מיר כאָטש וויסן, צו וועמען דאָס געלט וועט אָנקומען“. דאָ ענט-פערט אים די שטים און זאָגט: „דאָס געלט און אַלס דאָס זילבער און אַלע חפצים געהערן צו רבי אַברהם דרעקסלער פון ירושלים“. דאָ טראַכט זיך דער מאַן: „ווייל דאָס געלט איז יוא ניט מיין, וויל איך עס אויך נישט האָבן“. נעמט דער יונגער מאַן אַלדאָס גאָלד און זילבער און אַבנים טובות וחפצים און תּכשיטים, וואָס ער האָט, און מאַכט אַ לאָך אין אַ בוים, דער שטייט אין זיין גאָרטן, טוט אַלץ אין דעם בוים אַריין און גייט מיט זיין ווייב אַוועק.

נעמט ער עס אָן פאַר ליב פון הש״י, דאָס ער האָט אויף אים דאָס געשיקט.

און איבער אַ צייט דערנאָך טרעפט זיך, דאָס אַ גרויס געוויסער האָט אויס-געפלוסט. דאָס וואַסער איז אַזוי גרויס און שטאַרק, דאָס עס רייסט אויס הייזער און ביימער. עס פאַרפלייצט אַלץ. אַזוי ווערט דער בוים, וואָס דאָס גאָלד איז אין אים, אויך אויסגעריסן און שווימט מיט דעם וואַסער אַוועק. אַזוי פאַנגט אַ פישער דעם בוים און טראַכט זיך: „דער בוים איז גוט פאַר אַ דרעקסלער, דען ער וועט זיך לאָזן גוט דרעקסלען, דרום וויל איך דעם בוים פירן נאָך ירושלים צו רבי אַברהם דרעקסלער, וועט ער אים געוויס ביי מיר קויפן און וועט מיר געוויס גוט באַצאָלן“. אַזוי פאָרט דער פישער מיט פיש קיין ירושלים און נעמט דעם בוים אויך מיט.

ער קומט קיין ירושלים אום ערב שבת אויף דעם פלאַץ, ווו מע פאַרקויפט פיש. אַזוי קומט דער רבי אַברהם דרעקסלער צו דעם פישער צו קויפן פיש אויף שבת. דאָ זאָגט צו אים דער פישער: „מיין ליבער רבי אַברהם, איך האָב פאַר אייך אַ שיינעם בוים, וואָס איך האָב אים אויף דעם וואַסער געפונען, ער איז גוט פאַר אייך צום דרעקסלען, איר קענט אויס דעם בוים מאַכן פיל היפשע זאַכן“. אַזוי באַזעט רבי אַברהם דעם בוים, געפעלט ער אים זייער וווּיל און ער קויפט אים אָפּ פון דעם פישער און לאָזט דעם בוים צום הויז פירן. און ווי ער שפּאַלט דעם בוים, אַזוי געפינט ער אין דעם בוים כּל-טוב, אַלץ וואָס יענער גוטער מאַן האָט אַריינגעלייגט. אַזוי ווערט דער ר' אַברהם זייער בשמחה, דאָס הקב״ה האָט אים אַזאַ מציאה באַשערט און ער איז אַ גרויסער עושר.

ניט לאַנג דערנאָך איז יענער גוטער מאַן, וואָס האָט דאָס געלט אין דעם בוים אַריינגעלייגט, גאָר אָרעם געוואָרן. און ער מוז אין לאַנד אַרומגיין מקבל צו זיין צדקה. אַמאָל זאָגט ער צו זיין ווייב: „מיין ווייב, מיר וועלן דאָס טאָן און וועלן דאָך גיין זען, אויב אונדזער גאָלד קיין ירושלים צו רבי אַברהם דרעקסלער איז געקומען, גלייך ווי אונדז האָט די שטים געזאָגט. אַזוי גייען זיי ביידע קיין ירושלים אין דעם רבי אַברהם דרעקסלערס הויז און מאַכן זיך פון דער זאַך גאָר ניט וויסנדיק.

ווי עס קומט אום שבת, אַזוי זעען די לייט ווי מע שטעלט אויף דעם טיש זילבערנע לייכטער און אַנדערע שיינע כלים פון זילבער, די, וואָס זיינען געווען אין דעם בוים אַריינגעלייגט. ווי די אָרימע לייט האָבן דאָס דערזען, הייבן זיי אָן צו וויינען. דערזעט ר׳ אַברהם און זיין ווייב, ווי די גוטע לייט וויינען, גייען זיי צו און פרעגן זיי, וואָס זיי וויינען. די גוטע לייט ווילן אָבער ניט זאָגן. זאָגט ר׳ אַברהמס ווייב: „איר וויינט געוויס ניט אומזיסט, עס מוז עפּעס באַטייטן". דאָס גוטע ווייב טוט זיי אַזוי לאַנג בעטן, ביז זיי דערציילן איר די גאַנצע מעשה, דאָס די אַלע זילבערנע כלים, וואָס זיי שטייען דאָ, זיינען אַלע זייערע געוועזן, און דערציילן איר, ווי עס איז זיי דערגאַנגען מיט דער שטים. און די לייט פרעגן, ווי אַזוי דער בוים איז אַהער געקומען.

און ווי ר׳ אַברהמס ווייב דערהערט דאָס, אַזוי זאָגט זי: „מיינע ליבע לייט, זייט פריילעך, די כלים זיינען אייערע, דען מיר וועלן די כלים אייך ווידער צוריקגעבן, וואָרום מיר האָבן ב"ה גענוג געלט, וועלן מיר אייך שוין דאָס אייערע צוריקגעבן". אַזוי זאָגן די צוויי לייט: „ניין, מיר ווילן נישט דאָס געלט צוריק נעמען. מיר זעען דאָך, דאָס אַלץ איז אייך באַשערט. און דערום ווילן מיר ניט האָבן פון דעם געלט, דען מיר זעען דאָך, דאָס מיר האָבן עס פאַרזינדיקט פון גאָט ב"ה".

אַזוי שווייגן זיי שטיל. און האַלטן שבת מיט אַ פריילעך פּנים ביי רבי אַברהם דרעקסלער. און רבי אַברהם איז די מעשה אויך געוואָר געוואָרן. דאָס די צוויי לייט ווילן ניט נעמען דאָס מינדסטע פון דעם געלט. אַזוי האַלט זיך רבי אַברהם אָן עצה מיט זיין ווייב, און זיי מאַכן אַ שיינעם קוכן מיט אַלערליי בשמים און לייגן אין דעם קוכן אַריין פיר הונדערט גילדן גאָלד. כדי זיי זאָלן דעם קוכן מיטגעבן די צוויי לייט אויף דעם וועג, און אַז יענע וועלן אויפברעכן דעם קוכן, זאָלן זיי דרינען געפינען די פיר הונדערט גילדן גאָלד. אַזוי מאַכן זיי צורעכט דעם קוכן. און ווי עס קומט זונטאָג פרי, ווילן די צוויי לייט אַוועקגיין און געזעגענען זיך מיט רבי אַברהם און מיט זיין ווייב. רבי אַברהם וויל זיי מיטגעבן פיל געלט אָבער זיי ווילן ניט דאָס מינדסטע פון אים נעמען. לסוף מיט גרויס געבעט האָבן זיי דעם קוכן מיטגענומען. רבי אַברהם זאָגט צו זיי: „דער קוכן וועט אייך געוויס גוט שמעקן, ווען איר וועט אים אויפברעכן. איר וועט אַייך אייער האַרץ מיט אים דערקוויקן. זיי גייען בשלום אַוועק. און זיי קומען אין אַ שטאָט, מאָנט מען פון זיי מכס. און זיי האָבן ניט צו געבן. אַזוי גיבן זיי דער קוכן פאַר מכס אַוועק. זאָגט דער מוכסן: „עס איז רעכט. רבי אַברהם דרעקסלער אין ירושלים מאַכט זיין זון חתונה". אַזוי נעמט דער מוכסן דעם קוכן און פירט אים קיין ירושלים צום גוטן רבי אַברהם". באַקומט רבי אַברהם דעם קוכן ווידער צוריק.

פון דער מעשה קאָן מען זען, ווען גאָט ב"ה וויל געבן, קאָן אים קיינער ניט אַוועקנעמען. און ווען עס איז ניט באַשערט פון גאָט ב"ה, העלפט גאָר ניט. דרום, זאָל איטלעכער מענטש אַ בעל־בטחון זיין אויף השי"ת. וועט אים גאָט ב"ה העלן אָמן.

* * *

אַ מעשה איז געשען. עס איז געווען אַ רב אַ גרויסער למדן, אויך אַ גרויסער עושר. ער האָט געהאַט איין איינציקע טאָכטער. זי איז געווען זייער שיין, אויך וואוילקענעוודיק, מיט אַלערליי מעלות. דער רב מיט זיין ווייב זיינען שוין זייער אַלט. וואָלטן זיי גערן ביי זייער לעבן זייער איינציקע טאָכטער חתונה געמאַכט. דער רב האָט געהאַט אַ שוועסטערן זון, ער איז זייער רייך און לערנט וואויל און איז זייער אַ שיינער פּאַרשוין. בקיצור דער רב זאָגט איינמאָל צו דער רביצין: „מיין ווייב, מיר זיינען שוין רעכט אַלט, ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך מיר וועלן לעבן, וואָלט געווען אַ יושר, מיר זאָלן אונדזער איינציקע טאָכטער חתונה מאַכן, וואָרום טאָמער וועלן מיר חלילה היינט אָדער מאָרגן שטאַרבן, מַחמַת מיר זיינען דאָך אויף דער עלטער, ווער וועט זיך באַמיען אונדזער טאָכטער איין מאַן צו געבן". זאָגט די רביצין צו אים: „דו האָסט רעכט, מיין ליבער מאַן, עס איז שוין צייט צו טראַכטן פאַר אונדזער טאָכטער". זאָגט צו איר דער רב: „איך האָב מיך מיַישֵב געווען, עס וואָלט גלייך געווען מיר זאָלן זיך מְשַדֵך זיין מיט מיין שוועסטערן זון, וואָרום ער איז דאָך איין בריה נִפלָאָה און לערנט וואויל". זאָגט די רביצין צום רב: „מיר געפעלט בעסער, דאָס מיר זאָלן זיך משדך זיין מיט מיין ברודערן זון, כאָטש ער איז ניט אַזוי שטאַרק רייך ווי דיין שוועסטערן זון. ער איז מיין פיינער בריה און לערנט אמת וואויל. מיר האָבן דאָך געגוג געלט, וואָס האָבן מיר צו קוקן אויף געלט". בקיצור דער רב מיט דער רביצין קאָנען זיך ניט פאַרגלייכן. דער רב וויל זיך משדך זיין מיט זיין שוועסטערן זון און די רביצין מיט איר ברודערן זון. פאַרבלייבט ביי זיי ביידן איין דעה, זיי זאָלן מאַכן אַ סעודה און זאָלן בעטן זייערע גוטע פריינד, אויך די צוויי בחורים, און ווי די גוטע פריינד וועלן זאָגן, אַזוי וועט פאַרבלייבן.

מאַכט מען באַלד די סעודה און מע פאַרבעט די גוטע פריינד, אויך די צוויי בחורים. מע עסט און מע טרינקט, מע איז שוין געווען שטאַרק פריילעך, זאָגט דער רב צו די צוויי בחורים, ער בעט זיי זאָלן אַרויסגיין, מחמת ער דאַרף עפּעס אַ סוד צו ריידן. גייען די בחורים אַרויס. זאָגט דער רב צו די לייט, וואָס זיינען געווען אויף דער סעודה: „הערט צו, מיינע גוטע פריינד, איך מיט מיין ווייב זיינען שוין אַלט. דערום וואָלטן מיר גערן ביי אונדזער לעבן אונדזער איינציקע טאָכטער אַ מאַן געגעבן. איך מיט מיין ווייב קאָנען זיך ניט פאַרגלייכן, וואָרום איך וויל זיך משדך זיין מיט מיין שוועסטערן זון, און מיין ווייב וויל זיך משדך זיין מיט איר ברודערן זון. דערום איז ביי אונדז ביידן פאַרבליבן מיר זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף אַייך; וואָס איר וועט זאָגן, וועלן מיר אַייך הערכן". זאָגן די גוטע פריינד צו דעם רב מיט דער רביצין, דאָס זיי זאָלן פון שטוב אַרויסגיין, וועלן זיי זיך איבערקלערן, מיט וועמען עס איז זיך גלייכער משדך צו זיין. גייען זיי פון שטוב אַרויס. האָבן די גוטע פריינד צווישן זיך אַן עצה אָפּגעטראַכט און האָבן צוריק אַריינגערופן דעם רב מיט דער רביצין און זאָגן צו זיי: „די ביידע בחורים זיינען אמת וואויל, זיי זיינען ביידע ווערט אַייער טאָכטער צו האָבן פאַר איין ווייב. דערום גיבן מיר אַייך איין עצה, טוט אַזוי: גיט זיי ביידן צו צוויי טויזנט קערבלעך און זאָלן ביידע אַוועקפאָרן, און וועלכער עס וועט פאַר דעם געלט בעסערע סחורה קויפן, צו דעם זאָל קערן אַייער טאָכטער פאַר איין ווייב. אויך זאָלט איר זיי געבן אַ צייט — אַ גאַנץ יאָר מוז איינער וואַרטן אויף דעם אַנדערן, אָבער נאָך דעם יאָר, וויבאַלד איינער פון זיי וועט נאָך ניט

זיין מיט זיין סחורה, אַזוי מעגט איר שוין חתונה מאַכן אייער טאָכטער מיט דעם בחור, וואָס וועט זיין. רופט מען אַריין די בחורים. דער רב גיט זיי יעדערן צו צוויי טויזנט קערבלעך און זאָגט זיי ביידן: „איך גיב אייך געלט, איר זאָלט אַוועקפאָרן סחורה קויפן און איר האָט צייט אַ גאַנץ יאָר, און נאָך דעם יאָר ווער פון אייך ס'וועט האָבן געקויפט בעסערע סחורה, צו דעם וועל איך מיין שיינע טאָכטער פאַר איין ווייב געבן.

פאָרןביידע בחורים צוזאַמען אַוועק און זיינען ביידע פריילעך. יעדע־רער פון זיי מיינט: — „איך וועל קויפן בעסערע סחורה, וועל איך דאָך האָבן די שיינע טאָכטער פאַר איין ווייב". פאָרן זיי ביידע איבער דעם ים און קומען אין איין גרויסע שטאָט אַריין, וואָס עס איז דאָ אַלערליי סחורות צו באַקומען. קויפט דעם רבס שוועסטערן זון פאַר זיין געלט פאַרשיידענע סחורות. און דער רביצינס ברודערן זון קויפט פאַר זיין געלט דימענטן און בריליאַנטן. אים דאַכט זיך, אַז זיי וועלן געוויס דאָס געלט ווערט זיין. פאָרן זיי ביידע צוזאַמען אַהיים, קומען זיי אין איין גאַסט־הויז אַריין נעכטיקן. אין דעם גאַסט־הויז איז געווען פיל גנבים. די בחורים האָבן פון דעם ניט געוווסט. ווי זיי זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן, האָבן די גנבים זיי באַגנבעט די אַלע בריליאַנטן מיט זייער געלט, וואָס זיי האָבן געהאַט. זיי האָבן נאָר איבערגעלאָזט די סחורה, וואָס דעם רבס שוועסטערן זון האָט אָנגעקויפט.

ווי די צוויי בחורים שטייען אויף, זעען זיי, אַז מע האָט זיי באַגנבעט. דער בחור, וואָס האָט געהאַט געקויפט די בריליאַנטן, איז זיך שטאַרק מצער, וואָרום עס איז אים גאָרניט געבליבן, מע האָט אים אַלצדינג צוגענומען. מיט וואָס וועט ער אַהיים קומען? און דער אַנדער בחור האָט זיך ניט אַזוי שטאַרק מצער געווען, כאָטש מע האָט ביי אים אַוועקגעגנבעט אַ ביסל סחורה און דאָס גאַנצע געלט, נאָר פונדעסטוועגן איז דאָך אים איבערגעבליבן נאָך סחורה, וועט ער דאָך האָבן מיט וואָס אַהיים צו קומען, דעריבער איז ער ניט אַזוי אומעטיק ווי דער אַנדערער. זאָגט דער בחור פון דער סחורה צום אַנדערן, אויב ער וועט אַהיים פאָרן. זאָגט ער: ניין. פאָרט דער בחור מיט זיין סחורה אַליין אַהיים. און דער בחור, וואָס מע האָט ביי אים צו־געגנבעט די בריליאַנטן, וויל ניט אַהיים פאָרן, ער שעמט זיך שטאַרק, ליידיק אַהיים צו קומען.

ווי דער בחור מיט דער סחורה איז אַהיים געקומען, פרעגן זיי אים אויף דעם אַנדערן בחור, ווו ער איז אַהינגעקומען. זאָגט ער: „איך ווייס ניט. וועלכן וועג ער איז געפאָרן". זאָגן זיי צו דעם בחור: „ווען דער אַנדערער וועט ניט קומען צום יאָר, אַזוי וועסטו האָבן די טאָכטער פאַר איין ווייב". די רביצין איז זיך שטאַרק מצער אויף איר ברודערן זון, וואָרום זי ווייס גאָרניט ווו ער איז, נאָר זי טראַכט זיך, עס איז דאָך ערשט איין האַלב יאָר, איז נאָך דאָ צייט, אפשר וועט ער בשלום קומען.

אַצונד וועלן מיר לאָזן וואַרטן דעם בחור און מיר וועלן אָנהייבן צו דער־ציילן, וואָס עס האָט זיך געפירט מיט דעם בחור, וואָס מע האָט ביי אים געגנבעט די בריליאַנטן. ווי זיין חבר איז פון אים אַוועקגעגאַנגען, טראַכט ער זיך: „אַהיים קומען קאָן איך ניט וועגן גרויס בושה, איז פאַר מיר גלייכער, איך וועל פאָרן אין איין ישיבה אַריין לערנען. אפשר איז מיר באַשערט, איך זאָל האָבן איין שענערע כלה ווי דעם רבס טאָכטער איז". פאָרט ער קיין בָבֶל. דאָרטן איז דאָ איין ישיבה מיט פיר הונדערט בחורים, וואָס זיי לערנען אַלע וויל. ווי ער קומט קיין בבל, שעמט ער זיך זייער, וואָרום ער גייט אין צעריסענע קליידער. גייט ער אין דער ישיבה

אַריין, ווו די פיר הונדערט בחורים זיינען געווען, און זעצט זיך אונטער דעם אויוון. און גייט זיך גאָרניט צו דערקענען, אַז ער איז איין גרויסער לַמדן, וואָרום ער טראַכט זיך: „חָכמַת מִסכֵּן בְּזוּיָה״—די חכמה און די תּורה פון איין אָרעמאַן איז מְבוּזה.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט — דער נשיא פון דער ישיבה האָט געפרעגט די בחורים עטלעכע קשיות, דאָס זיי זאָלן אים ענטפערן. אָבער די בחורים האָבן אים גאָרניט פאַרשטאַנען. זאָגט ער צו זיי, דאָס זיי זאָלן זיך גוט איבערקלערן און זאָלן אים זאָגן איין תּירוץ אויף די קשיות. די בחורים זיינען אַהיים געגאַנגען, יעדערער האָט געוואָלט פאַר זיך אַליין קלערן. ווי עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, גייט זיך אַפּער דער אָרעמער בחור פון אונטער דעם אויוון און נעמט זיך די גמרא און זעצט זיך לערנען מיט חשק. ווי ער האָט אַזוי געלערנט, קומט צו אים אליהו הנביא און לערנט מיט אים כל תּורה כּוּלָה. ער האָט שוין מיין געקאָנט פאַר דעם נשיא פון דער ישיבה. נאָך דעם לערנען איז אליהו הנביא אַוועקגעגאַנגען. גייט דער בחור און שרייבט תּרוצים אויף אַלע קשיות, וואָס דער נשיא האָט גע־פרעגט זיינע תּלמידים, און לאָזט עס ליגן אויף דעם טיש און ער גייט זיך צוריק אונטערן אויוון. אינדערפרי, ווי דער נשיא קומט אין דער ישיבה אַריין, אַזוי געפינט ער אויף דעם טיש אַלע תּרוצים אויפגעשריבן. אַזוי פרעגט דער נשיא זיינע תּלמידים, ווער דאָס האָט אויפגעשריבן, אָבער זיי ווייסן ניט. און אויף דעם אָרעמען בחור, וואָס איז געלעגן אונטער דעם אויוון, איז זיי גאָרניט איינגעפאַלן, אַז ער זאָל עס האָבן אויפגעשריבן.

דעם אַנדערן טאָג האָט ווייטער דער נשיא געפרעגט נאָך שאַרפּערע קשיות און די בחורים האָבן ווייטער אָנגעהויבן צו קלערן, אָבער זיי האָבן עס גאָרניט פאַרשטאַנען. ווי די בחורים זיינען ווייטער געגאַנגען שלאָפן, אַזוי גייט ווייטער דער אָרעמער בחור פון אונטער דעם אויוון און שרייבט אויף תּרוצים אויף דעם טיש אויף אַלע קשיות, וואָס דער נשיא האָט געפרעגט. אינדערפרי, ווי דער נשיא איז אין דער ישיבה אַריין, דאָ געפינט ער ווייטער אויף דעם טיש תּרוצים אויפגעשריבן. ער פרעגט ווייטער, ווער עס האָט דאָס געטאָן, אָבער זיי ווייסן ניט. אַזוי זאָגט דער נשיא: „איך זע ווויל, אַז איך האָב ביי מיר איין גרויסן תּלמיד חכם, נאָר איך ווייס ניט. ווער ער איז״. דעם דריטן טאָג פרעגט ווייטער דער נשיא איין קשיא, וואָס דאָס איז געווען בנבואה. אויף דעם האָבן דאָך שוין די בחורים פּשיטָא קיין תּרוץ ניט געוווסט. אויך האָט דער נשיא געמאַכט אַ לאָך אין דער טיר פון דער ישיבה.

ווי די בחורים גייען אַלע אַהיים, עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, אַזוי גייט דער נשיא צו דער טיר פון דער ישיבה, אַזוי זעט ער דורך די לאָך, ווי דער אָרעמער בחור גייט אַרויס פון אונטערן אויוון און זעצט זיך לערנען. נאָך דעם לערנען זעט ער, ווי ער שרייבט אויף אַלע תּרוצים אויף דעם טיש, און נאָכדעם גייט ער זיך צוריק אונטער דעם אויוון. דאָס אַלץ האָט דער נשיא גוט געזען. אַזוי מאַכט זיך דער נשיא גאָרניט ווִיסנדיק און גייט אויך אַהיים און האַלט עס בסוד. אינדערפרי גייט דער נשיא אין דער ישיבה אַריין, זעט ער ווייטער, אַז עס איז אָנגעשריבן אויף דעם טיש די תּרוצים. ער פרעגט ווייטער, ווער עס האָט אויפגעשריבן, אָבער זיי ווייסן ניט. און דער נשיא מאַכט זיך גלייך ער ווייסט אויך גאָרניט. דערנאָך פרעגט זיי דער נשיא איין קשיא, ניט קיין שווערע. אַזוי זיינען זיי זיך שטאַרק מפַלפֵּל אין דעם. אָבער זיי ווייסן אויך ניט אויף דעם קיין שום תּירוץ ניט. אַזוי רופט דער נשיא דעם בחור, וואָס זיצט אונטער דעם אויוון, און זאָגט צו אים: „איך בין אויף

דיר גוזר, אַז דו זאָלסט אויף דער קשיא איין תירוץ זאָגן". אַזוי זאָגט דער בחור: „ליבער רבי, איך זע איר מאַכט פון מיר איין געלעכטער, איך קאָן ניט לערנען און איר הייסט מיר זאָגן איין תירוץ". אַזוי זאָגט צו אים דער נשיא נאָך איין מאָל: „זאָלסט וויסן, איך בין אויף דיר גוזר בְּחֵרֶם, אַז דו זאָלסט דעם תירוץ זאָגן". אַזוי זאָגט דער אָרעמער בחור באַלד איין תירוץ אויף זיין קשיא, וואָס ער האָט געפרעגט. און דערנאָך פרעגט ווייטער דער אָרעמער בחור זיי אַ קשיא, אָבער זיי האָבן עס ניט פאַרשטאַנען. אַזוי פרעגן זיי דעם נשיא, ווי אַזוי איז ער דאָס געוואָר געוואָרן, אַז דער אָרעמער בחור איז אַזאַ גרויסער למדן. אַזוי האָט זיי דער נשיא דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי אַרום ער איז עס געוואָר געוואָרן.

און דער נשיא האָט איין שיינע טאָכטער. אַזוי זאָגט ער צו דעם בחור, אַז ער זאָל זיין טאָכטער נעמען פאַר איין ווייב. אַזוי זאָגט צו אים דער בחור: „איין מאָל בין איך אייער טאָכ־טער ניט ווערט פאַר איין ווייב צו האָבן, צוויטנס בין איך שוין איין חתן". און ער פאַרציילט דעם נשיא זיין גאַנצע מעשה. אַזוי זאָגט דער נשיא צו דעם חתן: „דו מעגסט דאָ ביי מיר בלייבן, ווי לאַנג דו וועסט וועלן. עסן וועל איך דיר געבן". אַזוי פאַרבלייבט ער ביי דעם נשיא. איינמאָל דערמאָנט זיך דער בחור אָן זיין פאָטער און מוטער, אויך, אַז די צייט איז שוין באַלד פון זיין חתונה. אַזוי זאָגט ער צו דעם נשיא, אַז ער מוז שוין אַהיים פאָרן, און ער זעגנט זיך מיט דעם נשיא און פאָרט אַהיים. אַזוי באַגלייט אים דער נשיא מיט אַלע תּלמידים. צוויי מאָל איבער דעם וועג האָט זיי דער בחור געזאָגט דרשות. נאָך די צוויי מאָל האָבן זיי זיך מיט אים געזעגנט. זיי זיינען צוריק אַוועקגעגאַנגען און ער איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

ווי ער איז אַזוי געגאַנגען, קומט ער אין איין גרויסן וואַלד אַריין. גייט ער אין דעם וואַלד דריי טעג מיט דריי נעכט. ער איז שיר פאַר הונגער געשטאָרבן. ער האָט שוין ניט געהאַט קיין כּוח צו גיין. דערזעט ער איין בוים מיט שיינע עפּל. דערפרייט ער זיך, וואָרום ער וועט קענען אַביסל זיין הונגער שטילן. רייסט ער אָפּ עטלעכע עפּל און הייבט אָן צו עסן. ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו עסן, איז ער מצורע געוואָרן און ער האָט געהאַט גרויטע יסורים פון די קרעץ. ער ווינטשט זיך בעסער דעם טויט. גייט ער ווייטער, זעט ער איין עפּל־בוים. טראַכט ער זיך, איך וועל פּרווון צו עסן פון די עפּל, אפשר וועל איך גאָר פון די עפּל שטאַרבן, וואָרום עס איז מיר ליבער דער טויט ווי אַזאַ לעבן. נעמט ער איין עפּל פון דעם בוים און הייבט אָן צו עסן. איז ער באַלד צוריק געזונט געוואָרן און איז נאָך פיל שענער געוואָרן, ווי ער איז פריער געוועזן. טראַכט ער זיך, אַז דאָס האָט אים הש"י צוגעשיקט, ער זאָל פון דעם האָבן איין הילף. לויבט ער הש"י און גייט צוריק צו יענעם בוים און נעמט זיך מיט עטלעכע עפּל, און פון דעם בוים נעמט ער זיך אויך עטלעכע עפּל און גייט ווייטער. גייט ער פון דעם וואַלד אַרויס און קומט אין זיין מדינה, ניט ווייט פון זיין שטאָט. קומט ער אין דער שטאָט, וווּ דער מלך וווינט. זעט ער, ווי אַלע שטאָט־לייט זיינען שטאַרק טרויעריק. פרעגט ער זיי, פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי טרויעריק. זאָגן די שטאָט־לייט אים: „ליבער פריינד, מיר האָבן זייער איין גוטן קייסער. איז ער שטאַרק מצורע געוואָרן און האָט דערפון גרויסע יסורים. עס איז שוין געוועזן ביי אים פיל דאָקטוירים, אָבער זיי העלפן אים גאָר ניט. גאָט זאָל זיך איבער אים דערבאַרעמען". זאָגט דער בחור צו די שטאָט־לייט: „פירט מיך צום קייסער, איך פאַרהאָף מיט גאָטס הילף וועל איך אים העלפן, דאָס ער וועט באַלד געהיילט ווערן". זאָגן די שטאָט־לייט צו אים: „גאָטס וווּנדער איז זייער גרויס. אָבער מיר קענען

גאָר ניט גלויבן, דאָס איר זאָלט אים קענען היילן, וואָרום עס איז שוין געוועזן גרויסע דאָקטוירים און האָבן אים ניט געקענט העלפן. נאָר פונדעסטוועגן וועלן מיר אייך פירן צום קייסער, אפשר וועט איר אים העלפן". גייען זיי מיט אים צום קייסער.

ווי ער קומט אין קייסערס הויף אַריין, לאָזט ער זיך מעלדן, דאָס ער וועט דעם קייסער אויסהיילן דאָס צָרַעַת. פירט מען אים אַריין צום קייסער, דאָ בייגט ער זיך פאַר דעם קייסער. און דער קייסער זאָגט צו דעם בחור: „מיין ליבער הער דאָקטאָר, קענט איר אַייך אונטערנעמען מיך פון דעם צרעת אויסהיילן?" זאָגט צו אים דער בחור: „ווען דער קייסער וועט מיר פאָלגן, פאַרהאָף איך צו גאָט, דאָס איך וועל געוויס דעם קייסער העלפן". ווי דער קייסער הערט זיינע רייד, זאָגט ער צו אים: „ווען דער הער דאָקטאָר וועט מיר העלפן, וועל איך אַייך געבן מיין האַלב קעניגרייך, וואָרום דער טויט איז מיר שוין פיל בעסער ווי אַזוי צו לעבן". זאָגט דער בחור צום קייסער: „זייט זיכער, אַז איך וועל אַייך געוויס העלפן". גייט דער בחור אין אַן אַפּטייק אַריין און שניידט אָפּ איין שטיקל פון אַן עפּל, וואָס ער איז פון אים מצורע געוואָרן, און הייסט עס דעם אַפּטייקער איבערציען מיט צוקער, מ'ז זאָל עס ניט דערקאָנען. און גייט צוריק צום קייסער און גיט עס אים אויפעסן. אָבער ווי ער האָט עס נאָר אויפגעגעסן, איז ער געוואָרן נאָך מער מצורע, און האָט געהאַט פיל מער יסורים. זאָגט צו אים דער קייסער: „מיין הער דאָקטאָר, עס איז מיר נאָך פיל ערגער געוואָרן". זאָגט צו אים דער בחור: „מיין הער קייסער, איך האָב עס געטאָן, כדי איר זאָלט קענען גיך געהאָלפן ווערן. זייט זיכער, אַז עס וועט אַייך שוין געוויס בעסער ווערן". גייט ווידער דער בחור אין אַפּטייק אַריין און שניידט אָפּ אַ האַלבן פון דעם גוטן עפּל און הייסט עס איבערציען מיט צוקער. און גיט עס דעם קייסער אויפצועסן. און ווי דער קייסער האָט עס נאָר אויפגעגעסן, איז ער באַלד געהיילט געוואָרן און איז געוואָרן פיל שענער, ווי ער איז פריער געווען. איז דער קייסער און אַלע שטאָט־לייט שטאַרק פריילעך געוואָרן. זאָגט דער קייסער צום בחור: „הער דאָקטאָר, זאָגט וואָס איר פאַר־לאַנגט, אַזוי וועל איך אַייך באַלד געבן". זאָגט דער בחור צום קייסער: „איך פאַרלאַנג ניט מער פון אַייך נאָר די שטאָט, וווּ מיין פאָטער און מוטער זיצן, זאָל געהערן צו מיר פאַר אַ געשאַנק פון אַייך. וועט עס ביי מיר זיין גלייך ווי איר וואָלט מיר גע־שאָנקען אַייער האַלב קעניגרייך". אַזוי שענקט אים דער קייסער די שטאָט, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. און דער קייסער שיקט באַלד אַ ראַפּאָרט צום גובערנאַטאָר פון דער שטאָט, אַז די שטאָט זאָל געהערן צו אַ נייעם שר, וועלכער וועט באַלד אָנקומען. און ווי דער בחור פאָרט אַוועק פון קייסער, אַזוי גיט אים מיט דער קייסער פיר הונדערט רייטערס, אויך אַ גאָלדענע קייט אויף זיין האַלדז, און אַ גרויסע סומע געלט, און געזעגנט זיך מיט אים, און דאַנקט אים זייער שיין.

און ווי די עלטסטע פון דער שטאָט האָבן דערהערט, אַז זייער יונגער און נייער שר קומט אָן, זיינען זיי אַלע אים אַנטקעגן געפאָרן, און האָבן אים צוגענומען מיט גרויס כבוד און האָבן אים געגעבן גרויסע מתנות. אַזוי גייען די אָרעמע יידן אויך צום נייעם שר און ווילן אים אַ מתנה געבן. און דער רב פון דער שטאָט, וואָס האָט געזאָלט זיין דעם נייעם שרס שווער, גייט אויך מיט זיי מיט, אַז ער זאָל אַיין שתדלן זיין ביי דעם שר פאַר דעם קהל און פאַר כל־ישראל. זאָגט דער רב צום נייעם שר, מחמת ער האָט אים גאָר ניט דערקאָנט: „גנעדיקער הער, נעמט צו די קליינע מתנה פון די יידן. און מיר בעטן דעם נייעם שר, דאָס ער זאָל זיך מיט אונדז באַגיין אַזוי ווי אַ פאָטער מיט אַ קינד". נעמט צו דער שר די מתנה, און זאָגט זיי,

אַז ער וועט זיין אַיין גוטער צו זיי. און ווי דער שר קוקט זיך אום, אַזוי דער־זעט ער זיין אַלטן פּאָטער אויך צווישן די יידן שטיין אין צעריסענע קליידער. זאָגט דער שר צום רב און צו אַלע יידן: „ווייסט איר וואָס: איך בין געוואָרן רייך. איך זע, אַז דער אַלטער ייד, וואָס גייט אין צעריסענע קליידער, איז שטאַרק נויטבאַדערפטיק, דרום בעט איך אייך, גיט אים די מתנה. איך וועל אַזוי אויך זיין פּאַר אייערטוועגן אַיין גוטער". אַזוי פאַלגן זיי אים, און מען האָט באַלד די מתנה געגעבן דעם אַלטן מאַן. אויך זאָגט דער שר צום רב: „ווייסט איר וואָס איך וועל אייך בעטן: ווען עס וועט זיין אין שטאָט אַ חתונה, זאָלט איר מיר צו וויסן טאָן, ווען די חופה וועט זיין. וועל איך זיין ביי דער חופה, וואָרום איך בין שטאַרק צופרידן, ווען איך בין ביי אַיין חופה". זאָגט צו אים דער רב: „די וואָך מאַך איך חתונה מיין טאָכטער. אַזוי, אויב דער שר וועט וועלן, וועל איך אייך צו וויסן טאָן, ווען די חופה וועט זיין". זאָגט אים דער שר, דאָס ער וויל זיין ביי דער חופה. געזעגנט זיך דער רב און כל־הקהל מיט אים און גייען אַהיים, און פרייען זיך שטאַרק, וואָס השי"ת האָט זיי צוגעשיקט אַיין גוטן שר.

און דער רב הייבט זיך אָן מכין צו זיין אויף דער חתונה. אָבער דעם שרס פּאָטער האָט נעבעך גרויסע יסורים, וואָס דער זון איז פאַרלאָרן געוואָרן. ער טראַכט זיך: ווער ווייסט, אויב ער לעבט נאָך?

און ווי עס איז געקומען די צייט פון דער חופה, אַזוי שיקט מען נאָך דעם שר. טוט זיך דער שר אָן זיינע שענסטע מלבושים און גייט צו דער חופה. אַזוי האָט אים די גאַנצע שטאָט געמאַכט אַיין אָרט, דאָס ער זאָל קענען שטיין לעבן דער חופה. ווי דער שר איז געקומען צו דער חופה, וויל דער חתן מקדש זיין די כלה, זאָגט צו אים דער שר: „וואַרט, איך דאַרף עפּעס זאָגן!" אַזוי בלייבן זיי אַלע שטיל. זאָגט דער שר: „זייט וויסן אַז די כלה איז מיין".

און ער גיט זיך צו דערקאָנען, אַז ער איז דער רביצינס שוועסטערן זון. און ער דערציילט זיי זיין גאַנצע מעשה, ווי אַזוי עס האָט זיך מיט אים געפירט.

אַזוי מוז יענער חתן פון דער חופה אַפּוועקגיין.

און ער האָט דעם רבס טאָכטער מקדש געווען און זיי לעבן ווויל און זיי האָבן קינדער און קינדס קינדער און די שטאָט פאַרבלייבט זייער אויף אייביק.

פון דער מעשה זאָל זיך איטלעכער אַ מוסר אַרויסנעמען, דאָס ער זאָל זיין בטחון האָבן צו גאָט ב"ה, וועט אים השי"ת בוודאי העלפן. השי"ת זאָל אונדז אויך העלפן. אָמן.

פון דעם בוך „ספורי הפלאות".



פאָלקסלידער.

* * *

איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשה,
די מעשה איז זייער פריילעך:
די מעשה הייבט זיך אָנעט
מיט אַ יידישן מלך.
דער יידישער מלך האָט געהאַט אַ בת־
יחידה,
דאָס מיינט מען אונדזער תּורה.
כּל אַלפים שנה, אַלע טויזנט יאָר
איז דער מלך געפאָרן
מיט איר אַ שידוך טאָן.
איז ער געקומען צו דער אומה פּריצים,
האָבן זיי אים געענטפערט פאַלשע תּרוצים.
פון די פאַלשע תּרוצים
האָט דער בורא אָנגעהויבן צו זידן;
איז געקומען אליהו הנביא,
האָט די תּורה נאַרייעט די יידן.
די תּורה איז די יידן זייער געפעלן, —
אין דריי טעג אַרום די חופּה צו שטעלן.

פון דער זאַמלונג ש. גינזבורג און פּ. מאַרעק.

* * *

טרערן גיסן זיך אין די גאַסן,
אין קינדערשע בלוט קען מען זיך וואַשן.

געוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג, —
צי דען וועט קיין מאָל ניט ווערן טאָג?

קליינע עופהלעך רייסט מען פון חדר,
מע טוט זיי אָן יוונישע קליידער.

אונדזערע פּרנסים, אונדזערע רבנים
העלפן נאָך אָפּצוגעבן זיי פאַר יוונים.

ביי זושע ראַקאָווער זיינען דאָ זיבן בנים,
איז פון זיי ניט איינער אין יוונים.

נאָר לאה די אַלמנהס איינציקעס קינד
איז אַ כּפּרה פאַר קהלשע זינד.

עס איז אַ מצווה אָפּצוגעבן פּראָסטאַקעס,
שוסטער, שניידער זיינען דאָך ליידאַקעס.

קרעציקע חייציקלעך פון אַ משפּחה
אַ שיינער
טאָר ביי אונדז ניט אַוועקגיין ניט איינער.

פון דער זאַמלונג ש. גינזבורג און פּ. מאַרעק.

ליד פון דער מאָביליזאַציע*).

דעם ערשטן טאָג פון דער מאָביליזאַציע
איז געוואָרן אַ טומל און אַ גרויס געוויין,
דעם צווייטן טאָג פון דער מאָביליזאַציע
זיינען אַלע פאַבריקן געבליבן שטיין.

גרויסער גאָט, אוי, גאָט אין הימל,
וואָס האָסטו אָנגעשיקט אַזאַ מין שטראָף,
מע נעמט צונויף אַ וועלט מיט מענטשן,
און מע טרייבט זיי ווי די שאָף.

אוי, ווי דעם פאָטער, אוי, ווי דער
מוטער,
ווער עס האָט אַ זון אַ זאַפּאַסנאָי,
מע טוט אים אָן די סאָלדאַטסקע קליי־
דער
און מע שיקט אים גלייך אין באָי.

ווי מיר זיינען צום וואָקזאַל געקומען,
אויפן פלאַצפאָרמע זיינען מיר געבליבן
שטיין
זייט מיר געזונט, מיינע טרייע עלטערן,
גאָט ווייס, צי מיר וועלן קומען אַהיים!

ווי מיר זיינען אין וואַגאָן אַריין,
געזעגנט האָבן מיר זיך פאַר די הענט,
איידער מיר זיינען צום פּאָזיציע גע־
קומען —
דריי מאָנאַטן אין איין העמד...

*) געשאַפן אין דער צייט פון דער וועלט־
מלחמה.

ווי מיר זיינען צום פּאָזיציע געקומען,
זיין מיר ביי די אָקאָפּעס געבליבן שטיין,
אַ סנאַריאַד איז פּאַרבייגעלאָפן,
איך ליג שוין עלנט ווי אַ שטיין.

אין פעלד צו ליגן איז זייער ביטער,
ביטער, מאַמעניו, אוי, ווי דער טויט,
איידער דער סאַניטאַר איז צו מיר
געקומען,
טייכן בלוט איז פון מיר אַרויס.

ווי דער סאַניטאַר איז צו מיר געקו-
מען,
אַ פּערעוויאַזקע האָט ער מיר געמאַכט,
וויפל שמערצן איך האָב פאַרליטן,
איידער מ׳האָט מיר אין לאַזאַרעט גע-
בראַכט.

ווי מ׳האָט מיר אין לאַזאַרעט געבראַכט,
ליגן ליג איך טויט ווי די וואַנט,
איך וואָלט דאָך וועלן אַ בריוועלע
שרייבן,
נאָר פעלן פעלט מיר די רעכטע האַנט.

די רעכטע האַנט האָט מען מיר אַראָפּ-
גענומען,
צום פּאָזיציע וועל איך מער ניט גיין,
איך וואָלט דיר וועלן אַ בריוו אָפּשרייבן,
אַז אינגיכן וועל איך קומען אַהיים.

די מאַמע האָט דעם בריוו געלעזן,
געשלאָגן האָט זי זיך קאָפּ אָן וואַנט.
וויפל טרערן זי האָט פאַרגאָסן,
ווען זי דערזעט דעם זון אָן די רעכטע
האַנט.

אָן די רעכטע האַנט איז זייער ביטער,
ביטער, מאַמעניו, אוי, ווי דער טויט,
איך וואָלט וועלן אַרויסגיין אין גאַס
פאַרדינען
אויף מיין שטיקל טרוקן ברויט.

פון דער זאַמלונג „ביים קוואַל“ 2-טער ב.

* * *

אַף די גרינע פעלדער, וועלדער,
וויי וויי!
אַף די גרינע פעלדער, וועלדער
ליגט מיט קוילן באַדעקט אַ זעלנער,
וויי וויי!
ליגט מיט קוילן באַדעקט אַ זעלנער.

און זיין קערפּער איז אים צעריסן,
וויי וויי!
און זיין קערפּער איז אים צעריסן,
פון זיינע וווּנדן טוט בלוט פליסן,
וויי וויי!
פון זיינע וווּנדן טוט בלוט פליסן.

נישט קיין אָרון און נישט קיין מיטה,
וויי וויי!
נישט קיין אָרון און נישט קיין מיטה,
נישט קיין פאָטער און נישט קיין מוטער,
וויי וויי!
נישט קיין פאָטער און ניט קיין מוטער.

נאָר דאָס פערד דאָס געטרייע,
וויי וויי!
נאָר דאָס פערד דאָס געטרייע —
דאָס באַגלייט אים צו דער לוויה.
זויי וויי!
דאָס באַגלייט אים צו דער לוויה.

נישטאָ ווער עס זאָל נאָך אים אַ קדיש זאָגן,
וויי וויי!
נישטאָ ווער עס זאָל נאָך אים אַ קדיש זאָגן
און נישטאָ ווער עס זאָל נאָך אים אַ ליכט
אָפּטראָגן,
וויי וויי!
נישטאָ ווער עס זאָל נאָך אים אַ ליכט
אָפּטראָגן.

קוטט אַ פויגל אָן צופליען,
וויי וויי!
קומט אַ פויגל אָן צופליען

אויף זיין קבר זיך אָפּרוען,
ווי ווי!
אויף זיין קבר זיך אָפּרוען.

אוי, דו וואָראָן, שוואַרצער פויגל,
ווי ווי!
אוי, דו וואָראָן, שוואַרצער פויגל,
באַ דיר די הענט, לאָז אָפּ די אויגן,
ווי ווי!
באַ דיר די הענט, לאָז אָפּ די אויגן.

אוי, דו פויגל, פלי געשווינד,
ווי ווי!
אוי, דו פויגל, פלי געשווינד,
און זאָג אָן די מאַמען, אַז איך בין געזונט.
ווי ווי!
און זאָג אָן די מאַמען, אַז איך בין געזונט!

פון דעם טויט זאָלסטו איר נישט זאָגן,
ווי ווי!
פון דעם טויט זאָלסטו איר ניט זאָגן,
ווייל זי וועט נעבאַך וויינען און קלאָגן,
ווי ווי!
ווייל זי וועט נעבאַך וויינען און קלאָגן.

קומט דער פויגל צופליען אַהיים,
ווי ווי!
קומט דער פויגל צופליען אַהיים
און טרעפט די מאַמען טרויעריק שטיין.
ווי ווי!
און טרעפט די מאַמען טרויעריק שטיין,

ווייל זי דענקט אָן איר זון באַשטענדיק,
ווי ווי!
ווייל זי דענקט אָן איר זון באַשטענדיק,
אפשר איז ער נאָך לעבעדיק.
ווי ווי!
אפשר איז ער נאָך לעבעדיק.

ווען דאָס זאַמד וועט ווערן צערונען,
ווי ווי!
ווען דאָס זאַמד וועט ווערן צערונען,
וועט איר זון פון קריג אַהיים קומען,
ווי ווי!
וועט איר זון פון קריג אַהיים קומען.

אוי, קיין זאַמד עס וועט נישט צערינען,
ווי ווי!
אוי, קיין זאַמד עס וועט נישט צערינען,
זי האָט נישט קיין זון, ער וועט נישט קומען,
ווי ווי!
זי האָט נישט קיין זון, ער וועט נישט קומען.

פון דער זאַמלונג — „ביים קוואַל“ 2־טער ב.

פֿאָטמען.

גדעון—דער שופט פון ישראל.

(פונם יידישן הערײשן עפּאָס)

א.

א) און די בני=ישראל האָבן געטאָן שלעכטס אין יהוהס אויגן, האָט זיי יהוה
איבערגעגעבן אין די הענט פון מדין זיבן יאָר. (ב) און ס׳האָט זיך געשטאַרקט די
האַנט פון מדין איבער ישראל; האָבן די בני=ישראל (זיך צו באַהאַלטן פון מדין) גע=
מאַכט פאַר זיך שפּאַלטן אין די בערג און היילן און פעסטונגען. ג) און ס׳איז גע=
ווען, בעת ישראל האָט געזייט, איז געקומען מדין און עמלק און די בני=קדם און
זיי זיינען אויף אים אָנגעפאַלן. ד) און זיי האָבן זיך קעגן זיי געלאַגערט און זיי
האָבן פאַרדאָרבן די פרוכט פונם לאַנד ביזן אָנקומען קיין עזה, און זיי האָבן ניט
איבערגעלאָזט קיין דערנערונג פאַר ישראל און קיין שאָף, קיין אָקס און קיין אייזל.
(ה) וואָרום זיי זיינען אויפגעגאַנגען מיט זייערע פי און געצעלטן; אַזוי פיל ווי היי=
שעריקן זיינען זיי אָנגעקומען, אי זיי, אי זייערע קעמלען—אָן אַ צאָל. און זיי זיינען גע=
קומען אין דאָס לאַנד, דאָס צו פאַרדאַרבן. (ו) און ישראל איז זייער פאַראָרעמט געוואָרן
צוליב מדין, האָבן די בני ישראל געשריען צו יהוה. (ז) און עס איז געווען, אַז די
בני=ישראל האָבן געשריען צו יהוה צוליב מדין, (ח) האָט יהוה געשיקט אַ מאַן אַ נביא
צו די בני=ישראל, און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט
פון ישראל, איך האָב אייך אַרויסגעבראַכט פון מצרים און האָב אייך אַרויסגעצויגן
פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט (ט) און איך האָב אייך געראַטעוועט פון דער האַנט
פון מצרים און פון דער האַנט פון אַלע אייערע באַצווינגער און איך האָב זיי פאַר=
טריבן פון אייך און אָפּגעגעבן אייך זייער לאַנד. י) און איך האָב צו
אייך געזאָגט: איך בין יהוה, אייער גאָט, איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַר די געטער
פון אֶמורי, וואָס איר זיצט אין זייער לאַנד; אין איר האָט ניט געהאָרכט צו מיין קול!
(יא) און עס איז געקומען אַ מלאך פון יהוה און האָט זיך געזעצט אונטער דעם
אייכל=בוים, וואָס אין עפרה, וואָס געהערט צו יואש דעם אביעזר,—און זיין זון
גדעון דרעשט ווייץ אינם קעלטער, כדי זיך צו פאַרבאָרגן פון מדין. (יב) האָט
זיך דער מלאך פון יהוה צו אים באַוויזן און האָט צו אים געזאָגט: יהוה איז מיט
דיר, דו העלדישער מאַן! (יג) האָט גדעון צו אים געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר,
איז יהוה מיט אונדז, פאַרוואָס זשע האָט אונדז דאָס אַלץ געטראָפן; און ווו זיינען אַלע
זיינע וואונדער, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן אונדז דערציילט אַזוי צו זאָגן: יהוה האָט
דאָך אונדז אַרויסגעבראַכט פון מצרים; און איצט האָט אונדז יהוה פאַרלאָזן און ער
האָט אונדז אָפּגעגעבן אין דער האַנט פון מדין. (יד) און יהוה האָט זיך צו אים גע=
ווענדעט און געזאָגט: גיי מיט דעם דאָזיקן כח דיינעם און דו וועסט העלפן
ישראל פון דער האַנט פון מדין, איך האָב דיך געשיקט. (טו) האָט ער צו אים
געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר, מיט וואָס וועל איך העלפן ישראל? מיין משפחה
איז דאָס אָרעמסטע אין מנשה און איך בין דער ייִנגסטער אין פאָטערס הויז. (טז) האָט
יהוה צו אים געזאָגט: אַז איך וועל מיט דיר זיין, וועסטו שלאָגן מדין, ווי איין מענטשן.
(יז) האָט ער צו אים געזאָגט: „כ׳בעט דיך, אויב איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן,
זאָלסטו מיר מאַכן אַ צייכן, אַז דו רעדסט מיט מיר. (יח) טרעט ניט אָפּ פון דאַנען, ביז

איך וועל קומען צו דיר און איך וועל אַרויסברענגען מיין געשענק און אַנידערלייגן עס פאַר דיר"! און ער האָט געזאָגט: איך וועל זיצן ביז דו וועסט זיך צוריקקערן. יט) און גדעון איז געקומען און האָט צוגעגרייט אַ בעקעלע און פון אַ מאָס מעל—מצות; דאָס פלייש האָט ער אַריינגעטאָן אין אַ קאָרב, און דאָס געקעכטס האָט ער אַריינגעטאָן אין אַ טאָפּ; און ער האָט עס אַרויסגעבראַכט צו אים אונטער דעם אייכלבוים, און ער האָט זיך צו אים גענעענט. (כ) האָט צו אים געזאָגט דער מלאך פון גאָט: נעם דאָס פלייש און די מצות און לייג עס אויף יענעם פעלז און דאָס געקעכטס גיס אויס; האָט ער אַזוי געטאָן. (כא) און דער מלאך פון יהוה האָט אויסגעשטרעקט דעם עק פון דעם לעענשטאָק, וואָס אין זיין האַנט, און ער האָט אָנגערירט דאָס פלייש און די מצות; איז אויפגעגאַנגען אַ פייער פון פעלז און האָט פאַרצערט דאָס פלייש און די מצות, און דער מלאך פון יהוה איז פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן. (כב) האָט גדעון געזעען, אַז ער איז אַ מלאך פון יהוה, האָט גדעון געזאָגט: אָ ווי׳, יהוה, מיין גאָט! אַלזאָ האָב איך געזעען א מלאך פון יהוה פנים אל פנים! (כג) האָט יהוה צו אים געזאָגט: פריד צו דיר, זאָלסט ניט מורא האָבן, דו וועסט ניט שטאַרבן. (כד) און גדעון האָט דאָרט אויסגעבויט אַ מזבח צו יהוה, און ער האָט אים אָנגערופן—"יהוה שלום"; ביז צו דעם היינטיקן טאָג איז ער נאָך אין עפרה, וואָס געהערט צו אביעזרי. (כה) און עס איז געוועזן אין יענער נאַכט האָט צו אים יהוה געזאָגט: נעם דעם יונגן אָקס, וואָס ביי דיין פאָטער און דעם צווייטן אָקס דעם זיביאָריקן, און דו זאָלסט צעשטערן דעם מזבח פון בעל, וואָס ביי דיין פאָטער, און דעם לינדנבוים, וואָס אויף אים, זאָלסטו אַרונטערשניידן. (כו) און דו זאָלסט אויסבויען אַ מזבח צו יהוה דיין גאָט אויפן שפיץ פון דער דאָזיקער פעסטונג אויפן גלייכן אָרט און דו זאָלסט נעמען דעם צווייטן אָקס און ברענגען אַ בראַנדאָפּפער אויף דעם האָלץ פון די לינדנביימער, וואָס דו וועסט אַראָפּשניידן. (כז) און גדעון האָט גענומען צען מאַן פון זיינע קנעכט און ער האָט געטאָן, ווי יהוה האָט צו אים גערעדט; און עס איז געוועזן, אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין פאָטערס הויזגעזינט און פאַר די שטאָט־לייט צו טאָן דאָס בייטאָג, האָט ער דאָס געטאָן ביינאַכט. (כח) און די שטאָטלייט זיינען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, ערשט—דער מזבח פון בעל איז צעשטערט און דער לינדנבוים, וואָס איבער אים—איז אַראָפּגעשניטן, און דער צווייטער אָקס איז געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן אויפן אויסגעבויטן מזבח. (כט) האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: ווער האָט די דאָזיקע זאַך געטאָן? און זיי האָבן נאָכגעפאָרשט און געזוכט און זיי האָבן געזאָגט: גדעון בן יואש האָט געטאָן די דאָזיקע זאַך! (ל) און די שטאָטלייט האָבן געזאָגט צו יואשן: ברענג אַרויס דיין זון, ער זאָל געטויט ווערן, ווייל ער האָט צעשטערט דעם מזבח פון בעל און ווייל ער האָט אַראָפּגעשניטן דאָס וועלדל, וואָס איבער אים. (לא) האָט יואש געזאָגט צו אַלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען איבער אים: איר ווילט זיך דען קריגן פאַרן בעל? איר וועט אים דען העלפן? ווער עס וועט זיך פאַר אים קריגן, זאָל געטויט ווערן ביז פרימאָרגן! אויב ער איז אַ גאָט, זאָל ער זיך אַליין פאַר זיך קריגן, וואָס מע האָט צעשטערט זיין מזבח! (לב) און מע האָט אים אין יענעם טאָג אָנגערופן ירובעל, אַזוי צו זאָגן, זאָל בעל זיך מיט אים קריגן, ווייל ער האָט צעשטערט זיין מזבח.

(לג) און גאַנץ מדין, און דער עמלק און די בני־קדם האָבן זיך צונויפגעזאַמלט איניינעם, און זיי האָבן דורכגעצויגן (דאָס לאַנד) און האָבן זיך געלאַגערט אינם טאָל יזרעאל (לד) און יהוהס גייסט האָט אָנגעקליידט גדעונען, און ער האָט

געבלאָזן אין שופר און די משפחה אביעזר האָט זיך פאַרזאַמלט הינטער אים. (לה) און ער האָט געשיקט שלוחים דורך גאַנץ מנשה. האָט ער (מנשה) זיך אויך פאַרזאַמלט הינטער אים; געשיקט האָט ער אויך שלוחים צו אשר, צו זבלון און צו נפתלי, זיינען זיי אויך געקומען קעגן זיי. (לו) און גדעון האָט געזאָגט צו גאָט: — אויב דו ווילסט העלפן ישראלן דורך מיין האַנט, ווי דו האָסט גערעדט—(לז) איז אָט שטעל איך די אָפּגעשאָרענע וואָל אינם שייער; אויב דער טוי וועט זיין נאָר אויף דער וואָל אַליין, און אויף דער גאַנצער ערד— טריקעניש, וועל איך וויסן, אַז דו וועסט העלפן ישראלן דורך מיין האַנט, ווי דו האָסט גערעדט. (לח) און אַזוי איז געווען. ער האָט זיך געפעדערט אויף מאָרגן און ער האָט גענומען אויס־דריקן די וואָל, האָט ער אויסגעדריקט דעם טוי פון דער וואָל א פולן בעקן וואַסער. (לט) און גדעון האָט געזאָגט צו גאָט: לאָז דיין צאָרן ניט גרימען קעגן מיך, איך וועל ריידן נאָר דעם מאָל, איך וויל נאָך פרוּוון נאָר איין מאָל: לאָז זיין טרוקן אויף דער וואָל אַליין און אויף דער גאַנצער ערד לאָז זיין טוי. (מ) האָט גאָט יענע נאַכט אַזוי געמאַכט: עס איז געווען טריקעניש אויף דער וואָל אַליין און אויף דער גאַנצער ערד איז געווען טוי.

ב.

א) און ירבעל, דאָס איז גדעון, האָט זיך געפעדערט צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק, וואָס מיט אים, און זיי האָבן געלאַגערט ביים קוואַל חרד. און די מחנה פון מדין איז געווען אין טאָל צו צפון פון דעם באַרג מורה. ב) און יהוה האָט געזאָגט צו גדעון: צו גרויס איז דאָס פאָלק, וואָס איז מיט דיר, איך זאָל איבערגעבן מדין אין זייער האַנט, טאָמער וועט זיך ישראל רימען קעגן מיך, אַזוי צו זאָגן: מיין האַנט האָט מיר געהאָלפן. (ג) רוף אַלזאָ אויס אין די אויערן פונם פאָלק אַזוי צו זאָגן: „ווער עס האָט מורא און ציטערט, זאָל זיך צוריקקערן און אַראָפּאיילן פונם באַרג גלעד". און עס האָבן זיך אומגעקערט פונם פאָלק צוויי און צוואַנציק טויזנט און צען טויזנט זיינען געבליבן. (ד) און יהוה האָט געזאָגט צו גדעון: דאָס פאָלק איז נאָך אַלץ צו גרויס, מאַך זיי אַראָפּנידערן צום וואַסער און איך וועל זיי דיר דאָרט לייטערן; עס וועט זיין: דער, וואָס איך וועל זאָגן צו דיר: ער זאָל גיין מיט דיר—יענער זאָל גיין מיט דיר, און איטלעכער, וואָס איך וועל זאָגן צו דיר; דער זאָל ניט גיין מיט דיר—יענער זאָל ניט גיין. (ה) און ער האָט געמאַכט אַראָפּנידערן דאָס פאָלק צום וואַסער. און יהוה האָט געזאָגט צו גדעון: איטלעכן, וואָס וועט לעקן מיט זיין צונג פונם וואַסער אַזוי ווי עס לעקט אַ הונט, זאָלסטו אים אָוועקשטעלן באַזונדער, און איטלעכן, וואָס וועט קניען אויף זיינע קני צו טרינקען—באַזונדער. (ו) און ס'איז געווען די צאָל פון די, וואָס האָבן געלעקט פון דער האַנט צום מויל—דריי הונדערט מאַן, און דאָס גאַנצע איבעריקע פאָלק האָבן געקניט אויף זייערע קני צו טרינקען וואַסער. (ז) און יהוה האָט געזאָגט צו גדעונען: דורך די דריי הונדערט מאַן, וואָס האָבן געלעקט, וועל איך אייך העלפן, און איך וועל אָפּגעבן מדין אין דיין האַנט, און דאָס (איבעריקע) פאָלק זאָל גיין איטלעכער אויף זיין אָרט. (ח) און זיי, (די אויסגע־ווילטע), האָבן גענומען די שפּייז פונם פאָלק אין זייער האַנט און זייערע שופרות, און יעדן איבעריקן מאַן פון ישראל האָט ער אַוועקגעשיקט איטלעכן אין זיין געצעלט, באַר די דריי הונדערט מאַן האָט ער פאַרהאַלטן.

און די מחנה פון מדין איז געווען אונטער אים אין טאָל.

(ט) אין יענער נאַכט האָט יהוה צו אים געזאָגט: שטיי אויף, נידער אַראָפּ אין דער מחנה, ווייל איך האָב זי אָפּגעגעבן אין דיין האַנט. (י) און אויב דו האָסט מורא אַראָפּצונידערן, גיי אַראָפּ דו מיט פֻּרה דיין יונג צו דער מחנה. (יא) און דו וועסט הערן, וואָס זיי וועלןריידן, דאַן וועלן זיך שטאַרקן דיינע הענט, און דו וועסט אַראָפּנידערן צו דער מחנה. האָט ער אַראָפּגענידערט, ער און פּרה זיין יונג צום ראַנד פון די באַוואָפנטע, וואָס אין דער מחנה. (יב) און מדין און עמלק און אַלע בני־קדם האָבן באַלאַגערט דעם טאָל אַזוי ווי היישעריקן, און צו זייערע קעמלען איז קיין צאָל ניט געווען, ווי דער זאַמד אויפן ברעג פונם ים—אַזוי פיל. (יג) און גדעון איז אַהין געקומען, ערשט אַ מאַן דערציילט זיין חבר אַ חלום; און ער האָט געזאָגט: זע, מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום: אָט קייקלט זיך אַ גערשטן־ברויט אין מדינס מחנה און (דאָס ברויט) איז געקומען ביז צום געצעלט און האָט עס געשלאָגן, איז עס איינגעפאַלן און (דאָס ברויט) האָט עס איבערגעקערט. און געפאַלן איז דאָס געצעלט. (יד) האָט אים זיין חבר געענטפערט און געזאָגט: ניט אַנדערש דאָס איז דאָס שווערד פון גדעון בן יואש, דעם מאַן פון ישראל; גאָט האָט אָפּגעגעבן אין זיין האַנט מדין און די גאַנצע מחנה. (טו) און ווי נאָר גדעון האָט דערהערט די דערציילונג פון דעם חלום און זיין פּתרון, האָט ער זיך געבוקט צו (יהוה) און ער האָט זיך אומגעקערט צו דער מחנה פון ישראל און געזאָגט: שטייט אויף! וואָרום יהוה האָט איבערגעגעבן אין אייערע הענט מדינס מחנה! (טז) און ער האָט צעטיילט די דריי הונדערט מאַן אין דריי אָפּטיילונגען און ער האָט געגעבן איטלעכן אין דער האַנט שופרות און ליידיקע קריג און פאַקלען אין די קריג. (יז) און ער האָט צו זיי געזאָגט: קוקט אויף מיר און טוט אויך אַזוי; אָט קום איך צום ראַנד פון דער מחנה, איז ווי איך וועל טאָן, אַזוי זאָלט איר טאָן. (יח) און איך וועל בלאָזן אין שופר, איך און אַלע וואָס מיט מיר, זאָלט איר אויך בלאָזן אין די שופרות אַרום און אַרום אין דער גאַנצער מחנה, און איר זאָלט אויסרופן: „צו יהוה און צו גדעון"!.

(יט) און גדעון איז געקומען און די הונדערט מאַן וואָס מיט אים צום ראַנד פון דער מחנה אין אָנהייב פון מיטלסטן נאַכט־משמור, ערשט אָקאָרשט האָבן זיי אַוועקגעשטעלט די שומרים. און זיי האָבן געבלאָזן אין די שופרות און צעבראָכן די קריג, וואָס אין זייער האַנט. (כ) און די דריי אָפּטיילונגען האָבן אויך געבלאָזן אין די שופרות און צעבראָכן די קריג; אין זייער לינקער האַנט האָבן זיי געהאַלטן די פאַקלען און אין זייער רעכטער האַנט—די שופרות צום בלאָזן, און זיי האָבן אויסגערופן: „דאָס שווערד פון גאָט און פון גדעון"! (כא) און זיי זיינען געשטאַנען איטלעכער אויף זיין אָרט אַרום דער מחנה, האָט די גאַנצע מחנה גענומען לויפן און זיי האָבן געשריען און זיינען אַנטלאָפן. (כב) און עס האָבן געבלאָזן די דריי הונדערט שופרות און יהוה האָט געמאַכט דעם שווערד פון איינעם קעגן דעם אַנדערן אין דער גאַנצער מחנה. איז די מחנה אַנטלאָפן ביז בית־השטאָ אין צררתה, ביז דעם ברעג פון אָבל מחולה ביי טבָּת.

(כג) און ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט די מענער פון ישראל, פון נפתּלי, פון אשר און פון גאַנץ מנשה און זיי האָבן נאָכגעיאָגט דעם מדין. (כד) און גדעון האָט געשיקט שלוחים איבערן גאַנצן באַרג אפרים אַזוי צו זאָגן: נידערט אַראָפּ אַנטקעגן מדין און פאַרצאַמט פון זיי דאָס וואַסער ביז בית־ברה און דעם ירדן. (כה) און עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די מענער פון אפרים און זיי האָבן פאַרצאַמט דאָס וואַסער ביז בית־ברה און דעם ירדן. און זיי האָבן געפאַנגען די צוויי פירשטן פון מדין עורב און זאב; און זיי האָבן

געטויט עורבן אין „צור=עורב‟ און זאבן האָבן זיי געטויט אין „יקב=זאב‟, און זיי האָבן נאָכגעיאָגט דעם מדין; און די קעפּ פון עורב און זאב האָבן זיי געבראַכט צו גדעונען פון יענער זייט ירדן...

ג.

(א) און די מענער פון אפרים האָבן צו אים געזאָגט: וואָס האָסטו דאָס אונדז געטאָן? ניט צו רופן אונדז, ווען דו ביסט געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט מדין? און זיי האָבן זיך מיט אים שטאַרק געקריגט. (ב) האָט ער צו זיי געזאָגט: וואָס האָב איך איצט געטאָן אין פאַרגלייך מיט אייך? איז דען ניט די נאָכקלייבונג פון אפרים בעסער פאַר דער גאַנצער וויינזאַמלונג פון אביעזר? אין אייער האַנט האָט גאָט איבערגעגעבן די פירשטן פון מדין עורב און זאב. און וואָס האָב איך געקאָנט טאָן אַזוינס ווי איר? דענסטמאָל איז זייער געמיט שטיל געוואָרן קעגן אים, ווען ער האָט גערעדט דידאָזיקע זאַך.

(ד) און גדעון איז געקומען צום ירדן און ער איז אַריבער, ער און די דריי הונדערט מאַן וואָס מיט אים, מידע און נאָכיאָגנדיקע.

(ה) און ער האָט געזאָגט צו די מענער פון סוכות: גיט, איך בעט אייך, עט־לעכע לאַבנס ברויט דעם פאָלק, וואָס גייט מיט מיר. וואָרום זיי זיינען מיד, און איך יאָג נאָך זבח און צלמנע, די מלכים פון מדין. (ו) האָבן די פירשטן פון סוכות געזאָגט: איז דען די האַנט פון זבח און צלמנע שוין אין דיין האַנט, אַז מיר זאָלן געבן דיין חיל ברויט? (ז) האָט גדעון געזאָגט: דערפאַר אַז יהוה וועט אָפּגעבן זבח און צלמנע אין מיין האַנט, וועל איך דרעשן אייער פלייש מיט די דערנער פון מדבר און מיט ברענענדיקע שטאַכלען. (ח) און ער איז אַרויף פון דאָרטן קיין פנואל און ער האָט גערעדט צו זיי דאָסזעלביקע; האָבן אים די מענער פון פנואל געענטפערט אַזוי ווי עס האָבן אים געענטפערט די מענער פון סוכות. (ט) האָט ער אויך צו די מענער פון פנואל געזאָגט אַזוי צו זאָגן: ווען איך וועל צוריקקערן בשלום, וועל איך צעשטערן דעמדאָזיקן טורעם. (י) און זבח און צלמנע זיינען אין קרקר און זייער מחנה מיט זיי, אַן ערך פופצן טויזנט, אַלע וואָס זיינען איבערגעבליבן פון דער גאַנצער מחנה פון די בני=קדם; און די געפאַלענע (זיינען געווען) הונדערט צוואַנ־ציק טויזנט מאַן, וואָס האָבן געקאָנט ציען דאָס שווערד. (יא) און גדעון איז אַרויפ־געגאַנגען אויף דעם וועג פון די, וואָס וווינען אין געצעלטן, פון דער מזרח=זייט פון נובח און יָגבהה און ער האָט צעשלאָגן די מחנה; און די מחנה איז געווען זיכער, (אַז דער שונא וועט ניט קומען). (יב) און זבח און צלמנע זיינען אַנטלאָפן און ער האָט זיי נאָכגעיאָגט.

און ער האָט געפאַנגען די צוויי קיניגן פון מדין—זבח און צלמנע און די גאַנ־צע מחנה האָט ער געמאַכט ציטערן. (יג) און גדעון בן יואש האָט זיך אומגעקערט פון דער מלחמה פון דער הויכקייט חרס. (יד) און ער האָט געפאַנגען אַ ייִנגל פון די לייט פון סוכות און ער האָט אים אויסגעפרעגט; האָט ער אים אויפגעשריבן די פירשטן פון סוכות און די זקנים, זיבן און זיבעציק מאַן. (טו) און ער איז געקומען צו די לייט פון סוכות און האָט געזאָגט: אָט זיינען זבח און צלמנע, צוליב וועלכע איר האָט מיך געזידלט אַזוי צו זאָגן: איז דען שוין די האַנט פון זבח וצלמנע איצט אין דיין האַנט, אַז מיר זאָלן געבן דיינע מידע לייט ברויט? און ער האָט גענומען די זקנים פון דער שטאָט און די דערנער פון מדבר און די שטאַכלען און ער האָט מיט

זיי באַשטראָפט די לייט פון סוכּות. (טז) און דעם טורעם פון פנואל האָט ער צעשטערט. און ער האָט געהרגעט די מענטשן פון דער שטאָט. און ער האָט געזאָגט צו זבח און צו צלמנע : וואָס פאַר אַ מענטשן זיינען געווען די, וואָס איר האָט דערהגעט אין תבור? האָבן זיי געזאָגט : ווי דו, אַזוי זיינען זיי געווען—איין געשטאַלט, אַזוי ווי דאָס געשטאַלט פון די בּני מלך. (יט) האָט ער געזאָגט : דאָס זיינען מיינע ברידער, מיין מוטערס קינדער, ווי גאָט לעבּט, ווען איר וואָלט זיי געלאָזט לעבן, וואָלט איך אייך ניט געהרגעט. (כ) און ער האָט געזאַגט צו יתרן, זיין בכור: שטיי אויף, הרגע זיי, און דאָס ייִנגל האָט ניט אַרויסגעצויגן זיין שווערד, ווייל ער האָט מורא געהאַט, וואָרום ער איז נאָך געווען יונג. (כאַ) האָט זבח וצלמנע געזאָגט : שטיי דו אויף און דערהרגע אונדז, וואָרום ווי דער מאַן — אַזוי זיין קראַפט ; איז גדעון אויפגעשטאַנען און האָט געהרגעט זבח וצלמנע און ער האָט צוגענומען די האַלדזבענדער, וואָס זיינען געווען אויף די העלדזער פון זייערע קעמלען.

(כב) און די מענער פון ישראלן האָבן געזאָגט צו גדעונען : הערש איבער אונדז, אויך דו, אויך דיין זון, אויך דיין זונס זון, ווייל דו האָסט אונדז געהאָלפן פון מדינס האַנט. (כג) האָט גדעון צו זיי געזאָגט : איך וועל ניט הערשן איבער אייך, אויך מיין זון וועט ניט הערשן איבער אייך; יהוה וועט איבער אייך הערשן...

(כד) און מדין איז געוואָרן אונטערטעניק פאַר די בני ישראל און זיי האָבן מער ניט אויפגעהויבן זייער קאָפּ; און דאָס לאַנד איז געווען רויִק פערציק יאָר אין די טעג פון גדעונען.

פונם ספר „שופטים"

א י ל י א ד ע.

(פונם גריכישן הערָאישן עפּאָס)

אין דער גריכישער פּאָעמע „א י ל י א ד ע“ ווערן געשילדערט די לעצטע עטלעכע חדשים פונם טראָיאַנישן קריג, וואָס האָט געדויערט 10 יאָר.

לויט דער מסורה איז דערדאָזיקער קריג אויסגעבראָכן צוליב דעם, וואָס פּ אָ ר י ס דער זון פונם טראָיאַנישן-קיניג פּ ר י א ם האָט אַוועקגערויבט די פרוי פון דעם ספּאַרטאַנישן קיניג מענעלאָאָס— די שיינע העלענאַ.

מענעלאָאָס, דער זון פון אַטרעאוס (דער אטריד) האָט זיך געווענדעט נאָך הילף צו זיין ברודער אגאמעמנאָן, דעם קיניג פון מיקענע. דער לעצטער האָט צונויפגעקליבן אַ גוואַלדיקן חיל פון אַלע גריכישע שבטים און איז אַוועק צוזאַמען מיט זיי קעגן טראָיע.

אין דער פּאָעמע אָבער ווערט דידאָזיקע געשיכטע ניט דערציילט. דערהויפּט רעדט זיך דאָרט וועגן דעם צאָרן פון דעם העלד פון דער פּאָעמע אַ כ י ל ע ס ן.

דער אינהאַלט פון דער פּאָעמע, וואָס באַשטייט פון 24 געזאַנגען, איז אין קורצן אַזאַ:

ניט קענענדיק איינעמען טראָיע (איליאָן) גופא, מאַכן די גריכן (אין דער פּאָעמע הייסן זיי—אַכעער, דאַנאַער, אַרגעער) אָנפאַלן אויף די אַרומיקע שטעט און אינזלען. ביי איינעם פון די אָנפאַלן האָבן די גריכן גערויבט אַ יונג מיידל, די טאָכטער פון אַפּאָלאָנס כהן, כריזעס;

דער אייבערשטער פירער פונם גריכישן חיל אַגאַמעמנאָן האָט זי באַקומען פאַר אַ שקלאַפין.

ווען כריזעס איז געקומען בעטן, מע זאָל אים אומקערן זיין טאָכטער, האָט אים אַגאַמעמנאָן פאַריאָגט מיט שפּאָט. דעמאָלט האָט כריזעס זיך געווענדעט צו זיין גאָט אַפּאָלאָן מיט אַ תפילה, ער זאָל באַשטראָפן די גריכן פאַר דער עולה. אַפּאָלאָן האָט דערהערט זיין געבעט און האָט געשיקט אַ מגפה אויפן אַכעאישן חיל; די גריכישע טרעפער האָבן דערקלערט, אַז נאָר דעמאָלט וועט איינגעשטילט ווערן אַפּאָלאָנס גרימצאָרן, ווען מע וועט אומקערן כריזעסן זיין טאָכטער. צוליב דעם הייבט זיך אָן אַ מחלוקת צווישן אַגאַמעמנאָן, וואָס וויל זיין שיינע שקלאַפין ניט אַוועקגעבן, און דעם יונגן העלד אַכילעס, וועלכער פאָדערט, אַז אַגאַמעמנאָן זאָל אויספירן אַפּאָלאָנס ווילן. לסוף באַשליסט אַגאַמעמנאָן איבערצובעטן דעם גאָט אַפּאָלאָן און גיט אָפּ כריזעסן זיין טאָכטער. אָבער אַנשטאָט איר נעמט ער אָפּ ביי אַכילעסן די שיינע טאָכטער פון בריזעוס, וואָס ער האָט אַכילעסן אַמאָל געשאָנקען. אַכילעס גיט זיך אונטער, ווייל די געטין אַטענע האָט אים ניט דערלאָזט זיך נוקם זיין מיטן שווערד—אָבער ער טוט אַ נדר ניט צו נעמען מער קיין אָנטייל אין שטרייט קעגן די טראָיאַנער. ער בעט אויך זיין מוטער, די געטין טעטיס, זי זאָל אַוועק אויפן געטערבאַרג אָלימפּ מיט אַ בקשה צום אייבערשטן גאָט צעאוס, אַז ער זאָל אויפריכטן די טראָיאַנער, כּדי די גריכן זאָלן זען, ווּעמען זיי האָבן אין אַכילעסן פאַרלאָרן. צעאוס ערפילט די בקשה, און פאַר די גריכן קומען אָן טרויעריקע טעג. די טראָיאַנער האַלטן אָפּ איין נצחון נאָכן אַנדערן. דעמאָלט שיקט אַגאַמעמנאָן צו אַכילעסן שלוחים, דורך וועלכע ער גיט איבער, אַז ער איז גרייט אָפּצוגעבן די אַוועקגערויבטע שקלאַפין און אַ סך מתנות, אויך זאָגט ער אים צו נאָכן קריג צו געבן אים זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. אָבער אַכילעס׳ צאָרן ברענט נאָך אַלץ און ער זאָגט זיך אָפּ אַרויסצוגיין אין שלאַכט און ראַטעווען די גריכן. ערשט ווען העקטאָר דער זון פון טראָיאַנישן קיניג האָט געטויט אַכילעס, טרייסטן פריינד, פּ א ט ר אָ ק ל ע ן, האָט זיך אַכילעס אומגעקערט צו דער שלאַכט, כּדי צו נעמען נקמה פאַר דאָס בלוט פון זיין פריינד. ער טויט העקטאָרן. ביינאַכט קומט צו אים העקטאָרס פאָטער פּריאַם בעטן העקטאָרס קערפּער. אַכילעס ווערט גערירט פון די טרערן פונם אַלטן פאָטער און גיט אים אָפּ דעם זונס קערפּער. מיט דער באַשרייבונג פון העקטאָרס קבורה פאַרענדיקט זיך די פּאָעמע.

אונטן ווערט געבראַכט אַ טייל פון דעם נייַנטן געזאַנג; די טראָיאַנער האָבן שוין אָפּגעשטופּט די גריכן ביז צום ברעג ים. די אָנגעקומענע נאַכט רייסט איבער אויף אַ ווילע דעם קאַמף. אָבער די טראָיאַנער האָבן אָנגעצונדן אַ סך פייערן, כּדי די גריכן זאָלן ניט קענען אַנטלויפן, און אויף די טורעמס פון דער שטאָט טראָיע האָבן זיי אויסגעשטעלט אַ שמירה, כּדי די שונאים זאָלן ניט אָנפאַלן אויף דער שטאָט פון הינטן אַרום.

אָט אַזוי האָבן די טראָיער געוואַכט; און אַ גוואַלדיקע אימה
איז די אַכעער באַפאַלן, געוואָרפן אין אַייזיקן יאוש;
טרויער, ניט איבערצוטראָגן, האָט זיך צו די בעסטע פאַרקליבן.

אגאַמעמנאָן (דער אַטריד) רופט דאַן צונויף אַן אַסיפה און לייגט פאָר צו פאַרלאָזן טראָיע.

און דער אַטריד, וואָס זיין האַרץ האָט אַן אומעט אַ גרויסער געעקבערט,
האָט די העלשטימיקע העראָלדן אָפגעזוכט און זיי באַפוילן
נאָמענטלעך יעטווידער מאַן אַ רוף צו טאָן צו דער אַסיפה.
... אומעטיק איז די אַסיפה געזעסן; האָט זיך אַגאַמעמנאָן
אויפגעשטעלט, טרערן פאַרגיסנדיק, גלייך אַ שוואַרצוואַסערדיק טייכל,
וואָס לאָזט פון פעלזן פון שאַרפע זיין וואַסער דאָס טונקעלע פלייצן.
ערשט האָט ער אָפגעזיפצט שווערלעך און נאָכדעם געזאָגט די אַרגעער:
„פריינד, איר אַרגעאישע פירער און רומרייכע בעלי־עצה!
ס'האָט מיך דעם קראָנאָסעס זון אין אַן אומגליק אַ שווערן פאַרפלאָנטערט.
צעאוס, דער אַכזר; ער האָט דאָך מבטיח געווען מיר פריער,
אַז כ'וועל צעשטערן צום סוף די מעכטיק־באַווענטיקטע טראָיע;
איצט אָבער גרייט ער אַ פעלשונג. אַ בייזע פאַר מיר און ער הייסט מיך
קומען קיין אַרגאָס אָן כבוד, נאָכדעם ווי פיל פאָלק איז געפאַלן.
... הערט־זשע איצט אויס, וואָס כ'וועל זאָגן, און לאָמיר דערנאָך אַלע פאָלגן;
לאָמיר אַוועק אויף די שיפן אין ליבלעכן לאַנד פון די פאָטערס,
ווייל מיר וועלן סיי־ווי־סיי שוין די ברייטגאַסיקע טראָיע ניט נעמען".

דערויף האָט אים דיאָמעדעס, דער רופער אין שלאַכטן, געענטפערט, אַז ער, אַגאַמעמנאָן, קען זיך נעמען זיינע שיפן און גיין מיט זיי צוריק אין דאָס גליקלעכע לאַנד פון די פאָטערס, אָבער די איבעריקע אַכעער וועלן דאָ בלייבן און ווייטער קעמפן, ביז וואַנען זיי וועלן איינ־נעמען טראָיע. נאָך דיאָמעדעסן האָט זיך געווענדעט צו אַגאַמעמנאָנען דער עלטסטער און קליגסטער פון די אַכעער דער זקן נעסטאָר:

„רומיקער זון פון אַטרעאוס, באַהערשער פון פאָלק, אַגאַמעמנאָן!
... ס'וועט דיר קיין איינער ניט געבן קיין בעסערע עצה, ווי יענע,
וואָס איך אַליין טראָג אין האַרצן פון לאַנג שוין, און טראָג זי נאָך איצטער —
זינט יענעם טאָג, ווען, אָ געטלעכער, דו האָסט בריזעאוסעס טאָכטער
פונם געצעלט פון אַכילעס, כאָטש ער האָט געצאָרנט, גענומען,
גאָרניט לויט אונדזער כונה; איך האָב זייער שטאַרק דיר באמת
אָפגערעדט דעמאָלט דערפון; נאָר דו האָסט דיין גאוהדיק האַרץ דאָך
דעמאָלט געפאָלגט און דעם איידלסטן מאַן, וואָס אומשטערבלעכע ערן,
אומכבוד שטאַרקן פאַרשאַפט, ווייל דו האָסט זיין געשאַנק צוגענומען.
אָבער נאָך איצט לאָמיר צוקלערן, ווי מע קאָן אים איבערצייגן
און איבערבעטן דורך ליבע געשאַנקען און פריינדלעכע ווערטער".
אים האָט געענטפערט דערויף דער באַהערשער פון פאָלק, אַגאַמעמנאָן:
„זקן, ניט פאַלש האָסטו דאָ מיין פאַרפלענדעניש איבערגעגעבן.
יאָ, כהאָב געזינדיקט און איך לייקן דאָס ניט. עס איז מער ווערט
פון אַ סך פעלקער אַ מאַן, וועמען צעאוס האָט ליב אין זיין האַרצן,
ווי ער גיט דעם איצט אָפּ כבוד, דערשלאָגנדיק ס'פאָלק פון אַכעער
אָבער היות איך האָב שלעכטס געטאָן, פאָלגנדיק בייזע געדאַנקען,
וויל איך צוריק איבערבעטן אים, געבנדיק קנס אָן אַ גרענעץ.

1

כ׳וועל פאַר אײַך אַלעמען אָנרופן תּיכּף די שײנע געשאַנקען:
צען טאַלענטן ריין גאָלד, זיבן דרייפוסן, קיינמאָל באַרירטע
דאַן צוואַנציק פינקלענדע טאַצן פון קופער, צוועלף קרעפטיקע פערדן,
זיגרייכע, וואָס פלעגן נעמען ניט איין מאָל שוין פרייזן ביים לויפן.
ס׳וואָלט ניט געליטן קיין דוחק אין טייערן גאָלד, ס׳וואָלט ניט אָרעם זיין
יענער מאַן, וועלכער וואָלט פאַרמאָגן אַזוי פיל, זיין אײגנס,
וויפיל עס האָבן מיר פרייזן געבראַכט די איינהופיקע פערדן.
געבן וועל איך זיבן פרויען, וואָס אַרבעטן קאָנען אָן פּגימה,
וועלכע איך האָב זיך געקליבן, ווען ער האָט לעסבאָס אײַנגענומען,
און וואָס זיי האָבן אין שיינקייט אַריבערגעשטייגט אַלע פרויען.
זיי וועל כ׳אַוועקגעבן אים, און מיט זיי — די, וואָס כ׳האָב צוגענומען
דעמאָלט—בריזעאוסעס טאָכטער. — — — — — —
... דאָס איז אַלץ תּיכּף געגרייט. און ווען סוועלן געבן די געטער,
אונדז צו צעשטערן אַמאָל די פעסטונג די גרויסע פון פּריאַם,
זאָל ער זיך אָנלאָדן שיפן מיט טייערן גאָלד און מיט קופּער,
און בשעת מיר וועלן האַלטן אין טיילן זיך אַלדאָס פאַרכאַפּטע,
זאָל ער זיך קלייבן אַליין דעמאָלט צוואַנציק טראָיאַנישע פרויען,
זאָלן דאָס זיין נאָך העלענע פון אַרגאָס די שענסטע אַפילו.
און טאָמער קערן מיר אום זיך אין אונדזער מילכפליסיקער אַרגאָס,
זאָל ער אַן איידעם מיר זיין; איך וועל ערן אים פונקט ווי אָרעסטן,
מיין לעצטגעבאָרענעם, וואָס וואַקסט מיר אויף אין עשירות אין גרויסער.
טעכטער פאַרמאָג איך דריי אין מיין וווילגעפעסטיקטן פּאַלאַץ:
... איינע פון זיי זאָל ער ווילן און זיך פאַר אַ פרוי אָן שום אויסקויף
פירן אַוועק אין פּעלעאוסעס הויז; כ׳וועל נאָך צוגעבן נדן
זייער אַ גרויסן, וואָס קיינער האָט קיינמאָל אַ טאָכטער געגעבן.

דאַן האָט נעסטאָר פאָרגעלייגט, מע זאָל גלייך שיקן שלוחים צו אַכילעסן, ער האָט אָנגערופן עטלעכע העלדן, די העראָלדן האָבן זיי באַגאָסן די הענט מיט וואַסער און דערלאַנגט צו בעכער מיט וויין.

זיי האָבן געשפּרענגט דעם וויין צו צעאוס און געטרונקען פיל זייער האַרץ האָט געגלוסט, דאַן זיינען זיי מיט אָדיסעען בראש אַוועק. אויפן וועג לעבן ברעג ים האָבן זיי געבעטן דעם גאָט פון ים — פּאָסײדאָן, ער זאָל זיי העלפן גרינג צו דערגרייכן דאָס האַרץ פון אַכילעסן.

בעת זיי זיינען אָנגעקומען, איז אַכילעס געזעסן מיט זיין פריינד פּאַטראָקלאָס און געזונגען, באַגלייטנדיק דאָס געזאַנג מיט אַ ציטרע.

דערזעענדיק די הויכע געסט, האָט אַכילעס זיי פריינדלעך באַגריסט פון צוזאַמען מיט פּאַטראָקלאָסן האָט ער זיי דערלאַנגט וויין און געבראָטנס.

דאַן האָט אָדיסעי אים דערציילט וועגן די מפּלות פון די אַכעער, וועגן די נצחונות פון די טראָיאַנער, וועגן דער העלדישקייט פון העקטאָרן, וועלכער גרייט זיך ביים אָנקומען פון פרימאָרגן צו פאַרברענען די גריכישע שיפן און דערהרגענען די גריכן, און זיך געווענדעט צו אים מיט די ווערטער:

שטאַרק האָב איך מורא אין האַרצן, אַז סוועלן ערפילן די געטער
זייערע מחשבות; אונדז וואָלט דאַן באַשערט זיין אין טראָיע צו פאַלן,
וויט פונם היימישן לאַנד, פון דער פערדרייכער אַרגאָס דערוויטערט.
הייב זשע זיך איצט אויף, כאָטש שפּעט, אויב דו ווילסט די אַכעער נאָר העלפן,
וואָס ווערן שטאַרק איצט געדריקט דורכן אימפּעט פון טראָאישן חיל.

דיך וועט פאַרדריסן אַליין, וואָס דו האָסט צו דער צייט ניט געהאָלפן;
נאָר ווען געשען איז דאָס אומגליק, איז שוין מער ניטאָ קיין שום סגולה;
פריער באַטראַכט, ווי דאָס בייז פונם דאַנאַער־פאָלק אָפּצוווענדן.

אַדיסיי דערמאָנט דאַן אַכילעסן, אַז אויך זיין פאָטער פעלעאוס האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל איינהאַלטן זיין גאוה און זיין געמיט, און ליבן אַחדות.

נאָכער גיט ער אים איבער אַגאַמעמנאָנס שליחות, רעכנט אויס, וועלכע מתנות אַגאַמעמנאָן לייגט אים פאָר. און פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„אויב דו האָסט אָבער פונדעסטוועגן פיינט אַגאַמעמנאָן אין האַרצן.
אים און אויך זיינע געשאַנקען, דערבאַרעם זיך אויף די אַכעער,
אַלע, וואָס ווערן געשטיקט פונם שונא; זיי וועלן דיך ערן
פונקט ווי אַ גאָט; גרויסן כבוד קאָנסטו זיך ביי זיי איצט דערשלאָגן.
העקטאָרן קאָנסטו איצט טויטן; ער וועט צו דיר צוגיין גאָר נאָענט,
ווייל אין זיין שרעקלעכער חימה מיינט ער, ס׳קאָן צו אים זיך ניט גלייכן
קיינער אין כח פון די, וואָס אַהערגעבראַכט האָבן די שיפן“.
אים האָט געענטפערט דערויף אַכיל דער גיכפיסיקער אָט־וואָס:
„צעאוסעס זוימען, אָ זון פון לאַערט, אָדיסיי פילגעניטער!
כ׳וויל דיר מיין מיין אָן שום אָפּהאַלט אַרויסזאָגן איצטער גאָר אָפן,
ווי איך באַטראַכט אין מיין האַרצן און ווי עס וועט ווערן מקוים,
כדי איר זאָלט מיר דאָ ניט זשומען פון דער זייט און יענער אָן אויפהער.
כ׳האָב דערפון גאָרנישט געהאַט, וואָס כ׳האָב צרות געליטן אין האַרצן,
שטענדיק, בעת איך פלעג קעמפן, מיין לעבן אין גרויסער סכנה,
פונקט ווי אַ פויגל ברענגט שפייז פאַר די נאָך ניט באַפעדערטע קינדלעך,
אויב ער באַקומט זי ווו ס׳איז, און אַליין ליידט ער הונגער דערביי גאָר —
אָט פונקט אַזוי האָב איך אויך אָן שום שלאָף דורכגעלעבט נעכט אַפּולע,
און אַ סך בלוטיקע טעג אויך פאַרבראַכט אין אַ הייסער מלחמה,
קעמפנדיק מיט פרעמדע מענער, און נאָר צוליב אייערע ווייבער.
מיט מיינע שיפן האָב איך צוועלף מענטשיקע שטעט איינגענומען,
עלף האָב צופוס נאָך צעשטערט אין פעט־ערדיקן שטח פון טראָיע;
אָט פון די דאָזיקע אַלע האָב איך אַ סך שיינע חפצים
תמיד צופירן געבראַכט, און אַלץ דעם אַטריד אַגאַמעמנאָן
איבערגעגעבן; און ער, וואָס פלעגט ביי די שיפן פאַרבלייבן,
האָט נאָר גאָר ווייניק צעטיילט, און דאָס רוב פאַר זיך גופא גענומען.
דאָך האָט ער ערע־געשאַנקען די איידלסטע מלכים געגעבן;
אַלעמען איז דאָס פאַרבליבן; מיר איינעם נאָר פון די אַכעער
האָט ער דאָס טייערע ווייב צוגענומען און האַלט זי;

— —

איצט אָבער, ווען ער ט׳אַרויסגעריסן ביי מיר די מתנה,
זאָל ער ניט פּרוּוון מער מיך איבערצייגן; איך קען אים צו גוט שוין,
זאָל ער מיט דיר, אָדיסיי, און די אַנדערע קיניגן טראַכטן,
ווי אַזוי אייערע שיפן צו שיצן פון פיינדלעכן פייער.
ער האָט דאָך זייער אַ סך שוין אויפגעטאָן אָן מיר דאָרט, כ׳לעבן,
ער האָט אַ מויער געבויט שוין און אַרום אַ גראָבן געגראָבן,

זייער אַ גרויסן און טיפֿן, און אינווייניק אײַנגעקלאַפּט פּלעקער.
אָבער דעם אימפּעט פֿון העקטאָר דעם מענער־פּאַרטיליקער קאָן ער
פֿאָרט ניט אָפּהאַלטן. ווען איך האָב געקעמפּט נאָך צוזאַמען מיט אַלע,
דאַן האָט זיך העקטאָרן גאָרניט געגלוסט פֿאַר דער מויער זיך שלאָגן;
ווייטער פֿון דעמב און פֿון סקײַאישן טויער פֿלעגט ער ניט אַוועקגיין.
איינמאָל האָט ער מיך באַקעמפּט דאָרט — אין קוים פֿון מיין אָנפֿאַל אַנטרונען.
איצט אָבער, ווייל איך וויל מער ניט מיט העקטאָר, דעם געטלעכן שטרייטן,
וועל איך באַלד מאָרגן פֿאַר צעאוס און אויך פֿאַר די אַנדערע געטער
מקריב זיין: דאַן וועל כ׳אַראָפּציען אין ים די באַלאָדענע שיפֿן,
און דו קאָנסט זען, אויב דו ווילסט און עס אַרט דיך, ווי אונדזערע שיפֿן
וועלן באַגינען אַוועק דורכן פֿילפֿישיקן העלעספּאָנטאָס,

— —

כ׳וועל אים שוין מער ניט מיט עצות, מיט מעשים אודאי נישט העלפֿן.
איינמאָל האָט ער מיך גענאַרט און באַליידיקט שוין; איצטער, אַ צווייט מאָל,
וועלן זיינע רייד מיך נישט נעמען; גענוג פֿאַר אים. זאָל ער זיך רויִק
וואַרפֿן אין אומגליק; ס׳האָט צעאוס אים שוין צוגענומען דעם שכל.
פֿיינט האָב איך זיינע געשאַנקען, זיי האָבן קיין האָר ביי מיר ווערט ניט.
ווען ער זאָל געבן מיר צען מאָל און צוואַנציק מאָל מער נאָך אַפֿילו,
פֿיל ער פֿאַרמאָגט שוין אַצונד און ער וועט ווען עס איז נאָך פֿאַרמאָגן,
וויפֿיל עס האַלט אָרכאָמענאָס, וויפֿיל די עגיפּטישע טעבע,
ווו אין די הייזער דאָרט ליגן פֿאַרפֿול די חפצים די גרעסטע, —
טעבע, וואָס האָט הונדערט טויערן, און וואָס דורך איטלעכן קאָנען
צוויי הונדערט מענער אַרויסציען איינעם מיט פֿערד און מיט וואָגנס —
ווען ער זאָל געבן אַזוי פֿיל, פֿיל זאַמד און פֿיל שטויב ס׳איז פֿאַראַנען,
וועט אַגאַמעמנאָן נאָך אַלץ מיין נשמה ניט פֿריער געווינען,
איידער ער וועט פֿאַר מיין האַרצווייִ באַפֿרידיקן מיך גאָר אינגאַנצן.
כ׳וועל פֿאַר אַ ווייב אויך ניט נעמען דאָס קינד פֿון אַטריד אַגאַמעמנאָן,
זאָל זי זיך גלייכן אין שיינקייט אַפֿילו דער גאָלדענער קיפּריס,
זאָל זי אין מעשים זיין גלייך דער בלאָ־אויגיקער געטין אַטענע —
דאַן וועל איך אויך זי ניט נעמען; זאָל ער זיך אַן אַנדער אַכעער
אויסקלייבן, וואָס שטייט אים אָן און איז מער אָנגעזען, ווי איך בין.
אויב נאָר עס וועלן די געטער מיך ראַטעווען, און איך וועל קומען
צו זיך אַהיים, וועט פּעלעאוס אַליין אויסדערוויילן אַ פֿרוי מיר.

און ווייטער דערציילט ער, אַז אין העלאַס און פֿטיע זיינען פֿאַראַן אַ סך טעכטער פֿון מעכטיקע מלכים, צווישן וועלכע ער קען זיך וויילן אַ פֿרוי. שוין לאַנג האָט אים געצויגן צו נעמען אַ פֿרוי און לעבן פֿון די עשירות, וואָס זיין פֿאָטער פּעלעאוס האָט אים איבערגעלאָזט. קיין זאַך איז אים ניט אַזוי ליב ווי דאָס לעבן, וואָרום דעם מענטשנס נשמה קומט קיינמאָל ניט צוריק, ווי באַלד זי פֿאַרלאָזט דעם קערפּער. און זיין מוטער, די געטין טעטיס, האָט אים געזאָגט, אַז ער קען זיך אויסקלייבן אַ טאָפּלטן מזל: אָדער בלייבן דאָ און קעמפֿן מיט די טראָיער, דאַן וועט ער דאָ אין שלאַכט פֿאַלן, אָבער זיין רום וועט בלייבן אייביק; אָדער זיך אומקערן אַהיים, דאַן וועט זיין שם זיין פֿאַרלאָרן, דערפֿאַר אָבער וועט ער זיך דאַן זיין לעבן ציען לאַנג.

אַכילעס זאָגט דאַן צו זיינע פֿריינד:

כ׳וואָלט איצט אײַך אַלעמען אויך דיזעלביקע עצה געגעבן,

אַז איר זאָלט שיפֿן אַהיים: ווייל דעם סוף פֿון דער הויכער איליאָן
וועט איר זיך שוין ניט דערשלאָגן; עס האָט דאָך דער ווייטבליקער צעאוס
מעכטיק זיין האַנט איבער איר אויסגעשפרייט און באַהאַרציקט די טראָיער.
גייט זשע אַהין און גיט איבער די בעסטע אַכעער די בשורה, —
ס׳איז דאָך דאָס רעכט פֿון די זקנים באַשלוסן אין ראַט אָנצוגעמען —
אַז זיי באַדאַרפֿן באַקלערן אין האַרצן אַ בעסערע עצה,
וואָס זאָל די שיפֿן זיי ראַטעווען און אויך דאָס פֿאָלק פֿון אַכעער
ביי די געבויגענע שיפֿן; די עצה, וואָס זיי גיבן איצטער,
האָט קיין ממשות ניט מער, ווייל איך האָב נאָך ניט אויפֿגעהערט צאָרנען".
דאָס ט׳ער געזאָגט, און אַרום זיינען אַלע געבליבן אַנטשוויגן,
פֿון זיינע ווערטער פֿאַרחידושט, ווייל ער האָט גערעדט זייער קרעפֿטיק.
שפּעטער האָט אָט־וואָס געזאָגט דער זקן דער פֿערדרייטער פֿעניקס,
טרערן פֿאַרגיסנדיק, ווייל ער האָט פֿאַר די שיפֿן געשרעקט זיך: ...
... האַלט איין, אָ, אַכילעס, דיין גאווה; דיר פּאַסט גאָרניט האַרט זיין
אין דיין געמיט; ווייל עס זיינען זיך געטער אַפֿילו מרחם,
וואָס זייער טוגנד און ערע און קראַפֿט זיינען גרעסער אַ סך דאָך.
ס׳קענען פֿונדעסטוועגן מענטשן מיט ווילע נדרים און אָפּפֿער
און מיטן ריח־ניחוח אַפֿילו זיי איבערבעטן.
... ווען אַגאַמעמנאָן וואָלט דיר קיין געשאַנקען ניט געבן און נאָך מער
צוזאָגן, נאָר ער וואָלט אַלץ נאָך אין גרימצאָרן בלייבן, ווי פֿריער,
וואָלט איך דיר אויך ניט געעצעט אַ וואָרף צו טאָן פֿון זיך דעם צאָרן
און די אַרגייער צו העלפֿן, הגם זיי באַדאַרפֿן דאָס נויטיק.
אָבער ער גיט דאָך דיר שוין פֿיל, און מער נאָך איז ער דיר מבטיח;

אָבער אַכילעס בלייבט פֿעסט ביי זיין באַשלוס.

... דאָ האָט אַיאַקס,
טעלאַמאָנס זון דער גאָטגלייכער געווענדט צו זיי פֿאָלגנדע ווערטער:
„צעאוסעס זוימען, אָ זון פֿון לאַערט, אָדיסיי פֿילגעניטער!
קום, לאָמיר גיין, ווייל מיר דוכט, אַז מיר וועלן דעם ציל פֿון דער שיקונג
ניט מיט דעם דרך דערגרייכן. מע דאַרף אָבער טראָגן וואָס גיכער
צו די דאַנאַער די תשובה, הגם זי איז ניט אַזוי פֿריילעך.
וואַרטנדיק זיצן זיי איצט נאָך אַודאי. אַכילעס האָט אָבער
האַרט געמאַכט אינם געמיט זיין האַרץ פֿול פֿון גאווה, דער אַכזר,
און ס׳איז אַלץ איינס אים די פֿריינדשאַפֿט פֿון זיינע חברים די אַלטע,
וואָס האָבן אים מער פֿון אַלעמען שטענדיק געערט ביי די שיפֿן.
שרעקלעך איז ער! טייל מאָל טרעפֿט דאָך, אַז פֿונם רוצח פֿון ברודער
צי פֿאַר אַ קינד אַ דערהרגעטס נעמט אָן עמיץ קנס און איז מוחל.
ס׳בלייבט דאַן דער מערדער, באַצאָלנדיק פֿיל, אין זיין פֿאָלק און משפּחה,
און עס ווערט איינגעשטילט ס׳האַרץ און דער מוטיקער גייסט פֿונם צווייטן,
וואָס האָט באַקומען דעם קנס: ביי דיר אָבער האָבן די געטער
גרויזאַם און שלעכט געמאַכט ס׳האַרץ צוליב נאָר איין איינציקע מיידל!
איצט אָבער זיינען מיר גרייט דאָך צו געבן דיר זיבן די שענסטע,

און נאָך אַפולע דערצו. האָב זשע מיטלייד מיט אונדז אין דיין האַרצן,
האָב פאַרן גאַסטרעכט כאָטש אָפשיי! מיר זיינ׳ דאָך צו דיר ווי געשיקטע
פון גאָר דער מחנה דאַנאַער געקומען און ווילן פון תמיד
ביי דיר די חשובסטע זיין און די ליבסטע פון אַלע אַכעער״.
אים האָט געענטפערט דערויף אַכיל דער גיכפיסיקער אָט־וואָס:
„אָ טעלאַמאָניער אַיאַקס, גאָטגלייכער, באַהערשער פון פעלקער!
ס׳קומט דיר פון האַרצן, מיר דוכט, אַלצדינג, וואָס דו האָסט דאָ גערעדט איצט.
אָבער דאָס האַרץ ווערט געשוואָלן פאַר כעס מיר, ווי באַלד איך דערמאָן זיך,
ווי ס׳איז מיט מיר זיך באַגאַנגען מיט חוצפה פאַר אַלע אַרגייער
ער, דעם אַטרעאוסעס זון, ווי מיט עפעס אַ גר אָן שום ערע.
איר אָבער גייט איצט צוריק און גיט זיי די בשורה דאָרט איבער,
אַז כ׳וועל ניט פריער קיין קלער טאָן מכח די בלוטיקע שלאַכטן,
איידער דער זון פון פאַרשטאַנדיקן פריאַס, דער געטלעכער העקטאָר
וועט ביי די צעלטן און שיפן פון די מירמידאָנען זיך ווייזן,
אומברענגענדיק די אַרגייער און צינדנדיק זייערע שיפן.
נאָענט פון מיין געצעלט אָבער און מיין שוואַרצן שיף וועט דאָך העקטאָר,
רעכן איך, כאָטש ס׳וועט אים גלוסטן זיך, אָפהאַלטן זיך פון צו קעמפן״.
דאָס ט׳ער געזאָגט, און ס׳האָט יעדער געשפרענגט פון צווייאיקן בעכער,
און דאַן צוריק צו די שיפן אַוועק; אָדיסיי האָט געפירט זיי.

פון האָמערס „איליאַדע״,

יידיש — מאַקס וויינרייך.

הייאַוואַטהאַס קינדהייט.

(פון דער פאָעמע „הייאַוואַטהאַ״).

ביי דעם ברעג פון גיטשי־גיומי,
ביי דעם ים־וואַסער דעם העלן
האָט געהאַט איר צעלט נאָקאָמיס,
דער לבנהס קינד נאָקאָמיס.
הינטן פלעגט דער שוואַרצער וואַלד שטיין,
פלעגן שטיין די טונקלע סאָסנעס,
טענענביימער פול מיט שישקעס;
פאָרנט האָט גערוישט דאָס וואַסער,
האָט געקלאַפט אין זון דאָס וואַסער,
האָט געגלאַנצט דער ים דער העלער.

דאָרט די אַלטיטשקע נאָקאָמיס
אויפגעבראַכט האָט הייאַוואַטהאַן,
אין אַ לינדן וויג געוויגט אים,
ווייך געבעט מיט מאָך און ריטלעך,
פעסט געשנירט מיט הירשן־אָדערן,
זיין געשריי געשטילט מיט סטראַשען:
„שאַ, דער הוילער בער וועט קומען״..
אים פאַרשלעפערט מיט איר זינגען,
איוואָ—יעי, מיין קליינע סאָווע,
ווער באַלויכטן האָט דאָס ביידל
מיט די גרויסע אויגן זיינע,
איוואָ—יעי, מיין קליינע סאָווע״.

זומער־נעכט ביים ביידל זיצן
פלעגט דער קליינער הייאַוואַטהאַ,
האָט געהערט די סאָסנעס שושקען,
האָט געהערט דאָס וואַסער פליושקען
„מיני־וואָוואָ״—סאָסנע לשון,
„מאָדוויי־אָשקע״—וואַסער לשון.

ער פלעגט זען דאָס פייער פליגל,

ווי עס פלאַטערט בין־השמשות
און באַלייכט פון וואַלד די קוסטעס
מיט זיין קליינטשינקער לאַנטערנע,
און ער פלעגט דאָס קינד־ליד זינגען,
אויסגעלערנט פון נאַקאָמיס:
„וואָוואָ—טייסי, פייער פליגל,
טאַנצנדיק באַשעפעניש,
לייכט מיר מיט דיין קליינעם ליכטל
איידער כ׳ליג אין בעט זיך שלאָפן,
איידער כ׳שליס די אייגלעך מיינע״

ער פלעגט צוזען די לבנה,
ווי זי הייבט זיך אויף פון וואַסער,
רונדער ווערנדיק און גרעסער.
זעענדיק אויף איר די פלעקן,
פלעגט ער פרעגן: „וואָס באַטייט עס״?
און נאַקאָמיס פלעגט אים זאָגן:
„ס׳האָט אַמאָל אין כעס אַ קריגסמאַן
אָנגעכאַפּט ביינאַכט זיין באָבען,
זי אַ וואָרף געטאָן צום הימל
גלייך אַנטקעגן דער לבנה,
ס׳איז איר קערפּער וואָס דו זעסט דאָרט״.

זעענדיק דעם רעגנבויגן
אויף דער מזרח־זייט פון הימל,
פלעגט ער פרעגן: „וואָס באַטייט עס״?
און נאַקאָמיס פלעגט אים זאָגן:
„דאָס איז „יענע וועלט״ פון בלומען,
אַלע בלומען פון די פעלדער,
אַלע ליליעס פון די פריירים,
ווען זיי ווערן דאָ פאַרוויאַנעט,
בליען ווידער אויף אין הימל״.
ווען ער פלעגט ביינאַכט די סאָוועס
הערן שרייענדיק אין וועלדל,
פלעגט ער מיט אַ קול פון אימה
פרעגן: „וואָס איז דאָס, נאַקאָמיס״?
און נאַקאָמיס פלעגט אים זאָגן:
„ס׳איז די סאָווע מיט די קינדער,
ריידנדיק אויף זייער לשון,
איינע שילטנדיק די צווייטע״.

אויסגעלערנט הייאַוואַטהאַ
האָט די שפּראַך פון אַלע חיות,
יעדנס נאָמען און געהיימניש,
ווי זיי בויען זומער נעסטן,
ווו זיי ווערן ווינטער נעלם;
פלעגט מיט זיי אַ שמועס פירן,
ווען ער פלעגט זיי זען און רופן:
הייאַוואַטהאַס ווילדע הינדלעך״.

אויך געלערנט הייאַוואַטהאַ
האָט די שפּראַך פון אַלע חיות,
יעדנס נאָמען און געהיימניש:
ווי דער ביבער בויט זיין וווינונג;
ווו די וועווערקע די ניס האַלט,
ווי אַזוי דער רענטהיר פלינק איז,
און וואָרום דער האָז האָט מורא.
פלעגט מיט זיי אַ שמועס פירן,
ווען ער פלעגט זיי זען און רופן:
„הייאַוואַטהאַס ברידער ליבע״.
און אי־אַ־גו דער באַרימער,
דער באַרייזטער און באַרעדטער,
אָנגעשטאָפּט מיט וווּנדער־מעשיות,
און אַ גוטער פריינד נאַקאָמיס,
האָט געמאַכט אַ פיילנבויגן,
פון אַ דעמבע־צווייג די פיילן
צוגעשפּיצט מיט שאַרפע שטיינדלעך
און מיט פעדערן באַפליגלט
און פון הירש־לעדער דאָס שטריקל,

דאַן געזאָגט צו הייאַוואַטהאַן:
„גיי, מיין זון, אַריין אין וואַלד איצט,
ווו זיך רויטע הירשן זאַמלען,
שיס אונדז דאָרט אַ גרויסן רעה־באָק,
שיס אַ האָרנדיקן רענטהיר״.

איינער און אַליין אין וואַלד איז
גלייך געגאַנגען הייאַוואַטהאַ,
שטאָלץ, מיט פייל און פיילנבויגן;
איבער אים און רונד אַרום אים
האָבן פייגעלעך געזונגען:
„אַ ניט שיס אונדז, הייאַוואַטהאַ!
ס׳רויטע העלדזעלע אָפּיטשי,
ס׳בלויע פייגעלע אָווייסע,

האָבן אויסגעטרעלט: „ניט שיס אונדז״.

אויף אַ דעמב־בוים אומגעשפּרונגען
איז די וועווערקע עדזשידאָמאָ,
האָט געהאָפּקעט דורך די צווייגן,
האָט אין דעמב געפּרייכט, געפּלוידערט,
האָט געקייכט און האָט געחוזקט:
„אָ, ניט שיס מיך, הייאַוואַטהאַ״!

און דער האָז האָט אָפּגעטרעטן
אים דעם וועג און פון דערווייטנס
שטייענדיק אויף הינטער־פיסלעך,
האַלב מיט שרעק און האַלב מיט שמד־
שטיק
האָט געזאָגט צום קליינעם יעגער:
„אָ ניט שיס מיך, הייאַוואַטהאַ״.

דאָך ער האָט ניט אומגעקוקט זיך,
בלויז געטראַכט פון רויטע הירשן,
בלויז שפּיאָנירט מיט זיינע אויגן,
זיי׳רע פּיס־טריט ביזן וואַסער,
ווי זיי בראָדזען דורך דאָס טייכל,
און געוואַנדערט ווי אין חלום.
דאָרט פאַרבאָרגן אין די קוסטעס
האָט ער אויפן הירש געלויערט
ביז ער האָט דערזען צוויי הערנער,
האָט דערזען צוויי גרויסע אויגן
און צוויי נאָז־לעכער, וואָס ד׳יכן.
אויפן וואַלד־שטעג אָנגעקומען
איז דער הירשנבאָק, באַשפּרינקלט
פון די בלעטערס ליכט און שאָטן.
ס׳האָט זיין האַרץ געטאָן אַ ציטער
ווי אַ בלאַט פון וואַלד געטרייסלט,
ווי אַ בירקנבלאַט געפלאַטערט,
ווען דער הירש איז אָנגעקומען.
דאַן געשטעלט האָט אויף איין קני זיך
הייאַוואַטהאַ און געצילט זיך;
קוים אַ צווייגל האָט געוויגט זיך,
קוים אַ בלעטל האָט געשאָרכעט,
דאָך דער כיטרער הירש גאָר פלוצלונג
האָט אַ זעץ געטאָן מיט אַלע
פיר קאָפּיטעס; דאַן געהאָרכט האָט,
איין פוס האַלטנדיק אין אַויר;
און אַ שפּרונג געטאָן אַזוי ווי
ער וואָלט גיין דער פייל אַנטקעגן.
זומענדיק די טויט־פייל דאַן האָט
ווי אַ בין אים איינגעשטאָכן.

טויט איז ער אין וואַלד געלעגן,
טויט ביים סאַמע ברעג פון וואַסער.
ס׳האָט זיין האַרץ ניט מער געצאַפּלט,
דאָך דאָס האַרץ פון הייאַוואַטהאַן
האָט געהויבן זיך פון שמחה,
ווען ער האָט אַהיים געבראַכט אים,
און נאָקאָמיס און אי—אַ—גו
האָבן ליבנדיק באַגריסט אים.

פון דעם הירשן־פעל אַ מאַנטל
האָט געמאַכט פאַר אים נאָקאָמיס,
פון דעם הירשן־פלייש אַ סעודה
האָט לכבוד אים געמאַכט זי.

און דאָס גאַנצע דאָרף געקומען
איז אויף הייאַוואַטהאַס מאָלצייט,
און געלויבט אים און גערופן:
„האַרץ־פול־גבורה״, סאָן־גי־טעהע;
מאַן־גאָ־טייסי—אים גערופן.

פון אַ יינגל אין אַ מאַן איז
אויסגעוואַקסן הייאַוואַטהאַ,
איז געווען געניט אין יאַגד־קונסט,
אין די תורות פון די אַלטע,
אין די שפּילן פון די יונגע,
אין די א ו מ נ ו ת פון די מענער.

פלינק געווען איז הייאַוואַטהאַ,
פלעגט אַ פייל פון בויגן שיסן,
דאַן זי שנעל אַריבערלויפן.
ביז זי הינטער אים פלעגט פאַלן;
שטאַרק געווען איז זיין אָרעם;
האָט געקענט צען פיילן שיסן
אַזוי מעכטיק, אַז די לעצטע
האָט דעם בויגנשטריק פאַרלאָזן,
איידער ס׳פלעגט די ערשטע פאַלן.

ער געהאַט האָט הירשפעל־הענטשקעס,
מינדזשיקאַוואָן, כּישוף הענטשקעס.
פלעגט ער אויף די הענט זיי אָנטאָן,
פלעגט ער קענען פעלזן שפּאַלטן
און צערייבן זיי אויף פולווער.

ער געהאַט האָט שיך פאַרצויבערט;
פלעגט ער אויף די פיס זיי אָנטאָן,
בינדן זיי אַרום די קנעכלעך,
פלעגט זיין יעדער שפּרייז אַ מייל זיין

הייַאוואַטהאַס חתונה־שאַפט.

„ווי דאָס שטריקל איז צום בויגן,
„אַזוי איז די פרוי צום מאַנסביל,
„כאָטש זי בייגט אים, אים געהאָרכט זי,
„כאָטש זי ציט אים, דאָך זי פאָלגט אים.
„איינער טויג ניט אָן דעם צווייטן“. —

אָט אַזוי געטראַכט אין האַרצן
האָט דער יונגער הייַאוואַטהאַ,
פון מחשבות פיל צערודערט;
שטיל געשמאַכט, געהאָפט, געציטערט,
אַלץ געטרוימט פון מיניהאַהאַן,
פון דער שיינער „לאַכיק־וואַסער“,
וואָס אין לאַנד פון די דעקאָטאַס.

„פוילע פיס, הענט אומגעשיקטע;
„ברענג אַ ווייב מיט פלינקע פינגער,
„האַרץ און הענט צוזאַמען פלייסיק,
„פיס באַרייט אַ גאַנג צו לויפן“.

שמייכלענדיק געזאָגט איר האָט ער:
„אין דעם לאַנד פון די דעקאָטאַהס
„ווינט דעם פיילנמאַכערס טאָכטער,
„מיניהאַהאַ, וואָס די שענסטע
„איז פון אַלע פרויענצימער;
„זי וועט קומען אין דיין וויגוואַם,
„טאָן דיין שליחות און דיר ווערן
„פייער־גלוט און שטערן־שימער
„און דאָס זונליכט פון מיין שבט“.

אים געמוסרט האָט נאָקאָמיס:
„נעם אַ מיידל פון דיין שבט,
„גיי ניט מזרח, גיי ניט מעריב,
„זוכן פרעמדע, וואָס דו קענסט ניט.
„היימיש, ווי דאָס וויגוואַם־פייער,
„איז די טאָכטער פון דעם שכן,
„גלאַנץ פון שטערן און לבנה
„איז די פרעמדע יפת־תואר“.

דאָך נאָקאָמיס האָט געטענהט:
„ברענג קיין פרעמדע אין מיין צעלט ניט
„פון דעם לאַנד פון די דעקאָטאַהס,
„גרויזאַם זיינען די דעקאָטאַהס,
„צווישן אונדז איז אָפט מלחמה,
„ס׳לעבן נאָך די אַלטע שנאות,
„ניט פאַרהיילט די אַלטע וווּנד איז“.

אָפּגערעדט אים האָט נאָקאָמיס,
דאָך געזאָגט האָט הייַאוואַטהאַ:
„זיסע באָבעניו, נאָקאָמיס,
„ס׳וואַרעמט ליב דאָס היימיש פייער,
„אָבער מיר דער שיין פון שטערן,
„דער לבנה־גלאַנץ, איז ליבער“.

לאַכנדיק געענטפערט האָט ער:
„אָט דעריבער וויל איך איצטער
„נעמען אַ דעקאָטאַה־מיידל,
„אונדז׳רע שבטים צו פאַרבינדן,
„אַלטע וווּנדן צו פאַרהיילן“.

ערנסט האָט געזאָגט נאָקאָמיס:
„ברענג אַ ווייב ניט, אַ לא־יוצלח,
„ברענג קיין מיידל ניט וואָס פוילט זיך,

דאַן אַוועק איז הייַאוואַטהאַ,
אין דאָס לאַנד פון די דעקאָטאַהס,
אין דאָס לאַנד פון שיינע פרויען.
איבער זומפּ־לענדער און לאָנקעס,

דורך די טיפע אַלטע וועלדער,
דורך דער אומגעשטערטער שטילקייט.

מיט די צויבער־שיך געמאָסטן
האָט מיט יעדן שפּרייז אַ מייל ער,
דאָך דער וועג אים לאַנג געווען איז,
ס'איז זיין האַרץ פאָרויס געלאָפן,
און ער האָט געשפּאַנט אָן אויפהער,
ביז ער האָט דערהערט דאָס לאַכן,
פון די שטראָמען מינניהאַהאַס.
„זיס דער קלאַנג" — געמורמלט האָט ער —
„זיס די שטים, וואָס רופט מיך דאָרטן".

האַלב אין ליכט און האַלב אין שאָטן,
אויפן וואַלד־זוים זיך געפּיטערט
האָט אַ סטאַדע יונגע הירשן.
ניט באַמערקט פון זיי, צום בויגן
האָט געשושקעט ער: „פאַרפעל ניט!"
צו דער פייל געזאָגט: „ניט בלאָנדזשע!"
און זי זומענדיק געשיקט האָט
אין דאָס רויטע האַרץ פון הירשבאָק,
דאַן געכאַפּט אים אויף די פּלייצעס,
און געגאַנגען ווייטער האַסטיק.

ביי דער וויגוואַם־טיר געזעסן,
איז דער אַלטער פייל־מאַכער,
אין דעם לאַנד פון די דעקאָטאַהס,
און פון יאַספּיס־שטיין און מילכשטיין
האָט געשליפן פייל־שפּיצן;
נאָענט פון אַלטינקן געזעסן
איז די שיינע מינניהאַהאַ,
איז זיין טאָכטער, „לאַכיק־וואַסער",
און האָט ראָגאָזשעס געפלאָכטן.
ס'האָט געטראַכט דער גרייז פון עבר,
ס'מיידל האָט געטרוימט פון צוקונפט.

ער געטראַכט האָט פון די צייטן,
ווען מיט אויך אַזעלכע פיילן
פלעגט ער הירש און בופל שיסן
אויף דער מאָסקאָדיי דער לאָנקע,
שיסן ווילדע גענדז, וואָס פלעגן
דרום־צו מיט ליאַרעם פליען;
האָט דערמאָנט די קריגס לייט, וועלכע
פלעגן זיינע פיילן קויפן,
אָן זיי האַלטן קריג ניט קענען.
מער שוין קען מען ניט געפינען
קריגסלייט טאַפּפערע אַזעלכע.
מענער זיינען איצט ווי פרויען,
זייער צונג איז זייער וואָפן.

זי געטראַכט האָט פון אַ יעגער,
פון אַן אַנדער לאַנד און שבט,
יונג, הויך, שיין, וואָס אין אַ פרילינג
איין פרימאָרגן איז געקומען
ביי איר פאָטער פייל קויפן,
האָט זיך אָפּגערוט אין וויגוואַם,
איז אַ צייט אין טיר געשטאַנען,
און אַ סך מאָל אומגעקוקט זיך.
אים גערימט האָט שטאַרק דער פאָטער,
האָט גערימט זיין מוט און קלוגשאַפט.
וועט ער ווידער קויפן פיילן
ביי דעם שטראָם פון מינניהאַהאַ? —
אויפגעהערט איר האַנט האָט פלעכטן
און פאַרטרוימט געווען איר בליק איז.

פון געדאַנקען זיי געטשוכעט
האָט אַ טריט, אַ שאָרך פון צווייגן;
פון דעם וואַלד האָט הייאַוואַטהאַ
פּלוצלונג זיך פאַר זיי באַוויזן,
מיט אַ גליענדיקן פּנים,
מיט דעם הירש אויף זיינע פּלייצעס.

לאַנגזאַם האָט זיין בליק דער אַלטער
פון זיין אַרבעט אויפגעהויבן,
האָט זיין פייל געלאָזט אין מיטן,
און זיך שטעלנדיק געזאָגט אים:
„זיי געגריסט אונדז, הייאַוואַטהאַ".

פון זיין פּלייצע הייאַוואַטהאַ
האָט דעם הירש אַראָפּגענומען
און אַוועקגעלייגט זיין משא
צו די פיס פון „לאַכיק־וואַסער".
פון איר ראָגאָזשע דאָס מיידל
אויפגעבליקט מיט מילדן בליק האָט
און געזאָגט מיט ווייכער שטימע:
„זיי געגריסט אונדז, הייאַוואַטהאַ".

ס'איז געוועזן געראַם דער וויגוואַם,
אויסגעצירט מיט ווייסע הירש=הויט,
זיינע פֿאָרהאַנגען באַפֿאָרבן
מיט די געטער פֿון דעם שבט;
אַזוי הויך געוועזן די טיר איז,
אַז ביים אַיינגאַנג הייאַוואַטהאַ
קוים פֿאַרבייגט זיך האָט און קוים האָט
מיט זיין פֿעדער=פֿוץ באַרירט זי.

אויפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד איז
מיננעהאַהאַ, לאַכיק=וואַסער,
האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט,
האָט געבראַכט צו טראָגן שפּייזן,
און פֿון קוואַל געבראַכט זיי וואַסער,
שפּייז אין ערדענע געפֿעסן,
און אין לינדן=כלים וואַסער;
דאַן געהערט ווי ס'רעדט דער אורח,
ווי דער פֿאָטער אירער ענטפֿערט,
דאָך אַ וואָרט די ליפּן אירע
האָבן ניט אַרויסגעלאָזן.

ווי אין חלום האָט געהאָרכט זי
צו די ווערטער הייאַוואַטהאַס,
פֿון דער אַלטינקער נאָקאָמיס,
וואָס אים קינדווייז האָט געניאַנטשעט,
פֿון די צוויי חברים זיינע,
קיביאַבאָס דעם מנגן,
און דעם גרויסן גברן קוואַסינד,
פֿון דעם גליק און מזל=ברכה
אין דעם לאַנד פֿון די אָדזשיבווייס,
אין דער פֿרידלעך שטילער געגנט.

„נאָך פֿיל יאָרן פֿון מלחמה,
„ווילדע קריג און בלוטפֿאַרגיסונג
„שלום צווישן די אָדזשיבווייס
„און דעקאָטאַהס איז געוואָרן" —
האָט ער ריידנדיק דערציילט זיי;
לאַנגזאַם האָט ער צוגעלייגט דאַן:
„ס'זאָל דער שלום אייביק האַלטן,
ס'זאָל דער בונט נאָך פֿעסטער ווערן,
און די הערצער מער פֿאַרייניקט.
גיב מיר פֿאַר אַ ווייב דיין טאָכטער,
מיננעהאַהאַ, לאַכיק=וואַסער,
שענסטע פֿון דעקאָטאַהאַס פֿרויען".

און דער אַלטער פֿיילן=מאַכער,
ניט געאײַלט זיך האָט צו ענטפֿערן;
שטיל געררויכערט און מיט גדלות,
ערשט געקוקט אויף הייאַוואַטהאַן,
צערטלעך דאַן באַקוקט זיין טאָכטער,
און געענטפֿערט זייער ערנסט:
„יאָ, אויב מיננעהאַהאַ וויל עס.
„זאָג דיין רצון, מיננעהאַהאַ!"

און די שיינע „לאַכיק=וואַסער",
האָט נאָך שענער אויסגעזען דאַן,
וועגנדיק די דעה אירע,
טרעטנדיק צו הייאַוואַטהאַן,
זעצנדיק זיך ביי דער האַנט אים,
זאָגנדיק אים, רויט פֿון בושה:
„וווּ דו גייסט, מיין מאַן, וועל איך גיין!"

אָט אַזוי געשדכנט האָט זיך
הייאַוואַטהאַ צו זיין כלה,
און געוווּנען זיך די טאָכטער
פֿון דעם אַלטן פֿיילן=מאַכער
אין דעם לאַנד פֿון די דעקאָטאַהס.

און אַוועק פֿון וויגוואַם איז ער,
פֿירנדיק זיין מיננעהאַהאַן;
האַנט אין האַנט, דורך וואַלד און לאָנקע,
זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען,
לאָזנדיק דעם אַלטן טרויריק
שטיין אַליין ביים וויגוואַם=אַיינגאַנג,
און געהערט, ווי זיי פֿון הינטן
מיננעהאַהאַס וואַסער=פֿאַלן.
רופֿן, שרייען פֿון דערווייטן:
„גיי לשלום, הייאַוואַטהאַ!"

ווידער האָט דער פֿיילנמאַכער
אומגעקערט זיך צו זיין אַרבעט,
און ביים זון=באַשטראַלטן אַיינגאַנג
זיצנדיק צו זיך געמורמלט:
„ס'לאָזן איבער אונדז די טעכטער,
„וואָס אונדז ליבן, און ליב זיינען,

„ווען זיי קענען אונדז אַ הילף זיין;
„ווען די זְקֵנָה לענט אויף זיי זיך,
„קומט אַ יונג מיט שטאָלצע פעדערן,
„מיט אַ פלייט פון ראָר, אַ פרעמדער,
„וואַנדערט פייפנדיק דורך ס'דערפל,
„גיט אַ ווונק צום שענסטן מיידל,
„און זי גייט אַווו ער פירט זי,
„וואַרפט אַלצדינג צוליב אַ פרעמדן".

אָנגענעם געוועזן די רייזע
איז אַהיים, דורך טיפע וועלדער
איבער לאָנקעס, איבער טייכן,
איבער בערג, דורך פעלזנוועגן;
קורץ אים האָט דער וועג געדאַכט זיך,
כאָטש געגאַנגען איז ער לאַנגזאַם,
כאָטש ער האָט די טריט פאַרקלענערט
צו די טריט פון מיננעהאַהאַ.

איבערווילדע שטראָמען האָט ער
אין די אָרעמס זי געטראָגן,
גרינג געטראָגן ווי אַ פעדער,
ווי די פעדער-צירונג זיינע;
האָט אין וואַלד אַ שטעג געמאַכט איר,
אָפגעבייגט פון וועג די צווייגן,
יעדע נאַכט געמאַכט אַ צווייג-געצעלט,
און אַ בעט פון לינדן-ריטער,
און אַ פייער אָנגעצונדן
ביי דער טיר, פון סאָסנע שישקעס.

אָנגענעמע ווינטן האָבן
זיי באַגלייט דורך וואַלד און לאָנקע,
אַלע שטערן פלעגן וואַכן
ביידערנאַכט אויף זייער שלומער,
פון איר לויער-פלאַץ און דעמב-בוים,
האָט די וועווערקע צעקאַוונע
איינגעקוקט זיך אויף דאָס פּאָרל,
און דער קראָליק, דער וואָבעסאָ,
איז פון וועג אַוועקגעשפּרונגען,
דאַן, אויף זיינע הינטער-פיסלעך

זיצנדיק, האָט פון זיין נאָרע
נייגעריק באַקוקט דאָס פּאָרל.

שיין געוועזן איז די רייזע.
פייגלעך האָבן זיס געזונגען,
ס'בלאָע פייגעלע אָווייסע
האָט געזונגען: „הייאַוואַטהאַ,
„גליקלעך ביסטו, וואָס אַזעלכע
„איז דיין פרוי, און דיך וועט ליבן".
ס'רויטע העלדזעלע אָפּיטשי
האָט געזונגען: „מיננעהאַהאַ,
„גליקלעך ביסטו, וואָס אַזעלכן
„האָסטו פאַר אַ מאַן געקריגן".

זיי מיט ליבשאַפט דורך די צווייגן
האָט די זון באַקוקט פון הימל
און געזאָגט: „אָ, קינדער מיינע,
„האַס איז שאָטן, ליכט — די ליבע,
„לעבן איז אי ליכט, אי שאָטן;
„הערש מיט ליבע הייאַוואַטהאַ".

די לבנה אָנגעפילט האָט
זייער געצעלט מיט ווונדער-שימער
און געזאָגט: „אָ, קינדער מיינע,
„טאָג איז ווילד און נאַכט איז רויִק,
„שטאַרק דער מאַן און שוואַך די פרוי איז,
„האַלב איז מיינס, כאָטש איך גיי נאָך בלויז;
„מיט געדולד הערש, מיננעהאַהאַ".

אָט אַזוי איז צוגעגאַנגען
זייער וואַנדערונג אַהיים-צו.
און געבראַכט האָט הייאַוואַטהאַ
אין דאָס ביידל פון נאָקאָמיס
פייער-גלוט און שטערן-שימער,
זונשיין פאַר זיין גאַנצן שבט,
מיננעהאַהאַן לאַכיק-וואַסער,
וואָס די שענסטע איז געוועזן
אין דעם לאַנד פון די דעקאָטאַהס,
אין דעם לאַנד פון שיינע פרויען.

ה. וו. לאָנגפעללאָ.

יידיש — יהואש.

חורבן ירושלים.

עס זיינען פאַראַן צוויי ירושלימס.
ירושלים של מטה און ירושלים של מעלה.

דריטער געזאַנג.

ירמיה גייט צום הר־הבית. — דער חרובער בית־המקדש. — יהוה׳ס שטים שיקט אים די אבות וועקן. — ירמיה רופט די אבות פון דער מערת המכפלה. — אברהם, יצחק, יעקב. — די טענות פון די אבות פאַרן רבונו של עולם.

פאַרלאָזט האָט דער נביא די מוטער ציון און איז קיין ירושלים אַריינגעגאַנגען. די נאַכט איז שוין איבער די טורעמס פון דער שטאָט געפאַלן — און אויסגעשטאָרבן איז ירושלים געווען. איינער אַליין האָט זיך ירמיה אַרומגעדרייט גאַס אויס, גאַס אַיין. חורבות זיינען די הייזער, און די צעבראָכענע באַלעבאַטישקייט אויף די גאַסן אַרויסגעוואָרפן. געטראָפן האָט ער דאָ און דאָרט אַ טויטן גוף ליגן, וואָס קיינער האָט אים ניט אַהיים גענומען און ניט צו קבורה געבראַכט. געטראָפן האָט ער משוגענע מוטערס, ווי ווילדע שאַקאַלן איבער די גאַסן אַרומבלאָנקען. שטום געוואָרן פון שרעק זיינען אַ טייל פון זיי — האָבן מיט זייערע קראַנקע אַרויסגעזעצטע אויגן ווילד געקוקט און צוגעברומט מיט זייער שטומער צונג. אַ טייל האָבן שטיקער גלידער פון זייערע טויטע קינדער אַיינגעוויקלט אין זייערע ווינדעלעך און אַרומגעטראָגן מיט זיך.

אין די ווינקלען האָבן קראַנקע געשמאַכט און געבענקט נאָכן טויט — איבערגעלאָזט האָט זיי דער פייַנד אין דער צעשטערטער שטאָט, אַז זיי זאָלן מיט זייער עלנט אַ שרעק אָנוואַרפן אויף די שכנים אַרום.

נאָר ניט געזען האָט זיי איצט דער נביא, ניט דעם מענטשלעכן לייד האָט זיין אויג באַנומען, געזוכט האָט דער נביא גאָט. ער האָט געוואָלט פון אים פאַרנעמען אַ וואָרט, וואָס ער זאָל די אַרויסגעטריבענע אין גלות פאַר אַ טרייסט ברענגען. אַרויסגעגאַנגען איז ער צום הר־הבית. געזאָגט האָט ער זיך: „גאָט האָט נאָך ניט פאַרלאָזט זיין הייליקן אָרט — און איך וועל ביי דער טיר פון בית־המקדש שטיין און צו גאָטס שליחות זיין גרייט“.

אָנגעקומען איז ירמיה צום הר־הבית, דעם אָרט, ווו אברהם האָט יצחקן אויף דער עקדה געבראַכט. ווי זעט ער אויס? צעפירט איז דאָס הויז, ווו גאָט האָט צווישן די לעבעדיקע געוווינט, — נאַכט הענגט דעריבער און דעקט די געטלעכע הרוגים צו. צעבראָכענע שטיקער פון אַ הימל ליגן דאָ. עס ווייסט זיך דער מירמלשטיין אין דעם ליכטיקן לבנה־שיין. און די קופערנע זיילן, אָפּגעבראָכן פון די טרעפּן, ווי ריזן־הרוגים ליגן זיי. עס שטראַלן די שטערן אַנטקעגן די גאָלדענע פעדעם פון אַ האַלב־פאַרברענטן פּרוכת, וואָס קוקט פון דער חורבה אַרויס. און פון דעם אַש בלישטשעט דאָס גאָלד פון אַ הייליקער כלי — אין דעם יונגן כהנס האַנט. קדושים זיינען זיי ביידע, פאַר גאָט אין פייער פאַרברענט. מורא האָט דער נביא געהאַט דעם אָרט צו באַטרעטן, יעדער שטויבל איז הייליק דאָ, יעדער זעמדל פון גאָט געקושט. אויסגעמישט האָט

זיך די קדשי־קדשים מיט די עזרות, און דער געטלעכער הייליקער סוד ליגט איבער אַלץ אויסגעשפּרייט. געפאַלן איז דעריבער די שטילקייט פון הימל; גאָט האָט מיט זיין מאַנטל זיינע הרוגים פאַרהילט. אַזוי אָפּגעזונדערט איז געווען דער אָרט פון דער גאַנצער וועלט. און עס איז געווען דעריבער — נישט די ליכט פון טאָג און נישט די ליכט פון נאַכט, נאָר פון אַ געוויטער, ווי דער הימל איז, ווען גאָט באַווייזט זיך אויף דער ערד — אַזוי האָט גערוט דער הייליקער סוד פון געטלעכקייט איבער דעם געטער־בית־עולם דאָ.

געשטאַנען איז ירמיה ביים אַריינגאַנג פון בית־המקדש און געוויינט ווי אַ קינד און געזאָגט אַזוי: „גאָט, ווו זאָל איך דיך זוכן? פאַרלאָזן האָסטו דעם אָרט, ווו דו האָסט צווישן די מענטשן געוווינט, און ביסט צוריק אין דיינע פאַרבאָרגענע הימלען געגאַנגען. איבערגעלאָזט אונדז אַליין, און מיר ווייסן ניט אויס און מיר ווייסן ניט איין. גאָט, צו וועמען זאָל איך גיין, וועמען זאָל איך פרעגן? דיין בית־המקדש איז צעשטערט, דיינע כּהנים טויט, יידן אין גלות, און דאָס בייז הערשט איבער דער וועלט. און דו ווייזט מיר קיין צייכן ניט און דו זאָגסט מיר קיין וואָרט ניט, ווו זאָל איך דיך זוכן גיין, גאָט?" אַזוי געוויינט האָט דער נביא, און זיינע ווערטער האָבן אין די צעבראָכענע כּלים פון בית־המקדש אָפּגעקלונגען. דער מעטאַל האָט פון זיך אַ קול געגעבן און מיטגעוויינט האָט ער מיט דעם נביא. און ווי ירמיה וויינט אַזוי — און זע — פּלוצלונג באַווייזט זיך אַ ליכט, באַהעלט ווערט דער גאַנצער אָרט; אַ שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן הר־הבית, און די צעבראָכענע בית־המקדש־שטיקער, ווי אַ נשמה וואָלט אין זיי אַריין — זיינען זיי שטיין געבליבן, שטיל געשוויגן און אויסגעהערט. קיין געשטאַלט האָט ירמיה הנביא נישט געזען — נאָר דערהערט האָט ער אַ שטים. ווי אַ טויב האָט געברומט די שטים פון יהוה און געזאָגט אַזוי: „עס טוט באַנק אַליין אין די הימלען צו זיין, און נאָך ישראל איז מיין באַגער. איך האָב הימל און ערד געשאַפן, איך שוועב איבער דעם גאַנצן חלל אַרום, מיר געהערט דער תּהום פון יענער זייט וועלט — אין ערגעץ געפין איך ניט קיין רו. ענג איז מיר דעם הימלס מלוכה: די נאַכט איבער דעם תּהום פון יענער זייט קאָן מיין גייסט נישט אַרומנעמען, — און גענוג איז מיר געווען דער חלל פון פיר איילן ערד, וואָס ישראל האָט מיר צווישן זיך אָפּגעטיילט. איך שוועב איבער דער חורבה פון מיין צעפירטער היים און קוש יעדן שטיין און האַלדז יעדן שפּאַן ערד. צו שוואַך איז מיר דער לויבגעזאַנג, וואָס די הימלען זינגען מיר ביים זונען־אויפגאַנג, דער לייבן־געשריי, וואָס די ימים שאַלן צו מיר, ווען די שטורעמס ברומען איבער זיי, צו דעם רויש פון די שטערן־וועלטן אין זייער גאַנג אין דעם חלל פון דער נאַכט — הער איך זיך נישט איין. נישט איז מיר די שטילע ליד, וואָס שוועבט אַרום דעם תּהום פון אין־סוף. איך בענק נאָך ישראלס לויב, וואָס געזונגען האָבן צו מיר די לוים, מיט די האַרפן באַגלייט. געבראַכט האָבן זיי מיר מיט זייער געזאַנג די ליד פון יעדן בלעטל און גרעזל, דעם לויב פון יעדן פייגל און עוף — וואָס איך האָב געשאַפן אויף דער וועלט. געהערט האָב איך זייער לויב און געבענטשט האָב איך זיי. אָ, ישראל, אין אַ רגע פון צאָרן האָב איך דיך געשטראָפט, און אייביק איז מיין בענקשאַפט נאָך דיר. אונטער די שמיץ פון דיינע פייניקער הער איך דיין רופן נאָך מיר — און עס גייט אויס מיין האַרץ נאָך דיר. די הימלען פאַר מיר, דער גלות, ווי די ערד פאַר דיר — ווער וועט מיר גיין און וועמען זאָל איך שיקן מיינע פריינד רופן — אברהם, יצחק און יעקב — די הייליקע דריי, קומען זאָלן זיי צו גיין און טרייסטן מיך?"

געציטערט האָט ירמיה הנביא פאַר גאָטס רייד, געוואָרפן זיך צו דער ערד און געזאָגט: „שיק מיך, גאָט, איך בין צו דיין שליחות גרייט".

און געזאָגט האָט יהוה: „גיי, ירמיה, וועק מיר מיינע פריינד אויף — רוף זיי פון זייער רו. זאָג, אַז יהוה איז פאַרלאָזט, ווי אין דעם הימל, אַזוי אויף דער ערד, אַז אומעטום הערשט דאָס שלעכטס. עס זיינען אַרויס די קליפות פון זייערע לעכער, און די מדת־הרחמים איז פאַרשטומט. פאַרייניזאַמט איז יהוה און ישראל, קיינער ווייס זייער נאָמען נישט מער. קומען זאָלן זיי צו גיין — איך דאַרף זיי האָבן לעבן מיר אין דער שלעכטער צייט".

געגאַנגען איז ירמיה צו דער מְעָרַת־הַמַּכְפֵּלָה, אַהין, ווו עס רוען די פאָטערס פון ישראל, מיט די מוטערס ביי זייער זייט, אין דעם טויזנט־יעריקן שלאָף. אַ הייליקע ציטערניש האָט אים אַרומגענומען, ווען ער איז געקומען אין זייער נאָענט — אָנגעקלאַפּט האָט ער אין זייערע לאָדנס אַריין און גערופן זיי: „שטייט אויף, אברהם, יצחק און יעקב, פון אייער רו. איר זייט פאַר גאָט באַגערט צו קומען צו גיין".

די אַלטע קעניגן, מיט די קרוינען אויף די קעפּ אָנגעטאָן, האָבן געעפנט די אויגן פון דעם טויזנט־יעריקן שלאָף און געפרעגט איינער ביים אַנדערן: „ווייסטו נישט, וואָס עס איז געשען? מע וועקט אונדז פון אונדזער רו".

און אַז זיי האָבן דערהערט גאָטס נאָמען פון ירמיהס מויל אויסרופן, האָבן זיי פאַרוווּנדערט געפרעגט: „וואָס איז היינט מער פון אַן אַנדער מאָל?"

מורא האָט ירמיה געהאַט זיי פון דעם חורבן צו דערציילן. ער האָט זיך געטראַכט: „זיי וועלן שטראָפן און זאָגן: אַ נביא ביסטו געווען ביי יידן, וואָס האָסטו צוגעלאָזט, אַז עס זאָל אַזעלכעס געשען אין דיינע טעג?" — האָט ער זיי געענטפערט: „איך ווייס נישט, וואָס געשען עס איז, נאָר איר זייט פאַר גאָט באַגערט צו קומען צו גיין".

אויפגעהויבן האָבן זיי זיך פון די קברים, מיט די קרוינען אויף זייערע קעפּ, אין די טליתים איינגעהילט, האָבן זיי איבער דער וועלט געשפּרייזט. געשוויגן האָט די ערד, געציטערט באַרג און טאָל, אַז זיי גייען פאַרביי פאַר זיי, און מיט שטיל ציטעריק געבעט האָט זיי בוים און גראָז נאָכגעקוקט און באַוווּנדערט זיי.

געגאַנגען איז דער ערשטער אברהם אבינו, הויך איז זיין געשטאַלט געווען, העכער פון די יידן אַלע. אַ גרויסע קרוין אויף זיין גראָען קאָפּ, אין זיין ברייטן טלית איינגעהילט, איז ער מיט זיין ברייטער, ווייסער באָרד און שטילע רויִקע טריט פאַר גאָט געגאַנגען, זיכער און רויִק, ווי מע קומט צו אַן אַלטן גוטן פריינד. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסע האַק. צעשטערט האָט ער מיט דער האַק די געטער פון זיין פאָטער און פאַר יהוהן זיי אונטערטעניק געמאַכט. געציטערט האָבן די געטער פאַר זיינע טריט. אַזוי איז דער געטער־צעשטערער, דער עלטסטער פון אונדזערע אָבות פאַר גאָט אָנגעקומען צו גיין.

ווי יהוה האָט אים דערזען, אויסגעשטרעקט האָט ער צו אים די האַנט און געזאָגט: „זיי געגריסט, מיין אַלטער פריינד — יהוהס זייל. דער ערשטער פון די לעבעדיקע האָסטו יהוהן דערקענט, פון די געצן פון דער וועלט מיך אויסדערוויילט, דער ערשטער מיין נאָמען צווישן די פעלקער פאַרשפּרייט. אַנטפּלעקט האָב איך זיך צו דיר און געבונדן מיט דיר אַן אייביקן באַנד. קום, מיין פריינד, זעץ זיך ביי מיין זייט".

דער צווייטער איז געגאַנגען זיין זון יצחק, קלענער פון דעם פאָטער, אָבער

נאָך גרעסער פון אַלע אין דער וועלט. בלינד איז ער געווען, אָבער שטאָלץ און זיכער איז ער דאָך געגאַנגען, מיט זיין גאָלדענער קרוין אויף זיין קאָפּ, אויף גאָטס חסד געשטיצט. מיט דער האַנט האָט ער אַ בעקל ביי זיינע הערנער געפירט — דעם קרבן, וואָס אברהם האָט אויף זיין אָרט צו גאָט געבראַכט. אַזוי איז אונדזער פאָטער יצחק, דער קרבן פון גאָט, פאַר יהוהן אָנגעקומען צו גיין.

ווי יהוה האָט אים דערזען, האָט ער אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט און געזאָגט אַזוי: „יצחק, שעפעלע מיינס, דיין האַרץ איז אַזוי פראָסט, ווי די ערד. אַז איך האָב גערופן צו דיר, האָסטו ווי אַ קאַלב די העגט מיט די פיס זיך בינדן געלאָזט און דיין האַלדז צום חלף אויסגעשטרעקט, געבונדן האָב איך זיך מיט דיר אין אייביקן באַנד — קום, מיין פריינד, זעץ זיך לעבן מיר".

דער דריטער איז געגאַנגען דער פאָטער יעקב אונדזערער, שוואַרץ פאַרוואַקסן איז ער נאָך געווען און יונג, ווי ביי לבנס שאָף, ווען ער האָט פאַר אונדזער מוטער רחל געדינט. זיין שעפער־שטעקן געהאַלטן אין האַנט, איז ער מיט שטילער הכנעה און געטריישאַפט פאַר גאָט געטרעטן.

ווי יהוה האָט אים דערזען, האָט ער אים פון דערווייטנס צוגערופן: „יעקב, יעקב, מיין זון און מיין קנעכט. פון דיין מוטערס בויך אָן האָב איך דיך שוין אויס־דערוויילט. איידער דו האָסט מיך נאָך געקאָנט, ביסטו שוין אין מיין וועג געגאַנגען, אין דיר האָב איך אויסגעגאָסן דעם פורעם פון ישראל, דיר איבערגעגעבן דעם סוד, וועלכן יהוה האָט מיט ישראל. דו ביסט געווען דער ערשטער ייד, איידער יידן זיינען נאָך געווען אויף דער וועלט. קום צו מיר, אַלטער פריינד, און זעץ זיך ביי מיין זייט".

אַראָפּגענידערט האָבן מ'אכים דריי און דריי גאָלדענע שטולן פאַר די אָבות אויפגעשטעלט, יהוהן צו רעכטס און צו לינקס. וואָרום, אמת, אַבֵלים זיינען זיי געווען נאָך זייער קינד — דאָך זיינען עס קעניגן געווען, און גאָט האָט זיי דעם כבוד גע־געבן, ווי עס פאַסט פאַר זיי.

אַז די אָבות מיט די קרוינען אויף די קעפּ און מיט די צייכנס אין די הענט האָבן זיך אַרום יהוהן אויף זייערע טראָנען געזעצט, האָט זיך דערהערט יהוהס שטים:

„איר זייט געקומען אין מיין הויז אַריין, מיינע פריינד, און מיין הויז איז צעשטערט. משפט צווישן מיר און אייער זון. צעריסן האָט ישראל דעם באַנד, וואָס איז צווישן מיר און אייך — אַנדערע געטער האָבן זיי זיך געמאַכט און יהוהן פאַר־לאָזט. די הייליקע ערד, וווּ איך האָב זיך צו דיר, אַברהם, צום ערשטן מאָל באַוויזן, האָבן זיי פאַרומרייניקט; דעם אָרט, וווּ יצחק איז צו דער עקדה געבראַכט געוואָרן — טָמֵא האָבן זיי אים געמאַכט; און וווּ איך האָב דיך, יעקב, אין דעם חלום פון דער נאַכט, אויף דעם לייטער אין מיין הימל געפירט — פאַר אַנדערע געטער האָבן זיי דאָרט מזבחות אויפגעשטעלט; דעם טויער, וווּ די תפילות פון דער וועלט שטייגן צו מיר אין הימל אויף — מיט בלוט פון קרבנות פאַר פרעמדע געטער האָבן זיי עס פאַרשפּריצט. פאַרוואָרפן האָב איך זיי פון מיר, אין פרעמדע הענט איבערגעגעבן, פון לאַנד אַרויסגעטריבן, אין גלות געפירט".

און אויפגעעפנט האָט יהוה די אויגן פון די אָבות, און דערזען האָבן זיי דעם פינסטערן קייטן־וועג פון דעם לאַנגן גלות. לאַנג און אייביק ציט זיך אַ וועג, דער וועג פון חורבן, מיט בלוט און טרערן איז ער באַזייט, אויף שריט און טריט מַצֵבות — זיי שטייען פון פריצייטיקן טויט. ווי שאָטנס שוואַרצע, יאָגט זיך דער רעשט פון ישראל הינטער דעם אַייזערנעם שטאַנג פון דער קללה, וואָס רוט אויף אים, צווישן

די פעלקער פון דער וועלט און האַלט זיך אויף ביי זיין שטאַם און רופט צו זיין גאָט און די אָבות דערמאָנט ער.

דערזען האָבן זיי דעם גלות, דעם שוואַרצן, ביזן היינטיקן טאָג אַריין. קיין טאָג, קיין נאַכט, קיין אָפּרו נישט, פאַרמיאוסט פון צרות, אייגגעמידעט פון קלאָגן זיך, יאָגט ער, ווי אַן אייביקער מצורע און ציט נאָך זיך זיין בלוטיקן באַנד פון גלות־בבל ביז אין היינטיקן גלות אַריין.

דערזען דעם שטעכנדיקן וועג, האָבן זיי די קרוינען פון זייערע קעפּ אַראָפּגענומען און פאַר די פיס אַנידערגעלייגט. זיי האָבן מיטאַמאָל דערהערט ישראלס געוויין. די ווינטן האָבן אָנגעהויבן צונויפצוברענגען זיינע קרעכצן פון גאַר דער וועלט, און ווי שטורעם־ווינטן האָבן זיי געיאָגט פאַר די אָבות פאַרביי.

אויפגעהויבן האָבן זיי זיך פון זייערע ערטער, צעריסן די טלתים אויף זיך און פאַר גאָט זיך געשטעלט.

און דער ערשטער איז געווען אונדזער פאָטער אַברהם, וואָס האָט פאַר גאָט געטענהט אַזוי:

„אויסדערוויילט האָסטו מיך פון גאָר די מענטשן פון דער וועלט, פאַר אַ פאָטער פון אַ שטאַם האָסטו מיך געמאַכט און געוויזן מיר אין חלום פון דער נאַכט דאָס לאַנד, וואָס דאַרט וועסטו באַזעצן זיי. צו די שטערן אין הימל האָסטו זיי מיר געגליכן, איינעם אין איינעם, זייערע קינדער זאָלן די קעניגן פון דער וועלט זיין. איך וויל ניט אַ פאָטער פון אַ קנעכטן־פאָלק זיין. וואָס האָסטו געמאַכט פון זיי?"

געברומט האָט יהוה הינטער זיין שוואַרצן וואָלקן אין דער נאַכט אַריין:

„זיי האָבן געזינדיקט, אַלטער פריינד".

אַברהם איז אָבער ווייטער פאַר גאָט געשטאַנען און געזאָגט אַזוי:

„וואָס האָבן זיי דיר געטאָן אַזוינס? ווי גרויס איז דען דעם מענטשנס פרייד אויף דער ערד, — ווי לאַנג איז זיין לעבן דען? נאָענט ביי אונדזער וועג שטייט דער קבר. אונדזער לעבן — איז אונדזער וועג צום טויט. אויף וועמען האָסטו דאָ דיין כּעס אויסגעגאָסן? מיט וועמען ביסטו אין דער מלחמה געגאַנגען? פאַרוואָס האָסטו זיי נישט מוחל געווען?"

אָבער יהוה האָט אַלץ געברומט פון זיין שוואַרצן מאַנטל אַרויס: „זיי האָבן געזינדיקט, אַלטער פריינד".

און אויפגעהויבן האָט זיך אונדזער פאָטער יצחק מיט טרערן אין די אויגן — מיט הכנעה און שטיל געבעט געזאָגט אַזוי:

„צוויי קינדער האָסטו מיר געגעבן, צוויי צווייגן פון מיין בוים אויסגעשפּראָצט. מיין האַרץ מיט ליבע געבונדן צו זיי ביידן — האָסטו אַן אייביקע פיינדשאַפט צווישן זיי געוואָרפן. איינעם פאַר אַ זון אויסגעקליבן, דעם צווייטן פאַר אַ רוט — צו שטראָפן אים באַשאַפן. ווען איינעם איז גוט, איז דעם צווייטן שלעכט, און יעדן מאָל איז אַ זייט פון מיין האַרץ פאַרבלוטיקט. צי געפינט זיך נישט אין דיין האַרץ ליבע פאַר זיי ביידן? — עשו איז דאָך אויך מיין קינד, פאַרוואָס האָסטו אים פון דיר פאַרשטויסן און צום פייניקער פון יעקב געמאַכט? מאַך דאָך שלום צווישן זיי ביידן, און זאָלן זיי ביידע דיינע זין זיין".

און אויפגעשטעלט האָט זיך יעקב אונדזער פאָטער און האָט זיך פאַר גאָט געשטעלט און מיט גרויס געוויין געזאָגט אַזוי:

„פאָטער, דו ווייסט, ווי איך ליב זיי, — יעדעס קינד מיינס, — אַלע זיינען זיי

מיינע קינדער ביז צו דעם יינגסטן, ביז היינטיקן טאָג אַריין. און טייער באַצאָלט האָב איך פאַר זיי — אָפּגעאַרבעט פאַר יעדן מיין קינד. — ביי לבן הארמי אָפּגעדינט, ניט געשפּאָרט קיין אַרבעט, ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט. יעדעס שעפעלע געטריי אָפּגעוואַכט. רחלען האָב איך ליב געהאַט, דאָך לאהן האָב איך ניט פאַרשעמט. מיט בענקענדיקע בליקן האָב איך צו רחלען געקוקט, דאָך מיט לאהן בין איך אין געצעלט געגאַנגען. ווייל דו האָסט איר גיט געשאָנקען קיין חן, האָב איך זיך אויף איר מרחם געווען. און דו האָסט אויף מיינע קינדער קיין רחמנות ניט געהאַט? דו ווייסט, איך האָב זיי, ווי מיינע שעפעלעך, אין פעלד געפירט און די הימלען געוויזן און פאַרציילט זיי פון דיר. און ווען אויפגעוואַקסן זיינען זיי מיר, און מיין ברודער עשו האָט זיי פאַרטיליקן געוואָלט, אַיינגעשטעלט האָב איך מיין לעבן פאַר זיי, און דו ווייסט, ווי איך האָב מיין לעבן לאַנג געטרויערט איבער איינעם פון זיי — ווען מע האָט מיר זיין העמדל געבראַכט — און איך האָב געמיינט, אַז אַ חיה רעה האָט אים פאַרצוקט. יעצט האָסטו מיר זיי אַלע אומגעבראַכט — איבערגעגעבן האָסטו זיי צו פרעמדע אין די הענט. אָ, יעדער זייער וווּנד איז מיין וווּנד, יעדער זייער געשריי — אָ, איך קען אין מיין קבר נישט אַיינרוען, עס רינען צו מיר די טרערן זייערע אַלע אַריין, עס רינט דורך מיין האַרץ זייער בלוט, און יעדע וווּנד איז מיין, און יעדע לייד איז מיין“.

און עס איז געוואָרן אַ גרויס געוויין, ווען די אָבות האָבן זייער וואָרט פאַר גאָט געפירט. הימל און ערד האָבן מיט אונדזערע פאָטערס מיטגעוויינט. און אַלע שטערן זיינען געקומען און אַרום זיך געשטעלט, און די מלאכים אויבן אין הימל. אַלץ האָט געוויינט. און פון גאָטס אויגן זיינען צוויי טרערן אַראָפּגערונען אין ים אַריין און האָבן די וואַסערן אויפגעקאָכט. און עס איז געגאַנגען דער געשריי פון די אָבות פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן. און דערהערט האָבן עס די יידן ביי די טייכן פון בבל — וואָס זיינען דאָרט געזעסן. אַז זיי האָבן געהערט דעם געשריי, האָבן זיי די אבות דערקענט און האָבן געזאָגט: זיי זיינען פאַר גאָט געקומען, האָבן זיך אָנגענומען פאַר אונדז. און אַ שטילע האָפענונג איז אַדורכגעגאַנגען צווישן זיי.

ש ל ו ם א ש.

רייסן.

משה קולבאק

א. רייסן.

אָ, דער זיידע פון קאָבילניק איז אַ ייד אַ פשוטער,
אַ פויער מיט אַ פעלץ און מיט אַ האַק און מיט אַ פערד...
און מיינע זעכצן פעטערס און מיין טאַטע—
יידן פראָסטע, יידן,ווי די שטיקער ערד,
טרייבן פליטן אויף די טייכן, שלעפן קלעצער פון
די וועלדער...

און דעם גאַנצן טאָג געהאָרעוועט, ווי כלאָפּעס,
עסט מען וועטשערע פאַרנאַכט צוזאַמען פון איין שיסל,
און מע פאַלט אַנידער אין די בעטן ווי די סנאָפּעס.
דער זיידע, אָ, דער זיידע קלעטערט קוים אַרויפעט
אויפן אויוון.
ער איז, דער אַלטיטשקער, ביים טיש אַנטשלאָפן שוין געוואָרן,
נאָר די פיס—זיי ווייסן, פירן זיי אַליין אים אָפּ צום אויוון...
דעם זיידנס גוטע פיס, וואָס דינען אים פון כמה יאָרן ...

ב. מע קאָסיעט היי...

אין פעלד האָט געגומען שוין ציען מיט נעפּלען פון אָסיען...
אַרויס איז דער זיידע פאַרטאָג צום געמויזעכץ דאָס היי אַראָפּקאָסיען,
איז מען ביים שאַריען אויף טאָג שוין געווען בגילופין אַזוי ווי די אמתע קלעזמער,
מע האָט זיך צעשטעלט זאַלבעאַכצעט, דער זיידע בראש, און אַוועק איז אַ מזמור:
אַ שפּרייז, און אַ קער מיט די פּלייצעס, אַ שווישטש, פּונקט עס טאַנצן אין זומפּ
אַרום בליצן.
פאַר דאָס שטיקעלע ברויט — האָט דער זיידע געזאָגט—מוז מען, קינדערלעך, שוויצן...
און ס'האָבן זיך בלאַנקער די קאָסעס צעפייפט, די קאַפּאָטעס אַראָפּ, מיט באַוואַקסענע
גלידער,
אַזוי ווי די האָריקע יאָדלעס—אַ טאַטע אַן אַלטער מיט זיבעצן לייבלעכע ברידער...
עס צופּן די קאָסעס, ס'צעשפּריצט זיך דער טוי און עס פאַלן די גרעזער אויף
גרעזער אַנידער,
אַ פייגעלע זינגט אויף אַ נוס-בוים דערביי, אַז דער זיידע קאָן פשוט קיין אָרט ניט
געפינען:
„וואָס זאָגסטו דערצו? נאַ דיר גאָר אַ קאַנאַריק, אַ חזן, אין מיטן דערינען“...

דאָ נעמט מען זיך טאָטשען די קאָסעס, פאַררויכערט מען, כאַפּט מען אַ זופּעלע קוואַס
פונם קריגל,
דערנאָך שטייט מען אויף מיט אַ קרעכץ ... פּאָמאָהיי באָך! אַ קלונג — און עס טוט
זיך די קאָסע אַ שפּיגל,
באַווייזט זיך, פאַרשווינדט צווישן גראָז, טוט אַ בלאַנק—אַכצן קאָסעס כסדר!...
און ס'בויגן זיך זיכער די הענט, אָ, עס קנאַקן די שענקלען, און פעסט זיצט אַ יעט-
װעדער גדר — — —

אַזוי ביז דער עולם דערזעט, ווי דער רויטער פּאַרנאַכט לייגט זיך אָפּ אין די קאָסעס,
טוט חברה אַ שמייכל. מע זעט שוין דעם הערינג דעם ברייטן, דער באַבעשיס קעז־
סאַלטענאָסעס,
דערלאַנגט מען אַ נעם די קאַפּאָטעס, מע גייט, און מע הערט צו די וואַכטלען,
וואָס שרייען,
מע גייט מיט די קאָסעס פּאַרלייגט אויף די פּלייצעס, מע קוקט און מע שווייגט, ווי
די שלייען...

ג. מע טרייבט פּליטן...

עס האָבן די נעפּלען פּאַרווישט און פּאַרשמירט אַלע דערפער און וועגן,
אין פעלד טאַפּט מען אָן מיטן וואַרעמען פּנים די קאַלטקייט פון הענגענדן רעגן...
עס ווייזן זיך פלעקן פוןביימער, פון ערגעץ אַ הויף, אַן אַסוויר פון אַ ברונעם,
נאָר ס׳שווימט עפּעס אָן, עס ווערט ווייס פאַר די אויגן, און אַלץ ווערט אין נעפּל
צערונען,
אַ טרוקענער צווייג פאַלט אַראָפּ. עס איז שטיל. אַ פויגל הייבט אָנעט צו קלאָגן:
„ס׳קומט אויסעט אין לעבן אַזוי פיל אַריבערצוטראָגן, אַזוי פיל אַריבערצוטראָגן״...
די צענדליקער קוועלכעלעך פּליעסקענען צווישן די בייטן און מורמלען און ריידן,
און צווישן די נעפּלען ווייט־ווייט אויפן ניעמאַן דערהערט זיך די שטים פונם זיידן:
— ש מ ו ל י ע, ה ע י, ש מ ו ל י ע,
פּאַרפּאַטש דעם הינטן אויף סקאַרוליע!...

דער זיידע קריכט אום מיט אַ באָרד מיט אַ נאָסער און טאַפּט די שוואַרצועס,
די פּעטערס אין נעפּל מיט לאַנגע בוסאַקעס מע שפּרייזט אויף די פּליטן,
אָט ווערן זיי נעלם. מע הערט נאָר אַרויס פון דער ווייט דעם געשריענעם שמועס,
עס טוען אַ פּליעסק אָפּאַטשינעס, אַ גראָב, און דער שטראָם ווערט צעשניטן...
דער נעפּל פּילט אויסעט די ליימיקע ברעגן, נישטאָ — ניט קיין ערד, ניט קיין וואַסער.
און ווייך איז די געגנט אַזוי, און ממשות — אַ וואַרעמער אָטעם אַ בלאַסער...
נאָר ס׳וויקלט זיך עפּעס... אָט גייען די כלערליי טאָלן און וועלדער אַריבער,
דאָרט שטייען פּאַרוויקלט די הייזער, באַדעקטע ווי מעבל אין גבירישע שטיבער...
און אָט פּלאַצט דאָ אויפעט אַ קלאָרקייט אַ גרינע... ס׳ווערט קלערער ביי זיך אין נשמה...
די זון טוט אַ לייכט. עס באַווייזט זיך דאָס וואַסער און ווערבעס פּאַרוויינטע און לאָמע,
דער וואַלד האָט זיך בלוי אויסגעוואַשן, איז נאַס, און דער קאָפּ זיינער פּלאָקערט,
און ס׳גייט זיך אַ העלקייט ווייט ווייט אויף אַ לאָנקע... אַ פייערל שטייט דאָרט און
אָקערט...

אַ רחבות. אַ פרישקייט פון גראָזיקע לאָנקעס, וואָס שמעקן און פינקלען און וויינען,
און ס׳שווימען נאָך אומעט די שטיקער פון נעפּלען — חלומות פון פעלדער און פּליינען...
און ס׳שווימען די פּליטן געלאַסן, געלאַסן, פּאַרקירעווען רונד מיט די ברעגן,
די שטרויענע ביידעלעך שטראַלן און פּאַריען אַרויסעט דעם טוי און דעם רעגן.
דערביי ליגט דער זיידע... ער רויכערט די ליולקע און זשמורעט פון תענוג די אויגן:
די וואַרעמע ערד האָט זיך גלאַנציק און פעט אַזוי שטאַרק אויסגעצויגן,
צעקעסטלט אין פעלדער, געמויזעכצן, געלבע און העלע און גרינע —

עס גיסט זיך דער דורכזיכטיק־ציטריקער פלאַקס אויף בורשטיניקע שטענגעלעך דינע,
די גרינקייט אויף פעלדער־קאַרטאָפל ליגט אָפּגעקילט, מאַט, אויסגעזאָטן...
און ס׳שמייכלט די קורצע די ראָזעווע רעטשקע מיט שפּרענקעלעך ווייסע באַשאָטן —

עס רינען די זאַפטן פון דרערד, אַז אַ שכרות נעמט דורך אַלע גלידער,
עס שפּאַרט זיך אַ לעבן אַ שטומער דורך גרעזער, דורך וואָרצלען און צווייגן,
אַז ס׳האַלט מער ניט אויסעט דער זיידע, ער טוט זיך אַ נעם, אָ, ער קאָן מער ניט שווייגן,
דערלאַנגט ער אַ רעווע: „טראַשציאַ אין דיין טאַטן״! און נאָכאַמאָל ווידער:
„טראַשציאַ אין דיין מאַמען״! — אַז ס׳כאַפּן זיך אויפעט די זין אויף די פּליטן,
מע זעט, אַז עס פליצן אַראָפּ פון די פעלדער די פאַרבן די הייסע, ווי שטראָמען,
עס שפּרודלט פון פרילינג אַריין אויף דער וועלט, און אַליין איז מען אויך דאָ אינמיטן...
רבונו של עולם! עס טוט זיך דאָ וואָס אויף די פעלדער, וואָס האָט ניט קיין נאָמען!...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָט דער זיידעניו עליו השלום די פליטן געטריבן קיין פרייסן,
איז ער פאַרנאַכטלעך אַריין מיט דער בלויער ווילִיע אין ניעמאַן אין ווייסן,
האָט מען די שריגעס פאַרגראָבן אין זאַמד און די שווערע שוואַרצועס פאַרבונדן,
און פייערן האָבן די פעטערס אויף יעטוועדער פליט אָנגעצונדן,
שווייגעוודיק־מיד, זאַלבעצווייט ביי אַ פייער, אַזוי איז מען גרויע געזעסן,
געבראָכן דעם ראַזעווען ברויט און דעם באָרשטש פונם טעפּל געגעסן.

ס׳איז שטיל אויף דער געגנט געוועזן. עס האָבן נאָר בלויע די וועלן געזונגען,
עס האָט נאָר דער פייער זיך הילכיק צעבלעטלט, צעלייגט, ווי אַ רויטינקער בלימל,
און ס׳איז נאָר אַ פיש ווען־ניט־ווען פונם וואַסער דעם קילן געשפּרונגען.
בלוי איז געווען. און אַ רויטע לבנה, אַ שווערע, איז אַרויס אויפן הימל.

ד. די ווילִיע און דער ניעמאַן...

בעת די לבנה צעשפּריצט זיך אין לאַנד, ווי אַ זילבערנער רעגן,
דאַן הייבט זיך אַ שטייפע געשטאַלט פון אַ ליטווין אַרויס פון דעם ניעמאַן
און ס׳שווימט, ניט געהערט, פון ווילִיע אַ טונקעלע פרוי אים אַנטקעגן,
צעוואָרפן די לאָקן, די נאַסע, מיט לאַנגע און גרינלעכע ברעמען
באַווייזט זיך איר גליטשיקער קערפּער אַרויס פון די כוואַליעס...
עס בויגט זיך אַריבער דער ניעמאַן און נעמט זי אַרומעט,
און טוט איר אַ קוש אין די אויגן די גרינע, וואָס לייכטן פון אומעט,
און נעמט זי אַראָפּ אויפן גרונט אין די בלויע, קריסטאָלענע סאַליעס...

ה. דער פעטער אַברהם פאַשעט די פערד...

ביינאַכט איז דער פעטער אַברהם געוועזן אויף דער וואַרטע,
דאָס פּעלצעלע האָט ער געהאַט און די טאָרבע צום עסן,
ביים פייערל גרוי, ווי אַ קאָרטש, איז אַברהם געזעסן,

און ס׳האָבן געסטאַרטשעט פון אים נאָר די ביינער די האַרטע...
אַזוי האָט דער פעטער אַברהם די פערד אויף דער לאָנקע געפיטערט.
געפענטעטע האָבן זיי שווער אויפן גראָז צוגעשפרונגען,
דער שיין פון לבנה האָט ווייך אויף די שקאַפּעס געציטערט,
און ווייט אין פאַרנעפּלטן פעלד האָט דער ניעמאַן געקלונגען...
דאָס טרוקענע פייערל האָט זיך אָן כּחות געלאָשן...
אַזוי ווי אין שלאָף איז אַברהם באַנומען געזעסן,
אַ בוים אין אַ בוים האָט אין טונקעלער ליכט זיך געגאָסן,
און ס׳האָט זיך געהערט, ווי דאָס גראָז ווערט געצופּט און געפרעסן...
און ס׳האָט זיך געהערט: אויפן הימל עס רירן זיך שטערן,
אַ רויכעלע טוליעט זיי איין, ווי אַ וואַרעמער ניגון;
אַ ציטריקע נעץ האָט פאַרנומען דעם הימל דעם לערן,
און ס׳שווימען דאָרט פישעלעך, פינקלען און וויגן זיך וויגן...
עס האָט זיך אַברהם, דעם פּנים אַרויף, אויסגעצויגן:
די קאַלטע לבנה גייט אום אין אַ ראָד אין אַ געלער
און זיבעצן שטערנדלעך זיינען געקומען צופליגן,
עס ציטערט איין שטערן אַ גרינער פון אַלעמען העלער...
נאָר פּלוצלינג דאָס שטערנדל האָט זיך געגעבן אַ צאַפּל,
אַ פּלי דאַן געטאָן אינם בלויען געוועב פון די שטראַלן,
אַזוי ווי אַ פונק פליט אַרויס פון אַ בלויען שוואַרצאַפּל...
אין מאָכיקן וואַלד איז דער שטערן אַרונטערגעפאַלן.
אַברהם האָט עפּעס אַ חלום אַ ווייטן פאַרשטאַנען — — —
דער פינקלענדער בלוי האָט די געגנט די גאַנצע באַשאָטן.
און דאַך מיט אַ זיפץ איז דער פעטער פון דר׳ערד אויפגעשטאַנען
און שטיל צו די וואַרעמע קליאַטשעס אַוועק אינם שאָטן...
ער האָט זיך אַזוי ביי די פערד אינדערפינסטער געפּאָרעט,
אַ האַלדז אויף אַ האַלדז האָבן אַלע געעטעמט פאַרשלאָפן;
דאָס ליכט פון דער זייט האָט אויף איינעם אַ פערד אָנגעטראָפן
און ס׳האָט זיך פון אים נאָר די פלייצע געזען אויסגעמאָרעט...
דאָס בינטל פון שקאַפּעס איז טונקל צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן,
פאַרמאַטערט אין שטרויענעםביידל אַריין איז דער פעטער,
אַ טאָפּאָל האָט מאַט אינדערפינסטער געשיינט מיט די בלעטער,
און ווייט איז פאַרגליווערט אין שטראַלן געלעגן דער קאָרן.
שטיל איז אַברהם אויף דר׳ערד אין דעם ביידל געלעגן,
געחלומט פון דערפל, געשמייכלט צו זיך און געשוויגן.
אַרויס איז פאַמעלעך אין בענקשאַפט זיין האַרץ פון די ברעגן
און ס׳האָט זיך דער פעטער גאָר פּלוצלונג צעטרעלט אין אַ ניגון:
ביסט די שענסטע אין דעם דאָרף, נאַסטאַסיע,
זע,
ס׳קוועלט דער גערשטן און געבערדלט איז דער האָבער,
די געמויזעכצן אין נעפל פינקלען פונם טוי...
הער זיך איין,

הער זיך אַיין,
אין די וועלדער די יאַדלאָווע גייט איצט אום פאַרחלומט
אין לבנה־שיין,
דער מאָך־באַוואַקסענער, דער באָרוועסער בעל־דבר...

קום אַרויס אין ברייטן פעלד, ווען אַלע פויגלען שלאָפן
און נאָר די קוואַלן זיינען אויף,
דיין טאַטע ליגט פאַרמאַטערט פון דער אַרבעט אויפן שייער,
ס'וועט וויסן נאָר פון דעם די אַלטע ריאַבינע אין הויף
און נאָר דאָס ווינטעלע, וואָס נעכטיקט אין די אַייער...

ביסט די שענסטע אין דעם דאָרף, נאַסטאַסיע!

אַברהם האָט א יסגעווישט שטיל מיט דעם אַרבל די טרערן...
האָט צוגעהערט טיף, ווי עס שווייגט די פאַרחלומטע געגנט:
עס האָט זיך אַ האַרץ מיט אַ האַרץ אינדערפינסטער געזעגנט...

ו. די באָבעשי ע"ה איז אויסגעגאַנגען...

אַז די באָבעשי די אַלטיטשקע איז אויסגעגאַנגען,
האָבן פייגעלעך געזונגען,
ווייל מיט איר צדקה, מיט איר האַרץ דער גוטער
האָט די וועלט געקלונגען.

און אַז מע האָט די באָבעשי אַראָפּגעהויבן,
האָט אַ יעדערער געשוויגן,
און אָן אַ קרעכץ האָט מען די גוטע אַלטיטשקע
אויף דר'ערד געלאָזן ליגן.

עס איז דער זיידעניו אין שטוב אַרומגעגאַנגען —
אַ טויטער שאַרבן,
ווייל ער, דער אַלטיטשקער, ער האָט איר צוגעזאָגט,
אַז ער וועט פריער שטאַרבן.

און אַז מע האָט דעם בר־מינן אַראָפּגעפירט אין שטעטל
האָט דער דאָרף געטרויערט:
„ניעמאַ, ניעמאַ יוזש סטאַראָי שליאָמיכי"
און אויך דער פּאָפּ וואַסילי האָט באַדויערט...

נאָר אַז דער שמש האָט דעם מעסערל אַרויסגעצויגן
צו רייסן קריעה,
דאַן האָבן זיך צעשריען, נעבעך, מיינע פעטערס,
ווי די רוצחים פאַר דער תליה.

ז. דער פעטער איצע...

ס'האָט זיך פעטער איצע
אויסגעלערנט שניידעריי,
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס
פונקט, ווי שפּאָגל־ניי,
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס
פונקט, ווי שפּאָגל־ניי...

זיצט דער פעטער אויפן טיש
טערקיש, תּמעוואַטע,
טרענט און ניצעוועט און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
טרענט און ניצעוועט און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

קומט ער אין אַ דערפל אָן
מיט דעם נאָדל־פאָדים,
הענגט ער אויס אַ וויוועסקע:
„דאָ פאַרריכט מען בגדים“,
הענגט ער אויס אַ וויוועסקע:
„דאָ פאַרריכט מען בגדים“.

אויסגעלאַטעוועט איין דאָרף,
גייט ער אין אַ צווייטן,
ביז ער לאָזט אַרויס פון האַנט
דעם געגנט אַ באַנייַטן...
ביז ער לאָזט אַרויס פון האַנט
דעם געגנט אַ באַנייַטן...

ס'האָט זיך פעטער איצע
אויסגעלערנט שניידעריי,
מאַכט ער אַלטע סערמיענעס
פונקט, ווי שפּאָגל־ניי,
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס
פונקט, ווי שפּאָגל־ניי...

ח. ווינטער ביינאַכט אין דער אַלטיטשקער כאַטע...

איז מען געלעגן ביינאַכט אין דער אַלטיטשקער כאַטע,
גערויכערט די ליולקעס די גרויסע, געברומט און געסאָפּעט.
פאַרמאַטערטע האָבן די פעטערס געקוקט תּמעוואַטע.
אין שווייס איז אַ פעטער געזעסן ביים טיש און געכראָפּעט.
אין שטיבל האָט קוים אַ לוטשינע אַ שטילע געברענט...
דערביי האָט דער פעטער רחמיאל די הויזן פאַרשצאָבעט,
אַ שניי האָט געכליאָפּעט אין פענסטער, אַ ווינט האָט געקלאַפּט אין די ווענט,
די זאַסלינקע האָט זיך אין אויוון אָן ווענטל געסקראָבעט...
עס האָט זיך דער זיידע געדרייט אויף דעם אויוון דעם הייסן,
אָן כּחות, די העמד אויפגעעפנט, אין אַנגסטן באַשלאָגן.
דער ווינט אויפן פעלד האָט די כוואַליעס אין ניעמאַן געשטויסן,
די אַלטע בהמה אין שטאַל האָט ניט אויפגעהערט קלאָגן.
עס זיינען די פעטערס געלעגן צו צוויי אין די בעטן,
טעמפּ מיט די צורות צום באַלקן געקוקט און געשוויגן — — —
דער זיידעניו האָט זיך געקערט, אָ, דער זיידעניו האָט זיך געבעטן:
„אַברהמציק, מיין קינד, טו אַ זינג אונדז אַ טרויריקן ניגון!“.

פון הייסן געלעגער אַראָפּ איז אַברהם דער פעטער,

אין חשכניש איז ער געווען, ווי אַ יאָדלע אַ גרויע — — —
האָט ער געגעבן אַ זינג, ווי אַ ווינט אין אָסיעניקע בלעטער,
האָט ער געגעבן אין טונקעלער כאַטע אַ וואָיע,
אַזוי ווי עס וואָיעט אַ וואָלף ביידערנאַכט אויף די וועגן,
ווי ס'וואָיעט אַ וואָלף אויף פאַרשנייטע, באַלויכטענע פליינען — — —
פאַרטייַעטע זיינען די פעטערס, ווי קלעצער געלעגן;
ס'האָט פלוצים דער זיידעניו שטיל אָנגעהויבן צו וויינען,
ער האָט זיך געדרייט אויפן אויוון, געקלאַפּט אין די ציגל.
אָ, גאָטעניו, העלף, עס איז פינסטער און ביטער...
דעם פעטער אַברהם איז דורך אין די ביינער אַ ציטער,
עס האָט זיך דער ניגון געגעבן אַ גאָס, ווי אַ שפּיגל,
געגעבן אַ קלונג, ווי אַ וואַסער אין נעפּלען אין בלויע...
אין חשכניש איז ער געווען, ווי אַ דעמב אַ געזונטער,
האָט ער אַ טרייסל געטאָן די טשופּרינע אַרויף און אַרונטער,
אַ שפּרונג און אַ הייב זיך געטאָן מיט די הענט אין די באָקעס,
אַז ס'האָבן פון פריידפ זיך צעפינטלט ביי יעדן די אויגן,
און ס'זיינען די שלעכטע געדאַנקען אַזוי ווי סאָראָקעס,
ווי גרויע פון טונקעלער כאַטע צעפלויגן...
איז ער אַרויס אין אַ טענצל, אַ זונג, און אַ זעץ מיט די שטיוול,
אַ ברען אין דער לופט, ווי אַ פלאַם, מיט די הייסע שוואַרצאַפּלען,
אַז ס'האָט זיך דער זיידע דערפילט, ווי ער פליט מיט דעם שטיבל,
ער קריכט ערגעץ הויך, ערגעץ הויך אויף צעבראָכענע שטאַפּלען...
צעטומלט פון ניגון, געליימט איז דער פעטער געבליבן,
אין סקאַוועראָד האָט שוין געטליעט די לעצטע לוטשינע,
דער זיידעניו האָט זיך צעשמייכלט, די הענט זיך געריבן:
„אַברהמעלע, וואָ'סטע גענומען אַזאַ קול־נגינה?"...

דער בלוי פון פאַרטאָג איז אַריין אין דער וואַרעמער כאַטע,
פאַרוויקלט אין שטרוי האָבןביימער אין גאָרטן געפראָרן...
דער ווינט האָט אין פירהויז געצופּט פון אַ פעלצל די וואַטע,
די אַלטע בהמה אין שטאַל איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ט. דער זיידעניו קומט שטאַרבן...

גרוי ווי אַ טויב, איז פאַרנאַכטלעך דער זיידע געקומען פון פעלד,
צורעכט געמאַכט שטיל דעם געלעגער און אָפּגעזאָגט ווידוי,
אין האַרצן צעזעגנט זיך רויִקערהייט מיט דער וועלט
און דאַן צוגעשלאָסן אָן כחות די אויגן די מידע...
און ס'זיינען די פעטערס געקומען צוקאָפּנס פון· זיידן,
אַראָפּגעלאָזט טיף די באַוואַקסענע קעפּ און געשוויגן,
ס'האָט עפּעס פאַרשטעמט די הערצער און ניט געלאָזט ריידן,
פאַרשטעמטע הערצער — אַ זיפץ ניט געקאָנט אַרויסקריגן...

פאַמעלעך האָט דעמאָלט דער זיידע געעפנט די אויגן,
ס'איז וואַרעם אַ שמייכעלע איבערגעגאַנגען זיין פּנים,
ער האָט זיך געזעצט אויפן בעט, קוים זיך איבערגעבויגן,
און אָט־וואָס דער זיידע האָט דעמאָלט גערעדט צו די בנים:
— „דו, אָרטשע, מיין בכור, ביסט געווען דער יסוד פון משפחה!
דער ערשטער אין פעלד און דער לעצטער געזעצט זיך צום טיש...
די ערד האָט זיך וואַרעם צעעפנט פון אונטער דיין סאָכע,
אַזוי ווי די ערד זאָל דיין זאָמען זיין פרוכטבאַר און פריש!...
רחמיאל, ווער קאָן זיך מיט דיר אויף דער לאָנקע פאַרמעסטן!
געווען איז דיין קאָסע אין גראָז, ווי אַ פלייצל פון פייער,
דיך קענען די שלענג אין די זומפּן, די פויגלען אין זייערע נעסטן,
די ברכה זאָל רוען ביי דיר אינם שטאַל און אין שייער!
דו, שמוליע, דער טייך־מענטש, ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ גלייכן!
באַשטענדיק דעם בוטש אויף די פלייצעס, באַשטענדיק אַ נאַסער,
געשמעקט האָט מיט שופּן פון דיר, מיט דעם ריח פון שליים אין די טייכן,
געבענטשט זאָלסטו זיין אויפן לאַנד, און געבענטשט — אויפן וואַסער!...“

ס'איז נאַכט צוגעפאַלן. די רויטינקע שייבלעך פון כאַטע
אין טונקלעניש האָבן געוואָרפן אַ שיין אויף דעם זיידן...
עס האָבן געשטומט מיינע פעטערס, געשטומט האָט דער טאַטע
און נישט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט פון זיין בענטשן און ריידן.
דאַן האָט זיך דער זיידע צעזעגנט... די גלידער צוזאַמענגענומען...
און שטיל און אויף אייביק די אויגן די שטאַרע פאַרשלאָסן...
געקוקט האָט דער עולם, געקוקט אויף דעם קערפּער דעם שטומען
און גאָרנישט געזען און קיין איינציקע טרער ניט פאַרגאָסן...
אַ פויגל האָט ערגעץ אין וואַלד אויסגעקלאָגט פאַר דער נאַכט זיינע ליידן,
די לעצטע לוטשינע אין כאַטע האָט קוים נאָך געגליט אין די פונקען,
און ס'זיינען די פעטערס געשטאַנען צוקאָפּנס פון זיידן,
די שווערע, באַוואָקסענע קעפּ אין די אַקסלען פאַרזונקען...

משה קולבאַק.

אסוויר — די איבערשטע הילצערנע ראָם פון אַ ברונעם.
סקאָרוליע — אַ שטעטעלע אין מינסקער גובערניע.
שוואָרצועס — קאַנאַטן, געפלאָכטענע פון וויצעס, מיט וועלכע מע באַפעסטיקט די פליטן.
אַפּאַטשינעס — לאַנגע רודערס פון אַ פליט.
שריגעס — פלעקער, צו וועלכע מע בינדט צו די פליטן, ווען זיי שטייען צו צום ברעג.

אין קאזמערזש.

1

איר קאָנט ניט דאָס שטעטל... עס מעג אײַך פֿאַרדריסן;
דאָ שוועבן און לעבן לעגענדן אַ סך,
דאָ שפּיגלען אין טײַך זיך פֿיל בערג און פֿיל סעדער,
דאָ ציט זיך צום הימל אַ שלאָס אָן אַ דאַך...
אין שלאָס האָט געלעבט ווען דער איידלסטער קיניג,
הײַנט קראַקען דאָרט קראָען פֿון לאַנג שוין, אויף לאַנג...
און אָפּטמאָל בײַנאַכט פֿאַלט אין פּאַלאַץ אַ שטערן,
נאָר קײנער געפֿינט ניט דעם הימלס געשאַנק.
דאָ לעבט נאָך די אמתע ייִדישע פֿרומקייט
און שטאַרבט, ווי די אוראַלטע דעמבע בײַם וועג,
דאָ ווײַזט זיך נאָך אָפּט אַ צעשראָקענע סערנע
און לויפֿט באַלד אַוועק מיט אַ גרעסערער שרעק...

2

איך ווייס ניט, פֿון וואַנענט איך האָב אַזאַ בענקשאַפֿט,
אין רויִקער שטאָט איז מײַן יוגנט פֿאַרבײַ...
דאָך ציט מיך פֿון שטאָט=רויש צום רויש פֿון די בײמער:
אין וואַלד בין איך רויִק, אין פֿעלד בין איך פֿרײַ...
כ'האָב ליב איבער מיר זאָל זיך ציען דער הימל,
דער אָפֿענער הימל אין בלענקעט און בלוי,
כ'האָב ליב זיך צו בויגן פֿאַרנאַכט צו די בלומען,
פֿאַרנאַכט, ווען זיי טרינקען זיך אָן מיט דעם טוי.
און זע איך, ווען קינדער זיך שפּילן אויף לאָנקעס,
נעמט צאַפּלען מײַן ברוסט דאַן פֿאַר פֿרייד און פֿאַרדרוס,
און הער איך אין שניט=צײַט אַ ליד אויף די פֿעלדער,
דערמאָנען זיך דאַן מיר די צײַטן פֿון רות...

3

געבענטשט זײַט איר, רויִקע פּאַליעס פֿון ווייכסל!
איר טראָגט איצט אָן שטורעם אַוועק מײַנע טעג.
פֿיל שטיפֿערס, פֿיל ייִנגלעך פֿאַרשווינדן פֿון חדר
און קומען צולויפֿן מיט ווענטקעס צום ברעג.
עס צאַפּלט אַ פֿישל, עס פֿרייט זיך אַ ייִנגל,
איך ליג אין אַ שיפֿל פֿון ווײַטן און שוויַג...
און ס'דוכט, ס'איז אַ חלום דער טײַך מיט די ייִנגלעך,
דער פֿויגל, וואָס וויגט זיך און זינגט אויפֿן צווײַג...
אַ וויגנט=מיל באַוועגט זיך פֿון ווײַטן געלאָסן,
די פֿליגלען זיי פֿאָכן און רוען זיך אָפּ:

אַזוי, ווי אַן אָדלער אַ שוואַרצער, אַ גרויסער,
וואָס מאַטערט זיך פליען און פאַלט שווער אַראָפּ.

4

ס'איז נאַכט, עס איז שטיל, איצטער שטויבט ניט אין ערגעץ...
די אָרעמע יידישע קרעמלעך פאַרמאַכט.
פאַרשלאָסן מיט שווערע אַלטמאָדישע שלעסער...
געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס מע רוט כאָטש ביינאַכט.
פאַררינגלט מיט אַלטע און נייע בית־עולמס
שלאָפט קאַזמערזש און חלומט. נאָר עמיץ איז וואַך:
דער פאַסטוך, דער שטומער, בעגעגנט מיך פלוצלונג.
וואָס ווינקט ער צו מיר? כ'פאַרשטיי ניט זיין שפּראַך:
ער ווייזט מיר דעם שלאָס אָן, ער ווייזט אָן דעם טורעם,
וואָס שטייט אויפן באַרג, ווי אַ פוסטער סקעלעט...
ווי נישטיק דער טאָג זעט מיר אויס אין דער פינסטער,
ווי עלנט די וועלט איז ביינאַכט אַזוי שפּעט...

5

עס טאָגט שוין, עס קומט אָן אַ נייער פרימאָרגן...
עס זינגען די וועלדער — דאָס זינגען וויגט איין
מיין מידע נשמה! שוין צייט צו גיין שלאָפן;
אין שלאָפן וועסטו אפשר גליקלעכער זיין, —
דער גאָט פון חלומות איז גאָר ניט קיין קאַרגער.
אין חלום וועט קומען מיין יונגפרוי צו מיר,
אין חלום וועט שטרייטן מיין פאָלק פאַר זיין צוקונפט;
דער גאָט פון חלומות ער שטייט שוין אין טיר.
עס טויען די פעלדער, ווי נאָענטע מזבחות,
עס הייבט זיך דער רויך און צערינט באַלד אין לופט.
איך פאַל אויף מיין בעטל, צערייצט פון פרימאָרגן—
דער גאָלדענער חלום, ער רופט שוין, ער רופט.

6

אַזוי, ווי אַ גלעקל, וואָס הילכט אויף די לאָנקעס,
אַזוי, ווי אַ באַרג־וואַל וואָס קלינגט זילבער־ריין,
דערגרייכט צו מיין פענסטער אַ יונגער געלעכטער..
צו עס דויערט דער חלום! כ'קאָן ניט פאַרשטיין.
איך האָב שוין אַ שכנה אין אונטערשטן גאָרן,
(שוין לאַנג ביסטו רויק, מיין זעלע, געווען),
איך האָב שוין אַ שכנה... אַזוי, ווי אַ גנב,
אַנטלויף איך פון צימער, זי זאָל מיך ניט זען...
נאָר לויפנדיק איינמאָל, האָב איך זי באַגעגנט;

מיר האָבן זיך ביידע באַקוקט און באַטראַכט —
ווען איך האָב געציטערט אַזוי, ווי אַ פרעמדער,
האָט זי זיך גאַנץ קינדיש און היימיש צעלאַכט...

7

שוין עטלעכע שעה, ווי עס בליצט און עס דונערט,
עס ר׳עגנט, עס שטורעמט, צו דען אָן אַן עק?
פון שכן די דינסט איז געקומען מיך רופן:
דאָס פריילין, דאָס יונגע, זי ציטערט פון שרעק.
זי רופט מיך? ... געבענטשט זאָל דערפאַר זיין דער דונער.
דער פלאַמיקער שדכן — געבענטשט זאָל ער זיין!
זי שמייכלט און ציטערט, מיר ציטערן ביידע,
כאָטש ס׳דוכט מיר, איך בין אין גן־עדן אַריין.
דער דונער ווערט שוואַכער, צו דען האָט ער טאַקע
פאַר מיר זיך דערשראָקן? דער שטורעם ווערט שטיל...
מיין יונגע באַקאַנטע זיצט רויִק און זיכער
און פרייט זיך אין האַרצן — איך שפיר עס און פיל...

8

אַזוי, ווי אַ ביימל מיט גאָלדענע רויזן,
אַזוי איז איר קעפל מיט לאָקן באַדעקט,
און גראָ־בלאָע אויגן מיט טונקעלע ברעמען;
איר בליק איז פאַרוואונדערט, ער פרעגט וואָס, ער פרעגט...
איר נאָמען איז וואַנדאַ... אַ פוילישער נאָמען,
נאָר זי איז אַ חסידס אַ טאָכטער, אַך, גאָט!
זאָל קיינער פאַר קיינעם קיין וואָרט ניט פאַרטרויען,
כאָטש מיר וועט דאָ שווער זיין צו האַלטן דעם סוד...
זי שעמט זיך... זי ליבט ניט דעם טאַטן, דעם פרומען,
זיי זיינען, ווי פרעמדע פון קינדווייז ביז היינט;
וואָס גייט עס מיך אָן? עס איז מאַי, עס איז פרילינג,
מיר פילן עס ביידע, מיר זיינען שוין פריינד.

9

עס וואַקסט אויף די פעלדער, עס פאַליען די זאַנגען
מיט בלימלעך מיט בלאָע געמישט און מיט מאָן,
און וואַנדאַ איז פריילעך אַזוי, ווי אַ פויגל,
פון אַלעס פאַרוואונדערט, און אַלץ קוקט זי אָן:
זי איז שוין געווען, אין אַלע דריי קלויסטערס,
געווען, זיך געפרייט, מיט באַגייסטערונג פול,
דאָך האָט זי זיך מאָדנע פאַרקרימט און צעבייזערט,
ווען איך האָב זי וויזן געוואָלט אונדזער שול...

כ׳האָב דעמאָלט דערפילט טיף דעם ווייטאָק פון פרעמדקייט,
געפילט, אַז מיר זיינען צעטיילט דורך אַ תהום,
נאָר זי האָט אַפילו מיין שמאַרץ ניט פאַרשטאַנען:
געשטיפט און אַנטלאָפן, געלאָפן אַהיים...

10

פאַראַן דאָ אין קאַזמערזש אַן איינזאַמער קבר,
אַ שטיינערנע פליטע פאַרצייכנט דעם אָרט:
„דאָ איז ער געפאַלן, דאָ ליגט ער באַגראָבן“,
און שטיל איז, מער זאָגט די מצבה קיין וואָרט,
נאָר וואַנדאַ דערציילט מיר דעם סוד פון דעם קבר:
מע האָט דאָ געשטריטן אַמאָל אויפן פעלד;
זי רופט מיר אָן נעמען פון קעמפער פיל פרעמדע
און שיט אויס מיט בלומען דעם קבר פון העלד.
איך קני דאַן געדאַנקלעך מיט גרויס דרך־ארץ
פאַר דעם, וועלכער האָט דאָ געפונען זיין רו...
— „נאָר, וואַנדאַ, וואָס ווייסטו פון אונדזערע קברים?“
זי לאָזט מיר די פראַגע אַפילו ניט צו...

11

כ׳וועל בעסער פאַרבאָרגן אין האַרצן מיין ווייטאָק
און זוכן אין וואַנדאַס אַ שמייכל מיין גליק.
עס בליען שוין מאַלוועס, ווי דאָרפישע מיידלעך,
וואָס גייען פאַרפוצטע פון יאָר־מאַרק צוריק.
עס ווערן שוין רויטער און שוואַרצער די קאַרשן,
עס פאַלט שוין אַ באַרנע האַלב־צייטיק פון בוים,
און יידישער דלות האָט נייע פרנסות:
מע לעבט אין די סעדער — אַ ביליקע היים...
פאַררוקט אין אַ ביידל, אַזוי ווי ציגיינער,
מיט קינדער, וואָס לויפן האַלב־נאַקעט אַרום,
די מאַמעס, זיי שילטן און קושן די קינדער,
זיי קלאָגן אין האַנדלען, און שווערן זיך פרום.

12

די ווייכסל גלאַנצט ניי, ווי אַ שווערד אַ געשאַרפטע,
און שפיגלט אין זיך די רוינען פון באַרג,
איצט לעבט אַלץ, ווייל אַלץ איז באַגאָסן מיט שטראַלן —
גאָט פילט זיך היינט לוסטיק, די זון איז ניט קאַרג...
מע באָדט זיך... עס הילכן געלעכטערס פון קינדער,
עס שפריצן די וועלן מיט זילבערנעם שוים,
די פייגלעך פון ברעג ווערן אַלע פאַרשוווּנדן,

די פישלעך אין וואַסער באַהאַלטן זיך קוים,
די שטיפערס, זיי יאָגן נאָך איינער דעם צווייטן,
עס רייצט זיי, עס פרייט זיי דאָס לוסטיקע שפּיל...
אָפט ווערט פון זיי איינער אין וואַסער פאַרשוווּנדן,
דאַן בלייבן זיי אַלע צעשראָקן און שטיל.

13

דאָך באַלד שוין דערהערט זיך אַ קוויטש, אַ געלעכטער —
די ווערלן צעהוליען זיך ווילד אויף דאָס ניי.
עס באַווייזט זיך אַ קאָפּ און אַ ראָזעווער קערפּער,
צוויי הענט, ווי צוויי פליגל, באַוועגן זיך פריי.
עס קומען די טאַטעס, די שטרענגע, די שטילע,
און טוען געלאַסן זיך אויס אויפן ברעג,
זיי שפּרייזן אין וואַסער און ווערן באַלד פריילעך
און לאָזן זיך אויך מיט די שטיפערס אַוועק.
עס צאַפּלען זיך קערפּערס אין זילבערנע וועלן,
פון יענער זייט ווייכסל דערגרייכט אַ געשריי:
דאָרט טאָר מען נישט קוקן, דאָרט באָדן זיך מיידלעך,
די זון, בלויז די זון מעג זיך שפּילן מיט זיי.

* * *

14

איך שטיי דאָ ביים גאָרטן פאַרטריבן, באַליידיקט;
איך רוף זי, זי קומט ניט, איך גיי ניט צו איר.
זי זינגט דאָרט פאַר וועמען, זי לאַכט פון דער ווייטן,
עס דוכט מיר, דאָס לאַכט זי און חוזקט פון מיר...
וווּ לויפט מען אַוועק פון דעם גליענדן גיהנם?
ווי טויט מען דעם ווייטאָק? מיט וואָס פאַר אַ שווערד!
עס פינקלען די שטערן, ווי שטענדיק, ווי שטענדיק,
עס פאַלט שטום די שטילקייט פון הימל אויף דר׳ערד.
עס שלעפּן די פיס זיך פון געסל צו געסל,
מיין שאָטן לויפט פאָרווערטס און טאַנצט אויף די ווענט,
איך מורמל אַ הספד און ווערג זיך מיט טרערן;
די שול איז באַלויכטן: אַ יאָרצייט־ליכט ברענט...

15

זי גייט מיט אַ פרעמדן... איך קען אים פון פריער,
זי האָט שוין ניט איינמאָל זיין נאָמען דערמאָנט.
כ׳האָב געאָרנט געקענט, כ׳האָב געאָרנט פאַרשטאַנען —
זי איז דאָך מיט מיר דאַן געווען אַזוי נאָנט...
אַ קוואַל ווערט אַמאָל אַזוי האַסטיק פאַרשוווּנדן,
אַ פויגל אַ פלינקער אַנטלויפט אַזוי גיך,

אַזוי, ווי מיין חלום איז פּלוצלונג געשטאָרבן, —
איך טראָג איצט אַ פּוסטקייט אַ גרויסע אין זיך ...
דאָס אַלץ, וואָס האָט נעכטן גערייצט און געצויבערט,
איז היינט אַזוי נישטיק, פאַרטרויערט און גראָ;
די הענט, וועלכע האָבן צו גאָט זיך געהויבן,
זיי פאַלן אַראָפּ איצט... קיין לוסט איז ניטאָ...

16

כ׳גיי ווידער אַליין אין די רויִקע טאָלן,
אַזוי, ווי אַן אָבל, וואָס רעדט גיט קיין וואָרט...
די אייפּערזוכט טאַנצט נאָך מיט מיר, נאָר איר ווילדקייט
באַגלייט מיר שוין איצט ניט אויף יעטווידער אָרט:
ס׳וועט קומען, ס׳וועט מוזן די רויִקייט קומען;
דער זומער, ער גייט שוין דערווייַלע אַוועק:
עס בלאָזט שוין פאַרנאַכט אָפּט אַ ווינטל אַ קילער,
עס ליגט נאָך דאָס לעצט ביסל היי אויפן וועג,
עס בליען די אַסטרעס, די דופּטלאָזע בלומען,
מיט בונטע קאָליאָרן, וואָס רייצן פון ווייט —
די לעצטע מתנה פון שפּעטיקן זומער,
עס בעטן די עפּל פון בוים זיך... שוין צייט!

17

אַ סוף שוין צום זומער, דער גאָרטן איז ליידיק,
די בלעטער זיי ווערן שוין רויטלעך און געל;
אַרום איז אַ פּוסטקייט, נישטאָ קיין פאַרלאַנגען,
דעם שכנס קליין קעצעלע שפּרינגט אויף מיין שוועל...
עס וויגט זיך, עס שפּילט זיך אַ שטראַל אויף מיין פענסטער,
ווי עמיץ וואָלט שרייבן מיט גאָלדענע טינט.
עס גלעט מיך די זון, ווי מיט וואַרעמע פינגער,
און שלעפערט מיך איין אַזוי לייכט און געשווינט...
איך חלום אין שלאָפן: איך שפּיר עפּעס וועמען,
עס דריקט זיך, עס טוליעט זיך ווער צו מיר טריי,
עס רעדט מיר ווער טייערע, צערטלעכע ווערטער,
ס׳איז פרילינג, עס בליען אַקאַציעס אין מאַי...

18

איך עפן די אויגן, — איין וואַנט איז אין שאָטן,
די צווייטע באַגאָסן אינגאַנצן אין שיין,
און וואַנדערס קליין־בילדל איז אויכעט אין שטראַלן,
דאָך וואַנדאַ אַליין וועט שוין מער דאָ ניט זיין...
דער האַרבסט איז דער אייביקער קבר פון זומער,

ווי שיין אָבער שטאַרבן די עלנטע טעג!
עס רייצט דער בערבעריס, ווי פּאַטשערקעס רויטע,
און קאַלינעס רויטע באַפּוצן דעם וועג...
עס וואַרעמט די זון נאָך ווען אויס אַ פּאָר בלומען,
וואָס ווערן פאַרפרוירן, פאַרגליווערט ביינאַכט,
עס פליט נאָך אַ שמעטערלינג ווען אין פיל פאַרבן,
און פאַלט אויף אַ צווייגל אַראָפּ באַלד פאַרשמאַכט...

19

און זילבערנע שפּינוועבס, ווייס-זיידענע פעדעם,
באַוועגן זיך לאַנגזאַם אין בלאָלעכן רוים,
ווי מיינע געדאַנקען, די רויִקע, פולע,
וואָס וויגן זיך איין אין דעם רויש פון אַ בוים...
און אויב עס דערוואַכט נאָך אין האַרצן מיין חלום,
דאַן פליט ער געשווינט, ווי אַ פויגל אַרויס.
אין גאָרטן צעטראָגט זיך אַ ערדישער ריח,
דאָס גראָבט מען די לעצטע קאַרטאָפל אַרויס.
די נעכט זיינען שוואַרצע מיט גלאַנציקע שטערן,
וואָס פאַלן כּסדר פון הימל אויף דרערד,
אַזוי, ווי זיי וואָלטן אונדז ראַטעווען וועלן
פון אייביקן חשך, וואָס אונדז איז באַשערט...

20

און איינמאָל דערהער איך אַ שופר פון וויטן:
עס ציטערט אין פייכטן פרימאָרגן די לופט.
איך שפּרינג אַ דערפרייטער אַראָפּ פון געלעגער:
עס קומט די דערלייזונג, מע רופט שוין, מע רופט...
וואָס נעענטער צום שטעטל — אַלץ קלענער מיין שמחה...
דער מאַרק איז, ווי שטענדיק, מיט הענדלערקעס פול;
עס שטאַרבט דאָ אין טומל דאָס שאַלן פון שופר,
איך שטיי ביי דער אַלטער געבויגענער שול...
שוין אלול... דאָך פרעמד איז מיר איצט זייער תּפילה,
איך וויל ניט אַריינגיין און קאָן ניט אַוועק, —
די תּפילה פון די, וועלכע גיבן זיך אונטער,
זי ברענגט מיר בלויז טרויער און פּיין אָן אַ צוועק...

21

אָך, גאָט! ווען ביי אונדז וואָלטן זיין ברייטע ימען,
דאַן וואָלט איך אין שטורעם מיין בענקשאַפט דערשטיקט,
אַליין אויף מיין שיפל, אַליין מיט דער פרייהייט;
כ'וואָלט צום ענדלאָזן הימל מיין ברכה געשיקט...

ווען בײַ אונדז וואָלטן זײַן הויכע בערג, ווילדע פעלזן,
וואָס שנײַדן די וואָלקנס אַדורך, ווי אַ שפּיז,
געקלעטערט מיט מוט וואָלט איך דאַן צו דער הויכקייט,
געלעגן וואָלט דאַן מיר דער טאָל צו די פיס...
געציילטע בלויז וואַרפן דעם טאָל מיט זײַן טומל
און קלעטערן שטאָלץ אויף די בערג צו דער זון,
געהערט האָב איך ווען פון דעם איינזאַמקייט יום־טוב —
ניט אַלע פאַרשטייען און טרוימען דערפון...

22

עס לויפן די פערדלעך גאַנץ פריילעך און לוסטיק,
דער וועג איז מיט שיינע לאַנדשאַפטן דאָ רײַך:
פון איין זײַט די בערגלעך, ווי טרעפּלעך צום הימל,
פון צווייטן — די פלאַכיקע פעלדער בײַם טײַך.
אַדיע, מײַן באַצויבערטע אָרעמע שטעטל,
איך פאָר אין די ענגע פאַררויכערטע שטאָט;

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

23

עס גיט זיך מיר איבער דאָס שלאָפן פון פורמאַן,
איך וויג זיך אַליין שוין אין וואָגן און טרוים:
עס גייט עפּעס ווער אויפן וועג מיר אַנטקעגן,
עס נעמט אָן אַ מיידל די פערד פאַרן צוים...
געזען האָב איך ערגעץ די גראָ־בלויע אויגן,
די גאָלדענע האָר, וואָס צעפאַלן אויף איר.
איר שמייכל האָט פיל מאָל מײַן טרויער פאַרטריבן;
אָט שטרעקט זי שוין ווידער די אָרעמס צו מיר...
נאָר פלוצלונג פאַרשווינדט אַלץ — די פור גיט אַ טרייסל,
איך עפן די אויגן און ציטער פון שרעק...
דער פורמאַן איז אויכעט שוין אויף, און מיר זעען —
אַ צ ל ם אַ גרויסער פאַרצאַמט אונדז דעם וועג...

ז. סעגאַלאָוויטש.

באַלאַדן.

אין קבר.

אמאָל איז געוועזן אַ מיידל,
האָט זי אַ ייִנגל געליבט;
עס ליבט אויך דאָס ייִנגל דאָס מיידל;
זיינען זיי ביידע באַטריבט:

דאָס ייִנגל איז אָרעם, אוי, אָרעם!
דער פאָטער דעם מיידלס, אַ גביר.
ווייזט ער, דער פאָטער דער רייכער
דעם אָרעמען ייִנגל די טיר!

דעם פאָטער מוז פאָלגן דאָס מיידל:
מע פירט צו דער חופּה זי פיין;
עס גייט ווי אַ ליכט אויס דאָס ייִנגל,
און שטאַרבט אין זיין קעלער אַליין.

דערהערט זי, אַז ער איז געשטאָרבן,
און שלייכט זיך אַרויס פון דער שטוב;
קומט זי צום קבר צום ליבן,
עפנט זיך פאַר איר די גרוב

שטרעקט די הענט אויס דער טויטער,
ווערט זי צום קבר געצויגן;
נעמט זי אַראָפּ אים די שאַרבן,
קושט די פאַרשלאָסענע אויגן...

עפנט די אויגן דער טויטער,
און נעמט זי אַרום מיט אַ האַנט;
שליסט זיך די גרוב איבער ביידע,
ליגן זיי ביידע באַנאַנד.

י. ל. פּרץ.

די מאמע צו חלום.

עס רעגנט און שטורמט אין דרויסן,
אין קעמערל הויערט די נאַכט,
די אַלטינקע באָבע ביים וויגל
האָט מיד אירע אויגן פאַרמאַכט...
דער וואַנט-זייגער קלאַפּט אין אַ ווינקל,
עס זומט אין דער פינסטער אַ פליג...
דאָס קליינינקע יתומל שלאָפט ניט
און שפּילט זיך אַליין אין דער וויג...
און פּלוצים זיך עפנט אַ פענסטער—
אַ ווייסע געשטאַלט קומט אַריין...
דעם יתומלס אויערלעך הערן
אַ שטימע פון ליבשאַפט און פיין:—
„איך קום פון דעם שטורעם צושפּרייזן,
„איך קום פון דעם רעגן צוגיין,
„איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר,
קינד מיינס,
„און קען ניט מער בלייבן אַליין...
„קום, קינד, אויף די הענט פון דער מאַמען,
„מיר וועלן אַרויס אויף שפּאַציר,
„איך וועל אויף מיין האַרצן דיך טראָגן,
און טוליען דיין קעפּל צו מיר...
„כוועל מיינע תּכריכים צעררייסן,
„און נייען דיר ווינדעלעך שיין,
„מיין בעט איז געראַם פאַר אונדז ביידן,
„און קיל איז מיין קישן פון שטיין...
„דער וויגט אויפן גרויסן בית-עולם
„ווערט קיינמאָל ניט זינגענדיק מיד,
„און ליגנדיק אונטן אין קבר,
דיר נאָכזינגען וועל איך זיין ליד"...
דאָס יתומל שטרעקט זיינע הענטלעך,
און רופט צו דער ווייסער געשטאַלט...
די באָבע כאַפּט אויף זיך מיט שרעקן—
דאָס קינד ליגט פאַרגליווערט און קאַלט...

יהואש.

מאני לייב.

אַ מאַמעס האַרץ.

אַמאָל איז געווען און אַמאָל איז געשען!—
אַמאָל איז אַ בחור אַ יונגער געווען.
אַמאָל איז אַ בחור געווען.

דער בחור האָט ליב געהאַט אמתדיק הייס
אַ מיידל אַ שיינע אַזוי ווי אַ רויז,
אַזוי ווי אַ ליכטיקע רויז.

בייטאָג און ביינאַכט פלעגט ער שווערן פאַר איר:
— כ'וועל אָפּגעבן, טייערע, אַלעס פאַר דיר,
אַפילו מיין מאַמען פאַר דיר.

דאָס מיידל—אַזוי ווי אַ רויז איז זי שיין—
דערפאַר איז זי שלעכט ווי די שלאַנג נאָר אַליין,
אַזוי ווי די שלאַנג נאָר אַליין.

און זי האָט אָן מורא פאַר לייט און פאַר גאָט,
אַ בייזע, פון בחור געלאַכט און געשפּאָט,
פון בחור געלאַכט און געשפּאָט.

—געליבטער דו מיינער, אויב דיר איז ניט שווער,
טאָ ברענג מיר דאָס האַרץ פון דיין מאַמען אַהער.
דאָס האַרץ פון דיין מאַמען אַהער.

דער בחור — אַזוי ווי ער האָט עס דערהערט,
האָט ער ניט געטראַכט און ער האָט ניט געקלערט,
ער האָט ניט געטראַכט און געקלערט.

און גאָט האָט געזען, און די נאַכט האָט געזען,
ווי שאַרף איז דער שטאָלענער מעסער געווען,
אין האַנט ביי דעם בחור געווען.

און גאָט האָט געזען און די נאַכט האָט געזען,
ווי פלינק איז די זינד, איז די בייזע געשען,
די זינד איז די בייזע געשען.

דאָס האַרץ אין די הענט, לויפט דער בחור געשווינט,
ער לויפט צו דער מיידל געשווינט ווי דער ווינט,
געשווינט ווי אין שטורעם דער ווינט.

ער לויפט צו דער מיידל; אָט איז שוין איר הויז,
אָט איז שוין דאָס הויז, נאָר אָט גליטשט ער זיך אויס,
גאָר פלוצלונג אָט גליטשט ער זיך אויס.

דער מאַמעשיס האַרץ ווערט באַגאָסן מיט בלוט,
עס פרעגט מיט רחמנות און זאָרג אַזוי גוט,
מיט שטילן געוויין אַזוי גוט:

וואָס איז מיט דיר, קינד מיינס, אַז ווי מיר און ווינד,
צי טוט עפּעס וויי דיר, מיין טייערעס קינד,
צי טוט עפּעס וויי דיר, מיין קינד?

און גאָט האָט געזען און די נאַכט האָט געזען
ווי שווער און פאַרטרויערט דאָס האַרץ איז געווען,
דער מאַמעשיס האַרץ איז געווען.

מאני לייב.

מאָניש.

איר ווייסט — מן הסתם —
די וועלט איז אַ ים,
מ י ר זיינען פיש;
(טייל זיינען העכט,
שלינגען ניש׳ שלעכט . . .
זאָגט, אפשר ניש׳?).

די וועלט איז אַ ים,
ברייט אָן אַ שיר;
די פיש זיינען מיר,
דער פישער איז ס״ם.

* * *

ער האָט זיך אַלס פישער
ביים לעבן געשטעלט!
די תאוה — דאָס ווערמל! —
פירט איבער די וועלט!

עס כאַפּט ווייל די אַנגל
אַ פיש נאָך אַ פיש;
עס דאַכט זיך, אַ ווערמל —
אַ בליק נאָר, אַ קיש...
נאָר באַלד נאָכן ווערמל
גייט — האָקן און שטריק;
געעקט מיטן לעבן,
אַ סוף פונם גליק!

* * *

און יעדערער ווייסט עס,
און יעדערער קען אים,
דעם שמדניק, דעם שטן,
דעם שר פון גיהנם;

און זעלטן איז עמיץ
באַשירמט און באַהיט...
אָט, אייך צו וואָרענען,
זינג איך מיין ליד!

א.

ס׳איז געווען אַמאָל אַן עילוי,
נישט געקענט די וועלט אַפילו,
נ י ש ט געווען אין קלאַס;
פרום דער טאַטע, פרום די מאַמע,
די משפחה — לומדים סאַמע,
גאָר פון עקסטן פאַס!

סאַמע גאונים און למדנים,
מיט אַן „אלף־בית רבנים",
ס׳קלינגט מיט איר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאָגן:
זיי וועט אַלע איבעריאָגן
מאָניש, אונדזער העלד!
מאָניש איז אַ ווילער יונג,
ר׳האָט אַ קעפּל פייער פלינק,
אָנגעפילט מיט תורה!
טרעפט אויף באַלד אריין אין קאַרב
מעג דער רמב״ם זיין ווי האַרב,
און דערצו נאָך אַ בעל־קורא!

און אַ שיינער יונג — אַ פּראַכט!
שוואַרצע לאָקן ווי די נאַכט,
קאַרמען־ליפּן — רויזן צווי!
שוואַרצע ברעמען ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלאָע אויגן,
און אַ פייער ברענט אין זיי!

יעדעס ביינדל אין אים לעבט,
און ער גייט נישט, נאָר ער שוועבט;
אָנצוקוקן איז אַ פרייד!
מיידלעך ווערן רויט און בלאַס,
אַז ער ווייזט זיך אויף דער גאַס,
אַז דער שיינער מאָניש גייט!

די יונגע רביצין אין חדר
זיצט אַ גאַנצן טאָג כסדר,

הערט מ'כלומרשט ווי מע קנעלט!
סלויפט די יויך, די מילעך ברענט,
און זי זיצט פארלייגט די הענט,
קוקט אויף מאָנישן און קוועלט!

און דער שכנה, שיינער אָדל,
פאַלט פון האַנט אַרויס די נאָדל,
לאָזט זיך אונדזער מאָניש הערן!
עס פאַרפעלט איר אָטעם, דאַכ'׳,
און עס גיט אין האַרץ אַ שטאָך,
און — עס קאַפּען הייסע טרערן...

* * *

דאָך — ווי גאָלד איז אונדזער מאָניש,
פון דעם אַלעם ווייסט ער גאָרנישט,
שטן, ביסט געפּלעפּט!
ער האָט ליב אַ בלאַט גמרא,
ער האָט חשק צו אַ סברא,
„שור שנגח את הפרה״ —
דאָס איז זיין געשעפט!

* * *

געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך ד' אַלטע באַלעבאַטים,
מיט מעשענע ברילן
און זילבערנע בתּים.

גאָלד'נע עטרות
און אייזערנע מחות...
אַנדערע יאָרן,
גאָר אַנדערע כּחות:

פול ס'בית־המדרש
מיט קאַרפּענע קעפּ!
מע לערנט נאָך אין פּאָליש,
מע לערנט אויף די טרעפּ.

עס ווערט נישט פאַר חצות
קיין ליכטל פאַרלאָשן;
און פראָזשבעס צו רענדלעך,
און תּורה מי'גראָשן!

און דעמאָלט האָט מאָניש
אַלס עילוי געשמט;
די גרעסטע רבנים,
פון ווייט, פון דער פרעמד:

דער „פּטיש״ פון לאָשטשעוו,
דער „סיני״ פון קאָזיץ,
דער „מאור הגדול״
פון קליין־מאַזעלבאָזיץ —.

זיי קומען אַמישנע
פאַרהערן דעם עילוי!
און טאַנצן פאַר שמחה:
„אַתחלתא־דגאולה״.

— „וואויל איז דעם טאַטן, וואָס
האָט אַזאַ זון,
וואויל איז דער מאַמען, וואָס וועט'ן ערציין,
וואויל איז דעם דור, וואָס אים
פאַרמאָגט!
אין משיחס צייטן ווערט אַזוינס געבוירן!
אָ, ירושלים, עפן דיינע טוירן!״ —
דאָס האָבן אַלע רבנים געזאָגט!

ב.

אויפן באַרג אַרָרַט,
אויפן הויכן באַרג,
וואָס טראָגט דעם אייביקן
שניי אויפן קאַרק, —

אויפן באַרג אַררט —
לויט עס איז באַשריבן —
איז מיט דער תּיבה
נח שטיין געבליבן.

און איז אַרויס פון תּיבה
מיט שם, און חם און יפת,
מיט אַלע חיות,
בהמות און עופות...

און זיי אַלע זעען
מיט ד'אייגענע אויגן,

ווי עס הענגט אין הימל
גאָטס פּיילנבויגן!

און הערן גאָטס שבועה:
„דאָ שווער איך דיר, וועלט!
עס וועט דיר נישט פעלן
קיין היץ און קיין קעלט!

כאָטש רצחע און הרגע,
כאָטש גנבע און מסר,
איך וועל דיך נישט טאָפּיען
שוין קיינמאָל אין וואַסער!"

געטאַנצט האָבן חיות,
חם האָט געלאַכט,
און נח האָט ד'ערשטע
כוסע געמאַכט.

געשטאָרבן שוין אַלע...
אַ פּעקל מיט יאָרן!
עס שטייט דאָך די תּיבה
ביז היינט לזכרון

דאָרט אונטער די שנייען!
און ס'הענגט אויף דער וואַנט
עד היום דער צהר,
דער גרויסער בריליאַנט.

און דאָרט, אין דער תּיבה,
אין שנייען און פרעסט,
דאָרט האָט זיך ס מ אַ ל
געפלאָכטן אַ נעסט.

און קעגן דעם צהר
קעמט אַלע אינדערפרי
לילית די גאָלדענע
לאָקן זיך צו.

זי קעמט זיי און קרייזלט,
און פלעכט זיי קאָקעט,
און ס מ א ל ליגט זיך
און רויכערט אין בעט;

זיי שמועסן פּאַרטרויט
פון דעם און פון יענעם,
וועמען צו פּאַקן
אַריין אין גיהנם;
וועמען צו שמייסן
מיט אייזערנע ריטער,
וועמען צו פרעגלען
צום פרישטיק אויף פוטער!

ב'אַ שיינעם מאָרגן
קלינגלט עס שטאַרק,
עס ציטערט די תּיבה,
עס צאַפּלט דער באַרג.

עס שפרינגט שיר סמאל
אַרויס פונם בעט:
„הערײן!" — עס באַווייזט זיך
דערשראָקן אַ שד.

מיטגעבראַכט האָט ער
אַן עקסטרע־„ראַפּאָרט",
קוים וואָס ער שלוקערצט
אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

— „אָך, גרויסער מלך!
עס ציטערט דיין טראָן...
— „וואָס איז געשען?
געשווינט, הער באַראָן!"

— „אין קיניגרייך פּוילן,
האַרט ביי דער גרענעץ,
ליגט זיך אַ שטעטעלע
גרויס ווי אַ גענעץ.

און קוים וואָס מע זעט עס,
מע הערט עס אויף זעלטן;
הייזלעך ווי ב י ס ל ע ך,
פון שמות געצעלטן...

איינגאַנצן אַ צענדליק,
צו ציילן אויף פינגער!

עס בייסן די ציגן
די דעכער פאַר הונגער!

און שטיל ווי אַ קברות;
מענטשן ווי מתים;
קיין גאוה, קיין תאוה,
מע לעבט פון תעניתים;

קיין חסידים, קיין דייטשן—
האָט תורה אַ קיום,
עס וואַקסן רבנים,
מע פּאַשעט עילוים...

ציִנד וואַקסט נאָך אַ גאון,
וואָס וועט גאָך פאַרשעמען
גאַנץ פּוילן און ליטע,
און זאַמוט און בעמען!

און לאָזטו אים וואַקסן,
און לאָזטו אים פריי,
ביסטו—חלילה!—
הוד מלכות, פאַרביי!

האָסטו פאַרלאָרן
גאַנץ פּוילן און ליטע...
איז—חס ושלום!—
אַן עק פון נישט־גוטע ;

יאָגן וועט ער אונדז
מיט שרעקלעכן האַס,
און ברענגען משיחן—
חלילה וחס !״—

דער ימח־שמוניק,
ווי ר'האָט עס דערהערט—
איז אים די שמחה
געוואָרן געשטערט.

ער ליגט שוין און טראַכט,
טאָג אַזוי נאַכט,
און רייבט זיך און רונצלט דעם שטערן.

— גוואַלד! לילית קרוין !
אַן עצה גיב! שוין!
אַזוינס קען די וועלט איבערקערן!

— די נוס איז האַרט!
נאַר, מיין מאַן, וואַרט,
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין.
נצחון איז זיס!
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אַליין.

אָ, גאָט, האָב רחמנות,
זיי זוכן נקמה!
האַלט, יידן, תענית
פאַר דער נשמה!

עס שווינדלען די אויגן,
הייס ווערט און קאַלט...
זי הענגט אויף אַ הערל,
אָט־אָט־אָט, זי פאַלט!

אָט פאַלט פונם הימל
אַ ליכטיקער שטערן ;
אָט וועט אין גיהנם
אַ שמחה שוין ווערן!

ג.

טראַ־ראַ־ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
צי האָט נישט דאָרט עמיץ
משיחן געזען?

ו ע ן בלאָזט מען שופר?
דאָך אלול נישט תמוז!
צי איז ער מ ש ו ג ע
געוואָרן דער שמש?

וואָס בלאָזט עס און פייפט,
וואָס דונערט און קנאַלט?
צי פלאַצן די דעמבעס
און סאָסנעס אין וואַלד?

עס פייפט און קנאַלט,
עס זעצט און קנאַקט...
עס יאָגט אַן עקסטרע
פּאָסט פון טראַקט!

ווער האָט אַזאַ
קלינגען געהערט?
עס פליען ווי רוחות
נאַשפּיץ די פערד!

עס קלינגען די גלעקלעך
וואָס אַמאָל פרייער!
עס שפּריצן די פּאַדקאָוועס
פונקען און פייער,

עס שלענגלט זיך, קנאַקט
אָן רחמים די בייטש.
מע שטייט מיט די אָפענע
מיילער: — וואָס טייטש?

צוזען דאָס וווּנדער
זיינען אַרויס
קראַנקע פון בעטן,
לומדים — פון קלויז,

קינדער פון חדר —
איינס אין דער מיט,
אין האַנט די תחתונים —
פון אונטער דער רוט.

דאָרט לויפט אַ שוחט,
בלייך ווי די וואַנט,
אַ נישט־דערקוילעטער
האָן אין דער האַנט.

ער האָט אינמיטן
דאָס פייפן געהערט,
און — במקום דעם האָן —
דעם חלף — אויף דר'ערד!

און פליט אויפן רבל
אַרויף ווי אַ קויל
אַריין מיטן חוטם
אין אָפענעם מויל!

און דאָ לויפט אַ טויבע
און ברעכט זיך די הענט:
„שרייט, יידן, העכער —
זאָגט מיר, ווו ברענט?"

שאַ! שאַ! נאָר שטילער!
מע ווייסט שוין: ס'איז פּראָסט:
אַ דייטש איז געקומען
פון דאַנציג מיט פּאָסט!

מיטגעברענגט האָט ער
גאָר אוצרות מיט געלט!
גיין וועט אַ מסחר!
זיין וועט אַ וועלט!

און גאָט האָט דאָס שטעטל
גאָר ראַפּטום באַגליקט,
ער האָט זיי פון הימל
אַ מחיה געשיקט

עס האַנדלט דאָס דייטשל
מיט כלערליי תבואות,
און צאָלט אַלץ אין באַרן,
און מאַכט ניט קיין שהיות!

אַלץ ווערט מיט גאָלדענע
רענדלעך געוואויגן,
אַז יעדן ווערט פריילעך
און ליכטיק אין ד'אויגן!

סהייבן אָן האַנדלען
גאָר שוחטים... דיינים..
עס לויפן, עס קויפן
מלמדים, בטלנים...

און אַלץ איז אַ סחורה,
פון פּאַרשוס — אַ רעגן!
און פויערים מיט פורן
פאַרלייגן די וועגן!

מע דארף נישט באקוקן,
גענקויפט און געשטעלט!
עס שיטן אָן יידעלעך
פעסלעך מיט געלט!

אָך, ווער געדענקט
אזא גאָלדענע צייט?
מע טראָגט אינדערוואָכן
נאָר אטלעס און זייד!

און חתונות מאַכט מען
טאָג־טעגלעך כסדר:
באוואָרפן די שניידער
מיט חתונה־קליידער.

עס זיינען אָן הענט שוין
די קלעזמער געבליבן,
די חופה צעריסן,
די שטאַנגען צעריבן.

עס האָט שוין דער בדחן
קיין כוח צו לאַכן;
מע קריגט שוין קיין וואַקס נישט,
הבדלות צו מאַכן.

לעקעך פאַר ברויט—שטאָט!
און ניס, פאָמעראַנצן!...
עס קאָכט ווי א קעסל
דאָס שטעטל אינגאַנצן!

נאָר דער דייטש האָט מיטגעבראַכט
א בת־יחידהלע א פראַכט:
גאָלדענע לאָקן ביז די פיס!
אויגן בלישטשען ווי די שטערן,
און א קול—א פרייד צו הערן!
און א שטימע—צוקערזיס!

און זי גייט נישט, נאָר זי שפרינגט,
און זי רעדט נישט, נאָר זי זינגט,
פריילעך, לוסטיק טאָג און נאַכט!
און לאָזט אַרויס איר קול מאַריע,
העלפט דאָס גאַנצע הויז איר צו,
קנאַקט פאַר לאַכן ווען זי לאַכט!

כאַ! כאַ! קלינגט עס ווי א גלאָק;
יעדעס שטיינדל, יעדער טשוואָק,
וואַנט און דאַך! דאָס הויז אינגאַנצן!
עס לייגט די אָל אַוועק דער שוסטער,
און דער מאַרשאַלעק דער וויסטער
כאַפּט זיין „גרוניע״ טאַנצן.

און אַז מאָניש גייט כסדר
יעדן מאָרגן פרי אין חדר,
בלייבט ער שטיין ביים טויער...
דעמאָלט זינגט א פראַכט מאַריע,
און איר טרעלן־מעלאָדיע
דרינגט אים טיף אין אויער!

עס דרינגט אַריין אין האַרץ אים טיף!
און אויפן אייגענעם מאָטיוו,
מיט דער זעלבער מעלאָדיע,
זינגט דערנאָך ער די גמרא,
און איז מטעים יעדע סברא,
דרייט נאָך מיטן פינגער צו!

נאָר א שווייס ליגט אויפן שטערן,
און די אויגן—פייכט פון טרערן,
און דאָס פנים בלאַס, ווי קרייט.
דער רבי זיינער זיצט פאַרצוקט,
ס'שטייט די רביצין און קוקט:
„אוי, ווער ווייסט, וואָס דאָס באַטייט״

* * *

דער פאָטער—פאַרנומען,
אָן אַלעס פאַרגעסן;
אינדערהיים—זעלטן
א שבת געזעסן.

עס זעט דאָך די מוטער
ווי מאָניש פאַרשווינדט;
זי שרעקט זיך און פרעגט אים:
„וואָס איז דיר, מיין קינד?

וואָס לאָזט זיך דיין קול
אַזוי וויינענדיק הערן?
וואָס האָסטו אין ד׳אויגן
נאָר טרערן און טרערן?

וואָס ביסט׳ אַזוי בלאַס,
מיין איינציקעס קינד?
ווער האָט דיר פאַרלאָשן,
זאָג, וואָס פאַר אַ ווינט

די אייגעלעך דיינע,
די שיינע הבדלות?
ווו האָסטו גענומען
ניגונים—יללות?

* * *

אָן אַ ע י ן ־ה ר ע,
געזונט זיי און שטאַרק,
דו פלעגסט דאָך צו זינגען,
פונקט אַ קאַנאַריק,

אַ שטייגער, אַ וואָלאַך!
צי אַנדערע זאַכן!
עס פלעגט דאָך פאַר תענוג
דאָס האַרץ אין מיר לאַכן,

אַז דו פלעגסט זינגען
די זמירות ביים עסן;—
הייַנט האָסטו גאָר יענע
ניגונים פאַרגעסן!

הייַנט זינגסטו גאָר אַנדערש,
הייַנט זינגסטו ניש׳ גוט,
עס קלעמט מיר דאָס האַרץ צו,
עס קילט מיר דאָס בלוט;

עס שניידט ווי מיט מעסער
אין האַרץ דיין געזאַנג!
וואָס איז פאַר אַ שטייגער,
וואָס איז פאַר אַ גאַנג?

. . . .

פלעגסט אַמאָל העלפן
דעם חזן אין שול...
גאָר אַנדערע קולות,
אָן אַנדער געפיל!

אַצינד עמיץ אַנדערש
פון דיר זינגט אַרויס!
וואָס איז דיר, מיין לעבן,
דער מאַמען זאָג אויס״!

. . . .

— צי ווייס איך דען, מאַמע,
וואָס ס׳זינגט דאָרט אין מיר?
איך ווייס נאָר, אין האַרץ איז
גאָר אַנדערש ווי פריי׳ר!

איך ווייס נישט וואָס ס׳איז מיר,
עס נאָגט דאָך אין האַרץ;
און פלוצלונג פאַר ד׳אויגן
ווערט פינסטער און שוואַרץ..

עס הייבט אָן צו ברענען
ווי פייער אין מח;
עס רייסן זיך קולות
פון האַלדז אויס מיט כח!

און אָטעם פאַרפעלט מיר,
ס׳איז ענג אין דער ברוסט,
איך וויל זיי פאַרהאַלטן,
די טענער, — אומזיסט!

זיי פליען ווי פייגל
אַרויס פון אַ נעסט...
און—אַזוי זינגט זיך...
אָט, ווי דו זעסט״!...

ד.

אינם שטעטל איז געוועזן
פון קדמונים אַ מפולת!

דאָרטן פלעגן לצים וויינען,
מוזיצירן, מאַכן קולות.

קרייען, מיאַוציען, קוויציען, בילן,
אָדער סוו סטשען, ווי דער ווינט.
אויפן דאַך גייט אויף דער וואַך
אַרום אַן אַלטער שוואַרצער הונט!

ס'פלעגט אַרויסצוואַרפן שטיינער
גאַנצע פודן אויף דער וואָג,
און עס פלעגן זיך באַווייזן
די נישט=גוטע טאָג אויף טאָג!

ווייבער, מענער, יידן, קריסטן
וויכן לאַנג די גאַנצע גאַס;
און מיט הויכן גראָז באַוואַקסן
שטייען הייזלעך פוסטע=פּאַס!

דאָרט ביינאַכט באַווייזט זיך מאַניש,
צו דער חורבה גייט ער צו,
ס'קלאַפּט דאָס האַרץ ווי ביין אַ גזלן:
דאָרטן וואַרט אויף אים מאַריע!

אים באַגלייטן צוויי מלאָכים:
אין דער לינקער זייט אַ שלעכטער,
און, מיט טרערן אין די אויגן,
גייט דער גוטער אין דער רעכטער.

און דער גוטער מלאך רוימט אים
אין דעם רעכטן אויער אַריין:
„האָב רחמנות! דיין נשמה
זאָל פאַר גאָט נישט זינדיק זיין!

ווייס, די וועלט האָט ער באַשאַפן,
וואָס אין הימל, וואָס אויף דר'ערד!
זון, לבנה, אַלע שטערן,
„אַלע אָקסן, אַלע פערד,

ער פאַרזאָרגט אויך לייבן, בערן,
גיט פרנסה שאָף און רינדער...
האָט דעם מענטש זיך אויסגעקליבן,
ער זאָל לויבן זיינע וווּנדער.

און דעם תמצית פון די אומות
האָט ער יידן אויסגעצויגן,
און זעקס=הונדערט=דרייצן מצוות
אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוויגן!

טו נאָך תשובה, און ער וועט דיך
מ י ט ש"י עולמות פאַרגעלטן!
אוי, באַרעכן! איז מאַרי דען
ווערט דריי הונדערט מיט צען וועלטן?"

חוזק מאַכט דער שלעכטער מלאך,
רוימט אין לינקן אוי'ר אַריין:
„האָסט נאָך צייט אויף עולם הבא!
און ער וועט דיר מוחל זיין!

צי האָט ראובן נישט געזינדיקט?
אָדער דוד און בת שבע?
אַלע זייגען אין גן=עדן...
ווייל ער האָט אַ גוטע טבע!

און אַ ליאַדע קרים, אַ טרער,
אין אַ ווינטער=טאָג אַ תענית,
און אַ וואָרט, „איך וועל נישט מער!"
און ער גלויבט דיר אויף נאמנות"!

אזוי טענהן די מלאכים.
און דער ישוב דוי'רט ניש' לאַנג...
ווייל זי ווייזט זיך שוין אין פענסטער,
און עס הערט זיך איר געזאַנג.

פלאַמען ברענען איר אין ד'אויגן,
אַלע תאוות—אין איר לידו!
און ער פליט שוין פייל פון בויגן,
און דאָס בלוט זיינס קאָכט און זידט!

טויזנט גרילן, טויזנט שפינען,
פלעדערמייז און אוילן הערן
זייער זינגען, לאַכן, קושן,
זייער קושן, האַלדזן, שווערן...

און ער שווערט איר הייסע ליבע
ביי זיין לעבן, ביים געזונט;
דאָך זי שמייכלט: אַזאַ שבועה
טראָגט אַוועק דער לייכטסטער ווינט!

און ער שווערט איר ביי די ציצית,
ביי די פאות, ביי די תפילין,
און ביי ש ו פ ר ש ל מ ש י ח...
—„זאָג, וואָס נאָך? אום גאָטעס ווילן!"

און ער שווערט איר הייסע ליבע
אַלץ פאַרברענטער און פאַרשייטער.
און זי שמייכלט, און זי בעט זיך:
„שווער נאָר ווייטער, ווייטער, ווייטער"...

און ער שווערט איר ביי זיין טאַטן,
ביי דער גוטער פרומער מאַמען;
ביי דער באָבען, ביי דעם זיידן,
און ביי אַלע נאָך צוזאַמען...

אויף איר ליפּל שפּילט אַ שמייכל
און די אויגן אירע גלאַנצן,
און זי בעט זיך: „ווייטער, ווייטער"!
זי וויל זיכער זיין אינגאַנצן!

ווייל אַ בחור קען פאַרפירן,
קען פאַרגעסן, האָט זי מורא...
און ער שווערט איר ביים פרוכת,
ביי דעם כתר, ביי דער תורה!
און זי בעט זיך: „העכער! העכער!"
זי וויל זיכער זיין אינגאַנצן!
און זי כישופט מיט איר אָטעם,
און די אויגן בלישטשען, גלאַנצן...
און ער גרייפט אַלץ העכער, העכער,
האָט גאָטס נאָמען אויסגערופן!...

. . . .

פונם הימל קנאַלט אַ דונער!
פון גיהנום פונם טיפן—
אַ געלעכטער, אַ גערודער.
און פון שוועבל יאָגט אַ ריח,
און ער פליט שוין „פּאָד קאָנוואָיעם"
אויף אַ בעזעם אין דער הייך.

אויפן בארג אררט דאָרטן
איז אַ לעבן, א געפילדער,
ס'איז אַ באַל דאָרט אין דער תיבה,
און אַ שרעקלעכער, אַ ווילדער!

און קאַפּעלן (יענע וועלט־
קע ציגיינער) מוזיצירן,
און שאַמפּאַניער—ווי וואַסער,
און די רוחות קאַנקאַנירן.

לאָמפּן— טויזנט פעסער סמאָלע,
די רשעים זיינען קנויטן;
ס'גייט אַרום אַן עקסטרע־שדל
מיט אַ שערל צו די צויטן!

און די קיניגין איז לילית!
אין די אויגן האָט זי בליצן!
און ס מ א ל טראָגט איר לאַנגע
שלעפּע מיט בראַבאַנדער שפּיצן.

. . . .

אין דער טיר דאָרט שטייט געשלאָסן
אונדזער מאַניש אויף אַ קייט...
און מע לייגט שוין אָן אַ פייער
און די שפּיז איז אויך שוין גרייט!

י. ל. פרץ

אידיליען.

אליעזר און רבקה.

(א) און אברהם איז אַלט געוואָרן, איז געקומען אין די יאָרן. און יהוה האָט געבענטשט אברהמען מיט אַלץ. (ב) און אברהם האָט געזאָגט צו זיין קנעכט, דעם עלטסטן פון זיין הויז, וואָס געוועלטיקט איבער אַלץ, וואָס ביי אים: „לייג, איך בעט דיך, דיין האַנט אונטער מיין דיך. (ג) און איך וועל דיך באַשווערן ביי גאָט, דעם גאָט פון הימל און דעם גאָט פון דער ערד, אַז דו זאָלסט ניט נעמען אַ ווייב פאַר מיין זון פון די טעכטער פון דעם כּנעני, וואָס איך זיץ צווישן אים, (ד) נייערט אין מיין לאַנד און אין מיין געבורטסאָרט זאָלסטו גיין און נעמען אַ ווייב פאַר מיין זון יצחקן". (ה) האָט דער קנעכט געזאָגט צו אים: „טאָמער וועט די פרוי ניט וועלן גיין מיט מיר אין דאָסדאָזיקע לאַנד, זאָל איך צוריקקערן דיין זון אין דאָס לאַנד, וואָס דו ביסט פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען?" (ו) האָט אברהם געזאָגט צו אים: „היט דיך, אַז דו זאָלסט ניט צוריקקערן מיין זון אַהינצו. (ז) יהוה, וואָס האָט מיך גענומען פון מיין פאָטערס הויז און פון מיין געבוירנלאַנד און וואָס האָט גערעדט צו מיר און וואָס האָט מיר געשוואָרן אַזוי צו זאָגן—„צו דיינע זאָמען וועל איך אָפּגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד,— ער וועט שיקן זיין מלאך פאַר דיר און דו וועסט נעמען אַ ווייב פאַר מיין זון פון דאָרטן. (ח) און אויב די פרוי וועט ניט וועלן גיין מיט דיר, וועסטו פריי זיין פון אָט דער שבועה מיינער. נאָר מיין זון זאָלסטו אַהין ניט צוריקקערן".

(ט) און דער קנעכט האָט געלייגט זיין האַנט אונטער דער דיך פון אברהם זיין האַר און ער האָט אים געשוואָרן אויף דערדאָזיקער זאַך.

(י) און דער קנעכט האָט גענומען צען קעמלען פון זיין האַרס קעמלען און ער איז געגאַנגען. און אַלדאָסגוטס פון זיין האַרן (האָט ער גענומען) אין זיין האַנט. און ער איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען קיין אַראַם נַהֲרַיִם, צו דער שטאָט פון נָחוֹר. (יא) און ער האָט געלאָזט קניען די קעמלען אויסערן שטאָט ביי אַ וואַסער־ברונעם צו אָוונט צייט, ווען די שעפּערינס גייען אַרויס. (יב) און ער האָט געזאָגט: „יהוה, גאָט פון מיין האַר אברהם, באַשער מיר היינט און טו חֶסֶד מיט מיין האַר אברהם. (יג) אָטאָ שטיי איך ביים קוואַל וואַסער און די טעכטער פון די שטאָט־לייט גייען אַרויס שעפּן וואַסער, און עס וועט זיין, אַז דאָס מיידל, וואָס איך וועל זאָגן צו איר: „בייג אָן, איך בעט דיך, דיין קרוג און איך וועל טרינקען" און זי וועט זאָגן: „טרינק און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען",— זי האָסטו באַשערט פאַר דיין קנעכט יצחקן און דורך איר וועל איך וויסן, אַז דו האָסט געטאָן חסד מיט מיין האַרן". (טו) און עס איז געווען נאָך איידער ער האָט געענדיקט ריידן — ערשט עס קומט אַרויס רבקה, וואָס איז געבאָרן געוואָרן ביי בתואלן, דעם זון פון מִלְכָּה, דאָס ווייב פון נחור, דעם ברודער פון אברהם, מיט איר קרוג אויף איר אַקסל. (טז) און דאָס

מיידל איז פון אַ שיין געשטאַלט, וואָס קיין מאַן האָט זי ניט געקענט. און זי האָט אַראָפּגענידערט צום קוואַל און אָנגעפילט איר קרוג און אַרויפגעקומען (צוריק). (יז) איז דער קנעכט געלאָפן איר אַנטקעגן און האָט געזאָגט: „לאָז מיר אַ טרונק טאָן אַ ביסל וואַסער פון דיין קרוג". (יח) האָט זי געזאָגט: „טרינק, מיין האַר". און זי האָט אויף גיך אַראָפּגעלאָזט איר קרוג אויף איר האַנט און האָט אים אָנגעטרונקען. (יט) און אַז זי האָט געענדיקט אים אָנטרינקען, האָט זי געזאָגט: „אויך פאַר דיינע קעמלען וועל איך אָנשעפּן, ביז וואַנען זיי וועלן ענדיקן טרינקען". (כ) און זי האָט אויף גיך אויסגעגאָסן איר קרוג אין טרינק־רינע און איז ווידער געלאָפן צום ברונעם שעפּן. און זי האָט אָנגעשעפּט פאַר אַלע זיינע קעמלען. (כא) און דער מאַן וווּנדערט זיך אויף איר. ער שווייגט, אום צו וויסן, אויב יהוה האָט באַגליקט זיין וועג אָדער ניט. (כב) און ווי די קעמלען האָבן געענדיקט טרינקען, האָט דער מאַן גענומען אַ גאָלדענעם נאָזרינג — זיין געוויכט (איז געווען) אַ בֶּקַע*) און צוויי אָרעמבענדער (אָנצוטאָן) אויף אירע הענט — צען גאָלדשטיק (איז געווען) זייער געוויכט. (כג) און ער האָט געזאָגט: „וועמעס טאָכטער ביסטו? זאָג מיר, איך בעט דיך, איז פאַראַן אין דיין פאָטערס הויז אַן אָרט פאַר אונדז צו נעכטיקן"? (כד) האָט זי געזאָגט צו אים: „איך בין אַ טאָכטער פון בתואל, דעם זון פון מִלְכָּה, וואָס זי האָט געבאָרן צו נָחוֹר". (כה) און זי האָט (ווייטער) געזאָגט צו אים: „אויך שטרוי, אויך פוטער (איז פאַראַן) אַ סך ביי אונדז, אויך אַן אָרט צו נעכטיקן". (כו) און דער מאַן האָט זיך געבויגט און געבוקט צו יהוה.

(כז) און ער האָט געזאָגט: „געלויבט זאָל זיין יהוה, דער גאָט פון מיין האַר אברהם, וואָס האָט ניט אָפּגעטאָן זיין חסד און זיין אמת פון מיין האַרן. איך בין אויף דעם וועג, מיט וועלכן יהוה האָט מיך געפירט אין דאָס הויז פון מיין האַרס ברודער". (כח) און דאָס מיידל איז געלאָפן און האָט דערציילט אין איר מוטערס הויז די אַלע רייד. (כט) רבקה האָט (געהאַט) אַ ברודער, און זיין נאָמען איז (געווען) לָבָן. איז לָבָן געלאָפן צו דעם מאַן אין דרויסן צום קוואַל. (ל) און ס'איז געווען, אַז ער האָט דערזען דעם נאָזרינג און די אָרעמבענדער אויף זיין שוועסטערס הענט און אַז ער האָט דערהערט די רייד פון זיין שוועסטער רבקה אַזוי צו זאָגן: „אַזוי האָט גערעדט צו מיר דער מאַן", איז ער געקומען צום מאַן, ערשט יענער שטייט ביי די קעמלען ביים קוואַל. (לא) האָט ער געזאָגט: „קום, (דו) געבענטשטער פון גאָט, וואָרום שטייסטו אין דרויסן? איך האָב אויסגעראַמט דאָס הויז און אַן אָרט פאַר די קעמלען (איז דאָ)".

(לב) איז דער מאַן אַריינגעגאַנגען אין הויז; און ער האָט אָפּגעבונדן די קעמלען, און האָט דערלאַנגט שטרוי און פוטער פאַר די קעמלען, און וואַסער צו וואַשן זיינע פיס און די פיס פון די מענטשן, וואָס מיט אים. (לג) און עס איז געשטעלט געוואָרן פאַר אים צו עסן, אָבער ער האָט געזאָגט: איך וועל ניט עסן, ביז איך וועל האָבן גערעדט מיינע רייד. האָט ער געזאָגט: רייד.

(לד) האָט ער געזאָגט: דער קנעכט פון אברהמען בין איך. (לה) און גאָט האָט זייער געבענטשט מיין האַר, און ער איז געוואָרן רייך; און ער האָט אים געגעבן שאָף און רינדער, און זילבער און גאָלד, און קנעכט און דינסטן, און קעמלען און אייזלען. (לו) און שרה, מיין האַרס ווייב, האָט געבאָרן אַ זון צו מיין האַר

*) אַ האַלבער שֶׁקֶל.

אויף איר עלטער; און ער האָט אים אַוועקגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. (לז) און מיין האַר האָט מיך באַשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: „זאָלסט ניט נעמען אַ ווייב פאַר מיין זון פון די טעכטער פון דעם כְּנַעֲנִי וואָס איך זיץ אין זיין לאַנד. (לח) ניט אַנדערש נאָר צו מיין פאָטערס הויז זאָלסטו גיין, און צו מיין מִשְׁפָּחָה, און נעמען אַ ווייב פאַר מיין זון". (לט) האָב איך געזאָגט צו מיין האַר: „טאָמער וועט די פרוי ניט וועלן גיין מיט מיר?" (מ) האָט ער צו מיר געזאָגט: „יהוה, וואָס איך בין גע-גאַנגען פאַר אים, וועט שיקן זיין מלאך מיט דיר, און וועט באַגליקן דיין וועג; און דו וועסט קריגן אַ ווייב פאַר מיין זון, פון מיין משפחה און פון מיין פאָטערס הויז. (מא) דענסטמאָל וועסטו פריי זיין פון מיין שבועה, אַז דו וועסט קומען צו מיין משפחה; און אויב זיי וועלן דיר ניט געבן, וועסטו אויך פריי זיין פון מיין שבועה". (מב) בין איך געקומען היינט צום קוואַל, און איך האָב געזאָגט: „יהוה, גאָט פון מיין האַר אברהמען, אויב דו ווילסט, איך בעט דיך, באַגליקן מיין וועג, וואָס איך גיי אויף אים, (מג) וועל איך אָט שטיין ביים קוואַל וואַסער, און עס זאָל זיין, אַז דאָס מיידל וואָס וועט אַרויסקומען שעפּן, און איך וועל זאָגן צו איר: „גיב מיר טרינקען, איך בעט דיך, אַ ביסל וואַסער פון דיין קרוג", (מד) און זי וועט זאָגן צו מיר: „אי דו טרינק, אי פאַר דיינע קעמלען וועל איך אָנשעפּן", זאָל זי זיין די ווייב, וואָס גאָט האָט באַשערט פאַר מיין האַרס זון. (מה) נאָך איידער איך האָב געענדיקט ריידן צו מיין האַרצן, ערשט רבקה קומט אַרויס מיט איר קרוג אויף איר אַקסל; און זי האָט אַראָפּגענידערט צום קוואַל און האָט אָנגעשעפּט. האָב איך צו איר געזאָגט: „גיב מיר טרינקען, איך בעט דיך". (מו) האָט זי אויף גיך אַראָפּגעלאָזט איר קרוג פון זיך, און האָט געזאָגט: „טרינק, און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען". האָב איך געטרונקען, און אויך די קעמלען האָט זי אָנגעטרונקען. (מז) האָב איך זי געפרעגט און האָב געזאָגט: וועמעס טאָכטער ביסטו? האָט זי געזאָגט: די טאָכ-טער פון בתואל דעם זון פון נחורן, וואָס מלכה האָט געבאָרן צו אים. און איך האָב אָנגעטאָן דעם נאָזרינג אויף איר נאָז, און די אָרימבענדער אויף אירע הענט. (מח) און איך האָב מיך גענייגט און מיך געבוקט צו יהוה, און איך האָב געלויבט יהוה דעם גאָט פון מיין האַר אברהמען, וואָס האָט מיך געפירט אויפן ריכטיקן וועג צו קריגן די טאָכטער פון מיין האַרס אַן אייגענעם פאַר זיין זון. (מט) און איצט, אויב איר ווילט טאָן אַ חסד און אַ טריישאַפט מיט מיין האַר, זאָגט מיר; און אויב ניט, זאָגט מיר; און איך וועל מיך קערן אויף רעכטס אָדער אויף לינקס.

(נ) האָט געענטפערט לבן און בתואל, און זיי האָבן געזאָגט: „די זאַך איז אַרויס פון גאָט; מיר קענען ניט ריידן צו דיר שלעכטס אָדער גוטס. (נא) אָט איז רבקה פאַר דיר, נעם און גיי, און זאָל זי זיין אַ ווייב צו דעם זון פון דיין האַר, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט".

(נב) און עס איז געווען, ווי דער קנעכט פון אברהמען האָט געהערט זייערע ווערטער, אַזוי האָט ער זיך געבוקט צו דער ערד פאַר גאָט. (נג) און דער קנעכט האָט אַרויסגענומען זילבערנע זאַכן, און גאָלדערנע זאַכן, און קליידער, און געגעבן רבקהן; אויך איר ברודער און איר מוטער האָט ער געגעבן טייערע מתנות. (נד) און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, ער און די מענטשן וואָס מיט אים; און זיי האָבן איבערגענעכטיקט; און זיי זיינען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, און ער האָט געזאָגט: לאָזט מיך גיין צו מיין האַר.

(נה) האָט געזאָגט איר ברודער און איר מוטער: זאָל דאָס מיידל בלייבן ביי-

אונדז אַ יאָר אָדער צען (חדשים), דערנאָך וועט זי גיין. (נו) האָט ער צו זיי געזאָגט: האַלט מיך ניט אויף, אַז גאָט האָט באַגליקט מיין וועג. שיקט מיך אַוועק, און לאָמיך גיין צו מיין האַר. (נז) האָבן זיי געזאָגט: מיר וועלן רופן דאָס מיידל און מיר וועלן פרעגן איר מויל. (נח) האָבן זיי גערופן רבקהן און האָבן צו איר געזאָגט: — ווילסטו גיין מיט דעמדאָזיקן מאַן? האָט זי געזאָגט: — איך וויל גיין.

(נט) האָבן זיי אַרויסבאַלייט זייער שוועסטער רבקהן, און איר אַם, און אברהמס קנעכט, און זיינע מענטשן. (ס) און זיי האָבן געבענטשט רבקהן, און האָבן צו איר געזאָגט: אונדזער שוועסטער, ווער טויזנטער מאָל צען טויזנט, און דיין זאָמען זאָל אַרבן דעם טויער פון דיינע פיינט. (סא) און רבקה איז אויפגעשטאַנען מיט אירע מיידלעך, און זיי האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף די קעמלען, און זיינען געגאַנגען נאָך דעם מאַן. און דער קנעכט האָט גענומען רבקהן און איז אַוועקגעגאַנגען.

(סב) און יצחק איז אָנגעקומען פון וואַנען מע גייט קיין באר־לחי־ראי, וואָרום ער איז געזעסן אין לאַנד פון דרום — (סג) און יצחק איז אַרויסגעגאַנגען זיך דורכצו־גיין אין פעלד אַנטקעגן אָוונט — האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט אַ קוק געטאָן, ערשט קעמלען קומען אָן. (סד) און רבקה האָט אויפגעהויבן אירע אויגן, און האָט דערזען יצחקן, און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון קעמל. (סה) און זי האָט געזאָגט צו דעם קנעכט: — ווער איז יענער מאַן, וואָס גייט אין פעלד אונדז אַנטקעגן? האָט דער קנעכט געזאָגט: — דאָס איז מיין האַר. האָט זי גענומען דעם שלייער און האָט זיך פאַרדעקט.

(סו) און דער קנעכט האָט דערציילט יצחקן אַלע זאַכן, וואָס ער האָט געטאָן. (סז) און יצחק האָט זי אַריינגעבראַכט אין דעם געצעלט פון זיין מוטער שרהן. און ער האָט גענומען רבקהן, און זי איז געוואָרן זיין ווייב; און ער האָט זי ליב געהאַט. און יצחק האָט זיך געטרייסט נאָך זיין מוטער.

פון דער סדרה „חיי שרה" (קאַפּ. כ"ד).
יידיש: ביז ל"ב — פאַרשיידענע קוועלן;
פון ל"ב — יהואש.

אשטילע פרייד.

אַ שטילע פרייד ליגט גאָלדיק אויף די פעלדער—
די טעג, זיי זיינען אַזוי זוניק—ליכטיק.
פאַרנאַכטן—פורפורנע מיט טיפע הימלען—
די אַלטע פאַרם-הייזלעך אַזוי ציכטיק.

אין גאַרבן גאָלדנע טריקנט זיך די שֶפע
פון נייע פרישע שמעקנדיקע ברויטן.
עס טריקענען אין זון די געלע קירבעס,
און שוואַרצע טרויבן קרייזלען זיך אויף פלויטן.

די רויטע ווינטער-עפל אויף די ביימער
זיי לויכטן פריש-באַהויכט דער זון אַנטקעגן.
און ס'ציען זיך, פאַרדעקט מיט ברוינע בלעטער,
די אַלטע, רויטע, גרין-פאַרגראַזטע וועגן.

עס הויכט מיט פרישן ברויט, מיט וויין און עפל,
און טרויריק היימלעך אַלטע ביימער זשומען.
און ס'האָבן גאָלדיקע און שטילע פריידן
מיין טרויעריקעס האַרץ ארומגענומען.

י. שוואַרץ.

פרייטאָג אין שטעטל.

זומערדיקע פרייטאָגס=נאָכמיטאָג!

חדר=ייִנגלעך זאָגן אָפּ די הפטרה, זיינען מַעביר די סדרה און גייען אַהיים מיט די סידורימלעך, חומשים און מיט די גמרות, אויף מאָרגן צום פאַרהער. געקומען אַהיים, שלעפּט מען אַרויס יאַגדעס. די מאַמע גיט דעם יאַגדע=סטאָניק און מע שמירט זיך דאָס גאַנצע פּנים איין. מע גנבעט אַרויס פון קעלער אַ פּאָר מערן. די מאַמע נעמט צו די שטיוול מיט די רעקלעך און שליסט זיי איין אין קאַסטן, אויף מאָרגן צום דאַווענען. נאָר באָרוועס און האַלב=נאַקעט האָלאַ אין גאַס אַריין, הינטער דעם שול=פּלאַץ,—דאָרט וואַרט שוין חברה. מיט פּעק שטיינער לויפט מען אויפן מאַרק און מע צעטרייבט דעם בעקערס טויבן, וואָס פליען איבערן מאַרק אַרום, און דער בעקער לויפט אַרויס יאָגן, כאַפּט מען די פיס און מע מאַכט פּליטה...

דאָס שטעטל, וואָס איז אָפּגעברענט געוואָרן, איז האַלבס צוגעלאַטעוועט. דאָ און דאָרט זעט מען חורבות, אַרומגעקלאַפּט מיט האַלב אָפּגעברענטע ברעטער. יעדנס רשות איז באַזונדער אין אַ צוים איינגעצוימט. דאָ און דאָרט זיינען אָפּגעלייגטע קלעצער און ברעטער. גוים שטייען און אַרבעטן, ייִנגלעך קריכן אַרום און שפּרינגען, און הוידען זיך אויף די ברעטער. ביי דער געביי זיצן ייִדן, ליידיקגייערס, אָנפּרנסהדיקע, קוקן, ווי די גוים אַרבעטן, און גיבן עצות, ווי מע דאַרף מאַכן די פענסטערלעך, די טירן. ייִדן שפּאַרן זיך איבער די געביידעס און די גוים מאַכן פון זיי חוזק.

אויפן מאַרק זיינען שוין דאָ גרינע עפּעלעך, שיינע באַרנעלעך—אַ פּאָר אַ צווייער. אַ ייגגל בלאָזט אין אַ גאָרגל פון אַ געשחטענער קאַטשקע, און חברה נאָך אים—כרר... כרר... עס לויפט פאַרביי אַ מיידל אין בית=המדרש אַריין צו פרעגן אַ שאלה אויף אַן עוף, און דאָ וואַרפט זיך אַ ייִדינע מיט אַ טריפער קאַטשקע אויף אַ טעלער, טראָגנדיק זי צום גוישן בעקער. טאַטעס מיט ייִנגלעך גייען צוריק פון שערער מיט אָפּגעגאָלטע קעפּלעך, ווי די שעפּסן, לכבוד שבת=נחמו. פון וועג אָן קומען אָנצוגיין ייִדן אורחים מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, אין שטאָט אַריין אויף שבת. פורן קומען צופאָרן אינמיטן מאַרק אַריין, אָנגעפּאַקט מיט חסידים, אַלטע ייִדן און בחורים, און ייִנגלעך, וואָס קומען אויף שבת=נחמו צום רבין. די שטאָט ווערט פול מיט פּנים חדשות. ייִדן גייען אַרום, ווי אין ירושלים, פראַנק און פריי, מיט שטריימלעך, שיך און זאָקן, מיט פּאות און ליולקעס... עס ווערט לעבעדיק, פרייטאָגדיק אין שטעטל. מע לויפט, מע איילט זיך, מע דערקענט, אַז עס איז ערב=שבת, ערב אַ גרויסן טאָג. די זון ציט זיך איבערן שטעטל אויך עפּעס אַזוי פרייטאָגדיק, גיסט מיט ליכט, און איז נישט מקפּיד, ווו אירע גין=גאָלדענע שטראַלן פאַלן אַריין, און וועמען זיי באַלויכטן. פון דער שענק פאָרן אַהיים שיכורע פּויערים און שיכורע פּויערטעס אין רויטע טיכער און ווייסע כאַלאַטן, זיי קושן זיך, וויינען און לאַכן, נעמען זיך אַרום און טאַנצן. די פערד זייערע, די פולע רונדיקע פערד, זיינען אויסגעפּוצט מיט בענדער, ווי מע פאָרט אויף אַ חתונה. זיי פאָרן מיט רעש אַרויס פון שטעטל, קלאַפּן איבער די שטיינער, און די חזירים אויף די פורן קוויטשען מיט, און חדר=ייִנגלעך מיט די אַרויסגעשלעפּטע העמדער פון די הויזן=שפּאַלטן לויפן זיי נאָך און מאַכן גרויסע גוואַלדן: בע, הוראַ !.. עס קומט צופאָרן לייבל דער וואַסערפירער מיט זיין פעסל וואַסער פון טייך, באַפאַלן אים די קינדער און צופּן פון פערדל די האָר אויף סטרונעס צו פידעלעך. לייבל שילט, קנאַלט מיט דער בייטש, נאָר

ווער קוקט אויף אים, מע צופּט ווייטער דאָס פּערדל און מע פּאַשעט עס מיט יאַגדעס, מיט בולקע=פּוטער, און דאָס פערדל פּאַרדייט אַלעס...

עס ווייזט זיך דער רב פון שטאָט. ער גייט מיט אַ חברה אורחים אַרום אין די הייזער און שטעלט וווּ יעדערן אָפּ אַן אורח אויף שבת.

אין געסל קומט צופאָרן פון וועג דער גביר ר׳ יחזקאל מיט זיין מענטש נאָטע. אויף שבת אַהיים געאיילט זיך. נאָטע שפּאַנט די פערד אויס און רייט מיט זיי איבערן געסל צום וואַסער אַראָפּ, און ר׳ יחזקאל זעצט זיך פאַר דער טיר און בעט אין האַרצן, אַז גאָט זאָל אים צושיקן אַ ייד אויף שבת.

אַלץ אין דער גאַס איז פרייטאָגדיק. די הימלען ציען זיך אַזוי לאַנג און ברייט אַוועק; ציען זיך, אום ערגעץ=וווּ אויף שבת אַהיים צו קומען. וואָס ווייטער ווייזן זיך אַלץ מער יידן אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס, אין שיך און זאָקן. יינגלעך אין אַטלעס און אין זיידנס, גייען מיט פּעקלעך צום וואַסער באָדן זיך. דאָס זיינען חסידימלעך, יונגע חסידימלעך, וואָס זיינען געקומען צום רבין אויף שבת=נחמו.

און הימלעך ווערט אין שטעטל, היימלעך. בעלי=מלאָכות טראָגן אָפּ די לעצטע אַרבעט, יונגען כאַפּן ביר=געלט, לויפן אין די קראָמען נאָך קראַנגדלעך מיט שניפּסלעך, און מע לויפט צום וואַסער באָדן זיך לכבוד שבת.

הינטער דעם אַלטן שוחטס הויז גיסט זיך דאָס וואַסער. ביינאַכט זיינען זיך דאָרט טובל די טויטע פון דעם קעגנִבערדיקן בית=עולמל, נאָר פרייטאָג פאַרנאַכט—דאָס שטעטל. גאַנץ קאָזמער איז אין נאַקעטן, ווי גאָט האָט זיי באַשאַפן... אַ פעלד איז באַלייגט מיט ווייסע פּעקלעך, און נאַקעטע ציידעס, נאַקעטע טאַטעס, נאַקעטע אייניקלעך זיינען אין וואַסער. אין ענין שווימען איז דאָס שטעטל שוין באַוווסט פון לאַנג אָן. יידן האַלטן פון שווימען. טאַטעס לערנען זייערע קליינע קינדער שווימען אויף די בייכלעך. די קינדער וויינען, זייער געשריי גייט ביז אין הימל אויף, און די טאַטעס שלעפּן זיי טיפער, טיפער אין וואַסער אַריין, טונקען זיי די קעפּלעך. דאָס קינד עפנט די אייגעלעך אויף, מאַכט אַ גוואַלד און ווידער אַ טוק. פאַרזאָרגטע יידן, וואָס זיינען אַ גאַנצע וואָך אין דאגות=פרנסה, מאַכן זיך נאַריש און ווייזן קונצשטיק. דער לאָזט זיך אַ „נאָרקים", דער צווייטער „לייגט קלאַפּטער", דער דריטער מאַכט אַ „רעדל", קאָרטשעט זיך איין, פאַרלייגט די הענט אַרום די פיס און דרייט זיך אין וואַסער. דער מלאַוועער בחור נעמט גאָר די וועלט אָפּ מיט זיין שווימען. ווי אַ פיש ליגט ער אָפּ גאַנצע שעהן אונטערן וואַסער, כאַפּט אָן יעדן ביי די פיס, פּלוצלונג גיט ער גאָר אַ שפּרונג אַרויס, מאַכט אַ קאָזעליק, און ווייטער אין וואַסער אַריין.

„דאָס וואַסער דאַרף יעדעס יאָר אַ מענטש"... און אינמיטן דערינען ווערט אַ געשריי: גוואַלד, ער טרינקט זיך! און דאָרט, וווּ דאָס וואַסער איז שטראָמיק, האָט עס אַ מענטש אַריינגעכאַפּט. דער מענטש רייסט זיך אַרויסצוקומען פון די אַרומיקע שטראָמעדיקע כוואַליעס, נאָר זיי האָבן אים אַריינגעקראָגן, און עס ציט אים ווער אונטן אין וואַסער אַראָפּ. דער מלאַוועער בחור לאָזט זיך אַ „נאָרקים", כאַפּט דעם זיך טרינקענדיקן ביי די האָר אָן און שלעפּט אים פון וואַסער אַרויס. דערווייל קומען אָן פון דער שטאָט צולויפן ווייבער, קינדער מיט געוואַלדן: וועמען! חיים משה, וווּ ביסטו? יידן כאַפּן דעם דערטרונקענעם, הייבן אים אָן צו רייסן און וואַרפן, ציען אים די שלייפן מיט אַ פּאַסעק אַרום,—און זיינען מחיה מתים...

דאָס וואַסער געהערט צו דער שטאָט, נאָר דאָס פעלד, וואָס איז ביים וואַסער, געהערט צו דער שטאָטס שררה. שיקט ער אַרויס אַ זשאַנטסע מיט אַ הונט, אַז ער

זאָל אַוועקיאָגן די, וואָס באָדן זיך; ווערט אַ געשריי: „דער זשאַנטסע גייט!“ כאַפּט מען די פּעקלעך קליידער אויפן קאָפּ און מע לויפט נאַקעטערהייט אין שטאָט. גאַנצע מחנות נאַקעטע יידן לויפן מיט די פּעקלעך, און דער גוי מיטן הונט יאָגט אין סאַמע שטאָט אַריין, ביז עס קומען די קצבים אַנטקעגן דעם גוי מיט גרויסע שטעקנס און לייזן אויס דאָס שטעטל פון גויִשע הענט...

די זון הייבט זיך שוין אָן צו זעצן ווייט אויפן לינטשעצער וועג. עס ווערט פאַרנאַכט. ביים וואַסער הייבט אָן רויִקער צו ווערן. מע איילט זיך אַהיים. צום טייך קומען שוין נאָר די לעצטע פורמאַנעס, וואָס זיינען שפּעט אין שטעטל אָנגעקומען, און בעלי=מלאָכות, וואָס האָבן שפּעט די מלאָכה געענדיקט. פון מאַרק צעגעמען די יידינעס זייער סחורה און טראָגן זיי אַהיים. אויסגעבאָדענע יינגלעך לויפן איבער דער גאַס מיט פלעשלעך צו ווייִנשטיינען נאָך ווייִן אויף קידוש. די געוועלבער פאַרמאַכן זיך איינציקווייז. אין עק גאַס ביים גרויסן איינפאָר=הויז, אויף דעם וועג צום בית=עולם, צעפלאַקערט זיך אַ רויט געשטאַלט אין אַ וואָלקן פון גינגאָלד שטויב... דער הימל ווערט איבערן שטעטל טונקל. מע הייבט אָן קלאַפּן אין שול אַריין. אין טייל פענסטער ווייזן זיך שוין שבת=ליכטלעך. נאָר די האַלב=איינגעפאַלענע הייזלעך, דער רעשט חורבות זעען אויס עפּעס נעבעכדיק, ווי אָרעמע מחותנים, וואָס זיינען אין צעריסענע בגדים און נאָר אין סאַמעטענע, שבתדיקע היטלען געקומען אויף דער חתונה... פאַר טייל הייזער ווייזן זיך שוין שבתדיקע באַלעבאָסטעס מיט זייערע טעכטערלעך. אָפּגעוואַשן, אויסגעקעמט זיצן זיי פאַר דער טיר.

און שטיל און רויִק איז אין געסל. דער שבת קומט אָן מיט רויִקע טריט, און פאַרשפּרייט מנוחה. ווי אַליין פאַר זיך קלינגט דער קירכן=גלאָק, רופט מיט אַ פרום געבעט אין קירכע אַריין. פון דעם קליינעם בית=המדרשל פינקלען זיך אַרויס די שבת=ליכטלעך. יעדעס ציט צו זיך. דורך דאָס שטילע שטעטל גייען פרומע קריסטן, מענער מיט פרויען, גייען אין קירכע אַריין. און אָפּגעוואַשענע יידן מיט ווייסע קראַגנס פון די העמדער, איבער די שבת=קאַפּאָטעס פאַרבויגן, גייען אין בית=המדרש אַריין. חסידים אין אַטלאַס און אין זיידנס, אין שיך און זאָקן גייען צום רבין. און שטילער, רויִקער, שבתדיקער ווערט דאָס שטעטל, ווי מע וואָלט זיך איינגעטיילט דאָס בית=המדרשל מיט דער קירכע, יעדע גענומען זיך דאָס איריקע. פון די אָפּגעוואַשענע פענסטער פינקלען די ליכטלעך און די לייכטערלעך אַרויס. מיידלעך הייבן זיך אָן צו ווייזן אין געסל שפּאַצירנדיק, און דעם חזנס „לכה דודי“ זינגט אין געסל און דער קירכנגלאָק קלינגט מיט, די קולות מישן זיך אויס און עס ווערט אַ שטילע תפילה צו איין גאָט...

אין גאַס ווייזט זיך ר׳ יחזקאל מיט זיין חתן. זיי גייען אין בית=המדרש אַריין דאַוונען. עס ווייזן זיך מיידלעך אויף דער שוועל אין טיר. אָרנטלעכע באַלעבאַטישע טעכטער קוקן פון די אָפענע פענסטער אַרויס, קוקן נאָך און סודען זיך: לאהלעס התן! לאהלעס חתן!

מיידלעך, כלהס, שפּאַצירן אין שול-געסל. עס גייען דעם שוחטס טעכטער אין גאָלדענע קייטעלעך, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון די מחותנים.

בחורים, חתנימלעך, גייען שפּאַצירן אויף דער צווייטער זייט, אין די אַטלעסענע קאַפּאָטקעלעך, אין די זיידענע גאַרטעלעך, מיט די שוואַרצע פּאוּתלעך און מיט די גאָלדענע זייגערס, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון די מחותנים חתן=מתנות...

פרייטאָג=צו=נאַכט. דער טיש ביי ר׳ יחזקאלען האָט מען לכבוד דעם חתן געדעקט אין

דער לעצטער שטוב, מע האָט אויפגערוקט די פליגלען פון דעם גרויסן טיש, ווי מע האָט עס נאָר איין מאָל אין יאָר בײַ דער פורים־סעודה, ווען אַלע קינדער און די אייניקלעך קומען זיך צוזאַמען. מלכהלה, די באַלעבאָסטע, האָט נישט געזשאַלעוועט קיין ליכט, זי האָט געלייענט און געוווסט גאַנץ גוט, אַז וואָס מער ליכט פרייטאָג־צו־נאַכטס, דאָס מער פרנסה באַוויליקט גאָט. דער גרויסער טיש איז געווען באַשטעלט מיט זילבערנע לייכטער, אלט־פרענקישע, זעקס־רערנדיקע. אין שטוב האָט אלעס געבלאַנקט, גע־לויכטן פון די ליכט. לכבוד דעם חתן האָט מלכהלע אַרויסגענומען דאָס זילבערנע גאָפּל־מעסער, וואָס ווערט נאָר באַנוצט צו דער פורים־סעודה, אויפגעשטעלט די זיל־בערנע בעכער. אויבן־אָן זיינען געווען געגרייט די חלות פאַר ר׳ יחזקאלען, באַדעקט מיט אַ חלה־טישטעכל; רעכטס איז געווען געגרייט פאַרן חתן. די חלות פאַר אים זיינען געווען באַדעקט מיט אַ טישטעכל, געהאָפטן אויף זילבער, וואָס לאָהלע האָט פאַר איר חתן אויסגעהאָפטן. מלכהלע, אָנגעטאָן אין איר ווייסן זיידענעם קלייד מיט אַ גאָלדענעם באַשלאַג פון אונטן, וואָס איז געווען געמאַכט לויט דער דעמאָלדיקער מאָדע מיט ברייטע פאַלדן, וואָס איינע האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין דער צווייטער, מיט דעם זיידענעם שאַלעכל מיט בלויע פרענדזעלעך, וואָס דער מאַן האָט איר מיטגעבראַכט פון לייפּצי־גער מאַרק, אין דער הויכער שבתדיקער קאָרענגאָוועער הויב, — איז געשטאַנען, דאָס פּנים אין אירע בלייכע איידעלע הענט פאַרשטעלט, און האָט ליכט געבענטשט. לאָהלע, אָן אויסגעוואַשענע מיט שוואַרצע זיידענע צעפּ פאַרוואָרפן שבתדיק איבערן סאַמעט־בלויען יאַקעלע, און זעט אויס ווי אַן אָרנטלעך מיידעלע, וואָס האָרכט „וואָס טאַטע־מאַמע הייסן, און וואָס גוטע, פרומע לייט הייסן״ — און אַ ברכה מיט הצלחה רוען אויף איר קאָפּ . . . זי זיצט זיך בײַ דער מאַמען, און לייענט מיט איר אין דער תּחנה:

„רבּונו של עולם, מיין מצוה פון די ליכט־אָנצינדן זאָל אַזוי אָנגענומען זיין, ווי די מצוה פון דעם כּהן־גדול, ווען ער האָט די ליכט אין ליבן בית־המקדש אָנגעצונדן, אַז מיינע קינדערס אויגן זאָלן לייכטן אין דער ליבער, הייליקער תּורה... זייערע מזלות זאָלן לייכטן אין הימל...״

די פענסטער זיינען געווען אָפן אין געסל אַריין; קעגניבער פון גאָרטן האָט זיך געהערט די קוויטשעריי פון די זשאַבעס, און פון גאַנץ ווייט אין „שוואַרצן וואַלד״ האָט זיך אַ ליכטל געלויכטן. איינגעפּאַסט אין דער פינסטערער נאַכט, האָט עס אויס־געזען ווי ערגעץ אַ פאַרגעסן שבת־ליכטל, און די זשאַבעס בענטשן דעריבער...

אַ טונקעלע כמאַרע איז געהאַנגען איבערן וואַסער און אַלץ פאַרדעקט, נאָר פון ווייט, פון יענער זייט, האָט זיך געפינקלט אַ ליכטל, און ס׳האָט געדאַכט, אַז די אַלטע, די ווייכסל, אַ גרויע באָבע, האָט זיך אויך שבת־ליכטלעך אָנגעצונדן לכבוד שבת... און פון אָפענעם פענסטער קומען אַריין צושווימען גאַסט ליבע זומערדיקע ריחות פון טויזנטער בליטן און געוויקסן, און האָבן זיך אויסגעגאָסן אין שטוב, געכאַפּט אַ וואָרט פון תּחנה, אַ שבת׳דיקע ברכה און צוריק אַרויס, און געשוועבט מיט דער ברכה אי־בער פעלדער און וועלדער, איבער הימל און ערד און פאַרשפּרייט שבת־ברכות אי־בער גאָטס וועלט ...

יידן זיינען אַהיים געגאַנגען פון בית־המדרש, פון מנינימלעך, ווער עס האָט געקענט האָט אַן אורח מיטגענומען. די שבת־מלאכים זיינען פאָרויס פאַר די פּרינצן געפלויגן און האָבן זיי שלום־עליכם אָפּגעגעבן, און מנוחה פאַרשפּרייט. און יידן דער־זעענדיק די גוים, וואָס זיינען געזעסן אין זייערע וואָכעדיקע קליידער מיט זייערע ווייבער און קינדער אויף די בענק פון די טירן און האָבן געשפּילט און געזונגען,

האָבן זיי געקרעכצט, רחמנות געהאַט אויף זיי: גוים נעבעך, זיי האָבן נישט קיין שבת...

און דיין פאָלק ישראל האָסטו געטרייסט, טאַטע אין הימל! אַלץ איז עפּעס ווי אויסגעלייזט געוואָרן, באַקליידט מיט דערבאַרעמקייט, ווי די שכינה וואָלט איר פאָלק ישראל אַרומגענומען. די טרערן פון געזיכט אָפּגעווישט, געטרייסט אים, די פאות אים אויף די באַקן געקרייזלט, ווי אַ געטרייע מאַמע געקרייזלט, חנדלעך געמאַכט, און מיט ליבשאַפט צו אים געזאָגט: הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם: צי אַ טייערער זון ביסטו מיר אפרים? אם ילד שעשועים, אָדער אַ שפּיל-קינד, כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ, וואָרום אין מיין טאָן ריידן וועגן אים זכור אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד, טו איך אָן אים אַלץ נאָר געדענקן, עַל כֵּן הָמוּ מֵעַי לוֹ — איבער דעם ברומען מיינע געדערעם נאָך אים. רַחֵם אֲרַחֲמֶנּוּ נאום ד׳.

דערבאַרעמען טו איך מיך איבער אים, טוט זאָגן גאָט.

און גאָטס דערבאַרעמקייט איז איבער וועלט און נאַכט געווען אויסגעגאָסן.

ר׳ יחזקאל איז אַהיים געקומען נאָכן דאַוונען, און אַ רעשט ביסל אורחים האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט.

— גוט שבת!

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת, מַלְאֲכֵי עֶלְיוֹן...

און געזעגן האָט מען, ווי די מלאכים מיט זייערע צוויי ווייסע פליגל פאַרשפּרייטן מנוחה אַרום אין דער שטוב. מלכהלע מיט דער כלה זיינען געזעסן ביים טיש, וואַרטנדיק אויף קדוש, און האָבן אויסגעהאָרכט פון מאַן און חתן, די חניפהדיקע ריידעלעך, וואָס די מאַנספּערשוינען האָבן די ווייבער פאָרגעזאָגט:

„אֵשֶׁת חַיִל מִי יִמְצָא"...

מע זיצט ביים טיש. ר׳ יחזקאל זיצט אויבן-אָן מיטן חתן קעגנאיבער דעם ווייב לאָהעלען. עס איז שטיל אַרום, נאָר דאָס ווינטל, וואָס בלאָזט דורך דעם אָפענעם פענסטער, האַלט אין איין דערציילן... לאָהעלע הייבט אַלע ווײַלע פאַמעלעך אויף די אויגן און וואַרפט אַריבער אַ בליק. ער, אין דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און מיט דעם שוואַרצלעכן פּנים, איז אַזוי חנעוודיק, אָט זעט זי אויף אים דעם גאָלדענעם זייגער אין דער זיידענער וועסט, דעם זייגער, וואָס ער האָט פון איר געקראָגן. ער איז איר חתן... מיט אים וועט זי וווינען אין איין שטוב... קיינער נישט, נאָר זיי ביידע... און דאָס יונגע האַרץ באַוועגט זיך אַזוי לייכט, אַזוי שטיל... דאָס ווינטל הערט דעם סוד און פליט מיט אים דורך דאָס אָפענע פענסטער אַרויס אין דעם גראָפּס שוואַרצן וואַלד אַריין, דאָרט פאַרן שבת-ליכטל דעם סוד צו פאַרטרויען.

ער זיצט שטיל, די אויגן אַראָפּגעלאָזט. וואָס קלערט ער איצט? וועגן איר, וועגן זיין לאָהעלען! (רויט ווערט זי). דאָס איז איר חתן, אַ חתן פאַר איר האָט דער טאַטע מיטגעבראַכט... אַך, ווען עס וואָלט קיינער נישט זיין, טאַטע-מאַמע וואָלטן שלאָפן געגאַנגען, וואָלט זי צו אים צוגעגאַנגען, שטילערהייט, עס איז דאָך איר חתן. צו אַ חתן מעג מען... וואָס — ניין?...

שאַ, דער טאַטע מיטן חתן זינגען, זיין קול, ווי עס קלינגט, ווי עס הילכט, עס לויפט אַרויס דורך דאָס פענסטער:

„מנוחה ושמחה אור ליהודים!..."

זי, די כלה, דערלאַנגט צום טיש, שטעלט אַנידער אַ טעלער פאַרן טאַטעשי, פאַר די מאַמעשי און פאַר אים...

„זאָל ער מיר עסן געזונטערהייט"... און דאָס האַרץ קלאַפּט איבער זיין אַקסל. עפּעס האָט איצט געמוזט פאַר זיין געזיכט דורכלויפן.

אין מיטן עסן זיינען געקומען דער מחותן ר׳ חיים מיט דער מחותנתטע. עס איז געקומען עזרל, לייבל, מאַטעלע און הינדעלע מיט די קינדערלעך, און גלאַט קרובים און באַקאַנטע. מע האָט אָפּגעגעבן דעם חתן שלום עליכם, געפרעגט אים, ווי דער חזן געפעלט. דערנאָך איז געוואָרן אַ שמועס וועגן חזנים. איינער האָט געזאָגט אַ שטיקל שיר המעלות, האָט דער חתן אים אָפּגעענטפערט מיט אַ זמרל. דאָס גאַנצע געסל איז צוזאַמענגעלאָפן אונטערן פענסטער. דער חתן האָט פאַרמאַכט די אויגן, די האַנט אונטער דער באַק אונטערגעלייגט און זיין קול האָט זיך געגאָסן, האָט זיך געלאָזט אויף אַ „שטייגערל". אונטערן פענסטער ווערט אַלץ מער מענטשן, מע שטעקט קעפּ אַריין. „גוט שבת!" „לאָהלעס חתן" — האָבן מיידלעך זיך געסודעט און מיטן פינגער געוויזן. די טיר האָט זיך געעפנט און פרעמדע מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינצוגנבֿענען זיך, צוערשט מיט אַ ספקדיק געלעכטערל אויף די ליפּן; באַלד: הייסט עס, גלאַט אַזוי, און דערנאָך האָט מען זיך שוין געדריקט, די שטוב אָנגעשטאָפּט.

און צום טיש האָט מען וויין דערלאַנגט, כּוס אויס כּוס איין...

שלום אש (פון דעם בוך „דאָס שטעטל").

אידיליע.

איך וויל, אַז מיין ליבע זאָל ווערן געשלאָסן
אין ערגעץ אַן ענגן, אַ יידישן געסל,
ווו ס'שטייען די הייזלעך געדריקט ווי אַ סטאַדע
פון שעפסן, ווען ס'שרעקן די וועלפישע ציינער.
אַן עדות זאָל זיין די לבֿנה, און קיינער,
הוץ איר זאָל נישט קענען פאַרנעמען די קושן,
וואָס וועלן זיך טראָגן וואָס העכער און העכער
צום ליכטיקן הימל, צום בלויליכן אָפּגרונט,
וווהין עס וועט קוקן מיט בליקן פאַרבענקטע
די, וועלכע איך וועל שענקען מיין ליבע.

און ווען איך וועל גיין מיט מיין ליבסטע שפּאַצירן
זאָל אונדז נישט באַלייטן דעם נאַכטיגאַלס טרעלן.
נאָר שטיל זאָל זיך טראָגן פון ערגעץ אַ ווייטן
אַ טונקל באַלויכטענעם נידריקן פענסטער
אַ שטילער פאַרטרויערטער יידישער ניגון,
וואָס זאָל אין אַ חלום אַ ווייטן פאַרוויגן,
אַ חלום פון זיסע און צערטלעכע שמאַרצן
און טיפע נאָך נישט קיין באַוווסטע פאַרלאַנגען,
וואָס שוועבן ווי עכאָס פון איינזאַמע קלאַנגען,
פון וועלכע עס וועבט זיך מיין ליבע...

און זיין זאָל מיין ליבסטע אַ בלאַסע, פאַרקלערטע,
מיט אויגן פאַרחלומטע, אָפענע, צאַרטע,
און בלויע, אַזוי ווי אין פרילינג דער הימל,
וואָס קוקט דורך אַ דורכזיכטיק שלייער פון טאָלן;
מיט שוואַרצע צעוואָרפענע זיידענע לאָקן,
וואָס זאָלן באַזוימען איר פנים דעם בלאַסן,
וואָס רעדט נישט פון טויט און פון בלומען, וואָס וועלקן,
נאָר עפעס פון שטילע באַהאַלטענע קרעפטן,
וואָס רייסן באַהאַלטענערהייט זיך צום לעבן,
און פערל פון ריינע קריסטאָלענע טרערן,
וואָס פאַלן און פאַלן פון ליבע.

און זיין, וויל איך, זאָל זי אַ טאָכטער פון יענע
געבויגענע, פינסטערע אָרעמע הייזלעך,
ווו עס לעבט און עס ליידט די זעל פון מיין אומה,
ווו ס'ריידן פון שמערצן, נאָר בליקן נאָר שטומע;
און האָבן זאָל זי אויך אַן אַלטינקע מאַמען
מיט אויגן, וואָס וויינען און קושן צוזאַמען,
מיט בייניקע הענט, וועלכע האַלטן און גלעטן,
מיט טרוקענע ליפן, וואָס שעפטשען נאָר ברכות.
און ליב זאָל זי האָבן איר אָרעמע מאַמען,
די, וועלכע וועט בענטשן מיין ליבע.

און שטיל אין אַ קליינינקן קאַמער, אין ערגעץ
אַ קליינעם, געבויגענעם פינסטערן הייזל
זאָל אונדז דערנאָך בענטשן אַ גרייזגראָער זיידע,
וואָס וועט אונדז דעם חלום פון פאָלק איבערגעבן,
צו טראָגן אים ווייטער מיט גלויבן און לעבן,
און מוטיק געאַרעמט זאָל איך מיט מיין ליבסטער
אַוועקגיין צום ליידנדן פאָלק און אים שענקען
די אייביקע הייליקע ליבע...

דוד איינהאָרן.

אַ בלעטל שיר השירים.

א.

בוזי איז אַ נאָמען, פאַרצויגן פון אסתר ליבע — ליבוזי — בוזי. זי איז עלטער פון מיר מיט אַ יאָר, און אפשר מיט צוויי, אוןביידע אינײנעם זײנען מיר נישט אַלט קיין צוואַנציק יאָר. היינט זעצט זיך אַוועק, זייט מוחל, און רעכנט אויס, וויפיל בין איך אלט און וויפיל זי? נאָר דאָס, מיין איך, איז נישט וויכטיק. איך וועל אייך בעסער דערציילן איר ביאָגראַפיע אין קורצן.

שלום-עליכם.

מיין עלטערער ברודער בעני איז געזעסן אין אַ דאָרף, געהאַלטן אַ מיל, געקענט שיסן פון אַ ביקס, פאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד און שווימען ווי אַ מזיק. איינמאָל זומער האָט ער זיך געבאָדן אין טייך און איז דערטרונקען געוואָרן. אויף אים איז געזאָגט געוואָרן דער פסוק: „אַלע גוטע שווימער ווערן דערטרונקען". נאָך אים איז געבליבן אַ מיל, צוויי פערדלעך, אַ יונגע אלמנה מיט איין קינד. די מיל האָט מען אָפּגעלאָזט, די פערדלעך האָט מען פאַרקויפט, די יונגע אלמנה האָט חתונה געהאַט און איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ ווייט, און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונדז.

דאָס איז געווען בוזי.

ב.

אַז דער טאַטע האָט ליב בוזין ווי אַן אייגן קינד און אַז די מאַמע ציטערט איבער איר, ווי איבער אַ בת יחידה — דאָס איז גרינג צו פאַרשטיין. זיי האָבן געפּוּנען אין איר אַ טרייסט נאָך דעם גרויסן בראָך. אָבער איך? פאַרוואָס, אַז איך קום פון חדר און טרעף נישט בוזין, קריכט מיר נישט דאָס עסן אין האַלדז? און אַז בוזי איז געקומען, ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך? און אַז בוזי רעדט צו מיר, לאָז איך אַראָפּ די אויגן? און אַז בוזי לאַכט פון מיר, וויין איך.

און אַז בוזי...

ג.

איך האָב לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דעם ליבן גוטן יום-טוב פסח, דעמאָלט וועל איך זיין פריי. איך וועל שפּילן מיט בוזין אין ניס, אַרומלויפן אין דרויסן, גיין באַרג-אַראָפּ צום טייך. דאָרט וועל איך איר ווייזן, ווי מע לאָזט קאַטשקעלעך אויפן וואַסער; אַז איך זאָג איר, גלייבט זי מיר נישט, זי לאַכט. בכלל גלייבט מיר בוזי נישט פון דאַנען אַהין. דאָס הייסט, זאָגן זאָגט זי מיר גאָרנישט, נאָר זי לאַכט, און איך האָב פיינט, אַז מע לאַכט פון מיר. בוזי גלייבט נישט, אַז איך קען זיך אַרויפדראַפּען אויפן העכסטן בוים (איך זאָל נאָר וועלן!) בוזי גלייבט נישט, אַז איך קאָן שיסן (איך זאָל נאָר האָבן מיט וואָס!) לאָז נאָר קומען פסח, דער ליבער גוטער פסח. ווען מע קאָן שוין זיין אין דרויסן, אויף דער פרייער לופט. נישט פאַר טאַטע-מאַמען אין די אויגן, — וועל איך איר באַווייזן אַזעלכע קונצן, אַז זי וועט אַרויס פון די כלים

ד.

געקומען דער ליבער גוטער יום־טוב פסח.

מע האָט אונדז ביידן אויסגעקליידט אויף יום־טוב בגדי־מלכות. אַלעס, וואָס אויף אונדז איז געווען, האָט געגלאַנצט, געשיינט און געקנאַקט. איך קוק אויף בוזין און איך דערמאָן מיך אָן „שיר השירים", וואָס איך האָב געלערנט פאַר פסח מיטן רבין אין חדר. אַ פסוק נאָך אַ פסוק: „הנך יפה רעיתי — שיין ביסטו, מיין חברטע, שיין ביסטו ביז גאָר. אייגעלעך ווי טייבעלעך, הערעלעך ווי ציגעלעך, גליטשן זיך אַראָפּ אַ באַרג. ציינדעלעך — ווייסע שעפּעלעך, פון טייך אַרויס, איינס אין איינס, איין מאַמע האָט זיי געהאַט. רויטע שנירעלעך — דיינע ליפּעלעך, אַז דו רעדסט איז צוקער־זיס".

זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס, אַז מע קוקט אויף בוזין, מוז מען זיך דערמאָנען אין דעם „שיר־השירים", פאַרוואָס, אַז מע לערנט „שיר־השירים" קומט אויף די געדאַנקען בוזי?

ה.

אַ זעלטענער ערב־פסח. אַ ליכטיקער טאָג. אַ וואַרעמער אין דרויסן.

— גייען מיר?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי, און איך פיל, אַז איך ברען. די מאַמע האָט אונדז נישט בעזשאַלעוועט קיין ניס, פולע קעשענעס מיט ניס. זי האָט אָבער גענומען ביי אונדז דאָס וואָרט, אַז מיר זאָלן איצט, פאַרן סדר, נישט דערוועגן זיך די ניס צו קנאַקן. שפּילן זיך אין ניס וויפיל דאָס האַרץ גלוסט. מיר לאָזן זיך גיין. די ניס לאָזן זיך הערן. אין דרויסן איז גוט. אין דרויסן איז וואויל. די זון האַלט שוין ווייט אין הימל, קוקט שוין אַראָפּ אויף יענער זייט שטאָט. ס'איז ברייט און גראַם און ווייך און פריי אַרום און אַרום. ערטערווייז שלאָגט זיך דורך פון באַרג, וואָס אויף יענער זייט שול, אַ גרעזעלע, אַ גרינס, אַ פריש, אַ צאַפּלדיקס. מיט אַ קוויטש און מיט אַ צוויץ פליט דורך איבער אונדזערע קעפּ אַ גלייך שנירל פון קליינע שוועלבעלעך, און ווידער דערמאָן איך מיך אין דעם „שיר־השירים" פון חדר: „הנצנים — די שפּראָצונגען האָבן זיך שוין באַוויזן אויף דער ערד, די צייט פון דעם סאָלאָווייטשיק איז געקומען, און אַ קול פונם ערשטן זומער־פייגל האָט זיך געלאָזט הערן אין אונדזער לאַנד". איך פיל מיך מאָדנע גרינג. עס דאַכט זיך מיר, איך האָב פליגלען: אָט הייב איך מיך אויף און פלי.

ו.

פון שטאָט לאָזט זיך הערן אַ מאָדנער הילך. עס רוישט. עס קאָכט. עס זידט. ס'איז ערב פסח! אַ זעלטענער ערב פסח. אַ ליכטיקער טאָג. אַ וואַרעמער אין דרויסן.

אין מיינע אויגן באַקומט אין דער מינוט די גאַנצע וועלט גאָר אַן אַנדער פּנים. אונדזער הויף איז אַ שלאָס. אונדזער שטוב איז אַ פּאַלאַץ. איך בין אַ פּרינץ. בוזי איז אַ פּרינצעסין. די קלעצער, וואָס ליגן אָנגעוואָרפן ביי דער שטוב, זיינען טענענביימער און באַקסנביימער, וואָס ווערן דערמאָנט אין „שיר־השירים". די קאַץ, וואָס ליגט ביי דער טיר און וואַרעמט זיך אויף דער זון, איז פון די פעלד־איינדן, פון די אילות השדה, וואָס ווערן דערמאָנט אין „שיר־השירים", דער באַרג, וואָס אויף יענער זייט שול — דאָס איז דער לבנון, וואָס ווערט דערמאָנט אין „שיר־השירים". די ווייבלעך און מיידלעך, וואָס שטייען אין דרויסן און וואַשן און פּרעסן און כשרן אויף פסח — דאָס זיינען די טעכטער פון ירושלים, וואָס ווערן דערמאָנט אין „שיר־השירים". אַלעס, אַלעס איז פון „שיר־השירים"!

איך גיי, די הענט אין די קעשענעס, טרייסל מיט די ניס, די ניס קלינגען. בוזי גייט מיט מיר טריט ביי טריט. איך קען נישט גיין פּאַוואָליע, עס טראָגט מיך אין דער לופטן, מיר ווילט זיך פליען, שוועבן, טראָגן זיך ווי אַן אָדלער. איך לאָז מיך לויפן, בוזי לויפט מיט מיר. איך שפּרינג אויף די צענויפגעלייגטע קלעצער, פון איין קלאָץ אויפן אַנדערן. בוזי שפּרינגט מיט מיר. איך אַרויף, זי אַרויף, איך אַראָפּ, זי אַראָפּ. ווער וועט זיך פריער איינמידן? איך האָב געטראָפן.

— ביז וואַנענט איז דער שעור?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי. און איך ענטפער איר מ'טן לשון פון „שיר-השירים”:

— עד שיפוח היום — ביז עס וועט אַ בלאָז טאָן דער טאָג ונסו הצללים — און עס וועלן אַנטלויפן די שאָטנס — באַ-באַ-באַ! דו האָסט זיך איינגעמידט, און איך נישט.

ז.

איך פיל מיך גליקלעך, וואָס בוזי קאָן נישט דאָס, וואָס איך, און אין דער-זעלבער צייט האָב איך אויף איר רחמנות. עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ. עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז פאַרזאָרגט. בוזי האָט שוין אַזאַ טבע: פרייליך-פרייליך, פּלוצים זאָל זי זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקעלע און וויינען שטילערהייט. וויפיל די מאַמע זאָל זי דעמאָלט נישט טרייסטן, וויפיל דער טאַטע זאָל זי דעמאָלט נישט קושן — עס העלפט קיין זאַך נישט, בוזי מוז זיך אויסוויינען. נאָך וועמען? נאָכן טאַטן, וואָס איז איר אַזוי פרי געשטאָרבן? צי נאָך דער מאַמען, וואָס האָט חתונה געהאַט, אַוועקגעפאָרן און פאַרגעסן דעם זיי-געזונט? אַך, איר מאַמע, איר מאַמע! אַז מע דערמאָנט איר די מאַמע, ווערט זי אַלערליי קאָלירן. זי האַלט נישט פון איר מאַמען. זי רעדט נישט קיין שלעכט וואָרט אויף דער מאַמען, נאָר זי האַלט נישט פון איר. איך ווייס דאָס פאַר געוויס.

איך קען נישט ליידן, אַז בוזי זיצט פאַרזאָרגט. איך זעץ מיך אַוועק לעבן איר אויף די קלעצער און וויל איר צעשלאָגן די געדאַנקען.

ח.

איך האַלט די הענט אין די קעשענעס, קלינג מיט די ניס און זאָג צו איר:

— טרעף, וואָס איך קען טאָן, אַז איך וויל?

— וואָס קענסטו טאָן?

— אַז איך וויל, גייען איבער אַלע דיינע ניס צו מיר.

— וועסט זיי ביי מיר אָפּגעווינען?

— ניין, מיר וועלן אַפילו נישט אָנהייבן שפּילן.

— וואָס זשע, וועסט זיי ביי מיר אַוועקנעמען מיט געוואַלט?

— ניין, זיי גייען אַליין אַריבער צו מיר.

זי הייבט אויף אירע שיינע אויגן אויף מיר. אירע שיינע בלויע שיר-השירים-אויגן.

איך זאָג צו איר:

— דו מיינסט, אַפּנים, אַז איך טרייב קאַטאָוועס? איך האָב, נאַרעלע, אַזאַ שפּרוך... איך זאָג אַ פּסוק.

זי עפנט אויף די אויגן נאָך שטאַרקער. איך פיל מיך גרויס. איך גיב איר צו פאַרשטיין, ווי אַ גרויסער, ווי אַ העלד:

— מיר, ייִנגלעך, קענען אַלצדינג. ביי אונדז אין חדר איז דאָ אַ חבר, שייקע

דער בלינדער רופט מען אים (ער איז אַ בלינדער אויף אַן אויג), ווייסט ער אַלצדינג. ס׳איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס שייקע זאָל נישט וויסן, אַפילו קבלה. ווייסטו, וואָס הייסט קבלה?

ניין, פון וואַנען זאָל זי וויסן? איך פיל מיך אויפן זיבעטן הימל, וואָס איך קען איר געבן אַ לעקציע וועגן קבלה.

— קבלה, נאַרעלע, איז אַזאַ זאַך, וואָס קומט צוניץ. מיט קבלה קאָן איך מאַכן אַזוי, אַז איך זאָל דיך זען, און דו מיך נישט. מיט קבלה קאָן איך צאַפּן וויין פון אַ שטיין און גאָלד פון דער וואַנט. מיט קבלה קאָן איך מאַכן אַזוי, אַז מיר ביידע אַזוי ווי מיר זיצן, אָטאָ, זאָלן מיר זיך אויפהייבן ביז צו דער כמאַרע, און נאָך העכער פון דער כמאַרע!...

ט.

אויפהויבן זיך אין דער הויך מיט בוזין דורך קבלה ביז דער כמאַרע און אַוועקפליען מיט איר ווייט־ווייט אויף יענער זייט אוקינוס — דאָס איז געווען איינער פון מיינע בעסטע חלומות. דאָרט, אויף יענער זייט אוקינוס, הייבט זיך דאָך אָן דאָס לאַנד פון די קאַרליקעס, וואָס קומען אַרויס פון די גבורים פון דוד המלכס צייטן. די קאַרליקעס זיינען דאָך בטבע זייער גוטע מענטשעלעך. לעבן — לעבן זיי נאָר פון צוקערקעס מיט מאַנדל־מילך, שפּילן גאַנצע טעג אויף קליינע פייפעלעך און טאַנצן אַלע איבײנעם אַ „קאַראַהאָד", האָבן קיין מורא נישט פאַר קיין זאַך און האָבן ליב געסט. פון אונדז, אַז עס קומט עמיצער צו פאָרן, גיבן זיי אים עסן און טרינקען, שענקען אים די טייערסטע קליידער מיט אַן אַ שיר זילבערנע און גאָלדענע כלים, און פאַרן אַוועקפאָרן שטופּן זיי אים אָן פולע קעשענעס מיט דימאַנטן און בריליאַנטן, וואָס וואַלגערן זיך ביי זיי, ווי, למשל, ביי אונדז מיסט אויף דער גאַס?

— ווי מיסט אויף דער גאַס? נו?

אַזוי האָט מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן בוזי, אַז איך האָב איר דערציילט פון די קאַרליקעס.

— דו גלויבסט נישט?

— פאַרוואָס נישט?

— ווו האָסטו דאָס געהערט?

— וואָס הייסט, ווו? אין חדר.

— אַך! אין חדר?...

נידריקער, נידריקער לאָזט זיך אַראָפּ די זון און באַפאַרבט דעם הימל מיט אַ רויטן פאַס פון גינגאָלד. דאָס גאָלד שיינט אָפּ אין בוזיס אויגן. זיי באָדן זיך אין גאָלד!

י.

מיר ווילט זיך זייער, אַז בוזי זאָל נתפעל ווערן פון שייקעס מעטאָדע און פון די קונצן, וואָס איך קען מאַכן מיט קבלה. בוזי אָבער הייבט נישט אָן נתפעל צו ווערן. אַדרבא, עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי לאַכט, וואָס דען באַווייזט זי מיר אַלע אירע פערלדיקע צייגדלעך? עס הייבט מיך אָן פאַרדריסן און איך זאָג צו איר:

— דו גלויבסט מיר אפשר נישט?

בוזי לאַכט.

— דו מיינסט אפשר, אַז איך בּאַרים זיך? אַז אָיך טראַכט אויס פון קאָפּ ליגנס?

בּוזי לאַכט נאָך שטאַרקער. ע! וויבּאַלד אַזוי, דאַרף מען זיך מיט איר אָפּ־רעכענען! איך ווייס שוין מיט וואָס. איך זאָג צו איר:

— דער חסרון איז, וואָס דו ווייסט נישט, וואָס הייסט קבּלה, דו זאָלסט ווייסן, וואָס קבּלה איז, וואָלסטו אַזוי נישט געלאַכט. מיט קבלה אַז איך וויל, קען איך אַראָפּ־בּרענגען אַהער דיין מאַמע. יאָ־יאָ. און אַז דו ווערסט מיך שטאַרק בּעטן, בּרענג איך דיר זי נאָך היינטיקע נאַכט, רייטנדיק אויף אַ שטעקן.

מיטאַמאָל הערט זי אויף צו לאַכן. אַ וואָלקנדל איז איבּערגעלאָפן איבּער איר שיין ליכטיק פּנים, און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז די זון איז פּלוצים פאַרפאַלן געוואָרן. אויס זון, אויס טאָג. איך האָבּ מורא, אַז איך האָבּ אַבּיסל איבּערגעכאַפּט די מאָס, איך האָבּ נישט בּאַדאַרפט אָנרירן איר ווייטאָק — די מאַמע אירע. איך האָבּ חרטה אויף דער מעשה. מע דאַרף עס פאַרגלעטן. מע דאַרף זיך מיט איר איבּערבּעטן. איך רוק מיך צו צו איר, זי קערט זיך אָפּ פון מיר. איך וויל זי נעמען בּיי דער האַנט. איך וויל איר זאָגן מיטן לשון פון „שיר השירים": „שובי, שובי, השולמית — קער זיך אום צו מיר, בּוזי"!... פּלוצים הערט זיך אַ קול פון שטוב אַרויס:

— שימעק! שימעק?

— שימעק — דאָס בּין איך. דאָס רופט מיך מיין מאַמע, איך זאָל גיין מיטן טאַטן אין שול אַריין.

יא.

דאָס גיין מיטן טאַטן אין שול אַריין ערב פּסח דאַוונען — וואָס קאָן שוין זיין אַ גרעסער פאַרגניגן? וואָס איז ווערט דאָס אַליין, וואָס מע איז אָנגעטאָן פון קאָפּ בּיזן פוס שפּאָגל נײַ, און ס׳איז דאָ מיט וואָס צו בּאַווייזן זיך פאַר די חברים? היינט דאָס דאַוונען? דער ערשטער יומטובדיקער מעריב? דער ערשטער יומטובדיקער בּרכו? אַך, וויפיל תענוגים דער גוטער גאָט האָט אָנגעגרייט פון יידישע קינדערס וועגן!

— שימעק! שימעק!

די מאַמע מיינע האָט קיין צייט נישט. „איך וועל גיין, איך וועל בּאַלד גיין, אָטאָ גיי איך, איך וויל נאָר זאָגן בּוזין צוויי ווערטער. מער נישט ווי צוויי ווערטער"...

און איך זאָג איר צוויי ווערטער. איך בּין זיך מודה פאַר איר, אַז דאָס וואָס איך האָבּ איר אָט ערשט געזאָגט, איז נישט אמת. מאַכן מיט קבלה אַזוי, אַז יענער זאָל פליען — דאָס קאָן מען נישט. אַליין — יאָ, איך אַליין זאָל פליען — דאָס קאָן איך. און דאָס וועל איך איר ווייזן. לאָז נאָר איבּערגיין דער יום־טוב, אַזוי מאַך איך די ערשטע פּרווו. איך וועל זיך אויפהייבּן פאַר איר אין די אויגן אָט דאָ אויף דעם אָרט, ווו די קלעצער ליגן, און וועל אין איין מינוט זיין שוין אויף יענער זייט כמאַרע. פון דאָרט וועל איך זיך נעמען רעכטס, אַהינצו אַ — זעסטו? — דאָרט ענדיקט זיך אַלצדינג און עס הייבּט זיך שוין אָן דער ים־הקרח.

יב.

בּוזי הערט זיך צו מיט קאָפּ, די זון שיקט אירע לעצטע שטראַלן, צוקושט זיך מיט דער ערד.

וואָס הייסט דאָס ים=הקרח?—פרעגט מיך בוזי.

— ים=הקרח ווייסטו נישט? ים=הקרח הייסט דער פאַרגליווערטער ים. דאָס וואַסער איז געדיכט אַזוי ווי לעבער און געזאַלצן אַזוי ווי ליאַג. קיין אָקרעגטן גייען נישט אויף אים, און מענטשן, אַז זיי כאַפּן זיך אַהין אַריין, קאָנען זיי שוין צוריק נישט קומען קיינמאָל.

בוזי קוקט אויף מיר מיט גרויסע אויגן.

— למאַי זשע זאָלסטו גיין אַהין?

— איך גיי דען, נאַרעלע? איך פלי דאָך. איך פלי פון אויבער אַזוי ווי אַן אָדלער. אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך דאָך שוין ווידער אויף דער יבשה. דאָרט הייבן זיך אָן די צוועלף הויכע בערג, וואָס שפּריצן מיט פייער און אויפן צוועלפטן באַרג, סאַמע ביים שפּיץ, שטעל איך זיך אָפּ און גיי צופוס זיבן מייל, ביז איך קום צו צו אַ געדיכטן וואַלד. נאָכדעם גיי איך וואַלד איין, וואַלד אויס, ביז איך קום צו צו אַ קליין וואַסערל. דאָס וואַסערל שווים איך אַריבער און צייל אָפּ זיבן מאָל זיבן, וואַקסט אויס פאַר מיר אַן אַלטיטשקער מיט אַ לאַנגן באָרד און פרעגט מיך: „וואָס איז דיין באַגער?" זאָג איך אים: „פיר מיך אָפּ צו דער בת=מלכה".

— וואָסער בת=מלכה?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז דערשראָקן.

— די בת=מלכה—דאָס איז די שיינע פּרינצעסין, וואָס מע האָט זי אויפגעכאַפּט פון אונטער דער חופּה און מע האָט זי פאַרכשופט און אָוועקגעפירט און אַריינגעזעצט אין אַ קריסטאָלענעם פּאַלאַץ שוין זיבן יאָר...

— וואָס זשע געהער זיך אָן מיט דיר?

— וואָס הייסט, וואָס געהער זיך עס אָן מיט מיר? איך דאַרף זי דאָך באַפרייען!

— דו דאַרפסט זי באַפרייען!

ווער דען?

מע דאַרף נישט פליען אַזוי ווייט. פאָלג מיך, מע דאַרף נישט!...

יג.

און בוזי נעמט מיך אָן ביי דער האַנט, און איך פיל, ווי איר קליין ווייס הענטל איז קאַלט. איך קוק איר אין די אויגן אַריין און איך זע, ווי עס שיינט זיך אָפּ אין זיי די גינגאָלדענע זון, וואָס געזעגנט זיך מיטן טאָג, מיטן ערשטן וואָרעמען ליכטיקן ערב=פּסח טאָג. ביסלעכווייז שטאַרבט אָפּ דער דאָזיקער טאָג. ווי אַ ליכט ווערט אויסגעלאָשן די זון. דער הלך, וואָס איז געשטאַנען דעם גאַנצן טאָג, ווערט פאַרשטאָרבן. מע זעט שוין כמעט קיין לעבעדיקן מענטשן אויף דער גאַס. אין די פענסטער פון די הייזלעך באַווייזן זיך פייערלעך פון די יום=טובדיקע בענטשליכט. אַ מאָדנע, אַ הייליקע שטילקייט רינגלט אונדז אַרום, מיך מיט בוזין, און מיר פילן זיך פעסט צונויפגעגאָסן מיט דער דאָזיקער יום=טובדיקער שטילקייט.

— שימעק! שימעק?

יד.

דאָס דריטע מאָל שוין, אַז די מאַמע רופט מיך, איך זאָל גיין מיטן טאַטן אין שול אַריין. ווייס איך דען אַליין נישט, אַז מע דאַרף גיין אין שול אַריין? איך

וועל דאָ זיצן נאָך אַ מינוט, איין מינוט, נישט מער. דערהערט בוזי, אַז מע רופט מיך, רייסט זי אַרויס איר האַנט, כאַפּט זיך אויף און טרייבט מיך:

— שימעק, דיך רופט מען דאָס, דיך. גיי־גיי. שוין צייט. גיי־גיי.

איך קלייב מיך גיין. אויסגעגאַנגען איז דער טאָג. אויסגעלאָשן האָט די זון. פונם גאָלד איז געוואָרן בלוט. אַ ווינטעלע האָט אַ בלאָז געטאָן, אַ גרינס, אַ קילס. בוזי טרייבט מיך, איך זאָל גיין. איך וואַרף אויף איר דעם לעצטן בליק. גאָרנישט די בוזי, וואָס פריער. אַן אַנדער פּנים מיט אַן אַנדער חן באַקומט זי אין מיינע אויגן אינם דאָזיקן פאַרכשופטן אָוונט. „די פאַרכּשופטע פּרינצעסין״— פליט מיר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ. בוזי לאָזט מיך אָבער נישט לאַנג מיט מיינע געדאַנקען. זי טרייבט מיך, זי טרייבט מיך, איך זאָל גיין. איך לאָז מיך גיין און קוק מיך אום צוריק אויף דער פאַרכשופטער פּרינצעסין, וואָס האָט זיך איינגאַנצן צונויפגעגאָסן מיטן דאָזיקן פאַרכשופטן פּסח־אָוונט, און איך בלייב שטיין אַ פאַרכשופטער. ווייזט זי מיר אָבער מיט דער האַנט: איך זאָל גיין! איך זאָל גיין!... און עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך הער איר קול, ווי זי זאָגט צו מיר מיטן לשון פון „שיר־השירים״!

— „ברח דודי—אַנטלויף, מיין געליבטער! ודמה לך לצבי—און זיי געגליכן צו אַ הירש, אָדער צו אַ אינד אויף די בשמים־בערג!״... שלום־עליכם.

שָׁלוֹם-בַּיִת.

חיים איז אַ טרעגער.

אַז ער גייט דורך דער גאַס, איינגעהויקערט אונטערן קאַסטן סחורה, זעט מען אים נישט אַרויס; עס דאַכט זיך, אַז דער קאַסטן גייט אַליין אויף צוויי פיס... דאָס שווערע אָטעמען הערט זיך דאָך פון ווייטנס!

דאָך — אָט לייגט ער אָפּ די לאַסט, באַקומט זיינע עטלעכע גראָשן; ער גלייכט זיך אויס, אָטעמט שטאַרק אָפּ, בינדט אָפּ די פּאַלעס, ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון פּנים, גייט גלייך צום ברונען, טוט אַ פּאָר שלינג וואַסער און לויפט אין הויף אַריין.

ער שטעלט זיך לעבן אַ וואַנט, הייבט אויף דעם ריזן־קאָפּ אַזוי, אַז דער שפּיץ בּאָרד מיט דער נאָז מיטן דאַשעק פונם היטל קומען אויס אויף איין שטח.

ער רופט: — חנה!

פון אונטערן דאַך עפנט זיך אַ קליין פענסטערל און אַ קליין ווייבערש קעפּל אין אַ ווייסן ציפּיק ענטפערט: — חיים?!

דאָס פּאָר פּאָלק קוקט זיך גאַנץ צופרידן אָן, די שכנים זאָגן: „זיי קעטשקען זיך״. חיים וואַרפט אַרויף זיין פאַרדינסט, איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר.

חנה כאַפּט עס אין דער לופט: עס איז איר נישט דאָס ערשטע מאָל.

— אַ בריה נפלאה! — מאַכט חיים, און האָט גאָר קיין חשק נישט אוועקצוגיין.

— גיי, גיי, חיים! — שמייכלט זי, — איך קאָן מיך נישט רירן פון קראַנקן קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויגל צום קוימען... מיט דער האַנט שוים איך און מיטן פוס וויג איך...

— וואָס מאַכט עס נעבעך?

— בעסער!

— געלויבט איז גאָט! און העניע?

— ביי דער נייטאָרין!

— יאָסל?

— אין חדר.

חיים לאָזט צוריק אַראָפּ די באָרד, גייט אַוועק און חנה קוקט אים נאָך, ביז ער ווערט איר פאַרשוווּנדן.

דאָנערשטאָג־פרייטאָג דויערט עס לענגער.

— וויפיל האָסטו דאָ אין פּאַפּירל? — פרעגט חנה.

— צוויי און צוואַנציק גראָשן.

— איך האָב מורא, עס איז ווייניק!

— וואָס דאַרפסטו דען, חנה?

— פאַר אַ זעקסער שמירעכטס פאַרן קינד, פאַר עטלעכע גראָשן ליכט, חלה האָב איך שוין... פליייש אויך, אַנדערהאַלבן פונט... נו — בראַנפן אויף קידוש!... הייַנט דאַרף מען נאָך עטלעכע דרענגלעך!

— דרענגלעך וועל איך דיר שוין שאַפן, עס מוז זיין אויפן מאַרק.

— דאַרף איך נאָך...

און זי רעכנט אויס, וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ אויף שבת. סוף־כּל־סוף בלייבט: אַז מע קאָן קידוש מאַכן איבער חלה, און אַז אָן אַ סך זאַכן איז זיך גאַנץ לייכט צו באַגיין.

דער עיקר איז — בענטש־ליכט, אויך די זאַלב פאַרן קינד!

און פונדעסטוועגן, אַז גאָט העלפט, די קינדער זיינען געזונט, די מעשענע לייכ־טער — נישט פאַרזעצט, בפרט, אויב עס איז דאָ נאָך אַ קוגל, — האָט דאָס פּאָר־פאָלק גאָר אַ פריילעכן שבת!

וואָרום חנה איז אַ בריה נפלאה צום קוגל!

שטענדיק פעלט איר עפּעס: דאָ מעל, דאָ אייער, דאָ פעטס, און צום סוף קומט אַרויס אַ פעטער, אַ זיסער, אַ מחיהדיקער קוגל; ער צעגייט פשוט אין אַלע אבֿרים!

— דאָס קאָכט דער מלאך, — זאָגט חנה און שמייכלט פאַר נחת.

— יאָ, אַ מלאך, אַוודאי אַ מלאך! —לאַכט חיים, דו מיינסט, אַז דו ביסט אַ קליי־נער מלאך, אַז דו האָלטסט אויס פון מיר און פון די קינדער... וויפיל מאָל טוען זיי דיר אָן צרות, איך ווער אַמאָל בייז... נו, איך הער עפּעס אַ קללה פון דיר, ווי ביי אַנדערע ווייבער? און באַשר, דו האָסט אַ סך נחת פון מיר? דו און די קינדער גייען נאַקעט און באָרוועס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבדלה. איך קען אַפילו נישט רעכט קיין זמירות זינגען...

— ביסט פאָרט אַ גוטער טאַטע און אַ גוטער מאַן! — האַלט זיך חנה ביים איריקן, אַזאַ יאָר אויף מיר און אויף כּל ישׂראל... איך זאָל מיך נאָר עלטערן מיט דיר, רבונו של עולם!

און דאָס פּאָר־פאָלק קוקט זיך אין די אויגן אַריין אַזוי גוט, אַזוי וואַרעם און אַזוי מיטן גאַנצן האַרץ, אַז עס דאַכט זיך, זיי זיינען ערשט פון אונטער דער חופּה אַרויס.

עס ווערט נאָך פריילעכער ביים טיש...

נאָר נאָכן שלאָף גייט חיים אין קליינעם שולכל אַריין הערן תּורה.

דאָרט לערנט אַ מלמד מיטן פּראָסטן עולם „אַלשיך". עס איז הייס, די פּנימער זיינען נאָך פאַרשלאָפן; איינער כאַפּט נאָך אַ דרעמל, דער צווייטער לאָזט אַרויס אַ חויכן געגעץ. נאָר ראַפּטאָם, ווען עס קומט צום רעכטן אָרט, מע שמועסט פון יענער וועלט, פון גיהנם, ווו מע שמייסט די רשעים מיט אייזערנע ריטער, פון ליכטיקן גן־עדן, ווו די צדיקים זיצן אין גאָלדענע קרוינען און לערנען תּורה, — דעמאָלט

ווערן אַלע אויפגעלעבט; די מיילער — אָפן, די פּנימער — רויט... מע הערט זיך איין אָן אַן אָטעם, וואָס עס וועט זיין אויף יענער וועלט!

חיים שטייט געוויינלעך ביים אויוון. ער האָט טרערן אין די אויגן, עס ציטערן אים די הענט און פיס; ער איז איינגאַנצן אויף יענער וועלט:

ער ליידט צוזאַמען מיט די רשעים: באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפן כּף הקלע, קלויבט שפּענער אין וויסטע וועלדער... אַלץ לעבט ער דורך, און עס באַדעקט אים דער קאַלטער שווייס... פאַר דאָס האָט ער שפּעטער נחת גלייך מיט צדיקים: דער ליכטיקער גן-עדן, די מלאכים, דער לויתן, דער שור-הבר און אַלע גוטע זאַכן שטעלן זיך אים פאַר אַזוי לעבעדיק און אַזוי בולט, אַז ווען דער מלמד ענדיקט, גיט אַ קוש און פאַרמאַכט דאָס ספר, כאַפּט ער זיך אויף ווי פון אַ חלום טאַקע ווי פון יענער וועלט.

— אַך, — כאַפּט ער שווער דעם אָטעם, וואָס ער האָט איינגעהאַלטן ביי דער גאַנצער צייט, — רבונו של עולם! כאַטש אַ שטיקל, כאַטש אַ פּיצל, כאַטש אַ בראָקעניו עולם הבא... פאַר מיר, פאַר מיין ווייב און פאַר אַלע מיינע קינדערלעך!

און דאַמאָלט ווערט ער טרויעריק; ער פרעגט זיך: „מ'שטיינס געזאָגט, פון וואָס? פאַר וואָס?...”

איינמאָל איז ער נאָכן לערנען צוגעגאַנגען צום מלמד.

— רבי, — זאָגט ער, און זיין קול ציטערט, — גיט מיר אַן עצה, איך זאָל זוכה זיין צו האָבן עולם הבא!

— לערן, מיין קינד, תורה! — הערט ער אַ תשובה.

— איך קאָן נישט!

— לערן משניות... עין יעקב, כאַטש פּרקי...

— איך קאָן נישט!

— זאָג תהילים!

— איך האָב קיין צייט נישט!

— דאַוון ערנסט!

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איך דאַוון!

דער מלמד קוקט אים אָן מיט רחמנות.

— וואָס ביסטו? — פרעגט ער.

— אַ טרעגער.

— נו, זיי משמש תלמידי חכמים.

— וואָס הייסט?

— טראָג, למשל, אַלע פאַרנאַכט אין בית-המדרש אריין אַ פּאָר קאַנען וואַסער, די לומדים זאָלן האָבן צו טרינקען...

חיים ווערט דערפרייט.

— רבי, — האָט ער ווייטער געפרעגט, — און מיין ווייב?

— אַז דער מאַן זיצט אויף אַ שטול אין גן-עדן, איז דאָס ווייב זיין פוס-בענקעלע.

אַז חיים איז אַהיים געקומען הבדלה מאַכן, איז חנה געזעסן און געזאָגט „גאָט פון אברהם”. אַז ער האָט זי דערזען, האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט ביים האַרץ.

— ניין, חנה — פאַלט ער צו איר צו, — איך וויל נישט, דו זאָלסט זיין מיין פוס-בענקעלע... איך וועל מיך אַראָפּבויגן צו דיר, איך וועל דיך אויפהייבן און זעצן דיך לעבן מיר. מיר וועלן צוזאַמען זיצן אויף איין שטול ווי אַ צווגד... עס איז אַזוי גוט צוזאַמען... הערסט, חנה, דו מוזט זיצן מיט מיר אויף איין שטול... דער רבונו של עולם וועט מוזן באַשטיין!

י. ל. פּרץ

נאָוועלן.

צווישן טאַטע־מאַמע.

א.

ה. ד. נאָמבערג.

יצחק, אַ ייִנגל פֿון עלף יאָר, האָט געהאַלטן אין מיטן ,אָגן דעם שיעור. ער האָט זיך אַ סך מאָל פֿאַרהאַקט, און אים איז אַ חידוש געווען, פֿאַרוואָס דער רבי בייזערט זיך נישט און העלפֿט אים אַלץ אונטער. דעם רבינס קול, אַז ער האָט גערעדט צו אים, איז געווען ווייך, גאַרנישט ווי געוויינלעך. נאָך מער פֿאַרוווּנדערט האָט אים, וואָס די בייזע רביצין, גייענדיק אַריין און אַרויס פֿון דער שטוב, האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף אים און גע־וויפּצט:—ער איז שוין מיד, נעבעך,—האָט זי געזאָגט.

דער רבי האָט אויף דעם געענטפֿערט יצחקן:

—זע צו קענען דעם שיעור, דו פֿאָרסט הייַנט קיין וואַרשע, דער טאַטע וועט דיך פֿאַרהערן...

און בײַ דעם וואָרט „טאַטע" גיט דעם קינדס האַרץ אַ פֿעסטן קלאַפּ. ווײַל זינט די מאַמע האָט זיך געגעט מיטן טאַטן, האָט ער דאָס דאָזיקע וואָרט נאָך נישט אַרויסגערעדט. דער־פֿאַר אָבער בײַ די לעצטע ווערטער „פֿאָרן קיין וואַרשע ווערט אים פֿריילעכער אויפֿן האַרצן. ער פֿילט זיך אָנגעטאָן אין שבתדיקן פּאַלטאָנדל, ריין און פֿריש. עס שטעלן זיך אים פֿאָר אַ בעל־עגלה, פֿעלדער און וועלדער, דערנאָך ערשט די באַן, עס פֿײַפֿט און מע פֿאָרט...

ער האָט דערווײַל פֿאַרגעסן ווו ער האַלט. דער רבי ווײַזט אים און טרייסט אים:

— זײַ נישט פֿאַרקנייטשט, יצחק, אין וואַרשע זײַנען דאָ גוטע מלמדים, גוטע... און דער טאַטע וועט אויף דיר אַכטונג געבן, זאָג...

נאָר דעם קינד זאָגט זיך נישט. דאָס האַרץ קלעמט עפּעס, און די שײַן פֿון דער זון, וואָס ליגט אויף אַ האַלבער גמרא, רופֿט אויף דער גאַס אַרויס.

דער זייגער ווײַזט אַ פֿערטל אויף צוויי. צו אָנבייסן גייט מען נאָך צען, און דער ווײַזער שלעפּט זיך גאָר פּאַמעלעך.

—די מאַמע האָט מיר געהייסן פֿרי אַהיים קומען—שטאַמלט דאָס קינד אַרויס אַ ליגן.

די מאַמע האָט אים אייגנטלעך גאַרנישט ניט געזאָגט. אין דער פֿרי, זייגער אַכט, אַז ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און האָט דערזען אין קיך אַן אַלטע יידינע האַקט פֿיש, האָט ער זיך פֿאַרווונדערט און געפֿרעגט וואָס דאָס איז. די יידינע האָט אים אָנגעקוקט עפּעס קרום. דערנאָך גערעדט מיט דער מאַמען עפּעס אויף פּויליש, כּדי ער זאָל נישט פֿאַרשטיין. די מאַמע האָט באַלד געשיקט די דינסט צו מענדל סוחר פֿרעגן, ווען ער פֿאָרט, און אַז די דינסט האָט געבראַכט דעם ענטפֿער, אַז ער פֿאָרט אַרויס צו דער פֿינפֿער באַן, האָט די מאַמע געזאָגט צו יצחקן: „ס׳איז נאָך דאָ צײַט, גיי אין חדר".

ער איז אַוועקגעגאַנגען זייער טרויעריק. ער האָט זיך געשטויסן, אַז די מאַמע האָט חתונה, נאָר געוווּסט אויף זיכער האָט ער נישט. אַ גאַנצע צײַט זיצט ער דעריבער אויפֿגערעגט און אומרויִק, און די שעהן אין חדר שלעפּן זיך גאָר אָן אַ סוף. יצחק האַלט ניט אויס און זאָגט דעם רבין דעם ליגן. דער רבי גלייבט אים און לאָזט אים אַפּ אַהיים.

ב.

אין דער קיך טראָגט זיך אַ ריח פון פאַרשיידענע שבתדיקע מאכלים. אויפן קוי־מען שטייען גרויסע טעפּ, אויף דער פאַן פיש הייבן זיך גרויסע בלאָזן, דאָס פייער קנאַקט.

די מאַמע אָנגעטאָן אין וואָלענעם קלייד, אין שבתדיקן פאַריק און אין אַ נייער ווייסער שירץ, שטייט ביי דער טיר און רעדט מיט דער יידינע וועגן עפּעס. דער־וועענדיק יצחקן פרעגט זי:

— וואָס עפּעס אַזוי פרי?

יצחק דערמאָנט זיך, אַז ער האָט ליגן געזאָגט, און ווייסט נישט, וואָס צו ענטפערן. צוגייען און קושן דער מאַמעס האַנט און זאָגן „גוט־מאָרגן" קאָן ער עפּעס נישט. די יידינע קוקט אויף אים און רעדט צו דער מאַמען עפּעס אויף פויליש. די מאַמע ענטפערט, ביידע קוקן אויף אים, די יידינע פאַרקרימט איר גרעינצלט פּנים, און יצחק ווייסט נישט, צי זי וויל שמייכלען, אָדער עפּעס אַנדערש טאָן. ער שטייט אַלץ נאָך אויף איין אָרט און האָט זיך מורא צוצורירן צו עפּעס.

דאָס אָנבייסן, אַ פראַסט וואָכנדיק אָנבייסן, עסט ער אין דער אַנדערער שטוב און איז זייער אומרויִק. ער לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון דער טיר און האָט מורא, די מאַמע זאָל נישט אַריינקומען אין מיטן עסן: ער וועט פונקט האָבן אַ פול מויל און וועט איר נישט קענען ענטפערן. ער מאַכט דעריבער קליינע ביסן. עפּעס איז דאָס אָנבייסן קיין אָנבייסן נישט, די שטוב קיין שטוב נישט, און די מאַמע קיין מאַמע נישט!

די מאַמע קומט אַריין, און יצחקן ווערט דער אָטעם פאַרהאַלטן. די מאַמע גייט צו, זעצט זיך אַנידער לעבן אים אויף אַ בענקל. יצחק ווערט צעמישט. פאַר די אויגן שווינדלט אים און די זעמל פאַלט אים אַרויס פון דער האַנט. ער וויל זי כאַפּן, נאָר ער גיט זיך עפּעס אַ מאָדנעם ריר און קערט אום דאָס בענקל. ער אַליין פאַלט אויף אַ ביסל אומגערן, אַ ביסל גערנווויליק, ווייל ער פילט, אַז צו בלייבן שטיין אויף איין אָרט טויג עפּעס נישט פאַר אים. די מאַמע שרייט: — דו, ווילדע בריה!... ער ווייסט דען, וואָס מיט אים טוט זיך?

יצחק הייבט אויף דאָס בענקל און טראַכט, אַז די מאַמע איז גערעכט: ער ווייסט טאַקע נישט, וואָס מיט אים טוט זיך, אָבער דאָס איז ער נישט שולדיק, נאָר די מאַ־מע אַליין. צו וואָס האָט זי דען חתונה?

— אין אֶמתן אַריין — טראַכט ער, בלייבנדיק אַליין אין שטוב — צו וואָס טויג דאָס דער מאַמען חתונה צו האָבן און אָנמאַכן אַזאַ פלאָנטער?

ער דערמאָנט זיך, אַז אין דער לעצטער צייט האָט זיך די מאַמע געקלאָגט פאַרן פעטער ירוחם אויף פּרנסה, אַז דאָס גוישע געוועלב האָט צוגענומען דאָס גאַנצע לייזעכץ, און דער פעטער ירוחם האָט זייער שווער אָפּגעזיפצט און געזאָגט: „ס'איז ביטערע צייטן, גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען". און יצחק טראַכט, אַז די מאַמע האָט חתונה, כּדי צו האָבן פּרנסה. אַ חידוש איז אַפילו, ווי אַזוי פון דער חתונה וועט אַרויס־קומען פּרנסה און די צייט וועט שוין נישט זיין ביטער — נאָר ווען נישט אַזוי, וואָלט דאָך די מאַמע נישט חתונה געהאַט, צו וואָס?

די מאַמע קומט ווידער אַריין פון קיך מיט אַ פלאַטע פיש אין ביידע הענט, און יצחק פילט עפּעס אַן אַרט רחמנות אויף דער מוטער, וואָס דאָס גוישע געוועלב

נעמט איר צו דאָס גאַנצע לייזעכץ, וואָס זי האָט אַזעלכע ביטערע צייטן און מוז חתונה האָבן... אין די אויגן שטעלן זיך אים טרערן.

די מאַמע זעצט זיך און רופט אים צו: — יצחק!

דער מאַמעס קול איז פונקט ווי אַלץ אַרום, גאָרנישט ווי אַלע מאָל עס קלינגט אין דעם קינדס אויערן פרעמד, ווי אַ ווידערקול. יצחק מאַכט זיך צום ערשטן מאָל נישט הערנדיק און כאַפּט פליגן אויף דער שויב.

— יצחק!.. די מאַמע רופט אים, און ער שטייט! וואָס איז דאָס? — זאָגט די מאַמע מיט פאָרוואורף.

יצחק גייט צו, שטעלט זיך אַנידער און ווייסט נישט, וואָס צו טאָן מיט די הענט זיינע: ווו זאָל ער זיי האַלטן.

— דו ווייסט, וווהין דו פאָרסט?

יצחק ענטפערט נישט.

— איך פרעג דאָך דיר! פאַרוואָס ענטפערסטו נישט? ווייסט וווהין דו פאָרסט?

יצחק לאָזט טיפער אַראָפּ די אויגן. די מוטער ווערט בייז: — איך פרעג דאָך דיר, שקץ! האָסט געזען? פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?

יצחקס אויגן ווערן ווידער פול מיט טרערן, די מאַמע גייט בייז אַרויס פון שטוב מיט אַ שטילן, צאָרנדיקן „וואַרט״.

יצחק בלייבט אַליין. ער האָט נישט וואָס צו טאָן. פליגן איז ווי אויף צו להכעיס נישטאָ קיין איינע אויף די שויבן. אין קיך האָט ער מורא אַריינצוגיין. די לעצטע שטוב, ווו די בעטן שטייען, איז פאַרמאַכט. די מאַמע האָט נישט געהייסן אַהין אַריינגיין. און ער פילט זיך פאַרשפּאַרט פון אַלע זייטן — ווען וועט שוין מענדל סוחר קומען?

ג.

פון דער קיך דערהערט זיך אַ פּעסטער עפן די טיר, און מענדל סוחרס ברייט קול צעלייגט זיך אין ביידע שטובן: — נו, ווו איז ער? גיכער!

— דאָ כאַפּט זיך יצחק אויף פון אָרט און וויל עפּעס זאָגן, נאָר קיינער הערט אים נישט.

מענדל סוחר איילט זיך זייער. די מאַמע רופט אים אַוועק אָן אַ זייט און רעדט צו אים שטיל. מענדל שאָקלט איילנדיק צו מיטן קאָפּ אויף „יאָ״ און זיין שוואַרצע באָרד קנייטשט זיך אויף זיין ברוסט ביי יעדן שאָקל. „פּונקט אַזוי ווי דער טאַטע״ — טראַכט יצחק, „נאָר אין טאַטנס באָרד איז דאָ אַ סך גרויע האָר״.

די מאַמע דערלאַנגט מענדלען אַ קליין פּעקל וועש, יצחקן לייגט זי אין ביידע קעשענעס אַריין צוויי שטיקלעך לעקעך און זי בייגט זיך איין אים צו קושן... יצחקן גייט דורך דורכן גוף אַ שוידער. ביים האַרץ האָט זיך עפּעס אַ קער געגעבן, ער כאַפּט עפּעס ביידע הענט צוריק צו זיך, ווי צום שיצן זיך פאַר עפּעס. די מאַמע קוקט אויף אים בייז, אַ שלעכטסקייט שפּראַצט פון אירע אויגן...

— נו, פאַר געזונטערהייט...

ביי יצחקן גיט זיך ווידער עפּעס אַ קער ביים האַרץ. ער לויפט צו צו דער מאַמעס האַנט, מאַכט צו די אויגן און קושט לאַנג און מיטן גאַנצן כוח.

— בלייב געזונט, מאַמעשי!

ביי דער טיר וויל ער זיך נאָך אַמאָל אויסדרייען און וואַרפן אַ בליק אויף דער מאַמען, נאָר ער האָט מורא. דערזעענדיק דעם בעל-עגלה אויף דער גאַס, זיפצט ער

אָפּ און עטעמט איין אַ פולע ברוסט.

אין מיטן אויפזוצן זיך האָט שוין דער בעל־עגלה אַ שמיץ געגעבן דאָס פערד און די הייזער פון שטעטל האָבן זיך אָנגעהויבן רוקן אַנטקעגן דער פור. יצחק, וואָס זיצט לעבן מענדל סוחר מיטן פּנים צום פערד, קערט זיך נאָך אַמאָל אום און דערזעט — חיים שמש גייט אַריין אין זייער הויז.

באַלד ענדיקט זיך די גאַס און עס הייבט זיך אָן דער שאָסיי. די פעלדער מיט די קורצע אָפּגעשניטענע שטרויען דרייען זיך און דער בית־עלמין רוקט זיך אַלץ צו נעענטער. יצחקלען לייגט זיך אויפן האַרצן אַ שטילער טרויער און די אויגן פאַלן אים צו.

עפענענדיק אין אַ ווײַלע אַרום די אויגן, זעט ער — דער בית־עלמין ליגט שוין הינטער אים. דער שאָסיי ציט זיך גלייך, באַפלאַנצט פון ביידע זייטן מיט ביימער. איבערן הימל ציען זיך שטיקער וואָלקן, און איבערן שאָסיי לויפט אַלע ווײַלע אַרײַבער אַ שאָטן און ער לויפט אַ סך גיכער ווי דער וואָגן.

*

די באַן גייט אַוועק פון דער סטאַציע פינף אַ זייגער; פאַר יצחקן האָט מענדל סוחר גאָר אַ האַלבן בילעט גענומען, און אָנגעזאָגט אים, אַז ער זאָל זאָגן דעם קאָנדוקטאָר „אָשיעם ליאַט״ און זאָל זיך מאַכן קליין. ער זיצט אין וואַגאָן אין אַ ווינקעלע און שרעקט זיך זייער.

עס הייבט אָן טונקל צו ווערן, זײַנע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן זעען נאָר אַ רויך, וואָס טראָגט זיך פון וואַגאָן אין דער לופט און קערט זיך אין אַלע זייטן פאַרלאָזט און עלנט. פון רויך קוקט נאָר אַרויס אין אַ זייט דאָס פעקל וועש, מענדלס רייזע־קעסטל. דער וואַגאָן קלאַפּט און פון געשפּרעך דערהערט יצחק נאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער. עפּעס אַ ייד פרעגט: „ווער איז דאָס ייִנגל?״ און טייט מיטן פינגער. יצחק האָט מורא צו הערן דעם ענטפער און רוקט זיך פעסטער צו צו דער וואַנט. עס הערט זיך אַ זיפץ. עפּעס אַ קול קרעכצט און זאָגט „ביטערע צייטן״. דער צוג שטעלט זיך. מע גייט אַריין און אַרויס פון וואַגאָן, מע שלעפּט פעקלעך. דער צוג האָט ווײַטער געריירט. יצחק איז צוגעגאַנגען צום פענסטערל און גענומען אַרויסקוקן. עס האָט אָנגעהויבן אַלץ טונקעלער צו ווערן. און אין דער טונקלקייט האָבן זיך ביסלעכווייז פאַרלאָרן די געשטאַלטן פון די ביימער און פון די פעלדער. די טעלעגראַף־דראָטן האָט מען שוין נישט אַרויסגעזען. נאָר די סלופּעס זײַנען אַוועקגעשפּרונגען איינער נאָכן אַנדערן און האָבן זיך באַהאַלטן. איבערן הימל האָבן זיך געשלעפּט נאָך אַ ביסל רויטלעכע וואָלקן. פון דער ווייטן האָט ציטנווייז אַ פינקל געגעבן אַ פייער. עס האָט געציטערט און געשפּרונגען. און וואָס פינסטערער עס איז געוואָרן, אַלץ מער פייערלעך האָבן געציטערט. די סלופּעס האָט מען שוין קוים דערזען, הימל און ערד האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין שוואַרצער מאַסע און דער וואַגאָן איז אַריין צווישן צוויי מויערן ערד. פאַר די אויגן איז געוואָרן שוואַרץ, גאָר שוואַרץ. און אין דער שוואַרצקייט האָט זיך עפּעס גערודערט, געלאָפן, ווער ווייס וווּהין!

יצחק דרייט זיך אויס צו מענדל סוחר און רעדט גאָר שטיל — ר׳ מענדל? נאָר ר׳ מענדל דרעמלט. — ר׳ מענדל? — זאָגט ער נאָך אַמאָל און ציט אים ביים אַרבל.

— וואָס?

— וואָס איז, אַז די „קאָליע״ פאַלט אום?

ר׳ מענדל ענטפערט נישט און לענט זיך צוריק אָן אויף דער באַנק.

— גייט די וועלט אונטער? יאָ? — פרעגט דאָס קינד ווי זיך זעלבסט

ר׳ מענדל שנאָרכט.

ד.

אַרום עלף אַ זייגער איז מען אַרויס פון וואָקזאַל. יצחקס פאַרשלאָפענע אויגן האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט עפענען. די ליכט האָט געבלענדט די אויגן. פון אַלע זייטן זיינען געשטאַנען זייער קליינע הייזער. און דראָזשקעס איז געווען גאָר אַ סך. ערשט זיצנדיק אויף דער דראָזשקע האָט זיך יצחק דערמאָנט, אַז ער פאָרט צום טאַטן, און זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלעמען אַן אומרויִקייט, עפּעס אַ שווערע ערוואַרטונג. מע איז דורכגעפאָרן אַ סך גאַסן און יעדעס מאָל, אַז דער פורמאַן האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַן אַנדער גאַס אַריין, איז יצחק צופרידן געווען, אַז ס׳וועט געדויערן נאָך אַ ביסל לענגער. ער האָט זיך געמאַכט שלאָפן און פאַרמאַכט די אויגן.

ביים טויער ציט מען ביים מעשל, עס קלינגט. דער רעגן קאַפּעט דערווייל אויפן פנים. אַ קאַלטער ווינט בלאָזט אויף דעם נייעם פאַלטאָנדל און דאָס פעקל וועש ווערט פייכט. עס דערהערן זיך פון אינעווייניק טריט און אַ געקלאַנג פון שליסלען. דאָס טויער עפנט זיך און יצחקן פאַרהאַלט זיך דער אָטעם.

אַ גוי מיט אַ מעשענעם דאַשיק פאַרהאַקט דאָס טויער. עס הילכט אַרום און אַרום. זיי גייען אַרויף אויף די טרעפ, יצחק שלעפּט קוים נאָך די פיס און זעט נישט, וואָס ס׳טוט זיך אַרום. ער פילט נאָר מענדלס שווערע גרויסע האַנט אַרום זיינער. ביי דער טיר קלאַפּט מענדל אַ פּאָר מאָל. עס הערן זיך טריט פון באָרוועסע פיס. מע פרעגט: „קטאָ טאַם?". יצחק דערקענט דעם פאָטערס קול און זיפצט אָפּ ווייכער.

נאָר מענדל, דערהערנדיק די טריט, לויפט שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ אויף די שפּיץ פינגער און זאָגט יצחקן: „בלייב דאָ"! יצחק בלייבט שטיין שטיל, האָט מורא צו אָטעמען, אַרום איז פינסטער.

— קטאָ טאַם? — דערהערט זיך נאָך אַמאָל אונטער דער טיר.

אַן אַנדער קול, אַ ווייבערשער, רופט ווייט פון דער טיר.

— עפן, שלימזל, וואָס שטייסטו?

די טיר עפנט זיך. יצחק דערזעט אַ פּאָר ווייסע אונטער־הויזן. דער טאַטע בויגט זיך איין, שטעלט זיך צוריק אויף, און פרעגט מיט אַ דערשראָקענעם קול:

— יצחק, דו?

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר! מאַך צו די טיר, וואָס איז דאָס? — הערט זיך פון דער אַנדער שטוב. יצחק גייט אַריין, די טיר פאַרמאַכט זיך, דער קול פון דער אַנדער שטוב פרעגט נאָך אַמאָל שוין בייז. דער פאָטער ענטפערט נישט, קראַצט זיך איבערן קאָפּל און אָטעמט שווער.

יצחק בלייבט שטיין אין דער ערשטער שטוב, דער פאָטער גייט אַריין אין דער צווייטער, פון וואַנען עס שלאָגט אַ טונקעלע ליכט.

באַלד דערהערן זיך פון דאָרט געשרייען: — „דיינע ממזרים ברויך איך נאָך! זאָל ער גיין ברעכן הענט און פיס... נאָכדעם שיטן זיך ווידער קללות, געשרייען, און אין מיטן שווימט אַרויס דעם טאַטנס קול: „ביילע, ביילע", און דעם טאַטנס קול איז אַזוי ווייך; ער בעט זיך אַזוי, ס׳איז אַ רחמנות.

די געשרייען געדויערן לאַנג, יצחק שטייט ביים קאַסטן און האָט זיך מורא צו רירן פון אָרט. ער קלערט נישט און טראַכט נישט און וויל נישט קלערן און

טראַכטן... און די געשרייען און די קללות פון אַנדערער שטוב שלאָגן אים אין קאָפּ אַריין דורך די אויערן, ווי אַ פאַליע דראָבנע שטיינדלעך, וואָס שיט זיך און שיט זיך און הערט גאָר נישט אויף... ער ווערט מיד, לענט אָן דעם קאָפּ אויפן קאַסטן און פאַרשטאָפּט זיך מיטביידע הענט די אויערן.

די געשרייען ווערן שטילער, ווי דונערן צום סוף רעגן, עס הויבן זיך אָן שטי־לע, אָפּגעהאַקטע קללות, קרעכצן און זיפצן. דער טאַטע קומט אַריין, נעמט יצחקן פאַר דער האַנט און פירט אים אין דער שטוב אַריין.

אַ קאָפּ אין אַ ווייסער הויב דערהויבט זיך פון קישן און פרעגט: — ווו וועסטו אים לייגן, אַז ס׳זאָל דיך...

יצחק וויל וויינען, ער קאָן נישט, דער טאַטע רעדט אַלץ: —ביילע, ביילע, כ׳בעט דיך, ביילע, כ׳וועל אים לייגן צו רבקהן אין בעטל אַריין, ביילע, כ׳בעט דיך...

— לייג דיר אים אויפן קאָפּ... — און דער קאָפּ אין דער הויב דרייט זיך אום צו דער וואַנט.

דער פאָטער טוט יצחקן אויס, לייגט אים אין בעטל אַריין, און גייט אַליין צוריק אין זיין בעט.

אין דער שטוב איז שטיל, טיילמאָל נאָר גיט דער טאַטע אַ קרעכץ. אַ קליין לעמפּל ברענט, און די ווענט און די פּאָדלאָגע זיינען פול מיט מוראדיקע שאָטנס. יצחק ליגט רויִק, רירט זיך נישט אַ לאַנגע ווילע.

ערשט ווען ער איז משער, אַז אַלע שלאָפן שוין, דערלויבט ער זיך אַ ריר צו טאָן מיט דער האַנט און טרעפט אויף זיין פוס, עפּעס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט געפונען אין זיין גוף גאָר אַ נייע זאַך, ער רירט זיך צו מיט דער האַנט צום אַנדערן פוס און ביידע פיס זעען אים איצט אויס גאָר איבעריק. אים דאַכט זיך, אַז ס׳וואָלט געווען גענוג, ער זאָל זיין קליין, גאָר קליין, ווי אַן עפּעלע, וואָס מע קען באַהאַלטן ווו מע וויל. נאָך אין אַ ווילע אַרום דרייט ער אויס זיין קאָפּ און דערזעט אַ פול קישן האָר און אַ קינדערש פּנים מיט רויטע ליפּן. דאָס קינד עטעמט רויִק, פאַמע־לעך. אים ווערט פריילעך און לייכט אויפן האַרצן. ער דערמאָנט זיך זיין ברודערל, וואָס איז געשטאָרבן און ליגט באַגראָבן אין דער ערד. אַז ער איז געשלאָפן מיט זיין ברודערל, האָט זיך אויך די קאָלדרע אַזוי געריירט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ...

ער רוקט זיך צו נענטער, רירט אָן די האָר, רירט זיך צו צום שטערן, ער וויל בעסער אָנקוקן דעם פּנים, קניט אַנידער אין בעט און בויגט זיך צו, און דאָס קליין פּנימל שלאָפט און שלאָפט, עטעמט און עטעמט. ער בויגט צו זיינע ליפּן, קושט דאָס פּנימל וואָס אַמאָל שטאַרקער און חזרט:

— כ׳האָב דיך אַזוי ליב, כ׳האָב דיך אַזוי ליב, אַזוי ליב...

נאָר דאָס מיידל כאַפּט זיך אויף מיט אַ הויך געוויין. אין שטוב ווערט אַ גערו־דער. דער טאַטע פרעגט זיך וואָס דאָס איז? די הויב שרייט און שילט, און דאָס מיידל הייבט נאָך העכער אָן צו וויינען. זי שרייט און ווייזט אָן מיטן פינגער אויף יצחקן: — ער... ער... מאַמעשי...

— וואָס האָט ער דיר געטאָן? - פרעגט דער קאָפּ אין הויב.

— דאָ, דאָ...— ווייזט דאָס מיידל אָן מיט דער האַנט אויף דער באַק.

די מוטער גייט אַראָפּ, נעמט דאָס מיידל צו זיך אין בעט אַריין. אַ פּאָר בייזע אויגן קוקן אָן יצחקן. ער בלייבט אַליין, אים ווערט אַזוי טרויעריק. ער האָט מורא

צו וויינען, אָפּצוזיפצן. ערשט, אַז ער ווערט אַנטשלאָפן, רייסן זיך די זיפצן אַרויס פון דער ברוסט.

ה.

באַלד אינדערפרי האָט אים דער טאַטע אָפּגעפירט צו דער באַן און האָט אים איבערגעגעבן אַ מענטשן, אַז ער זאָל אים אַראָפּלאָזן צו דער סטאַציע. אַ גאַנצן וועג איז ער געשלאָפן און איז געקומען קיין יאַלטאָווו פאַרנאַכט מיט אַ בעל־עגלה. ער איז נישט באַלד אַהיים געגאַנגען און געוואָלט גיין אין חדר אַריין, נאָר אויפן וועג האָט אים באַגעגנט מענדל סוחרס ווייב און האָט אַהיים געשיקט אָנזאָגן דער מאַמען, אַז יצחק איז געקומען. ער האָט געוואַרט ביי מענדלען אין געוועלב. באַלד איז די דינסט געקומען און האָט אים ביי דער האַנט אַהיים געפירט. ביי דער טיר האָט אים באַגעגנט די מאַמע. און אַ ייד אין אַ סאַמעטענעם היטל און אַ שוואַרצער באָרד האָט אַריינגעבויגן דעם קאָפּ פון דער אַנדער שטוב. דערזעענדיק די מאַמען, איז יצחק צוגעפאַלן צו איר, איינגעטוליעט דעם קאָפּ אין איר שויס און אָנגעהויבן צו וויינען. די מאַמע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום ייד און האָט אויך אָנגעהויבן צו וויינען. דער ייד איז אַוועק פון דער טיר און האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן אַרויף און אַראָפּ אין דער אַנדערער שטוב, און יעדער טריט זיינער האָט ווי מיט אַ האַמער אָפּגעשלאָגן אין קינדס האַרצן.

ה. ד. נאָמבערג.

אַ מעשׂה מיט אַ ציג.

— ווייסטו וואָס, גיטלשי, האָט איין שוועסטער צו דער צווייטער געזאָגט, שוין ביידע זקנות׳טעס מיט האָריקע וואָרצלען אויף די גאָמבעס און איינגעפאַלענע מיילער, ווי די קברים, נאָר איינע האָט אַ בעסערן עלטער געהאַט, און די טאַקע האָט דאָס געטענהט, — ווייסטו וואָס: דו זעעסט דאָך, אַז ביי מיר אויפן טיש ליגט נישט מער ווי אַ ווייך שטיקל ברויט, וואָס איך האָב אין וואַסער איינגעווייקט, אַז מיינע ציין זאָלן עס קענען פאַרנעמען, און איך קען דאָך דיר נישט געבן, וואָס דו דאַרפסט, איז מיין עצה זאָלסט גיין איבער דער שטאָט; קיינער וועט דיר נישט אָפּזאָגן...

— ווייסטו וואָס, ביילעשי, — האָט די אַנדערע ווייטער געטענהט — זאָל זיין ווי גאָטס ווילן, בעטלען קען איך נישט גיין, און דעם טאָג וועל איך שוין ווי עס איז דורכקומען — נאָר ביינאַכט, שוועסטערשי, לאָז מיך אַריין צו דיר אין שטוב, גיב מיר אַן אָרט ביי דיר אונטערן אויוון דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, אונטערלייגן וועל איך מיר מיין פּאַטשיילע, אַבי נאָר אונטער אַ דאַך.

— איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט אַן איינגעשפּאַרטע — האָט די רייכערע געזאָגט — נאַ זשע דיר און זע, אַז דאָרט רעגנט אַריין... — האָט זי איר געוויזן ביי זיך אונטערן אויוון, וווּ זי אַליין האָט ערשט ניט לאַנג אומגעקערט די שעפּ וואַסער און די נעץ איז נאָך געלעגן אויף דער ערד.

די אָרעמע האָט אָפּגעזיפצט, אָפּגעזיפצט, און האָט זיך קוים אַרויסגעטאָטשעט פון שטוב אַרויס, אָנהאַלטנדיק זיך אָן דער פּיטרינע מיט ביידע הענט, ווייל זי האָט

שוין פון דריי טעג קיין לעפל וואַרעם וואַסער נישט געהאַט אין מויל. און ווייל זי האָט קיין דירה אויך נישט געהאַט, האָט זי זיך געלייגט אויף דער גאַס און איז געשטאָרבן איר כּשרן ערלעכן טויט.

מילא, אַז אַ מענטש שטאַרבט אויף דער גאַס, האָט עס יידן רחמנים דורכגענומען און מע האָט איר געגעבן אומזיסטיקע תּכריכים און פיר איילן ערד אויף דעם בית עולם אונטער אַ בוים.

נאָכגעגאַנגען נאָך דער מיטה זיינען עטלעכע ווייבער. די שוועסטער איז אויך פיר איילן פון דער שטוב אַוועק. די ווייבער האָבן צו צווייערס אין דער צדקה-פּושקע אַריינגעוואָרפן, וואָס אברהם שמש האָט געקלונגען מיט איר און אויסגערופן, פאַרויסגייענדיק פאַר דער מיטה: „צדקה תּציל ממות“. זיי האָבן נאָכגעזאָגט דער פאַרשטאָרבענער אַ גוטן שבח, אַז זי איז אַוועק פון דער וועלט ווי אַ כּשרע צדיקת, און, אַז זי האָט קיינעם גאָר נישט מחסר געווען ביים לעבן: האָבן איר צוגעווונטשן, אַז גוטע מלאכים זאָלן איר אַנטקעגן קומען, און יעדערע פאַר זיך האָט זיך באַלד צוריק אומגעקערט צו איר שטוב. געהייסן זיך אַרויסדערלאַנגען אַ שעפּ וואַסער פאַר דער טיר — און פּטור, גאַנץ פּראָסט, ווי עס פּירט זיך.

נאָר גאָט זיצט אויבן און קוקט אַראָפּ אונטן. האָט ער אַזאַ מעשה געמאַכט:

אַ פּויער האָט געהאַט אַ פאַרשייטע ציג, וואָס האָט אַ שאָדן געמאַכט אין קאָרן. גייט דער פּויער, מאַכט זיך גאָר נישט וויסן, לייגט די ציג אַרויף אויף אַ פור געבונדענערהייט, און ווען אין שטעטל איז געווען אַ מאַרקטאָג, פּירט ער זי אַוועק צו די קצבים.

אין שטאָט אָבער איז דער פּויער אַריינגעגאַנגען אין שענק אַריין שיכּורן — און די ציג איז געלעגן אויפן וואָגן און געוואַרט אַ שעה, צוויי, און דער פּויער איז אַלץ ניט געקומען. האָט זי זיך מיישב געווען, איבערגעריסן די שטרויענע פּלעכטלעך פון אירע פיס, און אויפשטעלנדיק זיך אויף אירע פיר דינע פיסלעך און אַ שאָקל טוענדיק מיט דער באָרד, האָט זי אַ טאַנץ אַראָפּ געגעבן פון דער פור.

אַראָפּ איז אַראָפּ.

נאָר אין מאַרק זיינען שוין געשטאַנען אָנגעשטעלט אַ סך פורן מיט אַ סך פערד, אויסגעדרייט צווישן די האָלאָבלעס מיט די קעפּ אין די וועגעלעך אַריין און מיט די דועס אַראָפּגעשטעלט ביי דער זייט ראָד — איז די ציג פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צווישן די וועגן.

זי האָט געבלאָנדזשעט און געשפּרונגען איבער די וועגן מיט אַ תּמעוואַטן דערשראָקענעם בליק, מיט אַ האַרצרייסנדיקן „מע — מע“, אַזוי, אַז די פערד פלעגן כראָפּען מיט אויסגעשטעלטע נאָזלעכער און פאַרלייגטע אויערן, קוקנדיק אויף דעם ווייסן ווילדן באַשעפעניש מיט דער באָרד, וואָס טאַנצט אַרום צווישן די וועגן.

פאַרנאַכט, די פורן זיינען זיך צעפאָרן. קופּקעלעך גועל מיסט זיינען איינזאַם געלעגן איבערן אָפּגעליידיקטן מאַרק, די ציג איז געבליבן שטיין: וווּ גייט מען אַצינדער די נאַכט פאַלט צו — און די ציג הייבט אָן אַ פאַרביטערטע צו לויפן אַרום דעם מויער פון די מאַרק-געוועלבן מיט אַן אויסגעשפּרייטן מע-ע — און איר וויינענדיק קול האָט אַזוי רחמנותדיק געבלאָנדזשעט איבערן שטילן לערן מאַרק צווישן טאָג און נאַכט, אַז איין גאָט האָט זיך געמעגט דערבאַרעמען.

דערווייל האָט אָנגעהויבן אַרויסצושיינען אַן אָנגעצונדן פייערל דורך אַ פענסטער. דאָרט האָט געוווינט די רייכע שוועסטער, וואָס איז געזעסן שבעה נאָך דער אָרע-

מער, און ווייל זי איז געווען אַ זקנה און דערצו נאָך אין די שבעה=טעג, האָט זי פריער אָנגעצונדן פייער ווי דער גאַנצער מאַרק.

און ווי די ציג האָט דערזען דאָס בלישצל דורך דער שויב, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איר באַלעבאָס פלעגט טיילמאָל גיין בייגאַכט אין שייער אַריין מיט אַ לאַמטערן פייער, און האָט געמיינט, אַז דאָ איז איר רעכט מקום מנוחה, און זי האָט זיך אַהין גאַלאָזט גיין.

באַלד אָבער האָט זי איינגעזען, אַז זי האָט אַ שטיקעלע טעות געהאַט. זי זעט דאָ אַ גלעזערנע טיר, וואָס אין שייער איז עס נישט געווען. און ווייל זי האָט ווייטער נישט באַגרייפט, וואָס דאָ טוט זיך — און אַן אָרט האָט זי פאָרט געדאַרפט זיך געפינען, איז זי אַריין אונטער דער הויז=טיר.

נאָר אין הויז איז געווען טרעפ אויף אַ בוידעם אַרויף — האָט זי זיך פאַרגאַפעט אינדערהייך אַרויף, און, ביסלעכווייז, אַרויפגעקראָכן...

און דאָ האָט זי אמתדיק געפונען אַ בינטל גראָכיווינעס אין סאַמע ווינקל אונטערן שינדל=דאַך; האָט זי זיך איינגעטוליעט דערינען אָפּרוען אירע פיס פון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן...

דאָס בינטל גראָכיווינעס איז דאָ געלעגן אָנגעגרייט פון דער באַלעבאָסטע, אַז טאָמער וועט זי ווען עס איז דאַרפן, אַזוי אַ שטייגער, ווי עס ליגט ביי איר אין קופּערט אַ קנויט באַוול, כאָטש קיין זאַך האָט זי שוין ניט צעריסן פון צען יאָר צייט, ווייל זי גייט זייער פאַמעלעך מיט פּאָרזיכטיקע טריט, האַלטנדיק די ברילן אויף דער נאָז, פאַרלייגט מיט אַ שטריקל אויף די אויערן.

שפּעט בייגאַכט. די טיר און דער לאָדן זיינען שוין פאַרקייטלט, אין שטוב ברענט אַ קליין גאַגעלע, וואָס צעגיסט אַ רויטלעכע שיין אויף די ווענט, — ליגט שוין די רייכע שוועסטער אונטערן איבערבעט, צוגעבונדן מיט אַ פאַטשיילכעלע דעם קאָפּ.

אינגדעם דערהערט זיך אַ שאָרכן פון בוידעם... און די שוועסטער שטעלט די אויערן אָן... דאָס האָט זיך איר נישט געדאַכט, מע האָט טאַקע אויף אַן אמת געשאָרכט — און דאָס האַרץ איז איר אַנטפאַלן געוואָרן. וואָס קען דאָס זיין? — פרעגט זי זיך אַליין, און ווילט דעם קאָפּ איינטוליען אונטערן איבערבעט אַרונטער... נאָר מער זי וויל דאָס, מער ציט עס זי די אויערן אויפצושטעלן, און מער זי שטעלט די אויערן אויף, מער הערט זי דאָס שאָרכן...

„נישט גוט... — טראַכט זי זיך — צייט די שוועסטער איז געשטאָרבן, גייט אַן אימה אַרום אין איר שטוב“...

און אויפשטייענדיק פון בעט, האָט זי דאָס לעמפּעלע העכער אַרויסגעדרייט, זיך גענומען אַ פּעקל ספרים מיט דעם טלית פון איר מאַן, וועלכער איז שוין טויט געווען פון דרייסיק יאָר אַוודאי — און אַרומלייגנדיק זיך מיט זיי ווי מיט אַ באַריקאַדע האָט זי זיך צוריק געלייגט אין בעט אַריין: זאָל זיין ווי גאָטס ווילן איז!... מילא, פאַרפאַלן, אַז די שוועסטער וויל זיך אָן איר נוקם זיין...

דערווייל איז דער ציג קאַלט געוואָרן צו ליגן אויפן בוידעם, איז זי שטילינקערהייט אַראָפּגעקראָכן פון די שטיגן, אַזוי, אַז די אַלטע האָט מיט פּורכט אויסגעהערט, ווי דאָס אומגליק קריכט...

און עס דערהערט זיך אַ שטויס אין די טירן אַריין, און די אַלטע איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ ציטער אין די אויגן: „שוועסטערשי, וואָס ווילסטו פון מיר האָבן?“...

די ציג איז אויף אַ מינוט שטיל געבליבן, און די אַלטע מיטן לעמפּעלע

אין דער האַנט שטייט אַ דערציטערטע אין מיטן שטוב, און קוקט און קוקט...

און זי דערזעט אַ ווייס גרויס אויג מיט אַן אויפגעריסענער ברעם קוקט צו איר אַריין דורך דעם אויסגעשניטענעם לעכל אין לאָדן — איז זי אַנידערגעפאַלן אין מיטן שטוב מיט דעם לעמפעלע אין דער האַנט און איז אויך געשטאָרבן...

מילא, געשטאָרבן, קלערט מען וועגן באַגראָבן. האָבן שכנים אַרויסגערוקט אַ ציגל פון איר באַק-אייוועלע, געפונען דאָרט אויף תכריכים און פּאָר אַ שטיקל אָרט צו באַצאָלן, און ווייבער זיינען אַ גאַנצן טאָג אונטער אירע פענסטער געשטאַנען און מיט שאָקלענדיקע לעפצן איר נאָכגעזאָגט גוטע שבחים, וואָס פאַר אַ כשר מענטש זי איז געווען, וואָס פאַר אַ גוט האַרץ זי האָט געהאַט, און אַז פאַר גרויס האַרצווייטאָק צו דער געשטאָרבענער שוועסטער איז זי נעבעך געשטאָרבן.

זאָל זיין אַזוי. אַבי מע דאַרף זי באַגראָבן. ביינאַכט האָט מען זי שוין געטראָגן אויף דער מיטה. אַרום — די חברה-לייט, און פאָרויס — אברהם שמש מיט דער פּושקע אין איין האַנט און מיט דער לאַמטערן אין דער אַנדערער האַנט.

נאָר אַזוי ווי די ציג האָט אַלץ נאָך געדענקט, אַז איר באַלעבאָס פלעגט גיין אין שייער אַריין מיט אַן אָנגעצונדענער לאַמטערן — איז זי אַצינד אַקעגן דער מיטה געשפּרונגען, געלאָפן פאָרויס און זיך געגעבן אַלע ווילע אַ שטעל אָפּ מיט אַ ציגענעם אויפגעהויבענעם קוק קעגן דער חברה, — און ווייטער געלאָפן.

אַלע האָבן באַשיינפּערלעך געזען, אַז דאָ איז עפּעס נישט קיין גלאַטיקע זאַך, אַז דאָ האָט זיך עפּעס מדבק געווען, און דער עולם האָט זיך געשטאַרקט ניט צו קוקן אין יענער זייט, ווו די ציג האָט אַקעגן געטאַנצט.

מילא, נישט טרעפן זאָל עס זיך. נישט איינמאָל מאַכט זיך, אַז אַ משחית טאַנצט אַקעגן.

פונדעסטוועגן איז מען אַרויף אויפן בית-עולם, זאָל זיין ווי גאָטס ווילן, און מע האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דער מיטה איבערן אָפענעם קבר. נאָר די ציג האָט שוין געקוקט פון צווישן די ביימער אַרויס, ווי מע לייכט צו מיט דער לאַמטערן איבער אַ בערגל זאַמד. און קוקנדיק אַזוי, האָט זי זיך דערמאָנט, ווי איינמאָל אין האַרבסט-צייט, האָט איר באַלעבאָס פאַרענדיקט ביינאַכט דעם גרוב קאַרטאָפלעס צו פאַרשיטן, און דעמאָלט האָט מען אויך אַזוי צוגעלויכטן איבער דעם בערגל זאַמד. און איר האַרץ, כאָטש אַ ציגנהאַרץ, איז געוואָרן פול מיט דערוואַרטונג, און איר אויג האָט געקוקט דאָפּלט גרויס פון צווישן די ביימער אַרויס, בפרט נאָך, אַז זי האָט שוין ניט געהאַט געגעסן פון דאַרף אָן.

און שפּעטער, ווען דער עולם איז צוריק אַראָפּ פון בית-עולם — איז זי צו צום קבר און צעקאָפּעט עס און צעאַקערט דאָס זאַמד מיט די הערנער. נאָר אַזוי ווי זי האָט פאָרט צו גאָרנישט געקענט צוקומען און איר אַרבעט איז געווען אומזיסט — איז זי פאַר גרויס צרות אַוועקגעגאַנגען אין צדיקס אוהל אַריין, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, און געלייגט זיך אָן אַ וועטשערע.

אינדערפרי, דער קברן גיט אַ קוק איבערן פרישן קבר — אַן אומגליק האָט געטראָפן... און ער איז אַוועק צו דער חברה-קדישה אָנזאָגן, וואָס דאָ האָט געטראָפן.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן. אַלע האָבן געוווּסט, מיט וואָס אַזאַ מעשה שמעקט; אַז ביינאַכט זאָל אַ ציג אַקעגן טאַנצן דער מיטה, און אינדערפרי זאָל מען געפינען דאָס קבר צעוואָרפן.

קינפּעטאָרינס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שרעקן, אין שטעטל איז געוואָרן אַ

שטיל געמורמלט, אַ בסוד=סודותדיק שרעקן, און ס'איז געבליבן, אַז דער רב מיט די חשובים פון שטאָט זאָלן גיין אַרויף אויפן גוטן אָרט אָנזאָגן דער זקנה: ראשית, אַז זי זאָל וויסן זיין, אַז זי איז געשטאָרבן, און זי זאָל איינרוען, און צווייטנס: זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים איבער איר קבר צו באַפרייען איר נשמה פון דעם משחית, וואָס האָט ביינאַכט אַקעגן געטאַנצט קעגן איר מיטה, און זיך אַזוי געפרייט מיט איר...

דער רב האָט אָנגעטאָן די זשופּיצע מיט דעם ספּאָדיק, בעלי=חשובים—די סאַמעטענע היטלעך און מע איז געגאַנגען...

און אַז מע גייט, וואַרפן שוין בעלי=מלאָכות אויך אַוועק יעדער זיין אַרבעט. דער שוסטער זיין העמערל, דער שניידער זיין שער, און מע לויפט, כאַפּנדיק די כאַלאַטלעך אויף זיך.

מע האָט אַלץ געטאָן פאַר איר נשמה וועגן, וואָס מע האָט געקענט, נאָר אין מיטן תהילים זאָגן איז די בלינדע צביהלע, וואָס מאַכט אל מלא רחמימס אויפן בית=עולם, פאַרקראָכן מיט נאָך צוויי ווייבער צום צדיקס אוהל, בעטן פאַר זיי דעם צדיקס זכות צו דערוועקן. און ווי זיי האָבן דערזען די ציג רוען אונטער די שטאַכעטלעך—האָבן זיי זיך אַלע דריי אויפגעכאַפּט מיט אַ געפּילדער און מיט אויסגעשטרעקטע הענט געלאָפן צו דער עדה יידן.

און גאָטס עדה האָט זיך דערשראָקן. ס'איז געוואָרן אַ בהלה—און מע האָט זיך ווייטער מיישב געווען, אַז דער רב מיט דער דעה פון גאַנץ קהל זאָל גיין גוזר זיין אויף דער ציג, אַז זי זאָל אַרויס פון דאָרט, און זי זאָל זיך זוכן אַן אָרט אין דער מדבר, וווּ קיין מענטשן קומען נישט, אָדער אונטער אַ בריק ערגעץ...

האָט דער רב זיך איבערגעזען די ציצית. און ער מיט דער גאַנצער עדה האָבן דאָס אוהל אַרומגערינגלט, ער אין דער טיר:

— גיי אַרויס פון דאַנען—האָט ער צו דער ציג געטענהט, פריער געלאַסן און מיט גוטן—דאָס בין איך אַליין דיר גוזר, אני שמואל הקטן, רב דק"ק... בהסכם כל הקהל... און אַרויסגיין זאָלסטו פון דאַנען נאָר דורך דעם שינדל=לעכל אין שפּיץ דאַך, אַז דו זאָלסט חלילה קיינעם נישט מזיק זיין...

און דער עולם איז געשטאַנען מיט מויל און אויערן אויפגעשטעלט, און געווארט דעם רבס וואָרט זאָל געשען—נאָר די ציג האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט. האָט דער רב געכאַפּט דעם שטעקן זיינעם און געוואָלט זיך מיט איר באַגיין, ווי דער אַלטער קאָצקער זכרונו לברכה פלעגט זיך באַגיין מיט דבוקים.—האָט זיך די ציג דערשראָקן און געגעבן אַ שפּרונג מיט די הערנער דעם רב אין דער באָרד אַריין און איבערגעדרייט אים מיט דער זשופּיצע אַרויף, אַזוי, אַז די גאַנצע עדה, גאָטס חילות, האָבן זיך געגעבן אַ הייב אין דער הייך און אַוועקגעפלויגן אין שטעטל אַריין מיט אַ געפּילדער, ווי אַ סטאַדע גענדז און מע האָט אָנגעהויבן צו פאַרהאַקן טירן און לאָדנס: דער משחית לויפט!... און אַלע איינוווינער האָבן זיך אין די הייזער באַהאַלטן. פון שטעטל איז אַ אוהל געוואָרן. און די ציג האָט אָנגעהויבן איבער די פראַנק=און=פרייע געסלעך אַרומצוגיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

י. מ. ווייסנבערג.

דער קראַנקער פינגער.

בײַ זעליקן, אַ בלאַסן אַכצניעריקן פּועל, וועלכער אַרבעט שוין בײַ לייזער דעם שניידער צוויי יאָר און באַקומט שכירות פופציק רובל אַ יאָר מיט קעסט, האָט „אָנגעריסן" אַ פינגער. און אַקוראַט יענער פינגער, אָן וועלכן די נאָדל קען ניט אויסקומען, מוז אים נייטיק האָבן. ערב ריסן האָט זעליק קיין יום-טוב דערפון ניט געמאַכט. ער האָט אפילו געוווסט, אַז דעם יום-טוב פון פינגער-רייסעניש וועט ער מוזן פייערן, עס העלפט ניט קיין חכמות! ער האָט געמאַכט עטלעכע טעג „נדחה", אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, איבערמאָרגן און ווייטער אויף מאָרגן. דעם לעצטן פרימאָרגן איז ער אָבער אויפגעשטאַנען מיט אַ פינגער, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ גלאָז, און מיט אַ שטעכעניש, וואָס איז אַזש אין די שפּיץ פינגער פון די פיס פאַרגאַנגען. אַז ער האָט געדאַרפט אָנטאָן דאָס רעקל און דער קראַנקער פינגער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין די צעריסענע אונטערשלאַק פון אַרבל, האָט ער זיך שמערצלעך פאַרקרימט און געגעבן אַ קרעכץ ווי אינדערהיים פאַר דער מאַמען: — אַי!

אברהם רייזען.

דאָ אָבער, בײַם שניידער, האָט עס קיינער נישט געהערט און זעליק האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן וואָס צו טאָן, ווי אַזוי מעלדעט מען עס פאַרן באַלעבאָס און פאַר דער באַלעבאָסטע. מע דאַרף האָבן דערצו אַ כּוח פון אַ... ער ווייס אַליין נישט, וואָס פאַר אַ כּ ח — ער ווייסט נאָר, אַז ער וועט עס ניט קענען מעלדן.

און זעליק באַשליסט זיך שווייגן, זיצן אַן אָנגעטאָנענער און שווייגן אין גע-האַקטע ווונדן; זאָל זײַן וואָס עס וועט זײַן; וועט אויסקומען צו דערציילן, וועט ער דערציילן.

די צוויי איבעריקע פּועלים האָבן זיך שוין אָנגעטאָן און האָבן זיך געזעצט צו דער אַרבעט. זעליק האָט אויף זיי געקוקט מיט קנאה. אָט זיינען זיי גליקלעכע מענטשן, זיי האָבן געזונטע מיטלסטע פינגער און וועלן זיך זעצן ביז אָנבייסן און נייען, און נאָכדעם וועלן זיי זיך „אַריינרייבן" די גוטע קאַרטאָפל מיט די אוגערקעס, מיט דעם טייערן מילכיקן קרופּניק פאַרזופּן און זיך ווייטער זעצן נייען, ביז מיטאָג; שיין און פיין. וואָס וועט זײַן מיט אים?...

— ווו איז דאָס זעליק ערגעץ? קײַקלט זיך אַ קול פון לייזערן, וועלכער שטייט בײַם גרויסן טיש און צייכנט אָן אַ סורדוט מיט קרייט, ווו די קנעפּ איינצונייען.

— איך בין דאָ... שטאַמלט זעליק, שטייענדיק אין ווינקל, ווייסט ניט וואָס צו ענדיקן און בלײַבט אַנטשוויגן.

לייזער ווערט נשתומם פון ענטפער, גיט אַ קוק אין זעליקס ווינקל און ווינצלט זיך.

— ביסטו דאָ? יישר כּוחך! ווילסט זיך דורכגיין אפשר אַ ביסל שפּאַצירן? אינדערפרי שאַדט עס נישט. עס וועט זיך עסן געשמאַקער...

— אַ פינגער רייסט... מאַכט זעליק אַ טריט נענטער צום טיש, און שטרעקט

אויס דעם קראַנקן פינגער, מיט אַ מינע פון אַ גנב, ווען ער איז זיך מודה, אַז ער האָט געגנבעט.

— וואָס? דערהערט ניט, אָדער מאַכט זיך לייזער ניט הערנדיק—וואָסער ציג?

— אַ פינגער אָנגעריסן, ווי אַ גלאָז! ווערט שוין זעליק דרייסטער און האָט אַ העזה אונטערצורוקן דעם גלעזערנעם פינגער גלייך דעם באַלעבאָס אין די אויגן אַריין און שמייכלט, ווי גערעדט: „נאַ, האָב פון מיר נחת״!...

— ביסט אַ חכם!— שרייט אויס לייזער קוקנדיק מיט אַ דאָקטאָרישן בליק אויפן פינגער — האָסט געפונען אַ צייט ווען אַ יום־טוב צו מאַכן.

— וואָס קען איך העלפן? פאַרענטפערט זיך זעליק און שמייכלט דאַכט זיך מיט אַ טרער—דאָס איז דאָך ניט מיט אַ כּיון...

— ניט מיט אַ כּיון, יאָ מיט אַ כּיון, חקרנט זיך לייזער בייזלעך—די אַרבל, וואָס דו האָסט צו מאַכן, וועלן אָבער דערפון ניט ווערן פאַרטיק.

„גוט אָפּגעשפּילט״!—„דאַנקען גאָט״!—טראַכט זעליק נאָך דעם באַלעבאָס'ס ווערטער און וואָלט שוין זיין גאָר צופרידן, ווען ער וואָלט געהאַט אַזאַ ווינקל, ווו צו באַהאַלטן זיך, אַז קיינער זאָל אים ניט זען, ער זאָל זיך קענען זיצן שטילערהייט און צוהערן זיך צום ווייטאָק און פּאַמעלעך קרעכצען: אַי—אַי...

אַזאַ אָרט איז אָבער ניטאָ, סיידן אין קיך; אין קיך קאָכט אָבער ציפּע אָנבייסן און זי איז ביים קאָכן זייער בייז און וועט אים געוויס ניט לאָזן זיצן רויק..!

ער שטייט אינמיטן שטוב און ווייסט זיך ניט צו וואָס צו כאַפּן.

— אוי, עס נעמט! עס נעמט!—פּרוווט ער אַרויסרופן ביי לייזערן מיטלייד צו זיך, אויסשטרעקנדיק אינדערהייך דעם פינגער.

די צוויי פּועלים גיבן אויף אים אַ קוק, ווי גערעדט: ברודער, וואָס קענען מיר דיר העלפן?... ווייסט דאָך...

נאָר זעליקן איז זייער בליק ניט וויכטיק; אים איז נייטיק פון דעם באַלעבאָס אַ וואָרט.. לייזער אָבער שווייגט.

— ער מוז זיין אין כּעס! שרעקט זיך זעליק און פּרוווט פאַרגרינגערן לייזערס כּעס מיט אַ קרעכץ. עס טוט טאַקע וויי, עס שניידט ווי מיט אַ מעסער.

— אָ, ווי עס רייסט!

— נו, ברודער! ווענדט זיך לייזער צו אים, קיין קימפּעטאָרין ביסטו דאָך ניט, קיין סכּנות שטעקט ניט, סיידן פּאַר מיין קעשענע, קרעכצען גיי אין בעט...

זייער ניט גוט, דער באַלעבאָס איז טאַקע אין כּעס. קרעכצען דאַרף מען ניט. ווו דען טוט מען זיך אַהין?

זעליקן פּאַלט גאָר איין צו זאָגן דעם באַלעבאָס, אַז מאָרגן וועט דער פינגער זיכער בעסער ווערן.

— מאָרגן וועל איך מסתּמא קענען נייען... שטאַמלט ער אַרויס.

— איך בין גליקלעך! ענטפערט לייזער איראָניש.

— ע, דאָס איז שוין אַן עולה—טראַכט זעליק—איך קוק ניט וואָס דער פינגער שטעכט מיר ווי מיט נאָדלען און וויל זיך סטאַרען מאָרגן נייען און דו—גאָרנישט. ביסט אַ שלעכטער...

און זעליק באַשליסט, אַז ער וועט גאָר נישט באַשטיין אָן אים. וואָס שרעקט ער זיך אַזוי? אַ נייס, אַז עס רייסט אָן ביי אַ שניידער־יונג אַ פינגער, מע נייט אַזוי פיל! אַ קלייניקייט! אַ פינגער איז דאָך ניט פון אייזן, רייסט ער אָן אַמאָל, איז

וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק! עס איז אַ העזה צו זיין אין כעס! זעליק ווערט שטאַרק ברוגז: לא די, וואָס דער באַלעבאָס טרייסט אים ניט, קרימט ער זיך נאָך. וואָס קרימסטו זיך?

און זעליק פּראָטעסטירט שטאַרק אין האַרצן קעגן באַלעבאָס און רוקט זיך אָפּ מיט האַלב זיכערע טריט צום בעט, ווו ער זעצט זיך אַוועק, קוקט אויפן פינגער בלאָזט אויף אים און פאַרגינט זיך אַרויסלאָזן אַ קרעכצעלע און איז זיך גאָר מחיה... מורא האָבן וועל איך, וואָס? טראַכט ער ביי זיך דרייסט און נעמט זיך קרעכצן אָפטער און העכער, און ער פילט, אַז ער איז גאָר נישט אַזאַ ציטעריקער, ווי מע מיינט...

— נישקשה, אַז ער דאַרף און ער וויל, קען ער קרעכצן... ער לאַכט פון אים...

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ציפּע אַריין פון קיך אין שטוב און אַ פאַרשוויצטע מיט אונטערגעשערטע עקן פון טיכל אויף די אויערן, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און מיט אַ שטרענגן פּנים, האָט זי אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט:

דער אָנבייסן איז שוין פאַרטיק! מע דאַרף גרייטן צום טיש.

זעליק, וועלכער פלעגט אַלע טאָג דעם ראַפּאָרט אָפּוואַרטן מיט גרויס אומגעדולד און אויסהערן ניט אָן פרייד, האָט איצט דערפילט אַ שוידער איבער זיין קערפּער, האָט אַראָפּגעלאָזט די בליקן צום פינגער, ווי ער וואָלט אים אַן עצה געפרעגט:

קאָן איך גיין צום טיש עסן? געווייט האָב איך היינט ניט... ווי זאָגסטו — עס פּאַסט?

דער פינגער האָט אָבער נאָך שטרענגער געקוקט, גלייך אַ שטאַרקן שטאָך געטאָן און גאָר נישט געענטפערט.

זעליק האָט געזען, ווי ציפּע שפּרייט אויס איבערן האַלבן טיש אַ טישטוך לייגט אוועק אַ לאַבן ברויט מיט אַ מעסער און זי לאָזט זיך גיין צוריק אין קיך ווידער זעט ער, ווי די צוויי פּועלים איידער זיי גייען זיך וואַשן, ברעכן אָפּ צו ביסן ברויט עד לחשבון און קייען מיט אַפּעטיט. דער פינגער שטעכט אַז וואָס אַ רגע מער, ער איז אַן אמתער חולה. דער קאָפּ אַפילו טוט אים וויי, און דאָך ווי צו להכעיס ווילט זיך אים היינט מער עסן ווי אַלע טאָג. און גאָט ווייסט, צי וועט ער האָבן כּוח איינזיצן אַזוי אויפן בעט און ניט גיין עסן.

צוצוגיין אָבער צום טיש דאַרף מען האָבן אויך כּוח. ווו זשע נעמט מען אים? מה דאָך, אַז ער נייט אויף אינדערפרי אַפּאָר הויזן און פאַרדינט זיכערע 2—3 גילדן, זעצט ער זיך עסן ווי אַן אָרעם בחור און עסט אַלע מאָל ווייניקער וויפיל ער וויל, ווייל אים דאַכט זיך אַלץ, אַז לייזער קוקט אים אין מויל אַריין און רעכנט זיך צו לוינט אים צו האַלטן אַזאַ עסער, אַ פּשיטא שוין היינט, וואָס ער האָט גאָר נישט פאַרדינט...

און די פראַגע „עסן צי ניט" פילט אָן זעליקס מוח און ער פאַרגעסט אויף אַ ווײלע דעם ווייטאָק.

אָט זיצט שוין לייזער ביים טיש, ביי די זייטן — די צוויי פּועלים. ווי קוקן צו דער קיך־טיר, פון וואַנען ציפּע דאַרף עפּעס אַריינטראָגן. עס גערודערט עפּעס צו פיל. לייזער ווערט בייז און גיט אַ ברום.

— וואָס פּאָרקעסטו זיך דאָרטן? דיינע שיינע מאכלים! זעליק דערשרעקט זיך פאַרן באַלעבאָס שלעכטן הומאָר. צוגיין צום טיש איז איצטער אַ סכנה. ער

זעט ווי די פּועלים, וואָס האָבן געזונטע פינגער און האָבן ערלעך דעם גאַנצן פרי־מאָרגן געאַרבעט, ציטערן אויך ווי אַ פיש אין וואַסער, קייען די שטיקלעך ברויט און קענען דוכט זיך ניט אַראָפּשלינגען... און זעליק בעט גאָט, אַז מע זאָל גאָר ביים טיש פאַרגעסן, אַז עס עקסיסטירט דאָ ערגעץ אין שטוב אויפן בעט ערגעץ נאָך אַ פּועל, וואָס מע רופט אים זעליק... זאָל מען אים לאָזן זיצן רויק, זאָל ער ניט דאַרפן באַגעגענען זיך מיט לייזערס בליקן...

נאָר עס געראָט ניט. אַז ציפּע טראָגט אַריין די גרויסע שיסל מיט קאַרטאָפל און די טעלער מיט די זויערע אוגערקעס, ווערט לייזער ווי ווייכער. ער זאָגט מבינות אויף די קאַרטאָפל און עסט מיט גרויס אַפּעטיט. זעליק וואַרט אויף עפּעס און דאָס האַרץ וואַרפט זיך ווי ער וואָלט ערוואַרטן דעם באַשלוס פון זיין לעבן.

— ווו איז דאָס ערגעץ זעליק? פרעגט פּלוצים ציפּע, וועלכע זיצט שוין אויך ביים טיש.

זעליק רעכנט ניט פאַר איבעריק צו געבן אַן ענטפער דורך אַ קרעכץ, און זאָל מען שוין דאַרט ביים טיש דערקלערן וואָס מיט אים איז... ער שטרענגט אָן די אויערן.

— זעליק איז אַ חולה! הערט ער לייזערס איראָנישן טאָן.

— זעליק! רופט ווידער לייזער.

— האַ! רעדט זעליק שוואַך אַרויס, און וואַרט אויף אַן איינלאַדונג צום טיש.

— פונדעסטוועגן גיי עסן—רופט לייזער.

„פונדעסטוועגן״—וואָס עפּעס „פונדעסטוועגן״—קריטיקירט ער אין געדאַנק דעם באַלעבאָס׳ס טאָן, און ער איז זיך נוקם און שווייגט, כאָטש ער ווייסט, אַז די נקמה איז אַ געפערלעכע. יעדער מינוט, יעדער רגע ווערט אין שיסל וויניקער.

— וואָס? אַ פינגער רייסט אים מסתמא? פרעגט ציפּע קאַלט, ווי איר גייט די גאַנצע מעשה ניט אָן.

— וואָס דען? ענטפערט נאָך קעלטער לייזער—ווען זאָל רייסן אַ פינגער, אַז ניט איבו?—זעליק, גיי צום טיש... זעליק גיט אַ קלער אַהין און אַהער, אַהער און אַהין, און ווי ער וואָלט אויף זיך אַליין קיין דעה ניט האָבן, גייט ער צום טיש, זעצט זיך אויף דעם שפּיץ בענקל און ער הייבט ניט אויף די אויגן.

— לייג אים אַריין אין טעלערל עטלעכע קאַרטאָפל, ווענדט זיך לייזער צו ציפּען. ציפּע רוקט אים אונטער אַ טעלערל מיט עטלעכע קאַרטאָפלעס און זעליק מאַכט זיך האַרץ און עסט אויף איינע. ער וויל נעמען אַ שטיקל ברויט, נאָר קיין אָנגעשניטענע אויפן טיש איז ניטאָ. יעדער האַלט לעבן זיך אַ שטיקל, און ער אַליין זאָל נעמען זיך דעם לאַבן און אָפּשניידן האָט ער היינט ניט קיין העזה, און ער עסט אָן ברויט.

— ווייז, ווייז דעם פינגער! רייסט איבער אינמיטן ציפּע. זעליק לאָזט דאָס עסן און כאַפּט זיך מיט אימפּעט ווייזן דעם קראַנקן פינגער, זאָל זי טאַקע זען, זאָל זי ניט מיינען...

— אַ פינגער ווי אַ באַרג!—זאָגט ציפּע און קערט גלייך אָפּ דעם קאָפּ—ער וועט צערייבן אַ וואָך, אויב ניט מער.

לייזער גיט אַ קרומען בליק אין זעליקס ווינקל. זעליק ווערט צעטומלט, און פאַר צעטומלונג נעמט ער נאָך אַ קאַרטאָפל, נאָר אַראָפּשלינגען קען ער בשום אופן ניט, ער ווערגט זיך מיט איר. די אויגן ווערן אָנגעלאָפן מיט בלוט, אין די שלייפן

האַקט און דער פינגער קערט ממש וועלטן. ער שטעכט און רייסט און בריט...

זעליק דערשלינגט ווי עס איז די קאַרטאָפּל און אַ קרעכץ געבנדיק הייבט ער זיך אויף און גייט אַוועק צום בעט און באַשליסט, אַז ביז וואַנען דער פינגער וועט זיך ניט אויסהיילן, וועט ער צום טיש, עסן אַפילו, ניט צוגיין.

צוקומענדיק צום ווינקל בעט, וואַרט ער דאָך, אַז מע וועט אים איינלאַדן צום קרופּניק. און עס קען זיין, אַז ער וואָלט אפשר געבראָכן דאָס וואָרט און געגאַנגען.. ציפּע איז זייער אַ שלעכטע באַלעבאָסטע, קרופּניקעס אָבער, אַ מכה איר, קאָכט זי זייער גוטע.

צום קרופּניק אָבער לאַדעט מען שוין אים ניט, און זעליק האָט חרטה, וואָס מיט די פּאָר קאַרטאָפּל האָט ער זיך נאָר מיאוס געמאַכט, און ער זאָגט זיך אַליין מוסר:

— פרעסער! אַז מע נייט ניט, עסט מען ניט, ליגט מען אין געהאַקטע ווונדן און דער פינגער שווייגט אויך ניט. ער הייבט אָן וואָס אַ מינוט שאַרפער צו שניידן. זעליקן ווערט דאָס האַרץ עפּעס אַזוי שוואַך, אַזוי גרינג, אַז עס דאַכט זיך אים, אָט, אָט שפּרינגט דאָס אַרויס, און ער בלייבט נאָר מיטן קראַנקן פינגער אַליין...

אברהם רייזען.

פאָלקסטימלעכע נעשיכטן.

אויף דער וואך.

„ותשובה ותפילה וצדקה
מעבירין את רוע הגזרה”.

דער גזר-דין.


ש. אנסקי.

אין די הייליקע און פורכטבאַרע עשרת-ימי-תשובה ווערט פאַר גאָט ברוך-הוא געעפנט דאָס גרויסע בוך פון אַלע מַעשים פון דער וועלט, און אין אים ווערט געלייענט וועגן אַלץ, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן דורך מענטשן און דורך פעלקער. אַלץ ווערט געשאַצט און גערעכנט, געוואויגן און געמאָסטן. און הקדוש ברוך-הוא טוט משפּטן די וועלט און אַלע אירע באַשעפענישן. און אין בוך פון לעבן ווערט פאַרצייכנט און פאַרשריבן אַלץ, וואָס מוז פאָרקומען מיט איטלעכן און מיט אַלעמען.

און אין דער שעה פונם פורכטבאַרן משפּט קומט פאָר ביים אונטערטרעפּ פונם כסא-הכבוד אַ שטאַרקע מלחמה צווישן די הייליקע מלאָכים און די כוחות פון דער טומאה פאַר דעם גורל פונם „איינציקן פאָלק”. און ווי איז צום פאָלק ישראל, אויב די פינסטערע כוחות זיינען מנצח! דאַמאָלסט ערוואַרטן אים אַלערליי צרות און רדיפות, בילבולים און הריגות. אָבער דער אַלמעכטיקער מיט זיין גרויסן גנאָד האָט געגעבן דעם זינדיקן מענטשן די מעגלעכקייט אפילו שוין נאָכן משפּט צו לינדערן אָדער אינגאַנצן אומ-בייטן צו גוטן דעם גזר-דין דורך תּפילה, תשובה און צדקה.

נאָר איידער די תּפילה, תשובה און צדקה קומען פאַרן כסא-הכבוד, מוזן זיי דורכגיין דעם פאָדערשטן פּאַלאַץ, וווּ עס ווערט באַשטימט זייער טהרה און קדושה. און אויב אין זיי געפינט זיך חלילה דער קלענסטער פּגם, קומט דער שטן מיט זיין כּחָה, פאַרשליסן די שערי שמים און דערלאָזן זיי נישט צום כסא הכבוד.

העכער פון אַלץ איז תשובה. נאָך איר גייט תּפילה און די לעצטע איז צדקה. אָבער אין פאָדערשטן פּאַלאַץ קומען זיי אַריין אין אַן אַנדער סדר. צום ערשטן קומט אָן צדקה, ווייל איר צייט ענדיקט זיך, ווי נאָר יום-כפור הייבט זיך אָן. נאָך צדקה גייט תשובה און די לעצטע, צו נעילה, קומען אָן די תּפילות.

*

אין יענעם יאָר איז די מלחמה פאַרן גורל פון פאָלק ישראל געווען אַ שטאַר-קע און אַ פאַרביטערטע. געווען איז עס אין די צייטן פון דעם ריז צווישן די ריזן, דעם בעל-שם-הקדוש, וועלכער האָט געהערשט איבער מלאָכים און שרפים און מיט תקיפות אַ דעה געזאָגט אין די עולמות העליונים. און דער שטן מקטרג, ציטערנדיק פאַרן בעל-שמס גבורה, האָט אָנגעגורט די לענדן, אָנגעשטרענגט זיין פינסטערן כוח און, צוטרעפנדיק די רגע פון גאָטס גרימצאָרן, ווען די טויערן פון רחמים זיינען

געשלאָסן, איז ער אַרויסגעטראָטן מיט דער גאַנצער מאַכט פון דער סיטרא אחרא און אַרויסגעשטעלט זיין אומבאַרעמהאַרציקן קטגור אויפן פאָלק ישראל. און ער האָט גובר געווען!... און עס איז באַשטימט געוואָרן אַן אומגעוויינלעך שרעקלעכער גזר-דין. און די הימלשע כחות, פאַרציטערטע פון דעם, וואָס עס איז געשען, האָבן נישט געוואַגט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם גזר. און, פאַר גרויס פחד האָבן זיי פאַרבאָרגן דאָס געשעעניש פון ליכטיקן בליק פון הייליקן בעל-שם-טוב.

אין מעדזשיבוזש האָט מען אויפגענומען יום-כפור פאַר פרי. שוין ערב יום-כפור זיינען די יידן געווען דורכגענומען מיט דער גרויסער און פורכטבאַרער הער-לעכקייט פונם הייליקן טאָג, האָבן אָפּגעשטויסן פון זיך אַלע וועלטלעכע דאגות, אָפּ-געטרייסלט די לעצטע שירים פון וואָכעדיקייט. אום האַלבן טאָג זיינען פון מאַרק פאַרשוואונדן די פויערשע פורן. איילעך זיינען געשלאָסן געוואָרן איינע נאָך די אַנדע-רע די קראָמען. נאָך די קראָמען—די הייזער. און, וואָס מער עס איז פאַרשוואונדן גע-וואָרן די וואָכעדיקע אַלטעגלעכקייט, האָט אַלץ מער אויפגעלעבט די הייליקע שול. ווי צענדליקע שטראָמען האָבן זיך פון אַלע זייטן געצויגן צו דער שול יידן, פרייע פון אַלע וועלטלעכע מחשבות און זאָרגן; אייניקע—שוין אין קיטלען, מיט וועקסענע ליכט אין די הענט. צווישן די אָרטיקע יידן זיינען געווען פיל קרעטשמערס, וועלכע זיינען פון די אַרומיקע דערפער געקומען מיט ווייב און קינדער אין שטאָט אויף ימים נוראים. געזונטע און שטאַרקע, ענלעכע מיטן פנים און די בגדים צו פויערים, זיינען זיי געגאַנגען שטיל און אונטערטעניק.

די שול, געדעקט מיט שטרוי, אַ נידעריקע און אַן אָרעמע, האָט ברייט פונאַנ-דערגעעפנט אירע טירן אַנטקעגן די קינדער, וואָס האָבן זיך צו איר געצויגן. אויפן שול-הויף זיינען געשטאַנען ציילנווייז אָרעמע לייט און קאַליקעס מיט אויסגעשטרעק-טע הענט, עס זיינען געשטאַנען באַלעבאַטים מיט פושקעס און טעלערס, זאַמלענדיק געלט אויף אַלערליי קהלשע הצטרכותן. און די יידן, וואָס זיינען געגאַנגען אין שול, האָבן, יעדערער נאָך זיין יכולת, געטיילט נדבות, געוואָרפן מטבעות אין די פושקעס און טעלערס. מיט אַ ליבלעכן שמייכעלע און פון פולן האַרצן האָט יעדער געגעבן זיין נדבה. עס האָבן זיך געשאָטן אין די הענט פון די אָרעמע לייט, געקלונגען אין די פושקעס און טעלערס יידישע גראָשנדלעך און צווייערלעך.

ביסלעכווייז איז פוסט געוואָרן דער שול-הויף. עס זיינען פאַרשוואונדן די אָרעמע לייט און די צדקה-זאַמלער. און די לעצטע נדבה איז געווען אַ גראָשנדל, וואָס אַ בלינדע בעטלערין האָט אַראָפּגעלאָזט אין אַ צדקה-פושקע.

און דאָס גאַנצע לעבן איז אַריבער אין שול, וועלכע איז פול געוואָרן מיט ליכט און התלהבות. ענג זיינען געשטאַנען הונדערטער הויכע און גלייכע ליכט, וואָס האָבן זיך מיט געלע פלאַטערנדיקע פלעמעלעך געצויגן אין דער הויך. און אַלץ און אַלע זיינען ווי פאַרגליווערט געוואָרן, וואַרטנדיק אויף דער ערשטער בשורה פון דעם הייליקן יום-כפור—אויף „כל-נדרי"...

*

אין פרימאָרגן איז דער הייליקער בעל-שם-טוב נאָך געווען רויִק. מיט אַ פריי-לעכן געמיט און אַ ליכטיקן פנים האָט ער געבענטשט די תלמידים, דעם עולם און די קינדער, וואָס די עלטערן האָבן געבראַכט צו אים. נאָר וואָס מער דער טאָג האָט זיך געצויגן צום אָוונט, איז אַלץ אומרויִקער געוואָרן דאָס געמיט פון בעל-שם

ביים פארפאסטן איז ער געזעסן אין דער סביבה פון זיינע תלמידים אומבאוועגט מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ אין א שווערן שווייגן, און האט כמעט נישט צוגערירט זיך צום עסן. נאר איין מאל האט ער אויפגעהויבן דעם קאפ און דורכגעדרונגען מיטן בליק ר׳ דוד פירקעס, וואס האט געדארפט זאגן פארן עמוד „כל נדרי״. און אונ־טער דעם שארפן בליק פון הייליקן רבין איז ר׳ דוד פירקעס געווארן פארציטערט און האט ווידער און ווידעראמאל פארטיפט זיך אין די באהאלטנסטע חדרים פון הארצן און געזוכט, אויב דארטן איז נישטא קיין פגם. נאר ער האט נישט געפונען.

און ווען דער הייליקער בעל־שם איז ארויס פון שטוב צו גיין אין שול אריין און האט אויפגעהויבן דעם בליק און דערזען, אז דער הימל איז אינגאנצן באדעקט, ווי מיט א שטאלענעם פאנצער, מיט דיקע, פינסטערע וואלקנס, האט אים אנגענומען א גרויסער פחד. און ווען ער איז אריין אין שול און געשטעלט זיך אויף זיין ארט לעבן עמוד, האט זיך זיין פנים באדעקט מיט א וואלקן, וואס איז געווען שווערער און פינסטערער פון די וואלקנס אויפן הימל.

און די תלמידים האבן מיט אימה ופחד נאכגעקוקט יעדער תנועה פונם רבין, און ביי זיי איז אלץ שווערער געווארן דאס געמיט. נאר גלויבנדיק אין דעם גרויסן כוח פונם הייליקן בעל־שם. האבן זיי זיך געשטארקט אין בטחון, האבן געווארט און געהאפט ...

ר׳ דוד פירקעס, אפגעשיידט פון דער וועלט, אויסגעטאן פון גשמיות, מוכן ומזומן זיך מקריב זיין פאר דעם כלל ישראל, איז געשטאנען ביים עמוד און געווארט אויף דעם ווונק פון בעל־שם אנצוהויבן „כל נדרי״.

אבער דער הייליקער בעל־שם איז געשטאנען, ווי פארשטיינערט. זיין פנים, אן א שום תנועה, איז געווען ווייס ווי קאלך, באדעקט מיט קאלטן שווייס. און אי־בער די באקן האבן גערונען צוויי שטראמען טרערן.

און געשוויגן, ווי ער וואלט פארגעסן, ווו ער געפינט זיך און וואס פאר א שעה עס איז. און אלע ארום אים האבן אין שרעק געווארט, איינהאלטנדיק דעם אטעם. און עס זיינען פארבייגעגאנגען מינוטן, וואס האבן אויסגעוויזן, ווי שעהן און עס זיינען דורכגעגאנגען שעהן, וואס האבן אויסגעוויזן, ווי יארן, און דער בעל־שם האט אלץ נישט געגעבן קיין צייכן. און די אומרויקייט איז אריבער אין א שרעק, און די שרעק איז אריבער אין אן אימה. און אין הונדערטער הערצער איז געוואקסן א וויטאק, וועלכער איז געווען גרייט ארויסצורייסן זיך ווי א הילכיקער יאמער.

צדקה.

שניי־ווייסע מלאכימלעך, מילדע און שטילע, זיינען פון אלע זייטן צונויפגע־פלויגן זיך אין פאדער־פאלאץ, געבראכט אהין יידישע נדבות, געטראגן שפייז און בגדים, גראשנדלעך און צווייערלעך. און אלץ, וואס זיי האבן געבראכט, האט גע־שיינט ווי גינגאלד, געלויכטן ווי דימענטן, און מיט פרייד געצויגן זיך צום כסא־הכבוד. און די מלאכימלעך האבן באהוטזאם געזאמלט יעדעס ברעקעלע ברויט, יעדעס פעדעמל פון די צעריסענע בגדים, יעדעס קלענסטע מטבעלע און צוזאמענגעלייגט עס. נאר דאס בערגל איז געווען ארעם און קליין, ווייל ארעם און געפאלן איז גע־ווען דאס פאלק ישראל.

און אז דער לעצטער מלאך האט געבראכט די לעצטע נדבה, דעם גראשנדל

פון דער בלינדער בעטלערין, — האָט זיך אויף דער שוועל פון פּאָדער־פּאַלאַץ באַוויזן דער שטן מקטרג. אַ דרייסטער, אַ נצחונדיקער: ער האָט מיטן שוואַרצן פליגל צעהאַקט דעם פאָרהאַנג, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ בילד, אין וועלכן אין איין הרף־עין האָבן זיך געביטן טעג און וואָכן חדשים און יאָרן.

*

געוועזן אַ קרעטשמער, אַ מטופל מיט אַ גרויסן געזינט. די געשעפטן זיינען בײַ אים געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער און, ווען עס איז געקומען די צייט צאָלן דעם פּריץ ראַטע, האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס. מיט גרויס מי האָט ער אויסגעבעטן ביים פּריץ, ער זאָל אים וואַרטן די ראַטע ביזן קומענדיקן טערמין, צוזאָגנדיק צו באַצאָלן מיטאַמאָל פאַר צוויי יאָר. אָבער, ווען עס איז אָנגעקומען דער נייער טערמין, האָט ער ווידער נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן און דער פּריץ איז בייז געוואָרן און האָט, לויטן דרך פון יענע צייטן, אַרייַנגעזעצט אין גרוב דעם קרעטשמערס גאַנצע געזינט. נאָר אים אַליין האָט ער געלאָזן פריי, כּדי ער זאָל קענען באַקומען געלט אויף אויסלייזן דאָס ווייב און קינדער פון געפענקעניש. און ער האָט אָנגעזאָגט דעם קרעטשמער, אַז ער גיט אים דריי חדשים צייט, און, אויב יענער וועט צום נייעם טערמין נישט ברענגען קיין אויסקויף־געלט, וועט מען אויפהערן אַראָפּלאָזן צו זיין ווייב און קינדער אין גרוב ברויט און וואַסער און זיי וועלן אויסגיין פון הונגער און דורשט. דער קרעטשמער האָט זיך געלאָזן איבער דער וועלט קלייבן נדבות. ער איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, אומעטום דערציילט וועגן דעם אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן. און יידן, רחמנים בני רחמנים, האָבן אים געגעבן נדבות. נאָר זיי האָבן אים נישט געקאָנט העלפן אין דער פולער מאָס, ווייל דער חוב דעם פּריץ איז געווען גרויס און די יידן זיינען געווען אָרעם. דער קרעטשמער איז געגאַנגען איין וואָך און אַ צווייטע, איין חודש און אַ צווייטן. און ער האָט זיך דערווייטערט פון דער היים. און עס איז מיד געוואָרן זיין גוף און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערברעכן ביי אים די פיס. און געזאַמלט האָט ער אינגאַנצן עטלעכע רענדלעך, אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס אים איז געווען נויטיק. און דעם קרעטשמער האָט אָנגענומען אַ גרויסער יאוש.

איינמאָל, ווען ער איז געגאַנגען אין וועג, אַ הונגעריקער און אַ מידער, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ רעש, אַ קנאַקעריי פון בייטשן און אַ טופּעריי פון פערד. ער האָט קיין צייט געהאַט אַרומקוקן זיך, ווי עס זיינען מיט אַ שטורעם אָנגעקומען רייטער־קאָזאַקן, און נאָך זיי האָט זיך געטראָגן אַ קאַרעט, געשפּאַנט מיט אַכט פערד „נאַ־שפּיץ", אייגער פון די קאָזאַקן האָט מיט אַ שמיץ פון דער נאַהייקע אַראָפּגעשלײַדערט דעם קרעטשמער פון וועג אין אַ ראָוו, און די קאָזאַקן זיינען געפלויגן ווייטער. נאָר דער פּריץ, פירשט סאַנגושקאָ, וואָס איז געזעסן אין קאַרעט, האָט געהייסן אָפּשטעלן זיך און באַפוילן אויפהייבן דעם יידן און ברענגען צום קאַרעט.

ווען מע האָט דעם צעבלוטיקטן קרעטשמער צוגעפירט צום קאַרעט, האָט דער פירשט אים געפרעגט, פון וואַנען ער איז און ווו ער גייט? דער קרעטשמער האָט דערציילט וועגן דעם אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן.

דער פירשט האָט אים אויסגעהערט און געפרעגט:

— וויפיל צייט גייסטו איבער דער וועלט קלייבן נדבות?

— צוויי חדשים.

— וויפיל האָסטו געזאַמלט?

— צען רענדלעך.

— און וויפיל דאַרפסטו באַצאָלן דעם פריץ?

— דריי הונדערט...

דער פּירשט האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, האָט געהייסן דעם דינער אָפּציילן אין אַ זעקל דריי הונדערט רענדלעך, האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס זעקל גאָלד דעם קרעטשמער און איז שנעל אַוועקגעפאָרן ווייטער.

*

ווי נאָר דער פירשט סאַנגושקאָ האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס זעקעלע גאָלד, האָט דאָס גאָלד גלייך אונטערגעכאַפּט דער שטן מְקַטְרֵג און אַ שליידער געטאָן עס אויף דעם בערגל פון די יידישע נדבות. און די רענדלעך האָבן מיט אַ גאָלדענעם שיין און אַ גאָלדענעם קלונג צעשאָטן זיך איבערן פּאָדער־פּאַלאַץ, און פון זייער שיין זיינען מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן די יידישע גראָשנדלעך און צווייערלעך, געוואָרן קליין און אָרעם. און דער שטן האָט זיך שוין צוגעגרייט מיט אַ שטויס פון פוס אַרויסצוואַרפן פון פּאָדער־פּאַלאַץ די יידישע נדבות.

*

אין דער זעלבער רגע האָט דער בעל־שם, ווי ערוואַכנדיק, אַ קער געטאָן זיך צו די מענטשן אין קיטלען, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַרגליווערטע פון שרעק, און האָט הויך אַ פרעג געטאָן:

— וווּ איז דער מאַלאָיאַראָווער קרעטשמער? זאָל ער צוגיין אַהער!

עס האָט אַ ציטער געטאָן די שול, ערשטערט פון דער אומגעריכטער פראַגע, און יעדערן איז געקומען אין געדאַנק, אַז דער מאַלאָיאַראָווער קרעטשמער איז מסתּמא באַגאַנגען אַ שווערע זינד, איבער וועלכער מע קאָן נישט אָנהייבן „כל נדרי״, און הונדערטער בייזע בליקן האָבן זיך געווענדט צום קרעטשמער.

פון וואַנט האָט זיך אָפּגעטיילט אַ שטאַרקער, געזונטער ייד, מיט אַ פאַרגרעבטן פּנים. ער האָט זיך מיט אַ נאַיווער שרעק אומגעקוקט, געמאַכט עטלעכע טריט און געבליבן אויף זיין אָרט, נשתומם און אָפּהענטיק.

— אַהער קום, האָב קיין מורא נישט! — האָט אים מיט אַ ליבלעכן בליק דער בעל־שם באַפוילן.

טרעטנדיק מיט זיינע גרויסע, פויערשע שטיוול, איז דער קרעטשמער אומזיכער צוגעגאַנגען צום בעל־שם.

— חיים, — האָט זיך דער בעל־שם צו אים געווענדעט, — זאָג מיר, דו האָסט געקענט דעם פירשט סאַנגושקאָס רויטלעכן הונט?

דער קרעטשמער איז מטושטש געוואָרן פון דער אומגעריכטער פראַגע און נישט געקענט ענטפערן, נאָר ווען דער בעל־שם האָט איבערגעחזרט זיין פראַגע, האָט ער געענטפערט:

— דעם פירשטס רויטלעכן הונט? ווער האָט אים נישט געקענט? אַלע האָבן אים געקענט.

— דערצייל אָקאָרשט, וואָס מיט אים האָט פאַסירט.

— געווען איז עס אַן אויסגעצייכנטער הונט, — האָט אָנגעהויבן דער קרעטשמער, — דער פירשט האָט באַצאָלט פאַר אים טויזנט רענדלעך און איז אין ערגעץ אָן אים נישט געפאָרן און נישט געגאַנגען. נאָר איינמאָל, ווען צום פירשט זיינען געקומען זייער חשובע געסט און דער הונט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי בילן,

האָט דער פירשט מיט גרויס כּעס געכאַפּט די ביקס, האָט אויסגעשאָסן און געהרגעט דעם הונט.

— געהרגעט? — האָט זיך פאַרוואונדערט דער בעל־שם — ווי האָט אים נישט פאַרדראָסן אַזאַ טייערער הונט? ער האָט דאָך באַצאָלט פאַר אים טויזנט רענדלעך?

— אַ גרויסן ווערט האָט ביי סאַנגושקאָן טויזנט רענדלעך! פאַר אים האָט עס קיין שום ווערט נישט! — האָט געענטפערט דער קרעטשמער.

דער הייליקער בעל־שם האָט זיך אויסגעגלייכט, געווענדעט זיך צו די אָרום שטייענדיקע און אַרויסגעזאָגט הויך:

— איר הערט, יידן? ביים פירשט סאַנגושקאָ האָבן טויזנט רענדלעך קיין שום ווערט נישט, און בפרט דרייהונדערט רענדלעך, דאָס איז ביי אים כּאַין וּאפס און ביי יידן איז יעדעס גראָשנדל באַגאָסן מיט ביטערן שווייס... ר׳ דוד, זאָג „כּל נדרי״!

*

און ווי נאָר דער הייליקער בעל־שם האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, זיינען די גאָלדענע רענדלעך געוואָרן טונקל און קליין, און די יידישע מטבעלעך האָבן ווידער אָנגעהויבן לייכטן, ווי ליכטיקע שטערנדלעך, און דער גראָשנדל פון דער בלינדער בעטלערין האָט זיך דער ערשטער אַ ציִ געטאָן אין דער הויך, האָט צעהאַקט דעם פאָרהאַנג און אַוועק צום כּסא־הכּבוד. און נאָך אים האָבן זיך אויפגעהויבן אַלע יידישע נדבות.

און אין דעם פוסטן פאָדער־פּאַלאַץ איז דער שטן געבליבן שטיין דערנידערט און פאַרשעמט.

תשובה.

ביי דעם ערשטן אויפגאַנג פון פרימאָרגן, אַז סהייבט זיך אָן וועבן דער פאָדעם פון גאָטס לייטזעליקייט, האָט זיך ר׳ וואָלף קיצעס געשטעלט ביים עמוד צו זאָגן שחרית. נאָר ער האָט נאָך קיין צייט געהאַט אָנצוהויבן, ווי דער הייליקער בעל־שם, אַראָפּוואַרפנדיק דעם טלית פון פּנים, האָט זיך אַ קער געטאָן צום עולם און הויך געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט דאָס אַ ייד געפּאַסט דעם צענטן אָב?

און זעענדיק, אַז קיינער ענטפערט אים נישט, האָט ער איבערגעחזרט:

— איך וויל מ׳זאָל מיר ענטפערן: פאַרוואָס האָט דאָס אַ ייד געפּאַסט דעם צענטן אָב?

נאָר דער עולם האָט געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן און קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

דאַמאָלסט איז דער בעל־שם אַראָפּ פון זיין אָרט און אַוועק צו דער טיר, וווּ עס זיינען געשטאַנען די אָרעמע און עלנטע. און צוגייענדיק צו אַן אַלטן אָרעמאַן, האָט ער אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן פּלייצע און געזאָגט:

— איר האָט געהערט, וואָס איך האָב געפרעגט? דערציילט זשע! פאַרוואָס האָט אַ ייד געפּאַסט דעם צענטן אָב?

דער אַלטער אָרעמאַן האָט אומגעקערט דאָס פּנים פון וואַנט צום בעל־שם, האָט אויף אים פאַרוואונדערט אַ בליק געטאָן און שטרענג געענטפערט:

— איך האָב נישט וואָס צו דערציילן, און נישטאָ צוליב וואָס...

אָבער איך ד א ר ף, איר זאָלט דערציילן! — איז געשטאַנען אויף זיינס דער בעל־שם.

— אויב איר דאַרפט, טאָ דערציילט, איך וויל נישט! — האָט געענטפערט מיט עקשנות דער אָרעמאַן, און אומגעקערט זיך ווידער צו דער וואַנט.

דער בעל-שם האָט אַ שמייכל געטאָן און, ווענדנדיק זיך צום עולם, געזאָגט:

— הערט, יידן, אַ מעשה. אָבער איך וויל, אַז קיינער פון אייך זאָל נישט דורכלאָזן קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס איך וועל דערציילן.

אין שול איז געוואָרן אַ טויטע שטילקייט און אַלע בליקן האָבן זיך געווענדעט צום בעל-שם:

— היינטיקס יאָר, תשעה באָב,— האָט אָנגעהויבן דער בעל-שם — איז אַן אַלטער ייד, אַן אָרעמאַן, אַ מידער פון תענית, פון היץ און פון אַ לאַנגן וועג, פאַרגאַנגען אין אַ דאָרף אָפּרוען זיך אין אַ יידישער קרעטשמע, דער קרעטשמער איז נישט געווען צו הויז און די קרעטשמערין איז געשטאַנען ביים אויוון, אַרויסגענומען געבאַקטע ברייטלעך און געלייגט אויף אַ ברעט אָפּקילן. דערזעענדיק דעם אָרעמאַן, איז זי אַוועק אין צווייטן חדר, האָט געבראַכט פון דאָרט אַ גראָשן און געגעבן אים אַ נדבה. דער אָרעמאַן האָט אָפּגעדאַנקט און, אָפּרוענדיק זיך אַ ביסל, אַוועק ווייטער. אין אַ קליינע צייט אַרום האָט זיך די קרעטשמערין געכאַפּט, אַז איר פעלט אַ ברייטל. זי האָט נישט געוווּסט, אַז זי האָט מיטן קלייד אַראָפּגעוואָרפן פון ברעט דאָס ברייטל און עס האָט זיך אונטערגעקייקלט אונטערן אויוון. און זי האָט חושד געווען דעם אָרעמאַן, אַז ער האָט געגנבעט דאָס ברייטל. ווען דער קרעטשמער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט זי אים דערציילט וועגן דער גנבה. דער קרעטשמער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס און נאָכגעלאָפן דעם אָרעמאַן. אויפן וועג אין צווייטן דאָרף האָט ער אים אָנגעיאָגט, אָנגעהויבן זידלען פאַר דער גנבה און געמאָנט, ער זאָל אומקערן דאָס ברייטל. דער אָרעמאַן האָט זיך געשוווירן, אַז ער האָט דאָס ברייטל נישט געגנבעט. דער קרעטשמער האָט אים אַרומגעזוכט און, נישט געפינענדיק די גנבה, אויסגעשריען מיט אַ ווילדן כעס:

— ווייניק, וואָס דו ביסט אַ גנב, האָסטו נאָך אום תשעה-באָב אויפגעפרעסן דאָס געגנבעטע ברויטל!

און ער האָט שטאַרק געשלאָגן דעם אָרעמאַן.

אַ לאַנגע צייט איז געלעגן דער געשלאָגענער, צעבלוטיקטער ייד אויפן וועג. ווען ער איז געקומען צו זיך, איז שוין געווען פאַרנאַכט. ער האָט אָפּגעדאַוונט מנחה און אַוועקגעשלעפּט זיך אין נאָענטסטן דאָרף און ווידער אַריין אין אַ קרעטשמע. דער קרעטשמער האָט אים פאַרגעלייגט אָפּפאַסטן זיך, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט און אַ הפסקה האָט ער געפאַסט אויך דעם צווייטן טאָג, דעם צענטן אָב...

און דער בעל-שם האָט ווידער באַקוקט דעם עולם און געפרעגט:

— איר האָט גוט געהערט, וואָס איך האָב דערציילט?

דאַמאָלסט האָט דער אַלטער אָרעמאַן אַ קער געטאָן זיך צום בעל-שם און אויסגעשריען מיט רוגזה:

— וואָס ווילט איר פון מיר? ווי האָב איך געקאָנט אַנדערש טאָן? עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַ גרויסער חטא: אַ ייד האָט חושד געווען אַן אומשולדיקן יידן אין גנבה און אויפגעהויבן אויף אים די האַנט. אָבער דער קרעטשמער האָט דאָך ניט געוווּסט פון זיין זינד, ער האָט נאָך גערעכנט, אַז ער טוט אַ מצוה, וואָס ער שטראָפט אַ גנב און אַ זינדיקן. און, נישט וויסנדיק זיין זינד, האָט ער נישט געקאָנט תשובה טאָן. אָבער איך האָב דאָך געוווּסט פון זיין זינד. ווי זשע האָב איך גע-

קאָנט אויף דעם נישט תשובה טאָן? האָב איך געפאַסט דעם צענטן אָב און געבעטן דעם אייבערשטן, ער זאָל מוחל זיין דעם קרעטשמער זיין אומשולדיקע זינד...

— אויב אַזוי, — האָט זיך אָפּגערופן פרייליך דער בעל שם, — טאָ וואָס־זשע שווייגט ר׳ וואָלף קיצעס? דאָך צייט צו זאָגן שחרית!

*

און, ווי נאָר דער אַלטער אָרעמאַן האָט געענדיקט זיינע ווערטער, האָבן די יידישע תשובות אָנגעהויבן לייכטן, ווי פריער, און האָבן זיך, ווי אַ ריח ניחוח, אַ צי געטאָן צום כסא־הכבוד.

און דער שטן, אָנמעכטיק אין זיין ווילדן כעס, איז געבליבן אַליין אין פאַדער־פּאַלאַץ אַן אָפּגעשטויסענער און אַ פאַרשעמטער...

תפילה.

אין אַ וויַיטן ווינקל פון שול איז געזעסן יאַנקל דער קרעטשמער, וואָס האָט זיך אַפילו צווישן די קרעטשמער גערעכנט פאַר אַ גראָבן עם־הארץ. ביי אים איז גע־ווען אַ בן־יחיד, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף, וועלכער איז געווען אַזוי פאַרגרעבט, אַז מע האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט אויסלערנען דעם אלף־בית. יאַנקל האָט מורא געהאַט, ווען ער לאָזט איבער דעם ייִנגל אַליין אין דאָרף, וועט ער עסן אום יום־כפור, האָט ער אים גענומען מיט זיך און געהאַלטן לעבן זיך אין שול. דער ייִנגל האָט די גאַנצע צייט געזען, ווי הונדערטער מענטשן, אויסשפּרייטנדיק די הענט אין דער הויך, קלאָגן און בעטן מיט גרויס האַרציקייט, — און אין זיין שטומער נשמה האָט זיך אויך אויפגעוועקט אַ אומבאַוווּסטזיניקער דורשט צו דערהויבונג און צו תפילה. נאָר, נישט וויסנדיק קיין שום הייליק וואָרט, האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס אויסצודריקן זיין בענקשאַפט און ער האָט געשוויגן און געמאַטערט זיך.

אַראָפּלאָזנדיק די האַנט אין קעשענע, האָט ער דאָרט געפונען אַ ליימענע פייפל, מיט וועלכער ער האָט געפייפט אין פעלד, צונויפרופנדיק די בהמות. און אים האָט זיך פאַרגלוסט אַ פייף צו טאָן. ער האָט געזאָגט צום פאָטער:

— טאַטע! איך האָב מיט זיך אַ פייפל. איך וועל אַ פייף טאָן!

דער פאָטער האָט אויף אים אָנגעשריען און שטרענג פאַרבאָטן צו פייפן. אָבער דער ווילן צו פייפן האָט זיך ביים ייִנגל אַלץ געשטאַרקט, און אין אַ קליינער צייט אַרום האָט ער ווידער געבעטן דעם פאָטער, ער זאָל אים ערלויבן צו פייפן. דער פאָטער האָט נאָך שטרענגער אָנגעשריען אויף אים און געדראָט צו שלאָגן. אָבער ווען מע האָט אָנגעהויבן מוסף און די שול האָט זיך ווידער צעגאָסן אין געבעט, האָט זיך ביים ייִנגל דער דורשט צו פייפן אַזוי פיל פאַרשטאַרקט, אַז ער האָט אויסגע־שריען צום פאָטער.

— טאַטע! איך קאָן זיך נישט איינהאַלטן! איך וועל אַ פייף טאָן!

דאַמאָלסט האָט דער קרעטשמער אָנגעטאַפּט ביים ייִנגל דאָס פייפל אין קע־שענע, האָט זי פון דרויסן פאַרקוועטשט אין האַנט און נישט אָפּגעלאָזט די גאַנצע צייט פון מוסף.

פון דעם ליידנשאַפטלעכן דורשט אויסצוגיסן זיין גייסט אין אַ גרויסן און שטאַרקן קול, האָט דער ייִנגל איינגאַנצן געציטערט, האָט זיך ביטער געמאַטערט און פון די אויגן האָבן זיך ביי אים געגאָסן טרערן.

נעילה האָט געוויינלעך געזאָגט דער בעל־שם אַליין.

ווען ער איז צוגעקומען צום עמוד און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, איז ער פאַרציטערט געוואָרן פון דעם, וואָס ער האָט דערזען. און ער האָט זיך אויפגעהויבן צו די היכלע פאַלאַצן און איז צוגעקומען צום פאָדער־פאַלאַץ און געוואָלט אַהין אַריין. נאָר די טויערן זיינען געווען צוגעמאַכט און אויף זיי איז געהאַנגען אַ שווערער שלאָס, און דער בעל־שם האָט געפּרוווט אים אַראָפּנעמען, נאָר ער האָט נישט געקענט. און ער איז אַוועק אין די אַנדערע פאַלאַצן. נאָר דאָרט האָט געהערשט אַ גרויסע מהומה און קיינער האָט אים נישט געקענט העלפן. און ער האָט באַגעגנט זיין רבין און זיך געווענדעט צו אים מיט אַ געשריי:

— רבי! דאָס יידישע פאָלק שטייט אין אַ גרויסער סכנה! העלפט מיר אַריינדרינגען אין פאָדער־פאַלאַץ!

נאָר דער רבי האָט מיט אַ געוויין געענטפערט, אַז ער קאָן אים נישט העלפן, און דער בעל־שם איז אַוועק צו אליהו הנביא און אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל אים עפענען די טויערן פון פאָדער־פאַלאַץ. און אליהו הנביא האָט אים געענטפערט:

— די טויערן פון דעם פאַלאַץ האָט קיינער קיין רשות נישט צו עפענען, חוץ יעקב אָבינו, גיי צו אים!

און דער הייליקער בעל־שם איז אַוועק צום גן־עדן, נאָר דער מלאך מיט דעם צוויישאַרפיקן חרב־המתהפכת האָט אים פאַרצוימט דעם וועג. און אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג האָט דער בעל־שם אויסגעשריען:

— יעקב! יעקב! ענני, ענטפער מיר!

און עס איז פאַרציטערט געוואָרן די שול פון בעל־שמס געשריי. און עס האָט אַ ציטער געטאָן יאַנקל דער קרעטשמער. מיינענדיק, אַז דער בעל־שם רופט דאָס אים, איז ער אויפגעשפרונגען פון אָרט, און האָט דערביי אָפּגעלאָזן די פייפל, וועלכע ער האָט געהאַלטן פון דרויסן פאַרקוועטשט אין דער האַנט.

און ווי נאָר דער יינגל האָט דערפילט, אַז די קעשענע איז אים פריי, האָט ער אַרויסגעכאַפּט די פייפל, האָט זיך צוגעצויגן צו אים מיט די ליפּן און האָט אַרויסגעגעבן אַ שטאַרקן און אַ לאַנגן פייף, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט די גאַנצע התלהבות און הייליקע אָנשטרענגונג פון זיין שטומער נשמה.

*

און דער פייף פון דעם יינגל האָט דורכגעהאַקט אַלע הימלען, איז אַריין מיט שטורעם אין פאָדער־פאַלאַץ, האָט אָפּגעוואָרפן דעם שטן־מקטרג, האָט אָנגעצונדן די פאַרלאָשענע תפילות און מיט זיי צוזאַמען אַוועקגעטראָגן זיך צום כסא־הכבוד.

און ווען די תפלות האָבן זיך באַהעפט מיט דער יידישער תשובה און צדקה און האָבן דערגרייכט צום אונטערטרעפ פון כסא־הכבוד, האָט דער אַלמעכטיקער זיי אויסגעשטרעקט זיין גאָלדענע רוט, און איבערגעצויגן צו זיי דעם פאָדעם פון לייטזעליקייט, און צוגענומען זיי אין זיין שויס. און אין דער זעלבער רגע איז דער פורכטבאַרער גזר־דין געבראָכן געווען און פאַרביטן געוואָרן אויף אַ לייטזעליקן און אַ באַרעמהאַרציקן.

ווי נאָר אין שול האָט דורכגעהילכט דעם יינגלס פייף האָט דער בעל־שם אָנגעהויבן זאָגן נעילה, און ער האָט געדאַוונט מיט גרויס פרייד און התלהבות.

און אַז מע האָט אָפּגעדאַוונט מעריב און דער עולם איז אַרויס פון שול, איז

דער הימל געווען לויטער און אויף אים האָט געשוועבט אַ פולע לבנה. און דער הייליקער בעל־שם האָט מחדש געווען די לבנה און האָט מיט פרייד געזאָגט צום עולם, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט:

— איך האָף, אַז מיר האָבן אויסגעבעטן ביי גאָט אַ גוט יאָר, אַ רויִקן און אַ פריילעכן, אַז קיין איין טראָפּן יידיש בלוט וועט נישט פאַרגאָסן ווערן!

און דער עולם האָט אויף דעם געענטפערט:

— אמן!

ש. אנסקי (שלמה זאנוויל ראפאפארט).

מְסִירַת נֶפֶשׁ.

מיט דורות צוריק האָט געשטמט אין צפת אַ ייד — אַ גביר און אַ גרויסער בַּעל־מַזל, וואָס האָט געהאַנדלט מיט צירונג און אַלערליי אֲבָנים טובות ומַרגָליות¹). און גע־האַט האָט ער זיין אייגנס אַ פּאַלאַץ, וואָס האָט אַרויסגעקוקט מיט ליכטיקע פענ־סטער־אויגן אויפן יַם־כִּנֶּרֶת; און אַרומגערינגלט האָט דעם פּאַלאַץ אַ גאָרטן אַ גרויסער מיט אַלערליי גלוסטיקע ביימער, מיט כל המינים פֵּירות און זינגענדיקע פייגל און מיט אַלערליי שמעקעדיקע קרייטעכצער און אַנדערע געוויקסן.

און געהאַט האָט דער גאָרטן וועגן ברייטע, אויסגעשיטע מיט גאָלדענעם זאַמד, און די ביימער איבער די וועגן האָבן זיך אין דער הויך צוזאַמענגעטראָפן מיט די קרוינען, און צוזאַמענגעפלאָכטן און פאַרשאָטנט די וועגן.

און סוכּות זיינען צעזייט און צעשפּרייט געווען אויף אַלע עקן פון גאָרטן צום אָפּרוען, און וואַסערלעך, איבער וועלכע די טייערסטע ווייסע גענדז זיינען אַרומגע־שווומען, האָבן געגלאַנצט ווי די שפּיגלען.

און געהאַט האָט דער ייד זיינע אייגענע אייזלען און קעמלען צו פאָרן איבער דער מִדבָּר; און אַן אייגענע שיף מיט אייגענע שיפס־לייט און אַ שיפס־קאַפּיטאַן — צו פאָרן אויפן ים...

און דער ייד האָט זיך משַדך געווען מיט רַבָּנים, ראָשֵי־ישיבות און אַזוי גאונים פון בָּבֶל און אֶרץ־ישראל און האָט אַוועקגעשיקט די קינדער למקום תּורה. און מיט דער צייט איז ביי אים געבליבן נאָר די יינגסטע טאָכטער מיטן נאָמען שרה, דאָס געליב־טע מוזיניקל, וואָס ער האָט געהיט, ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג. די שרה איז געווען אַ גרויסע יְפַה־פִיָה²) און אַ לב טוב און אַ מֶזג טוב³), אָין לשַער.

און פאַר די בת יחידה האָט ער זיך אַראָפּגעבראַכט, פון נָשיא פון בָּבֶלס ישיבה אַ טייערע כְּלִי מיטן נאָמען חַיָא.

באַזעצט זיך דער חַיָא ביים שווער אין צפת — על התורה ועַל הָעֲבוֹדָה...

נישט לאַנג אָבער האָט זיין מנוחה געדויערט; דער שווער, דער אלמן, איז אַ צייט נאָך חייאס חתונה נפטר געוואָרן⁴). דער יונגער מאַן האָט געמוזט איבערנעמען די גרויסע עֲסָקים און מאַכן נסיעות איבער ווייטע מדינות. און ער איז געוואָרן אַ גרויסער סוחר פון די גרעסטע אויף דער וועלט.

דאָס האָט אָבער אים, חלילה, צו ביטול־תּורה נישט געבראַכט.

¹) טייערע שטיינער און פּערלען. ²) שיינהייט. ³) גוטער כאַראַקטער. ⁴) געשטאָרבן.

דאָס קעמל, אויף וועלכן ער איז געריטן איבער דער מדבר האָט עמיץ פון דער קאַראַוואַנע ביים ציימל געפירט, און ר׳ חַיָיא האָט ניט אַרויסגעלאָזט דאָס ספר, וואָס ער האָט געהאַלטן פון האַנט, און נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון ספר.

און אין שיף האָט ער געהאַט אַ חדר מיוחד[1], ווו ער איז געזעסן ביחידות[2] און עוסק געווען בתורה.

און ער האָט נאָך אַפילו געפונען צייט צו לערנען זיך שֶבַע חכמות ביי די אַל-טע שַיָיכן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפן אויפן וועג, ווי חכמת הרפואה, שיחת חיות ועופות[3] וכדומה ...

און אַ בעל-צדקה איז ער געווען, אין לשער ואין לספר[4] ובכל מקום בּוֹאוֹ[5] — ווו ר׳ חייא האָט זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט אין קהילה — האָט ער קוֹדֶם-כָּל מַפרִיש[6] געווען מַעשֵׂר-עָנִי[7] פון רֶיוַח אויפן וועג אַחוץ פדיון שבוּיִם[8].

און אַזוי פלעגט ער טאָן גרויסע טובות דעם כלל ישראל.

וואָרים דער מסחר מיט אבנים טובות ומרגליות האָט אים מקרב געווען צום מלכות מיט אירע שרים. און מיטן שיינקייט און ערלעכקייט, און אֶפשר מער נאָך מיט זיין חכמה, האָט ער שטאַרק נוֹשֵׂא-חֵן געווען אין זייערע אויגן, און זיי פלעגן אין אים אֶמוּנָה האָבן, גלויבן לכל היוצא מִפּיו[9], און אַלץ צוליב טאָן ...

פלעגט ער זיין אַ שתַדלָן און אַ מֵלִיץ-יוֹשֶׁר עַל כָּל צָרָה שלא תָּבֹא[10] און ברוח פיו האָט ער מבטל געווען בלבולים נוֹרָאִים: אַרויסגענומען פון תפיסות, באַפרייט פון מלקות און קייטן; און נישט איינמאָל אין דער לעצטער מינוט, — פון תַּלִיָנס הענט.

און איבער דער צייט, וואָס ר׳ חַיָיא איז געווען אַ מְהַלֵךְ בַּדֶרֶךְ[11] פלעגט שרה די צַדֶיקת מְמַלֵא מקומו זיין אין דער היים אין צפַּת לְכָל דָבָר שֶׁבִּצְדָקָה, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אֶמתער אֵשֶׁת-חיל[12]. און ר׳ חייא האָט זיך אויף איר פאַרלאָזט און איז זיכער געווען, אַז דער הונגעריקער, וואָס וועט אַריינקומען אין זיין הויז, וועט אַרויסגיין אַ זאַטער; און דער דאָרשטיקער — אַן אָנגעטרונקענער. ווי אויך, אַז זי וועט זייער בתּי יחידה מִרְיָם מְגַדֵל זיין לצדָקה ולמַעֲשִׂים טובים און מַדריך זיין אין כָּשֵׁרן וועג.

וּכַּךְ הֲוָה[13]: דער פּאַלאַץ איז שטענדיק פול געווען מיט אורחים און אָרעמע לייט און תַּלמִידֵי חֲכָמִים, רַבָּנִים און רָאשֵׁי יְשִׁיבָה, וואָס פלעגן אַרויסגיין לחוץ לָאָרֶץ וועגן צָרְכֵי הצבור און צוריקפאָרן, האָבן זיך, אַהין-צו-וועגס ווי צוריק-צו-וועגס, אָפּגעשטעלט. אַזוי פלעגט מען שוין זאָגן — ביי ר׳ חיִיאס ווייב, און זי פלעגט זיי מקבל זיין בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת[14] און שפייזן מיט אַל-דאָס גוטס, און פלעגט נאָר פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן אַרויפלייגן זייערע הענט אויף דער בת יחידהס קעפּעלע און בענטשן זי מיט מזל ...

און די ברכות האָבן אָנגעהויבן מקוּיָם צו ווערן: די איינציקע טאָכטער מִרְיָם איז געווען אַן אויסטערליש געראָטן קינד, אַ בְּרָכָה פון זיין ליבן נאָמען, און גאַנץ צפת פלעגט זיך בענטשן מיט איר, מע זאָגט: „חִיָיאס טאָכטער לייכט ווי די זון“, „איז קלאָר ווי דער טאָג“; „עס ליגט אויף איר אֶסתֵּר הַמַלכָּהס חֵן וְחֶסֶד“; און זי איז ווירק-לעך געווען אַ יפה-פיה — די מוטער אויסן אויג.

---

[1]) אַ באַזונדער צימער [2]) איינער אַליין [3]) שפּראַכן פון חיות און פייגל [4]) גאָר נישט פאַרצושטעלן זיך און גאָר נישט צו שילדערן [5]) ווו ער איז נאָר געקומען [6]) אָפּגעטיילט [7]) אַ צענטחלק פאַר אָרעמע לייט [8]) אויסלייזונג פון געפאַנגענע [9]) אַלץ, וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל [10]) אויף יעדן אומגליקלעכן פאַל. [11]) רייזנדער. [12]) אַ פרוי אַן אויפטועריןן, אַ גרויסע ווירטין. [13]) און אַזוי איז געווען. [14]) ליבלעך פריינדלעך.

זיינען דאָך אָבער גאָטס דרָכים נישט צום פאַרשטיין: פאַלט פלוצלונג שרה די צדָיקת אַוועק. ר׳ חייא באַקומט די בשורה־רָעה אויף אַ וויַיטן וועג. פילט ער, אַז עס איז שלעכט, וואַרפט ער אַוועק אַלע עסקים און לויפט אַהיים איבער טאָל און איבער בערג, מדבריות און יָמים. באַגעגענען אים אַלערליי מניעות. פאַלן אונטער אים אין מדבר אייזלען און קעמלען פאַר דאָרשט; שטורעם־ווינטן ווילן אים צעשלאָגן דאָס שיף אויפן ים — האָט ער אָבער גובר געווען מניעות און איז אַהיים געקומען בשלום...

האָט ער אָבער שוין געטראָפן די צדָיקת שָרָה כּמעט ביי יְציאַת נְשָמָה... נאָר ווי די צדיקת האָט אים דערזען, האָט זי זיך געשטאַרקט און אויפגעזעצט זיך אויפן בעט, און דרייט זיך איבער צו ר׳ חייאן, און טרייסט אים און איז אים מבטיח, אַז זי איז מקבל די יסורי מָות באהבה... און רעדט מיט אים נאָך אַ וואָרט וועגן דער בת־יחידה מרים, וואָס מע האָט אַרויסגעפירט אַ פאַרחלשטע... און ר׳ חייא זאָגט איר צו, אַז ער וועט זיין פאַר איר אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע, אַז קיין פרעמדע הענט וועלן דאָס יונגע ביימעלע נישט קרימען, נישט, חס ושלום, ברעכן...

און באַלד נאָך שלושים האָט ר׳ חייא, אָן אַ רגע ישוב הדעת, מיטאַמאָל אָפּגע־שניטן פון אַלע מסחרים, פאַרקויפט די פערל און ברילאַנטן און אַלערליי אַנדער צירונג כמעט בחצי חנם, און האָט זיך באַזעצט במנוחה על התורה ועל העבודה אין צפת... און אין פאַלאַץ זיינעם האָט ער זיך געעפנט אַ ישיבה, און האָט אויסגעזוכט און פאַרזאַמלט אין איר פון צפת און פון דער סביבה אַלע בחורים — וויל־לערנער, און האָט געזאָגט פאַר זיי, וואָס גאָט גיט אַטאָג דעם שיעור. און זיי האָבן דאָרשטיק געטרונקען זיינע רייד, און די אָרעמע בחורים פון צווישן זיי האָט ער גאָר אינ־גאַנצן אויף זיך גענומען און זיי אויפגעהאַלטן ביי זיך אין פאַלאַץ, צו צוויי און צו דריי בחורים אין אַ חדר מפואר[1]) און האָט זיי מפרנס געווען בעין יפה[2]) און האָט זיי מלביש ומנעיל געווען כבני הגבירים — אפילו פאַרזאָרגט מיט קליינגעלט.

און אַז אַן אָרעם־בחור איז געקומען צו שמונה־עשר־לחופה, פלעגט ר׳ חייא שיקן נאָך שדכנים און אויסקלייבן אים אַ שידוך מיט קעסט און אָנהאַלטעניש, לפי כבודו ומעלתו[3]) און פלעגט געבן נדן, הלבָשָה ומַתָּנות, און פלעגט אַליין פירן צו דער חופה. נאָך דער חופה משמח זיין חתן־כלה כדת וכדין. און וואָס אָנבאַלאַנגט זיין טאָכטער מרים, האָט ער געהאָפט, אַז עס וועט זיך אים טרעפן גאָר אַ כלי־יקר[4]) — טאַקע, ווי מע זאָגט, פאַר גאָט און פאַר לייט.

〰〰〰

ווי אַזוי אָבער זוכט מען?

אַ מענטש — פלעגט ר׳ חייא זאָגן — וואָלט לייכט געווען צו דערקענען אין די אויגן... די נשמה אין גוף זיצט, ווי אין תפיסה; האָט דער בורא עולם מיט זיין גרויס רחמנות, געעפנט דער נשמה אין דער תפיסה צוויי פענסטערלעך, דאָס זיינען די אויגן פון אַ מענטש, זי זאָל דורך זיי אַרויסקוקן, זען די וועלט, און לאָזן זיך דער־קענען דער וועלט! וואָלט מען אין די אויגן יעדן דערקענט, האָט אָבער אַ מענטש פאַרהענגלעך צו די פענסטערלעך — ברעמען, מיט וועלכע ער קען זיי פאַרשטעלן...

און אַ מענטש, וואָס האָט אַ נשמה מיט אַ פּגם[5]), באַהאַלט ער זי, און ווען די נשמה וויל זיך באַווייזן, לאָזט ער די פאָרהענגלעך אַראָפּ; מכלומרשט פאַר עניוות[6])...

1) אויסגעפוצט צימער. 2) גערן, פאַרגינענדיק. 3) וואָס פאַסט פאַר אים. 4) אַ טייערע כלי.
5) פעלער. 6) באַשיידנקייט.

לייכטער—זאָגט ר׳ חייא—וואָלט שוין געווען צו דערקענען אַ מענטש אינם קול. אין דעם האָט ער געהאַט זיין אייגענע שיטה.

אַ מענטש, פלעגט ער זאָגן, וואָס איז נישט גאַנץ, קען האָבן אַן אויבער־קול, אַ ביי־קול, אַ צעשפּאָלטן קול, אַ ציטערדיק קול, אָבער נישט קיין ריינעם, קלאָרן קלאַנג; קיין ריכט קול האָט ער נישט! און אַז ער האָט נישט זיין אייגן קול, מאַכט ער נאָך אַ פרעמד קול... טוט ער ווי אַ פּאָפּוגיי! דו הערסט אַמאָל פון ווייטנס אַ קול, מיינסט דער און דער פויגל, און אַז דו קומסט צו—אַ נאָכגעמאַכט קול, אַ פּאָפּוגיי...

לויט דער שיטה פלעגט ר׳ חייא זיך נוהג זיין אַזוי:

דעם שיעור פלעגט ער זאָגן פאַר וואַרימעס; און אַ פאָר שעה פאַר מנחה פלעגט ער אַרויסלאָזן די תלמידים אין גאָרטן אַריין: זאָלן זיי מטייל זיין[1]) אין שאָטן פון די ביימער, טועם זיין פון זייערע פירות און אַ ברכה מאַכן, און אויך נהנה זיין[2]) פון די ריחות פון אַלערליי קרייטעכצער און שפּאַצירנדיק איבערחזרן דעם שיעור בעל־פּה[3]) אָדער גלאַט ריידן פון תורה; אפילו שיחת רעים[4]) איז אויך קיין סכנה נישט... און ער פלעגט זיך דאַמאָלסט מתבודד זיין[5]) אין זיין חדר און לערנען סתרי תורה... און זיין הדר האָט געהאַט אַ פענסטער אין גאָרטן אַריין, מיט אַ שווער זיידן פאָרהאַנג פאַר דער זון. און פון צייט צו צייט פלעגט ר׳ חייא אַראָפּנעמען די ברילן, לייגן אויפן ספר און נאָך צודעקן מיטן פולאַרענעם טיכל און אַרויפלייגן דאָס טאַבאַק־שקעטעלע,—און צוגיין צום פענסטער, און שטעלן זיך אַ ווייַלע אונטער דעם פאָר־האַנג, און איינהערן זיך צו די קולות פון זיינע תלמידים, וואָס גייען אַרום אויף די שפּאַציר־וועגן, פאָרן־אָדער קופּקעלעך־ווייז, און ריידן צווישן זיך ווי חברים, און האָבן קיין סיבה נישט צו היטן זיך און בייטן די קולות...

וואָס זיי האָבן געשמועסט, האָט ער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט הערן: אַרויף ביז צו זיין חדר איז צוגעקומען פון די בחורים נאָר דער קלאַנג אַליין, אָן אַ חיתוך הדיבור[6])... און אַז ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַ צייט, און ר׳ חייא האָט קיין אמת ריכט קול נישט געהערט, איז ער אַריינגעפאַלן אין עצבות.

איינמאָל האָט ער זיך אפילו געקלאָגט פאַר זיין ליבן נאָמען.

— רבונו של עולם!—זיפצט ער—די פייגעלעך אין גאָרטן, וואָס האָבן נאָר אַ נפש חיה, זינגען דיין שבח, און די תלמידים מיינע, וואָס האָבן אַ נשמה און אַ יחידה, לערנען דיין תורה... פאַרוואָס איז דאָס קול פון דיינע פייגעלעך אַזוי גאַנץ, אַזוי ריין, אַז עס גיסן זיך אין זיי אויס גאַנצע נשמות, בשעת ווען מיינע תלמידים...

געענדיקט אָבער האָט ער נישט: מקטרג זיין[7]) אויף זיינע תלמידים האָט ער נישט געוואָלט... דאָס עצבות אָבער טרעט נישט אָפּ.

פון צייט צו צייט קומען אָן נייע תלמידים, נייע קולות, אָבער אַלץ קיין קמח־סולת[8]) נישט!

ויהי היום—איינמאָל, זיצנדיק פאַר מנחה אין ערשטן חדר, דערהערט ר׳ חייא פון פאָדערהויז אַ ויכוח, עס הערן זיך צוויי קולות: איין קול אַ בייזערדיקס, דעם ריש־דוכנאָס קול, און אַ צווייט קול, אַ יונגס, אַ פרעמדס—מן הסתם, פון אַ פרעמדן בחור. און דאָס קול פון פרעמדן בחור מאַכט אויף ר׳ חייאן אַ גרויסן רושם. אויף אַזאַ קול האָט ער

---

[1]) שפּאַצירן, [2]) הנאה האָבן, געניסן. [3]) אויסווייניק. [4]) חברשער שמועס. [5]) זיין אַליין, דער־ווייטערן זיך פון מענטשן. [6]) אויסשפּראַך, שפּראַך. [7]) ריידן שלעכטס. [8]) זעמל־מעל.

געהאָפט, אויף דעם האָט ער מתפלל געווען! פאַרמאַכט ר׳ חייא דאָס ספר, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיך, און וויל זיך לענגער איינהערן, האַקט זיך אָבער דאָס צווייטע בעטנדיקע קול איבער, און עס הערט זיך נאָר דעם ריש־דוכנאָס קול, וואָס מוסרט און בייזערט זיך. גיט ר׳ חייא אַ קלאַפּ אין טיש, פאַר אַ סימן, אַז ער רופט. עפנט זיך די טיר, און עס באַווייזט זיך פאַר אים דער ריש־דוכנאַ אַ צערודערטער, אַ דערשראָקענער און זיין אַלט פּנים איז נאָך בלאַס.

וואָרנט אים ר׳ חייא: כָּל הַכּוֹעֵס!...

— ניין, רבי! — בלאָזט זיך אָפּ דער ריש־דוכנא — עס איז משיחס צייטן — אַזאַ חוצפה! אַזאַ חוצפה פון אַ בחור!

— נו, נו, — וואָס וויל ער, דער בחור?

— ער וויל אַ קלייניקייט: אַריין צו אייך אין ישיבה!

— נו?

— פרעג איך אים: קענסט „ש״ס ופוסקים״? זאָגט ער: ניין! — כאָטש „מִשְנָיוֹת״? — פרעג איך ווייטער — ניין! — מאַך איך מיר אַ שפּאַס: און „עֵין־יַעֲקב״? — אויך נישט! — שפּאַס איך שוין ווייטער: און דאַוונען? צעוויינט ער זיך! — וואָס איז? דאַוונען אין סידור קאָן ער, נאָר פֵּירוּש הַמִּילוֹת האָט ער פאַרגעסן! שוֹטֶה, וואָס זשע ווילסטו? — צו ר׳ חייאן וויל ער! — נאָך וואָס? זאָגט ער, אַז ער וויל אייך בעטן, איר זאָלט אים לאָזן זיצן אין ישיבה און צוהערן זיך צום שיעור, אֶפשר יועט אים גאָט העלפן, ער וועט זיך דערמאָנען!

— געקענט, הייסט עס, און פאַרגעסן, — זיפצט ר׳ חייא אָפּ, — אַ חולה, נעבעך: און וואָס איז דער כעס?

— וואָס דער כעס איז? אַדרבא — זאָג איך אים, איך וועל דיך אַריינלאָזן צו צו ר׳ חייאן. טראָגט אָבער דער בחור אַ לייוונטן מלבוש, אַרומגעבונדן איז ער מיט אַ האַנפענער שטריק איבער די לענדן און האַלט נאָך אין דער האַנט אַ וואַלד־שטעקן ווי אַ גזלן, — אַן אָפּגעשיילטע צווייג פון מאַנדל־בוים. זאָג איך אים: גוט, בחור, איך וועל דיך אַריינלאָזן צו ר׳ חייאן נאָר טו דיך איבער. האָסט אַנדערע מלבושים? — נישט ער האָט, נישט ער וויל זיך איבערטאָן... ער טאָר נישט, זאָגט ער. — לייג כאָטש אַוועק דעם שטעקן! דאָס אויך נישט! ער טאָר דעם שטעקן נישט אַרויסלאָזן פון האַנט, נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט; ער שלאָפט מיטן שטעקן.

פאַרשטייט ר׳ חייא, אַז עס איז אַ בעל־תשובה, זאָגט ער:

— זאָל אַריינקומען דער בחור.

קומט ער אַריין אַ בלאַסער, אַ מאָגערער; אָנגעטאָן, ווי דער ריש דוכנא האָט אים אויסגעמאָלט, און שטעלט זיך ביי דער טיר.

רופט אים ר׳ חייא צו צו זיך נענטער, דערלאַנגט אים „שָלוֹם״. און אַז ער זעט, אַז דער בחור הייבט אויף אים זיין אויג נישט אויף, פרעגט ער:

— קינד מיינס, וואָס לאָזטו די אויגן אַראָפּ פאַר מיר? באַהאַלטסטו פאַר מיר דיין נשמה?

— יאָ, רבי — ענטפערט דער בחור — מיין נשמה איז אַ זינדיקע ... איך האָב מיך מיט איר וואָס צו שעמען.

זאָגט ר׳ חייא: איך הייס דיר אויפהייבן די אויגן!

פאָלגט דער בחור.

און ר' חייא, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, ווערט פאַרציטערט, אַ פאַר־שאָלטענע נשמה האָט ער דערזען.

— קינד מיינס — פרעגט ר' חייא — עס שטעקט אַ קְלָלָה אין דיינע אויגן. ווער האָט דיך פאַרשאָלטן?

— דער ראש־ישיבה פון ירושלים!

ר' חייא ווייס, אַז דער ראש־ישיבה פון ירושלים איז ערשט נישט לאַנג נפטר געוואָרן, פרעגט ער: ווען?

ענטפערט דער בחור: שוין צוויי חדשים.

„ריכטיק! — טראַכט זיך ר' חייא — דעמאָלט האָט ער נאָך געלעבט"... און הויך פרעגט ער: —פאַרוואָס?

— אויף דעם האָט מען מיך געהייסן, איך זאָל פאַר אייך זיך מְתַוֶדֶה זיין.

— גוט... און ווי הייסטו, בחור?

— חֲנַנְיָא...

— נו, בחור חנניא, — מאַכט ר' חייא אין שטעלט זיך אויף — אַצונד קום דאַווענען מנחה ומעריב, דערנאָך וועט דיר דער ריש דוכנא ווייזן אַן אָרט ביים טיש... נאָכן עסן וועסטו אַראָפּגיין אין גאָרטן אַריין, איך וועל דיך אויפזוכן און אויסהערן דיינע רייד.

און ער נעמט אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים מיט זיך צום בית־המדרש ביי דער ישיבה.

און גייענדיק טראַכט ר' חייא:

— אַזוי יונג, אַזאַ קול... און אַ בעל־תשובה... און אין די אויגן אַ קללה...

שפּעט ביינאַכט גייט ר' חייא מיטן בחור אַרום אין גאָרטן. פון צייט צו צייט גיט ר' חייא אַ קוק צום הימל אַרויף און זוכט עפּעס אַ צייכן, עפּעס אַ סימן; איז אָבער דער הימל פאַרשטעלט מיט אַ שטומען גראָען נעפּל; אַ נאַכט אָן לבנה, אָן שטערן עס שטראַלן נאָר די שויבן פון די פענסטער אין פּאַלאַץ, און מיט זייער ליכט פירט ר' חייא דעם בחור חנניא מיט זיך אין סוכה אַריין און זיי זעצן זיך.

און ר' חייא הייבט אָן:

— אין „פּסוק" שטייט — זאָגט ער צו חנניאן — „דְאָגָה בְלֶב איש יַשְׁחֶנָּה".

— רבי, וואָס איז דער טייטש? בעט זיך דער בחור.

טייטשט אים ר' חייא אויס וואָרט ביי וואָרט:

— דאָס איז טייטש: „דאגה" — אַ זאָרג (חנניא חזרט איבער), „בלב" — אין האַרץ, „איש" פון אַ מענטש, „ישיחנה" — דאָס איז טייטש: ער זאָל אויסזאָגן אַן אַנדערן, — ער זאָל זיך אויסגיסן דאָס האַרץ. און כאָטש דער בחור איז תופס נאָר טייטש־ווערטער, הייבט זיך אים אָן דאָס בלאַסע פּנים צו רייטלען, ווי ביי אַ פאַרחלשטן, ווען מע ראַטעוועט אים און די נשמה קומט פּאַמעלעך צוריק אין גוף אַריין.

קריגט אויף אים ר' חייא גרויס רחמנות און זאָגט אים:

— פְּתַח פִּיךָ בְּנִי, — עפן דיין מויל, חנניא, ויאירו דְבָרֶךָ—און זאָלן לייכטן דיינע ווערטער, און זיי זיך פאַר מיר מְתַוֶדֶה...

האָט אים חנניא דערציילט אַ מעשה נורא.

קומען קומט ער אַרויס פון ירושלים... זיין מאַמע איז אַ רייכע אלמנה, וואָס האַנדלט מיט בשמים...

און זי האָט נאָר צוויי קינדער געהאַט, אַן עלטערע שוועסטער מיטן נאָמען אסתר, און אים, חנניא.

האָט זי, פאַרשטייט זיך, ליבער געהאַט חנניאן דעם קדיש, פאַר זיין שוועס-טער. בפרט, אַז חנניא האָט זיך באַוויזן אַ ייִנגל אַן עלוי . . .

זי האָט אים געדונגען גוטע מלמדים, און ווייל זי איז דעם ראש-ישיבהס אַ ווייטע קרובה געווען און האָט געהאַט אַ דריסת-הרגל[1] אין זיין הויז, פלעגט זי אַלע עטלעכע שבתים פירן חנניאן צו דער רביצין, און די רביצין פלעגט אים אַריינפירן צום ראש-ישיבה צום פאַרהערן.

האָט דער בחור ביים ראש-ישיבה שטאַרק נושא חן געווען. שטייט די מוטער הינטער דער טיר און הערט, ווי מע לויבט אים; און קוקט אַריין דורך אַ שפּאַרע און זעט, ווי דער ראש-ישיבה קנייפּט אים אין בעקל אַריין מיט גרויס ליבשאַפט, און איז אים מכבד געווען מיטן שענסטן עפּל פון שבת-אויבס — קוועלט זי!

נאָך מער וואַקסט אין איר דאָס האַרץ, אַז די רביצין זאָגט איר, אַז דער ראש-ישיבה וויל דעם בחור אַריינגעמען צו זיך אין ישיבה אַריין, אויבוויל זי איז דערויף נישט באַשטאַנען, ווייל זי וויל זיך מיט אים נישט צעשיידן. איר שיינדל וויל זי האָבן ביי זיך אין דער היים; זי זאָל קענען וואָס אַמאָל מוסר זיין[2] די השגחה אויפן געוועלבל אַ שכנה, און אַריינלויפן אויסקושן איר בן-יחיד אַלע אברים. געמט זי אים צו נאָך אַ גרעסערן תלמיד-חכם, ער זאָל לערנען מיטן בחור אין דער היים.

און אינם גרויסן תלמיד-חכם איז זי נכשל[3] געוואָרן...

עס איז געווען איינער פון די פאַלשע תלמידי חכמים, וואָס לערנען נישט תורה לשמה, און האָבן נאָר אין זין זיך צו הייכן און צו קריינען אויפן חשבון פון דער תורה; האָט ער געפירט חנניאן אויפן אייגענעם דרך. ער האָט מיט אים געלערנט נאָר ווי אַזוי אַלץ אָפּצעוועגדן. און האָט געפלאַנצט אין חנניאס האַרץ די ביטערע קרייטעכצער פון גאווה און נצחון. און חנניא האָט זיך געשווינט אויסגעלערנט די חכמה; וואָרים באמת איז עס נאָר אַ ח כ מ ה, אָבער קיין תורה נישט. נאָר דאָס האָט די מוטער און דער עולם אַרום נישט פאַרשטאַנען, האָט מען חנניאן נאָך מער גע-לויבט, און די מוטער האָט דערפון נאָך מער נחת געהאַט...

און אין אַ צייט אַרום האָט חנניא מקבל געווען די גאַנצע תורה פון תלמיד חכם און האָט געזאָגט דער מוטער, אַז ער דאַרף שוין קיין מלמד נישט האָבן, האָט די יידענע געמיינט, אַז עס עפענען זיך פאַר איר אַלע שבעה רקיעים[4]...

און חנניא איז געגאַנגען אויפן דרך השקר שוין אויף דעם אייגענעם חשבון, און פלעגט האָבן וואָס אַמאָל מער וכוחים מיט בחורים פון ישיבה און גלאַט לומדים און אַלע גובר זיין און מבייש זיין און מאַכן פאַר עם-הארצים... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז עס איז אָנגעקומען צום ראש ישיבה. האָט דער ראש-ישיבה געזאָגט: מעשה ילדות[5]! דערפון וואַקסט אַ תלמיד חכם אויס! און האָט נאָר געהייסן גיין אין זיין נאָ-מען און זאָגן דער מוטער, זי זאָל אים דערלאַנגען אַ פּעטשל דערפאַר.

— אַ מאַמע — זאָגט ער — מעג!

---

[1] צוטריט. [2] איבערגעבן. [3] געשטרויכלט געוואָרן, דורכגעפאַלן. [4] זיבן הימלען. [5] קינדעריי.

גייט, מן הסתם, די מוטער און גיט אים אַ קוש פאַרן פּעטשל, און קויפט אים נאָך אַ שיינע מתּנה פאַר זיין חכמה...

זעט חנניה, אַז עס איז גוט אַזוי, ווערט ער נאָך מער מחוצף, לויפט ער אַרום אין שולן און בתּי-מדרשים, און מאַכט זיינע קונצן. ווו עס זיצט אַ מתמיד און לערנט, שטעלט ער אים אָפּ און לערנט אין דער אייגענער סוגיא[1], וואָס יענער לערנט, און פרעגט קשיות, הערט תּירוצים און ווענדט אָפּ... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז יענער ווערט פאַרטומלט, און חנניא ווייזט פאַרן גאַנצן עולם, אַז דער מתמיד האָט קיין שום השגה נישט...

אַמאָל טרעפט ער, ווען אַ בחור זאָגט אַ חילוק, אָדער עס דרשנט אַ תּלמיד-חכם, — און נאָך איידער יענער ענדיקט, שפּרינגט ער שוין אַרויף אויפן בעלעמער, און מאַכט פון חילוק[2] אַשפּה[3] און צעשניידט מיטן מויל, ווי מיט אַ שער, דעם דרש אויף פיצלעך, און צעריסט אים ווי אַ שפּינוועבס, און מאַכט אַלע פאַר עם-הארצים.

לויפט מען ווייטער צום ראש-ישיבה, גיט ער אַרויס אַ האַרבן פּסק: גייט, זאָגט ער, צו דער מוטער און זאָגט איר, אַז איך האָב נעהייסן אים אָפּשמייסן.

קריגט חנניא פון דער מוטער נאָך שענערע מתּנות; טוט ער נאָך מער מעשים רעים. דערציילט מען ווייטער דעם ראש-ישיבה, זיפצט ער אָפּ און זאָגט, אַז ער האָט מורא אים מעניש צו זיין[4], אַזאַ למדן איז ער, אַז נאַר אַ מאַמע מעג. דערציילט מען אים, וואָס די מוטער טוט; הייסט ער, מע זאָל אַרויפשיקן חנניא'ן אַליין. קומט אַריין חנניא מיט עזות. און אַז דער ראש-ישיבה הייבט אָן אַ שמועס וועגן תּורה, האַקט ער אים איבער מיט חוצפה און פרעגט שפּיציקע קשיות, און קשיות אויף קשיות און ווייזט זיין גבורה... איז אָבער דער ראש-ישיבה אַ גרויסער ענָיו געוועזן, בייזערט ער זיך נישט, און זאָגט אים געלאַסן:

— הער, חנניא, דיין גאַנצע חכמה איז נאָר אויף אָפּוועגדן אַלע קשיות און תּירוצים — אויף נישט אַזוי, אַלץ „ניין“ און „ניין“... הייסט עס, אַז דו האָסט קיין גאַנצע תּורה נישט... ווייל די תּורה האָט דאָך עשׂהן און לא תעשׂהן, האַלב הָן און האַלב לאַו, און דו האָסט נאָר לאַו און לאַו... מער ווי העלפט וועסטו קיינמאָל נישט האָבן. אַ והאָ ראַיה: זאָג עפּעס דיינס, דיין אייגנס אויף יאָ...

שווייגט חנניאָ: אין דעם איז זיין כּוח נישט געווען. זיין כּוח איז געווען סתירה[5] נישט בנין"...

פאַרענטפערט ער זיך:

דאָס האָט מיך דער מלמד נישט געלערנט!

זאָגט אים דער ראש ישיבה: דיין מלמד, חנניא, איז נפטר געוואָרן, און עס ברענט אים דאָס פייער אין גהינום און דער זכות פון דער תּורה קאָן אים נישט מציל זיין, — און ער וועט אַזוי ברענען, כּל זמן דו, חנניא, וועסט נישט תּשובה טאָן און אויסרייסן פון האַרץ דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט אין דיר פאַרזייט...

— דאַרפסטו — זאָגט דער ראש-ישיבה ווייטער — רחמנות האָבן אי אויף דיר, אי אויף יענעם תּלמיד חכם, און תּשובה טאָן און לערנען תּורה לשמה...

לויפט חנניא אויפן בית-עלמין אַרויס און פרעגט זיך נאָך, צי דער און דער מלמד איז באמת נפטר געוואָרן? און ווען? ווייל ער האָט דערפון נישט געהערט. זאָגט מען אים: יאָ, און די קבורה איז געווען ערשט נעכטן, און מע ווייזט אים

---

[1]) פּלפּול אין תּלמוד. [2]) וכּוח. [3]) מיסט, מאַכן אַשפּה, מאַכן צו גאָרנישט. [4]) בּעשטראָפן.

דעם וועג צום קבר. זעט ער, חנניא, ווי דער קבר איז איבער נאַכט פאַרוואַקסן געוואָרן מיט שטעכעדיקע און גרענענדיקע דערנער... פאַרשטייט ער, וואָס דאָס באַטייט, און באַשליסט זיך תשובה צו טאָן...

מאַכט זיך אָבער מעשה שטן, אַזאַ מעשה:

אין יענער צייט האָט געלעבט אין ירושלים אַ געוועזענער קצב, אַ גרויסער עושר.

איז דער עושר אַ רע לב און האָט אויף זיין אייגענער פרוטה קיין שליטה נישט געהאַט און פלעגט נישט עסן, נישט טרינקען, און אַרומגיין קרועה בלואה[1]. און אַז אַ מלבוש איז אים אַראָפּגעפאַלן פון לייב, האָט ער עס אויך נישט אַוועקגעשענקט קיין אָרעמאַן, נאָר פאַרקויפט אים בפרוטה אויף לאַטעס... און מגדל געווען האָט ער כלבים, עס זאָלן קיין אָרעמע לייט נישט מאַכן זיך קיין דריסת הרגל אין זיין הויז...

און קיין בנים זכרים האָט דער רשע נישט געהאַט, נאָר איין איינציקע טאָכטער חנה. אַ ווייב האָט ער געהאַט אַן אשה צנועה און אַ צדיקת, און פאַר דער פטירה האָט זי באַשוואָרן די קרובים, זיי זאָלן זיך אַליין מתעסק זיין אין איר קבורה, און דער מאַן זאָל אפילו פון איר קבר נישט וויסן.

און דער רשע איז אַן אלמן געבליבן. קיינער וויל אים נישט געבן קיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. וווינט ער אַליין מיט דער בת יחידה חנה. און הפלא ופלא[2]—זי, די בת־יחידה זיינע, האָט ער דוקא שטאַרק ליב געהאַט. און געהאַלטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ, און האָט געוואָלט זי מהנה זיין מכל המיני עולם הזה, און איז גרייט געווען פאַר איר מבזבז[3] צו זיין דאָס גאַנצע געלט, כאָטש דאָס געלט איז אים טייערער געווען פאַר דער נשמה.

וויל אָבער די טאָכטער נישט נהנה זיין, זי האָט אַ צוואָה פון דער מוטער, זי זאָל אויסער ברויט מיט וואַסער אין פאָטערס הויז נישט עסן... און קיין טייערע קליידער וויל זי נישט און דאַרף נישט, ווייל זי קומט נישט אַרויס מפתח ביתה, זי זאָל נישט הערן, ווי מע שילט דעם פאָטער און מע איז אים מבזה אין אַלע גאַסן.

און וואָס ווייניקער די טאָכטער וויל נהנה זיין פון זיין גוטס, מער חשק און תאוה האָט דער עושר איר טובות צו טאָן.

און אַז עס העלפט קיין איבעררעדן נישט, טראַכט ער: איין טובה וועט זי וועלן: איך וועל איר געבן אַ מאַן אַ תלמיד חכם.

וויל ער פאַר איר אויסזוכן אַ חתן, דאָס אייבערשטע פון שטייסל—אַ למדן שבלמדנים; גיט ער לאַנד־שדכנים גרויסע רשימות, און ער אַליין לויפט אַרום אין ירושלים און אין דער סביבה, אין אַלע ישיבות, און איז פוסק[4] אַ הון רב[5] פאַר אַ גוטן בחור, און אַלץ איז אומזיסט. קיינער וויל זיך נישט משדך זיין מיט דעם מנוול.

ווערט דער עושר מלא חימה, בפרט, אַז עס איז צו אים געקומען אַמאָל אַ שדכן און געזאָגט אים, ער זאָל אַוועקלייגן די גאווה און טאָן, וואָס עס לאָזט זיך, און דערציילט אים, אַז בשכנות וווינט אַ בעל־מלאכה—אַ נהנה מיגיע כפו, אַן ערלעכער מאַן, וואָס וויל זיין טאָכטער, און וויל אפילו קיין גראָשן געלט נישט, ווערט ער גאָר אונטערגעצונדן!

וואָס דען טוט ער?

---

[1]) אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. [2]) וווּנדער איבער וווּנדער. [3]) אויסברענגען. [4]) באַשטימט. [5]) פיל געלט.

פאַלט ער אויף אַן עצה און זוכט אויס צוויי תלמידי חכמים אביונים, און גיט זיי געלט אויף הוצאות הדרך אויף צוויי יאָר, אַחוץ פרנסה, איבערצולאָזן פאַר ווייב און קינד אין ירושלים, און הייסט זיי אַרויסגיין אין גאַנץ תפוצות ישראל, ווו זיין שלעכטער נאָמען האָט נאָך נישט דערגרייכט, און ברענגען אים אַן איידעם, אַ תלמיד חכם, אַ מופלג.

יידן—אביונים, באַשטייען זיי,—און נעמען צידה לדרך און לאָזן זיך אין וועג אַריין; און מעסטן אויס אין דער לענג און אין דער ברייט גאַנץ ארץ־ישראל און אַלץ בחנם.

גייט אַוועק די צייט, וואָס דער עושר האָט זיי געגעבן, גייען די תלמידי־חכמים צוריק בידים ריקות, און שטעלן זיך אָפּ ביי די טויערן פון ירושלים מיט גרויס פחד, זיצן אַזוי און טרויערן.

און ווי זיי זיצן אַזוי פאַרן טויער פון שטאָט ירושלים און טרויערן, געגענט זיך צו זיי אַן אָרעם־בחור, אָנגעטאָן אין ווייסע לייוונט מיט אַ האַנפענעם שטריק אַרום די לענדן, און אַ פראָסטן וואַלד־שטעקן פון אַ מאַנדל־בוים אין דער האַנט; און ער גייט צו צו זיי, און גיט זיי שלום, און פרעגט זיי, צי זיי ווילן נישט טרינקען, און וואָס זיי זיצן אַזוי פאַרשמאַכט; און זאָגט זיי, אַז ער וווינט דאָ אין דער מדבר און ער ווייסט פון אַ באֵר מים חיים[1] און עס איז נישט זייער ווייט פון דאַנען, און אויב זיי ווילן, וועט ער זיי פירן צום קוואַל... ווייל ער האָט קיין כלי נישט אַהער צו ברענגען וואַסער. זאָגן זיי אים, אַז דאָרשטיק זיינען זיי נישט, נאָר זיי האָבן אַזוי עגמת־נֶפֶש, און ס׳מאַכט זיך אַ שמועס, פרעגן זיי ביי אים, ווער ער איז; זאָגט ער זיי, אַז ער איז אַ נע ונד, ווייל ער איז אַ יתום אָן טאַטע־מאַמע, לעבט ער חוץ לישוב און שפייזט זיך פון קרייטעכצער...

— און ווילסט גאָרנישט לערנען קיין תורה?

ענטפערט ער זיי, אַז ער לערנט תורה; אַז אַלע נאַכט, ווען עס ווערט פינסטער אין מִדבָּר, קומט צו אים אַן אַלטער מאַן, און לערנט מיט אים בעל פֶּה... און ער דערזעט דעם אַלטן מאַן נאָר פון ווייטנס, ווייל עס לייכטן אים די אויגן אין דער פינסטער ווי די שטערן, און די ווייסע באָרד זיינע איז בלאַנק ווי שניי, און דער אַלטער מאַן קומט צו אים נאַכט אויף נאַכט און זעצט זיך לעבן אים און לערנט מיט אים ש״ס ופוסקים סִפרי, סִפְרָא און תוסֶפְתָּא... ווילן זיי אים פאַרהערן, צו זען אויב ער זאָגט אֶמת, ווייזט ער זיך אַ גאון עולם... פערל שיטן זיך אים פון מויל... פרעגן זיי אים, פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזט די מדבר, און וואָס ער טוט אונטער די טויערן פון ירושלים? דערציילט ער זיי בתמימות, אַז נעכטן האָט זיך מיט אים דער אַלטער מאַן געזעגנט און געזאָגט, אַז ער וועט שוין מער צו אים נישט קומען; און ער האָט אים געוויזן דעם וועג קיין ירושלים, און געהייסן אים גיין אין שטאָט אַריין, ווו ער וועט געפינען זיין זיווג און זיין מזל, און וועט זיצן על התורה ועל העבודה. און איך — זאָגט ער — מוז דעם אַלטן פאָלגן...

ווערן זיי, די תלמידי חכמים, דערפרייט, און זאָגן אים: קום, בחור, מיט אונדז, מיר האָבן פאַר דיר אַ ווילן שידוך. גייט ער מיט זיי.

פירן זיי אים גלייך אַריין צום גביר, און זאָגן אים: „אַל תַּבֵּט אֶל מַרְאֵהוּ"[3] — עס איז אַ גאון עולם; אֵלִיָּהו הנביא אַליין האָט מיט אים תורה געלערנט. גלויבט זיי

---

[1] וואסערקוואל. [2] קוק ניט אויף זיין אויסזען.

דער גביר און דערפרייט זיך, און מאַכט באַלד אַ סעודה, און שרייבט תנאים און איז מגביל[1]) זמן החתונה אינגאַנצן אויף צוויי וואָכן. ער האָט מורא פאַר אַן עין-הרע און אַ בייז וואָרט... און קודם-כל נעמט ער פון חתן אַראָפּ די קליידער און נעמט צו דעם שטעקן, און איז אים מלביש ומנעיל כּיד הגביר, און די אַלטע קליידער באַהאַלט ער צום פאַרקויפן, תּיכּף ומיד נאָך דער חתונה, דעם ערשטן בעסטן אויף לאַטעס פאַר אַ פּרוטה... און די זאַך באַקומט אין שטאָט אַ שם.

די צוויי וואָכן גייען בשלום פאַרביי און ס'קומט דער טאָג פון דער חתונה. און צוליב דער טאָכטער האָט דאָס כּלי[2]) אַוועקגענומען די האַנט פון האַרץ, און געמאַכט אַ הילולא[3]), וואָס די וועלט זעט עס נישט. און לכבוד דעם חתן זיינען אַלע נכבדים פון ירושלים געקומען אויף דער חתונה, און צום התן-מאָל — אַלע בחורים פון די ישיבות...

— און די צייט פון פאַרן באַדעקנס — דערציילט חנניא ווייטער — איז געקומען. דער חתן זאָגט פאַר אונדז בחורים און במעמד[4] תּלמידי חכמים, דיינים און דעם ראש ישיבה — אַ שאַרפן חילוק... אין דער צווייטער שטוב איז מען שוין גרייט צו באַדעקנס... די קלעזמער שפּילן שוין מוסר, און די אונטערפירערס פון חתנס צד, דער רב און דער ראש ישיבה, האַלטן שוין הבדלות אין די הענט און דעם חתנס תּורה גיסט זיך נאָך אַלץ ווי ביימל, און צעגייט זיך, ווי אַ ריח פון בשמים, און די אויגן זיינען לויכטן ווי די שטערן... אַלע גאַפן און הערן, חנניא אויך. ער האַלט וואָרט, ס'פאַלט אים גאָרנישט איין אָפּצוווענדן. אדרבא, ער האָט נחת פון פרעמדן חילוק: ער פרייט זיך, אַז פון אַצונד אָן וועט ער האָבן אַ חבר, מיט וועלכן עס וועט כּדאַי זיין צו לערנען און צו ריידן וועגן לערנען. און עס האָט זיך שוין אין אים דערוועקט אַפילו אַ ליבשאַפט צום חתן, אַ הייסע ליבשאַפט. עס פאַרגליסט זיך אים דווקא אויפצושטיין און צוגיין און קושן דעם חתן... און ער טוט עס, אָבער אין גאַנג האָט ער זיך אויסגעגליטשט! פאַרבייגייענדיק דעם עולם הערט ער, ווי איין בחור זאָגט צום צווייטן: דער חתן קען בעסער לערנען פאַר חנניאן. און יענער ענטפערט: חנניא איז אַ גולם קעגן אים... און דאָס איז שוין פאַר חנניאן אַ צו גרויסער נסיון[5]) געווען... עס האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, עס האָט אויפגעפלאַקערט אין אים אַ ווונד, גלייך אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן — און ער בלייבט שטיין, שטעלט זיך אויף די נעגל, הייבט פלוצלונג אָן ריידן, אָפּצעווענדן, און פון מויל שיט זיך אים פעך און סמאָלע... פלוצלונג דערפילט ער, אַז ער פאַרזינדיקט זיין נשמה, אַז ער גייט קעגן אליהו הנביאס תּורה, קעגן תּורת אמת ... אַז ער שטעכט די תּורה אין האַרץ אַריין שפּיזן און שווערדן, אַז ער טייט די תּורה. און ער דערשרעקט זיך און וויל אויפהערן ריידן, און קאָן נישט... עס רעדט זיך שוין אָן זיין רצון, קעגן זיין ווילן, עס רעדט פון אים אַ ניטגוטער אַרויס! און ער זעט, ווי דער חתן ווערט בלאַס פאַר שרעק, ווי ער וואַקלט זיך און פאַלט פאַר חולשת הדעת[6]) אויף אַ שטול...

און באותו הרגע ווערט אַ גיהנום אין שטוב. דער ס ק נ ע ר ווערט מלא חימה און ברילט ווי אַ לייב: מקח טעות! מקח טעות!... און לויפט אַרום ווי משוגע, ער זוכט און כאַפּט די אָרעמע תּלמידי חכמים, די שליחים און שדכנים זיינע, און שלאָגט זיי און רייסט זיי אויס די בערד, און לויפט קעגניבער צו די קלעזמער און רייסט זיי די כּלים פון די הענט אַרויס, און וואַרפט און צעשמעטערט זיי. און לויפט-צו צו

[1]) באַשטימט אַ טערמין. [2]) קאַרגער. [3]) שמחה, חתונה. [4]) אין אַנוועזנהייט. [5]) פּרוּוו [6]) צעמישטקייט.

דער כלה אין מיטן שטוב און רייסט זי אַוועק פון באַדעקנס. און לויפט ערגעץ אין אַ קאַמער אַרויס און ברענגט אַריין דעם חתנס אַלטע מלבושים: דאָס לייוונטענע מלבוש מיטן האַנפענעם שטריק און ווייסן וואַלד־שטעקן. און רייסט אַראָפּ פון פאַר־חלשטן חתן די נייע מלבושים, און שטופּט אים אַרויס אַ נאַקעטן פון טיר, און וואַרפט אים נאָך די אַלטע מלבושים... און די אַנשים חשובים פון ירושלים און אַלע חתונה־געסט אַנטלויפן פאַר שרעק... איין חנניא בלייבט. ער שטייט נאָך אַלץ פאַרשטאַרט אויפן אָרט, קוים ער רייסט די פיס אָפּ פון פּאַדלאָגע און אַנטלויפט פון שטוב אַרויס, און באַלד אין גאַס איז אים אַנטקעגן געקומען דער ראש־ישיבה; ער שטעלט אים אָפּ און זאָגט אים: חנניא, דו קענסט חרוב מאַכן אַ וועלט, פאַרגעס בעסער דאָס לערנען!..

— און באותו הרגע — דערציילט חנניא, האָט מיר עפּעס אַ קנאַק געטאָן אין מוח, עפּעס האָט דאָרט געפּלאַצט, און איך בין געבליבן ווי אַ לערע שטייג אָן טויבן, אָן אַ וואָרט תורה! פאַל איך דעם ראש ישיבה צו די פיס, און בעט אַ תשובה, זיפצט ער:

— ווער ווייסט, צי עס וועט העלפן.

הייב איך אָן שטאַרק צו וויינען, ווייזט ער מיר, אַז נישט ווייט, אונטער אַ ווינקל פון אַ הויז, שטייט דער חתן, וואָס ווייסט נישט, וווּ אויס און וווּ איין אין דער פרעמדער שטאָט.

צו אַלעם ערשטן — זאָגט ער — גיי צו אים צו און בעט ביי אים מחילה...

האָב איך מורא צו גיין, שטופּט ער מיך אונטער:

— גיי און פועל ביי אים, ער זאָל מיט דיר אַהיים גיין צו דיין מאַמען... איך וועל אויך אונטערקומען.

גיי איך צו צום מבוישן חתן, דערזעט ער מיך, און לויפט מיר אַנטקעגן, און לאָזט מיך צום וואָרט נישט קומען און רופט צו מיר:

— מוחל, מוחל! במחילה גמורה; עס איז קיין זיווג נישט געווען!

געוואָלט וואָלט איך בעסער, ער זאָל מיך דורסן[1] און ער לייגט מיר די האַנט אויף מיין אַקסל און רופט מיך: חבר!

זאָג איך: וואָס פאַר אַ חבר קאָן זיין אַן עם־הארץ מיט אַ תלמיד חכם? גאַפט ער. און איך דערצייל אים פון דער קללה, מיט וועלכער דער ראש ישיבה האָט מיך פאַרשאָלטן, ענטפערט ער מיר:

— אַז עס וועט זיך מיר באַווייזן מיין אַלטער רבי וועל איך אים בעטן פאַר דיר!

פיר איך אים צו מיין מאַמען, און לייד אויפן וועג חיבוט הקבר! ער רעדט צו מיר תורה, און איך פאַרשטיי נישט אַ וואָרט... און ס'ווינט מיר דאָס האַרץ פאַר בענקשאַפט צו דער תורה... און אין דער נשמה איז פינסטער און וויסט, ווי ביינאַכט אין אַ חורבה... קומען מיר אַריין צו דער מאַמען, פאַל איך איר אויפן האַלדז מיט אַ געוויין און דערצייל איר די גאַנצע מעשה, און ווייז איר, אַז דאָס איז דער חתן, וואָס איך האָב אים פאַרשעמט. פאַרברעכט די מאַמע אירע הענט און וויינט מיט אַ פאַרבי־טערט קול, און אסתר, די שוועסטער מיינע, שטעלט זיך אין אַ ווינקעלע מיטן פּנים צו דער וואַנט, און גיסט טרערן...

באותו הרגע קומט אַריין דער ראש־ישיבה און ווענדט זיך קודם־כל צו אסתרן:

הער, כלה, גיי אין קיך אַריין און מאַך עפּעס צו עסן פאַר דעם תלמיד חכם...

— ווייזט ער אָן מיט דער האַנט אויף דעם פרעמדן בחור — און אַז דיין מזל וועט שיינען, — לייגט ער צו — וועט ער זיין דיין זיווג.

[1] צעטרעטן, דערהרגענען.

פאַרצאָגט קוקט זיך אסתר אום אויף דעם חתן און אויף זיין הולך, נאָר דעם ראש-ישיבה פאָלגט זי און גייט אַרויס...

און דער ראש ישיבה ווענדט זיך צו דער מאַמען:

— אצינד — זאָגט ער — איז נישט קיין צייט פון וויינען... און דו האָסט דיך אויך פאַרזינדיקט דערמיט, וואָס דו האָסט פאַר אסתרן נישט געזאָרגט און חנניאן נישט געשטראָפט... נישט גוט! נישט גוט!

הייבט די מאַמע אָן נאָך שטאַרקער צו וויינען.

— נישט וויינען! — זאָגט נאָך אַמאָל דער ראש-ישיבה — טאָן דאַרף מען.

— וואָס? וואָס? — קלאָגט די מאַמע.

— און דו וועסט מיך פאָלגן? — פרעגט דער ראש-ישיבה.

— פאָלגן, פאָלגן! איילט זיך די מאַמע צו זאָגן.

זאָגט דער ראש-ישיבה אַזוי:

— קודם, מאַך חתונה אכתרן... אָט איז איר זיווג!

רייסט זיך אַרויס פון דער מאַמעס האַרץ אַ געוויין:

— דער בחור אין לייוונט, מיטן שטעקן?

— דאָס איז דער בחור, וואָס אליהו הנביא האָט מיט אים תורה געלערנט. אַזוי פאָלגסטו, קרובה?

— זייט מיר מוחל, רבי... איך פאָלג שוין, איך פאָלג...

— און דיין זון, זאָגט ער, מוז גיין גלות אָפּריכטן, ביז דעם רחמנס רחמנות וועט זיך אויף אים דערוועקן, און דו וועסט פון אים אויך נחת האָבן, נאָר שפּעטער... עלטער איז אסתר!..

— און אַצונד — זאָגט ער ווייטער צו מיר און צום חתן — אַצונד, מיינע ליבע קינדער, טוישט אייך מיט די מלבושים!..

— און דו, — זאָגט ער צו מיר — גיי תיכף ומיד אין גלות אַריין... און דעם שטעקן נעם און היט אים, ווי אַן אויג אין קאָפּ. ביינאַכט האַלט אים צוקאָפּנס, ווען דו וועסט שלאָפן. און איך וועל מתפלל זיין, עס זאָל קומען דיין הילף און דער שטעקן זאָל אויפבליען און דו וועסט דיך אַלץ דערמאָנען. נאָר געדענק, ערשט דעמאָלט וועסטו מעגן אָנטאָן אַנדערע מלבושים, און אַצונד גיי אָון געזעגן דיך נישט מיט קיינעם.

כהרף-עין האָב איך מיך איבערגעטאָן אין דעם חתנס קליידער, און באותו רגע קומט אַריין מיין שוועסטער מיט אַ פאַנקוכן אויף אַ טעלער אין דער האַנט ווי זי דערזעט אונדז אין די פאַרטוישטע מלבושים, האָט זי פאַר שרעק אַראָפּגעלאָזט דעם טעלער מיטן פאַנקוכן, און דער טעלער האָט געפּלאַצט מיט אַ הויכן קלאַנג, און דער ראש ישיבה האָט אויסגערופן: — „מזל טוב, מזל טוב!“.

מער האָב איך שוין נישט געהערט, איך בין באַלד אַרויס פון שטוב.

און אַזוי ווי ער איז אַרויס פון ירושלים — דערציילט חנניא — האָט ער תיכף ומיד פאַרבלאָנדזשעט אין אַ מדבר, אָן ברויט און אָן וואַסער. נאָר נישט צו ברויט און וואַסער האָט ער געגלוסט, פאַרן גוף האָט חנניא יוצא געווען מיט גרעזלעך, וואָס געפינען זיך אַמאָל אין מדבר... און געווען איז ער שטענדיק בחזקת סכנה, צווישן אַלערליי חיות,

נחשים[1] ועקרבים[2], נאָר זיי האָבן אים גאָרנישט געטאָן... פלעגן עפּעס ברומען צווישן זיך און אַראָפּגיין פון וועג. האָט ער, חנניא, פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן אויף אים קיין שליטה נישט, ווייל זיין פּסק איז נאָר "נע ונד"...

און אַזוי האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט טאָג און נאַכט, און געטרויערט האָט ער אויף זיינע יונגע יאָרן, וואָס גייען אַוועק אָן תורה, אָן ליכט, אָן אַ שטראַל פאַר זיין פינסטערן מוח... וואָלט ער כאָטש אַ וואָרט תורה געהערט! כאָטש אַ סידור ער זאָל האָבן... בעל-פּה קען ער אפילו נישט דאַווענען, גאָרנישט.

איינמאָל, דערציילט ער, האָט ער זיך געזעצט זאַמד אויפן קאָפּ, און לשם צער זיך געשטעלט אויף איין פוס, און אַלץ איינגעם געשריען אין הימל אַריין: "תורה!" "תורה!", נישט מער ווי דאָס איינע וואָרט... און געשריען האָט ער מיט מסירת נפש... לאַנג, לאַנג, ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען, און ער איז געפאַלן אויף דער ערד און איז איינגעשלאָפן פאַרשמאַכט און געפילט, אַז ער וויינט אין שלאָף אויך און שרייט: תורה! תורה!... באַווייזט זיך אים דער ראש-ישיבה, אָנגעטאָן אין תכריכים און אַ גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ, און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— שטיי אויף, חנניא, דיין רפואה הייבט זיך אָן... שטיי אויף און גיי פאַר דיר, ווו די אויגן וועלן דיך טראָגן. וועסטו קומען קיין צפת, און זאָלסט אַריינגיין צום לב טוב, ר' חייאן, און וועסט זיך פאַר אים מתודה זיין, און בעטן, ער זאָל דיך אַריינגעמען אין זיין ישיבה, און ער וועט דיך נישט אָפּזאָגן, און אַז דו וועסט אַלט ווערן אַכצן יאָר, וועט ער דיר געפינען זיין זיווג. און צום אַכטן טאָג נאָך דער חופה וועסטו זיך אויפכאַפּן אין דער פרי, וועט דער שטעקן ביי דיר צו-קאָפּנס שוין האָבן אויפגעבליט און שפּראָצן מאַנדלען, און בליען און שפּראָצן וועט אויך אין דיר די נשמה...

און דו וועסט זיך אַלץ דערמאָנען אויסער דעם שלעכטן, און וועסט זאָגן פאַר ר' חייאן אַ חילוק, אַ בנין, נישט קיין סתירה; און ר' חייא וועט פון דיר נחת האָבן... נאָר צו וועסטו לאַנג לעבן,— זאָגט ער,— ווייס איך נישט...

און ער איז נעלם געוואָרן, און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, און געגאַנגען, ביז איך בין געקומען צו אייך, רבי...

אַזוי דערציילט חנניא, און ר' חייא קוקט אויף אים מיט גרויס צער און פרעגט:

— און ווי אַלט ביסטו חנניא?

— זיבעצן יאָר און צען חדשים.

פאַרטראַכט זיך ר' חייא... "נעבעך— טראַכט ער— אָן אַריכת ימים"! דערווייל הייבט חנניא אויף זיינע גרויסע אויגן אויף ר' חייאן און זאָגט מיט אַ האַרציק געבעט שטיל און פאַרציטערט:

— רבי, וועט איר מיך אַריינגעמען אין דער ישיבה?

— "אַ לערע נשמה— טראַכט ר' חייא— אָן אַ וואָרט תורה, און פון האַלדז שפּילט אַרויס דוד המלכס פידעלע"— און הויך זאָגט ער:

— גיי, מיין קינד, שלאָפן... זאָג דעם ריש דוכנא, ער זאָל דיר ווייזן ווו, און קום מאָרגן פרי צו מיר נאָך אַ תשובה, אַצונד גיי, מיין קינד...

חנניא גייט אַרויס, און ר' חייא בלייבט נאָך אַ ווײַלע אין סוכה, ער קוקט דורכן פענסטערל אין הימל אַריין און פרעגט:

---

1) שלאַנגען. 2) עקדעשן.

— זאָל עס זיין דער?

נאָר דער הימל איז פאַרוואָלקנט און שווייגט.

און פאַרוואָס ר׳ חייאן איז שווער געווען צו געבן חנניאן אַ תשובה באַלד אויפן אָרט, וועט מען זען אין שמועס מיט חנניאן צו מאָרגנס אין דער פרי.

— חנניא בני, — זאָגט ער אים אין אַ באַזונדער חדר — זיי וויסן, מיין קינד, אַז בנוגע צו דיין בקשה, איך זאָל דיך אַריינגעמען אין מיין ישיבה אַריין, איז פון מיין צד קיין מניעה נישט, נאָר...

הייבט חנניא אָן אויפן גאַנצן לייב צו ציטערן.

— רבי, — זאָגט ער — לאָזט מיך זיצן ווי אַמווייטסטן פון אייך, ערגעץ ווו אין אַן עק באַנק, אין אַ פינסטער ווינקעלע, איך וויל נאָר הערן, וואָס איר וועט זאָגן פאַר זיי, פאַר די תלמידים... נאָר הערן וויל איך...

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וויל — טרייסט אים ר׳ חייא — נאָר, זאָגט ער, איך האָב פחד, עס זיינען דאָך פאָרט יונגע לייט, מעשה נערות[1], זיי וועלן אויס דיר, חס ושלום חוזק מאַכן...

שרייט אויס חנניא מיט פרייד:

— אדרבא, רבי, איך דאַרף ליידן און אָפּקומען, וואָס מער יסורים, וועט געשווינטער אַראָפּ די קללה.

— זאָל זיין אַזוי — איז ר׳ חייא מרוצה — און נעמט חנניאן אָן ביי דער האַנט און פירט אים מיט זיך אין דער ישיבה אַריין, און זעצט אים לויט זיין פאַרלאַנג באַזונדער, גאָר אָן אַ זייט פון די תלמידים.

און ר׳ חייא זאָגט דעם שיעור, און פון צייט צו צייט וואַרפט ער אַן אויג אויף חנניאן. זעט ער, ווי דער בחור זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן, נאָר אָפענע אויערן, און הערט זיך איין צום שיעור, און זיין פנים רויטלט זיך, ווען ער כאַפּט אַ וואָרט און ווערט בלאַס פאַר שרעק, אַז עס ווערט אים עפּעס פאַרלאָרן. און טיילמאָל פאַלט אויף אים אַ מרה שחורה, ווען ער קאָן אפילו דאָס טייטש־וואָרט נישט כאַפּן. דערמאָנט עס ר׳ חייאן אָן אַ פאַרשמאַכטן קעמל, וואָס בלאָנדזשעט אין מדבר און האָט יסורים פון דאָרשט, און נחת דערפון, און ער הערט פון ווייטנס אַ קלאָר ריזלען פון אַ קוואַל.

און ר׳ חייא זאָגט, און די תלמידים פרעגן קשיות, און ר׳ חייא ענטפערט, און מ׳אַמפּערט זיך, נאָר איין חנניא שווייגט, ער זאָל קיין פאַרע פון מויל נישט אַרויסלאָזן, און פירט מיט קיינעם קיין חברותא נישט. און דאָס מסירת נפש, מיט וועלכן ער לאָקערט אויף יעדעס וואָרט, איז צעגאָסן אויף זיין פנים... און אַז דער שיעור ענדיקט זיך, גייט ער אַ ביסל אַרום איינער אַליין און אויף אָפּגעלעגענע פאַרוואָקסענע וועגן, ביז ער קומט צו צו אַ פאַרגעסענע סוכה צווישן אַלעאַנדער ביימער, און זעצט זיך דאָרט אין התבודדות און קומט ערשט אַרויס צו מנחה־צייט.

איינמאָל גייט ר׳ חייא פאַר מנחה אַראָפּ צו חנניאן אין סוכה, אויסצופאָרשן, ווו ער האַלט אין לימוד.

ביסט שוין עפּעס תופס? — פרעגט ער.

— דערווייל נאָך נישט, רבי! די זכיה האָב איך נאָך נישט געהאַט, נאָר הערן

---

[1]) שטיפעריי.

הער איך, וואָס אַמאָל מער, וואָס אַמאָל שאַרפער. און באַהאַלט אין זכּרון וואָס אַמאָל מער טייטש=ווערטער.

שווייגט ר׳ חייא און זיפצט
און חנניא בעט זיך רחמים:
— רבי, לאָזט מיך ריידן פאַר אייך!
— אדרבא! — איז ר׳ חייא מסכּים.

— רבי, מיט מיר געשעט עפּעס ווּנדערלעכס! אין אָנהייב, באַלד דעם ערשטן טאָג, אַז איך בין געזעסן פאַר אייך מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָב געלאָקערט מיט אָפענע אויערן, זיי זאָלן, חלילה, קיין וואָרט נישט פאַרלירן — אַזוי ווי כ׳האָב די אויגן פאַרמאַכט, האָט זיך מיר אָנגעהויבן דאַכטן, אַז איך גיי נאָך אַלץ אַרום און בלאָנדזשע אין מדבר און בין פאַרשמאַכט, און די צונג איז מיר צוגעקלעפּט צום גומען פאַר דאָרשט... נאָר פון ווייטנס הער איך, ווי ס׳ריזלט אַ קלאָר וואַסער, מיט אַ זיס, היימיש קול, וואָס קלינגט ווי אַ בשׂורה טובה, אַ פריש נחת פאַר דער נשמה... און כ׳האָב געפילט, אַז גאָטס רחמנות וועקט זיך איבער מיר, און פירט מיך אויפן גלייכן וועג צום קוואַל, און איך גענען מיך צו אים, צום לעבעדיקן וואַסער, און דער קוואַל גענענט זיך אויך צו מיר און קומט מיר אַקעגן! און איך ווייס דאָך, ווער דער קוואַל מיט זיין לעבעדיק וואַסער איז, איך האָב דאָך אַמאָל פון אים געטרונקען... און אַצונד האָט מיר גאָט געהאָלפן. איך גיי צוריק און דער קוואַל קומט מיר אַנטקעגן, איך גיי מיט אַלע כּוחות... און כאַטש איך קלעטער איבער שטיינער, ביינער און דערנער, פריי איך מיר און גיי... און אַזוי ווי איך גיי צום קוואַל, אַזוי גענענט זיך דער קוואַל צו מיר.

— און זיצנדיק אַליין אין סוכּה, פאַרטראַכט איך מיך אַמאָל, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין געווען ווי אַ שטייג, פול מיט זינגענדיקע פייגל, און די פייגל האָבן גאָטס לויב געזונגען, זיין שבח געשפּילט... דערנאָך איז געקומען אַ כּישוף=מאַכער, און האָט די פייגל אַ כּישוף אָפּגעטאָן, און זיי האָבן אָנגעהויבן אַנדערע נגונים צו זינגען... חוצפּהדיקע, אויסגעלאַסענע... דער פּראָסטער עולם האָט זיך נישט פאַרשטאַנען דערויף, און געלויבט די שטייג און די פייגל אין שטייג, ביז עס איז אַמאָל דורכגעגאַנגען אַ צדיק אַ גרויסער, און איז צוגעגאַנגען זען, וואָס מע זינגט פון שטייג אַרויס פאַרן עולם. האָט ער געהערט, און זיין אויער האָט באַלד געכאַפּט דעם אמתן תּוך פון די ניגונים. און ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו דער שטייג און געזאָגט: אייַדער אַזוי צו זינגען, פאַרשטומט בעסער, פייגל! און ער האָט אַ בייזן בלאָז געטאָן אין שטייג אַריין מיט אַ בייזן, קאַלטן אָטעם, און תּוך=כּדי=דיבור זיינען די פייגל ווי פאַרכּישופט און פאַרשאָלטן געוואָרן, און זיינען פאַרשטומט און פאַרפרוירן אַראָפּגעפאַלן אויף די פּאָדלאָגע פון שטייג, און זיי ליגן דאָרט צענויפגעקנוילט, מיט פאַרוויקלטע פליגל, מיט פאַרשלאָסענע שנאָבלען און פאַרמאַכטע אויגן, ווי די טויטע...

און אַז איך הער מיך איין צו אייער שיעור, און כאַפּ אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, וועקט יעדעס וואָרט אין מיר אויף אַן אַנדער פייגעלע, עפנט עס זיינע אייגעלעך און זיין מיילעכל און הייבט אָן זינגען מיט אַ שוואַך קול, מיט אַ שטילס, נאָר גוטע ניגונים: פרומע, ערלעכע ניגונים... און רירט שטיל מיט די פליגעלעך... אָט אָט וועט עס פליען.

— זעסט, חנניא, גאָט האָט רחמנות — טרייסט אים ר׳ חייא.
לאָזט זיך אָבער חנניא נישט טרייסטן.

— דאָס אַלץ, — קלאָגט ער זיך — איז אָבער נאָר בייטאָג... און אַזוי ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ, לייגן זיך די שאָטנס פון דער נאַכט צוריק אויף מיין נשמה... אַלץ אין שטייג ווערט צוריק פאַרשטומט, פאַרפרוירן, און וואָס עס האָט מיט אַ פליגל גערירט, ווערט געליימט און פאַלט צוריק אַראָפּ ווי טויט, מיט אַ פאַרשלאָסן מיילעכל, מיט פאַרמאַכטע, אויגן...

האָט ר׳ חייא דערפון גרויס צער, זאָגט ער אים: גיי, מיין קינד, דאַוונען מִנחָה... איך וויל דאָ בלייבן און אויף דיר מתפלל זיין...

קוקט אויף אים חנניא מיט גרויס ליבשאַפט און דאַנק, און גייט אַרויס פון סוכה.

ר׳ חייא בלייבט אַליין, ער דאַוונט אָפּ מנחה ומעריב אין סוכה און וויל אַרויסגיין אין גאָרטן אַריין, מִתפַלל צו זיין פאַר חנניאן אונטערן הימל. קומט ער צו צו דער שוועל פון סוכה, דערזעט ער, אַז אַ פּאָר טריט אינגאַנצן פאַר דער סוכה האָבן זיך צוויי שלאַנגען אַרומגערינגלט אַרום צוויי נאָענטע אַלעאַנדערביימער. און זיי האָבן איינע קעגן דער אַנדערער אויסגעבויגן די פיסקלעך אַזוי, אַז די גיפט־געפעלעך האָבן זיך כמעט אָנגערירט.

קען ר׳ חייא אַלע חיות ועופות פון זיין גאָרטן: הן די, וואָס ליגן אויף די ביימער צווישן די צווייגן; הן די, וואָס קריכן אַרום איבער די בלעטער פון אַלערליי נידעריקע פלאַנצן און אויף די בייטן פון אַלערליי קרויט; ווי אויך די, וואָס פּרוכּפּערן זיך נידעריק אין גראָז. דערקענט באַלד ר׳ חייא, אַז איין שלאַנג איז אַ היימישע שלאַנג, די צווייטע, וואָס הייסט „עַכנַאי״, איז אַ פרעמדע שלאַנג, וואָס ער האָט נאָך דאָ נישט געזען. וויל ער וויסן, נאָך וואָס זי איז אהער געקומען. ציט ער זיך צוריק אַריין אין שאָטן פון דער סוכה, הערט ער, ווי דאָס זעלבע פרעגט די היימישע שלאַנג און ווי די פרעמדע ענטפערט איר:

— איך בין געקומען דאָ עמיצן בייסן.

שמייכלט די היימישע שלאַנג:

— אומזיסט איז דיין טִרחָה: איך בין דאָ שוין לאַנג אַ היימישע, און געקומען בין איך אַ ברענענדיקע שלאַנג, אַ מְרַשַעַת, און פלעג בייסן די תּלמידים פון ישיבה. מיט דער צייט האָב איך אָבער אויפגעהערט צו בייסן. און ווייסט פאַרוואָס? ווייל ר׳ חייא, דער ראש פון דער ישיבה, איז אַמאָל אַ סוחר געווען און געמאַכט אַמאָל ווייטע נסיעות איבער דער וועלט, און פון אַלטע שייכן, וואָס האָבן שֶבַע חָכמות בירוּשָה און מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפן אויפן וועג, האָט ער זיך אויסגעלערנט צווישן אַנדערע חכמות אויך חכמת הָרפוּאה... און זיי האָבן אים אָנגעוויזן, און ער האָט זיך געבראַכט פון ווייטע אינזלען גראָז אויף רפואות קעגן אונדזער בייסן... איך בייס און ער היילט... זע איך, אַז איך אַרבעט אומזיסט, האָב איך אינגאַנצן אויפגעהערט צו בייסן ...

— נאַרישׁ! ענטפערט די פרעמדע שלאַנג. — גראָזן — זאָגט זי — העלפן נאָר דעמאָלט, ווען אַ שלאַנג בייסט מִדַעַת עַצמָה פאַר שִׂנאָה. איך אָבער קום נישט מיט מיין אייגענעם ווילן, נישט אויס רְשעות וועל איך בייסן; איך קום אין שליחות פון מַלאַך־הַמָוֶת וואָס האָט מיך געשיקט מקיים צו זיין אַ פסק אויף אַ חַיָיב־מִיתָה.

— ווו האָסטו דאָ אַ חייב־מיתה? סאַמע תּלמידי חכמים, צדיקים!... — וווּנדערט זיך די היימישע שלאַנג.

— אַט דער בחור חנניא, וואָס האָט יעדן טאָג דאָ התבודדות אין סוכה, איז חייב מיתה.

— איז מעגלעך?

— זעסט דאָך! ער האָט מבײַש געווען אַ תּלמיד־חכם, אליהו הנביאס אַ תּלמיד... ברבים... אין טאָג פון תּלמיד חכמס חופּה! און אַ שטיקל פּסק האָט ער באַלד באַקומען: דער ראש ישיבה פֿון ירושלים, וואָס איז דערבײַ געווען, האָט אים פֿאַרשאָלטן, ער זאָל פֿאַרגעסן דאָס לערנען, און אַרויסגעגעבן אַ תּשובה, ער זאָל ווערן נע ונד, טראָגן לײַוונטענע קליידער, מיט אַ פֿראָסטן האַנפֿענעם גאַרטל אויף די לענדן. און האָט אים געגעבן אין דער האַנט אַריין אַן אָפּגעשײלטן צווײַג פֿון אַ מאַנדלבוים, און געזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט דערמאָנען דאָס לערנען, ביז דער שטעקן וועט נישט אויפֿבליִען!

— הייסט עס — לעולם ועד! מאַכט די היימישע שלאַנג.

— דאָס קען מען נישט וויסן! — ענטפֿערט די פֿרעמדע, — נאָר אין הימל איז מען אויף דעם פּסק נישט באַשטאַנען! דאָס איז ווייניק, האָט מען געזאָגט: מע דאַרף אים צונעמען דעם חלק לעולם הבא. האָט זיך אָבער דער שר התורה אַנטקעגן געשטעלט ניין און ניין! איז געבליבן, אַז מע זאָל אים געבן אַ כּפּרת עוון...[1]) זאָל דער בחור חתונה האָבן מיט אַ בת־טובים, און צום אַכטן טאָג נאָך דער חופּה זאָל ער שטאַרבן... האַלב וועט מכפּר זײַן די חופּה מיט די שבע ברכות, די אַנדערע העלפֿט — די מיתה...

די שלאַנג איז שוין מיד געוואָרן רײדנדיק, בעט זי זיך בײַ דער חברטאָרין, זי זאָל זי פֿירן צום וואַסער. וויקלען זיך די שלאַנגען אָפּ און גייען אַוועק... און אויף ר׳ חייאן פֿאַלט אַ גרויסע שרעק...

וואָרום ר׳ חייא איז צו אַ גרויסן נסיון געקומען: וועט ער חנניאן נישט חתונה מאַכן, וועט ער זיך קיינמאָל נישט דערמאָנען דאָס לערנען... יאָ חתונה מאַכן? טייט ער אים מיט די אייגענע הענט! און ווי קען ער נעמען אַ בת ישראל און ברענגען פֿאַר אַ קרבן? מאַכן אַכט טאָג נאָך דער חתונה פֿאַר אַן אלמנה?

קוקט ער און קוקט אין הימל אַריין; דער הימל שווײַגט, נאָר דאָס האַרץ אין ר׳ חייאן הייבט אָן שטאַרק צו קלאַפּן און צו צאַפּלען; און ער הערט בחוש אַ קול פֿון האַרץ אַרויס:

— חייא, זײַ מקריב דײַן טאָכטער, דײַן בת יחידה מרים...

נישט אַזוי לײַכט איז אָבער מקריב צו זײַן אַן איינציקע טאָכטער. הייבט ער אויף צום הימל די אויגן און איז מתפּלל...

וויקלט זיך אָפּ דער וואָלקן פֿון הימל, און עס באַווײַזן זיך מיליאָנען שטערנדלעך מיטאַמאָל, און זיי ווינקען צו אים מיט חסד, מיט בטחון, מיט אַ גוטן צוזאָג.

איינמאָל פֿאַרנאַכט, נאָך אַ תּענית, זיצט אַזוי ר׳ חייא אויף דעם שטול, קומט אויף אים אַ חולשת הלב[2]) פֿאַרמאַכן זיך אים די אויגן, און ער דרימלט איין. און באותו הרגע באַווײַזט זיך אים שרה די צדיקת. זען זעט זי אויס פּונקט ווי בשעת פּטירה, און קוקט אויף אים מיט די זעלבע חן־וחסד־שטראַלנדיקע אויגן, און זי לייגט אים מיט גרויס ליבשאַפֿט די רעכטע האַנט אויפֿן אַקסל און זאָגט אים:

---

[1]) פֿאַרגעבונג פֿון די זינד. [2]) אַ שוואַכקייט פֿון האַרץ.

— זאָרג נישט, חייא, אונדזער טאָכטערס מזל שיינט ווי די זון. פאַרלאָז דיך אויף איר...

און עמיץ, פילט ער, וועקט אים... עפנט ער די אויגן אויף, דערזעט ער, אַז מרימל, זיין איינציקע טאָכטער, שטייט פאַר אים, און לייגט איר רעכטע האַנט אויף דעם אייגענעם אַקסל, ווו איר מוטער האָט איר האַנט געהאַלטן, און זי זאָגט אים:

— טאַטעשי, זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיך געוועקט... די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, די לבנה איז שוין אַרויפגעשווומען אויפן הימל און די שטערנדלעך האָבן זיך צעפלאַקערט, שוין צייט זאָלסט עפעס טועם זיין, טאַטעשי...

נעמט ער זי אָן מיט ליבשאַפט ביי דער האַנט און דריקט זי צום האַרץ און זאָגט איר:

— טאָכטערשי, איך וועל נישט טועם זיין, ביז איך וועל דיך נישט פרעגן און דו וועסט מיר נישט ענטפערן דעם אמת.

באַהאַלט מרימל איר פנים אויף זיין ברוסט און זאָגט שטילערהייט:

— פרעג, טאַטעשי.

זאָגט ער איר: זע, טאָכטער מיינע! יאָרן ציען, איך בין שוין נישט יונג... די באָרד מיינע איז ווייס, ווי דער שניי אויפן באַרג חרמון — און וואָס וועט זיין, טאָכטער, אַז מע וועט מיך רופן צום בית־דין של מעלה, און צו דער מאַמען דיינער, — אויף וועמעס באַראָט וועל איך דיך איבערלאָזן?

— טאַטעשי, רייד נישט דערפון... איך וועל שטענדיק טאָן דיין רצון...

פרעגט ער זי כהאי לישנא:[1]

— זאָג מיר דעם אמת, מרימל, וועלכער פון מיינע תלמידים וואָלט דיר צום בעסטן געפעלן פאַר אַ מאַן?

— חנניא! — ענטפערט מרימל שטיל, אַזוי שטיל, אַז נאָר אַ פאָטערס אַן אויער האָט געקאָנט אויפכאַפּן דעם נאָמען.

ווערט ר׳ חייא נבהל ונשתומם און פרעגט:

— און מיט וואָס געפעלט ער עס דיר טאָכטער? האָסט גערעדט מיט אים?

ענטפערט זי:

— חס ושלום!

שמייכלט ר׳ חייא און פרעגט:

— וואָס דען, קינד? אַדרבא, דערצייל.

און אַז ער זעט, אַז עס איר נישט לייכט צו ריידן, זאָגט ער:

— איך בין אויף דיר גוזר בכיבוד־אָב!

דערציילט זי אים, אַז באַלד אין דער ערשטער רגע איז ער איר געפעלן. ערשטנס — דאָס קול; עס גיסט זיך אין איר האַרץ אַריין, ווי כּשרער בוימל! צווייטנס — די גבורה!

— גבורה? — וווּנדערט זיך ר׳ חייא.

— אוודאי איז אַ גבורה, אַז אַ בחור גייט אַרום אין לייוונטענע קליידער צווישן לייטישע חברים און שעמט זיך נישט, און האָט קיין מורא נישט...

— און שוין? — וווּנדערט זיך ר׳ חייא.

— און פאַר זיין גוט האַרץ, וואָס קוקט אים, ווען ער הייבט די ברעמען

[1] אַט מיט די ווערטער.

אויף, פון די אויגן אַרויס. און זיין טרויער... עס כאַפּט אָן ביים האַרץ...

— קינד, ער קומט אָפּ... אַ זינד ליגט אים אויף דער נשמה!

— גאָט מוז אים מוחל זיין! — רייסט זיך איר אַרויס פון מויל מיט בטחון — איך גיי אַמאָל פאַרביי דער סוכּה, ווו ער זיצט פאַר מנחה... הער איך זיינע תּפילות! טאַטעשי, איז אַ מעגלעכע זאַך, מע זאָל אַזוינע האַרציקע תּפילות נישט הערן?

— איך ווייס נישט זיין זינד... נאָר זיין תּשובה איז גרויס! עס ליגט אויף זיין פּנים אַזוי פיל חרטה, אַזוי פיל האַרצווייטאָק... טיילמאָל — אַזאַ מרה־שחורה! מע מוז אויף אים רחמנות האָבן...

— האָסטו נאָר רחמנות, טאַטער?

— דאָס איז געווען דער אָנהייב, טאַטעשי... איך זאָל זיין — האָב איך אַמאָל געטראַכט — אויף דיין אָרט, טאַטעשי, וואָלט איך פאַר אים שטענדיק מתפּלל געווען... דערנאָך האָב איך אַזאַ געדאַנק געהאַט: איך זאָל זיין אַ ברודער זיינער, וואָלט איך מיך פאַר אים מוסר נפש געווען... און פלוצלונג, טאַטעשי, — דו הייסט דאָך מיר זאָגן דעם אמת — האָט מיר אַ שטראָם הייס בלוט צוגעשלאָגן צום האַרץ... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז באמת מוסר־נפש זיין קאָן זיך נאָר אַ ווייב! אַז דו ביסט אויף מיר גוזר, דערצייל איך דיר!...

— און איינמאָל, טאַטעשי, האָב איך וועגן דעם אַ חלום געהאַט.

עס איז געווען ל״ג בעומר. דו ביסט מיט דיינע תּלמידים שפּאַצירן געפאָרן אויף דער שיף איבערן ים... חנניא אויך; דו האָסט אים געהייסן... און געזען האָב איך דורכן פענסטער ווי טרויעריק ער איז אַרויף אויף דער שיף...

און איך בין איינע אַליין געבליבן... עס איז מיר אומעטיק געוואָרן איינע אַליין אין הויז און אַזוי טרויעריק... בין איך אַראָפּגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין. אין גאָרטן איז אויך געווען שטיל — קיין פויגל האָט נישט געזונגען... עס האָט קיין וואָרעם אין קיין בוים נישט געקלאַפּט... און איך בין וווּנדערלעך טרויעריק און מיד געוואָרן... גיי איך צו די בלומען... שטייען זיי אַלע פאַרחלשט און געבויגן; עס איז אַ הייסער טאָג געווען... לייג איך מיך אויף אַ בייט ביי די ווייסע ליליען, מיט די הענט הינ־טערן קאָפּ, און קוק אַזוי אין הימל אַריין... און ווער אַזוי איינגעדרימלט, חלומט זיך מיר אַ חלום:

עס פליט אונטערן הימל אַ טויב... אַ ווייסע, שטילע, טרויעריקע טויב. און אונ־טער איר, — די טויב זעט עס נישט — פליט נאָך אַ שוואַרצער פויגל, מיט אַן אויס־געשטרעקטן שאַרפן שנאָבל און וויל שטעכן די טויב. קריג איך אויף דער טויב אַ ווילד רחמנות און הייב אָן רופן, שרייען. די טויב הערט מיך נישט, שווימט ווייטער אין דער לופט, נאָר דער שוואַרצער פייגל דערשרעקט זיך און ווערט פאַשווונדן אויף אַ ווײַלע... ער קומט אָבער צוריק, פליט האַסטיקער, הייבט אָן דעריאָגן די טויב... וועקט זיך אין מיר נאָך אַ שטאַרקער, נאָך אַ ברענענדיקער רחמנות; שריי איך נאָך העכער. דער שוואַרצער פויגל דערשרעקט זיך נאָך אַמאָל, רוקט זיך אַביסל הינטער־ווײַלעכטס צוריק... און פליט נאָך אַמאָל צו... שריי איך נאָך האַרצרייסנדיקער... און אַזוי עטלעכע מאָל, ביז די טויב האָט מיך אויך דערהערט, און לאָזט זיך אַראָפּ צו מיר און מאַכט צו מיר טרויעריק:

וואָס שרייסטו, קינד!

ענטפער איך:

— איך זאָג אָפּ פון דיר דעם שוואַרצן פויגל, וואָס דו זעסט נישט און וואָס וויל דיך טייטן!

ענטפערט מיר די טויב מיט מרה-שחורה:

נישט ער וויל, ער מוז מיך טייטן.. איך בין אַ חייב מיתה... און ער וועט מיך טייטן, אויב עמיץ וועט זיך נישט פאַר מיר מוסר נפש זיין! דאָס אָבער — זאָגט זי טרויעריק — וועט קיינער נישט טאָן!

— איך! — שריי איך אויס צו דער טויב — איך וועל עס טאָן!

— און וועסט קיין חרטה נישט האָבן?

— ניין! — און איך שווער איר צו, אַז ניין...

ניקט זי צו מיר, די טויב, מיט ליבשאַפט, שטייט אַ ווײַלע און פליט אַוועק. און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס עס באַטייט...

די טויב איז ער — חנניא... און מוסר נפש זיין, טאַטעשי, קאָן זיך נאָר אַ ווייב. און געשוואָרן האָב איך!

ווערט ר׳ חייא זייער טרויעריק און פרעגט:

— און ווי איז, אַז דעם חנניא איז קיין אורך-ימים נישט באַשערט? ער מוז אַוועקגיין יונגערהייט פון דער וועלט?

ענטפערט זי:

— וויפיל עס איז אים יאָרן באַשערט, אַזוי פיל גוטע זאָל ער האָבן...

טרויעריק לייכטן אויף ר׳ חייאס אויגן, און ער פרעגט:

— און ווי איז, אַז זיין לעבן אין הימל איז גערעכנט נישט אויף יאָרן, נאָר פון דער חופּה אָן אויף טעג?

— זאָל זיין טעג! אָבער גוטע זאָל ער האָבן!

— און דו ווילסט אַ יונגע אַלמנה בלייבן?

— אָבער אַ געבענטשטע פון גאָט!

בלייבט ר׳ חייא זיצן, נישט פאַרשטייענדיק די גבורה פון יונגן קינד.

„אַ הימל-זאַך“, טראַכט ער.

און זי לייגט אים נאָך אַמאָל די האַנט אויפן אַקסל און מיט אויפגעהויבענע אויגן, און מיט אַ קול פון אַ נביאה, זאָגט זי:

— איך האָף אָבער, אַז דער גזר-דין, וואָס הענגט איבער אים, וועט בטל ווערן! — איך וועל פאַר אים מיין לעבן אַוועקגעבן.

— ווי אַזוי, טאָכטערשי?...

— איך אַליין ווייס נישט, ווײַל איך ווייס דאָך נאָך נישט, וואָס פאַר אַ זינד ער דאַרף אָפּקומען. שפּעטער, וועט ער מיר שוין זאָגן...

אין ר׳ חייאס שווער האַרץ בלייבט שוין קיין ספק נישט, אַז עס איז אַ זיווג פון גאָט... און הויך זאָגט ער:

— מזל-טוב דיר, טאָכטער! אם-ירצה-השם וועלן מיר מאָרגן שרייבן תנאים.

מרים בייגט זיך איבערן פאָטערס האַנט, און אַז זי האָט זיך צוריק אויפגעהויבן, האָט זי ר׳ חייא כמעט נישט דערקענט. זי איז מיטאַמאָל אַזוי גליקלעך געוואָרן... שטראַלנדיק איז זי מיט אַמאָל געוואָרן.

— האָסט גאָר קיין פּחד נישט, מרים!

— ניין!

און איר קול האָט געקלונגען אַזוי קלאָר און אַזוי ריין, ווי קריסטאַל...

דעם צווייטן טאָג האָט מען תּנאים געשריבן און דעם זמן החתונה האָט מען מגביל געווען אויף אַ חודש. דער עולם האָט געגאַפט. די בחורים פון דער ישיבה זיינען אויסער זיך: דעם עם־האָרץ זאָל אַזוינס קומען! פאַר דרך ארץ אָבער שווייגט מען.

און דער חודש גייט פאַרביי... רופט ר׳ חייא אין טאָג פון דער חופּה אַריין די טאָכטער און זאָגט איר:

— זיי וויסן, מרים, אַז אויף דיין חתן איז נגזר געוואָרן אַוועקצוגיין פון דער וועלט דעם אַכטן טאָג נאָך דער חופּה...

און ער דערציילט איר, וואָס ער האָט געהערט פון דער שלאַנג, און זאָגט איר, אַז אויב זי איז נישט פעסט אין דער דעה, קאָן זי נאָך חרטה קריגן.

ענטפערט אים מרימל:

— איך בין פעסט, און מיין הארץ איז פעסט, און אַז איך ווייס דעם גזר־דין, ווייס איך שוין, ווי אַזוי איך וועל אים מבטל זיין!

— דו! אין וועמענס זכות, אין וועמענס כּוח? — קאָן זיך נישט אויסוווּנדערן ר׳ חייא...

און מרימל זאָגט: — אין כּוח פון מיין אמונה...

בלייבט צו שטעלן אַ חופּה...

און עס איז אַ חתן־מאָל, זיצט דער חתן אין זיינע מלבושים און רעדט נישט אַ וואָרט...

ר׳ חייא האַלט פאַר אים אַ דרשה, און ער הערט זיך איין מיט נחת און צער צוזאַמען...

פירט מען דעם חתן צו קבּלת־פּנים, זיצט די כּלה אין לייוונטענע קליידער, אַפּנים שלא לבייש את החתן, און מיט אַ פּראָסטן טוך איבערן קאָפּ...

און אַז מע הייבט־אויף דאָס טוך, שיינט אויף אַ פּנים, ווי אַ זון, אויגן קלאָרע, גלויבנדיקע, שטיל, נאָר טיף גליקלעכע!

לויפט זיך גאַנץ צפת צוזאַמען צו דער חופּה — שטייט דער חתן אונטער דער חופּה אין לייוונטענע קליידער, מיט אַ האַנפענעם שטריק אויף די לענדן און מיט אַ וואַלדשטעקן אין דער האַנט...

און מע פירט אַרום אים די כּלה אין וואָכנדיקע קליידער, שלא לבייש את החתן... און ר׳ חייא שטייט און שעפּט נחת און וויינט...

און אַז ער וויל פאַרזאָגן דעם חתן „הרי את״ — פרעגט ער:

— וואָס טייטש?

און ר׳ חייא גייט צו און פאַרטייטשט אים וואָרט ביי וואָרט... און אַזוי פאַר־טייטשט ער אים די ברכות און די כּתובה...

גאַפט מען.

נאָר אַז ר׳ חייא טוט אַזוי, מן הסתּם ווייסט ער, וואָס ער טוט...

נאָך מער געגאַפט האָט מען איבער דעם, וואָס דער חתן האָט קיין וואָרט תּורה נישט געזאָגט, אפילו נישט ביי דער סעודה, און אַז מע האָט דעריבער נישט אויסגערופן קיין דרשה־געשאַנק, אַפילו נישט פון כּלהס צד...

און די שבע ברכות — עס איז געווען זומער־צייט — זיינען אין גאָרטן געווען... אויף דער מיטעלער ברייטער אַלעע זיינען געשטאַנען טישן פאַר זכרים באַזונדער, און פאַר ווייבער באַזונדער, און די כּלה איז געזעסן ווי אַן אָרעמע כּלה צווישן רייכע

געסט; און דער חתן איז געזעסן ווי אַ שטומער צווישן אַלע למדנים און רבנים, וואָס האָבן געדרשנט און גערעדט תּורה, און איבער אַלע — ר׳ חייא...

און ר׳ חייא, צי ער אַליין האָט געזאָגט, צי אַנדערע, איז אַלץ געזעסן אומרויִק און האָט עפּעס געזוכט אַרום און אַרום מיט די אויגן אויף דער ערד. צי האָט ער נישט חרטה אויפן שידוך? חס ושלום! ער זוכט נאָר מיט די אויגן די פרעמדע שלאַנג, און זעט, ווי דער „עכנאי״ דרייט זיך אַרום שטילערהייט צווישן די געסט, פון קיינעם נישט געזען, און לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון זיין קרבן — פון חתן חנניא...

און אין אָוונט, נאָך די לעצטע שבע ברכות, האָט ר׳ חייא צוגערופן די טאָכ־טער און האָט איר געזאָגט מיט אַ משונהדיק קול:

— טאָכטער, מאָרגן איז דער יום־הדין, שטאַרק זיך!

— איך בין שטאַרק! — ענטפערט דאָס יונגע ווייבל, — איך בין געבענטשט פון גאָט! און — גיט זי צו מיט בטחון — איך וועל אים אויסלייזן פון טויט...

— זאָל דיר גאָט העלפן! ווינטשט איר ר׳ חייא מיט הייסע טרערן.

— נאָר געדענק, — זאָגט זי, — טאַטעשי, אַז מאָרגן דאַרף פריער זיין דער נס! — דער שטעקן דאַרף בלייבן, זיין נשמה אויך! ער דאַרף זאָגן פאַר דיר אַ חילוק! קום צו אונדז, טאַטעשי, גאַנץ פרי, פאַרשלאָף נישט!

טראַכט ער: צי וועל איך דען שלאָפן? און הויך זאָגט ער איר צו.

און צומאָרגנס, אַז ר׳ חייא איז געקומען צום פּאָר פאָלק, איז שוין מרים געווען אָנגעטאָן. נאָר חנניא איז געלעגן אין בעט.

— זייט מיר מוחל, שווער, — זאָגט ער, — איך פיל מיך נישט בבֿקור־הבריאָה[1])...

— און ער פאַרמאַכט צוריק די אויגן.

קוקט ר׳ חייא אויפן ווייסן שטעקן, וואָס שטייט חנניאן צוקאָפּנס, גלויבט ער זיינע אויגן ניט — דער שטעקן באַדעקט זיך מיט אַ גרינער הויט, די הויט — ווערט אָנגעדראָלן מיט אָדערלעך, באַדעקט זיך מיט קנאָספּן און הייבט אָן בליען... וויל ער זיך אויפהייבן און נענטער זיך צוקוקן צום נס. דערזעט ער אָבער, ווי חנניאס פּנים פאַרענדערט זיך, רייטלט זיך, און ער עפנט־אויף אַ פּאָר שטילע, קלאָרע, געבענטשטע אויגן, אָן אַ צייכן פון אַ קללה. — קוקט ער און גאַפט, זוכט ער מיט די אויגן די טאָכטער, צי זי זעט, — איז אָבער מרימל שוין נעלם געוואָרן. און דערווייל עפנט חנניא די ליפּן און הייבט אָן דרשענען, און ר׳ חייא הערט און פאַרגעסט אָן אַלעם: אָן נס פון שטעקן, אָן דער טאָכטער, אָן „עכנאי״ — דעם שליח פון מלאך המות; פּערל שיטן זיך חנניאן פון מויל: תּורה און סתרי־תורה. און ער עפנט פאַר ר׳ חייאן די טויערן פון אַ נייעם עולם התורה — אַ וווּנדערלעכער גאָרטן — אַ גן עדן מיטן עץ הדעת מיטן עץ החיים און אַלערליי אַנדערע פּירות, און די ריינע ליכט פון שבֿעת־הימים באַשיינט אַלץ און באַשיט מיט ריין גינגאָלד, און אַלע ביימער בליען, און מחנות פייגל זינגען צווישן די בלעטער און פּירות אויף די צווייגן — און עס בליט און שפּראָצט, און זינגט, און שפּילט... חנניא רעדט, און ר׳ חייאן דאַכט זיך, אַז די נשמה פון דער וועלט רעדט! צי חלומט ער נישט? ווייט און ברייט עפנט ער די אויגן — די אויערן זעפן־איין וווּנדערלעכע קולות. מיטן אָפענעם מויל שלינגט חנניא די ווערטער פון די ליפּן אַראָפּ און אַ הייליקער, שטילער נחת צעגייט זיך אים אין אַלע גלידער.

און מרימל, אַזוי ווי זי האָט דערזען, ווי דער שטעקן הייבט אָן בליען, און

[1]) מיט אַלעמען, ביים געזונט.

דער פאָטער, ר׳ חייא, איז פאַרקוקט אויפן שטעקן, האָט זי געכאַפּט דעם מאַנס לייוונטענע מלבושים און איז פון שטוב אַרויס... שטיל און לייכט גייט זי אַרויס פון חדר, דער דיוואַן זאַפּט אין זיך איין אירע לייכטע טריט... און זי לויפט איבער אַלע חדרים ביז צום לעצטן חדר, פאַר דער פאָדער־שטוב... קיין שום בן־אָדם טרעפט זי נישט איבערן וועג. זי האָט נאָך נעכטן אָנגעזאָגט, עס זאָל זיך דאָ קיינער נישט באַווייזן, ביז זי וועט רופן. און אַז זי קוקט זיך אום און זעט, אַז זי איז אַליין, וואַרפט זי פון זיך אַראָפּ אירע קליידער, און כאַפּט אויף זיך דעם מאַנס לייוונטענע מלבושים און לויפט־צו און עפנט די טיר און זעצט זיך אויף דער שוועל פון פאָדער־שטוב אין גאָרטן אַריין. אַזוי זיצט זי אַ ווײַלע שטיל און קוקט אויף די אַלעע, וואָס ציט זיך פון דער הויז־טיר, ווייט, ווייט און ווערט פאַרלוירן צווישן די אָלעאַנדער־ביימער..

און אירע ליפּן שעפּטשען תּפילות והתחנונים צום בורא עולם, ער זאָל אָננעמען איר קרבן; און אַז זי דערזעט, ווי דער „עכנאי" וויקלט זיך אָפּ פון אָלעאַנדער־בוים און לאָזט זיך איבערן וועג, נעמט זי געשווינד און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט, זעט זי אויס כּהויהּ[1]) ווי דער מאַן חנניא. און לאָזן לאָזט זי נאָר איבער אַ דין שפּעלטל צווישן די פינגער, און קוקט, ווי די שלאַנג רוקט זיך און רוקט זיך... און דער „עכנאי" רוקט זיך פּאַמעלעך, בנעימות, נאָר זיכער. ער ווייסט, אַז דער קרבן וועט אים נישט אַנטרינען! — און אַז ער דערזעט חנניאן (אַזוי מיינט ער), ווי ער זיצט זיך רויִק אויף דער שוועל, דאָס פּנים פאַרשטעלט, טראַכט ער: דער קרבן זיצט שטיל און דאָס האַרץ זאָגט אים שלעכטע נביאות... און ער איז מתפּלל, אָדער ער זאָגט וידוי... שטעקט ער דאָס גיפט־קעפּעלע פון מויל אַרויס און האַלט עס גרייט, דאָס כּלי־זיין! און מרימל זעט עס, און זעט ווי דער „עכנאי" הייבט זיך אָן שטאַרקער צו רוקן; די תּאווה פון אַ שלאַנג צו בייסן האָט זיך אין אים דערוועקט; און זי הערט שוין דאָס רייבן מיטן בויך איבערן זאַמד און זיין סאַפּען... און אַז ער קומט נאָענט, און זיינע הויט־פלעקן זעען זיך שוין קלאָר, פאַרמאַכט מרימל דאָס דינע שפּעלטל פון צווישן די פינגער, און בעט אין שטילן האַרץ אָן אָטעם: — „רבונו של עולם, נעם אָן מיין קרבן"... און הייבט אָן וידוי זאָגן... שטיל, אָן אָטעם, אָן אַ ציטער מיט די ליפּן... נאָר איידער זי ענדיקט וידוי, דערפילט זי דעם ביס... און פאַלט אַרונטער אויף דער שוועל און הייבט אָן גוססן, און די נשמה שיידט זיך אָפּ מיט גרויס יסורים פון יונגן גוף.

און אַז די נשמה מרימלס איז אַרויף אויפן הימל, האָט מען געוואַרט אויף איר, דאָס הייסט: אויף חנניאס נשמה... צדיקים זיינען פון גן־עדן אַרויס!

און אַז מע פירט זי צום בית־דין, גיט מען זי אַ פרעג, — אַבי מקיים צו זיין דעם מנהג, ווייסן ווייסט מען דאָך:

— עסקת באמונה?

ענטפערט מרימל:

— איך האָב קיינמאָל נישט געהאַנדלט — —

— האָסטו געלערנט תּורה?

צעשמייכלט זי זיך מיט אַ חן:

— רבונו של עולם, האָסטו דען געהייסן, יידישע טעכטער זאָלן לערנען דיין תּורה?

---

[1]) פונקט, אקוראט.

ווערט אַ גערודער.

— ווער ביסטו? ווער ביסטו?

זאָגט זי: מרים בַּת שָׂרָה וְהִיְא אִשֶּׁת חֲנַנְיָא!

ווערט אַ רַעש... דערגייט מען, אַז זי האָט זיך עס פאַר איר מאַן מוסר־נֶפֶש געווען! אַז „עכנאי" האָט זיך געלאָזט נאַרן. שרייט מען צו דער נשמה:

— גיי, לויף געשווינט צוריק אַראָפּ, גיי צוריק אין דיין גוף אַריין, איידער מע רירט אים פון אָרט!

וויל זי נישט, מרימל! צוויי מאָלליידן יסורֵי מָוֶת — זאָגט זי — איז קיינער נישט מחויב... גייערט — שטעלט זי אַ תּנאַי — אַז מע וועט אָננעמען איר טויט פאַר חנניאס טויט! ער זאָל לעבן!

ווערט אַ געשריי אין פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה[1]:

— מסכים! מסכים! — מע האָט מורא צו פאַרשפּעטיקן!... און מרימלס נשמה קומט תּוך־כּדי־דִבּור צוריק אין גוף אַריין, און זי הייבט זיך אויף אַפילו אויסגעהיילט פון ווונד כּלא הָיָה, און זי לויפט אַריין מיט גרויס שמחה, און דערציילט זיי, וואָס מיט איר האָט געטראָפן. און באותו הרגע זיינען אָנגעקומען צוויי משולחים מיט צוויי בריוו, איינער פון דעם ראש־ישיבה אין ירושלים, און דער צווייטער פון נשיא פון בבל, און אין ביידע בריוו איז מער נישט געשטאַנען ווי איין וואָרט:

— מזל טוב!...

יצחק לייבוש פּרץ

קְדוּשׁ הַשֵּׁם.

(אַ לעגענדע).

ווייס באַשנייט איז דער וועג. די לבנה שפּיגלט זיך אָפּ אין די ברייטע ווייסע פעלדשנייען ווי אין אַ ים; און די שטערן רייבן זיך איינס אָן צווייטן... אַזוי געדיכט זיינען זיי איבערן הימל באַזייט... פון דער ווייטנס הערט זיך אַ יידיש זֶמֶרל, אויסגעמישט מיט דעם קנאַל פון אַ בעל־עגלהס בייטש:

הע, הע, אָן אַ זייט,
יידעלעך פאָרן, יידעלעך פאָרן!
לכה דודי, לכה דודי
לקראת כּלה!

פון וואַנען פאָרן די יידעלעך אַזוי פריילעך? פון אַ חתונה פאָרן יידעלעך. אָנגעשטאָפּט איז די בויד מיט מחותנים, אויפן סאַמע קאָרזשל זיצט דער בעל־עגלה שכורלעך. דאָס היטל שפּרינגט פון קאָפּ, און מיט דער בייטש קנאַלט ער אונטער:

— „הע, הע אָן אַ זייט, אָן אַ זייט! זייט וויסן, פערדלעך, אַז אייער באַלעבאָס איז שכּור, מע פאָרט פון אַ חתונה"... און די פערדלעך האָבן פאַרגעסן דעם טעגלעכן יאָך, לאָזן זיך מיט אימפּעט און טרייבן אַלעס פון וועג אַראָפּ.

און די מחותנים האַלטן איינער דעם צווייטן מיט די הענט אַרומגעאַרעמט,

[1]) הימלישע ספערן.

די שטריימלעך רוקן זיך אָן אַ זייט, די פערד פאַרפלאָנטערן זיך און אַלע אינײנעם שאָקלען זיך צוזאַמען מיט דער פור, ווי ביי דער גמרא און זינגען הויך אויפן קול:

אמר אביי, אמר ר׳ פפא,
די מוזינקע אויסגעגעבן, די מוזינקע אויסגעגעבן!
לכה דודי, לכה דודי
לקראת כּ—לה!

דער וועג לייכט אין שניי און לבנה־ליכט, און אין דער ווייסער לבנה־נאַכט טראָגט זיך די יידנס זֶמֶר:

לכה דודי, לכה דודי
לקראַת כּלה!

עס זעען ניט די יידעלעך, ווי דער פריץ פון שטעטל קומט זיי אַנטקעגן מיט דריי פערד „נאַשפּיץ”. עס הערן ניט די יידעלעך ווי דער פריץ רופט: העי זשידי, דאַיטשע דראָגי!” (העי, יידן, לאָזט דעם וועג). פריילעך זינגען יידן, אַ טאָכטער אויסגעגעבן. נאָך אַ יידיש פּאָר ביי יידן צוגעקומען. אַ נייע הויז אין יידיש פאָלק, און יעדעס יידישע הויז איז ווי יעקב אָבינוס הויז. און ווער הערט היינט דעם פריץ מיט זיינע משרתים. „דאַיטשע דראָגי, זשידי!”, שרייט דער פריץ, די יידעלעך ענטפערן אים: מיר, יידן, האָבן אַ משיח, און וואָס האָסטו? מיר דינען דעם איינציקן לעבעדיקן בורא. און דו וועמען? דער רבי איז אונדזער מליץ־יושר. און דיינער ווער? און זיי גיבן ניט דעם פריץ דעם וועג, זיי נעמען פאַרן פריץ דאָס היטל ניט אַראָפּ. זיי זאָגן ניט דעם פריץ: „דזשען דאָברי”. שיכור זיינען יידן און פאָרן פון אַ חתונה און זינגען אין די ווייסע נאַכט אַריין:

„לכה דודי, לכה דודי
לקראת כּלה!”

אויפן צווייטן טאָג האָט מען פון פריץ רייטערס אַרויסגעשיקט נאָכשפּירן פון וואַנען זיינען יידעלעך געפאָרן, און וואָס האָבן יידעלעך שכּור אָנגעטאָן. און מע האָט געפונען אַ טויטן פויער ליגן אין דער פוסטער קרעטשמע, וואָס שטייט אָן אַ זייט.

און די צייט איז געווען פאַר פּסח.

האָט מען סטראַזשניקעס איבערן שטעטל אַרויסגעשיקט נאָכפרעגן, ווער איז איבערן וועג געפאָרן. האָט מען די מחותּנים מיט דעם בעל־עגלה אין קייטן געשמידט און אין תּפיסה געוואָרפן.

די מחותּנים זיינען געווען די פיר שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט.

פאַרזאַמלט זיינען אַלע יידן אין דער שול. די ליכט אָנגעצונדן ווי צו יום־כּפּור. פון דער ווייבערשער שול פאַרנעמט זיך אַ שטיל ערנסט געוויין. עס וויינען איינצלנע שטימען, און מע וויסט, אַז דאָס וויינען די ווייבער און די מוטערס פון די געפייניקטע. דער אַלטער רב אין קיטל און טלית שטייט פאַרן אָרון און זאָגט תּהילים:

„לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם וּלְאוּמִּים יֶהְגּוּ רִיק”..

די עדה אין קיטלען און טלתים זאָגן נאָכן רב מיט ציטריקע שטימען:

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק”.

שטיל איז אין דער קליינער שול. מע הערט דעם גאַנג פון די נשמות פון אַלע דורות, וואָס גייען דורך די לופט פון דער שול. וואָרעם מע זאָגט תּהילים פאַר געפייניקטע.

דאָרט אין דער תּפיסה פּייניקט מען די געפאַנגענע מיט כּל עִנויים קָשים, אַז זיי זאָלן זיך מודה זיין. און דאָס זאָגט מען דאָ תּהילים פאַר זיי, אַז גאָט זאָל זיי שטאַרקן, זיי זאָלן אויסהאַלטן די עִנויים און ניט פאַרשוועכן זיין הייליקן נאָמען, וואָרים דער נסיון איז אַ שווערער. דער, וואָס וועט זיך מודה זיין און אָפּזאָגן זיך חלילה פון יידישן גלויבן, האָט מען אויסגעפּויקט אין שטאָט, וועט מען אים שענקען דאָס לעבן, און מאַכן אים פאַר דעם אויפזעער פון אַלע צינזן, וואָס די יידן האָבן צו באַצאָלן דעם פּריץ, און אָפּגעבן אים אַלע פּראָפּענאַציעס פון אַלע שענקען, און ער וועט ווערן אַ ראש איבער די יידן.

און די, וואָס וועלן זיך ניט מודה זיין, וועט מען זיי צעפּערטלען און ניט לאָזן קומען צו קבר ישראל.

און דאָ אין שולכל, דאַכט זיך, הערן זיך די קרעכצן און די געשרייען פון די געפּייניקטע, וואָס מישן זיך אויס אינאיינעם מיט די יידנס תּהילים זאָגן און רייסן זיך אין הימל אַרויף.

נאָר זיכער זיינען יידן אין זייערע קדושים, אַז זיי וועלן אויסהאַלטן דעם נסיון און וועלן ניט פאַרשוועכן חלילה גאָטס נאָמען פאַר די נאַרישקייטן פון דער וועלט. און שטאָלץ רייסט זיך אַרויס דער בליק אויס די פאַרוויינטע אויגן פון די מוטערס און די ווייבער פון די געפּייניקטע איבער זייערע קדושים. און מיט קנאה און כּבוד קוקן אַלע ווייבער אויף זיי, אויף די מוטערס און פרויען פון די קדושים, וואָס זייענען מְקַדש את הַשֵם.

נאָר אין איינעם איז מען ניט זיכער, אין דעם בעל־עגלה. אַ פּראָסטער יונג פון דער גאַס, און נישט איינמאָל האָט מען אים שוין געטראָפן מחלל שבת זיין בּפַרהֶסיאָ, ער היט ניט אָפּ קיין מנחה ומעריב און שבת גייט ער מיט זיין פערד איבער דער גאַס שפּאַצירן, עסט אומגעוואַשן און נעמט דעם סדור אין האַנט ניט אַריין. געמוסרט האָט אים שוין דער רב אייניקע מאָל און געוואָלט אים אין פּאָליש איינזעצן, האָט ער געסטראַשעט מיט שמדן זיך — האָט מען אים צורו געלאָזט.

אין אַ ווינקל ווייבער־שול שטייט זיין מוטער מיטן טיכל איבערן קאָפּ אַריבער־געצויגן, שעמט זיך די ווייבער אין פּנים אַריינצוקוקן. אַלע קוקן אויף איר מיט רחמנות און פאַרדראָס: „אַזאַ זון ערצויגן"! — וואָרים געהערט האָט מען שוין אין שטאָט, אַז דער בעל־עגלה איז זיך מודה... אָפּגערוקט האָבן זיך אַלע פון איר און זי וויינט און שטייט מיט דעם טיכל איבער די אויגן. קיין תּהילים זאָגט זי ניט — זי קען ניט; קיין סדור האַלט זי ניט אין דער האַנט, נאָר אירע ליפּן מורמלען אַ תּפילה, און זי בעט צו גאָט: טאַטע אין הימל, שטיי אים ביי! טאַטע אין הימל, שטיי אים ביי!"

און די טרערן גיסן פון די אויגן אין טיכל אַריין. קיינער זעט זיי ניט, קיינער הערט איר תּפילה ניט, וואָרים אָפּגערוקט שטייט זי אַליין, און אַלע קוקן מיט רחמנות און פאַרדראָס אויף איר: „אַזאַ זון ערצויגן! אַזאַ זון ערצויגן!".

ווידער זיינען אַלע יידן אין דער שול פאַרזאַמלט. קיין תּהילים זאָגט מען ניט היינט. אויסגעזעצט זיינען אַלע אויף דער ערד. די שטענדערס פאַרדרייט. די ליכט ברע־נען זיך אויף דער ערד. דער רב אין די זאָקן זאָגט „איכה" און דער עולם אין דער שטיל זאָגט נאָך אים. מע זיצט שבעה נאָך די קדושים. תּליות האָט מען אין מאַרק אויסגעשטעלט, און איצט ווערט געטאָן זייער רעכט אין מיטן מאַרק.

פיר יאָרצייט־ליכט ברענען זיך אין אַ קאַסטן זאַמד אויף דער ערד און אַרום די ליכט זיצן

שבעה די משפחות פון די קדושים און זאָגן איכה. אין אַ ווינקל שול, האַרט ביי דער טיר, שטייט אויך דאָס פינפטע ליכט. זי איז ניט אָנגעצונדן, און לעבן דעם זיצט די מוטער פון בעל־עגלה. איינע אַליין, מע ווייסט ניט, צו האָט איר זון אויסגעהאַלטן דעם נסיון און ער געהערט אויך צו די קדושים, און אַלע קוקן אויף איר מיט רחמנות און פאַרדרוס: „אַזאַ זון ערצויגן! אַזאַ זון ערצויגן!"

אינדעם הערן זיך טריט צורייטן פון דרויסן, אַ רייטער קומט אָן צו דער שול. וואַרפט עפּעס אַרונטער הינטער דער טיר און קלאַפּט אָן אין טיר פון שול — איינס, צוויי, דריי, פיר... פינף, פינף קלעפּ האָט ער געגעבן. און ווי עס האָט זיך דערהערט דער פינפטער קלאַפּ אין דער טיר, רייסט אויף די מוטער פון דעם בעל־עגלה די טיר פון שול און הינטער דער טיר פון דער שול ליגן פינף אָפּגעהאַקטע קעפּ.

אויסגעזוכט האָט זי דעם קאָפּ פון איר זון און אויף די הענט גענומען און איז אַריינגעגאַנגען מיט אים אין שול אַריין. הויך האָט זי געהאַלטן דעם קאָפּ פון איר זון אויף די הענט, ווי זי וואָלט אים דער גאַנצער עדה געוואָלט ווייזן. אַ שטאָלצער בליק האָט זיך פון אירע אויגן אַרויסגעריסן. אַראָפּגערוקט האָט זי שוין דאָס טיכל פון איר קאָפּ און שטאָלץ אַלעמען אין די אויגן געקוקט. אָפּגערוקט מיט כבוד האָבן זיך אַלע פאַר איר און די מאַמע, מיט דעם זונס קאָפּ אין דער האַנט, האָט אין מיטן שול צו טאַנצן אָנגעהויבן.

לייכט און שטיל האָבן זיך אירע פיס באַוועגן, און געטאַנצט האָט זי מיט איר זונס קאָפּ פאַרן אָרון — קיין איין וואָרט ניט גערעדט. אירע ליפּן זיינען שטום געווען, נאָר מיט אירע אויגן האָט זי אויף אַלעמען מיט שטאָלץ געקוקט.

און אַלע האָבן זיך אָפּגערוקט פון איר און מיט קנאה און כבוד געקוקט אויף איר: די מוטער טאַנצט מיט איר זון, די מוטער טאַנצט מיט איר זון...

און אַוועקגעלייגט האָט זי איר זונס קאָפּ צווישן די קעפּ פון די קדושים און אָנגעצונדן מיט אירע הענט דאָס יאָרצייט־ליכט פאַר איר זון און אַוועקגעשטעלט עס פאַר דעם אָרון צווישן די ליכט פון די קדושים.

שלום אש.

י צ ח ק ל ײ ב ו ש פ ר ץ

אויב נישט נאָך העכער.

און דער נעמיראָווער פלעגט סְליחות־צייט יעדן פרימאָרגן נֶעֱלָם ווערן, פאַרשווינדן!
מע פלעגט אים ניט זען אין ערגעץ; ניט אין שול, ניט אין ביידע בָּתֵּי מִדְרָשִׁים
ניט ביי אַ מִנְיָן, און אין דערהיים אַוודאַי און אַוודאַי ניט. די שטוב איז געשטאַנען אָפן.
ווער עס האָט געוואָלט, איז אַריין און אַרויסגעגאַנגען; געגנבעט ביים רבין האָט
מען ניט, אָבער קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז אין שטוב ניט געווען.
ווו קען זיין דער רבי?
ווו זאָל ער זיין? מן הַסְתָּם אין הימל! ווייניק געשעפטן האָט אַ רבי פאַר ימים־
נוראים צו פאַרזאָרגן? יידעלעך, קיין עַיִן־הָרָע, דאַרפן פרנסה, שלום, געזונט, גוטע
שידוכים, ווילן גוט און פרום זיין, און די זינד זיינען דאָך גרויס און דער שטן מיט
זיינע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער; און ער זעט, און
פאַרקלאָגט און מַסֶרט... און — ווער זאָל העלפן, אַז ניט דער רבי?
אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.
איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק; לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליט־
וואַקעס; פון מוסר־ספרים האַלטן זיי ווייניק, דערפאַר שטאָפן זיי זיך אָן מיט ש"ס
ופוסקים. ווייזט דער ליטוואַק אַ בפירושע גמרא, — די אויגן שטעכט ער אויס! אפילו
משה רבינו, ווייזט ער, האָט ביים לעבן ניט געקאָנט אַרויף אויפן הימל, נאָר געהאַלטן
זיך צען טְפָחים א ו נ ט ע ר ן הימל! נו, גיי שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!
— ווו דען קומט אַהין דער רבי?

— מיין דאַגה! — ענטפערט ער און ציט מיט די אַקסל; און תּוך כּדי דבור (וואָס אַ ליטוואַק קאָן!) איז ער זיך מיישב, צו דערגיין די זאַך.

נאָך דעמזועלבן פאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנבעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַריין, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט, און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, ווו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות־צייט.

אַן אַנדערער וואָלט אפשר איינגעדרעמלט און פאַרשלאָפן די צייט; אַ ליטוואַק טוט זיך אַן עצה: לערנט ער זיך אויסווייניק אַ גאַנצע מסכתּא! איך געדענק שוין ניט חולין צי נדרים.

פאַרטאָג הערט ער, ווי מע קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפן אַ צייט. ער הערט אים שוין אפשר אַ גאַנ־צע שעה קרעכצען.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווייסט, וויפיל צער פאַר כּל ישראל, וויפיל יסורים עס האָט געשטעקט אין זיין יעדן קרעכץ... די נשמה פלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצען! אַ ליטוואַק האָט אָבער אַן אייזן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווייטער! דער רבי ליגט זיך אויך. דער רבי, זאָל לעבן, אויפן בעט, דער ליט־וואַק אונטערן בעט.

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבן אָן סקריפּען... ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פון די בעטן; ווי מע מורמלט אַ יידיש־וואָרט, מע גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווייטער שטיל און פינסטער. דורכן לאָדן שיינט קוים אַריין אַ קליין ביסל ליכט פון דער לבֿנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איינער אַליין מיטן רבין, איז אים באַפאַלן אַן אימה. די הויט איז שוין אים אויפגעלאָפן פאַר שרעק. די וואָרצלען פון די פּאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפן ווי די נאָדלען.

אַ קלייניקייט: מיטן רבין און סליחות־צייט פאַרטאָג אַליין אין אַ שטוב!...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער איינגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי אַ פיש אין וואַסער און ליגט. —

ענדלעך, שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף...

פריער טוט ער, וואָס אַ ייד דאַרף טאָן... דערנאָך גייט ער צו צו דער קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל. . עס באַווייזן זיך פויערשע קליידער: לייוונטענע, פלודערן, גרויסע שטיוול, אַ סיערמיענגע, אַ גרויס פוטערן היטל מיט אַ ברייטן לאַנגן לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רבי טוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סיערמיענגע, שטאַרט אַרויס אַן עק פון אַ גראָבן שטריק...

דער רבי גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגייענדיק טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בויגט זיך איין, פון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פאַרלייגט זי אונטערן פּאַס און גייט אַרויס פון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט נאָר ער טרעט ניט אָפּ.

אַ שטילער, ימים־נוראימדיקער פּחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפּט

רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון סליחות פון ערגעץ אַ מגין, אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פון ערגעץ אַ פענסטער... דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זייטן פון די גאַסן, אין די שאָטן פון די הייזער... פון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס און דער ליט־וואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט ווי זיין אייגן האַרץ־קלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קול פון רבינס שווערע טריט, אָבער גיין גייט ער, און קומט צוזאַמען מיטן רבין אויף דער שטאָט אַרויס.

הינטער דער שטאָט שטייט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַריין. ער מאַכט אַ דרייסיק פּערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ ביי אַ ביימל; און דער ליטוואַק ווערט נִבְהָל וּמִשְׁתּוֹמֵם, זעענ־דיק, ווי דער רבי נעמט אַרויס פון פּאַס די האַק און שלאָגט אין ביימל אַריין.

ער זעט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט ווי דאָס ביימל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס ביימל פאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס... די ליפּעס — אויף דינע שייטלעך; און ער מאַכט זיך אַ בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פון קעשענע, ער וואַרפט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַריין די האַק אינם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פון וואַלד, און גייט צוריק אין שטאָט אַריין;

אין אַ הינטערגעסל שטעלט ער זיך אָפּ ביי אַן אָרעם, האַלב איינגעבראָכן הייזל און קלאַפּט אָן אין פענסטערל.

— ווער איז? — פרעגט מען דערשראָקן פון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דער־קענט, אַז עס איז אַ קול פון אַ יידינע, פון אַ קראַנקער יידינע.

— יאַ! — ענטפערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאַ? — פרעגט ווייטער פון שטוב.

און דער רבי ענטפערט ווייטער אויף מאַלאָרוסיש לשון: וואַסיל.

— וואָס פאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסטו, וואַסיל?

— האָלץ, — זאָגט דער פאַרשטעלטער וואַסיל, — האָב איך צו פאַרקויפן! זייער ביליק... בַּחֲצִי חִנָּם האָלץ!

און ניט וואַרטנדיק אויף אַ תְּשׁוּבָה, נעמט ער זיך אין שטוב אַריין.

דער ליטוואַק גנבעט זיך אויך אַריין און ביים גרויען ליכט פון פרימאָרגן זעט ער אַן אָרעמע שטוב, צעבראָכן, אָרעם כּלי־בית... אין בעט ליגט אַ קראַנקע יידינע, פאַרוויקלט מיט שמאַטעס, און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:

— קויפן? מיט וואָס זאָל איך קויפן? ווו האָב איך, אָרעמע אַלמנה, געלט?

— איך וויל דיר באָרגן! ענטפערט דער פאַרשטעלטער; אין גאַנצן זעקס גראָשן!

— פון וואַנען וועל איך דיר באַצאָלן? קרעכצט די אָרעמע יידינע.

— נאַריש מענטש, — מוסרט זי דער רבי, — זע, דו ביסט אַן אָרעמע קראַנ־קע יידינע און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ, איך בין בָּטוּחַ, אַז דו וועסט באַ־צאָלן; און דו, דו האָסט אַזאַ שטאַרקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים ניט... און האָסט אויף אים, אויף נאַרישע זעקס גראָשן פאַרן בינטל האָלץ, קיין בִּטָּחוֹן נישט!

— און ווער וועט מיר איינהייצן? קרעכצט די אַלמנה, — איך האָב דען כּוח אויפצושטיין? מיין זון איז אויף דער אַרבעט געבליבן.

— איך וועל דיר איינהייצן אויך, זאָגט דער רבי.

און אַריינלייגנדיק דאָס האָלץ אין אויוון, האָט דער רבי קרעכצנדיק געזאָגט פון סליחות דעם ערשטן פּזמון...

און, אַז ער האָט עס אונטערגעצונדן, און דאָס האָלץ האָט פריילעך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לוסטיקער, פון די סליחות דעם צווייטן פּזמון...

דעם דריטן פּזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט און ער האָט די בלעך פאַרמאַכט...

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַמאָל דערציילט, אַז דער נעמיראָווער הייבט זיך אויף סליחות־צייט יעדן פרימאָרגן, און פליט אַרויף אין הימל אַריין, פלעגט שוין דער ליטוואַק ניט לאַכן נאָר צוגעגעבן שטילערהייט:

— אויב נישט העכער!

י. ל. פּרץ.

היסטאָרישע דערציילונגען.

אַ שול! אַ שול!

כראַנזע קאָניץ-פאָלסקי איז אַראָפּגעקומען קיין זלאָטשאָוו אויף געיעג. און ער האָט אין זיין יעגער-שלאָס געגעבן אַ באַל פּאַר זיינע געסט. דער פּאַרוואַלטער פון זלאָטשאָוו האָט מענדלען געשיקט קיין נעמיראָוו, אַז ער זאָל אַראָפּברענגען אַ יידישע קאַפּעליע און באַזאָרגן די געסט מיט האַנדשו, וועלכע מענדל וועט פאַרקויפן די „וויעלמאָזשנעס" צום טאַנץ מיט די פּאַניעס.

דאָס יעגער-שלאָס איז געווען געבויט מיט הויכע טורעמס אין שוועדישן סטיל, און די זאַלן זיינען געווען באַלויכטן מיט פּיל ליכט אין די אייזערנע לייכטער. און די פּאַנעס אין די פּוילישע קאַנטושן מיט סויבלנע ברייטע קראַגנס, אַראָפּהענגענדיק איבער זייערע אַקסלען, און די הוזאַרן-היט, וואָס זיינען געווען מיט גרויסע פּאַוויע-פּושן, אין די הענט, האָבן געפירט די אין רייס-אַטלאַס געקליידעטע דאַמען, באַפּוצט אין קיניגלעכן גאָרנאָסטאַי-פוטער, צו דער מאַזורקע. די יידישע פידל האָט געגרימפּלט, געשניטן אַ ניגון און לאַנג געצויגן, און די יידישע צימבאַלקעס פון דער נעמיראָווער קאַפּעליע האָבן ווייט און זיס צוגעקלונגען צום טאַקט. די „יאַסנע וויעלמאָזשנעס" האָבן צוגעקלאַפּט צום טאַקט פון דער מוזיק מיט די בראָנזענע שפּיציקע שפּאָרעס אויף די אָפּצאַסן. און די פּאַניעס האָבן אויך מיט זייערע גאָלדענע אָפּצאַסעלעך, מיט וועלכע זייערע פוטערנע שטיוועלעך זיינען געווען באַפּוצט, צוגעקלאַפּט צו דער מוזיק. און מענדל איז אַרומגעלאָפן מיט נייע אויסגעפּרעסטע האַנדשו פון איין וויעלמאָזשנע צום אַנדערן און געבעטן זיך:

— אַ פּאָר האַנדשו צום טאַנץ מיט דער שיינער, ליכטיקער פּאַניע.

נאָך יעדן טאַנץ האָבן די וויעלעמאָזשנעס אַראָפּגעוואָרפן די האַנדשו פון די הענט און געכאַפּט פון מענדלען אַ פּאָר נייע האַנדשו. עס איז ניט שיין געווען צו טאַנצן מיט צוויי פּאַניעס אין די זעלבע פּאָר האַנדשו. שלמהלע, מענדלס ייִנגל, מיט די ציטערנדיקע פּאָטלעך האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט צווישן די פיס פון די וויעלמאָזשנעס און צונויפגעקליבן די אויסגעטאָנענע האַנדשו און געבראַכט זיי צום טאַטן. דער טאַטע האָט זיי אַריינגעלייגט אין די הילצערנע פּרעס, אויסגעפּרעסט זיי, גלייך געמאַכט, און איז ווידער אַרומגעלאָפן מיט זיי צו די וויעלמאָזשנעס:

— טוישט איבער די האַנדשו, וויעלמאָזשנעס, טוט ערע די דאַמען און וועקסלט איבער די האַנדשו, ניט שיין צו טאַנצן מיט די ליכטיקע פּאַניעס אין געניצטע האַנדשו, וויעלמאָזשנעס!

מענדל האָט אַ מינוט ניט גערוט. האָט ער ניט פאַרקויפט די האַנדשוען, האָט ער זיי געפּרעסט, צוזינגענדיק די פּסוקים תהלים, וואָס ער האָט געקענט אויף אויס-ווייניק און אַריינגעוואָרפן קרעכצן אין מיטן די פּסוקים:

— אוי, פרייען זיך די גוים — עולם-הזהניקעס, פרעסן און זויפן און דינען צו אַ גאָט אַ האָלץ, און אַ שול, אַ הייליקע שול, לאָזן זיי ניט בויען, אפשר וואָלט שוין

צייט געווען, אַז דו זאָלסט דאָס הייליקע בית־המקדש אויפבויען. ע, מן הסתם איז ניט צייט — טאָ זאָל זיין אַזוי ווי דיר איז באַליבט, טאַטע אין הימל!

-- העי, זשידזשו, וואָס מורמלסטו דאָרט דיין טייוולשע תפילה, דו ווערסט אויף אונדז נאָך דעם טייוול אַרויסלאָזן — האַנדשועז צו דער מאַזורקע מיט די ווייס־טויב־קעפיקע פאַניענקע פון זלאָטשאָוו, די ליכטיקע און לויבנדיקע פריילין זאָפיע, אָבער ניט קיין אויסגעפּרעסטע, וואָס דיין ממזרוק קלייבט אויף צווישן די פיס פון די שליאַכטשיצעס — ליכטיק־העלע און נייע — צו האַלטן די איידל־געשניצטע טאַליע פון מיין טויב־קעפּעדיקן מלאך.

— וואָס רעדט דער יאַסנע וויעלמאָזשנע? ווער בין איך, וואָס איך וועל מיך אונטערשטעלן צו וואַגן אָפּצונאַרן אַזאַ יאַסנע וויעלמאָזשנע שליאַכטשיץ, ווי דו ביסט? איך האָב נאָך דיין טאַטן געקענט — דעם אַלטן שליאַכטשיץ — אוי, איז דאָס געווען אַ גוטער שליאַכטשיץ — כן יאבדו כל הרשעים...

— וואָס האָסטו געזאָגט פּאַר אַ פאַרשאָלטענעם שפּרוך, זשידיק, אויף דיין טייוולשער שפּראַך. איך וועל פון דיר די הויט שינדן לעבעדיקערהייט, ווען דו ווערסט מיין טאַטן שילטן אין קבר.

— איך האָב געבענטשט דיין טאַטן, געבענטשט אים, אין אונדזער הייליקער שפּראַך צו אונדזער גאָט, אַז ער זאָל אין אונדזער ליכטיקן גן־עדן זיין.

— דו בענטש נישט און שילט נישט, זשידיק; היט דיין לייב, ווען איך וועל אויף דיר מיינע הינט אָנרייצן. פלינקער, זשידיק, פלינקער, אַייל זיך צו, זשידיק, די פיס קענען עס שוין נישט אויסהאַלטן — עס גלוסט זיך צום טאַנץ.

— נאָך איין מינוט, וויעלמאָזשנע, זאָלן זיי נאָך ליגן אין די פּרעס, וואָס לענגער די האַנדשו ליגט אין די פּרעס, אַלץ ריינער און שטייפער ווערן זיי. פּונקט אַזוי ווי אַ מענטש, וויעלמאָזשנע: פּונקט אַזוי ווי מיר, יידעלעך, וויעלמאָזשנע.

נאָר אין דעם איז צוגעקומען דער פּריץ פון זלאָטשאָוו, דער כראַנזע קאָניץ־פּאָלסקי, אַ הויכער און אַ שטאַרקער, ווי אַ שטאַרקער דעמב, מיט ברייטע פּלייצעס; זיין לאַנגע אַטלאַסענע שוואַרצע קאַפּאָטע, וועלכע האָט דערגרייכט ביז צו זיינע טריט, האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט זיין קערפּער, און ער האָט אויסגעזען, ווי אַ געשניטענער פון האָלץ, איין שטיק קערפּער, נאָר אויף די ברייטע פּלייצעס האָט אַרויסגעשטייגט, ווי אַ טורם פון אַ געביידע, זיין שפּיציק־הויכער קאָפּ, געגאָלט ביז אין דער העלפט — פּאות און גזשיבע געגאָלט, נאָר די שטאַרקע גרויסע וואָנצעס, ווי ביי אַ שטאַרקן פיש, האָבן זיך געצויגן פון אויער צו אויער.

— זשידקו, ווערסט היינט מיינע געסט פאַרוויילן מיט אַ געזאַנג, וואָס איר זינגט. אַז דו ווערסט זינגען גוט, ווערסטו קענען פון מיר עפּעס דערפאַר אַרויסקריגן. געהערט?

— געהערט, יאַסנע וויעלמאָזשנע.

דער ייד איז אָפּגעשפּרונגען הינטערווייל עכטס פון פּריץ, צוגערופן זיין שלמהלען, וועלכער האָט געהאַלטן אַלץ אין איין קלייבן די אַוועקגעוואָרפענע האַנדשוען פון צווישן די פיס פון די פּריצים. דער טאַטע האָט אים גלייך געמאַכט די פּאות, דאָס יינגל אַוועקגעשטעלט לעבן זיך.

אַרום דעם ייד מיט דעם יינגל האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלייבן פּריצים און פּריצטעס. אין זאַל איז געוואָרן שטיל, די קלעזמער האָבן אויפגעהערט צו שפּילן — נאָר די ליכט, וואָס האָבן געברענט, קנאַקנדיק פון צייט צו צייט. און דער פאַר־שטיקטער פרייל עכער גערייד און געלעכטער פון די ווינקלען און פון די אַרומיקע

צימערן האָט זיך געהערט פון די שטראַלנדיקע העל־בלאָנדע פּאַניעס און פאַרליבטע יאַסנע וויעלמאָזשנע.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט געדויערט דאָס פאָרבערייטן זיך. פּלוצים האָט דער ייד זיך אײַנגאַנצן געענדערט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זײַן געזיכט איז רויט געוואָרן, אָנגעלאָפן. מע האָט געזען, ווי ער מאַטערט זיך אַוועקצוגיין פונדאַנען און ערגעץ אַנדערשוווּ צו קומען.

און מיטאַמאָל איז עס אים געלונגען. דער ייד האָט געגעבן אַ שטעק אַרונטער אַ פינגער אונטער זײַן קין און האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן צו זינגען. צוערשט פּאַ־מעלעך, אין דער שטיל, ווי ער וואָלט זיך פאַר זיך צוגעברומט, נאָר באַלד איז עס העכער געוואָרן, זײַן שטימע האָט מיטאַמאָל געקראָגן חוצפה. דער ייד האָט פאַרגעסן, וווּ ער געפינט זיך. נאָך האָבן די פריצים געלאַכט, נאָר באַלד זײַנען זיי פאַרשטומט געוואָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער ייד איז דער אייַנציקער באַלעבאָס פון די גרויסע זאַלן. ער האָט ניט געזען די פריצים מיט די פּאַניעס מיט דעם גאַנצן גלאַנץ פון אַטלאַס און פוטער, וואָס איז אַרום אים — קיינער איז דאָ נישט געווען נאָר ער אַליין — ער מיט זײַן באַשערטער. און נישט קיין מענטשלעכע פּרוי איז עס געווען, פאַר וועלכער ער האָט יעצט אַזאַ גרויסע לויב אָפּגעגעבן — נאָר אַ העכערעס, גײַסטי־קעס וועזן, צו זײַן שבת, צו זײַן מוטער, האָט ער געזונגען, צו זײַנע האָפענונגען אין זײַנע צרות: „אשת חיל מי ימצא״.

נישט קיין סערענאַדע צו אַ ערדישער געליבטער האָט ער געזונגען. נאָר אַ סערע־נאַדע צו זײַן געטלעכער געליבטער, צו דעם גרויסן אומגעזעענעם און אומדערגרונטע־וועטן גליק, וואָס זי גיט, ווען מע דענקט וועגן איר. וועגן דער גרויסער הייליקייט און ריינקייט, וואָס פליסט אַרויס פון איר וועזן און באַשענקט די אַלע, וואָס דענקען און זײַנען פאַרליבט אין איר. פון זײַן כלה, דעם שבת, פון זײַן אייַנציקער טויזנט־יערי־קער כלה האָט ער געזונגען און פאַר דער גרויסער אייביקער ליבע, וואָס זײַנע אָבות־אבותינו ביז צו זײַן לעצטן דור וועלן פילן צו דער אייביקער כלה. די צרות און חרפות, וואָס ער שטייט אויס צוליב איר, זײַנען פאַרטראָגן געוואָרן צו גרויסע כּבודים און הערלעכקייטן; דאָס הינטישע לעבן צו אַ פּרינצן־לעבן — אַלעס פאַרוואַנדלט זי אין אַ גרויס־הימלישעס גליק — דורך דער ליבע צו איר — און וואָס איז אים אָנגעע־גאַנגען די שכנים מיט די פּאַנעס, מיט זייער גראַשנדיק פאַרמעגן, מיט זייער באַ־גרענעצטן שטיקל גליק פון ערדישן אָפּפאַל, מיט זייער מענטשלעכער הײַנטיקער אײַנ־גערעדטער קראַפט און הערשאַפט קעגן דער אייביקייט פון זײַן ליבע צו זײַן גרויסער כלה.

פאַרשטומט זײַנען געווען די פריצים און פאַרשעמט זיך פאַר דעם גרויסן גביר, וואָס שטייט אין מיטן פון זיי און זינגט אַ ליד פון אייביקער ליבע.

— גוט געדינט מיך! גוט געזונגען, מײַנע געסט זײַנען צופרידן, זשידיק, זאָג, וואָס דו ווילסט, הייס דיר געבן אַ סך, נאָר קלער נישט פיל. איך האָב מער מורא פאַר דײַן ביטערקייט איידער פאַר דײַן אַפּעטיט, — לאַכט דער פּאַן.

— יאַסנע וויעלמאָזשנע — וואַרפט זיך דער ייד צום פריצס פיס — אַ שול און אַ בית־הקברות! אַ שול צו דאַוונען און אַ בית־הקברות אונדזערע טויטע צו באַגראָבן. ביז די ערלויבניש אין זלאָטשאָוו, אַ שול און אַ בית־הקברות.

דער פּריץ האָט זיך פאַרטראַכט אַ מינוט, ער האָט זיך דערמאָנט אָן די יידישע פּערל, וואָס זכריה פון טשיהרין האָט אים אַוועקגעטראָגן, ווען ער איז קיין טשיהרין געקומען. זלאָטשאָוו וואָלט געוואָרן אַ ישוב, צינזן געצאָלט. נאָר וואָס וועט גאָט זאָגן

און דער פּאַטער קאָזלאָווסקי. באַלד איז אים עפּעס איינגעפאַלן, וואָס אי די צינזן וועלן דערביי זיין גוט און אי גאָט וועט צופרידן זיין.

— אַז דו וועסט פאַר אונדזער פאַן יעזוס קריסטוס דעם קאָפּ בויגן און זאָגן פּאַטשאַרזש פאַר דער הייליקער מאַריע דריי מאָל, וועל איך דיר די ערלויבניש געבן, און אַ שיינעם פּלאַץ אויף אַ צמענטאַרזש געבן.

דער ייד איז שטיל געוואָרן, פאַרשטיינערט און געשוויגן.

— נו, מאַכן מיר דאָס געשעפט, זשידיק, גוט, זאָג נאָר בלויז:

מאַריאַ, מאַטקאַ, באָסקאַ, שווענטאָכאָווסקאַ, ניעך בענדזשע פּאָכוואַלאָנאַ בּאַ וויעקי וויעקי, אַמען.

דער ייד האָט געשוויגן.

— נו, קני דיך בלויז פאַר איר אַנידער, זשידיק.

דער ייד האָט געשוויגן פאַרשטיינערט.

— וועסט מוזן דעם בער שפּילן.

דער ייד איז בלייך געוואָרן, דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

— יאַסנע וויעלמאָזשנע, איך בין נאָר אַן אָרעמער ייד, האָב רחמנות אויף מיין ווייב, אויף מיינע קליינע קינדער. בעט, שלמהלע, מיין בחורניק, בעט דעם שליאַכ־טשיץ... האָב רחמנות, יאַסנע וויעלמאָזשנע. איך וועל דיר שטענדיק געטריי דינען.

און דער טאַטע מיטן קינד האָבן זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום דעם פּריצס פיס, און געקושט די שטיוול, די פּאַדלאָגע און געשלאָגן מיט די שטערנס אָן דער ערד.

— האָב רחמנות אויף די קליינע יתומים, יאַסנע וויעלמאָזשנע.

— אָדער דעם פּאַטשאַרזש זאָגן, אָדער דעם בער שפּילן.

דאָס יידל האָט אַ מינוט געקלערט. ער איז בלייך געווען און דערשראָקן, און געהאַלטן אין חזרן פּסוקים פון תהלים און דאַווענען, און דערביי דעם פּריץ די קאַ־פּאָטע געקושט, די שטיוול. נאָר פּלוצלונג איז אים אין די אויגן ליכטיק געוואָרן. ער האָט נאָך געציטערט מיט די הענט און פיס, נאָר דאָס פּנים איז געווען באַגאָסן מיט רויִקייט און שטילקייט.

— פאַר אַ שול, יאַסנע וויעלמאָזשנע, האָב רחמנות, גאָט וועט העלפן, טו ווי דו ווילסט...

דער פּריץ האָט געגעבן אַ ווונק, און צוויי קנעכט האָבן דעם יידל גענומען און איבערגעצויגן איבער אים אַ בערענע פעל.

דער פּריץ האָט געהייסן די קלעזמער שפּילן, און די צוויי קנעכט מיט צוויי לאַנגע בייטשן האָבן אָנגעהויבן דעם בער צו שמייסן, דער בער איז געשפּרונגען פון איין אָרט צום אַנדערן און געשריען בר—בר—. די שכורים האָבן געלאַכט און גע־דרייט זיך, און איינער דעם אַנדערן האָט געשטופּט צום בער, און די קנעכט האָבן געשמיסן און געיאָגט אים פון איין אָרט אויפן אַנדערן. דאָס יידל הינטער דער בערן־פעל האָט געברומט „לדוד ה׳ אורי וישעי ממי אירא״. בר—בר— איז ער גע־שפּרונגען פון איין אָרט אויפן אַנדערן אויף אַלע פיר — „ה׳ מעוז חיי ממי אפחד״!

— גוט געשפּילט, יידל, דעם בער, קריגסט דערפאַר די שול. פאַר דעם בית־עולם וועסטו, נאָך מוזן זיך פאַרדינען.

פון פאַלאַץ אַהיים איז דער ייד געלאָפן אָן אַן אָטעם, דאָס לאַנגע אַרבע=כנפות האָט זיך אים געפּלאָנטערט צווישן די פיס, און דער ייִנגל מיט די ציטערדיקע פּאות איז אים גאָכגעלאָפן, און ביידע האָבן געשריען איבערן וועג, אָנזאָגנדיק דער מאַמען די פריילעכע בשורה: אַ שול! אַ שול!

דער לובלינער יאָרמאַרק.

נאָך צוויי וואָכן נסיעות איז הלל אַריינגעפאָרן מיט דעם „שומר ישראל“ אויפן קאָרשל דורך דעם קראַקאָווער טויער אין דער פיל באַרימטער שטאָט לובלין.

שוין פון דער ווייטנס האָט די שטאָט געווונקען מיט אירע הויכע טורעמס פון אירע קירכן און שלעסער. מענדל האָט נאָך פון גאַנץ ווייט געוויזן שלמהלען דעם שפּיץ פון דעם רמ״א׳ס שול. דער יאָרמאַרק איז שוין געווען אין פולן גאַנג. מיט שוועריקייטן האָט זיך דער פערדיונג געקירעוועט אַ וועג דורך די פילע אָנגעשטעלטע פאַנסקע קאָטשן. הלל האָט זיך פאַרנומען אָן אַ זייט און איז פאַרפאָרן אין די יידישע גאַסן, ווו דער יאָרמאַרק איז געווען אין העכסטן ברען. שטעלן מיט פאַרשיידענע סחורות האָבן פאַרשטעלט די גאַסן. דאָ זיינען אויסגעלייגט געווען שטויסן מיט פעלצן, דאָרט אויף דרענגער זיינען געהאַנגען שטיוול; שטעלן מיט וואָלענע סחורות; פויערישע קאָלירטע בענדער האָבן אויפגעפלאַקערט אין דער זון אויף די קעפּ פון די יידישע ווייבער, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר זייערע שטעלן און פאַרקויפט די סחורות; עלפאַנט=ביין-קאָליר איניינעם מיט געל=גאָלד=פאַרב. און אַ שטורעם פון געשרייען און שפּראַכן האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן. נירענבערגער דייטשישע מייסטערס האָבן פאַרקויפט זילבערנע און מעשענע כלים, אַפילו פערסיער זיינען אַראָפּגעקומען מיט אָריענטאַלישע פאַרביקע שטאָפן, קאָלירן פון בורשטין=שטיין און קאָלירן פון עלפן=ביין; פאַרבן פון צעגאָסענעם קופּער און די בלויע קלאָרע ליכט ווי די בלויקייט פון הימל; טונקל=בלויקייט פון נאַכט=קאָליר און ווייסקייט פון שניי, און שוימעדיקע קאָלירן, ווי דער שוים און די צנועהדיקע ליכט פון פערל איניינעם מיט דער רויט=ברענענדיקער פאַרב פון די קרעל— אַלע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין ברענענדיקן ים פון טיכער, קליידער און טעפיכן. די פאַרבן האָבן זיך באַוועגט ווי אויף אַ מאַסקן=באַל, עס האָט געברענט אויף די קעפּ פון די וואָיעוואָדעס, קאַסטעלאַנען, אויף די קעפּ פון די הוזאַרן און כראַנזעס בושן פון פאַרשיידנפאַרביקע פעדערן. דאָ און דאָרט האָט אויפגעברענט דאָס ליכט פון אַ טייערן שטיין פון אַ טורבאַן אויף אַ קאָפּ פון אַ טאָטער אַראָפּ, וואָס האָט זיך געהויבן איבערן ים קעפּ און געווונקען פון דער ווייטנס.

דערשראָקן איז געוואָרן מענדל, דערשראָקן דער קליינער באַלעבעסל שלמהלע, דערשראָקן אַפילו „שומר ישראל“, חיים פּאָטשטאַרזש, פאַר די פילע מענטשן, נאָר איינער, הלל דער פערדיונג, האָט זיך נישט דערשראָקן. איינגעקופּיעט אויפן קאָרזשל האָט ער פעסט אַיינגעהאַלטן די פערד, אויסגעקירעוועט זיך אַ וועג צווישן די שטעלן, מענטשן און פורן. ער האָט זיך אויף גאָרנישט אומגעקוקט, גאָרנישט איז אים אָנגעגאַנגען, ער איז געווען פאַרנומען מיט קירעווען די פערד, וואָרום דער וועג איזווירקלעך געווען אַ שווערער.

שווער איז אָנגעקומען מענדלען צו קריגן אַן אכסניא: לובלין איז פול געוועזן מיט יידן.

פון פיר עקן פון פוילן זיינען אָנגעפאָרן יידן קיין לובלין פאַרקויפן און איינ־קויפן אויף דעם יאָרמאַרק. פון די ווייטסטע געגנטן זיינען געקומען רבנים און פרנסים מיט שאלות און דין־תּורות צום „ועד ארבע הארצות”, לאָדן זיך איין קהילה מיט דער צווייטער און פאָרברענגען זייערע טענות פאַר די רבנים. אַלע גאַסן, בתּי מדרשים, שולן און אַכסניות זיינען פול געווען מיט יידן. יעדער רב איז געקומען מיט זיינע תּלמידים. מקובלים אין ווייסע קאַפּאָטעס זיינען מיטגעקומען מיטן פּויזנער רב ר׳ שעפּטל הורוויץ, וואָס איז געווען אַ גרויסער בעל־מקובל. שאַרפע קעפּ, למדנים, זיינען מיטגעקומען מיט דעם לוואָווער רב, שפּעטערדיקן מחבר פון ט״ז, וואָס איז געזעסן אין ועד. אויסלענדישע יידן, דייטשן, אין גרויסע סאַמעטענע היט, פּראָגער—אין ברייטע שוואַרצע זיידענע מאַנטלען, איטאַליענישע יידן, וועלכע עס איז שווער געווען צו דערקענען, צו זיי זיינען יידן, זיינען געווען געקליידעט אין קורצע פאַרביקע קליידער, ווי די איטאַליענער, מיט שווערדן אין דער זייט. פילע פון זיי זיינען גע־קומען האַנדלען אָדער לערנען אין דער ישיבה. באַרימט זיינען געווען די ישיבות פון פוילן, ווי אַ מָאָל די ישיבות פון בבל, און פון דער גאַנצער וועלט האָבן די יידן געשיקט זייערע קינדער לערנען אין די פּוילישע ישיבות. עס זיינען אָנגעג־קומען יונגע לייט פון פאַרשיידענע קאַנטן און מדינות צו קריגן סמיכות אויף הוראה פון דעם און דעם גרויסן רב, וואָס וועט זיך געפינען ביים ועד. מחברים מיט ספרים זיינען אָנגעקומען זוכן פון די רבנים הסכמות, אַנדערע אַ רשות צו ווערן אַ שוחט אָדער אַן אַנדער כּלי־קודש.

און דאָס אַלעס האָט זיך אַרומגעדרייט אין בית־המדרש־געסל, ווו עס האָט געוווינט דער רב, ווו עס איז געווען די גרויסע ישיבה, און ווו עס איז געווען פאַר־זאַמלט דער ועד. דאָרטן אין דעם געסל איז געווען דער יידישער יאָרמאַרק. די גאַסן זיינען געווען באַלייגט מיט שטענדערס ספרים. דאָרטן האָבן די שדכנים געהאַט זייערע געוועלבלעך, אין וועלכע די באַלעבאַטים, וואָס האָבן געוואָלט נעמען תּלמידי חכמים פאַר איידעמס, זיינען אַריינגעקומען צו די שדכנים און האָבן זיך אויסגעקליבן איידעמס ישיבה־בחורים, למדנים, לויט דעם נדן, וואָס זיי זיינען געווען ביכולות צו געבן. דאָרט האָבן אויך געהאַט פאַרשיידענע בעלי־מקובלים, בעל־שם־טובס זייערע קרעמלעך, אין וועלכע זיי האָבן פאַרקויפט פאַרשיידענע קמיעות אָפּצוהיטן פון שלעכטע רוחות און שדים, קוויטלעך אויסצוהענגען אויף די ווענט קעגן די לילית. נשים צדקניות האָבן אין געוועלבלעך פאַרקויפט תּחינות, מענה־לשונס און סגולות פאַר געווינערינס, הירשן־ציין, וואָרצלען פאַר זויג־קינדער, וואַקסענע הענטלעך און פיסלעך און רפואות פאַר ציין־ווייטאָק און אָפּצושפּרעכן עין־הרעס. סופרים זיינען געזעסן אין געוועלבלעך, געשריבן פאַרשיידענע שטר־מכירות פאַר סוחרים, שטרות און קוויטלעך פאַר הלוואות. בחורים האָבן אויסגעצייכנט מיט פאַרבן קונציקע אויסצייכענונגען: תּנאים, כּתובות, מגילות. דאָס איז געווען די חזקה פון די ישיבה־בחורים. (דאָס געלט איז געגאַנגען אין איין קופּה און האָט באַלאַנגט צו די בחורים פון דער ישיבה). גאָלדשמידן האָבן פאַרקויפט טייערע כּלי־קודש, אויסגעהאַמערטע קדוש־בעכערס, אתרוגים־פּושקעס און בשמים־ביקסן, חנוכּה־לאָמפּן, וואָס האָבן געשפּילט אַליין. נאָר דער עיקר איז דאָרט אָנגעגאַנגען דער האַנדל מיט ספרים. די לובלינער דרוקערייען, וואָס האָבן געמעגט דרוקן ספרים אָן צענזור, זיינען געווען באַרימט איבער דער וועלט, און יידן פון דער גאַנצער וועלט זיינען געפאָרן אין לובלין איינקויפן יידישע ספרים. אויף גרויסע טישן זיינען אויסגעלייגט געווען די ספרים אין די בתּי־מדרשים, אין

די ספרים-געוועלבער, דאָס באַרימטע לובלינער ש"ס. די טלית-יידן האָבן דאָרט גע-האַט זייערע שטענדערס מיט די וואָלענע טליתים און כפול-שמונהדיקע ציצית. די גאָלדענע און זילבערנע עטרות האָבן אַראָפּגעגלאַנצט פון די שטענדערס. דאָרט אין דעם געסל, ביים אַריינגאַנג צו דער מקוה, האָבן די יידישע רופאים געהאַט זייערע געוועלבלעך, אין וועלכע זיי האָבן שלעכט בלוט אָפּגעלאָזן, רפואות פאַר-שריבן, ציינער געריסן. און ווייבער טוקערינס האָבן דאָרט פאַרקויפט סודות צו עקרות, ווי אַזוי קינדער צו האָבן, און „סמנים" אויף ייִנגלעך און „סמנים" אויף מיידלעך. בשמים און קרייטעכצער צו געווינען דעם מאַנס האַרץ... און יידן פון גאַנץ פּוילן, וואָס זיינען אַ גאַנץ יאָר פאַרוואָרפן אין די קרעטשמעס, האָבן זיך אַיינגעקויפט יידישקייט פאַר גאַנצע ווינטערס. און צווישן די סוחרים זיינען אַרומגעגאַנגען די נשים צדקניות, וואָס האָבן גענומען אויף זיך די מצוה צו באַזאָרגן די בחורים פון דער ישיבה מיט נאַכטלעגער און וועש, זיינען זיי אַרומגעגאַנגען מיט גרויסע פושקעס, פאַרחתמעט מיט דער חתימה פון דער ישיבה און אויסגערופן: „נאַכטלעגער פאַר די בחורים! העמדלעך, שטיוועלעך פאַר די לומדי-תורה!"

נאָכדעם ווי מענדל האָט אַריינגעגעבן זיין ייִנגל אין דער ישיבה, האָט ער זיך געווענדעט צום ועד מיט זיין עסק וועגן דעם צערקווע-שטייער, וואָס די פּוילישע פּריצים צווינגען די יידישע אַרענדאַרן אויפצומאָנען פון די קאָזאַקישע פּויערים. מיט דעם בריוו, וואָס ער האָט געהאַט פון דעם נעמיראָווער רב צום ט"ז, האָט מען אים צוגעלאָזט צום ועד. דער ועד איז געזעסן אין דער גרויסער שטוב פון לובלינער קהל. דער יושב-ראש איז געווען ר' נפתלי כ"ץ, אַ גרויסער בעל-יחוס, אַן אייניקל פון דעם לובלינער רב, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מיוחס און אַן אייניקל פון דעם פּראָגער גאון פון דער מאַמעס צד. אין ועד זיינען געזעסן גרויסע רבנים פון פּויזן, לוואָוו, קראָקוי, און שתדלנים מיט פרנסים, ווי ר' אַברהם פרנס-הועד פון לובלין און ר' משה מונטאַלטיס, וואָס איז געווען פון די יוצאי הישפּאַניע און אַ גרויסער חשוב אין קיניגלעכן הויף. אַרום זיינען געזעסן דרייסיק גרויסע רבנים און פרנסים. פאַר זיי האָט מענדל פאָרגעבראַכט זיין בקשה, אַז די שתדלנים זאָלן זען אויסצו-פּועלן, אַז מע זאָל אַראָפּנעמען די גזרה פון די יידישע אַרענדאַרן אויפצומאָנען דעם צערקווע-מס פון די קאָזאַקן, ווייל פון דעם קען אַרויסקומען אַ גרויסע צרה פאַר יידן. דער ועד האָט אויסגעהערט מענדלען, און דער לובלינער רב האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ גלייכע זאַך. נאָר דאָרט פאַרן ועד איז אויך געווען געלאַדן זכריה סאָבילענקי, ווייל ער איז געווען אַ פרנס פון דעם זעלבן מקום און אַ גרויסער שתדלן.

ר' זכריה האָט געזאָגט, אַז מע וועט חלילה דורך דעם אַרויפציען דעם צאָרן פון די גלחים מיט די יעזויטן. זיי וועלן זאָגן, אַז יידן ריידן אָפּ די כלאָפּעס, זיי זאָלן ניט ווערן קיין קאַטאָליקן, און דורך דעם קען אַרויסקומען אַ גרויסע צרה אויף יידן.

און אַזוי ווי דער ועד האָט דערהערט דערמאָנען דאָס וואָרט גלחים, אַזוי איז אַ גרויסע שרעק אָנגעפאַלן אויף אַלע גרויסע רבנים און פרנסים. ר' שעפּטל הורוויץ, דער רב פון פּויזן, האָט אָנגעהויבן צו קרעכצען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם עלילת-דם, וואָס איז געווען פאַר צוויי יאָר אין זיין גליל אין לענטשיץ און די קדושים, וואָס די גלחים האָבן פאַרפּייניקט צום טויט. זיין אויסגעבלייכט געזיכט איז פינסטער געוואָרן, די אויגן האָבן זיך באַהאַלטן אונטער דעם שטערן-ביין, און ער האָט געזיפצט.

— אַן עת־צרה רוקט זיך אָן אויף יעקב.
און די פּרנסים האָבן געענטפערט:
— אַז ביי די „שוועטסקי“ רעגירונג קענען זיי אַלץ פועלן, נאָר מיט די גלחים און דער קירכע האָבן זיי זיך מורא אָנצורירן, ווייל אַ גרויסע צרה קען חלילה דער־פון אַרויסקומען פאַרן כּלל.
אַזוי האָט מען מענדלען אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַ קרעכץ, און אָפּגעשיקט צום רבונו־של־עולמס הילף.
און מיט דעם איז מענדל אַהיים געפאָרן.
און ווען מענדל איז שוין געזעסן אויף דער בויד אַהיים צו פאָרן מיט חיים „שומר ישראל“ און הלל דעם פּערדיונג, האָט ער געזען צווישן דיביידלעך און קראָמען אין בית־המדרש געסל שטייט אויף דער שוועל פון אַ קרעמל דאָס הייליקע שניידערל, שלמהלעס דרדקי מלמד, און רופט אַריין קונים. איז ער אַראָפּ פון דער בויד און איז אַריין אין געוועלב עפּעס קויפן. זעט ער, אַז דאָס געוועלב איז גאָר לער, פיר ליידיקע ווענט, פרעגט ער דעם שניידערל: — וואָס האָט איר צו פאַר־קויפן? איר שטייט דאָך אין אַ ליידיקן געוועלבל? האָט אים דאָס שניידערל געענט־פערט: איך פאַרקויף — תשובה, תפילה וצדקה!

די באַלאַגערונג פון נעמיראָוו.

איבער דעם סטעפּ האָבן זיך געצויגן לאַנגע קאַראַוואַנען בוידן מיט יידישע ווייבער, קינדער און בעטגעוואַנט, וואָס האָבן אָנגעצויגן פון דער גאַנצער געגנט אַרום — קיין נעמיראָוו. ביינאַכט האָט מען מורא געהאַט ווייטער צו פאָרן פאַר חיות־רעות, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ וואַסער. די ווייבער און די קינדער זיינען געפאַלן אין שלאָף, און די מענער האָבן זיך געשטעלט אויף דער וואַך, אָפּצוהיטן די בוידן פון חיות־רעות און שלעכטע טאַטערן.
האָבן זיי אָנגעלייגט אַ פייער. די אַלטע יידן זיינען געזעסן אַרום פייער און האָבן געזאָגט פרומע קאַפּיטלען תהלים, און די יונגע זיינען געשטאַנען אויסקוקן.
אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מען אַריינגעקומען קיין נעמיראָוו. נעמיראָוו איז געווען פול מיט פרעמדע יידן פון גאַנצן קאַנט, וואָס זיינען אָנגעקומען צו לויפן צו ראַטעווען זיך אין דער באַפעסטיקטער שטאָט פון כמעלניצקיס קאָזאַקן. די קהלה נעמיראָוו מיט איר פּרנס ר׳ ישראל און דער רב ר׳ יחיאל מיכל האָבן געטאָן פאַר די גרושים אַלעס, וואָס זיי האָבן געקענט. די פרעמדע יידן האָבן געוווינט אין בתי־מדרשים; די ווייבער מיט די קינדער אין ווייבער־שולן. און די שטאָט־ווייבער האָבן צונויפגעשלעפּט בעטגעוואַנט, מלבושים און אויסגעבעט פאַר די ווייבער מיט די קינדער. אין שול־הויף, אין יידישן געסל, האָבן זיך געברענט גרויסע פייערן אונטער גרויסע קעסלען עסן פאַר די הונגעריקע. דער, וואָס האָט געהאַט אַ קרוב, צי אַ באַ־קאַנטן, אַ ווייטן צי אַ נאָענטן — האָט אים אויפגעזוכט, און באַלד איז נעמיראָוו געוואָרן איין גרויסע קהלה. סיי די היימישע, סיי די פרעמדע זיינען געשלאָפן אַלע איבערנעם אין קהלשע שטיבער און געגעסן בשותפות פון די קהלשע קעסלען.
געהערט האָט מען, אַז כמעלניצקי האָט אָפּגעצויגן קיין טשיהרין, אין זיין מקום

אַריין. דאָרט האָט ער נהרג געווען די גאַנצע יידישע קהלה מיט ר׳ זכריהן בראש, וועלכן ער האָט אָנגעטאָן גרויסע ענוים פאַר דעם טויט. ר׳ זכריה מיט דער גאַנצער קהלה טשיהרין זיינען געשטאָרבן על קדוש השם, ווי עס פאַסט פאַר יידן; האָבן זיך אַליין אָנגעטאָן אין טליתים, אין קיטלען און זיינען זיך צונויפגעקומען אין שול — און דאָרט זיינען זיי אַלע אומגעקומען. געהערט האָט מען אויך, אַז ער האָט אייניקע יידישע קהלות פאַרברענט, דערונטער אויך זלאָטשאָוו. נאָר איין בטחון איז געווען אין שר ווישניוועצקי, וועלכער האָט אַהער געצויגן פון יענער זייט דניעפּער מיט פיל חיל, מלחמה צו האַלטן מיט כמעלניצקין. האָט מען געוואַרט ביז דער שר ווישני־וועצקי, וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער אוהב־ישראל, וועט בעזרת השם מנצח זיין דעם רשע און יידן וועלן קענען צוריקקערן אין זייערע חרוב־געוואָרענע קהלות.

אָבער באַלד איז באַקאַנט געוואָרן, אַז כמעלניצקי האָט מנצח געווען דעם שר אוהב ישראל. פירשט ווישניוועצקי האָט אָפּגעצויגן אין דער ליטע — און דאָס גאַנצע לאַנד איז איבערגעבליבן אָן אַ באַשיצער, הפקר פאַרן שונא, און פון וואַרשע האָט מען אויך קיין הילף נישט געקענט ערוואַרטן. וואָרעם נאָך קיניג וולאַדיסלאַוס טויט האָבן זיך די שררים נישט געקענט אייניקן, וועמען מע זאָל אויסקלייבן פאַר קיניג איבער פוילן. און דאָס קיניגרייך פוילן איז איבערגעבליבן ווי אַ שיף אָן אַ רודער.

האָט דער רב ר׳ יחיאל מיכל פון נעמיראָוו פאַררופן אַן אַסיפה פון אַלע פרנסים און נכבדים, וואָס האָבן זיך געפונען אין נעמיראָוו מיַעץ זיין זיך, וואָס מע זאָל טאָן. וואָרעם די סכנה איז געווען זייער גרויס.

אויף דער אַסיפה איז געווען חלוקי דעות. טייל האָבן געזאָגט, אַז מע זאָל פאַרלאָזן די שטאָט און גיין קיין טולטשין — וואָס איז אַ שטאַרקערע פעסטונג. אַנדערע האָבן געראַטן דאָ צו פאַרבלייבן.

— ווּ אַהין וועלן מיר גיין? ווּ אַהין וועלן מיר לויפן? אַ גאַנצע מדינה יידן וועלן אַנטלויפן. ווּ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן? און נאָך טולטשין וועלן זיי נישט קומען? אַז עס וועט נישט קומען קיין הילף חלילה וועלן זיי דאָך די גאַנצע מדינה איינגעמען ביז צו לבוב, ביז צו דער ווייכסל. עס קען דאָך נישט זיין, אַז פוילן זאָל אונטערגיין. די שררים וועלן דאָך ניט לאָזן פאַרברענען זייערע אייגענע שטעט מיט די דערפער מיט כל טוב. עס מוז דאָך אָנקומען הילף. אַ מדינה קען דאָך נישט איבערבלייבן אויף הפקר.

אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פונם פרנס פון זלאָטשאָוו און האָבן גע־פונען, אַז עס איז טאַקע נישטאָ ווּ צו אַנטלויפן; אַז נעמיראָוו מיט אירע רבנים און פרנסים און אירע גבורים און מיט דער גרויסער קהלה יידן זאָלן דאַרפן אַנטלויפן, איז דאָך עק וועלט, און עס קען דאָך נישט זיין, אַז די שררים זאָלן איבערלאָזן גאַנץ אוקראַינע אויף הפקר.

— נאָר וואָס דען זאָלן מיר טאָן? — האָבן די יידן געפרעגט.

— נעמיראָוו האָט אַ פעסטונג. פון איין זייט — דער טייך און אַרום — די וואַלן. מיר זיינען ברוך השם אין נעמיראָוו אַ פאָר טויזנט יידן פאַרזאַמלט. קודם־כל לאָמיר זיך באַפעסטיקן אין דער פעסטונג, כדי די יונים פון מקום און די פוילן זאָלן נישט קענען זי אַרויסגעבן צו די קאָזאַקן, ווען זיי וועלן צוקומען צו דער שטאָט. און מיר וועלן זיך אַזוי לאַנג ווערן ביז הילף וועט אָנקומען פון פוילן. עס קען דאָך נישט זיין, אַז אַ מלוכה זאָל לאָזן אַ גאַנצע מדינה אונטערגיין.

די עצה איז אַלעמען געפעלן, און עס איז געבליבן, אַז מע זאָל זיך צוהערן צו דער עצה טובה פון זלאָטשאָווער פּרנס.

נאָר אין אַ ווינקל פון בית־דין־שטוב איז געזעסן דאָס שניידערל און האָט גע־בריט פאַר זיך: — גבורה, מיט גבורה ווילן זיי העלפן דעם רבונו־של־עולם? באַהאַלט די גבורה פאַר זיך. עס וועט קומען אַ צייט, ווען איר וועט דאַרפן די גבורה פאַר זיך, פאַר אַ העכערן ענין.

נאָר קיינער האָט אים יעצט נישט געהערט. די פּרנסים פון די קליינע שטעט־לעך, וואָס זיינען געווען פאַרזאַמלט ביים רב, זיינען אַלץ געווען יידן אין דעם ערך וואָס מענדל, וואָס האָבן אַליין געבויט זייערע שטעט, פון וועלכע זיי זיינען געווען פּרנסים און זיי האָבן ליב געהאַט דאָס מקום, פונוואַנען זיי זיינען געקומען און נישט געוואָלט עס לאָזן אויף הפקר — האָבן זיי אַלע מסכים געווען צו מענדלס עצה און גענומען באַלד זי אויספירן.

נעמיראָוו איז פון איין זייט אַרומגערינגלט מיטן טייך און פון די אַנדערע פרייע זייטן האָט אַ געמויערטער וואַל אַרומגערינגלט די שטאָט. אין די ווינקלען פון די וואַלן זיינען געווען הויכע געמויערטע באַשטעס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר אַלטע פאַרראָסטעטע קאַנאָנען, צו וועלכע עס זיינען נישט געווען קיין קוילן און קיינער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי זיי צו באַנוצן. אָבער די יידן האָבן נישט געטראַכט פון שיסן, נאָר ווי זיך צו באַשיצן. האָבן זיי ערשטנס פאַר־שטאַרקט די טויערן פון דעם מויער. די יידישע קאָוואַלעס האָבן געשמידט לאַנגע אייזערנע פּרענטן, ריגלען און אַייזערנע קייטן, מיט וועלכע זיי האָבן באַפעסטיקט די טויערן און אַרום דעם מויער האָבן זיי אויסגעשטעלט טישן, לייטערס און געבויט אַ הילצערנע באַפעסטיקונג, אָנגעזאַמלט אַ מאַסע שטיינער, שטעכעדיקע העלצער און טעפּ געזאָטן וואַסער.

אין שטאָט האָבן זיך אויך געפונען אייניקע הונדערט פּאָליאַקן, אַ פּאָר צענדליק דייטשישע בעלי־מלאָכות, וואָס האָבן געקענט שיסן מיט ביקסן. די יידן אָבער האָבן זיי נישט געוואָלט אָנפאַרטרויען די מויערן פון דער פעסטונג און נישט די באַשטעס. זיי האָבן זיי געלאָזט שטיין אויף די לייטערס אויף דער מויער — העלפן אָפּוועקטרייבן די קאָזאַקן, ווען זיי וועלן זיך דערנענטערן. דאָס ערשטע, וואָס די יידן האָבן געטאָן — זיי האָבן באַהאַלטן די מיידלעך און די יונגע ווייבלעך און זייערע פאַרמעגנס אין די באַשטעס, און אַליין אַרויף אויף די מויערן.

אין נעמיראָוו איז וואָס אַ מאָל ענגער געוואָרן. וואָס אַ מאָל זיינען מער יידן געקומען אָנצוציען פון די קליינע שטעטלעך און האָבן געבראַכט די טרויעריקע בשורה, אַז כמעלניצקי האָט אַרויסגעשיקט זיין גענעראַל קריווע־נאָס מיט אַ גרויסער צאָל קאָזאַקן און טאָטערן און זיי ציען אויף נעמיראָוו. איז אַ שרעק אָנגעפאַלן אויף די יידן. האָט דער רב ר׳ יחיאל־מיכל ווידער צונויפגעזאַמלט דעם עולם שבת אין דער נעמיראָווער שול און האָט זיך אָנגעטאָן אין טלית, און אַוועקגעשטעלט זיך דרשנען פאַר דעם עולם.

— רבותי! מיר ווייסן נישט, וואָס עס שטייט אונדז פאַר, - האָט דער רב גע־זאָגט, — אַן ערנסטע צייט קומט אויף נעמיראָוו. אפשר פאַרלאַנגט פון אונדז דער רבונו־של־עולם, אַז מיר זאָלן מקדש השם זיין, זיינען מיר מוכן ומזומן. אפשר קומט דער שונא גאָר נישט איינעמען אונדזערע גופים, נאָר אונדזערע נשמות? פאַר אונד־זערע גופים האָבן מיר אָנגעגרייט אַ שוץ: מיר האָבן באַפעסטיקט די וואַלן. האָבן

מיר אויף אָנגעגרייט אַ שוץ פאַר אונדזערע נשמות? ווען דער רשע וועט קומען און וועט חלילה זאָגן: „תּני לי את הנפש“, וועל איך אייך לאָזן לעבן, וועט איר געווינג שטאַרק זיין, ניט קיין רחמנות האָבן אויף אייערע לעבנס, אויף אייערע ווייבער און אויף אייערע קינדער, און מקדש השם זיין ווי די עשרה הרוגי מלכות האָבן געטאָן, ווי די אַלע הקדושים והטהורים?

אין שול איז שטיל געוואָרן. די ווייבער האָבן אויפגעהערט צו כליפּען, און די מענער צו קרעכצען. מע האָט נאָר געזען גלאַנצנדיקע אויגן און בלייכע שווייגנדיקע געזיכטער.

האָט ווער פון עולם אויסגעשריען:

— שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!

האָט דער עולם נאָך אים אויסגעשריען ווי איין מאַן:

— שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!

דער רב איז שטיל געוואָרן, ער האָט שוין מער נישט גערעדט פון קדוש השם. זיין שטימע איז ווייכער געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן צו טרייסטן דעם עולם:

— און אפשר איז עס אַ נסיון, און געדענקט „ושמור את הנפש“. יעדער ייד איז זיך מחויב צו ראַטעווען ווי ער קען, און דער וואָס ברענגט אונטער זיין לעבן בידים, דער איז מאבד עצמו לדעת, און ער האָט קיין חלק לעולם-הבא נישט. פאַר גאָרנישט זאָלט איר זיך חלילה אָפּשטעלן, נישט פאַר קיין פאַרמעגנס, פאַר גאָלד און זילבער אָדער ספרים קדושים. וואָרום איר באַלאַנגט נישט צו זיך, נאָר צום רבונו-של-עולם, און פאַר גאָרנישט זאָלט איר זיך חלילה דאָס לעבן איינשטעלן, נאָר פאַר דער אמונה הקדושה אַליין.

אַ גרויס געוויין איז געוואָרן אין שול נאָך דעם רבס רייד. די משפּחות זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. די ווייבער מיט די מענער, יעדע משפּחה איז געזעסן באַזונדער מיט די קינדער און מע האָט זיך געזעגנט איינער מיטן אַנדערן, און איינער האָט דעם אַנדערן געטרייסט — און דער עולם האָט מער בטחון געקראָגן נאָך דעם רבס רייד.

אויף מאָרגן האָבן די אויסקוקערס אויף די באַשטעס געזען ווי פון סטעפּ הייבט זיך אויף אַ גרויסער וואָלקן פון שטויב. זיינען זיי אַראָפּגעקומען און האָבן אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה, אַז די רשעים קומען. זיינען די מענער גלייך געלאָפן און געשטעלט זיך אויף די לייטערס ביי די ווענט, מיט שטיינער און העק און שטיקער אייזנס, וואָס זיי האָבן זיך געהאַט אָנגעגרייט אויף דער מויער, און די ווייבער האָבן געבראַכט טעפּ מיט קאָכעדיקן חלב און הייסע קאַשע, וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט. איז געקומען צולויפן פּאַן קאַשניטצקי, דער פירשט ווישניוויעצקיס פאַרטרעטער פון שטאָט, און מיט אים זיינען געווען נאָך פּאָליאַקן מיט שווערדן אין די הענט און האָבן געשריען צו די יידן:

— וואָס טוט איר? אויף וועמען גרייט איר אָן די שטיינער און אויפגעקאָכטע קאַשע, אויף די סאָלדאַטן פון גראַף ווישניוויעצקי, וועלכע קומען אייך ראַטעווען פון די קאָזאַקן? דערקענט איר דען נישט דעם פּוילישן ווייסן אָדלער אויף די רויטע פאָנען? דערקענט איר דען נישט די פּאַווע-פּושעס אויף די קעפּ פון די סאָלדאַטן? גייען די כלאָפּישע קאָזאַקן אָנגעטאָן אין קיניגלעכע גאָרנאָסטאַיענע קאַנטושן? און קענט איר גאָרניט פונדערווייטנס דערזען די שטאַרקע וואָנסעס פון אויער צו אויער, נישט די ראַקן-וואָנסעס פון די קאָזאַקן? עפּנט אויף דעם טויער פאַר די העלדן פון

פירשט יערעמיאַש, און גייט מיט האַניק־לעקעכער און פּערל אַנטקעגן די העלדן, וואָס קומען ראַטעווען אײַערע לעבנס, אײַערע ווייבער און קינדער פון די קאָזאַקן!

און ווירקלעך האָט מען דערזען פון וואָלקן שטויב אַרויסרייטן אַ וואַלד מיט רויטע פאָנען, אויף וועלכע עס האָט געשיינט אין דער זון דער ווייסער פּוילישער אָדלער. דאָ און דאָרט האָבן ווייסע פאָנען געפלאַטערט און פאַרויס געלאָפן, ווי זיי וואָלטן געוועז אָנגעזאָגט הילף און דערלייזונג. און באַלד איז די גאַנצע מויער פאַר־הילכט געוואָרן אין אַ גרויסן פריידן געשריי:

— הילף קומט! הילף!

די ווייבער זיינען אַרויס פון דער פעסטונג מיט די קינדער אויף די הענט, אַרויף אויף די לייטערס, אויף דער מויער, און דערזעענדיק פונדערווייטנס די פּוי־לישע פאָנען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו רופן:

— גאָטס נס, גאָטס וווּנדער. זעט, זעט, גאָט שיקט פון הימל!

און נעמיראָוו איז אַרויס אויף די גאַסן, פון די באַהאַלטענע לעכער, פון די קעלערס און די מויערן. ווער עס האָט זיך נאָר געהאַט באַהאַלטן פון די קאָזאַקן איז געקומען צו דער טויער פון מויער זען די אַרייַנציענדיקע פּוילישע זעלנער, וואָס זיינען זיי געקומען העלפן. דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין געקליבן דעפּוטאַציעס פון יידן, יום־טובדיק אָנגעטאָן, מיט ספרי תורות אין די הענט, וועלכע זיינען געקומען מקבל פנים זיין דעם פירשטס זעלנער. מוטערס האָבן באַהאַלטן זייערע טעכטער פאַר דעם חיל, וואָס קומט אָן... און בחורים און ייִנגלעך האָבן זיך געקליבן אויפן טויער צו זען אַרייַנמאַרשירן די העלדן.

נאָר אָט זיינען שוין די סאָלדאַטן נאָענט ביי דעם מויער, און די יידן איילן זיך נישט אויפצועפענען דעם טויער. שוין קומט אָן פאַרויס צו רייטן אַ שטאַפּעט מיט אַ ווייסער פאָן און שטעלט זיך אָפּ ביי דעם טויער און טראָמפּייטעט אויס:

— עפנט אויף די בראַמע פאַר דעם פירשט ווישניוויעצקיס זעלנער!

— יידעלעך, אָן אַ זייט, אָן אַ זייט! די בראַמע עפנט, פּוילישע זעלנער קומען — שרייט פאַן קאַשניטצקי.

— דאָס וועלן מיר זען, ווען זיי וועלן אָנקומען צו דעם מויער, וואָס פאַר אַ זעלנער זיי זיינען — האָבן די יידן ביי דעם טויער געענטפערט.

דאָס חיל איילט זיך נישט צוצוקומען צום טויער. די מחנה שטייט אַלץ פונ־דערווייטן, רוען אין וועלדל, וואָס איז הינטער דער שטאָט, און האַלטן אין איין שיקן שטאַפּעטן מיט טראָמפּייטערס, טראָמפּייטן אויס, אָבער די יידן ווילן פון גאָרנישט הערן.

— מיר ווייסן נישט ווער דאָס זיינען אַזעלכע. זאָלן זיי צוקומען נענטער צו דער בראַמע, וועלן מיר זיי דערקענען, וואָס פאַר אַ זעלנער דאָס זיינען.

— אָ, יידעלעך, פּחדנים, ווי איר האָט מורא! עפנט אויף די בראַמע, לאָזט מיך אַרויס צו זיי. וועל איך נישט צוריקקומען — זיינען עס קאָזאַקן — מיין טויט. קום איך צוריק, איז עס פאָליאַקן. איך באַדאַרף קיינעם נישט פון אייך. איך אַליין וועל גיין מיין לעבן איינשטעלן, און איר גייט און באַהאַלט זיך אונטער די ווייבערס קאָפּטענעס! — האָט דער פּריץ זיי געזידלט.

די יידן האָבן אויפגעעפנט די פאָרטקע און אַרויסגעלאָזט דעם פאַן קאַשניטצקי. דער שטאַפּעט האָט דעם פאַן אַוועקגעפירט צו דעם חיל, וואָס האָט גערוט אין וועלדל. דער פאַן האָט זיך געזאַמט דאָרט אַ לאַנגע ווײַלע. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען רייטנדיק אויף אַ ווייס פערד מיט אַ פּוילישער פאָן אין דער האַנט. ביי אים זיינען

געווען צוויי טראָמפּייטערס. די טראָמפּייטערס האָבן געבלאָזן און די יידן האָבן זיך געשטעלט אויפן מויער. דער פאַן האָט געלעזן פון אַ שריפט און אויסגערופן מיט אַ הויך קול:

„אין נאָמען פון זיין הערלעכקייט, דעם פירשט פון רוס, יערעמיאַש ווישני־וויטצקי, דער פאַן און באַזיצער פון נעמיראָוו, באַפעל איך די נעמיראָווער איינוווינער אויפצועפענען די זעלנער פון זיין הערלעכקייט“.

— זאָל לעבן אונדזער באַשיצער, פאַן ווישניוויטצקי! — האָבן די יידן אָפּגע־ענטפערט און ברייט אויפגעעפנט די בראַמע.

די דעפּוטאַציעס האָבן זיך אויסגעשטעלט. פון וועלדל האָט זיך דאָס חיל גע־לאָזט הענדום־פּענדום צום טויער פאָכנדיק מיט די פאָנען אָן אָרדנונג און שרייענדיק „הורראַ“! די יידן זיינען דערשראָקענע געוואָרן.

נישט אַזוי ציט אַריין פריינדלעכער חיל אין אַן אייגענער שטאָט. נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. די ערשטע רייטערס זיינען שוין אַריין אין דער שטאָט.

אין די לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע ראָקן־וואָנסעס האָבן זיי די יידן דערקענט, און אַ גרויס געשריי האָט זיך געהערט אין שטאָט:

— די קאָזאַקן! די קאָזאַקן!

פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה.

נאָך נעמיראָוו האָבן זיך די קאָזאַקן געלאָזן קיין טולטשין. אין טולטשינער פעסטונג האָבן זיך באַהאַלטן די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך און די אַנטרונענע פון נעמיראָוו. האָט זיך אָנגעזאַמלט אין טולטשין אַ יידישע באַפעלקערונג פון צען טויזנט נפשות מיט זייער פיל יידישן רייכטום, וואָס די יידן האָבן מיטגענומען מיט זיך. און אויף דעם פאַרמעגנס האָבן זיך געלאָזט די קאָזאַקן און אויף די ווייבער און מיידלעך די טאָטערן.

נאָר אַזוי לייכט איז קריווע־נאָס מיט זיינע האָרדעס קאָזאַקן נישט אָנגעקומען טולטשין צו נעמען. טולטשין איז געווען אַ פעסטונג, און די יידן, וועלכע זיינען מייסטנס געווען אַנטלאָפענע פון חרוב געוואָרענע שטעטלעך, האָבן געוווּסט וואָס עס הייסט אַריינצופאַלן אין קאָזאַצקישע הענט. האָבן זיי אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז בעסער אין דער שטאָט פאַר הונגער אויסגיין, בעסער אין קאַמף צו שטאַרבן, איידער צו די קאָזאַקן אין די הענט אַריינצופאַלן.

אין דער שטאָט האָט זיך אויך געפונען אַ רעכט ביסל פּאָליאַקן, אייניקע הונ־דערט פּוילישע זעלנער. האָבן די יידן מיט די פּאָליאַקן אָפּגעמאַכט אַ בונד, געשוואָרן זיך, און דער רב ר׳ אַהרון, דער ראש־ישיבה פון טולטשין, און דער דוכס טשווערטשינסקי, האָבן זיך אויף אַ כּתב אונטערגעשריבן, אַז זיי זאָלן ביז צום לעצטן מאַן, ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט קעמפן זייט ביי זייט און די שטאָט באַשיצן פון קאָזאַצקישע הענט.

און אַ גרויס ברודערשאַפט איז געוואָרן צווישן די פּאָליאַקן און די יידן. די יידן האָבן זיך אין די שולן פאַרזאַמלט, די פּאָליאַקן אין די קירכן, און גאָט געבעטן, אַז ער זאָל זיי מציל זיין פון די קאָזאַצקישע הענט, און געשוואָרן זיך צו באַשיצן

איינער דעם אַנדערן. מע האָט זיך „פאַן בראַטעוועט". די פּאָליאַקן האָבן געשריען צו די יידן: „קאָכי־מעי שיע", און די יידן האָבן זיך געטיילט מיט זיי דאָס עסן, וואָס זיי האָבן אין שטאָט אָנגעזאַמלט אום אויסצוהאַלטן די באַלאַגערונג ביז הילף וועט קומען פון די פּוילישע שררים.

די פּאָליאַקן און די פּוילישע זעלנער, אונטער דער פירערשאַפט פון פּריץ טשווערטשינסקי, וועלכע זיינען געווען מער געלערנט אין מלחמה־טאַקטיק, ווי די יידן, און געוווּסט ווי אומצוגיין מיט געווער, האָבן גענומען אויף זיך צו פאַרטיידיקן די פעסטונג פון טולטשין. און די יידן, וואָס זיינען געווען אין אַ פיל גרעסערער צאָל פון די פּאָליאַקן און מער מוטיק פון די פּאָליאַקן, ווייל זייער געפאַר איז געווען אַ גרעסערע, האָבן גענומען אויף זיך צו פאַרטיידיקן די שוואַכערע און אומבאַשיצ־באַרע טיילן פון דער שטאָט.

זיי האָבן זיך באַלאָדן מיט טערקישע כלי־זין, מיט פּולווער־שיסנדיקע ביקסן, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער פעסטונג. זיי האָבן אַרום דער מויער אויפגעשטעלט הויכע רישטאַוואַניעס, לייטערס, באַשטעלט זיי מיט געשטעלן און אָנגעזאַמלט אויף זיי מאַסן שטיינער, געוויכטן. די ווייבער האָבן אָפּגעקאָכט גרויסע טעפּ מיט צעלאָזענעם חלב, בריענדיקער קאַשע, געזאָטענעם וואַסער און געבראַכט צו די מויערן. אָפטמאָל האָבן די יידן געלאָזט די קאָזאַקן נאָענט צוקומען צו דער מויער און אונטערשטעלן זייערע אייזערנע ווידלעס אונטערצוברעכן די מויערן, און פּלוצים מיט אַמאָל האָבן זיי אָנגעהויבן צו רעגענען אויף זיי מיט שטיינער, צו באַגיסן זיי מיט טעפּ געזאָטענעם חלב אויף די קעפּ. און די קאָזאַקן זיינען אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק די ווידלעס מיט זייערע טויטע אַרום די מויערן. און נישט איין מאָל האָבן זיך די יידן, ווי אַמאָל ביי דער באַלאַגערונג פון ירושלים, אַרויסגעלאָזט זיך פון דער שטאָט, און מיט אַ פאַראַכטונג צום טויט געוואָרפן זיך אין די מחנות קאָזאַקן, געטויט פיל פון זיי און די איבעריקע צוריקגעיאָגט אין זייערע לאַגערן.

אין שטאָט איז אָבער וואָס אַמאָל געוואָרן ווינציקער עסן. דאָס עסנוואַרג, וואָס די יידן האָבן אָנגעזאַמלט אין שטאָט, איז דורך אַ פאַרוואַלטערשאַפט צעטיילט געוואָרן אויף גלייכע חלקים צווישן די יידן און די פּאָליאַקן. צוערשט האָט מען געשפּייזט די קינדער און די פרויען, די מענער פלעגן אָפט אַליין זיך איינשאַפן שפּייז פון די קאָזאַקן. די יידן האָבן דורך זייערע אויסקוקערס אויסגעפונען ווען די קאָזאַקן פלעגן צונויפטרייבן סטאַדעס שעפּסן, בהמות, אָקסן. פלעגן די יידן זיך אַרויסרייסן פון שטאָט אין די קאָזאַצקישע מחנות אַריין און אַוועקנעמען פון זיי די סטאַדעס בהמות און זיי טרייבן אין שטאָט אַריין און באַזאָרגן די שטאָט מיט שפּייז אויף וואָכן לאַנג.

צווישן די יידישע קעמפער האָט זיך אויך געפונען מענדל, דער פּרנס פון זלאָטשאָוו. נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָרן זיין זון פאַר זיינע אויגן, שווימענדיק איבער דעם טייך, און נישט הערנדיק גאָרנישט פון זיין שנור, וועלכע איז אַוועק מיט דער אַלטער מאַרושאַ, האָט ער גענומען זיין ווייב און יז מיט איר געגאַנגען קיין טול־טשין, ווי אַנדערע אַנטרונענע, מיט דער האָפענונג, טאָמער האָט די אַלטע מאַרושאַ גע־בראַכט זיין שנור קיין טולטשין דורך אַן אַנדער וועג. אָבער נישט געפינענדיק זי אין טולטשין און זייענדיק זיכער, אַז זיין זון, נאָכדעם ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די קאָזאַקן, לעבט נישט מער, איז אים זיין אייגן לעבן מיאוס געוואָרן. ער האָט נישט געהאַט מער פאַר וואָס צו לעבן און נישט געוואָלט מער לעבן. אָבער מענדל האָט צו פיל געזונטן אינסטינקט געהאַט, און די אמונה אין גאָט האָט אים נישט

געלאָזט פון זיך אַליין אַן ענדע מאַכן. ער, ווי פילע אַנדערע, פאַרלירנדיק יעדע האָפענונג אויף אייגן גליק, האָט איבערגעטראָגן זיין פערזענלעכן גליק און האָפענונג אויף דעם קיום פון דער גאַנצער עדה. די עדה פון טולטשין איז געוואָרן זיין קינד, זיין שלמה, זיין צוקונפט, זיין אייגן לעבן. אין דער עדה האָט ער צוריקגעפונען זיין אייגענען קראַפט, און פאַר איר קיום האָט ער מיט אַ פאַראַכטונג צום טויט, צום פערזענלעכן גליק, וועלכן ער האָט נישט מער געפילט, זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף. ער האָט געוואָלט שטאַרבן פאַר דער יידישער אמונה, האָט ער דער ערשטער זיך אַריינגעריסן אין קאַמף, אין די געפערלעכסטע אונטערנעמונגען, מיטשלעפנדיק מיט זיך אַנדערע, אָנצינדנדיק אין זיי אַ הייליקע באַגייסטערונג מיט זיינע ווערטער.

— יידן,—פלעגט ער זאָגן מיט באַגייסטערטע, שטראַלנדיקע אויגן,—אונדזערע קינדער האָבן זיי געטויט, אונדז וועלן זיי טויטן, אָבער אונדזער גאָט לעבט אייביק, טאָ לאָמיר מלחמה האַלטן פאַר זיין כבוד וועגן, פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה!

און עס האָבן נישט פאַרשטאַנען און נישט דערקענט די קאָזאַקן די יידן. זיינען דאָס די יידן, וואָס פלעגן זיך צונויפקלייבן אין די שטעטלעך ווי געבונדענע שעפסן, ווי עופות געשאָכטענע? זיינען דאָס די דערשראָקענע און ציטערנדיקע יידן? ווי ווילדע טיגערס פלעגן זיך די יידן אַרויסלאָזן צו די קאָזאַקן פון די מויערן, מיט בלייזע הענט, מיט שטעקנס און אייזנס, און מיט אַ געשריי „פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה" פלעגן זיי זיך אַריינלאָזן אין די הערדעס קאָזאַקן. זיי האָבן נישט געקוקט אויף די פיילן, וואָס פאַלן צו זיי, נישט אויף די קוילן פון די ביקסן, נישט דער רעש פון האַרמאַטן האָט זיי אָפּגעשטעלט. מיט געשרייען און מיט פלאַמענדיקע אויגן האָבן זיי צעריסן די וואָלקנס רויך, וואָס האָבן געוויכערט דורך די רערן פון די האַרמאַטן, און אַריינגעלאָזט זיך אויף די קאָזאַקן, געביסן זיי מיט די ציין, אַרויסגעריסן מיט די פינגער די אויגן, און מיט די לאַנגע חלפים פלעגן זיי שניידן העלדזער און קעפּ. אָפטמאָל האָט זיך אַ ייד איינגעוויקלט אין אַ קאָזאַק, און מיט יידישער עקשנות זיך אַזוי לאַנג איינגעביסן מיט די ציין אין קאָזאַקס האַלדז, ביז זיי זיינען ביידע געפאַלן, און יידיש בלוט און גויש בלוט האָט זיך אין איינעם אויסגעמישט.

פילע יידן, זייענדיק גרייט צו שטאַרבן, האָבן זיך אָנגעטאָן די תכריכים, די קיטלען, טליתים, און מיט חלפים אין די הענט זיינען זיי אַריין צווישן די קאָזאַקן. די הערדעס, אַז זיי האָבן דערזען די וויים-באַקליידעטע געשטאַלטן טראָגן זיך אין דער נאַכט מיט פלאַמענדיקע אויגן און הייליקע באַשיינטע פנימער, איז אויף זיי אַ גרויס שרעק אָנגעפאַלן. זיי פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אויף די קניען פאַר די ווייסע יידן און בעטן צו זיי ווי צו מלאָכים:

— גאָט, האָב רחמנות!

אַנדערע זיינען דערשראָקן געוואָרן פון שרעקלעכן כעס, וואָס שיינט אַרויס פון די ווייסע יידישע פנימער, און זיינען אַנטלאָפן מיט ווילדע געשרייען, ווי געטלעכע דערשיינונגען וואָלטן זיי נאָכגעיאָגט, און האָבן אַ שרעק אונטערגעצונדן מיט זייערע געשרייען אין די מחנות. און גאַנצע פאַלקן סאָלדאַטן זיינען אַנטלאָפן פאַר די תכריכים-באַקליידעטע יידן, איבערלאָזנדיק אַלצדינג הינטער זיך.

וואָכן לאַנג זיינען געשטאַנען די קאָזאַקן הינטער די טולטשינער מויערן און די שטאָט נישט געקענט נעמען. בחנם האָט קריווע-נאָס געשאָלטן און געזידלט זיינע סאָטניקעס, די קאָזאַקן זיינען אַנטלאָפן פאַר די ווייסע יידן, ווי דער שרעק פון גאָט וואָלט אויף זיי אָנגעפאַלן. קריווע-נאָס האָט אָבער באַשטימט די שטאָט מיט שטורעם

צו נעמען. ער האָט זיך געשעמט פאַר די טאַטערן, וואָס זיינען געווען מיט אים אין לאַגער, וואָס די קאָזאַקן אַנטלויפן פאַר די יידן, און מורא געהאַט פאַר כמעלניצקין און געשראָקן זיך, אַז דער כאַן פון די טאַטערן זאָל דערפון נישט געוואָר ווערן. ער האָט צונויפגענומען גרויסע מחנות קאָזאַקן און פויערים פון „דער גאַנצער געגנט אַרום. אין די צענדליקע טויזנטער זיינען אָנגעקומען די פויערים, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון די שטעט און דערפלעך. פערד און וועגן און מחנות האָבן באַשוואַרצט דאָס גאַנצע לאַנד אַרום טולטשין. אין שטאָט האָט מען געהערט דאָס ברומען און הירזשען פון די מחנות, וואָס באַלאַגערן די שטאָט. ביינאַכט האָט מען געזען די פייערן פלאַ־קערן איבער דער גאַנצער סטעפּ. און פיל זיינען געווען די פייערן פון די לאַגערן ווייט ווייט אין סטעפּ אַריין. די יידן האָבן זיך נישט געשראָקן, זיינען גרייט געווען אַלע ביז איינעם צו שטאַרבן, אָבער ניט ווי שאָף שטאַרבן, נאָר אין מלחמה, אין מלחמה פאַר גאָט און זיין תורה. דאָס וואָרט, וואָס דער פּרנס פון זלאָטשאָוו האָט אַרייַנגעוואָרפן אין דער עדה, האָט פאַרוואַנדלט טויט־פאַראורטיילטע אין גבורים, האָט אויפגעפלאַקערט צוריק אין יידן דעם אַלטן יידישן גייסט. אַ פרייד איז געווען פאַר זיי דער טויט. און ווי אַמאָל הינטער די טויערן פון ירושלים, אַזוי האָבן זיי יעצט געקעמפט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן די ווייבער געטראָגן די שטיינער אויף די לייטערס, געקאָכט דעם חלב, טעפּ בליי, און געשלעפּט גרויסע טונען מיט סמאָלע אַרויף אויף די געשטעלן אונטער דער מויער און געגרייט זיך צו דער מלחמה.

טשווערטשינסקי מיט זעקס הונדערט פּוילישע סאָלדאַטן מיט קאַנאָנען און ביקסן זיינען געווען אין פעסטונג. מיט אים איז אויך געווען די גאַנצע פּוילישע באַפעל־קערונג פון טולטשין, און אַלע זיינען באַלאָדן געווען מיט געווער די שטאָט צו באַוואַכן.

ווען דער ערשטער בלאַסק פון מאָרגן האָט אָנגעהויבן צו באַקרוינען די שפּיצן פון די טורעמס פון טולטשין, האָט קריווע־נאָס געשיקט זיינע ערשטע רייען צו דער מויער מיט אייזערנע בויערערס. די ערשטע רייען זיינען באַשטאַנען פון פויערים פון דער אַרומיקער געגנט, וועלכע קריווע־נאָס האָט באַוואָפנט. ער האָט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן אויף זיי אויסשיטן אַלע שטיינער און אויסגיסן די סמאָלע, כדי ווען די געניטערע קאָזאַקישע זעלנער וועלן צוקומען, זאָלן די יידן שוין זיין אָפּגעשוואַכט. אָבער אומדערוואַרט האָבן די יידן אויסגעשאָסן מיט קאַנאָנען איידער די רייען זיינען צו דער מויער אָנגעקומען. זיי האָבן די קאַנאָנען אַראָפּגענומען פון דער פעס־טונג און צעשטעלט אויף געביידעס אַרום דער מויער ביינאַכט, און ווען די פויערים האָבן דערהערט דעם קאַנאָנען־שאָס און זיינען איינגעוויקלט געוואָרן אין וואָלקנס רויך, זיינען זיי זיך צעלאָפן אויף אַלע פיר זייטן וועלט. קריווע־נאָס האָט געשיקט איין רייע נאָך דער אַנדערער. און די יידן האָבן זיי געהאַלטן אין איין פאַרטרייבן מיט קוילן און קאַנאָנען־שאָסן. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געהאַלטן די קאָזאַקן אין איין פאַרטרייבן פון דער מויער, און ווען עס איז געוואָרן נאַכט זיינען ענדלעך די קאָזאַקן צוגעקומען צו דער מויער און אָנגעהויבן אונטערצושטעלן זייערע בויערערס, האָבן זיי די יידן באַגעגנט מיט אַ רעגן פון שטיינער, זיי האָבן געגאָסן אויף זיי געקאָכטן בליי און געזאָטענע קאַשע, פייערדיקע שטיקער סמאָלע זיינען געפאַלן פון דער מויער אויף די קעפּ פון די קאָזאַקן. פילע זיינען פאַרברענט געוואָרן אונטער דעם פייער און געבליבן ליגן אויף זייערע בויערערס, טליענדיק זיך. אָבער וואָס אַמאָל זיינען

מער רייען קאָזאַקן צוגעשפרונגען אויף די פערד צו דער מויער, און וואָס אַמאָל מער האָט דער פייער, וואָס האָט זיך געגאָסן פון די מויערן, פאַרברענט און פאַרניכטעט די רייען אונטער דער מויער.

די קאָזאַקן האָבן געהירזשעט, געשריען, געליאַרעמט. איינער האָט דעם אַנדערן אונטערגעיאָגט מיט געוואַלדן און הורא-געשרייען, אָבער דער פייערדיקער רעגן האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו גיסן פון דער מויער, און די קופּעס לייבער, טליענדיק זיך אין ברענענדיקער סמאָלע, זיינען אַלץ מער אָנגעוואַקסן אין די הויפנס ביי דעם גרונט פון דער וואַנט. ענדלעך האָט זיך די בראַמע פון טויער אויפגעעפנט און מחנות ווייסע יידן האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַרויס פון טויער, און מיט דעם געשריי „פאַר גאָט און פאַר זיין תורה" זיינען זיי ווי די רוחות, מיט חלפים אין די הענט, אַריין אין די האָרדעס, און ווי די פויערים האָבן דערזען די ווייסע מחנות יידן, אַזוי איז גאָטס שרעק זיי באַפאַלן, זיי זיינען זיך צעלאָפן אויף אַלע זייטן, און די יידן זיינען צוריק אין שטאָט אַריין זינגענדיק קאַפּיטלעך תהילים.

ענדלעך איז נאַכט געוואָרן, און די קאָזאַקן האָבן זיך געזאַמלט אַרום די פייערן אין זייערע לאַגערס. פון יענער זייט טויער האָט זיך אַלץ געהערט דאָס געזאַנג פון די חזנים. דאָס געזאַנג האָט זיך געהערט אַ גאַנצע נאַכט פון דער שטאָט אַרויס, דאָס האָבן די חזנים געזונגען קאַפּיטלעך תהילים און געשריען צו גאָט.

און עס איז נישט געווען קיין געשריי פון באַלאַגערטע, נאָר אַ גרויס לויב-געזאַנג צו גאָט פון די, וואָס זיינען גרייט צו שטאַרבן פאַר זיין כבוד, פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה.

און עס האָבן גערעדט צווישן זיך די קאָזאַקן ביי די פלאַמען פייערן אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט:

— דער אַלטער יידישער גאָט האָט זיך אויפגעוועקט און איז צוריקגעקומען פון ירושלים, איז מיט די יידן אין שטאָט. ווי צו אונדז! ווי צו אונדז!

שלום אַש

(פון בוך „קדוש השם").

ראָמאַן.

פונם ראָמאַן „דאָס ווינטשפינגערל“.

וואָס מע וויל, מעג מען אויף קאַבצאַנסקער יידן זאָגן: זיי זיינען עפּעס נישט אַזעלכע גרויסע בריות, טוען אין דער וועלט נישט אויף עפּעס אַזעלכע גרויסע חכמות; מ׳שטיינס געזאָגט, זייער לעבן: שטערכען אָפּ די וועלט עט, אַזוי, מיט גאָרנישט... און קומען אָפּ מיט שהי-פּהי— דאָס און נאָך אַזעלכס מעג מען זאָגן, נאָר אין דעם ענין פון פרוכפּערן און מערן זיך, קען מען צו זיי, חלילה, גאָרנישט האָבן. זיי זיינען דרינען געוואָרנט, נישט ערגער פון אַלע אַנדערע יידן. שונאים אפילו קענען נישט לייקענען, אַז איטלעכער קאַבצאַנסקער ייד איז אַ מטופּל, אָן עין-הרע, מיט אַ סך קינדערלעך. און די טובה, וואָס דער וועלט קומט דערפון אַרויס, ווערט דאָ באַשיינפּערלעך דערוויזן ווייטער אַ ביסל.

מענדעלע מוכר-ספרים.

די קאַבצאַנסקער באַלעבאַטים זיינען, נישט פאַר אייך געדאַכט, גרויסע אביונים, האָבן נישט, איר זאָלט זאָגן, אַ צעבראָכענעם גראָשן ביי דער נשמה. אין קאַבצאַנסק אַליין איז פאַר זיי נישטאָ קיין שום פּרנסה, סיידן איינער צום אַנדערן מיט אַ טאָרבע אין די הייזער אַרומצוגיין. זאָל פּרוּוון איינער מאַכן עפּעס אַ געשעפטל, אַ קלייטל, אַ שטייגער, באַלד טאַקע טוט אים דער איבעריקער עולם נאָך, און וויפיל יידן, אַזוי פיל קלייטלעך-קרעמער זיינען דאָ ווי מיסט און אַ קונה נישט איינער. דאָסגלייכן איז אין אַנדערע זאַכן. איטלעכער האָט ליב אַריינצושטופּן זיך אין דערמיט, אָנצוטרעטן יענעם אויפן פוס גאַנץ יידישלעך; ווו צוויי, זאָל ער זיין אַ דריטער, ווו דריי—אַ פערטער און אַזוי אַלץ ווייטער, ווייטער, ביז עס קומט אויס „וקבצנו יחד“—אַלע קבצנים איינעם-שטיקן-זיך-צונויף, כאַפּן זיך אַרום גאָר ברידערלעך און ווערן אַזוי דערשטיקט, פאַרכאַפּט אַלע אויף איין מאָל. אַזאַ שטאַרקע אחדות, דאָס הייסט, אַריינצוקריכן מיט אַ פוס צו יענעם אין בייטל, איינער ביים אַנדערן דעם ביסן פונם מויל אַרויסצונעמען, וואָס גאָט גיט, אבי איינעם, מיר נישט, דיר נישט—דאָס איז איינע פון די מדות טובות, וואָס געפינען זיך נאָר טאַקע ביי קאַבצאַנסקער יידן. און אין דעם זכות קומט זיי טאַקע אויס איינער צום אַנדערן אין די הייזער אַרומצוגיין... די גאַנצע יניקה זייערע איז פון דער פּרעמד, מייסטנס פון גלופּסק. אַ נס פאַר קאַבצאַנסק, וואָס איז דאָ אַ גלופּסק, ווו מע קען נאָך עפּעס טאָן און אַ שטיקל קיום האָבן. קאַבצאַנסק שיקט אַהין געווינטלעך אַרויס אַלערליי סאָרטן נפשות: מיני מלמדים, באַהעלפערס, מעקלערס, בטלנים, צוגעלעגערטע אויף פרישצאַפּלדיקע-איידעמלעך אַזעלכע, ערשט אַראָפּ פונם קעסט; יידן אַזוינע און אַזוינע, וועלכע דאָס האַרץ נאָר גלוסט: מיט כתבים, מיט מיחושן, זיידענע, גילדנאָדערדיקע, בעלי-תפלות, שופר-בלאָזערס; יידינעס כל-המינים: זאָגערינס, וויינערינס, שפּרעכערינס, ווייבער מיט אייער, מיט פּסחדיק געגדזנשמאַלץ, פעדערן-פּליקערינס. היינט אַ מיש-מאַש בחורים, דינסט-מיידלעך, מוידן מיט צוגעדעקטע קעפּ, ווייבלעך אַזוינע און אַמען אַזוינע, אָן אַ שיעור. דידאָזיקע לעבעדיקע סחורה גילט אין גלופּסק משונה שטאַרק,

האָט דאָרט אַ גרויסן אָפּגאַנג, און קאַבצאַנסק פון איר זייט, וואָס אַרבעט געשמאַק לטובת הכלל, פאַבריצירט אַזאַ סחורה צו באַגליקן די וועלט, איז דערמיט זיך זייער מיחס. דעריבער הייסן אַלע קאַבצאַנסקער יידן—מיוחסים. אַז מע באַגעגנט אַ יידן עפּעס אַ ווילדן בעל־גאוה, האָט מען דעם בעסטן סימן, אַז ער מוז זיין אַ קאַבצאַנסקער.

דער מחבר פון דעם „ווינטשפינגערל” האָט געהאַט די זכיה געבוירן צו ווערן דאָ בק״ק קאַבצאַנסק.

די עלטערן זיינע האָבן פון אים ביים געבוירן ווערן נישט געמאַכט אַזאַ פּירוש. זיי איז נישט איינגעפאַלן אַפילו צו טראַכטן אַ ווילע, צו וואָס האָבן אַזעלכע קבצנים, ווי זיי, אַראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אויף צרות נאָר פאַר זיך און אויך פאַר אים; אָדער—וואָס האָט מען מיט דעם נפש צו טאָן עפּעס אַזוינס, אַז דאָס לעבן, וועלכעס זיי האָבן אים געשענקט, זאָל אים בנידא זיין און ער זאָל נישט שפּעטער האָבן צו זיי קיין טענות: „קבצנים, געוואַלד, וואָס האָט איר מיך געהאַט!..” נאַרישע זאַכן, כלעבן! די מאַמע האָט געטאָן איר זאַך, אים געטראָגן און געהאַט פּשוט, אָן חכמות, דעם טאַטן ווידער האָט עס אויך נישט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט. מילא, איז דאָ נאָך אַ נפש, וואָס קען עס אים אַרן? אַי וואָס, ער איז אַ קבצן, מיט אַלע חן־גריבעלעך אַ קבצן, און נאָך אַ צוגעקומען מויל באַדאַרף דאָך פּיקן?—נישט מער גאָרנישט, לאָז זיך די וועלט זאָרגן. מיט דעם בטחון טאַקע, פריער אויף גאָט, דערנאָך אויף דער וועלט, איז ער אַליין דאָך, זיינע עלטערן און די עלטערנס עלטערן געבוירן געוואָרן. וואַרטן אויף דרך־ארץ, ביז מע וועט פאַר אַ יידישער נשמה אָנ־גרייטן דאָ פריער אַלצדינג, וואָס נויטיק איז צום לעבן, און דערנאָך ערשט זי אָפּ־אַכטן אַהער צום גרייטן—דאָס קען אַ ייד נישט. אַ ייד, אַז ער וועט זיך נישט שטופּן מיט געוואַלט, וועט ער מעגן אייביק טאַקע דאָרט וואַרטן. עפּעס נישט אַזאַ מציאה, די וועלט זאָל אָן אים, חלילה, זיך נישט קענען באַגיין. האָט ער זיך אָבער שוין דורכגעשטופּט און איז שוין דאָ מיטביידע פיס, שטופּט ער זיך מיט גאָטס כוח ווייטער, ווייטער. ער שטופּט זיך, קוועטשט זיך מיט אַלע קרעפטן, פאָרנט־אַרום, הינ־טן־אַרום, אַלץ איינס דורך טיר אָדער דורך פענסטער, שטופּט אַזוי אָפּ דאָס גאַנצע לעבן און גאָרנישט...

אויף איין זאַך נאָר האָבן די עלטערן ביי זיין געבוירן ווערן זיך יאָ, נעבעך, פאַרטראַכט און שטאַרק געבראָכן דעם קאָפּ: רבונו של עולם! וואָס פאַר אַ נאָמען גיט מען דעם בייזעם נפש דייגעם? די אַלע נעמען, וואָס אין דער משפחה איז געווען, האָט מען שוין פאַרטאָן אויף די אַלע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך פאַרכאַפּט געבוירן צו ווערן פריער פאַר אים. מע האָט אָנגעהויבן פון די נאָענטע קרובים און געגאַנ־גען כסדר ביז די ווייטעסטע—פערדס־פוס־פאָדקעווע. ביי איטלעכס קינד האָבן זיך געמיט צוויי קרובים. דער טאַטע האָט אויסגעקראַצט איינעם פון זיין משפחה און די מאַמע איינעם פון איר משפחה, אַזוי איז צווישן זיי שוין געווען אָפּגעמאַכט, און דאָס קינד האָט געהייסן צוויי נעמען. עס האָט זיך געפאָרט: כאַצקל־בן־ציון, ליפּע טאָדרעס, דוואָסיע־קרוינע, פסח־זעליק, ציפּע־סאָסיע, סטיסע־הינדע, קאָרפּל־פייוויש, חנה־לעמל, שמערל־אייזיק, קיילע־ריקל. אין אַ נויט האָט זיך איבערגעלייגט אַ זכר אין אַ נקבה, אַ נקבה אין אַ זכר, צוויי מתים האָבן זיך געפאָרט און דער זיווג איז עולה־יפה געווען. פונם פּעטער חיים ווערט למזל חיה, פון דער מומע ברכה—ברוך; פון גרונע שפרינגט אַרויס גרונם און נחום ווערט איינס מיט נחמה. אַזוי איז דאָס אַ לאַנגע צייט געגאַנגען, ביז מע האָט פּלוצלונג זיך אַרומגעקוקט—אַ ווייטאָק די

שונאים! די משפחה האָט זיך אויסגעלאָזט, נישטאָ קיין נעמען!... די עלטערן האָבן אַ היפּשע צייט זיך געדרייט די קעפּ טראַכטנדיק, און גאָרנישט אויסגעטראַכט.

— הערסטו, לייזער־יאַנקל! — איז די קינפּעטאָרין לסוף אַרויס מיט דער שפּראַך, באַכדעם, אַז זי האָט פריער זיך אַ ביסל געקווענקלט, — פּאָלג מיך, מיין מאַן, און לאָז דאָס קינד הייסן גדליה־הערש, נאָך גדליה־הערשן עליו־השלום.

— שאַ, טיפּשה! — מאַכט דער טאַטע שטאַרק אויפגעבראַכט. לאָז מיר דיין גדליה־הערש מוחל זיין, נישט מוחל זיין, דעם נאָמען זיינעם וויל איך נישט הערן, ניין, צען מאָל, הונדערט מאָל ניין!

הגם לייזער־יאַנקעליכע איז געוויינט געווען צו דעם מאַנס זידלעריי און בייז־קייט אויף גדליה־הערשן, נאָר היינטיקס מאָל, ליגנדיק אין קימפּעט, האָט עס זי אָנגעכאַפּט ביים האַרצן און זי האָט זיך באַוואַשן מיט טרערן. דער מאַן האָט אויף איר געקוקט מיט רחמנות און געמאַכט צו איר שוין ווייכער אַ ביסל:

— וויין נישט, דו טיפּשה איינע! זאָג איך דיר. אַ כשרע, ערלעכע יידינע באַדאַרף טאָן דעם מאַנס רצון. אַז דער מאַן זאָגט ניין, באַדאַרף זיין ניין. באַרעכן זיך נאָר, נאַרעלע, ווער, ברוך־השם, איז דיין מאַן און ווער איז גדליה־הערש!...

— גדליה־הערש איז געווען אַ כשערער ייד, אַ גוטע נשמה.

— אַ כשערער ייד — אַ בעל־מלאכה!! נאָר אַ געלעכטער, כ'לעבן. קאַרג פאַר־שווארצט האָט ער מיר די אויגן ביי זיין לעבן. זאָל איך אַציגד נאָך אים אַ נאָמען גע־בן מיינס אַ קינד און מיר אַליין אָנטאָן אזא חרפּה! גיי שוין, נאַרעלע, גיי, רייד נישט קיין נארישקייטן!

— אָבער אַ נאָמען, לייזער־יאַנקל! ווו האָסטו אַ נאָמען! אַ שיינער טאַטע, מ'שטיינס געזאָגט!...

— אַ נאָמען!... עס... נישקשה. שטאַמלט דער טאַטע און פאַרטראַכט זיך אַ ביסל.

ס'איז געבליבן, דאָס קינד זאָל הייסן הערשל, נאָך דעם לעצטן נאָמען פון גדליה־הערש.

ב.

אַציגד, אַז הערשעלע אונדזערער זאָל נעמען די בעסטע לאַנד־קאַרטע, אויף וועלכער עס שטייען געצייכנט די אַלע שטעט פון גרויס ביז קליין, און זאָל זוכן אפילו מיט ליכט, איז פון קאַבצאַנסק קיין זכר נישטאָ דאָרט, און אַמאָל, אין דער יוגנט, האָט ער געמיינט, ווי אַ וואָרעם זיצנדיק אין כריין, אַז קיין בעסערס פון קאַבצאַנסק איז גאָר נישטאָ. קאַבצאַנסק אַליין טאַקע איין שטאָט אויף דער גאַנצער וועלט, דער פּופּיק אירער, כּונקט אין רעכטן מיטן. ווייטער, אין דער זייט, איז שוין מדבר, פאַרלעגענע ערטער מיט ווילדע חיות, מענטשן, וואָס מענטשן הייסן, אתה־בחרתּניקעס, סאַמע צימעס, זיינען נאָר דאָ. פּאַר זיי אַליין שיינט די ליכטיקע זון ביי־טאָג, די לבנה און שטערן ביינאַכט, און גאָט גיט זיך אָפּ, האָט מער נישט צו טאָן נאָר מיט זיינע קאַבצאַנסקער יידן... ער גיט רעגן פון זייערע בהמות וועגן — ציגן זאָלן האָבן פּאַשע; אויך קאַליזשעס וואַסער אויף צו טרינקען, בכדי צו פאַרשפּאָרן אָפּפרעסן די שטרוי פון יידישע דעכער און לעקן די ווענט פון בית־המדרש. ער גיט טרוקענע שיינע פּאַגאָדע, די וויבער זאָל גוט זיין צו גיין פרייטאָג אין יאַטקע, אין מאַרק אַריין, איינצוקויפן אויף שבת. ער מאַכט אַ גרויס געראָטעניש אין קאַרטאָפל,

ציבעלעס און קנאָבל—יידעלעך, נעבעך, זאָלן האָבן וואָס צו עסן. הכּלל, ער דרעמלט נישט און שלאָפט נישט דער היטער פון ישראל. ער אַרבעט מעשׂים, קערט אַ וועלט נאָר צוליב זיי... דערפאַר בלאָזן אים יידן שופר, זינגען אים אַ מלך=עליון און שפרינגען קדוש, דערפאַר מאַכן זיי פון זיין כבוד וועגן אַ לאָקשן=קוגל—שבת, קניידלעך און כרעמזלעך—פסח און גייען אַ טענצל לעבעדיק=פריילעך צו די הקפות שמחת=תורה, חנוכה דאַנקען זיי אים אָפ מיט אַ דריידל, פורים מיט אַ המן=קלעפל, פאַרשטעלן זיך און מאַכן די פורים=שפיל, די גאַנצע קאָמעדיע אַלץ לשם שמים, צוליב זיין הייליקן נאָמענס וועגן... נאָך איין שטאָט, אמת, איז אים געווען באַקאַנט, וועלכע עס האָט געשוועבט פאַר אים עפעס ווי אין דער לופטן, געשווויבלט און געגריבלט מיט גאַנצע מחנות מלאכים, פליגל=אַדיוטאַנטן, און קורירן פון גאָט ברוך=הוא צו די קינדער ישראל—דאָס איז די הייליקע שטאָט ירושלים, ווו יידן ליגן באַגראָבן, אין דער ערד, אין אֶרץ=ישראל=ערד. טאַקע נאָר לעבעדיקע מתים, וואָס פוילן נישט און עס האַלט זיך זייער געביין; ווו יידן האָבן אַ פייג... איילבערטן, טייטלען, מילגרוימען, און ציגן עסן דאָרט באָקסאָרן. נאָר, אוי=וויי! ירושלים איז אָבער אַצינד וויסט, חרוב, אויס שטאָט, אויס וועלט, און פאַר אונדז, יידישע קינדער, איז היינט אַ לעבן דאָ, אין קאַבצאַנסק—אין קאַבצאַנסק, אין גלות. דער קאַבצאַנסקער גלות איז דענסטמאָל אין הערשעלעס אויגן באַשטאַנען פון גאַווריל אָ דעם שבת=גוי, וואָס שנייצט אָפ שבת די ליכט, נעמט אַראָפ פון טיש די מעשענע לייכטער, און הייצט ביי יידן די רובעס; פון טעקעלע, וואָס וואַשט גרעט, שווענקט איבער געל=גרינע ווינדעלעך פון יידישע קינדער און מעלקט די קי; פון קאָנדראַט דעם שיכּור, וואָס פאַר אַ גלעזל בראַנפן פאַרקויפט מען אים—דעם גאַנצן קאַבצאַנסקער חמץ; פונם פריץ, וואָס יידן האַלטן ביי אים אַרענדעס, דערנערן זיך דערפון מיט ווייב און קינדער און מוזן, נעבעך, פון יוצא וועגן, אים צאָלן ראַטע, וואָס מוזן נעבעך צו אים אָנקומען אונטער אַ יום=טוב, ער זאָל זיי שענקען זעקלעך קאַרטאָפלעס, אינדיקעס און ווייץ אויף מצה—און, וויי, וויי געשריען! ערגער נאָך ווי אַלע—פון מיטקאַ דעם קליין שייגעצל און זשוקל זיין קליין הינטל, פאַר וועלכן נישט נאָר קליינע יינגלעך האָבן געציטערט, אויך יידן מיט בערד, באַווייבטע, גרויסע תקיפים, פלעגן האָבן דאָס ביין=יעריקע און פאַר אים פאַר אַ מייל אַנטלויפן; גאָט ווייסט, צו וואָס דער ביטערער גלות של מיטקאַ וואָלט געפירט, ווען ער זאָל זיך ציען שטענדיק...

אַ נס נאָר איז געשען, וואָס מיטקאַ האָט ליב געהאַט אַ יידיש שטיקל חלה. פון אַ שטיקל חלה, וואָס מע פלעגט אים אונטערוקן כיירעש, איז ער געוויינטלעך אויף אַ געוויסער צייט, געוואָרן גוט, ווייך ווי אַ טייג, האָט זיך באַלעקט און געקוקט שוין אַנדערש אויף יידישע קינדער. וואָס יינגלעך האָבן פריער נישט געטאָרט, האָבן זיי שוין געמעגט. יעקבס טאָפ לינדזן איז געבליבן אויף תּמיד טאַקע זייער אַ גוט מיטל. ווער שמועסט, אַ יידיש שטיקל געפילטע פיש איז גאָר אַ ווונדער! נאָר חוץ די אַלע זאַכן איז דאָך מיטקאַ נישט מער געווען ווי אַ נאַריש יינגל און טאַקע אַליין ליב געהאַט אָפטאָן מעשׂים, שטיפן מיט חברה קונדיסים. ביים שפילן זיך איז ער מיט זיין גראָבן קאָפ שוין געלעגן ביי אונדז אין די הענט. אַ פערדל איז ער געווען זייער אַ ווילס. כח צו לויפן, צו דריגן מיט די פיס, האָט ער געהאַט, און זיי, מיט זייערע יידישע קעפלעך, פלעגן אויף אים פאָרן רייטנדיק, דערלאַנגען אים הינטערווייילעכס אַ שמיצל און פירן אים ביי דער נאָז, וווהין זיי האָבן געוואָלט... האָבן זיי עפעס געמייסטערט, געשטעלט אַ מילכן ערגעץ אויף אַ ריינשטאָקל, האָט ער

מער נישט געטויגט ווי נאָר דערצו, צו ברענגען זאַמד, טראָגן שטיינער, גראָבן די ערד און קריכן אין בלאָטע. יידישע קינדער פלעגן זיך נאָר קוועטשן, אונטערהעלפן אים מיט אַ סאָפּען, מאַכנדיק: האַ-האַ, אַרבעט, טו מיטקאַ, אַזוי, אַזוי!... אַצינד אַז מיטקע איז פון אַ שייגעצל געוואָרן אַ גרויסער גוי, איז אפשר מעגלעך, אַז ער איז ערגעץ אין דער וועלט היינט אַ גאַנצער פריץ און טוט דאָס אייגענע וואָס אין דער יוגנט: נעמט ביי דעם און ביי יענעם און איז נישט פויל אויף דער האַנט.

זשוקל איז נישט געווען קיין שלעכטער הינטל. פאַר אַ שטיקל ברויט פלעגט ער סלוזשען, שטיין אויף די לאַפּקעס און דרייען מיט דעם ווידל. און הגם אַ שטיקל ברויט האָט אַ גרויסן ווערט ביי קאַבצאַנסקער יידן, האָט זיך קיינער דערויס נישט געמאַכט אונטערוואַרפן עס אַמאָל זשוקלען, טראַכטנדיק ביי זיך: „לאָמיך אַ הונט פאַרשטאָפּן דאָס מויל, ניכיי ניע לאַיע, לאָז ער נישט בילן". יידן מיט בערד פלעגן שמאָכן פאַר גרויס הנאה, ווען זשוקל האָט זיי אָנגעטאָן דעם כבוד, אַ כאַפּ צו טאָן פון זייערע הענט דאָס ביינדל און געקוקט אויף זיי פריינדלעך בשעת קנאַקנדיק עס מיט די שאַרפע הינטישע ציין; פלעגן שמאָכן, גלעטן דאָס בערדל, טרייסטנדיק זיך מיט דער האָפענונג: „גו/חבר... פון היינט אָן זייגען מיר שוין חבר. שוין אָן סכנות"... דערביי טאַקע זיך מאַכן קוראַזש אָנצורירן פון דערווייטנס זשוקלען, מיט אַ שפּיץ פינגער אַ גלעט צו טאָן אים ביים קעפּל, און אַז מע איז שוין יאָ אַ שטיקל חשוב ביים הונט, פרוון דערווייל טאַקע אָנצורייצן אים אויף אַנדערע: אַטו-נאַ קוסיי! ווי דער שטייגער איז פון אַ יידן אַ תקיף...

היינט אין די עלטערע יאָרן ווייסט אונדזער הערשעלע שוין, אַז יידן צווישן אַלע מענטשן אויף דער וועלט זיינען די העכער, וואָס ליגן שטענדיק אונטערן פּעקעליק לעבן ווייב און קינדער. דאָס הויזגעזינט איז ביי אַ יידן דאָס גאַנצע לעבן, טיף איינגעבאַקן אים אין האַרצן, און דער טאַטע זיינער איז געווען אַ ייד שביידן, אַ האָן שבהענער. ער ווייסט היינט וויל, אַז דער טאַטע האָט אים זייער ליב געהאַט, נאָר דאָס איז געווען אַ פאַרבאָרגענע ליבשאַפט אינווייניק אין האַרצן, אויפן יידישן שטייגער, אין פנים האָט מען עס אים נישט אַרויסגעזען. פאַרקערט, אויפן פנים איז אים שטענדיק געלעגן אַ פינסטערע כמאַרע. ער האָט געקוקט עפּעס ווי בייז, אָנגעלאָדן, מיט אַ ביטער-זויערער מינע. ס'איז אים עפּעס ווי נישט אָנגעשטאַנען צו ריידן, לאַכן, נאַריש צו מאַכן זיך מיט די קינדער, האַלטנדיק אין דער סברא, אַז פאַר אַ טאַטן פאַסט נישט אַזעלכע זאַכן. קינדער באַדאַרפן פאַר אַ טאַטן מורא האָבן, ווייסן דרך-ארץ, אין זיינע אויגן נישט אונטערשטעלן זיך הויך ריידן, אַ לאַך צו טאָן, חלילה, און באַדאַרפן גיין אויף די שפּיץ פינגער. האָט זיך אַמאָל אַ קינד פאַרזינדיקט מיט אַ הויך קול, מיט אַ געלעכטער און עפּעס אַ פרייער באַוועגונג, איז אים עס, נישקשה, באָקום אויסגעפאַלן פון טאַטנס אַ בליק, וואָס האָט אים דורך און דורך געשטאָכן. מיט דעם ווייב האָט ער פאַר פרעמדע, אויך פאַר אייגענע מענטשן קאַרג-וואָס גערעדט, זי נישט גערופן ביי דעם נאָמען, נאָר געזאָגט געוויינטלעך: „דו, הערסטו"! און אַמאָל אויך: „טיפשה". אין האַרצן איז ער געווען צו איר טאַקע זייער גוט, גוט ווי די וועלט, נאָר אַרויסווייזן עס באַשיינפּערלעך האָט ער עס פאַר זיך געהאַלטן פאַר אַן אומכבוד, עפּעס פריקרע, נישט שיין פאַר אַ יידן. ער — איז דאָך ער, אַ מאַנספאַרשוין, אַ ייד, און זי איז אַ זי, נאָך אַלע זאַכן פאָרט נישט מער ווי אַ נקבה, אַ יידינע... ער איז געווען אין דעם הויזגעזינט טאַקע אַן אמתער האָן, וואָס פירט זיך שטענדיק אַרום מיט דער הון און מיט איר פליד,

זוכט, קראַצט פאַר זיי אויס ווערעמלעך, שפייז פון אונטער דער ערד. נאָר זאָל פּרוּוון אַ הינדל עפּעס טאָן נישט ווי זיין ווילן, גיט ער עס אַ פּיק אין קעפּל. ער גייט פאַררייסן דעם קאָפּ אין דער הויך, די אייגלעך פייערן אים, קוקט מיט גדלות און בכדי צו באַווייזן, וואָס אַזוינס ער איז, טוט ער אַ קלאַפּ מיט די פליגל, מאַכט „המלך״, אַ ברייטן, גרויסן קוקוריקו: דאָס באַטייט: תרבות, הינער, ווייסט, ווער עלטער איז!..

צוגעלאָזט און באַריידעוודיק איז דער טאַטע געווען נאָר אין אַזעלכע געוויסע פעל, ווען אַ קינד, אַ שטייגער, איז קראַנק געווען. דענסטמאָל איז ער פון אים נישט אָפּגעטראָטן אויף אַ טריט. האָט עס געגלעט, געטאַפּט ביים שטערן, אייַנגענומען מיט גוטע רייד און צוגעזאָגט מתנות, שיינע שפּילכלעך, וויפיל דאָס האַרץ גלוסט: אַ שיין הילצערן שווערדל אויף תשעה באב, אָפּגעפאַרבט מיט שוואַרצע יאַגדעס, אַ גראַגער, אַ דריידל, אַ פאָן מיט אַ רויטן עפּל, אַרויפגעשטעקט אויבן, דערביי טאַקע נאָכגעמאַכט ווי אַ גראַגער גראַגערט, ווי אַ דריידל דרייט זיך, זומזעט און ווי יינגלעך מיט פאָנען גייען צו די הקפות, קוויטשען: „עוזר דלים הושיעה נא!״ אָט אַזוי, אַזוי ... בכדי אַרויסצובאַקומען דערמיט ביים קראַנקן קינד, נעבעך, כאָטש אַ קליין שמייכעלע. איז עס אים געראָטן, איז ער געווען איבערגליקלעך. אָדער אַ שטייגער ווען עפּעס אַ שמחה, אַ יום־טוב און מייסטנס פסח צום סדר, אַז ער איז געזעסן אָנגעלענט, ווי אַ פּריץ אויף דער עסע־בעט אין קיטל, דאָס ווייב קלאָר־ווייס אָנגעטאָן לעבן אים. ער האָט זי גערופן מלכה, זי אים — מלך. ביידע האָבן געלויכטן, געקוקט מיט שיינענדיקע אויגן דאָס איינער אויפן אַנדערן, דאָס אויף די אויסגעצוואָגענע קינדערלעך אַרום דעם טיש און דאָס אויף די כּוסות, אויף דעם טעלער, אין וועלכן עס ליגן שיין, פיין אויסגעלייגט ווי געהעריק: די זרוע אין דער רעכטער האַנט, אונטן חרוסת, דאָס איי אין דער לינקער האַנט, אונטן כרפס, גרינס פון פּעטרעשקע און צווישן זיי מרור, געריבענער כריין, גאָר מחיה. — „אַ־נו, הערשעלע, פלעגט מאַכן דער טאַטע, אָנגעמענדיק דאָס קינד פאַרן בעקעלע, פרעג מיך, הערשעלע, די פיר קשיות״. הערשעלע האָט זיך צוגעשאָקלט, אָנגעהויבן הויך אויפן ביי־קעלכן, מאַכנדיק דערביי מיטן גראָבן פינגער: „טאַטע! איך וועל דיך פרעגן, טאַטע! פיר קשיות!״ און אָפּגעקנאַקט לעבעדיק איין קשיא נאָך דער אַנדערער. דענסטמאָל איז מען פריי געווען צו ריידן, צו לאַכן וויפיל מע וויל. הפקר אַ וועלט. די קינדער פלעגן זיך אָנשיכּורן מיט גאַנצע כּוסות לאַקעריצע, וואָס די מאַמע האָט אָנגעקאָכט אין יענעם גרויסן פסחדיקן טאָפּ, און פלוידערן אויף וואָס די וועלט שטייט

ג.

דערמאָנענדיק זיך אַצינד אין די בעסטע יאָרן, וויפיל בערג צרות, אַלע מיני פּורעניות און לייד ער האָט באַדאַרפט איבערגיין ביז ער איז לסוף אַרויס אויף אַ וועג, וויינט אין הערשעלען דאָס האַרץ און ער וווּנדערט זיך, ווי אַזאַ שנעק, אַ ווערעמל, אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, זאָל געווען קענען אַזוינס איבערטראָגן, נישט ווערן צעטראָטן אין דער וועלט אונטער די פיס! ער וויינט אויף זיך ווי אויך אויף פיל אַזעלכע זיין גלייכן ביי אונדז יידן, וואָס זיי איז באַשערט פון קינדווייז אָן צו ראַנגלען זיך מיט אַלערליי אָנשיקענישן, אויסצוקריכן אַלערליי לעכער, צודראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענט און צו פילן דעם ביטערן טעם פונם טויט, בכדי צו דערגרייכן יענע שטופּע, וועלכע זיי שוועבט פונדערווייטנס פאַר די אויגן.

ר׳ אברהם האָט געהאַט אין זינען הערשעלען, געטאָן פאַר אים וואָס נאָר מעגלעך. ער האָט אים באַשטעלט שבת ביי איינעם פון זיינע באַקאַנטע באַלעבאַטים און אינ־מיטן דער וואָך פלעגט אים אויף ר׳ אברהמס בקשה נעמען אויף אַ וואַרמעס אָדער אויף אַ וועטשערע, אַמאָל דער, אַמאָל יענער פון די, וואָס דאַוונען אין קלייזל.

אָט אויף אַזאַ שטייגער האָט הערשעלע, נעבעך, ווי־ס׳איז איבערגעלעבט אַ טאָג, האַלב געגעסן, האַלב געפאַסט, געמאַכט מיט די ליפּן, און אים איז דענסטמאָל שוין אויסגעקומען גוט צו פילן דעם טעם, פון וואַנען נעמט זיך עס, אַז „ויאכלו״—אַזאַ פּשוט, באַקאַנט וואָרט, דאַכט זיך, ווי „ויאכלו״—זאָל ביי אונדז יידן גאָר דער טייטש זיין—„און זיי האָבן געטאָן טון גלייך ווי געגעסן״.

דאָס איז נאָך גאָלד, עפּעטערס פלעגט זיך מאַכן, אַז „ויאכלו״ האָט ביי הערשעלען גאָר קיין טייטש נישט געהאַט, פּשוט טאַקע גאָרנישט—און נישט איינמאָל, לייגנדיק זיך אַזוי נעבעך שלאָפן, האָבן זיך אים ביינאַכט געחלומט בעטלער. גענוג איז אים אָפּגעפאַלן דאָס פלייש פאַר צרות פונם עסן, האָט אים נאָך ווי געטאָן אויף די נשמה—ער האָט די ערשטע צייט שטאַרק געבענקט אַהיים. אינדערהיים האָט ער דאָך, אמת, טאַקע אויך נישט געלעקט קיין האָניק, נאָר פאָרט אַ גרויסער חילוק. דאָרט איז אים געווען עפּעס וואַרעם, גרינגער אויף דער נשמה, ווי אַ פייגעלע אין נעסט, אונטער דער מאַמעס פליגעלעך. דאָרט איז ער געווען אַ אייגענער, אַלצדינג אַרום אים, אינדערהיים, אין שטאָט, זיינען אים געווען אייגענע, זיינע, זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען: אפילו די בהמות דאָרט, די הייזער, די לופט, וואָס ער האָט געאָטעמט, די ערטער, וווּ ער האָט געשפּאַצירט, זיך געשפּילט מיט זיינע חברים, האָבן עפּעס גערעדט צום האַרצן און זיך מיט אים אָנגעהערט—און דאָ איז ער עלנט, פרעמד, עס קלעפּט זיך עפּעס נישט, אַלצדינג, נאָר נישט דאָס, עפּעס גאָר אַנדערש. די זון, די לבנה און די שטערן קוקן עפּעס נישט אַזוי, ווי אַמאָל ביי זיך אין שטעטל, נישט אַזוי פריינדלעך, גוט ווי פריער. דאָס פאַרשטייט נאָר דער, וואָס איז געפּרוווט גע־וואָרן צו פאַרזוכן אַמאָל אין לעבן דעם טעם פון עלנט, צו זיין פלוצים אָפּגעריסן פון זיינע ליבע און אַליין פאַר זיך. אַ קאַטאָוועס עפּעס! איין קליין פּינטעלע, אַ ברויזן אין אַזאַ גרויסער, גרויסער וועלט.

עס ציט זיך גאָטס גרויסע וועלט אין דער לענג, אין דער ברייט, אָן אַ סוף, אָן אַן עק. אין דער מיט וועלט, אויף דער קיילעכדיקער ערד, איז דאָ אַ קליין פּלע־קעלע, ווי אַ פליג האָט איבערגעלאָזט—דאָס איז גלופּסק. אין דעם דאָזיקן פלעקעלע איז דאָ אַ פּינטעלע—אַ קלייזל. אין דעם פּינטעלע איז דאָ נאָך אַ ברעקל פּינטעלע—אַ באַנק. און אין דעם ברעקל פּינטעלע ליגט נאָך אַ פּיצינקע פּינטעלע—אַ מין באַ־שעפעניש אַזוינס, וואָס הייסט הערשעלע. דאָס פּיצינקע באַשעפעניש ליגט ווי אַ שפּין פונקט אינדערמיט פונם גרויסן ראָד שפּינוועבס. פון אים ציען זיך אַרום און אַרום אין אַלע זייטן לאַנגע דינע פעדימלעך, פול און אָנגעזעצט, האַרט איינס ביים אַנדערן, מיט עפּעס לופטיקע מיני פּינטעלעך אַזעלכע, גאָר ניט פאַר דעם אויג, וואָס הייסן ביי די פילאָסאָפן „אטאָמען״, און גייען העט־העט ווייט צו די שטערן אין הימל, צו אַלצדינג אין דער וועלט אַרום, און, עס פאַרשטייט זיך, קיין קאַבצאַנסק אויך. אויף דידאָזיקע לופטיקע פעדעמלעך קלעטערט הערשעלעס נשמה, קאַראַבקעט זיך מיט אַלע זיינע געדאַנקען אַהין, אַהין—אַהיים. זי קאַראַבקעט זיך ווי די עלעק־טריציטעט אין דעם טעלעגראַפישן דראָט, אָנרירנדיק מיט אירע ברענענדיקע געפילן

איין טייכל פונם לאַנגן לופטיקן פעדעמל. דאָס טייכל גיט פון זיך איבער דעם ברעג דעם ווייטערדיקן טייכל און אַזוי פּליט עס שרעקלעך געשווינט ווייטער, ווייטער, ביז עס טרעפט ווי אַ בליץ אין די הערצער פון זיינע עלטערן. זיי דערפילן באַלד הערשעלעס האַרץ און טוען אַ שלוקערץ. הערשעלע, זאָגן זיי, דערמאָנט אונדז. עס שטעלט זיך זיי פאַר זיין לאַגע, איינער אַליין, נעבעך, אין דער פרעמד—און גייען אויס פאַר רחמנות. נאָר וואָס קענען אַזעלכע געפאַלענע, נעבעך, טאָן, אַז זיי אַליין איז שלעכט און קומען שרעקלעך אָפּ? די מאַמע אַרבעט, נעמט זיך די אויגן אַרויס ביז שפּעט איבערנאַכט מיט דעם פעדערן־פּליקן, און פון דער גאַנצער אַרבעט איז, מ׳שטיינס־געזאָגט, קיין וואַסער אויף קאַשע אפילו נישטאָ. דער טאַטע, נעבעך, האָט זינט אַהיים קומענדיק, נישט אויפגעהערט צו קרענקען. ער צאַנקט, גייט אויס ווי אַ ליכט, ער קען נישט צוזען דאָס גרויסע עלנט אין שטוב, דעם צער פון די הונגעריקע, דערשלאָגענע קינדער. דאָס ביטערע אָרעמקייט איז אים שוין שווער איבערצוטראָגן, גענוג שוין זיך אָנגעליטן, נישטאָ שוין מער קיין כּוח — אָט־אָט טריקנט שוין אויס דער לעצטער טראָפּן זאַפט פון זיין וויסט געבראָכן לעבן. די עלטערן זיפצען, אָכצען, קרעכצען, פאַרשטעלנדיק זיך דאָס עלנטע, פאַרוואָגלטע קינד, צו וועלכן עס ציט זיי אַזוי דאָס האַרץ—און זייער ביטער געמיט טעלעגראַפירט זיך דורך די אייגענע לופּטיקע פעדעמלעך טאַקע, אין הערשעלעס האַרצן צוריק. עס סודעט זיך אַ האַרץ מיט אַ האַרץ—שושקעט זיך אַ נשמה מיט אַ נשמה, גיסן זיך אייגער פאַר דער אַנדערער אויס און שמועסן זיך איבער שטיל אָן ווערטער... עס דאַכט זיך הערשעלען, דער טאַטע ליגט, נעבעך, שלאָף, פאַרשמאַכט, קוקט עפּעס מיט אַ געבעט ווי ביים צעשיידן זיך. עס שוועבט אים פאַר די אויגן דעם טאַטנס בלייך פּנים, יענע גוטע, זיסע מינע זיינע בשעתן געזעגענען זיך מיט אים—און הערשעלע איז צוקאָכט, ער ווייגט שטילערהייט ביינאַכט אויף זיין האַרט געלעגער, איבערטראַכטנדיק אַ שרעק...

אָט דאָס איז עס, וואָס געוויינטלעך הייסט דאָס ביים עולם: „דאָס האַרץ זאָגט".

יאָ, דאָס האַרץ האָט הערשעלען געזאָגט און אַ היפּשע צייט אים נישט אויפגעהערט צו זאָגן, ביז ער האָט איינמאָל פון דער היים באַקומען די וויסטע בשורה: „הערשעלע, זאָג קדיש נאָכן טאַטן; דו ביסט אַ יתום!"

ד.

דאָס בענקען אַהיים, דאָס האַרצווייטאָק פונם פאָטערס טויט, די גרויסע יסורים דערפון, ווי אַזוי די מוטער מיט די קינדער קומען עס, נעבעך, אָפּ אינדערהיים און דאָס אייגענע פּעקל צרות: נויט, עלנט, פאַרפאָלגונג דאָ אין דער פרעמד—דאָס אַלצדינג איניינעם האָט מיט דער צייט אויף הערשעלען געווירקט, אַריינצולאָזן זיך ווי אַ שילדקרעטל אינוויניק אין זיך, אַלץ טראַכטן און פאַרטיפט זיין אין זיינע געדאַנקען. זיין לעבן איז געוועזן טראַכטן. דאָרט טיף אינווייניק אין זיך, איז פאַר אים געוועזן אַ וועלט, וווּ די נשמה זיינע האָט אויסגעשפּרייט די פליגעלעך און געפלויגן פריי העט ווייט־ווייט. אונדזער פּראַקטישעווירקלעכע וועלט איז פאַר אים געווען אַ שטייגעלע, וווּ די נויט האָט אים געהאַלטן געפאַנגען, אים נישט געלאָזט אויפהייבן דעם קאָפּ, באַווייזנדיק אים אויף איטלעכן טריט זיין שלאַפקייט, זיין קליינקייט; וווּ ער האָט פאַר זיך געזען נאָר צרות, צרות און צרות. ער האָט אָנגעהויבן צו באַשאַפן ביי זיך אינעווייניק אין האַרצן אַ וווּנדערלעכע וועלט, אַ גן־עדן, וווּ עס בליט, עס שמעקט, עס פליסט מילך און האָניק; וווּ עס איז אָפן דער הימל, קעפּלעך פון

מלאָכים קוקן אַרויס, ווינקען מיט גוטע, פריינדלעכע פּנימער און זינגען זיסע לידער פון האָפענונג, טרייסט, ליבשאַפט, רחמנות. עס ווערט עפּעס גרינג אויפן האַרצן און עס לעבט זיך אַזוי גוט, אַזוי געשמאַק, מחיה!

אַלס מאַטעריאַל אויף צו בויען דידאָזיקע ווונדערלעכע וועלט האָבן אים געדינט אַלטע מעשיות, וועלכע ער האָט זיך אָנגעהערט אַמאָל, נאָך אין קאַבצאַנסק, אויך נייע פון אַצינד. די גמרא מיט אירע טרוקענע, ערנסטע זאַכן, האָט הערשעלען שוין נישט צופרידן געשטעלט, נאָך אָנגעמאַכט אויף אים גאָר עפּעס אַ מרה שחורה... ער האָט זי געלערנט נאָר פון יוצא וועגן, ווייל לערנען האָט ער געמוזט, ווייל אַנדערש וואָלט ער דאָך אַראָפּגעפאַלן ביי די קלויז-באַלעבאַטים און מע וואָלט אים מער נישט געגעבן קיין וואַרמעס; אויך ווייל משהלע, דער חבר זיינער, פלעגט אים אונטערטרייבן אַלץ: לערנען, לערנען! ביים נעמען זיך צו דער גמרא איז אים געוועז עפּעס נישט גוט, פריקרע. ער האָט באַדאַרפט זיך אָנטאָן אַ כוח, פריער זיך צעוויגן, צעשאָקלען, בכדי צו מאַכן זיך אַ חשק און ס'איז אים געווען צום האַרצן ווי ביים אַריינקריכן אין אַ קאַלט ביטל. געמאַכטער חשק אָבער איז אַ פייערווערק, עס טוט אַ פלי מיט אַ פלאַם און ווערט באַלד טאַקע פאַרלאָשן.

נאָך עטלעכע מאָל אונטערטוקן זיך אין דעם „ים-התלמוד" האָט הערשעלע שוין געשפּירט אַ קעלט און זיך געאיילט אַרויס, אָנצוואַרעמען די נשמה. און אָרט אויף אָנצוואַרעמען זיך איז פאַר אים געווען הגדתות, מעשיות אין הייליקע מוסר-ספרים, מיט וועלכע ער פלעגט זיך קוויקן, אַוועקשטעלנדיק אויף אַ ווײַלע אין דער זייט ראובנס אָקס און שמעונס קו מיט דעם בטחון: נישקשה, דער גוטער יאָר וועט זיי נישט נעמען!...

הערשעלע האָט געלייענט זייער שיינע מעשיות מיט רבי מאיר בעל-הנס, מיט רבי יהושע בן-לוי, ווי אליהו הנביא האָט אים איינמאָל מיטגענומען וואַנדרעווען בקאָמפּאַניע אויף דער וועלט, נאָר בתנאי, הערן, זען און שווייגן; מעשיות מיט רבי חנינא בן-דוסא — אַ ביטערן אביון, ווי עפּעס אַ האַנט פונם הימל האָט אים געגעבן אַ גילדן פיסל פון אַ גאָלדענעם טיש; אויך מיט רבי שמעון בן-חלפתא, ווי איינמאָל, אַז ער האָט נישט געהאַט אויף שבת, האָט מען אים פונם הימל דערלאַנגט אַ טייערן בריליאַנט; ווי רבי שמעון בן-יוחאי האָט איינמאָל אַרויסגעפירט זיינע תלמידים אין עפּעס אַ גרויסן טאָל און געזאָגט: „טאָל, טאָל, פיל זיך אָן מיט רענדלעך"! און ער האָט זיך אָנגעפילט טאַקע באַלד; ווי רבי ישמעאל בן-אלישע האָט אַראָפּגעבראַכט פונם הימל דעם „שר-התורה" — יופיאל המלאך, אינגאַנצן פלאַם-פייער מיט אַ שיינענדיק פּנים ווי אַ בליץ, און ווי אליהו הנביא האָט רבא בר רב חנינאן — אַ גרויסן אביון, געגעבן טייערע שמעקנדיקע גן-עדן-בלעטלעך, וועלכע יענער האָט פאַרקויפט עפּעס פאַר צוועלף טויזנט גאָלדענע רענדלעך.

מענדעלע מוכר-ספרים.

מאָטקע וויל ניט די שמאטקע זויגן.



שלום אַש.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג, אין אַ זונען=טאָג איז מאָטקע געלעגן אין אַן אַלטן קויש, אין וועלכן פייגעלע די אויבסט=הענדלערין האָט דורכן ווינטער פּאַרפוילטע עפּל געהאַלטן. דער מאַמעס אַן אַלטע טוך אויסגענוצעוועט פון ווינט און רעגן, וואָס די מאַמע האָט עס אין אַלע וועטערס געטראָגן, האָט מאָטקעס יונג לייבל אַרומגעהילט. דאָס מיילכל זיינס איז געווען פאַרשטאָפּט מיט אַ שטיקל נאַסע לייוונט, אין וועלכן עס איז געווען איינגעבונדן אַ שטיקל צוקער, און מאָטקע האָט דערפון אָן אויפהער געזויגט, געצויגן. די ענערגישע אָדערן ביי דעם קינדערשן מיילכל האָבן זיך אַרומגעצויגן אַרום דעם שטיקל לייוונט און געזויגן דערפון „חיות“. זיינע שוואַרצע אייגלעך זיינען האַלב געווען פאַרשלאָסן, און ווי אַ חלום האָט זיך דער שלאָף געוועבט איבער זיין ברוינעם יונגן געזיכטל. די אייבערשטע העלפט פון דעם פּנים, די אויגן מיט דעם קורצן שטערן און מיט די נאַסע שוואַרצע הערלעך, וואָס האָבן זיך געקלעפּט איבערן שטערן, האָבן דערמאָנט אָן טאַטן — דעם בלינדן לייב; די אונטערשטע העלפט מיט דעם ענערגישן מויל, מיט דער קורצער גאָמבע און דעם ווייכן שמייכעלע, איז געווען ענלעך צו דער מאַמעס — דער געלער זלאַטקע. דאָס געזיכטל איז אַזוי רויִק געווען, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, דאָס קינד שלאָפט; דאָך געשלאָפן איז מאָטקע נישט, וואָרום ער איז פון צייט צו צייט אַרויס מיט אַ קוויטש, מיט אַ געוויין, און געשריען אַזוי לאַנג, ביז דאָס קליינע שוועסטערל, וואָס איז טיילמאָל געזעסן לעבן אים און טיילמאָל זיך געשפּילט מיט די קינדער אין געסל, איז צוגעקומען צום וויגל און מאָטקען צוריק אַריינגעשטעקט דאָס שטיקל לייוונט אין מויל אַריין. אַמאָל פלעגט דער אַלטער רב מאיר*) זיך אויפהויבן פון אָרט ביי די פענסטערלעך, צוקומען צום קויש און אַריינשטעקן אים דאָס הענטל אין מיילכל אַריין. און מאָטקע האָט זיך ווידער גענומען נאָגן, זויגן פון די הענטלעך אָדער פון שטיקל לייוונט, אַקוראַט ווי מ'וואָלט אים אַ קוואַל פון מילך צום מויל צוגעלייגט.

איך ווייס נישט, אויב מאָטקע האָט ווען עס איז שפּעטער, אין זיין באַוועגטן און רעשדיקן לעבן, צייט געהאַט צו קלערן וועגן זיך און וועגן זיין גורל. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז יעצט, ווען מאָטקע איז אַזוי געלעגן אין דעם אַלטן קויש, באַלויכטן מיט שטראַלן פון דער זון, וועלכע זיינען צוערשט דורכגעגאַנגען דעם רינשטאָק פון הויז, נאָכדעם דעם קעלער=ענסטערל מיט דער אַלטער שמאַטע, וואָס שטעקט אין דער צעבראָכענער שויב, ביז זיי האָבן דערגרייכט צו מאָטקעס קויש און געוואַרעמט זיינע הענטלעך מיטן פּנימל, — ווען מאָטקע איז געלעגן און הנאה געהאַט פון דער וואַרעמקייט פון דער זון און אַ פילאָזאָפישע האַלב=פאַרשלאָפענע רויִקייט האָט געשוועבט איבער אים, האָט ער געוויס געקלערט וועגן אַ וויכטיקן ענין. געקלערט האָט ער, פאַרוואָס אַמאָל, אַז ער האָט אַזוי געמאַכט מיטן מיילכל, איז אַ פליסיקייט אַריינ=

---

*) אַ שכן.

געקומען און האָט אים געזעטיקט, און עס איז אים גוט געווען אין אַלע גלידערלעך און וואַרעם געווען, און יעצט צ׳יט ער און ציט, און קיין פליסיקייט קומט נישט אַרויס, און די געדערעמלעך בלייבן ליידיק, אין בייכל ווערט קאַלט, און מע פילט זיך עפּעס אַזוי פאַרלאָזט, יתומדיק. אַמאָל ווען מ׳האָט דאָס מיילכל צוגעדריקט צו דער מאַמעס ברוסט, איז אַזוי וואַרעם געווען, אַז מ׳האָט זיך געפילט אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש. ווו זשע איז די וואַרעמקייט אַהינגעקומען, וועלכע האָט אים אַזוי נאָענט צוגענומען צו זיך און אַזוי פעסט געהאַלטן? וואָס איז געשען, וואָס צייט אַ פּאָר טעג איז יענע וואַרעמקייט נישט מער דאָ? — אַזוי האָט געמוזט מאָטקע קלערן, נאָגנדיק זיינע הענטלעך.

באַלד האָט ער זיין פילאָזאָפישע רויִקייט פאַרלאָרן, און זלאַטקע איז אַרויס מיט אַזאַ גוואַלד, מיט אַזאַ געשריי, אַז דער גאַנצער קעלער האָט זיך אויפגעשטעלט קאַפּויר, און די גאַנצע געגנט איז אויפגערודערט געוואָרן פון די געשרייען. מאָטקע האָט דערפילט, אַז עפּעס איז געשען, מאָטקע האָט געשריען.

צוערשט האָט דער קעלער געשוויגן, דאָס געסל האָט זיך רויִק פאַרהאַלטן צו מאָטקעס געשרייען, ווארום מע איז דאָרט געוווינט געווען, אַז קינדער זאָלן וויינען און שרייען, און דאָס האָט אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט געמאַכט. אָבער מאָטקע איז געווען אַן אויסנאַם. מאָטקע האָט געוואָלט לאָזן הערן דער וועלט, אַז ס׳איז געשען אַן אומרעכט. מאָטקעס גוואַלדן האָבן קיין ענדע נישט גענומען. דער אַלטער רב מאיר, וואָס איז געזעסן ביי די פענסטערלעך אָנגעטאָן אין אַ גרויסע פּאָר ברילן און האָט פּאַר אַ יידינע אַ בריוו געשריבן קיין אַמעריקע, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף זיינע גוואַלדן. ער האָט פריער געמיינט, אַז דאָס זיינען די געוויינלעכע געשרייען, וואָס מ׳הערט אָפּט אין קעלער און אין דעם געסל — די געשרייען פון די הונגעריקע קינדער, — איז ער צוגעגאַנגען און האָט מאָטקען גע‑געבן, ווי תמיד, זיין אייגן הענטל אין מויל אַריין. מאָטקע האָט זיך אָבער ניט געלאָזט דאָס מאָל אָפּנאַרן: ער האָט שוין דערפילט, אַז פון הענטל קומט גאָרנישט אַרויס. רב מאיר האָט אים געשטעקט די שמאַטקע אין מויל אַריין, מאָטקע האָט געגעבן אַ פּאָר צי און דערפילט, אַז די שמאַטקע גיט גאָרנישט, האָט ער זי אַרויסגעלאָזט און ווידער געשריען. מיט ערשטוינונג האָט דער אַלטער רב מאיר געקוקט אויף אים און פאַרוואונדערט זיך אויף מאָטקעס געשרייען. צום ערשטן מאָל האָט דער קעלער געהערט אַזעלכע גוואַלדן. ביז איצט, אַז זלאַטקע פלעגט אַוועק אַלס אַם און איבער‑לאָזן אַ קליין קינד אינדערהיים, און מע האָט דעם קליינעם קינד געשטעקט די שמאַטקע אין מויל אַריין, האָט דאָס קינד פריער געשריען, געשריען, ביז עס איז מיד געוואָרן און גענומען ציען די שמאַטקע. דער סוף איז געווען: אָדער עס איז געשטאָרבן, אָדער עס האָט זיך אַדורכגעצוינגן די שלעכטע צייט, ווען עס איז נאָך ניטאָ קיין ציינער אין מויל און מ׳קען ניט עסן, וואָס אַלע מענטשן עסן, און דאָס קינד איז געבליבן ביים לעבן.

דער אָבער וויל גאָרניט שווייגן! בחנם האָט זיך דער אַלטער מאיר געפּרוווט ווייטער אַוועקזעצן צום בריוו מיינענדיק, אַז מאָטקע וועט זיך באַלד איינשטילן. מאָטקע האָט ניט געשוויגן. מאָטקע האָט נישט געלאָזט קיין בריוו שרייבן, ניט די מיידלעך לערנען פון „צאינה וראינה“. דער אַלטער מאיר איז אַרויס אין געסל אויפזוכן הינדעלען, מאָטקעס עלטערע שוועסטערל, וועמען די מאַמע האָט אָנפאַרטרויט מאָטקעס ערציִונג.

הינדעלע איז אינגאַנצן אַלט געווען אַכט‑ניין יאָר. זינט זי איז פיר יאָר אַלט געוואָרן ניאַנטשעט זי די קינדער. ווען די מאַמע גייט אַוועק אין די הייזער אַלס

אַם, לאָזט זי דאָס קליינע קינד אויף הינדעלעס הענט, אַז זי זאָל עס אויפציען מיטן פּלעשל און מיט דער שמאַטקע. פיר קינדער האָט הינדעלע שוין אַזוי ערצויגן: צוויי פון זיי זיינען שוין געשטאָרבן, און צוויי האָבן זיך אַדורכגעקאָרמעט מיט די שמאַטקעס און דעם שטיקל צוקער. הינדעלע איז אָבער נאָך אַליין געווען אַ קינד, און אַ חוץ דעם, וואָס זי האָט ליב געהאַט צו שפּילן זיך אין געסל מיט אַנדערע קינדער, האָט זי נאָך געמוזט זען אַליין זיך דערנערן. ווארום דער בלינדער לייב האָט געהאַלטן די קינדער ווי פייגעלעך און האָט זיי געשיקט, ווי די פייגעלעך, אין געסל אַריין אויפ־פּיקן די אַלטע קרישעלעך און רעשטלעך ברויט, חלה, פליישׁ, וואָס זיינען איבעריק אין אַ באַלעבאַטישער שטוב און מ'גיט עס אַוועק פאַר אַ שליחות גיין, פאַר געפעס וואַשן אָדער אַזוי עפּעס פאַלגן. הינדעלע האָט זיך ערשט געפונען ביי בלומעלע די שניידערקע, ווו זי האָט דאָס געפעס געוואַשן פאַר אַ שטיקל ברויט מיט אַ טעפּל באָרשטש. לאַנג האָט זי דער אַלטער מאיר געזוכט אין געסל, ביז ער האָט זי געפונען. ווען הינדעלע האָט דערהערט, אַז דאָס קינד וויינט אַזוי, אַז דער אַלטער מאיר איז אַזש אַרויסגעגאַנגען זי זוכן, האָט זי איבערגעלאָזט בלומעלעס געפעס און איז אַהיים געלאָפן. זי האָט זיך ניט וויניקער געוואונדערט ווי דער אַלטער מאיר און געפּרוווט דאָס קינד באַרויִקן מיט די אַלטע באַקאַנטע מיטלען, וועלכע זי האָט אָנגעווענדעט דורך דער לאַנגער צייט פון איר אַלטער פּראַקטיק ביי קינדער ערציען: דאָס הענטל אין מויל אַריין, דאָס שטיקל שמאַטקע מיט צוקער, און צום סוף דאָס ראַדיקאַלסטע מיטל — דאָס פלעשעלע וואַסער מיט מילך, צונויפגעגאָסן פון דעם, וואָס איז איבער־געבליבן אין די טעפּלעך אין קיך. אַז דאָס פלעשעלע האָט אָבער אויך נישט געהאָלפן, און מאַטקע האָט גאָרנישט געפּרוווט נעמען אין מויל אַריין, נאָר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך מיטביידע פיסלעך דער מאַמעס טוך און געשריען, אַז דער באַלקן האָט זיך געשפּאָלטן, איז הינדעלע געבליבן אַ דערשראָקענע. דאָס ערשטע מאָל אין איר פּראַקטיק טרעפט זיך אַזאַ זאַך, אַז אַ קינד פון קעלער, דער געלער זלאַטקעס אַ קינד, זאָל נישט וועלן נעמען דאָס פלעשעלע. זי האָט ניט געוווּסט אַליין וואָס צו טאָן. דאָס קינד האָט געהאַלטן אין איין שרייען. זי האָט עס גענומען אויף די הענט, זי האָט עס געוויגט, זי האָט געזונגען וויג־לידלעך, — דאָס קינד האַלט אין איין שרייען. האָט זי אויך אָנגעהויבן צו שרייען און צו וויינען איינעם מיטן קינד. עס זעט אויס, אַז זי האָט זיך אויף אַ מינוט פאַרגעסן און געמיינט, אַז זי איז נאָך אויך אַ קינד און האָט אויך דאָס רעכט צו וויינען, אָבער דער אַלטער רב מאיר האָט זי באַלד אַרויס־גענומען פון אירע קינדערשע חלומות: ער האָט איר דערמאָנט, ווער זי איז אַוועלכע.

— וואָס שטייסטו ווי אַ גולם און שרייסט? הינדעלע, וואָס טוט זיך מיט דיר? ביסט דאָך עפּעס אַ דערוואַקסן מיידל. די מאַמע וועט דאָך דיר הרגענען. וואָס האָסטו זיך גאָר אַוועקגעשטעלט שרייען?

— איך ווייס נישט וואָס איך זאָל טאָן. דאָס קינד וויל נישט דאָס פלעשל, — האָט הינדעלע געהאַלטן אין איין כליפּען.

— גיי נאָך דער מאַמען: דאָס קינד איז קראַנק, — זאָגט דער אַלטער רב מאיר.

הינדעלע האָט זיך פאַרוווּנדערט, פאַרוואָס דאָס איז איר נישט איינגעפאַלן באַלד צו גיין נאָך דער מאַמען. דאָך אין האַרצן האָט זי עפּעס מורא געהאַט צו רופן די מאַמע צום קינד: זי האָט שוין געוווּסט, אַז די מאַמע איז פאַרקויפט פאַר אַ צווייטן קינד. נאָר דאָך האָט זי געפאָלגט דעם אַלטן רב מאיר, געכאַפּט אַ טיכל און געלאָפן צו דער זשאָכלינערין נאָך דער מאַמען.

אַזוי באַלד האָט מען זי צו דער מאַמען נישט צוגעלאָזט. אַז זלאַטקע איז אין אַ רײַך הויז אַן אַם, באַהאַנדלט מען זי גוט, און ביי די זשאַכלינערס האָט מען זי פּשוט געהאַלטן פאַר אַ קעניגין. געשלאָפן איז זי מיט דעם קינד אין דעם גרעסטן צימער פון הויז, מ'האָט געזען, אַז זי זאָל שטענדיק גיין ריין אָנגעטאָן, אין אַ ווייסן קאַפּטנדל און אַ געוואַשענע שירץ. און די אַלטע זשאַכלינערין האָט איר צוגעטראָגן יעדע מינוט עפּעס אַנדערש. האָט מען געקאָכט אין שטוב אַ פריש יאַיכל, האָט מען נישט פאַרגעסן אָן דער אַם: „זי זויגט דאָס קינד”. און אייגנטלעך וואָלט זלאַטקען גאַנץ גוט געווען זייענדיק אַן אַם: דורך דער צייט, וואָס זי האָט געזויגן דאָס פרעמדע קינד, האָט זי זיך אַ ביסל אָפּגערוט פון לויפן איבער די מערק מיט די קוישן, פון כאַפּן פון די פויערשע וועגן. און געגעסן האָט זי גוט, און געשלאָפן האָט זי וויפיל זי האָט געוואָלט. נאָר עס האָט איר געווייטאָקט איר קינד, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אינדערהיים. און יעדעס מאָל, ווען זי האָט גענומען דאָס פרעמדע קינד צו זויגן, האָט זי געקרעכצט... און נישט איין מאָל האָט זי געקלערט מיטן פראָסטן שכל, אַז עס וואָלט טאַקע געווען אַ גוטע זאַך, ווען מע באַהאַנדלט זי אַזוי פיין און מ'לאָזט איר דערביי איר אייגן קינד זויגן...

לאַנג איז הינדעלע געשטאַנען אין קיך און געוואַרט אויף דער מאַמען. מע האָט זי ניט צוגעלאָזט — די מאַמע האָט פּונקט געזויגן דאָס קינד, דער זשאַכלינערס אייניקל — אַ מיידעלע אין מאָטקעס יאָרן. אַז די מאַמע איז פון וואַרימען שלאָפצימער אַרויסגעקומען, האָט הינדעלע די מאַמען אַ מינוט נישט דערקענט, קיינמאָל האָט זי באַך איר נישט געזען אַזאַ אויסגעשלאָפענע און אויסגערוטע. די באַקן זיינען איר רויט געווען און פויל, אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ ווייסן הויב, אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ ריין ווייס קאַפּטאַנדל מיט אַ ריינע ווייסע שירץ. הינדעלע האָט פאַר דער מאַמען מורא געקראָגן און דרך־ארץ געהאַט, און געשעמט זיך צו זאָגן, נאָך וואָס זי איז געקומען.

— וואָס איז געשען? — פרעגט זלאַטקע אַ דערשראָקענע.

אַ מינוט האָט הינדעלע געשוויגן, באַלד איז זי אַרויס מיט אַ געוויין, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן מיטן געוויין, אַז זי איז נישט שולדיק:

— דאָס קינד וויינט, עס וויל ניט נעמען דאָס פלעשעלע, עס איז קראַנק, מאַמע.

אַז זלאַטקע האָט דערהערט, אַז איר קינד איז קראַנק, האָט זי פאַרגעסן, אַז זי איז אַ פאַרקויפטע, געכאַפּט דאָס טוך איבערן קאָפּ און איבער דעם מאַרק געלאָפן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט שוין מאָטקע זיין צעהיצט מיד פנימל צווישן דער מאַמעס וואַרעמע בריסט איינגעגראָבן, און מיט זיין ענערגיש מיילכל האָט ער געצויגן פון זיי, אָן דעם אָטעם צו כאַפּן. ווי ער וואָלט געוואָלט אין זיך אַריינזויגן די קוואַלן פון לעבן. איבער דעם קערפּערל איז אים געקומען יענע וואַרעמקייט, וואָס ער האָט געפילט אין די ערשטע טעג פון זיין קומען אויף דער וועלט ...

אָבער לאַנג איז מאָטקען דאָס גליק ניט באַשערט געווען. אין קעלער האָט זיך באַלד געוויזן די אַלטע זשאַכלינערין, אין איר רייך באַפּוצטער הויב מיט בענדער, מיט דער גאָלדענער קייט אויפן פעטן האַלדז, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און פאַרדעקט אַ האַלבע ברוסט, און געזאָגט מיט אַ פרום מינעלע, פאַרגלאָצנדיק די קליינע, קורצזיכטיקע אויגן, מיט אַ פעטן שמייכעלע אויף די שמאַלצעדיקע ליפּן:

— וואָס איז דעם קינד? ער איז נישט געזונט?

און זי איז נענטער צוגעגאַנגען און געטאַפּט מאָטקעס בייכעלע מיט אירע פּעטע קורצע פינגער:

— וואָס איז אים? ער איז קראַנק? — האָט זי איבערגעחזרט די פראַגע מיט איר פּעטן געלעכטערל.

זלאַטקע איז פאַרשעמט געוואָרן פאַר דער אַלטער נגידתטע. זי האָט מיט גוואַלד אַרויסגענומען איר ברוסט פון מאָטקעס נאַגנדיקן מויל און געענטפערט מיט אַ פאַר־שעמטער מינע, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערן וועלן:

— עס איז אַ קינד, עס קאָן זיך נישט צוגעוווינען צום פלעשל, און אויסגיסנדיק איר ביטער האַרץ אויף הינדעלען האָט זי אויף איר אָנגעהויבן צו שרייען:

— וואָס ביסטו געלאָפן נאָך מיר? פאַרוואָס שטילסטו ניט איין דאָס קינד? ווו לויפסטו אַרום? — און האָט זיך גענומען הינדעלען שלאָגן.

די אַלטע זשאָכלינערין האָט זי אָפּגעהאַלטן. זי האָט אַרויסגענומען קליינגעלט און צעטיילט צווישן זלאַטקעס קינדערלעך, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע עקן גאַס, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז די מאַמע איז געקומען. הינדעלען האָט זי מער געגעבן פון אַלע קינדער, — גאַנצע פינף קאָפּיקעס און געזאָגט צו איר:

— קום אַמאָל מיטן קינד אַהין צו דער מאַמען. ס׳שאַדט נישט, קום אין קיך אַריין. די דינסט וועט דיר עפּעס געבן. פאַרוואָס קומסטו נישט?

דערנאָך האָט זי געשמייכלט מאָטקען אין פנימל אַריין קיצלענדיק אים מיט אירע פּעטע פינגער אויף זיין בייכל:

— דו שרייער, דו... דו... אויסגעוואַקסן, אָן עין־הרע אַ יונג. צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אונדזערע... קיין עין־הרע זאָל אים ניט שאַדטן, — האָט זי געזאָגט צו זלאַטקען מיט אַ שמייכעלע, און האָט זי מיטגענומען מיט זיך.

הינדעלע איז אַליין איבערגעבליבן מיט מאָטקען. דאָס קינד האָט ווידער אָנגעהויבן צו שרייען. זי האָט ווידער נישט געוווסט וואָס צו טאָן; דאָס פלעשל האָט ער נישט געוואָלט נעמען, נישט דאָס שמאַטקע און נישט דאָס הענטל. אַזוי האָט ער אָפּ־געשריען, ביז דער טאַטע זיינער, דער בלינדער לייב איז געקומען.

דער בלינדער לייב האָט נישט געמאַכט מיט אים קיין לאַנגע שהיות. ער האָט זיך גאַנץ גוט אָנגעשריען אויף אים, און אַז מאָטקע האָט זיך נישט געוואָלט איינ־שטילן, האָט ער אים פאַרדרייט אויף דער צווייטער זייט און מיט דער האַנט אים אָנגעפּאַטשט אויפן געזעסל. אַ לאַנגע ווײַלע האָט מאָטקע נאָך געוויינט, ביז זיינע טרערן און געשרייען זיינען פאַרשטילט געוואָרן אין שלאָף. ווען ער איז געשלאָפן, האָבן זיי אים אַריינגערוקט אין מויל אַריין די שמאַטקע מיטן שטיקל צוקער, און פון דענסטמאָל אָן האָט זיך מאָטקע אויסגעלערנט אַ שמאַטקע צו זויגן.

טיילמאָל האָט אים הינדעלע געבראַכט צו דער מאַמען. די מאַמע האָט זיך מיט אים געפּרייט, און אַז קיינער איז אין שטוב נישט געווען, האָט זי אַרויסגענבעט איר ברוסט פון פרעמדן קינדס מויל און מאָטקען געגעבן. ער האָט אַמאָל שוין דער מאַמעס ברוסט זויגן ניט געוואָלט: ער איז געווען צוגעוווינט צו דער שמאַטקע.

און אַז זלאַטקע האָט צום ערשטן מאָל דערזען, אַז איר קינד וויל נישט זויגן פון אירע בריסטן, האָבן זיך איר טרערן אין די אויגן געשטעלט.

און איינמאָל, עס איז שוין געווען אין אַ צייט אַרום, מאָטקע איז שוין דענסטמאָל אַלט געווען אַכט—ניין חדשים, האָט אים הינדעלע צו דער מאַמען געבראַכט. די מאַמע האָט אים געהאַלטן אויף איין האַנט, אויף דער צווייטער האַנט האָט זי געהאַלטן

דאָס פרעמדע קינד און געזויגן. מ׳ווייס נישט, ווי אַזוי עס איז געווען, נאָר מאָטקע האָט זיך גענומען שלאָגן און יענעם קינד דאָס געזיכטל צעדראַפּעט. דאָס קינד האָט געמאַכט אַ גוואַלד. די זשאַכלינערין מיט דעם גאַנצן הויזגעזינט זיינען געקומען צו־לויפן. ווען די יונגע מאַמע האָט דערזען דעם רויטן קראַץ, וואָס מאָטקע האָט געמאַכט איר מיידעלע אויפן פּנים, איז זי אין חלשות אַוועקגעפאַלן. מע האָט מאָטקען פון דעמאָלט אָן מער נישט צו דער מאַמען צוגעלאָזט, דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט געזויגן דער זשאַכלינערס אייניקל. און געזויגן האָט זי דער זשאַכלי־נערס אייניקל גאַנצע צוויי יאָר. מאָטקע איז דערווייל פון דעם אַלטן אויבסט־קאָרב אַרויסגעוואַקסן. דורך דער צייט, וואָס יענץ קינד האָט זיין מאַמעס מילך גע־זויגן, האָט ער ציינער געקראָגן און אָנגעהויבן זיך אַליין צו דערנערן. ער האָט אָנגעהויבן צו עסן אַלעס, וואָס ער האָט געפונען אונטער דער האַנט.

שלום אַש.

(פון ראָמאַן „מאָטקע גנב״).

מאטקע קריגט ציינער.

שלעכט איז געווען מאָטקען, ווען ער איז געלעגן אין קויש און געמוזט וואַרטן, ביז דאָס שוועסטערל אָדער דער אַלטער רב מאיר וועלן געדענקען און אים צוטראָגן דאָס פלעשעלע. ער האָט זיי געמוזט יעדעס מאָל דערמאָנען מיט זיין שרייען, אַז ער לעבט און באַדאַרף זיין חיונה. דער קעלער איז שוין אָבער אַזוי געווינט געווען צו זיינע גוואַלדן, אַז מ׳האָט אים שוין נישט געהערט. קוים אָבער האָט זיך מאָטקע אַרויסגעקריגן פון קויש און געקענט קריכן אויף אַלע פיר, האָט ער זיך שוין באַזאָרגט אַליין זיין חיונה. ער האָט אָנגעהויבן צו עסן אַלעס, וואָס ער האָט געפונען אונטער זיין האַנט: פון שטיקלעך איבערגעבליבענע ברויט ביז אַן אַלטן קאַמאַש, אַ קויש, אַ זאַק, אַלעס האָט ער געגעסן, וואָס ס׳האָט זיך געפונען אין קעלער. אָבער זיין הויפּט־שפּייז־קאַמער זיינען געווען פייגעלעס קוישן מיט די פּאַרפוילטע ווינטער־עפּעלעך.

אין אַ ווינקל קעלער זיינען זיי געשטאַנען יאָר איין, יאָר אויס, פייגעלעס קוישן מיט פּאַראַיאָריקע עפּל, „לעזעלקעס״, פאַרפוילטע באַרנעלעך, פאַרגליווערטע פלוימען. די קוישן האָבן זיך צוגעוואַקסן איינס צום צווייטן דורך די לאַנגע ווינטער־נעכט, און די אויבסטן, וואָס האָבן געפוילט אין זיי, האָבן אַריבערגעווירט פון איין קאָרב אין צווייטן אַריין. מע האָט נישט געקענט מער וויסן, וואָס פאַר אַ פּירות דאָס זיינען געווען: אַלע פאַרדעקט מיט איין שימל. — און דאָס האָט געגעבן פון זיך אַ געשמאַקן ריח, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דעם קעלער. און געוואַרעמט אין ווינטער... אָט דאָס פייגעלעס ווינקעלע איז געווען מאָטקעס שפּייזער. עס האָט זיך גערעכט, אַז פייגעלע האָט געזאַמלט די טונען מיט די פאַרפוילטע „לעזעלקעס״, ווינטער־עפּעלעך און פאַרפוילטע באַרנעלעך, כדי מאָטקע זאָל פון זיי זיין חיונה קענען ציען. ער האָט זיך פון די פּירות גענערט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען דער ווינט האָט געקלאַפּט אויף די פאַרפראָרענע פענסטערלעך.

צום ערשטן מאָל, ווען מאָטקע האָט אַנטדעקט די קוועלן פון זיין חיונה און האָט זיך מיט זיי נישט אָנגעגעסן, איז ער אַזוי קראַנק געוואָרן, אַז אַלע האָבן געמיינט, אַז ער וועט שטאַרבן. מע האָט געבראַכט צו אים די מאַמען. זלאַטקע האָט אים די

ברוסט אין מויל געשטעקט, מאָטקע האָט נישט געוואָלט זויגן, האָט נישט געוואָלט דאָס פלעשל נעמען אין מויל אַריין. זלאַטקע איז געזעסן איבער אים און האָט געוויינט. עס איז געווען נאַכט, אַלע אין קעלער זיינען געשלאָפן. דעם בלינדן לייבס שנאָרכן האָט געפייפט פון ווינקלען אַרויס. איז זלאַטקע אַליין געזעסן ביי איר קינד און געוויינט. מאָטקע איז געלעגן אַ צוהיצטער אין זיין קויש, מיט פאַרמאַכטע אויגן, און האָט שווער אָפּגעאָטעמט. איינמאָל, הערנדיק ווי די מאַמע וויינט, האָט ער די פּאָר־גלייזטע הייטלעך אויפגעעפנט און אָנגעקוקט די מאַמען מיט זיינע שוואַרצע אויגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מאָטקע פאַרשטייט די מאַמען און ער קוקט זיך אין איר גוט איין, ער וויל זי דערקענען און געדענקען שפּעטער, ווען ער וועט גרויס ווערן, אַז זי האָט אַמאָל געוויינט אויף אים...

נאָר צומאָרגנס איז מאָטקען בעסער געוואָרן, און מאָטקע האָט ווידער אָנגע־הויבן צו עסן פייגעלעס קוישן. נאָר מער האָט אים שוין נישט געשאַדט. ער האָט שוין געקענט אַלעס אויפעסן, אַפילו דעם טאַטנס אַלטע שטיוול, און עס וואָלט אים שוין מער ניט אָנגעגאַנגען. זיין מאָגן איז געווען ווי פון אַייזן און זיינע געדערעם ווי פון שטאָל.

דאָס איז אַלעס געווען, ווען דער ווינטער האָט געהערשט אינדרויסן, און מאָטקע איז געווען אָנגעוויזן אויפן בלויזן קעלער. אָבער באַלד איז פרילינג געוואָרן. די זון האָט אָנגעהויבן אַריינקומען אין קעלער אַריין, געשטעלט זיך אויף די טרעפּלעך און אַריינגעקוקט מיט איר שיין אין שטיבל אַריין. אין קעלער האָט מען זיך אָנגעהויבן צו ריכטן אויף פסח. זלאַטקע האָט אָנגעהויבן אַרויסשטעלן פון קעלער באַלע־באַטישקייט אויף דער גאַס אַרויס, אָפּשיַיערן און אָפּריינִיקן אויף פסח. צוזאַמען מיט די אַלטע שטוב־זאַכן פון קעלער האָט מאָטקע אויך געוואָגט אויף אַלע פיר זיך אַרויס־ריטשען פון קעלער אַרויס. ער איז אויף די טרעפּלעך אַרויס און אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין, און דערזען האָט ער, אַז די וועלט איז גרעסער פון קעלער.

אַ פּאָר מינוט איז ער נאָך געשטאַנען אויף די טרעפּלעך. די זון האָט אים בעוואַרעמט, און אים איז גוט געווען. ער האָט געקוקט מיט אומצוטרויען אין געסל אַריין און מורא געהאַט אַרויסצוקריכן. צווישן דעם קעלער און געסל איז געווען אַ ברייטער רינשטאָק, וואָס מע האָט אים געדאַרפט אַריבערשפּרינגען, איבערגייענדיק אויפן ברוק פון געסל. מאָטקע האָט אייניקע מאָל געפּרוווט אַריבערצוקריכן דעם רינשטאָק און האָט ניט געקענט. ער האָט געקוקט מיט זיינע אויגן און געוואַרט, אַז עמיצער זאָל קומען און העלפן אים אַריבערשפּרינגען די שוועל פון קעלער. און עס איז טאַקע געווען זיין שוועסטערל, זיין ערציערין הינדעלע, וועלכע האָט אים צום ערשטן מאָל געהאָלפן אַריבערגיין דעם רינשטאָק, וואָס ליגט פאַר דער שוועל פון זיין לעבן, זי האָט אים ביים הענטל אָנגענומען און געבראַכט אים אין געסל אַריין.

אין געסל האָבן זיך געשפּילט קליינע קינדער. ווייבער האָבן געוואַשן, געריי־ניקט די טונען מיט די בענק און דאָס ווייסע געהילץ אויף פסח. אין פיל שטובן האָט מען געוויסט אויף יום־טוב און דאָס באַלעבאַטישקייט מיט די קינדערלעך זיינען געווען אויף דער גאַס. ער איז געקראָכן צווישן די אָנגעשטעלטע זאַכן, צווישן די קינדער, אָפטמאָל האָט מען אים אָנגעטראָטן; אַ שראַנק איז שיר נישט אַרויפגעפאַלן אויף אים. ער איז אומעטום געווען, ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס און אומעטום דאָס נעזל אַריינגעשטעקט.

באַלד דערזעט ער אויף אַ שוועל פאַר אַ הויז זיצט אַ קליין מיידעלע און האַלט אַ טעלערל אין האַנט און עסט געשמאַק די קליסקעלעך מיט מילך פון טעלערל אַרויס. מאָטקען האָט עס אָנגעשמעקט, ער האָט זיך אויף אַלע פיר צוגערוקט צו דער שוועל, אויף וועלכער דאָס מיידעלע איז געזעסן. אַ מינוט האָט ער נאָך נאָכגעקלערט און געקוקט מיט קנאה אויף דער מיידעלע, וואָס עסט די קליסקעלעך. באַלד אָבער רוקט ער זיך אַליין צו צום טעלערל און שטעקט אַריין דאָס נעזל און הייבט אָן מיטצולעקן אויס דעם טעלערל, ווי אַ הינטל. דאָס מיידעלע קוקט אים צוערשט אָן פאַרוווּנדערט, פאַרשטייט נישט, וואָס ער טוט. באַלד פאַלט זי אַרויס אין אַ גרויס געוויין. די מוטער קומט אַרויס פון שטיבל און דערזעט, ווי מאָטקע לעקט זיך רויק פון איר קינדס טעלערל אַרויס, או איר קינד זיצט מיטן לעפל אין האַנט און וויינט. פאַלט זי אַרויס מיט אַ געשריי:

— ווער איז דאָס? וועמענס איז דאָס? אַוועק פון דאַנען!

מאָטקע לאָזט זיך נישט אָפּשרעקן פון געשרייען און לאָזט נישט פריער אָפּ דאָס טעלערל, ביז די יידינע רייסט עס נישט אַרויס מיט גוואַלד.

— אַ בייזע נאַכט אויף מיינע שונאימס קעפּ. וועמעס איז דאָס?

— עס איז דאָך זלאַטקעס, דער ייִנגסטער — זאָגט אַן אַנדער יידינע, וועלכע איז אויף די גוואַלדן פון שטיבל אַרויסגעקומען.

— יאָ, זעט, דער בלינדער לייב האָט שוין ווידער אַ נייעם ממזר אין דער גאַס אַרויסגעשיקט. מע וועט שוין נישט קענען קיין קינד אויף דער שוועל אַרויסלאָזן.

— אַוועק פון דאַנען — שאַרט אים די יידינע אָפּ.

מאָטקע האָט זיך אַוועקגערוקט פון דער שוועל. די זון האָט געשיינט אין געסל, עס איז וואַרעם געווען און גוט געווען, האָט ער געפּרוווט ווייטער זיך ריטשען אויף אַלע פיר.

אויף אַ צווייטער שוועל האָט ער אָנגעטראָפן קליינע קינדער פון זיין גרויס זיצן צווישן אַרויסגעשטעלטע זאַכן, בעטגעוואַנט און האַלטן בייגל מיט פוטער אין דער האַנט. איינס פון זיי, גאָר אַ יונגס, לאָזט דעם בייגל פון דער האַנט אַרויס און וויינט. קיינער פאַרנעמט נישט דעם קינדס וויינען. אַ מינוט איז מאָטקע ווידער געשטאַנען און אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג די קינדער, דערנאָך האָט ער גאַנץ רויק דעם בייגל אויפגעהויבן פון דרערד און האָט אָנגעהויבן עסן.

אַז דאָס וויינענדיקע קינד האָט דערזען, אַז מאָטקע עסט זיין בייגל, איז עס אַרויס מיט אַזאַ ליאַרעם, מיט אַזאַ געשריי, אַז מ׳האָט געמיינט עס ברענט.

אויף דער שוועל האָט זיך באַלד געוויזן דעם קינדס מאַמע. מאָטקע האָט אָבער דאָס מאָל אָנגעטראָפן אויף שפּרינצעלע די בייטערקע. דאָס איז אַ יידינע מיט אַ געשליפן מיילכל, און אַז איר געשעט אַן עולה, דערהערט מען עס שוין אין געסל. מע היט זיך פאַר איר ווי פאַר פייער. וואָרום עס איז גענוג, אַז מ׳זאָל איר געבן נאָר די מעגלעכקייט אויסצוריידן אַ וואָרט, איז עס ווי אַ פלאַם פייער, וואָס כאַפּט זיך אָן און ברענט אַלעס אונטער. אַ יידינע ווי שפּרינצעלע, אַז זי האָט דערזען זלאַטקעס נייעם ממזר, וואָס „איז אַרויס מענטשן צו באַפאַלן אין מיטן גאַס“, האָט געמאַכט אַזאַ גערודער אין געסל, אַז מ׳איז זיך צוזאַמענגעלאָפן.

— זעט, זעט, גוואַלד, דער יונג עסט מיך אויף! זלאַטקע האָט אַרויסגעשיקט ממזרים אין גאַס אַריין, קינדער צו באַפאַלן, אין מיטן העלן טאָג.

און זי האָט אָנגענומען מאָטקען ביים הענטל און צוריקגעבראַכט אין קעלער, און אָנגעהויבן שרייען, וואַרפנדיק מאָטקען אין קעלער אַריין:

— האַלט אַייך אים דאָרט! אַרויסגעשיקט אַ ממזר אין גאַס אַריין, קינדער צו באַפאַלן אין מיטן העלן טאָג.

זלאַטקע האָט פונקט געהאַלטן אין וואַשן אַ העמד פאַר דעם בלינדן לייב אויף פּסח. דערהערט, אַז מע שרייט אין קעלער אַריין, איז זי אַרויסגעקומען מיט די אַרויפגעשאַרדטע אַרבל און מיטן הייבל אויפן קאָפּ; דערזען מאָטקען אין שפּרינצעלעס הענט, און פון שפּרינצעס שפּיציקע אייגלעך און בלאָען מיילכל שיט זיך פעך און שוועבל, האָט זי קודם־כל געוואָלט אַרויסנעמען מאָטקען פון אירע הענט. מאָטקע האָט אויסגעזען אין שפּרינצעלעס הענט ווי אַ נגזל. ער האָט געציטערט פאַר שרעק און ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מע שרייט דאָס אויף אים און דערזען די מאַמען — האָט ער זיך צעוויינט. זלאַטקען האָט עס געגעבן אַזאַ שטאָך אין האַרצן, עפּעס אַ רחמנות געפיל האָט זי מיט אַמאָל געגעבן אַ נעם אַרום צו איר קינד און דאָס האַרץ איז איר צעשניטן געוואָרן. איז זי צו, אַרויסגענומען מאָטקען פון שפּרינצעלעס הענט און האָט אַזוי געזאָגט:

— וואָס צעשרייט זי זיך אַזוי אויפן קינד? נאַ, זע, דאָס קינד ציטערט דאָך אינגאַנצן, וואָס האָט ער געטאָן אַזעלכעס? מיין קינד, מיין קרוין — האָט זי מיטאַמאָל אַרומגענומען מאָטקען און צום ערשטן מאָל אין לעבן אפשר הערצלעך געקושט אים.

— נאַ, זעט, ווי זי קושט אים נאָך פאַר דער חכמה, וואָס ער האָט געטאָן. אַוודאַי, די מאַמע לערנט אים אַליין. אַ שיינער גנב וועט דאָס אויסוואַקסן — האָט שפּרינצעלע נביאות געזאָגט אויף אים.

— אַז די צונג זאָל איר ווערן אויפגעביסן, אַז נישט דערלעבן זאָל זי דאָס — האָט זלאַטקע זיך אָנגענומען פאַר איר קינד. — אַ רב וועט דאָס זיין — האָט זי געקושט מאָטקען אויפן קעפּל.

מאָטקע האָט אַיינגעקאָרטשעט זיין קעפּעלע אין די מאַמעס אָרעמס, און ער האָט מיט צופרידנהייט געגאָסן.

— אַז דו זאָלסט מיר וואַקסן געזונטערהייט — האָט אים זלאַטקע געקושט אין קעפּל און אים אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל לעבן זיך — נאַ, זיץ ביי דער מאַמען, ווי זי האָט דאָס נביאות געזאָגט אויף אים. אַז ניט דערלעבן זאָל זי דאָס!

נאָר קוים איז דורכגעגאַנגען אַ פאָר מינוט און די מאַמע איז געווען פאַרנומען, איז שוין מאָטקע געווען ווידער אויף אַלע פיר אין געסל. ער האָט דערשמעקט ווו זיין חיונה איז. פון דענסטמאָל אָן זוכט מאָטקע זיין פּרנסה אין געסל, אַלעס איז אָפן געשטאַנען פאַר אים, און וואָס ער האָט געפונען. דאָס האָט ער גענומען. זיך אַריינגעגליטשט אין אָפענע טירן, געפונען עסן אויפן טיש, — אויפגעגעסן. דערזען אַ קינד אין געסל מיט אַ בייגל, אַוועקגעכאַפּט און אויפגעגעסן. איז געשטאַנען אַ יידינע מיט אַ קויש עפּל אין גאַס — צוגערוקט זיך צום קויש און אַרויסגענומען. ניט איין חרפה איז זלאַטקע אויסגעשטאַנען צוליב אים. ניט איין יידינע האָט אים געבראַכט צוריקצושלעפּן ביי די אויערן אין קעלער אַריין און נביאות געזאָגט אויף אים. אין געסל איז מאָטקע געוואָרן אַ שרעק, אַז מ'האָט אים דערזען זיך אַרויסלאָזן אויף אַלע פיר פון קעלער, האָבן די מאַמעס די קינדער באַהאַלטן אין די הייזער אַריין, טיר און טויער האָט מען פאַרשלאָסן פאַר אים — און, אַז מ'האָט אים דערזען פונדער־

וויטנס, האָט איין שכנטע דער צווייטער אָנגעזאָגט און צו וויסן געגעבן, ווי עס וואָלט אַ געוויטער אָנגעקומען:

„מאָטקע גייט“, „מאָטקע גייט“!

שלום אש.

(פון ראָמאַן „מאָטקע גנב“)

מאָטקע לערנט אַ מלאָכה.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך דער בלינדער לייב דערמאָנט אָן זיין זון, אַז מע דאַרף פון אים מאַכן אַ לייט. געשעען איז עס נישט פון זיך, נאָר דערמאָנט האָט אים אָן זיינע פליכטן, אַלס פאָטער, דער עלטסטער מייסטער פון דער חברה־שוסטער, בעריש כוואַט, וואָס אַמאָל האָט נאָך ביי אים דער בלינדער לייב אַליין געלערנט זיין מלאָכה. בעריש כוואַט האָט געטראָפן לייבן טאַקע אין דער חברה־שוסטער, אַמאָל, שבת־צונאַכטס, צו מעריב. כאָטש דער בלינדער לייב האָט די מלאָכה שוסטעריי אַוועקגעוואָרפן, דאָך אין חברה־שוסטער איז ער נאָך געקומען דאַוונען און געדעכנט זיך פאַר אַ זייעריקן. האָט אים דאָרטן דער אַלטער מייסטער בעריש כוואַט מוסר געזאָגט אַזוי:

— וואָס וועט פון דיין יונג דער סוף זיין? דו לאָזט אים אַרומלויפן פוסט און פאַסט. ער וועט דאָך אויסוואַקסן אַ גנב.

— וואָס טוט מען מיט אים, רב בעריש, אַז דער יונג וויל נישט אין חדר גיין.

— גיב אים צו אַ בעל־מלאָכה, ווי דער טאַטע דיינער האָט דיך אָפּגעגעבן. איך געדענק, ווען דער טאַטע דיינער, זעליק דער פורמאַן, האָט דיך געבראַכט צו מיר אַ זונטאָג אינדערפרי, אוי, ביסטו געווען אַ חברה־מאַן, האָסטו נישט געוואָלט די דראַטווע דרייען.

— האָט איר מיטן רימען אַרונטערגעלאָזט, אַז איך האָב נאָך צו געדענקען ביזן היינטיקן טאָג,— לאַכט דער בלינדער לייב מיט דעם לעבעדיקן אויג און מיט דעם טויטן אויג.

— ברענג אים צו מיר. אַזוי ווי איך האָב פונם טאַטן געמאַכט אַ לייט, אַזוי וועל איך פון דעם זון, מיט גאָטס הילף.

— אויף ווי לאַנג?— פרעגט לייב.

— אַזוי לאַנג ווי דו ביסט געווען. ווי אַלט איז ער איצט, דער יונג, זיבן יאָר? ער וועט זיין ביי מיר, ביז ער וועט אַלט ווערן עלף, צוועלף יאָר, ביז ער וועט זיך גוט די מלאָכה אויסלערנען. איך וועל אים געבן צו עסן, אַ נאַכטלעגער, אַ קאַפּאָטע מאַכן אויף יום־טוב. דערנאָך, אַז ער וועט זיך אויסלערנען די מלאָכה, וועל איך אים צאָלן דאָס ערשטע יאָר פינף רובל, דערנאָך וועט ער קריגן גאַנצע צען. דו ווייסט דאָך, אַז מיר האַלטן אַ פרעמד קינד גוט, קענסט דאָך מיין אַלטע: אייגענע האָט זי נישט, אָבער צו פרעמדע קינדער איז זי ווי אַ מוטער.

— יאָ, איך געדענק דאָבשע די מייסטערין. איך געדענק אירע קנייפּן גוט. שטיקער פלייש האָט זי פון די הענט אַרויסגענומען, היגטער דער טיר אַרויסגעשטעלט אין דער קעלט, און וואַסערדיקן באָרשטש צו זופּן געגעבן. אַי, רב בעריש, האָט איר אַ יידינע.

— נו, גוּטן וועל איך מיך נישט צוליב אַ לערניינגל, — האָט דער אַלטער רב בעריש געלאַכט — געקנייפּט האָט זי דיך, אמת. אָבער קיין מענטש ביסטו נאָך אַלץ נישט געוואָרן. נו, קום צו שרה-חנהלען אין שענקל אַריין, וועלן מיר דאָרט דאָס איבריקע אָפּריידן.

ביי שרה-חנהלען, ווו מע האָט געקאָנט קריגן אַ געהיים גלעזל בראָנפן מיט היימישע קיכלעך און הערינג צו פאַרבייסן, האָט דער בלינדער לייב פאַרקויפט זיין זון אויף גאַנצע זעקס יאָר צו „דאָבשע די מייסטערין" אין די הענט אַריין. ער האָט גענומען אַ רובל האַנט-געלט אויפן ערשטן זמן, ווען דער יונג וועט אין זעקס יאָר אַרום אָנהייבן געלט קריגן. ביים גלעזל האָט דער אַלטער בעריש געטענהט:

— נאָר ער זאָל מיר נישט אַנטלויפן און הערן דעם מייסטער און די מייסטערין. אַ גאַנג גיין, ווו מע דאַרף. זאָג אים אָן, דו הערסט?

— האָט נישט קיין מורא, רב בעריש, ער וועט שוין נישט אַנטלויפן. איך וועל אים שוין ביי די אויערן צוריקברענגען.

צומאָרגנס אינדערפרי איז געווען אַ שיינער זומער-טאָג. די טעג פאַר ראש-השנה, ווען די עפּל און די באַרן זיינען רייף אויף דיביימער און בעטן זיך נאָר, מע זאָל זיי אָפּפליקן און אויפעסן. אין אַזאַ טאָג האָט לייב גענומען מאָטקען און געפירט אים ביי דער האַנט צו בעריש דעם שוסטער „אויף די לער". דער קליינער מאַרק איז פול געווען מיט צייטיקע אויבסט, וואָס די פויערים און די פּרוכט-הענדלער האָבן געבראַכט אין שטעטל. די לופט איז פאַרכאַפּט געווען פון עפּל-ריח, גרינס און פרישע פיש. אין אַזאַ טאָג האָט אים לייב אַריינגעבראַכט אין דעם ענגן, פאַר-רויכערטן שטיבל, אין וועלכן בעריש שוסטער האָט געוווינט. די פענסטער זיינען געווען פאַרהאַקט, ווארום דאָבשע די מייסטערין האָט געליטן אויף אַן אויער און האָט מורא געהאַט פאַר אַ „צוק", און נישט געלאָזט עפענען אַ פענסטערל איבערן גאַנצן זומער. אין שטוב האָט זיך שטאַרק געשפּירט דער ריח פון פאַרפוילטן לעדער, וואָס האָט ערגעץ-ווו אין די ווינקלעך פון דעם שטיבל געשימלט זייט יאָרן, צייט בעריש איז אַ שוסטער. די מייסטערין איז נישט געווען. בעריש, אַרומגערינגלט מיט אַ דריי-פיר לערניינגלעך, איז געזעסן איינגעהויקערט אַרום דעם קליינעם טישל און געקלאַפּט אַ זויל אויפן שטיין.

— דאָ איז ער, דער בחור מיינער, — זאָגט לייב.

דער אַלטער רב בעריש האָט אויפגעהויבן זיינע גערדיכטע הויכע ברעמען, אַרויפגערוקט די ברילן (אין וועלכע די גלעזלעך זיינען געווען צעשפּאָלטן), האָט גע-וואָרפן אויפן יונג אַן אויג און האָט גערופן אין אַ ווינקל אַריין:

— דאָבשע, דאָבשע, קום נאָר אַרויף, אַ נייער לערניינגל.

באַלד איז פון הינטער אַ בעט פון אַ שוואַרצן קעלער אַרויסגעקומען עפּעס אַ הויכעס, אַ דאַרעס, איבערגעהאַנגען מיט שמאַטעס, טיכער, פאַטשיילעס ווי אין די גרעסטע פרעסט. איבערן פּנים האָט דאָס געהאַט פאַרבונדן אַ פאַטשיילע מיט צוויי שפּיצן פונם קניפּ אויפן קאָפּ, אַזוי, אַז דאָס באַשעפעניש האָט אויסגעזען ווי אַ מכשפה. דאָס טיכל איבער די אויערן איז שוין געווען טונקל-גראָ און פון דעם זעלבן קאָליר, ווי דאָס פּנים. דאָס איז געווען דאָבשע די מייסטערין. זי האָט אַ מינוט געשוויגן, אַרויסגעקוקט מיט צוויי גרויע אויסגעלאָשענע אויגן ווי ביי אַ טויט פערד, אַרויסגע-שטעקט אַ שפּיץ צינגל אויף די פאַרדאַרטע, פאַרצויגענע ליפּן, וועלכע זיינען באַדעקט געווען מיט שטויב ווי די אַלע זאַכן, וואָס זיינען געשטאַנען אָנגעשטעלט אין שטוב.

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײלע, ביז עס האָט זיך דערהערט אַ שטים, און געדאַכט האָט זיך, אַז עס קומט נישט פון דער יידינע, נאָר פון ערגעץ אַ הוילן פּאַס אַרויס:

— ווּעמענס איז דאָס? — האָט זי פאַרקייט מיט אַ הוסטל.

— עס איז לייבס. — האָט דער מייסטער געוואָרפן מיט דער האַנט אויפן בלינדן לייב.

זי האָט זיך אומגעדרייט צו לייבן און אים אָנגעקוקט אַ ווײלע. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— זיין אַ לייט, ווי דער טאַטע זײנער. האָט געגעבן אַ מאַך מיטן קאָפּ, ווי אַ ציג, און אַ שאָקל צו מיט דער האַנט, און איז געגאַנגען אין איר ווינקל אַריין.

— איך לאָז אייך אים דאָ איבער, רב בעריש, איר זאָלט זיין צו אים ווי אַ טאַטע, איר מעגט טאָן מיט אים, וואָס איר ווילט: שלאָגן אים, אַז ער וועט נישט פאָלגן. איר גיט אים עסן, מעגט איר אים שלאָגן. — הערסט? — האָט ער געזאָגט צום יונג — זאָלסט האָרכן דעם מייסטער און די מייסטערין, אַז נישט — וועל איך דיר טויטן, דו הערסט?

מאָטקע האָט געשוויגן, אַז דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען.

בעריש האָט אים געהייסן זיך זעצן, און געגעבן אים אַ שנור מיט אַ שטיק וואַקס, ער זאָל דרייען אַ דראַטווע. מאָטקע האָט עס גענומען אין האַנט. נישט געווּסט, וואָס צו טאָן דערמיט, האָט ער זיך געשפּילט מיטן פאָדעם און מיט גרויסע אויגן ארומגעקוקט זיך אין שטיבל: דערזען די צוויי הויכע בעטן, וואָס שלינגען איין דאָס גאַנצע שטיבל, אָנגעלייגט מיט בעטגעוואַנט ביז אין האַלבן באַלקן, געקוקט אויף די פאַרשטויבטע בילדלעך, וואָס הענגען פאַר די בעטן, אויף די פּאָליצעס, וואָס זײנען אָנגעלייגט מיט כאָלעוועס, אַלטע שטיוול, שטיוולעטן און שטיקער לעדער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט טשיקאַווע. אין דער נייער היים, וואָס אַהער האָט מען אים אַריינגעגעבן אויף גאַנצע זעקס יאָר, געקוקט אויף זײנע חברים, די צוויי יינגלעך מיט דעם געזעלן, אַן אַלטן גוי, וועלכע האַקן פּאָדעשוועס. ביי די בענקלעך ווייקט זיך לעדער אין וואַסער, און דאָס גיט פון זיך אַרויס אַ ריח. ער האָט געקוקט אויף די פענסטערלעך, ווי זיי זײנען פאַרקאָוועט אין שפּינוועבס און באַלייגט מיט מאָסן, מיט פּאָרמעס און שנירן, און פון דרויסן קריכט די זון און גנבעט זיך אין פענסטערל, און וויל אין שטיבל אַריין און דאָס שפּינוועבס לאָזט נישט.

באַלד האָט ער דערפילט אַ שטופּ אין אַ זייט. ער קוקט זיך אום: לעבן אים איז אויסגעוואַקסן די מייסטערין, ווי אַ שוואַרץ געשטאַלט און פון אירע פּיס איז אַרויסגעקראָכן אַ שוואַרצער קאָטער מיט גלאַנצנדיקע אויגן און באַלעקט זיך מיטן רויטן צינגל.

— נאַ, ברענג וואַסער, — האָט זי אים געשטופּט די קאַן אין דער האַנט אַריין.

מאָטקע האָט זיך דערפרייט... אַלץ איז אים דאָ געפעלן און ניי געווען. ער האָט געכאַפּט די קאַן, געגאַנגען צום פּלומפּל, געבראַכט אַ קאַן מיט וואַסער. די מייסטערין האָט אים געוויזן דאָס טונדל, ער האָט אָנגעגאָסן, ווידער געלאָפן, און עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי מינוט, איז ער שוין צוריק געווען.

ווידער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, געדרייט די דראַטווע, וואָס ער האָט נישט געקאָנט האַלטן אין דער האַנט צוליב דעם שטיקל וואַקס. האָט ער זיך ווידער אומגעקוקט אין שטיבל. יעצט האָט אים פאַרינטערעסירט דער שוואַרצער קאָטער, וואָס איז אָנגעבונדן מיט אַ לאַנג שטריקל ביים בעט, און דרייט זיך צווישן די פּיס פון

דער מייסטערין. ווי זי גייט, גייט ער מיט, און עס דאַכט זיך מאָטקען, אַז די מייס־טערין מיט דעם קאָטער זיינען צונויפגעוואַקסן און עס קאָן שוין נישט איינס אָן צווייטן זיין.

באַלד דערפילט ער ווידער אַ שטופּ אין אַ זייט:

— נאַ, צעהאַק מיר האָלץ — האָט זי אים געגעבן דאָס האַקמעסער אין דער האַנט.

מיט גרויס חשק האָט זיך מאָטקע גענומען דאָס האָלץ צעהאַקן. ער איז שוין געוויינט געווען פון דער היים. עס איז אים אייגנטלעך דאָ געפעלן. עס איז אַלעס ביי געווען. נאָר ער האָט געקוקט אויפן קאָטער און האָט גרויס חשק געהאַט דעם קאָטער דעם עק אָפּצעהאַקן.

ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויפן קליינעם בענקל און ווידער געצויגן דעם שנור דורך דעם וואַקס. ער האָט זיך ווידער אומגעקוקט אין שטיבל. די מייס־טערין האָט געמאַכט פייער, אַוועקגעזעצט זיך אין שוואַרצן ווינקל ביים קיכל און איינגעשלאָפן. דער קאָטער איז אַרויפגעקראָכן אויף איר שויס און איז אויך איינגע־שלאָפן. אין דער שטוב הערט זיך דאָס רעגלמעסיקע קלאַפּן פון העמערל אויף דער זויל; דער מייסטער זיצט איבער אַ שטיוול, אַלע זיצן איינגעבויגן און פאַרטאָן אין דער אַרבעט. דער זייגער קלאַפּט טיק, טאַק. און באַלד איז מאָטקען דאָס גאַנצע שטיבל מיט דעם מייסטער, מיט דער מייסטערין און מיט דעם קאָטער אַזוי פאַר־מיאוסט און לאַנגווייליק געוואָרן, אַז ער האָט געוואָלט אַרויסלויפן. ער האָט געבענקט נאָך דער גאַס, געקוקט אויפן פענסטערל און דערזען, ווי די זון קריכט פון דרויסן אויפן צווייטן זייט פון פענסטערל און וויל זיך אַריינקריגן אין שטיבל אַריין און קאָן נישט. איז אים עפּעס אומעטיק געוואָרן. ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן און אַרויסלויפן דורך דער טיר. נאָר ער האָט עפּעס אַן אינערלעכע אימה געהאַט; האָט ער זיך איינגעהאַלטן. ער האָט שוין אָבער נישט געקאָנט איינזיצן, געוואָרפן זיך אויפן בענקל, נישט געוואָלט מער דרייען די דראַטווע אין וואַקס. עס איז אים מיאוס געוואָרן, ער איז בייז געווען אויפן קאָטער און געטראַכט ביי זיך: „איצט איז די ריכטיקע צייט, ווען ער שלאָפט אַזוי, דעם עק אים אָפּצעהאַקן מיטן האַקמעסער".

ער האָט זיך אומגעקוקט און געזוכט דאָס האַקמעסער. ער האָט עס דערזען אין ווינקל, ווו ער האָט געהאַקט האָלץ. ער האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען דאָס האַק־מעסער. דער מייסטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער אַרבעט און געפרעגט אים:

— וואָס גייסטו טאָן?

מאָטקע האָט געהאַלטן דאָס האַקמעסער אין דער האַנט און געשוויגן.

פון דעם מייסטערס רייד האָט זיך די מייסטערין אויפגעכאַפּט אינאיינעם מיטן קאָטער און אַרומגעקוקט זיך פאַרוואונדערט אינאיינעם מיטן קאָטער, און באַלעקט זיך מיטן צינגל. פּלוצלונג האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט, צוגעגאַנגען צו אַ קאָמאָד, אַרויסגענומען קליינגעלט און געגעבן מאָטקען, ער זאָל ברענגען פון געוועלבל אַ ברויט מיט צוויי הערינג.

מאָטקע האָט גענומען דאָס געלט אין האַנט אַריין און איז אַרויס אין גאַס. ער האָט געוווּסט, אַז צוריקקומען וועט ער שוין נישט. עס האָט אים נאָר באַנג געטאָן, וואָס ער האָט דעם קאָטער דעם עק נישט אָפּגעהאַקט מיטן האַקמעסער. נאָר ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט עס טאָן אַמאָל.

ער איז אַרויס אויף דער גאַס. די זון האָט אים אַרומגעכאַפּט און זיך דער־פרייט מיט אים, וואָס זי דערזעט אים ווידער אויף איר ליכטיקער שיין. דאָס געלט

האָט אים געבריט אין דער האַנט. ער האָט זיך ערשט פאַר גדולה לויפן געלאָזט. ער איז אָנגעקומען אין מאַרקל און דערפילט דעם ריח פון די עפּל און די פרישע באַרן, און עס איז אים גוט געווען. ער איז אַדורכגעגאַנגען די בעקערייַ, האָט אים אָנגעשמעקט די פריש-געבאַקענע ברויטלעך און זעמל, איז ער אַרייַנגעגאַנגען און אָנגעקויפט זיך פולע קעשענעס מיט זעמל און אָנגעהויבן באַלד צו עסן. פון דערווייטנס האָט ער דערזען ווי פייגעלע זיצט אייַנגעמויערט אַרום אירע קוישן, טונען און זעק מיט אויבסטן אין מיטן מאַרק. איז ער צו צו איר און אַרויסגעכאַפּט פון דעם מולטער עטלעכע באַרן.

אַז פייגעלע האָט אים דערזען, האָט זי זיך די הענט געבראָכן און אַ גוואַלד געמאַכט:

— וואָס טוסטו דאָ אין מאַרק אין מיטן העלן טאָג? ביסט אַנטלאָפן פון מייסטער? דער טאַטע דייַנער וועט דאָך דיר ממיתן.

מאָטקע האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געטאָן. די העלפט געקויפטע זעמל האָט ער שוין געהאַט אויפגעגעסן. צוריקגיין צום מייסטער קאָן ער שוין נישט. עס האָט אים קיין איין מינוט נישט באַנג געטאָן, פאַרוואָס ער האָט אַזוי געטאָן. ער האָט דערפילט די מורא פאַרן שלאָגן. ער האָט דערשפּירט ווי אַ יונגער הונט, אַז מע וועט אים באַלד זוכן, אַז מע וועט זיך באַלד יאָגן נאָך אים.

ער האָט דערפילט, אַז ער דאַרף זיך באַהאַלטן. ער האָט זיך אָפּגעטראָגן פון מאַרק, אַרייַן אין אַ שמאָל געסל. דערנאָך האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט, איז אַריבער אַ פּלויט און איז אַרייַן אין הויף צו נאָטע קאַטאַרינאַרזש און צוגעקראָכן אויף אַלע פיר אין דער בודקע פון דעם הונט בורעק. דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלייגט און אייַנגעקאָרטשעט.

דער הונט האָט אים דערפילט, באַשמעקט, באַלעקט די הענט און דאָס פּנים. מאָטקע האָט אַרויסגענומען די איבערגעבליבענע זעמל, וואָס ער האָט אין די קעשענעס געהאַט, און געטיילט זיך מיטן הונט. דער הונט האָט געקייט אַ האַלבן זעמל, ער די אַנדערע העלפט. ער האָט געוווּסט איצט, אַז מע זוכט אים אַרום. דער טאַטע, דער מייסטער, די מייסטערין, דרייען זיך אַרום אין מאַרק מיט שטעקנס, מיט רימענס און זוכן אים. עס האָט אים נישט באַנג געטאָן. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר די קלעפּ. נאָר דאָס האַרץ האָט אין אים געשלאָגן, און די אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט. ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער דעם בויך פון הונט און אַרויסגעקוקט מיט די גנבישע אויגן פון דער בודקע אין הויף אַרייַן — אָבער זיי קומען נישט נאָך אים.

אַזוי איז ער אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג, ביז עס איז שפּעט געוואָרן. ביינאַכט איז אים געוואָרן קאַלט. ער האָט זיך צוגעקאָרטשעט צום הונט, דער הונט האָט דערפילט, וואָס ער וויל, האָט ער אים פאַרדעקט און געוואַרעמט מיט זייַן בויך און באַלעקט אים מיט דער צונג.

שפּעט ביינאַכט האָט זלאַטקע דערהערט — עפּעס וואָס קראַצט הינטער דער טיר פון קעלער. זי איז נישט געשלאָפן און געוואַרט אויף דעם אַ גאַנצע נאַכט. אַז זי האָט געהערט די באַוועגונג הינטער דער טיר, האָט איר האַרץ אויפגעציטערט. זי איז פּאַמעלעך אַרויסגעקראָכן פון איר בעט און זיך אייַנגעהאָרכט, אויב דער בלינדער לייב שלאָפט. ער האָט געשנאָרכט הויך. איז זי צוגעקראָכן צום קוימען, אַראָפּגענומען פון דאָרט אַ טעפּל, פּאַמעלעך אויפגעעפנט די טיר און עס אַרויסגעשטעלט. דערנאָך

האָט זי אין אַ ווינקעלע געזוכט און גענומען דאָס אַלטע טוך, וואָס זי האָט אָנגעגרייט, און עס אַרויסגעטראָגן אין פּאָרהויז אַריין. צווישן די קערב און די טונען איז געלעגן מאָטקע אַן אײַנגעקאָרטשעטער און געציטערט פאַר קעלט. זי האָט אים צוגעוואָרפן דאָס טוך, צוגעשטעלט דאָס טעפּל און געשעפּטשעט אין דער שטיל:

— מאָרגן באַגינען אַנטלויף, וואָרום אַז דער טאַטע וועט דיך פּאַקן, וועט ער דיך ממיתן. — און זי איז אין דער שטיל צוריק אַריין אין קעלער און אַרויפגעקראָכן אויפן געלעגער, אַז דער בלינדער לייב זאָל נישט דערהערן.

שלום אש.

„פונם יאַריד".

(אַווטאָביאָגראַפישער ראָמאַן).

צו וואָס ראָמאַנען,
ווען דאָס לעבן איז אַראָמאַן?

די צעשטערטע האָפענונג

די עקזאַמענעס אויף דער נאָז. — ער בויט לופט-שלעסער מיט זיין חבר אלי דאָדיס. — „למנצח על השלישית". — ער שרייבט אַ מליצה-בריוו צו ח"י גורלאַנד. — דער „קלוב" אין דער „טאַבאַטשנע". — ח"י גורלאַנד ענטפערט מיט אַ בריוו און די לופטשלעסער צעפאַלן זיך.

די צייט איז געגאַנגען. קינדער וואַקסן. עס קומט אָן דער זומער, דער לעצטער זומער, וואָס מע דאַרף ענדיקן דעם קורס. די עקזאַמענעס זיינען אויף דער נאָז. אָט נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי — וועט מען פטור פון דער „אויעזדנע", וואָס האָט זיך שוין צוגעגעסן. דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט קיינמאָל ניט געפילט קיין באַזונדערע סימפּאַטיע צו די קלאַסן. קיין קוואַל אויף צו שעפּן פון דאָרטן חכמה און וויסנשאַפט איז זי פאַר אים קיינמאָל ניט געווען. דאָס ביסל, וואָס ער האָט יאָ גענאַשט, איז דאָס געווען גיכער פון דעם בוים, וואָס האָט געהייסן אין יענער צייט „השכלה": ביכער, רוסישע און העבּרעיִשע, בלעטער, צייטונגען, זשורנאַלן — דאָס זיינען געווען די פירות, וואָס ער האָט געגעסן מיטן פולן מויל. אַ סך האָט אים מיטגעהאָלפן דער „קלוב", די דעמאָלדיקע פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענץ, מיטן קאָלעקטאָר, מיט בנימינזאָנען און מיט די געראָטענע איידעמס בראש, און דער אידעאַל איז געווען — אַרנאָלד פון די פידוואַרקעס מיט זיין גרויסער ביבליאָטעק.

דאָס איינציקע, וואָס אים האָט געבונדן מיט דער „אויעזדנע", איז געווען זיין חבר אלי דאָדיס, וועלכן ער האָט באמת ליב געהאַט פאַר זיין לעבעדיקן כאַראַקטער און פאַר זיין קענען נאָכמאַכן און איבערקרימען אַלע לערערס, ווי אַן אמתער אַקטיאָר, אַ קאָמיקער. ביידע אין צווייען האָבן זיי איבערגעקערט די וועלט, ביידע אינאיינעם האָבן זיי געלייענט ביכער, געלעבט אַ גוטן טאָג, געווען אָפּגעטיילט פון אַלע איבעריקע חברים, צום מיינסטן, פאַרשטאָפּטע קעפּ, פלעקער. אין דער צייט, ווען יענע האָבן זיך געגרייט צו די עקזאַמענעס, געפיבערט, מורא געהאַט פאַר אַ דורכ-

פאַל, האָבן די צוויי חברים, שלום ראַבינאָוויטש און אלי דאַדיס, געמאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט, געהאַט די עקזאַמענעס אין דער לינקער פאה. זומער־לעבן. אין דרויסן איז אַ גן־עדן. די בעסטע צייט אויף צו באָדן זיך אין טייך, אויף צו שיפן זיך אין אַ שיפל, העט-ווייט, אויף יענער זייט ברעג, אין הויכן גרינעם אָטשערעט. דאָרטן איז דאָ אַ לעוואַדע, אַ פעלד, מיט אַ סך ווייסע און רויטע מאַרגאַריטקעס באַשפרענקלט. און ווייטער פון דער לעוואַדע גייט אַ וועלדל, טאַקע אַ גאַנצער וואַלד. לאָזן זיך לויפן איבערן גאַנצן פעלד, ביז צום וואַלד, אין איין אָטעם — איז ניט פון די קליינע זאַכן. ווער פון זיי, ער אָדער זיין חבר אלי, וועט קומען צולויפן פריער? זיי בלייבן ביידע אָן אָטעם. טוט מען זיך אַ וואָרף אויפן גרינעם שמעקעדיקן גראָז. מיטן פנים אַראָפּ ליגט מען און מע גראַבלט די פרישע רויע זאַמדיקע ערד, ווו עס קריכט אַ פליגעלע, שפּאַצירט אַ זשוקל, פויזשעט אַ מערעשקע, שלעפּט מיט די פּאָדערשטע פיסלעך אַ גאַנצע שטרוי, אַ שטיקל קאָרע, אַ נאָדל פון אַ בוים. ס'איז שטיל. אַ מאָדנע, אַ הייליקע, אַ פאַרוויגנדיקע, אַ פאַרשלעפערנדיקע שטילקייט. זעלטן ווערט די שטילקייט געשטערט דורך אַ צוויץ פון אַ רייע שוועלבעלעך, וואָס טראָגן זיך דורך איבער די קעפּ — אַ סימן אויף אַ רעגן. אָדער עס דערהערט זיך אַ קוואַק פון אַ פאַריתומטער זשאַבע ערגעץ ווייט פון אָטשערעט אַרויס: קוואַ! — און ווערט אַנטשוויגן, אויך אַ סימן אויף אַ רעגן, כאָטש דער הימל איז ריין, קלאָר, ווי זעפיר, קיין שפּרענקעלע אויפן האָריזאָנט. עס פילט זיך אַ נאָענטע שייכות מיט אָט דעם וואַלד, מיטן פעלד, מיט די מאַרגאַריטקעס, מיט דער פרישער ערד און מיטן שמעקנדיקן גראָז און מיטן פליגעלע, מיטן זשוקל און מיט דער מערעשקע, וואָס פויזשעט, מיט די שוועלבעלעך, וואָס פליען, און מיט די זשאַבעס, וואָס קוואַקען און מיט דער גאַנצער נאַטור אַרום און אַרום — יעדע זאַך באַזונדער איז אַ חלק פון דער וועלט און אַלץ אינאיינעם מיט די מענטשן גענומען — דאָס איז איין וועלט, איין משפּחה, איין געזינטל. און דאָס ווימלט און דאָס גריבלט, און דאָס ליאַרעמט און דאָס טאַרעראַמט — עס איז אַ יאַריד, עס איז אַ וועלט, עס הייסט „לעבן“. ביידע יונגע חברים פילן זיך גוט אין דער דאָזיקער וועלט. ביידע זיינען צופרידן מיט זייער לעבן, זאַט מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, קאָנטענט מיט זייער היינט און ערוואַרטן נאָך מער פון דעם, וואָס וועט זיין, פון דעם, וואָס קומט. זיי פירן אַ לאַנגן, שטילן, רויִקן געשפּרעך. אַ געשפּרעך, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף. דער גרעסטער טייל פון זייער געשפּרעך דרייט זיך אַרום דעם, וואָס זיי שטייט פאָר: וואָס וועט ווייטער זיין? — און מע לייגט פאָר פּלאַנען, און מע בויט לופט־שלעסער, און מע שטעלט זיך פאָר אַ זיס פּילפּאַרביק לעבן, וועלכעס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פאַנטאַזיע פון יעדן יונגן מענטשן און וועלכעס גיט זיך קיינמאָל קיינעם נישט איין אויף דער ערד...

מע קאָן אָבער דאָ אַזוי לאַנג ניט פאַרבערענגען. די צייט שטייט ניט. עקזאַמענס איז פאָרט ניט קיין שפּילכל. זיי זיינען טאַקע די ערשטע און די בעסטע אין קלאַס, נאָר אַ קשיא וואָס סע מאַכט זיך? עס קאָן זיך אַמאָל טרעפן, אַז דער בעסטער זאָל דורכפאַלן. נאָר איין מענטש איז געווען געזיכערט — און דאָס איז געווען דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן. „וואָס מיר עקזאַמענעס? ווער מיר עקזאַמענעס? מע שטעלט זיי אַ פייג!“ — אַזוי האָט געטענהט דער קאָלעקטאָר, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך די דאגות פונם קונדעס מער ווי זיין אייגענער פאָטער. און דעריבער האָט זיך קיינער אַזוי ניט דערפרייט, ווי דער קאָלעקטאָר, מיט דער גוטער בשורה, וואָס שלום

האָט איינמאָל געבראַכט צו טראָגן אַהיים, אַז ער און זיין חבר אלי דאָדיס זיינען פון עקזאַמען אינגאַנצן באַפרייט.

— דאַנקען גאָט! מיר זיינען פריי! פריי פון עקזאַמענעס! מיר וועלן הוליען!... — אַזוי האָט געזאָגט דער קאָלעקטאָר.

און פאַר גרויס שמחה האָט דער קאָלעקטאָר אין דעם אייגענעם טאָג, אויפדערנאַכט, געבראַכט צו טראָגן צום „קונדעס" אויף דער קוואַרטיר אַ הערינג מיט צוויי פראַנזעלן, און אין קעשענע — אַ פלעשל בראַנפן, און אין דרייען, מיטן משורר בנימינזאָן, האָט מען געגעבן אַ לעב־אונטער, ווי גאָט האָט געבאָטן. אויף בנימינזאָנען איז אָנגעפאַלן, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, דער רוח־הקודש, און ער האָט אויפן אָרט אָנגעשריבן אַ שיר:

„למנצח על השלישית מזמור שיר"...

„ע ל ה ש ל י ש י ת" — מיינט מען דאָס די דריי קלאַסן, וואָס שלום האָט געענדיקט.

און איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה: וואָס טוט מען ווייטער? וואָס וועט זיין דער תכלית? עס זיינען אַרויס אויף דער סצענע אַלע אונדזערע אַלטע באַקאַנטע פאַרשוינען: ביידע גערעטענע איידעמס, אַרנאָלד פון די פידוואַרקעס, די אַלע איבעריקע פריינד און גוטע פריינד, יעדער מיט אַן אַנדער עצה: גימנאַזיע, ראַבינער־שול, אוניווערסיטעט, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן... דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער: אַזוי פיל וועגן, פראָפעסיעס, פרנסות — אַזש דער קאָפּ דרייט זיך!

פון אַלע פּראָיעקטן האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם זשיטאָמירער לערער־אינסטיטוט, ווו מע האָט צוגעזאָגט אַריינצונעמען אויף „קאַזיאָני שטשאָט" ביידע אויסגעצייכנטע תלמידים — שלום נחום ראַבינאָוויטשעס און זיין חבר אלי דאָדיס. עס זיינען שוין וועגן דעם אָוועקגעגאַנגען פּאַפּירן קיין זשיטאָמיר, צום דירעקטאָר פון אינסטיטוט, ח"י גורלאַנד. ליתר בטחון האָט שלום צוגעלייגט צו די פּאַפּירן פון זיך אַ בריוו אויף העברעיִש, אין זייער אַ שיינער מליצה־שפּראַך, — צו באַווייזן דעם דירעקטאָר גורלאַנדן, אַז ער האָט צו טאָן ניט מיט קיין יינגעלע; און דער קאָלעקטאָר איז געווען מלא גדולה:

— ברוך שפּטרני! — האָט ער געזאָגט און אויסגעווישט מיט דער נאַסער פּאָלע די שוואַרצע ברילן (אָן די ברילן זעט אויס דעם קאָלעקטאָרס פּנים ווי געשוואָלן, און די אויגן — ווי קישעלעך) — דער קונדעס איז שוין אַ באַוואָרנטער. וואָלט איך שוין האָבן אַזאַ דאגה מיט פרנסה, ווי איך האָב אַ דאגה מיט אים. וואָס ער זאָל שוין ניט זיין — אַ ראַבינער אָדער אַ לערער, — אַ מענטש וועט ער שוין זיין, דאָס איז זיכער! און פון פּריזיוו זיינען מיר אויך באַוואָרנט. קאַזיאָנע לערערס און קאַזיאָנע רבנים דינען ניט. איצט בלייבט איבער נאָך אַ שיינע כּלה פון אַ לייטיש אָרט מיט אַ פּופצן הונדערט קאַרבוינים נדן, וועט זיין, ווי זאָגט איר, חי געלעבט! הייסט זשע, רב נחום, דערלאַנגען אַ ביסל „צערקאָווּנע כּשר לפּסח".

לאָזט זיך אויס אַז דער קאָלעקטאָר האָט זיך צו פרי משמח געווען. און אָט וואָס עס האָט זיך געטראָפן.

*

די אַלע פרנסות, וואָס נחום ראַבינאָוויטש האָט זיך מיט זיי פאַרנומען, זיינען סוף־כּל־סוף געווען ניט גענוג אויף צו לעבן. האָט זיך געפונען אַ רייכער בעל־הגוף, אַ גוי מיטן נאָמען זאַכאַר נעסטעראָוויטש, וואָס האָט געהאַלטן פון ראַבינאָוויטשן אַז

עולם ומלואו און האָט אים אָפּגעטראָטן אַ קלייט מיט אַ קעלער אין סאַמע פּראָנט פון זיין נייעם גרויסן מויער, און דאָרט האָט ער אים געעפנט אַ געשעפט פון טאַבאַק, גילזן און פּאַפּיראָסן, און אויך דעם וויין־שיינק „ראַזניך ווין יוזשנאַהאָ בערעגאַ״ האָט מען אַריבערגעטראָגן אַהער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן פרנסה בשפע. דאָס הויז פון נחום ראַבינאָוויטש איז, ווי איר געדענקט, תמיד געווען אַ בית־ועד, אַ קלוב פון משכילים און גלאַט יונגעלייט. איצט איז דער קלוב געוואָרן נאָך לעבעדיקער און מער באַזוכט פון פריינד און גוטע פריינד און גלאַט קונים. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל פרייע צייט, געוואָלט זען זיך מיט אַ מענטשן, וויסן, וואָס הערט זיך אויף דער וועלט, — דער איז זיך דורכגעגאַנגען אין דער „טאַבאַטשנע״ רויכערן אַ פּאַפּיראָס און ריידן אַ וואָרט.

איינמאָל האָט זיך אין „קלוב״, אָדער אין דער „טאַבאַטשנע״, צונויפגעזאַמלט די גאַנצע סמעטענע פון דער פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענץ. דאָרט זיינען געווען אַלע אונדזערע באַקאַנטע פּאַרשוינען: יאָסי פּרוכטשטיין, ביידע גראָטענע איידעמס, אַרנאָלד פון די פּידוואַרקעס און, פאַרשטייט זיך, דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן און בנימינזאָן דער משורר און זייער יונגער פריינד, דער קונדעס, האָבן אויך ניט געפעלט. עס איז געווען זייער אַ לעבעדיקער שמועס, און אַלע מינוט האָט אויסגע־שאָסן אַ הילכיקער געלעכטער. דעם געלעכטער האָט אַרויסגערופן איינער פון די גע־ראָטענע איידעמס, לייזער־יאָסל. ער האָט געפאָדערט פון יעדן איינציקן אַ קלייניקייט: ער זאָל מוחל זיין געבן צו פאַרשטיין דעם פּשט פון דעם וואָרט „מאַסיוו״, נאָר אָן הענט. און אַזוי ווי עס איז אָן אוממעגלעכקייט, אַז אַ ייד זאָל קענען געבן צו פאַר־שטיין אַזאַ זאַך אָן הענט, האָט יעדער איינציקער אויף זיין אופן באַוויזן מיט די הענט, וואָס באַטייט דאָס וואָרט „מאַסיוו״. און אָט דערפון זיינען דאָס געפלויגן די דאָזיקע געלעכטערן.

נאָר פּלוצים, סאַמע אין רעכטן מיטן לאַכן, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער בריוונטרעגער מיט אַ פּאַקעט — „זאַקאַזנאָיע״. אויפן קאָנווערט שטייט אויף רוסיש מיט גרויסע אותיות: „קאַנצעלאַריאַ זשיטאָמירסקאַוואָ קאַזיאָנאַוואָ יעווריייסקאַוואָ אוטשיטעלסקאַוואָ אינסטיטוטאַ״.

— אַהאַ! דאָס איז פון אים, פון ה״י גורלאַנדן!

מע האָט געעפנט דעם פּאַקעט און מע האָט איבערגעלייענט אַ בריוו פון דעם דירעקטאָר ה״י גורלאַנד. אין בריוו איז געשטאַנען: „אַזוי ווי אין אינסטיטוט דאַרף מען לערנען פיר יאָר און אַזוי ווי פון די פּאַפּירן און פון די מעטריקעס איז צו זען, אַז דער באַזיצער פון זיי איז געבאָרן געוואָרן אין דעם 18־טן פעווראַל, 1859, קומט אויס, אַז אין דעם יאָר 1880, דאָס הייסט, אין דריי יאָר אַרום שוין, אין אָקטאָבער, וועט ער זיך דאַרפן שטעלן צום פּריזיוו. דאָס הייסט, מיט אַ יאָר פריער איידער ער וועט ענדיקן דעם גאַנצן קורס פון דעם לערער־אינסטיטוט״.

ווי אַ באָמבע, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, איז געווען די דאָזיקע ידיעה. צו אַלעם ערשטן האָט מען זיך גענומען שפּאַרן און לערנען דעם פּשט פון דעם בריוו: מאַי קאָ משמע לן — וואָס לאָזט ער מיך דאָ הערן? און פאַר וואָס האָט ער ניט אויסגעפירט, טאַקע אָט דער ה״י גורלאַנד, דעם היוצא לנו מזה? און טאָמער איז פאַראַן עפּעס אָן עצה, אַ דריידל אויף אַרויסצודרייען זיך פונם דאָזיקן פּלאָנטער? ס'איז אָבער אומזיסט געווען דאָס שפּאַרן זיך מיטן דעבאַטירן. אַלע האָבן אַרויסגע־זען, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז דאָס שפּיל איז פאַרן טייוול — די שאַנסן אויף אַריינ־

צוטרעטן אין אינסטיטוט זיינען פאַרלאָרן. די מעטריקעס קען מען שוין ניט איבער־מאַכן. און ח״י גורלאַנד איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס מע מאַכט מיט אים דריידלעך. פאַרפאַלן!

דער העלד פון די דאָזיקע באַשרייבונגען שטעלט זיך פאָר יענע צייט אַלס זיין איבערגאַנגס־עפּאָכע פון איין וועלט אין דער אַנדערער. עס האָט באַדאַרפט אויס־געוויילט ווערן אַ וועג, וווּהין צו גיין, אויסגעאַרבעט ווערן אַ פּלאַן, וואָס צו טאָן, און באַשטימט ווערן, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראָגראַם שוין אויפן גאַנצן לעבן. צווישן אים מיט זיין חבר אלי דאָדיס איז שוין לאַנג געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, ווי אַזוי מע וועט ביידע איניינעם פאָרן קיין זשיטאָמיר, ביידע וווינען אין איין צימער, ביידע לערנען, שפּאַצירן, באָדן זיך, שיפן זיך... און אַז ס'וועט קומען „קאַניקולעס", וואַ־קאַציעס, וועט מען פאָרן ביידע אַהיים — און אַך! ווי זיי וועלן דאָס איבעראַשן זייערע געוועזענע חברים מיט זייער זשיטאָמירער אוניפאָרם, זיך האַלטן פון זיי פון דער ווייטן, און ריידן פון פּושקין און פון לערמאָנטאָוו, פון בייראָן און פון שעקס־פּיר, הויך אויף אַ קול, אַלע זאָלן הערן און וויסן, אַז דאָס ריידן ניט קיין פאַרכעס... די חברים וועלן דאָס הערן און שטוינען, מקנא זיין. מיידלעך וועלן זיך רויטלען, דרייען אַרום זיי, כּלומרשט פאַרריכטן די הענטשקעלעך, וואַרפן מיט אייגלעך, וועלן זיך וועלן באַקענען בעסער — קורץ, דאָס וועט זיין אַ גן־עדן!

און מיטאַמאָל האָט זיך פון די אַלע חלומות אויסגעלאָזט אַ טייך, אויס זשי־טאָמיר! אויס לערער־אינסטיטוט! אויס באָדן זיך, שיפן זיך! אויס וואַקאַציעס! אויס חברים! אויס מיידלעך! אויס גן־עדן! אויס קאַריערע! און דאָ דעם טאַטנס פּנים — אַ רחמנות אַ קוק צו טאָן. געל, ווי אַ וואַקס. בייע קנייטשן, נייע זאָרגן, נייע זיפצן: „גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?"... בנימינזאָן דער פאָעט פילט זיך ניט גוט. ער וויל ברענגען אַ טרייסט כאָטש מיט אַ נייעם שיר, נאָר — אוי־ווי! עס זינגט זיך ניט!

דעם קאָלעקטאָר זעט מען עפּעס ניט. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל געהאַט באַוויזן אויף אַ פּאָר מינוט, געזאָגט, אַז ער האָט עפּעס זייער אַ גוטן פּלאַן פאַרן קונדעס, וואָס וועט אים פאַרזאָרגן אויפן גאַנצן לעבן מיט קינדער און קינדס־קינדער, נאָר ער האָט איצט זייער קיין צייט ניט. און ער איז אַוועק, און פון דעמאָלט אָן הערט מען ניט פון אים און מע זעט ניט.

שלום־עליכם.

ווידער אין דער היים.

די זיסקייט פון צוריקקערן אַהיים. — ער באַגעגנט זיך ווידער מיט זיין חבר אלי. — מע שמועסט אין שטאָט, אַז ער שרייבט אין „המגיד". — דאַרווין, באָקל און ספּענסער.

קיין נאָמען קלינגט ניט אַזוי שיין, ווי דער נאָמען „מאַמע". קיין וואָרט רעדט ניט אַזוי צום האַרצן ווי דאָס וואָרט „היים". אַז מע וויל קענען און אָפּשאַצן די היים, זאָל מען כאָטש אויף אַ קורצע צייט זיך אַוועקלאָזן, זיך וואַלגערן אַביסל אין דער פרעמד און דערנאָך אומקערן זיך צוריק אַהיים, אין דאָס היימישע נעסט אַריין. יעדע זאַך באַקומט אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדער חן. אַלצדינג ווערט צוויי מאָל

אַזוי ליב און טייער. מע פילט זיך אַן איבערגעביטענער אַ ניי=געבאָרענער אויף דער וועלט.

דער העלד פון דידאָזיקע געשיכטן, אַז ער איז געקומען אויף ראש=השנה אַהיים, האָט ער זיך צו אַלעם ערשטן געלאָזט איבער דער שטאָט שפּאַצירן, אויסגעמאָסטן אַלע גאַסן, געפונען אַלע הייזער און הויפן און גערטנער אויף זייערע ערטער. די מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָבן זיך ווינציק וואָס איבערגעביטן, זיי האָבן אים פריינדלעך געגריסט, און ער איז צו אַלעמען געווען פריינדלעך, ווי ווייט ער האָט געקענט. נאָר דאָס יונגוואַרג, וואָס ער האָט אַוועקגעלאָזט, האָבן זיך אויפגעכאַפּט אויף די פיס און זיינען אַביסל אונטערגעוואַקסן, און אַליין איז ער, ווי מע האָט אים פאַרזיכערט, אויך אויסגעוואַקסן, געוואָרן „מענעשער“. דערצו האָט ער זיך אויסגעקליידט טשאַקנדיק און קנאַקנדיק, ניט געזשאַלעוועט קיין סקריפּ׳ס אין די שיך, אָפּצאַסן הויכע, הויזן ברייטע און לאַנגע — נאָך דער מאָדע. אַ רעקעלע אַ קורץ, אַ קאַפּעלושל אַ ווייכס, אַ העלס, אַ ביסל געלבלעך. די האָר פאַרלאָזט לאַנגע, מעשה פּאָעט, און פאַרקעמט אַראָפּ, אַלאַ גאָגאָל.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען זיין חבר אלי, וועלכער איז אויך נאָר וואָס געקומען צו פאָרן אויף יום=טוב אַהיים, פון זשיטאָמיר. זיין אוניפאָרם איז באַשטאַנען פון אַ קורץ ווייטיקל, פאַרשפּילעט, ווי אַ טוזשורקע, ביז אַרויף; קורצע שמאָלע הויזן, אַ בלויען קאַשקעט מיט אַ ברייטן דאַשעק, און אָפּגעשאָרן, ווי אַ סאָלדאַט. די ברוסט אַרויסגעשטעלט, די ציין ווייס, די אויגן פריילעך — ער קען זיך גאָר זאַט ניט אָנדערציילן, ווי גוט עס איז אין אינסטיטוט. מע גייט דורך, זאָגט ער, העכערע מאַטעמאַטיק, מע לייענט רוסישע ליטעראַטור, מע לערנט גימנאַסטיקע, און יידיש — אויפן שפּיץ מעסער: אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטל פּסוק, אַ שטיקל חיי=אָדם — און פאַרטיק. „אָט דאָס איז די גאַנצע תּורה פונם לערער=אינסטיטוט? אָט דער אלי וועט עס זיין אַ יידישער לערער? אַ רב ביי יידן?“...

אויך איז ער געווען איבערראַשט פון דעם, וואָס זיין חבר אלי האָט געבראַכט צופירן פון יידישן זשיטאָמירער לערער=אינסטיטוט אַ גאַנצן פּאַק מיט רוסישע לידער, און ניט איינס אַ יידיש. גלייך ווי ער וואָלט דאָס געקומען צופאָרן פון אַ „בורסע“, פון אַ גוישער סעמינאַריע? דאָס האָט אָבער ניט געשאַדט, זיי זאָלן בלייבן די זעלבע חברים, וואָס געווען. שטענדיק אינאיינעם. אומעטום אין צווייען,ביידע האָבן געהאַט גענוג שטאָף אויף צו ריידן, און נאָך מער — אויף צו לאַכן און אָפּשפּעטן פון דער גאַנצער שטאָט. און ווי אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, איז מען אַוועק צום טייך, געדונגען אַ שיפל און אַריבערגעפאָרן ווייט, הינטער דער שטאָט אַרויס.

סוף זומער. די קעלט האָט נאָך ניט אַיינגעטרעטן. נאָר דאָס פעלד איז שוין ניט מער גרין. נישטאָ שוין קיין זכר פון די ווייסע און רויטע מאַרגאַריטקעס. דער אָטשערעט שטייט נאָך אין דער בלאָטע. נאָר ער איז שוין געל און שיטער. רויטלעך איז דאָס וועלדל. אַוועק די צייט פון אויסציען זיך אויף דער ערד. די ערד איז פייכט און זומפּיק. די חברים זוכן=אָפּ אַן אויסגעהאַקטן בוים אין וואַלד און זעצן זיך אַוועק אַ ביסל רוען. און מע דערציילט זיך איינס דאָס אַנדערע אַלצדינג, וואָס יעדער האָט דורכגעמאַכט דאָס ערשטע האַלבע יאָר פון זייער צעשיידן זיך. מע לאָזט ניט דורך קיין קלייניקייט, קיין ברעקל. עס ווערט איבערגעגעבן יעדער אַיינדרוק, יעדע באַגעגעניש, איטלעכע געשעעניש. און וואָך מער קונץ, וואָס ביידע אינאיינעם ריידן, ביידע

לאַכן, שלאָגן זיך איבער איינס דאָס אַנדערע אין דער רעכטער מיט — און דאָך הערט מען זיך און מע פאַרשטייט זיך און מע האָט הנאה.

דערנאָך ווערט מען אַנטשוויגן. יעדער פאַרטיפט זיך, קוקט אַריין צו זיך אין דער נשמה אַריין, בלייבט אַליין מיט זיינע געדאַנקען. מע איז טאַקע נאָענטע חברים. מע האָט זיך גערן. מע זאָגט אַרויס איינער דעם אַנדערן אַלעס, נאָר ניט אינגאַנצן. ניין, ניט אינגאַנצן, ניט אינגאַנצן. יעדער איינער האָט זיך זיינע געדאַנקען, זיין אידעאַל, זיין אייגן וועלטל, וווּ קיין אַנדערער, עס מעג זיין דער בעסטער חבר, האָט קיין שליטה...

עס הייבט אָן ווערן ווי קילבלעך. אויסגעלאָשן דער טאָג. די זון זעצט זיך. דער וואַלד ווערט פאַרצויגן, ווי איינגעהילט אין אַ דינעם רויך. עס פאַלט אַראָפּ אַ שישקע מיט אַ ווידערקול. ביידע כאַפּן זיך אויף ווי פון אַ כּישוף.

— צייט פאָרן אַהיים?

— צייט פאָרן אַהיים...

און מע הייבט זיך אויף. און מע שפּאַנט דורך דאָס גאַנצע פעלד דורך אַן אויסגעטראָטענע, קרומע, שמאָלע סטעזשקע. מע זעצט זיך אַריין אין אַ שיפל און מע זינגט אַ לידל (אַ גוייש, ניט קיין יידיש), און מע גליטשט זיך איבערן שמאָלן גע־דרייטן טייכל, פאַרביי דעם געלן אָטשערעט. און אַז מע קומט אַהיים, איז שוין פינ־סטער. די באַקן פלאַמען. די אויגן גלאַנצן. דער אַפּעטיט איז גרויס. מע האָט גייענ־דיק געקויפט אַ זיסן קאַוואָן (ארבוז, וואַסערמעלאָן), מיט צוויי פרישע ווייכע נאָך וואַרעמע פראַנזעלן. און מע פראַוועט אַ וועטשערע. און מע איז פריילעך. און עס לאַכט זיך גאָר אָן אַ וואָרום און אָן אַ זין.

דער זייטיקער האָט געקאָנט מיינען, אַז ביידע זיינען גלייך צופרידן, גלייך גליקלעך — יונגע, געזונטע קינדער, וואָס פעלט זיי? אין תּוך אַריין איז אָבער נאָר איינער פון זיי (אלי) געווען באמת אַ גליקלעכער. דער צווייטער (שלום) האָט זיך געפילט אָנגעבראָכן, ניט אויפן ריכטיקן וועג. זיין איינציק שטיקל טרייסט איז געווען דאָס, וואָס די שטאָט האָט געקלונגען מיט זיין הפטרה זאָגן אין בית־מדרש און מיט זיין קענען תּנ״ך און העברעיִש און מיט זיין שרייבן, אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס פאַר זיין חבר אלי איז דאָס אַ סוד. ניט פאַר אים געדאַכט. ווי קומט צו אַלין אַזאַ יידיש שרייבן? לשון־קודש? מליצה? דערויף איז נאָר ער, נחום ראַבינאָוויטשעס זונדל. קלאָר אין אַלע השכּלה־ביכלעך, ווי אַ וואַסער. לייענט דעם „המגיד“. אַ וווּנדער, וואָס ער אַליין שרייבט נאָך ניט אין „המגיד“. נאָר פונוואַנען ווייסט מען, אַז ער שרייבט ניט? אפשר שרייבט ער אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען?...

אַזוי שמועסט מען אין פערעיאַסלאַוו. און מע רינגלט אים אַרום מיט אַ באַ־זונדערן אָרעאָל און ער וואַקסט אויס ביי זיך אַליין אין די אויגן מיט אַ קאָפּ העכער. און ער ווערט סאָליד. ער זוכט ניט מער קיין חברשאַפט מיט קיינעם פון די פריער־דיקע ווייסע־חברהניקעס. ער פאַרשרייבט זיך אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. טראָגט אַהיים גראָבע ביכער. לייענט דאַרווין, באָקל, ספּענסער. שאַרט זיך אַרום די גרויסע, באַרימטע, אויפגעקלערטע בחורים אין שטאָט.

שלום עליכם

א ייד א פּאָמעשטשיק.

א יידיש-פּריציש הויז. — ער לערנט זיך דעם שלחן=ערוך פון עטיקעט. — דעם אַלטן לאָיעווס ביבליאָטעק. — אַ זעלטענער טיפּ פון אַ יידישן גוטס-באַזיצער.

עס איז שוין געווען רעכט פינסטער, אַז זיי זיינען אַריינגעפאָרן אין דאָרף אַריין אַלע דריי: דער אַלטער לאָיעוו, זיין זון דער משכיל יהושע און דער יונגער לערער פון פּערעיאַסלאַוו. דורכגעפאָרן פאַרביי אַ סך נידעריקע פינסטערע גוייִשע הייזלעך און דורכגעלאָזט אַ גרויס ברייט גרין פעלד — אַ „וויגאָן" ווערט דאָס אָנגערופן אין דאָרף — און אַ גרויסן „טויק" מיט הויכע סטערטעס שטרוי און היי און נאָך ניט געדרעשט ברויט, האָט זיך דער פאַעטאָן אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויסן ברייטן פּריצישן הויף. דער קוטשער אַנדריי האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצושטעלן די פערד, האָט זיך דער הילצערנער טויער ווי פון זיך אַליין ברייט צעעפנט. ביים טויער איז געשטאַנען אַ גוי אָן אַ היטל. דער גוי האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַרן באַלעבאָס און דורכגעלאָזט דעם פאַעטאָן, וועלכער האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געקייקלט ווי אויף אַ ווייכן טאַפּעט, און איז צוגעפאָרן צו אַ גרויסע, ברייטע, ניט קיין הויכע, ווייסע פּריצישע שטוב, דוקא מיט שטרוי געדעקט, און מיט צוויי גרויסע גאַנקעס ביי די זייטן. פון יענער זייט שטוב — אַ גאָרטן. אינווייניק איז די שטוב, ווי אויסווייניק, געקאַלכט מיט ווייסן. פּראָסט מעבלירט. אַ סך פענסטער. חדרים — אָן אַ שעור. אין שטוב דרייען זיך אַרום דינסטן מיט שטילע טריט, אַזוי ווי שאָטנס. אויף די פיס ביי זיי — ווייכע שיך, ס'זאָל ניט קלאַפּן. קיינער וואַגט ניט אַ וואָרט אויסצוריידן בעת דער אַלטער איז אין דער היים. אַ שטרענגע דיסציפּלין. ריידן הערט מען נאָר אים אַליין, דעם באַלעבאָס. זיין לייבנשטים קלינגט ווי אַ גלאָק. אינם ערשטן גרויסן חדר ביי אַ לאַנגן שיין געדעקטן טיש איז געזעסן אַ פרוי. אַ יונגע, אַ הויכע, אַ שיינע. דאָס איז דעם אַלטנס ווייב, די צווייטע פרוי. לעבן איר איז געזעסן אַ מיידל פון אַ יאָר דרייצן-פערצן, זייער איינציקע טאָכטער, אַ קאָפּיע פון דער מוטער. דער אַלטער האָט זיי פאָרגעשטעלט דעם יונגן לערער און מע האָט זיך געזעצט עסן וועטשערע.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער העלד פון דער ביאָגראַפיע האָט זיך געפונען ביי אַן אַריסטאָקראַטישן טיש, ווו דאָס עסן קומט פאָר מיט דער גאַנצער צערעמאָניע, סערווירט פון אַ לאָקיי מיט ווייסע הענטשקעס. דער לאָקיי איז אַפילו אַ פּראָסטער שייגעץ מיטן נאָמען „וואַנקאַ", נאָר דער אַלטער האָט אים אויסגעקליידט און אויסגעדרעסירט אויפן פּריצישן שטייגער. פאַר אַ מענטשן, וואָס איז ניט געוווינט געוואָרן צו אַ סך טעלער און טעלערלעך, לעפל און לעפעלעך, גלעזער און גלעזלעך, איז שווערלעך אויסצוהאַלטן אַזאַ אַריסטאָקראַטישן טיש, און נישט פאַרזינדיקן זיך קעגן אַלע פאָדערונגען פון עטיקעט. מע דאַרף זיין אויף דער וואַך, האַלטן קאָפּ... מע מוז זיך מודה זיין, אַז דער בחור האָט ביז דעמאָלט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז מע זיצט ביים עסן, באַדאַרף מען אָפּהיטן דעם גאַנצן שלחן=ערוך פון עטיקעט, וואָס אין אַ געוויינלעכער יידישער שטוב איז מען אויף דעם ניט מקפּיד. אין אַ געוויינלעכער יידישער שטוב עסן אַלע פון איין טעלער, טונקען איין די פרישע חלה אינם פעטן סאָוס, אָדער עסן גאָר מיט די הענט. אין אַ באַלעבאַטישער יידישער שטוב ווייס מען ניט פון קיין באַזונדערע דינים און מנהגים, ווי אַזוי צו זיצן ביים טיש און באַדינען זיך מיטן לעפל, מיטן מעסער און מיטן גאָפּל. אין אַ באַלעבאַטישער יידישער שטוב איז גענוג, אַז מע ווייס, אַז מע באַדאַרף איבערלאָזן אין טעלער

אַ שטיקל פיש, אָדער פלייש „אויף דרך־ארץ“. ווייטער מעג מען זיצן ווי אַזוי מע וויל, עסן וויפיל מע וויל און רייניקן די ציין מיטן גאָפל איז אויך אָן אַ סכנה. ווער זאָגט עס דען, אַז ס'איז פאַראַן ערגעץ אַ מין עטיקעט אויף דער וועלט? ווו און ווער האָט דאָס אַזאַ שלחן־ערוך אַמאָל געשריבן? ניין, די אַלע דינים און מנהגים פון עטיקעט האָט דער יונגער רעפעטיטאָר אין ערגעץ ניט אויסגעלייענט. ער האָט נאָר אין זינען געהאַט איין זאַך: אַז מע דאַרף נאָכקוקן, וואָס אַנדערע טוען — נישט מער. פאַרשטייט זיך, אַז קיין הנאה פונם עסן קאָן מען ניט האָבן, אַז מע דאַרף תמיד זיין אויף דער וואַך, שטענדיק אַכטונג געבן, טאָמער האָב איך געכאַפּט אַן איבעריקן ביסן, אָדער טאָמער האָב איך דאָס מעסער מיטן גאָפל נישט געהאַלטן ווי עס געהער צו זיין, אָדער טאָמער האָב איך צו אַ שטאַרקן זופּ געטאָן, אָדער טאָמער האָט עמיצער געהערט ווי איך קיי... דאַנקען גאָט, דעם עקזאַמען פון עטיקעט האָט דער לערער אויך אויסגעהאַלטן גלענצנד, נאָר פונם טיש איז ער די ערשטע עטלעכע מאָל אַוועקגעגאַנגען אַ הונגעריקער. נאָך די אַלע שיינע צערעמאָניעס, פילע פּאָטראַוועס און אויסגעצייכנטע מאכלים האָט זיך שטאַרק געבענקט נאָך אַ שטיקל פריש ברויט מיט הערינג און מיט ציבעלע, און נאָך הייסע זאַמדיקע קאַרטאָפל אין די העמדלעך, און נאָך אַ גוטן קרויט, וואָס לאָזט זיך הערן דערנאָכדעם אַ גאַנץ מעת־לעת... עס האָט געמוזט נעמען צייט, ביז ער האָט זיך צוגעוווינט צו דעם רעזשים פון צירליך־מאַנירליך. דערווייל האָט דער בחור געמוזט, ווי עס רעדט זיך, נאָכשטופּן די קאַרעטע, „האַלטן שטאַט“, ניט אַרויסגעבן זיך חלילה מיט זיינע דעמאָקראַטישע געגנג און פּראָלעטאַרישע געוווינהייטן... מיט איינעם וואָרט — זיין גלייך מיט אַלע. און דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז מע האָט דאָ געקוקט אויף אים פון דעם ערשטן טאָג אָן, ניט ווי אויף אַ פרעמדן, נאָר ווי אויף אַ גלייכן, אַן אייגענעם. פּאָרט אַ „טאַטנס אַ קינד“. אַזוי האָט געפּסקנט דער אַלטער און האָט גאַנץ אָפנטלעך אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן דעם לערער אים אין די אויגן, אַז ער, דער לערער, איז אַ „טאַטנס אַ קינד“. און אַ „טאַטנס אַ קינד“ באַדאַרף מען אַנדערש באַהאַנדלען.

קודם־כל האָט מען אים אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר, צוגעקליבן פּראָסט, נאָר מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און מיט דער בעסטער באַדינונג. דאָרט האָט ער געהאַט גענוג צייט און גענוג פרייהייט צו טאָן וואָס ער וויל. לערנען מיט דער שילערין איז גענוג געווען אַזעלכע צוויי־דריי שעה אין טאָג. די איבעריקע צייט האָט ער געקאָנט אויסנוצן פאַר זיך — לייענען ביכער, אָדער שרייבן. און געלייענט האָט ער אַלץ, וואָס ס'איז געקומען צו דער האַנט. דער אַלטער האָט אַליין ליב געהאַט צו לייענען און האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט אויף צו קויפן אַלע מאָל נייע ביכער. און אַזוי ווי קיין אַנדער שפּראַך, אַחוץ העברעיש, האָט דער אַלטער ניט געלייענט, איז זיין ביבליאָטעק באַשטאַנען מער פון העברעיִשע ביכער („יידיש“ איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אין מאָדע): קלמן שולמאַן, מאַפּו, סמאָלענסקין, מאַנדעלקערן, גאָטלאָבער, יה״לל, יצחק־בער לעווינזאָן, מרדכי־אַהרן גינזבורג, יצחק ערטער, דאָקטאָר קאַמינער, חיים־זעליג סלאָנימסקי — אָט דאָס זיינען געווען די נעמען פון די שרייבערס, וואָס האָבן באַשיינט די ביבליאָטעק פון דעם דאָרפישן מאַגנאַט, דעם פּאָסעסאָר לאָיעוו. אין די אַלע אויסגערעכנטע ביכער איז דער אַלטער לאָיעוו געווען קלאָר כמעט אויף אויסוויניק און האָט ליב געהאַט זיי ציטירן און דערציילן פון זיי אַלע מאָל איבער־אַנייס. עס איז זעלטן געווען צו באַגעגענען אַ מענטשן מיט אַזאַ זכרון און מיט אַזאַ כות הדבור, ווי דער אַלטער לאָיעוו. ער האָט געהאַט אַן אמתן טאַלאַנט אויף איבער־

צודערציילן אַ זאַך מיט זיין אייגענעם לשון. איך וואָלט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַן אָראַטאָר. ער האָט געהאַט אין זיך אַ גוזמא הומאָר. זיינע מעשיות זיינען געווען שפּאַנענדיק. אַ מענטש פון גרויסע ערפאַרונגען און אַ סך איבערלעבענישן, האָט ער געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן, און אַלע מאָל מיט גרויסן אינטערעס. ער האָט ניט נאָר דערציילט, — ער האָט געדיכטעט, געשאַפן, געמאָלן בילדער מיט אַלערליי פאַרבן. דאָרט, ווו ער האָט זיך געפונען, האָבן געמעגט זיין ווער ווייסט וויפיל מענטשן, האָט מען געהערט נאָר אים, און ווייטער קיינעם ניט.

בכלל איז דאָס געווען אַ זעלטענער טיפּ, אַ גרויסער אָריגינאַל, אַ ייד נישט ווי אַלע יידן. אויסגעוואַקסן און ערצויגן געוואָרן אין אַ פּרומער, יידישער שטוב, אין אַ יידישער שטאָט, אין באָהסלאַוו, איז געווען צו באַוווּנדערן, ווי אַזוי איז דאָס אַרויס־געוואַקסן פון דאָרטן אַזאַ מין עקזעמפּלאַר? ווי קומט צו אַ באָהסלעווער יידן גאָר אַ השגה צו פירן אַ פּריצישן שטאַט, ליב האָבן ערד, און אָפּגעבן זיך אינגאַנצן צו פעלדאַרבעט? עס איז ווערט געווען אָנצוקוקן אים אין אַ פרימאָרגן, אָנגעטאָן אין הויכע גלאַנצנדיקע באָטפאָרטן און אין אַ קורץ סאַמעטן רעקל ביז די קני, שטיין ביי דער דרעשמאַשין, קאָמאַנדעווען מיט די אַרבעטער און וואַרפן די סנאָפּעס אין קאַסטן אַריין, אָדער דרייען די „וועיעלקע", אָדער וואַרפן מיט דער „רעשעטע". אומעטום איז ער געווען אַליין: ביים אַקערן, ביים זייען, ביים פּאָלען, ביים גראָבן, ביים שניידן, ביים אַריינפירן און אַרויספירן די תבואה, ביי די פערד, ביי די אָקסן, ביי די בהמות — אומעטום אַליין. איך מיין, אַז אויב עס וואָלט ווען אַמאָל געווען נויטיק צו באַווייזן פאַר פרעמדע פעלקער אַ מוסטער פון אַ יידן אַ פּאָמעשטשיק, אַ גוטס־באַזיצער און אַן אמתן פעלד־אַרבעטער, וואָלט דער אַלטער לאַיעוו געווען דער בעסטער מוסטער. קריסטן האָבן אָפּגעלעך אַרויסגעזאָגט, אַז ביי דעם יידן באַדאַרף מען זיך גיין לערנען ווי צו פירן באַלעבאַטישקייט, ווי צו באַאַרבעטן די ערד אויפן בעסטן שטייגער און ווי צו באַגיין זיך מיט די אָרעמע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיין צופרידן. אַלע מוזשיקעס פון דאָרף, אָן שום אויסנאַם, זיינען געווען נאָך אים די כפּרה. נישט נאָר האָבן זיי געציטערט פאַר אים און געהאַט דרך־ארץ, — זיי האָבן אים ליב געהאַט, פּשוט ליב געהאַט. דערפאַר, וואָס ער איז זיך באַגאַנגען מיט זיי, ווי א מענטש, ווי אַ פריינד און ווי אַ פּאַטער. אַזאַ מין באַנעמונג האָבן די גוים קיין מאָל ניט געזען פון די פריעריקע באַלעבאַטים, פון די פּוילישע פּריצים... מע דאַרף געדענקען, אַז דער עלטערער דור מוזשיקעס האָבן נאָך ניט פאַרגעסן דעם טעם פון „פּאַנשטשינע". אויף זייערע לייבער האָבן זיי נאָך געטראָגן סימנים פון שמיץ... און דאָ באַגייט מען זיך מיט זיי ווי מיט מענטשן, ניט ווי מיט „סקאָט"... היינט דער צוטרויען, וואָס זיי האָבן געהאַט צום באַלעבאָס. זעלטן ווער פון זיי אינם גאַנצן דאָרף האָט געקאָנט צונויפרעכענען, וויפיל עס באַטרעפט צוויי מאָל צוויי. ביים חשבון האָבן זיי זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויפן אַלטן. זיי זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט זיי ניט אָפּנאַרן אויף קיין פּרוטה אַפילו...

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ ווענדונג וואָלט אָנגענומען די היסטאָריע פונם יידישן פאָלק און וואָס פאַר אַ ראָלע מיר וואָלטן געשפּילט אין דעם פּאָליטישן לעבן פונם לאַנד, ווען ניט די געוויסע „ווּרעמענע פּראַווילעס", וואָס דער מיניסטער איגנאַטיעוו האָט אָנגעכמאַרעט אויף די יידן, אַז זיי זאָלן ניט טאָרן זיצן אין די דערפער און ניט קויפן און ניט דינגען קיין ערד אויף צו באַאַרבעטן. איך זאָג עס דערפאַר, ווייל אַזעלכע פעלד־באַלעבאַטים, ווי דער אַלטער לאָיעוו זיינען אין

יענער געגנט, ווי אויך אין אַנדערע געגנטן פון דער געבענטשטער „טשערטאַ“, געוועז ניט קיין זעלטנהייט. באָהסלעוועד, קאַניוועד, שפּאָלער, רזשישטשעווער, טאַראַשטשער, זלאַטאָפּאָליער, אומעניער און נאָך אַ סך אַנדערע יידן האָבן זיך אַ לאָז געגעבן פון די קליינע שטעטלעך אין דאָרף אַריין, אָפּגעדונגען גרויסע און קליינע פּאָסעסיעס, גענומען אין דער אַרענדע פּריצישע פּאָלוואַרקעס, באַוויזן וווּנדער, געמאַכט פון שלעכטע ערד, פון פאַרלאָזענע חורבות אַן אמתן גן־עדן. דאָס איז ניט קיין איבערטרייבונג, קיין גוזמא זאַך.

מיט איינעם וואָרט — איר האָט פאַר זיך אַ טיפּ פון אַ יידן אַ פּריץ, אַ יידן אַ פּאָמעשטשיק, וואָס איז ליידער דורך אַ בייזער האַנט אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל און איז אָפּגעשטאָרבן פאַר דער היסטאָריע אפשר אויף לאַנגע־לאַנגע יאָרן...

שלום עליכם.

דאָס לעבן אין דאָרף.

דאָס דאָרף „סאָפּיעווקע“. — דער מחבר פון די באַשרייבונגען באַקענט זיך מיט דער דרויסנדיקער וועלט. — דריי גוטע יאָרן. — דער לערער מיט דער שילערין ווערן נאָענט. — די אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. — ביי די ביכער, אויפן פעלד און ביי שכנים.

דאָס דאָרף, וווּהין דער פּראָפעסאָר פון דידאָזיקע געשיכטן איז געבראַכט געוואָרן, האָט געהערט צום גראַף בראַניצקי און האָט זיך אָנגערופן מיטן נאָמען „סאָפּיעווקאַ“. געבראַכט איז ער געוואָרן אַהער אַלס אָנגעשטעלטער, אַלס לערער, אויף אַ קורצע צייט, און איז שוין פאַרבליבן דאָ אויף שטענדיק. דאָ האָט ער געפונען זיין צווייטע היים. דאָ האָט זיך פאַרזיגלט, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען, זיין גליק און זיין לעבן אויף אייביק ... דערווייל האָט ער אַלט לערער פאַרבראַכט אין דעם דאָרף עטוואָס קאַרגער פון דריי יאָר. דידאָזיקע דריי יאָר מעגן פאַררעכנט ווערן אַלס די בעסטע, די שענסטע און די גליקלעכסטע פון זיינע יאָרן. מע קאָן זאָגן, אַז דאָס איז געווען באמת דער פרילינג פון זיין לעבן. דער פרילינג אין אַלע אופנים. דאָ האָט ער געהאַט די בעסטע געלעגנהייט נעענטער צו באַקענען זיך מיט דער נאַטור, מיט גאָטס וועלט, מיט גאָטס ערד. מיט דער ערד, פון וואַנען מיר זיינען אַלע געקומען און וווּהין מיר אַלע זיינען אָנגעברייט אַוועקצוגיין. דאָ האָט ער דערזען, פאַרשטאַנען און דערפילט, אַז אונדזער אָרט איז דאָ, אויף דער נאַטור, און ניט נאָר אָט דאָרטן, אין דער שטאָט. דאָ איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר זיינען אַ טייל פון דער גרויסער, דרויסנדיקער וועלט, און אַז מיר האָבן אַלע מאָל געבענקט און וועלן תמיד בענקען נאָך דער מוטער ערד. אַז מיר האָבן אַלע מאָל ליב געהאַט און וועלן תמיד ליב האָבן די נאַטור. אַז עס האָט אונדז אַלע מאָל געצויגן און עס וועט אונדז תמיד ציען אין דאָרף אַריין. איך וויל האָפן, אַז דער גוטהאַרציקער לעזער וועט מיר איצטיקן מאָל מוחל זיין פאַר מיין קורצער הקדמה. איך קאָן מיך ניט דערמאָנען אָן דעם דאָרף און ניט אַרויסזאָגן די געפילן, וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדן. און האָב איך שוין אַרויסגעזאָגט, קאָנען מיר שוין

אַריבערגיין צום דאָרף גופא און געבן אַ גענויע באַשרייבונג פונם דאָרפיש גליקלעכן לעבן.

* * *

געשלאָפן אין אַ גרויס ליכטיק צימער בײַ פאַרמאַכטע לאָדן, כאַפּט זיך אויף דער לערער אינדערפרי, טוט אַ שטופּ מיט דער האַנט פון זיך — עפנט זיך אויף דאָס פענסטער מיטן לאָדן אינאיינעם, און עס רײַסט זיך אַריין אַ סנאָפּ ליכט, מיט אַ וואַרעמקייט פון דער זון, מיט אַן אַראָמאַט פון רעזעדאַ, אויסגעמישט מיט אַ ריח פון מענטע און פון פּאָלין, מיט נאָך פאַרשיידענע מינים ריחות פון גראָזן, וואָס מע ווייסט ניט זייערע נעמען. די גראָזן זײַנען, זאָגט מען, דאָ געווען אַמאָל פאַרזייט פונם גראַף בראַניצקי. נאָר איצט וואַקסן זיי אַליין פון זיך, אינאיינעם מיט פּראָסטן בוריאַן, שטעכלקעס און קראָפּעווע. אין מיטן זומער זײַנען די גראָזן אַזוי הויך געוואַקסן, אַז דער לערער מיט דער שילערין זײַנען ניט איינמאָל געגאַנגען ביז איבערן האַלדז און האָבן זיך געקאָנט באַהאַלטן איינס פון דאָס אַנדערע און זיך נאָכדעם לאַנג זוכן און — געפינען. פונם אויפעפענען דאָס פענסטער מיטן לאָדן האָט אַ קוואָקעדיקע הון מיט איר משפחה זיך ספּאָלאָשעט און אַביסל אָפּגעטראָטן אויף אַ זײַט. זי האָט זיך אָבער באַלד אומגעקערט צוריק, געשאַרט און געפּיקט אין מיסט, און געלערנט אויך די קליינע הינדעלעך ווי אַזוי צו שאַרן און צו פּיקן.

דאָס אויפשטיין, דאָס אָנטאָן זיך מיטן איינוואַשן זיך נעמט נישט קיין סך צײַט, און עס איז נאָך גאָרנישט אַזוי שפּעט, נאָר אַז דער לערער קומט אַרויס, טרעפט ער שוין קיינעם נישט אין שטוב. דער אַלטער לאָיעוו איז שוין לאַנג בײַ דער אַרבעט אויפן „טויק“, פון וואַנען עס לאָזט זיך הערן דאָס גראַגערן פון דער דרעש-מאַשין. דעם אַלטנס פרוי איז בײַ די אינדיקעס, בײַ די גענדז מיט די קאַטשקעס און די איבעריקע עופות — אַ גאַנצע מלוכה פון עופות! פון די ברייטע פעלדער ציען זיך פּאַוואָלע גרויסע אָקסן-פורן מיטן אָפּגעשניטענעם ברויט. פון דער ווײַטן קען מען כאַפּן מיטן אויג דעם לאַן מיט ווייץ. אַ סך איז שוין אָפּגעשניטן און צונויפגעלייגט קופּעסווײַז אין די סנאָפּעס. און אַ סך שטייט נאָך אין די געלע צײַטיקע זאַנגען, רירט זיך און שאָקלט זיך כוואַליעסווײַז פון אַ גרינג ווינטעלע, וואָס לויפט פאַרבײַ. אויף יענער זײַט לאַן, דאָרט ווו עס ענדיקט זיך דאָס ברויט, הייבן זיך אָן די גרויסע גרינע בלעטער פון די בורעקעס, וואָס וואַקסן גלײַכע שורותווײַז. צווישן זייערע רייען, גאַנץ שיטער, שטייען ווי סאָלדאַטן אויף דער וואַך, די הויכע „סאָניטשניקעס“ מיט די גרויסע געלע קוטשמעס. פייגעלעך האָבן ליב צו קלייבן זיך אַרום די סאָניטשניקעס און אַרויספּיקן פון זיי איינציקווײַז די נאָך ווייסע, נאָר שוין זיסע, סעמעטשקעס. נאָך ווײַטער גייט דאָס דעמבענע געדיכטע וועלדל, מיטן נאָמען די „טורטשינאַ“. דעמאָלט, ווען פריצים זײַנען דאָ געזעסן, איז מען געגאַנגען אַהין שיסן, „נאַ פּאָליעוואַניע“. איצט, אַז די פּאָסעסיע האַלט אַ ייִד, קענען די אומשולדיקע האָזן און גאָט די נשמה שולדיקע פויגלעך זײַן גאַנץ רויִק. ייִדן שיסן ניט. ייִדן קענען באַשטיין צו ציען אַנדערע נוצן פונם וואַלד. פון דעם וואַלד האָט דער אַלטער לאָיעוו אַרויסגעפירט אַ היפּש ביסל געהילץ און האָט אָנגעבויט שטאַלן מיט שטעלכעלעך, קאַמערן מיט קעמערלעך, אַמבאַרן פאַר תבואה און סאַראַיען מיט סטאַניס פאַר אָקסן און פאַר פערד, און וועגן און שליטנס און נאָך זאַכן, וואָס ווערן אָנגערופן מיט איין אַלגעמיינעם נאָמען „רעמאָנענט“.

נאָכן ערשטן אָנבײַסן און נאָך דער ערשטער שטונדע מיט דער שילערין נעמט

דער לערער אַ שפּאַציר אין גאָרטן. אַמאָל אַליין און אַמאָל אינצווייען, טאַקע מיט דער שילערין. עס איז שווער צו זאָגן, ווען איז דער גאָרטן שענער: צי אַרום שבֿועות־צייט, ווען די ביימער האַלטן אין רעכטן בליען? צי דעמאָלט, ווען עס האָבן זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צו רויטלען די ווייַמפּערלעך מיט די אַגרעסן? צי העט שפּעט, שוין סוף זומער, ווען די עפּל הייבן אָן אַליין צו פֿאַלן און עס בלייבן די פּאָר־שפּעטיקע קיילעכדיקע שוואַרצע פֿלוימען, וואָס מע רופֿט זיי „טשערקוסן״? אין יעדער צייט האָט זיך דער גאָרטן זיין רייץ מיט זיין חן. אין יעדער צייט געפֿינען די שפּאַצירנדע, דער לערער מיט דער שילערין, עפּעס נייס. מעגן זיין די אַגרעסן נאָך גרין אַזוי ווי גראָז און זויער אַזוי ווי עסיק — מאַכט נישט אויס. מע צעשטעכט זיך די הענט און מע רייסט אויס די גרעסטע פֿון זיי, די וואָס הענגען אַראָפּ און לייכטן זיך דורך אויף דער זון. און ווער שמועסט אַביסעלע שפּעטער, ווען די ווייַמפּערלעך ג׳יסן זיך אָן מיט רויטן וויין און בלישטשען אויף דער זון — דעמאָלט בעטן זיי זיך, מע זאָל פֿאַרזוכן נאָך אַ בינטל און נאָך אַ בינטל. מע פֿאַרזוכט אַזוי לאַנג, ביז עס ווערן היילִיק די ציין. דאָס אייגענע איז מיט די ווייַנשל און מיט די קאַרשן און מיט די אַלע איבעריקע אויבסטן און פּירות, וואָס קומען אויף און ווערן צייטיק ניט אַלע אויף איין מאָל. אמת, דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס מע קריגט עס אין שטאָט אויך, וואָס מע קאָן עס קויפֿן פֿאַר געלט, עס האָט אָבער נישט דעם טעם מיט דעם ריח ווי בעת איר רייסט דאָס אַליין אַראָפּ פֿונם בוים. ובֿפֿרט אַז איר זייט ניט אַליין, נאָר אינצווייען מיט אַ מיידל, וואָס איז אייך ליב און טייער, מיט אַ מיידל, וואָס איר זייט איר ליב און טייער, ווי אַן אייגענער, ווי אַ ברודער...

ווי דען האָט די שילערין אַנדערש געקאָנט באַציִען זיך צום לערער, אַז ניט ווי צו אַ ברודער, ווען איר פֿאָטער און מוטער האָבן זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַ קינד? עס איז נישט געווען קיין שום אונטערשייד ביי זיי צווישן אים און צווישן זייערע אייגענע קינדער. אַזוי ווי די אייגענע קינדער, אַזוי האָט דער לערער זיך געבאָדן אין גוטס, נישט געוווּסט פֿון קיין נויט און פֿון קיין זאָרג און פֿון דעם, וואָס געהער זיך אָן מיט געלט. דאָס מין געלט האָט אין יענער שטוב בכלל נישט עקזיסטירט. דאָס הייסט, געלט איז געווען אַ סך, גאָר אַ סך. נאָר קיינער, אויסער דעם אַלטן, האָט נישט געוווּסט די ווערט פֿון דעם און נישט געפֿילט, אַז עס פֿעלט. אַלעס איז געווען גרייט און אַלעס פֿון דער פֿולער ברייטער האַנט. דאָס עסן, דאָס טרינקען, דאָס קליידן זיך און שיכן זיך און דאָס אַרויספֿאָרן מיטן גלאַנץ און מיטן קנאַק. אויף יעדן טריט אַ באַדינער. מענטשן און פֿערד ווייפֿיל איר ווילט און ווען איר ווילט. און באַוויַיזט איר זיך אין דאָרף, בויגן זיך פֿאַר אייך אַלע גוים, נעמען אַראָפּ דאָס היטל. געבאָרענע גראַפֿן באַדאַרפֿן זיך ניט פֿילן בעסער, פֿרייַער און בכּבֿודיקער.

* * *

געקומען דער אַלטער פֿון דער אַרבעט. באַדעקט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט שטויב, מיט שטרוי און מיט זאַנגען. ער וואַרפֿט אַראָפּ די לאַנגע שטיוול, וואַשט זיך אַיין, טוט זיך איבער און באַקומט אַן אַנדער אויסזען. ער זעצט זיך אַוועק צום שרייבטיש, נעמט זיך צו דער פּאָסט, וואָס אַ שייגעצל האָט געבראַכט צופֿירן פֿון דער סטאַנציע „באַראַניפּאָליע״, רייטנדיק אויף אַ פֿערד מיט אַ טאָרבע איבער די פּלייצעס. איבערגעקוקט די פּאָסט, רופֿט ער צו דעם לערער, ער זאָל שרייבן ענטפֿערס אויף די בריוו. דער לערער טוט די אַרבעט געשיקט, וואָרום ער פֿאַרשטייט דעם אַלטן

אויפן קוק און ווייסט די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אויף אויסווייניק. דער אַלטער האָט פּיינט איבערחזרן אַ זאַך צוויי מאָל און האָט ליב מע זאָל אים פאַרשטיין, וואָס ער וויל, נאָך איידער ער האָט עס אַרויסגעזאָגט. אַליין אַ פלינקער אַרבעטער, האָט ער ליב צו זען, אַז די אַרבעט זאָל ברענען אונטער די הענט. פּאַרטיק געוואָרן מיט אַלע אַרבעט, זעצט מען זיך עסן. זעלטן עס זאָלן ניט זיין עטלעכע זייטיקע, פרעמדע מענטשן ביים טיש. דאָס זיינען מערסטנטייל געסט, שכנים, פּאָסעסערס, אָדער סוחרים, וואָס זיינען געקומען קויפן ווייץ, האָבער, גערשטן, אָדער אַנדערע תבואות. ביים טיש הערשט, ווי איך האָב שוין פריער באַשריבן. אַ שטרענגע דיסציפּלין. קיינער וואַגט ניט אַ הויך וואָרט אויסצורעדן, נאָר דער אַלטער קלינגט ווי אַ גלאָק. ביי אים לאָזט זיך קיינמאָל ניט אויס קיין שטאָף. ער האָט אַייך אויף אַלסדינג אַ מעשה, אַ משל און אַ גלייכוואָרט, וואָס מאַכט אַייך צום דענקען און צום לאַכן. וואָרום איר האָט ניט געזען אַ צווייטן, וואָס זאָל אַייך קאָנען אַזוי אינטערעסאַנט דערציילן און קאָפּירן, נאָכמאַכן יעדן איינציקן מיט אַלע פּליטערלעך — אַן אמתער טאַלאַנט, כאָטש ביי דער וועלט, צווישן יידן, האָט ער געהייסן אַ מאָדנער ייד, אַ „טשודאַק“ און אַ שגעון. און דאָך האָבן סוחרים ליב געהאַט מיט אים צו האַנדלען, ווייל דאָס וואָרט איז ביי אים געווען הייליק, און האָט ער אַייך עפּעס פאַרקויפט, האָט דאָס געמעגט ווערן ווי טייערער, האָט איר געקאָנט זיין זיכער, אַז קיין חרטה וועט ניט זיין. דאָס איז געווען אָן שום פּרינציפּן און פּרעטענזיעס, נאָר פּראָסט און פּשוט די נאַטירלעכע אָרנטלעכקייט, וואָס ווייסט ניט פון קיין דריידעלעך און האָט פיינט קרומע פאַלשע וועגן. אין דער סוחרישער וועלט הייסט אַפילו אַזאַ נפש, אונטער די אויגן געוויינטלעך, אַ „משוגענער מענטש“, נאָר מע האָט בעסער ליב מיט אַזאַ משוגענעם צו האָבן געשעפט, ווי מיט אַן אַנדערן אַ קלאָרן...

נאָכן טיש לאָזט מען איבער דעם אַלטן מיט די געסט, זיי זאָלן זיך דאָרטן שמועסן און מאַכן געשעפטן, און דער לערער מיט דער שילערין זעצן זיך אַוועק לערנען, שטודירן, לייענען. איבערהויפּט לייענען. מע לייענט אַלץ, וואָס עס קומט צו דער האַנט, אָן אַ קאָנטראָל, אָן אַ סיסטעם און אָן אַן איבערקלייבן. צום מיינסטן ראָמאַנען, די גרעסטע קלאַסיקער, ווי שעקספּיר, דיקענס, טאָלסטאָי, געטע, שילער, גאָגאָל, אויסגעמישט מיט די ערגסטע שונד־ראָמאַנען פון אייזשען סיו, קסאַוויע־דע־מאָנטעפּען, אַשאַר, פּאָן באָרן און נאָך אַזעלכע פּוסטע שמירער פונם פראַנצויזישן בולוואַר... אָנגעלייענט זיך ווי די פויקן, גייט מען זיך דורך צו דער מאַשינע זען ווי מע דרעשט. אָדער אין פעלד אַרויס, צוקוקן ווי מע שניידט דאָס ברויט, ווי מע נעמט דאָס צונויף און מע בינדט עס אין די סנאָפּעס. און עס נעמט אָן אַ חשק פאַרקאַטשען די אַרבל און זיך נעמען צו דער אַרבעט. עט באַווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז שטיין ביי דער זייט און קוקן ווי מע שניידט ברויט און מע בינדט סנאָפּעס איז אַ סך גרינגער, ווי איידער אַליין אָנבויגן זיך און שניידן ברויט און בינדן סנאָפּעס. וואָרום פון קוקן ווערט מען ניט דערשוויצט און אויף די הענט לויפן ניט אויף קיין בלאָטערן... דערפאַר אָבער וואָס פאַר אַן אַפּעטיט מע האָט דערנאָכדעם! מע קומט אַהיים און מע עסט זויערמילך מיט שוואַרץ ברויט און מע כאַכט אַ שפּאַציר אין גאָרטן. אָדער מע הייסט אַיינשפּאַנען דאָס פאַעטאָנדל און מע פאָרט זיך דורך מיט אַנדרייען אין די איבעריקע פּאָסעסיעס, אָדער עקאָנאָמיעס: אין גוזיפּקע, אין קריטאָהאָרבע, אין זאַקוטעניץ. אָדער מע פאָרט אַריבער קיין באַראַניעפּאָליע, צום פּאָסטמייסטער מאַלינאָווסקי — און אומעטום ווערט מען אויפגענומען ווי זייער אָנגעלייגטע,

פיל געליבטע געסט. מע ווייסט גאָרניט מיט וואָס זיי מכבד צו זיין. שטעלט מען דעם סאַמאָוואַר און מע דערלאַנגט אַיינגעמאַכטס. ביים פּאָסטמייסטער מאַלינאָווסקי ווערט באַשאַפן אַ פלעשל בראַנפן, וואָס ער אַליין טאַקע טרינקט דאָס אויס גלעזלעכוויז ביזן סוף, וואָרום מאַלינאָווסקי איז אַ גוי, וואָס האָט ליב דעם ביטערן טראָפן. און אַז ניט, כאַפּט מען זיך גאָר אַריין צו דאָדי דעם עקאָנאָם, וואָס זיצט ניט ווייט, טאַקע אויף איין הויף מיט די באַלעבאַטים. דאָרטן, ביי דאָדין אין דעם קליינעם שטיבל, איז פריילעכער, ווי ביי זיי אין דער גרויסער שטוב. און דאָס, וואָס מע קריגט ביי דאָדין, קאָן מען אינדערהיים ניט אויספירן. אַשטייגער, ווו ווען זיי זיך ערלויבן עסן גרינע קנעבעלעך מיט שטשאַוו, אַז ניט ביי דאָדיס ווייב? אָדער געזאַלצענע אוגערקעלעך גלייך פון סלאָי מיט הייסע קאַרטאָפל אין די מונדירן? אָדער זיסע קאַטשענעס פון קרויט, וואָס דאָדיכע שאַטקעוועט אויף צו זיירן? אָדער אָנטרינקען זיך מיט עפּלקוואַס, וואָס איז טעם גן־עדן? פון דעם באַזוך קאָן מען זען, אַז דאָדיכע שעצט זיך גליקלעך, און ווער שמועסט דאָדי — דער איז אויפן זיבעטן הימל!

שלום עליכם.

פונם ראָמאַן „אַליין“.

שרהקע באַקענט זיך מיט ברוכן.

שרהקע האָט זיך אָנגעטאָן אַ שובקע אויף פוטער, אַ וואָלענעם שאַל אויפן קאָפּ און ווי אַ דאָרפמיידל איז זי אַרויס מיט דער אַלטער דינסט, ברײנע, אויפן גאַנעק וואָס געפינט זיך פאַר זייער הויז.

דער פאָטער איז שוין געזעסן אין אַ טיפן שליטן, געשפּאַנט אין צווײ צוגאָווע פערד. די פיס זײנען געווען באַדעקט מיט פוטערנעם „קאָץ“ און ער האָט געוואַרט אויף שרהקען.

דער ווײס=זילבערנער שנײ האָט מיטאַמאָל אָפּגעגאָסן שרהקען מיט אַזוי פיל ליכט, אַז זי האָט געמוזט פאַרמאַכן אויף אַ ווײלע די אויגן. שרהקע האָט דערפילט ווי דער פראָסט קנײפּט די באַק, פּידלט אונטער די פיס — איז זי לעבעדיקער געוואָרן. זי האָט גיך געכאַפּט צווײ הענטלעך מיט שנײ, עס גוט אײנגעקוועטשט, זיך אַרומגעקוקט און דערזעענדיק ווי דער לעשניק גײט אַרויס פון שטאַל אין דעם וואַטענעם „סוקמאַן“, מיט אַ בײטש אין דער האַנט — האָט זי אַ געשרײ געטאָן:

— וואַצעק, כאַפּ!

דער לעשניק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און די קויל שנײ האָט זיך צעלײגט אויף זײן פּנים.

וואַצעק האָט זיך צעלאַכט, גיך געכאַפּט שרהקען, געוואָלט אויסציען אויפן שנײ און זי גלײך אַוועקגעזעצט אויפן שליטן.

די אַלטע ברײנע האָט זי גוט אַרומגעדעקט, זיך צוקושט, אָנגעזאָגט מרדכין, ער זאָל אַכטונג געבן אויפן קינד — און די פערד האָבן לײכט געריהרט פון אָרט.

אַ לענגערע צײט זײנען זײ געפאָרן און געשוויגן. מרדכי איז געווען פאַרטיפט אין זײנע געשעפטן און שרהקע האָט זיך ניט געקענט אָפּרײסן פון דעם פאַרשנײטן וואַלד, וואָס האָט זיך געטונקט און געשפּיגלט אין זונענשײן.

דער שליטן האָט זיך האַסטיק געטראָגן און שרהקע איז ווי אַ פאַרכּשופטע געזעסן און געקוקט ווי די הונדערטע אײז=ליכטלעך, וואָס האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון די הויכע ווײסע סאָסנעס, האָבן געבלענדט די אויגן, זיך געצונדן אין בלוי=גרין, רויט=פּאָנס, פּונקט ווי געשליפענע פּריזמע=גלעזלעך בײ זילבערנע הענג=לײכטער.

פון וואַלד האָט זיך געטראָגן:

— האָפּ! האָפּ!

האָט מרדכי שוין ניט געקענט אײנזיצן אין שליטן, געהײסן וואַצעקן אויסדרײען און צופאָרן צום פּלאַץ, וווּ זײנע פויערים האָבן אַראָפּגעלאָזט בײמער.

קופּקעס=ווײז זײנען די פויערים געווען צעוואָרפן איבערן וואַלד. טײל האָבן אַראָפּגעלאָזט בײמער, אַנדערע — געזעגט קלעצער און אויפגעשטעלט האַלבע קלאַפטער; טײל זײנען געשטאַנען בײ די קיניגע קאָרפּע*), וואָס האָט געפלאַקערט מיט אַ געדיכטן רויך, און זיך געוואַרעמט. דער רויטער פלאַם האָט זיך געשפּיגלט אין דעם זילבערנעם שנײ, אָפּגעגאָסן די פויערים מיט אַ קופּערנעם שײן.

מיט אַ ווילדער הנאה האָט שרהקע אָפּגעוואַרט יעדן קראַך פון אַ געזונטן פאַר=

אויסגעגראַבענע וואָרצלען פון אַן אויסגעהאַקטן בוים.

צווייגטן בוים, וואָס איז געפאַלן, מיטרייסנדיק יונגע ביימלעך אונטער די פויערשע קולות „האָפּ, האָפּ" טיף אין שניי אַריין. שרהקען האָט זיך געדאַכט, אַז די געזונטע פויערים מיט די פוטערנע היטלען, מיט די קאָלירטע גאַרטלען אַרום די שעפּסענע פעלצלעך, מיט די שאַרפע בלאַנקנדיקע העק אין זייערע הענט— דאָס איז אַ באַנדע גזלנים. איר פאָטער, דער פירער פון דער באַנדע, לויפט פון איין קופּע צו דער צווייטער; זיין לאַנגע באָרד טיילט זיך אויף צווייען; ער רעדט, שרייט... די גזלנים וואַרפן זיך אויפן וואַלד מיט די בלאַנקנדיקע העק און זעגן. אָט לויפן אַכט יונגע פויערים מיט שאַרפע העק, מיט זעגן, שטריק און דרענגער צו אַ געזונטן פאַרצווייגטן דעמב. די פויערים פאַרציען די גאַרטלען און מיט אַ קרעכץ נעמט זיך די זעג אייגבייסן מיט אירע ציין אין איין זייט פון בוים, פון דער צווייטער אַרבעטן צוויי העק צום טאַקט. מע פאַרוואַרפט שטריק, מע שפּאַרט אונטער דרענגער, די פויערים רוקן זיך אָפּ, די אויגן גלאַנצן מיט אַ קאַלטן פייער.

שרהקע האָט געזען ווי דער דעמב שטייט שטייף, טוט זיך קיין ריר, כאָטש ער ווייס, אַז באַלד איז נאָך אים, נאָר נאָכגעבן וויל ער ניט. זי האָט גרויס חשק געהאַט צוצוגיין צו די פויערים און זאָגן:

— וואָס אַנטלויפט איר, וואָס? אַכט אויף איינעם! אַז איר גנבעט זיך אונטער, בינדט אים מיט שטריק און איצט אַנטלויפט איר? שעמט אייך!

— טראַ-טראַך!

דער אַלטער דעמב האָט זיך אַ צי געטאָן ווי גרויס ער איז געווען, געפאַלן מיט אַ קראַך פון אַ ווייטן דונער.

מרדכי איז אַריינגעשפּרונגען אין שליטן אַ פריילעכער, זיך גוט צוגעדעקט, צוגעטוליעט זיך צו שרהקען.

— איצט פאָרן מיר גלייך אין שטאָט אַריין צו דער מומע גיטל!

די פערד, אַרויסקומענדיק אויפן שאָסיי, האָבן זיך פונאַנדערגעטראָגן ווילד, אויפהייבנדיק גאַנצע וואָלקנס שטעכיקע שנייעלעך. דער וואַלד האָט אַלץ געקרעכצט —האָפּ, האָפּ—איז שרהקען אומעטיק געוואָרן. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קעפּל אויפן פאָטערס ברוסט און זיך פאַרטראַכט.

— שרהקע, שלאָפסט?

— ניין, טאַטעשי! וואָס איז?

—גאָר נישט!

אינדערמיט כון אַ פאַרפרוירן וואַסער, אויף אַ בערגל, איז געשטאַנען אַ זעקסוועג-טיקע געביידע, מיט צוויי ריזיק הויכע, קיילעכדיקע טורעמס. די גאַנצע געביידע איז געווען באַשאָטן מיט שניי, פון אונטער וועלכן עס האָבן אַרויסגעשטאַרט נאַקעטע פאַרצווייגטע ביימער.

— טאַטעשי, ווער וווינט דאָ?

— דאָס איז דאָך פּאָטאָצקיס שלאָס, קינד מיינס. זעסט, ווען איך בין נאָך אַ ייִנגל געווען, פלעגט דיין זיידעשי, עליו השלום, ניט הייסן קוקן אַהינצו. דאָרט —פלעגט ער זאָגן—טאַנצן אַרום קליינע דייטשלעך—שדים. וואַרט, מיר וועלן באַלד דורכפאָרן, וועסטו זען, ווי גרויס דער שלאָס איז, ווי דיק די ווענט זייגען, אַז מע קען זיך אויסדרייען מיט אַ פּאָר פערד אויף דער וואַנט.

שרהקע האָט זיך ניט איינגעהערט, פאַרמאַכט די אויגן, צוריק אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אָן פאָטערס ברוסט און זיך איינגעטוליעט.

מיט יאָרן צוריק האָט געלעבט אַ הראַביאַנקאַ—יאַדוויגע. שיין איז יאַדוויגע געווען, געשמט איבער קרוין פוילן און ליטע. בלינדע בעטלער מיט פּאַרוואַקסענע, ווי ביי חכמים קעפּ, מיט קאַלטענעוואַטע לאַנגע בערד, מיט באַנדורעס אונטער די אָרעמס, האָבן זיך געשלעפּט איבער פוילישע וועלדער און פעלדער, איבער פּריצי-שע הויפן, באַזונגען יאַדוויגעס שיינקייט.

יונג איז יאַדוויגע געווען—קוים אַכצן פרילינגס געציילט—האָט דאָס יונגוואַרג מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן „סיים", געוואָלט אָנקוקן די שיינע יאַדוויגע.

און וואַנדע, די קייסערין פון דער ווייכסל, האָט זייער געוואָלט נעמען יאַדוויגען פאַר איר זון, דעם לאַנגפּיסיקן טאַדעאוש—האָט זי אים אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ, אים גע-שענקט איר הערב, דעם עלטסטן פוילישן הערב—אַ ווייסן אָדלער מיט צוויי סנאָפּעס זאַנגען, און געשיקט טאַדעאושן נאָך וואַרשע אויפן „סיים".

שיין איז יאַדוויגע געווען—דאָס קלענסטע גאָלדענע שיכל געטראָגן—האָט דאָס יונגוואַרג געהאַלטן אין איין שרייען „וויוואַט", געטרונקען פאַר יאַדווי-געס געזונט.

און דער לאַנגפּיסיקער טאַדעאוש, און דער הראַביע פּאָטאָצקי—די גרע-סטע פוילישע יחסנים—האָבן געבעטן יאַדוויגעס האַנט ביי אירע עלטערן.

נישט געפעלן איז יאַדוויגען דער לאַנגפּיסיקער טאַדעאוש, געפעלן איז יאַדוויגען פּאָטאָצקי מיט די קריגערישע וואָנסן; איז זי געפאַלן אויף אַ קאַפּריז—ווער עס וועט איר אויפבויען אַ שענערן פּאַלאַץ, צו דעם וועט זי געהערן.

וואַנדע, די קייסערין פון דעם ווייכסל, האָט אויסגעבויט אַ קרישטאָלענעם פּאַ-לאַץ — איז טאַקע דעם לאַנגפּיסיקנס שלאָס שענער געווען.

און יאַדוויגען איז ווי אויף צו להכעיס געפעלן געוואָרן פּאָטאָצקיס שלאָס, געבויט פון אַכטעקיקע שטיינער און פון ווייסלס פון אייער, האָט זי מיט אים חתונה געהאַט און געבוירן צום יאָר אַ זון.

און געשטורעמט האָט וואַנדע, צוויי מאָל אויסגעגאָסן די ווייכסל, פאַרפלייצט דערפער, אומגעבראַכט נפשות, געשוואָרן נקמה צו נעמען פון יאַדוויגען פאַר איר באַליידיקטן זון, דעם לאַנגפּיסיקן טאַדעאוש.

אויסגעוואַקסן איז יאַדוויגעס זון—האָט זי אים אַוועקגעשיקט נאָך ווילנע לערנען.

און וואַנדע האָט נישט גערוט, אַרויסגעשיקט נאָך ווילנע אַן אָפּגעברענט בראָנזן מיידל, אַ יידישע טאָכטער, וואָס האָט זיך מיט יאָרן צוריק באַהאַלטן ביי וואַנדען אין פּאַלאַץ, ניט געוואָלט ווערן גראַף פּאָטאָצקיס קעבס-ווייב.

שיין זיינען יידישע טעכטער—איז דאָס בראָנזענע מיידל, שולמית האָט זי גע-הייסן, אַ שיינע געווען.

געפעלן זיינען דעם גראַף יידישע טעכטער—און מער פון אַלעמען—די שוואַרצ-חנעוודיקע שולמית.

פאַרליבט איז דער יונגער גראַף געווען, זיך געשאַרט אַרום שולמיתס בלויען שורעם בייטאָג און ביינאַכט, און ס'האָבן אַי בלומען, אַי מיידלעך געלאַכט...

מגייר געווען האָט זיך דער יונגער גראַף—שולמית האָט געוואָלט זיכער זיין אינגאַנצן — האָט דער סיים אָים איבערגעגעבן צום ווילנער קלויסטער און מע האָט אים פאַרברענט.

ניט גערוט האָט וואַנדע, נקמה גענומען פאַר איר באַליידיקטן זון, דעם לאַנג-

פיסיקן טאַדעאוש. זי האָט זיך פאַרקליבן אין שלאָס אַריין מיט אירע בלויע וואַסער־מיידלעך—איז יאַדוויגע מיטן גראַף פון עגמת נפש געשטאָרבן און דער שלאָס איז געוואָרן וויסט.

און נאַכט איין, נאַכט אויס טראָגט זיך דער יונגער גראַף איבער פוילישע פעל־דער, רייט אויף אַ שוואַרץ־צוגאָוון פערד, אַ קרוין אויפן קאָפּ, זינגט „שיר־השירים" און זוכט זיין כלה, זיין ש. למית.

שרהקע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי זי וואָלט אויפגעקומען פון אַ פאַרכשופטן חלום, צעעפנט דאָס מויל און געזען ווי אַ ייד מיט אַ פּאָר קאָסע אויגן שטעלט אָפּ די פערד. דער פאָטער האָט אַרויסגענומען צוויי קופּערנע מטבעות און באַצאָלט שלאַבוים־געלט.

שרה'קע האָט ניט צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן, ווי דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ בשמים־געוועלב.

די מומע גיטל איז אַרויס אין אַ וואַטענעם קאַפּטאַן.

— אַ, וואָס פאַר געסט, וואָס מאַכסטו, מרדכי? און דו, שרהקעלע קרוין? קום אַהער!

גיטל האָט שרהקען אַראָפּגענומען פון שליטן און זי גענומען קושן, האַלדזן.

מרדכי איז באַלד אַוועק אין שטאָט אַריין וועגן געשעפט. גיטל האָט שרהקען דערווייל אויסגעטאָן, באַטראַכט יעדע זאַך, געזאָגט מבינות, אויסגעשלאָגן אַן איי, אַריינגעבראַכט פרישע זעמל און געמאַכט עפּעס צו עסן.

ביים טיש איז געזעסן אַ דאַר בחורל פון אַ יאָר פערצן מיט אַן אויסגעווייקט פנים — האָט דערזען שרהקען און זיך פאַרגאַפט.

— ווייסט ווער דאָס איז?—האָט זיך גיטל געווענדעט צו ברוכן—דאָס איז דעם פעטער מרדכיס מיידל שרהקע.

ברוך האָט ניט געענטפערט, עטוואָס צעמישט געוואָרן און גענומען דרייען אַ קנעפל פון זיין אַלפּאַגן כאַלאַטל. דערווייל איז אַריין אַ קונה און גיטל איז אַריינגע־גאַנגען אין געוועלב.

— אַ מאָדנער— האָט שרהקע געטראַכט — רעדט גאָרניט! און איך האָב געמיינט, אַז ברוך איז אַזאַ פריילעכער, אַ שטאָטיש יינגל! און אפשר שטייט אים ניט אָן צו ריידן מיט מיר?

— ברוך—האָט שרהקע אָנגעהויבן—דו ווייסט, כ'האָב אַזוי דיך געוואָלט זען. דער טאַטעשי פלעגט מיר תמיד דערציילן, אַז דו ביסט דער בעסטער אין חדר.

שרהקע האָט געגעסן פּאַמעלעך, דרייסט געקוקט אויף ברוכן און געוואָלט, ער זאָל עפּעס ענטפערן.

-- כ'גיי ניט מער אין חדר!—האָט ברוך געענטפערט און אויפגעהויבן די אויגן.

— פאַרוואָס?

— ווייל קליינע „חברה" גייען אין חדר! און איך בין שוין בעל־מצוה.

— לערנסטו שוין אינגאַנצן ניט?

— וואָס הייסט, כ'לערן ניט — האָט זיך ברוך צעלאַכט — כ'לערן איצט אין בית מדרש מיט אַלע בחורים.

— וואָס לערנסטו אין בית־מדרש?

— און אז כ'וועל דיר זאָגן וועסטו וויסן? ביסט דאָך אַ מיידל— האָט ברוך גע־ענטפערט מיט גדלות.

שרהקע האָט זיך עפּעס דערשראָקן, גלייך ווי זי וואָלט טאַקע ערשט צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן:

— בין איך טאַקע אַ מיידל? — און האָט אַראָפּגעלאָזט אַ ליפּ — דאַרף מען ניט! באַלד האָט זי זיך פאַרגעסן:

— ברוך, פאַרוואָס קומסטו קיינמאָל נישט אין וואַלד אַריין?

— וואָס וועל איך דאָרט טאָן?

— ווייסט וואָס? זומער וועלן מיר צוזאַמען גיין אין וואַלד קלייבן יאַגדעס-שוואָמען, קריכן אויף ביימער, אַרויסנעמען פון די נעסטן פויגל. אַז ניט, וועלן מיר נעמען די לאָדקע און פאָרן אויף דער ווייכסל. איך פאָר אַזוי גוט! כ'שווים אויך. דו ווייסט? און דו שווימסט?

— יאָ — האָט ברוך געענטפערט און ניט דרייסט געקוקט אויף שרהקען.

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי נאָענט צו איר, געוואָלט דערציילן, ווי ער שפּרינגט אַראָפּ פון ביידל, מאַכט אַ נורעק איבער פינף מינוט, גייט אַ „בואי בשלום", וואַסער טריט, לייגט קלאַפּטער אָן אַ בלעזל — האָט ער זיך באַגעגנט מיט איר בליק, איז רויט געוואָרן און שטיל געבליבן.

— דו ווייסט, ברוך, איך רייט אויף אַ פערד אויך! אַז דער טאַטעשי זעט, לאָזט ער ניט, נאָר ווען ער איז אין וואַלד, זעץ איך זיך אויף אָן אַ זאָטל און רייט. ס'איז אַזוי גוט! קום אַרויס אין וואַלד אַריין, וועלן מיר צוזאַמען רייטן, גוט?

גיטל איז אַריינגעקומען.

עה, שרהקע, האָסט דאָך גאָרנישט געגעסן! אַלץ שטייט דאָך! עס, קינד!

— מומע, פאַרוואָס שיקט די מומע ברוכן קיינמאָל נישט אין וואַלד אַריין?

— ווי קען איך אים שיקן, שרהקע, אַז ער דאַרף לערנען? מיין ברוך איז שוין אָן עין־הרע אַ בחור, קוק! — האָט גיטל געוויזן מיט דער האַנט אויף איר זונדל.

— אַ ב־חור, האָט שרהקע נאָכגעשעפּטשעט, כ'בין יינגער פאַר ברוכן און פונדעסטוועגן וועל איך זיך מיט אים פּרובירן.

ברוך האָט געקוקט אויף דער מוטער און געשמייכלט.

— קום אַהער, ברוך, לאָמיר זיך פּרובירן! וואָס גיסטו אַז איך וועל דיך לייגן?

שרהקע איז גיך צוגעגאַנגען צו ברוכן, אים אַרומגעכאַפּט, אַ גוטן טרייסל געטאָן און אים אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע.

— לאָז מיך אָפּ, ס'איז נישט שיין, ס'פּאַסט פאַר אַ שיקסע — האָט זיך ברוך צעשריען אַ רויטער פון שאַנדע און איז אויפגעשפּרונגען...

יוסף אָפּאַטאָשו

שרהקע לייענט „יאָסעלע“.

די אַלטע דינסט ברײנע איז געזעסן אויף אַ פוס־בענקל, געשטריקט אַ זאָק און צוגעוואָרפן בעריאָזעווע העלצער אין אויוון אַרײַן. די ווייסע קאָרע האָט זיך געקאָרטשעט, געקנאַקט און דער אויוון האָט היימלעך געברענט, געפּלאַצט פון היץ. אַ פלאַם האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אויף דער שטוב און אָפּגעגאָסן אַלץ מיט אַ קופּערנעם שיין.

דורך דעם פענסטער האָבן אַרײַנגעקוקט פאַרשנייטע אויסגעגראָבענע קאַרפּעס, ווי ווייסע בערן, און האָבן אָנגעיאָגט אַ שרעק. האָבן אַלע אין שטוב זיך אָנגעהויבן טוליען, גערוקט זיך אַלץ נעענטער צום פונאַנדערגעברענטן קאַכל־אויוון.

מרדכי איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, געפּיפּקעט אַ ציבעק, זיך אײַנגעהערט ווי שרהקע, שוין אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, מיט גאָלדענע פּעדעמלעך אין די בלאַסע באַקן, לייענט דינעזאָנס „יאָסעלע“ און אין דערזעלבער צייט האָט זיך אים געפּלאָנטערט אַ מעשה מיט אַ שטורעם, וואָס האָט דעכער אַרונטערגעריסן, זעק מיט תבואה אַרויסגעטראָגן, באַפאַלן אויפן וועג אַן אונגאַר מיט אַ גרויסן קאַסטן סחורה אויף די פּלייצעס און אים איבער דער ווייכסל אַ לעבעדיקן אַריבערגעטראָגן.

פון וואַלד איז יעדע ווײַלע אָנגעקומען אַ ווינט, מיטגעבראַכט גאַנצע פלאַכטעס שניי און זיי אַ שליידער געטאָן אין די פענסטער.

— נישט אַנדערש, עמיצער האָט זיך אויפגעהאַנגען! — האָט די אַלטע ברײנע אָפּגעזיפצט.

זי האָט אויפגעזוכט אין אַ טאָרבע מיט קנעפּ שרהקעס אַ מילכציינדל און עס איר געגעבן:

— נאַ, טאָכטערשי, גיב אָפּ דעם פייער זיינס, וועט אפשר שטילער ווערן!

שרהקע האָט זיך דערפרייט מיטן ציינדל, אַרונטערגעכאַפּט דאָס אָפענע ביכל אונטער דעם אָרעם און איז צוגעשפּרונגען צום פייער:

— מייזעלע, מייזעלע, פייערדיק מייזעלע, נא דיר אַ ביינערנעם צאָן און גיב מיר אַן אייזערנעם צאָן! — און זי האָט אַרײַנגעוואָרפן דאָס ציינדל אין דעם צעפלאַמטן אויוון.

דער ווינט האָט זיך פאַרקליבן אינט:ר אַ שטיק אָפּשטייענדיקע בלעך און מיט אַ פייפעריי גענומען האַמערן איבערן דאַך, אַז עס האָט אויסגעזען דאָס הויז פאַלט איין.

שרהקע האָט געקוקט אויף ברײנען און געלאַכט:

— אַז ס'רייסט נאָך שטאַרקער!

די אַלטע האָט אַרומגעכאַפּט שרהקען, איר אויסגעקושט די אויגן:

— שטיפערקע, דו!

פון אונטערן פענסטער האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט אָפּגעריסן קול, ווי איינער וואָלט געגאַנגען און זיך געשאָלטן. דאָס קול איז צעוויקט געוואָרן אין דעם באַסן שניי, ערגעץ ווו איינגעזונקען און דער ווינט האָט זיך נאָך שטאַרקער צעפּייפט.

מרדכי האָט געקלאַפּט אין פענסטער:

— העי, וואַצעק, ווו שלעפּסטו זיך ארום? ווו? אין אַזאַ נאַכט?

שרהקע האָט זיך צוגערוקט צום אויוון, זיך געוואַרעמט, פאַרמאַכט די אויגן

און געזען, ווי וואַצעק שפּאַנט איינער אַליין אין פעלד. דער ווינט יאָגט זיך נאָך אים. פייפט, שמייסט אין פּנים אַריין פלאַכטעס נאַסע שניי, מעסט אָפּ איבער דער פלייצע, ווי מיט אַ דראָנג, אַז וואַצעק בויגט זיך אַזש צו דער ערד, אַרום וואָיען וועלף, דאַרע וועלף, צינדן אין דער פינסטערער נאַכט קאַלטע גרינע פייערלעך, קנאַקן מיט די ווייסע שאַרפע ציין.

— לייען ווייטער, שרהקע, — האָט דער פאָטער געזאָגט.

שרהקע האָט געלייענט פּאַמעלעך, אירע בלייכע באַקן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ בלאַסער רויטקייט, די אויגן האָבן געגלאַנצט.

ברײַנע האָט זיך איינגעהערט און געטראַכט:

— אַ שוואַרצע גבורה זיי האָבן דאָס! ווי זיי שרייבן דאָס אַלץ ריכטיק אָפּ! אַ!?

שרהקע האָט געלייענט ווי דער רבי שלאָגט יאָסעלען, ווי דער קאַנטשיק פאַלט תמיד אויף יאָסעלעס דאַרער פלייצע. זי האָט דערפילט, ווי עס פאַרקלעמט איר אונטערן הערצל און גרויסע דורכזיכטיקע טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

ברײַנע האָט זיך געווישט די נאָז מיטן פאַרטוך:

יאָ, יאָ, אַן אָרעם קינד. ס'האָט נישט, ווער עס זאָל זיך פאַר אים אָננעמען, שלאָגן אַלע, ווער עס וויל!

שרהקע האָט אויפגעהערט לייענען, אויסגעווישט די אויגן:

— טאַטעשי, פאַרוואָס איז דער רבי אַזאַ שלעכטער? וואָס האָט ער געוואָלט פון יאָסעלען? פאַרוואָס האָט ער די רייכע קינדער נישט געשלאָגן? אַ, כ'וואָלט אַזאַ רבין די אויגן אויסגעדראַפּעט! האָט שרהקע אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסטל אין טיש.

— ע, נאַריש קינד, ס'איז דאָך אַ מעשה און דו נעמסט זיך צום האַרץ! — האָט מרדכי געשמייכלט.

— און דאָס טראַכט אַלץ דער שרייבער אויס פון אייגענעם קאָפּ? — האָט שרהקע זיך געפרעגט.

— ווי דען, דערפאַר איז ער דאָך אַ שרייבער!

— דאָס האָט שוין איינמאָל אַ קאָפּ! — האָט די אַלטע אָפּגעזיפצט.

שרהקע האָט ווייטער געלייענט. מרדכי האָט עטלעכע מאָל געוואָלט צונעמען דאָס ביכל:

— תשעה באָב ווילסטו מיר מאַכן, נאַריש קינד? אַ שרייבער טראַכט אויס אַ מעשה און זי נעמט זיך צום האַרצן! — און בשעת מעשה האָט מרדכי געפילט, ווי טרערן וואַרגן אים אין האַלדז.

— אויף מיין וואָרט, ווי עס איז אמת, נו, נו, — האָט די אַלטע דינסט אַרויס־געוויינט פון פאַרטוך.

— טאַטעשי — האָט שרהקע זיך געפרעגט — האָט מען ברוכן, די מומע גיטלס, אויך אַזוי געשלאָגן? דו זאָגסט דאָך, אַז די מומע גיטל איז אָרעם.

— גיי שוין, גיי — האָט דער פאָטער געשטאַמלט און גענומען די שפּיץ באָרד אין מויל אַריין.

אין דרויסן האָט געפייפט דער ווינט, זיך געשפּאַרט אין אַלע ווינקלען, ווי שדים וואָלטן זיך אָפּגעריסן, געפּאַטשט גאַנצע הויפנס שניי אין פענסטער אַריין. דאָס פייער האָט זיך צעברענט שטאַרקער. געקנאַקט און די פלעמלעך האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון אויוון, זיך געריסן אין צימער אַריין, געצאַפּלט ווי צונגען פון פייערדיקע שלאַנגען.

שרהקע האָט געלייענט מיט אַ ציטערדיקע שטימע:

„— — — יאָסעלע איז געגאַנגען עטלעכע טריט אַליין. באַלד האָבן זיך די פיס־לעך אונטערגעבראָכן און ער האָט זיך מיט די לעצטע כּוחות קוים צום פּאַרקאַן גע־שלעפּט. דאָ האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, געמיינט אָפּרוען אַ ביסל, נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרגעסן ווו ער איז. פייערדיקע רעדער האָבן זיך געדרייט אין זיינע אייג־לעך און, דאַכט זיך, אַזוי פינסטער אַרום אים, פונדעסטוועגן זעט ער עפּעס מענטשן, אַזעלכע מאָדנע, הויכע מענטשן מיט דריי נעזער, מיט פינף נעזער — — — מיט אַ סך קעפּ... ער שרעקט זיך פאַר זיי, ער ציטערט, זיי ווילן אים איינשלינגען, נאָר אָט, דאַכט זיך, שטייט די מאַמע זיינע, זי וויינט און גלעט אים, זי לייגט אים אין בעט, טוליעט אים, נישטאָ מער קיין מענטשן, די מאַמע אויך נישטאָ...

דאָ האָט שרהקע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ היסטערישן געוויין. מרדכי איז אויפ־געשפּרונגען, געכאַפּט שרהקען אויף זיין שויס. זי געגומען באַרויקן און טרערן האָבן גערונען אויף זיין לאַנגער באָרד. ברײנע האָט זיך אַריינגעשאַרט אין קיך מיט פאַר־שוואָלענע אויגן. שרהקע האָט אַרומגעכאַפּט דעם פאָטער מיט דער רעכטער האַנט אַרום האַלדז:

— טאַטע, פאַרוואָס איז דער שרייבער אַזאַ שלעכטער?

— וואָס מיינסטו שרהקע?

— כ'מיין, טאַטעשי, דער שרייבער האָט דאָך געקענט ענדיקן אַנדערש! ווען איך וואָלט אויסגעטראַכט אַזאַ מעשה, וואָלט איך יאָסעלען געמאַכט פאַר אַ גבור, אויף מיין וואָרט, כ'וואָלט זיין טאַטן געזונט געמאַכט און זיין גוטער מאַמע נישט געלאָזט שטאַרבן. גלויבסטו נישט?... דערנאָך וואָלט יאָסעלע גענומען נקמה פון אַלע, פון אַלע: צו מיינסטן פון דער גראָבער רייכער שיינדל, אַזאַ פּאַסקודסטווע!

מרדכי האָט געשמייכלט און אויסגעקושט שרהקען די אויגן.

— טאַטעשי, זעסט, יאָסעלעס טויטע מאַמע איז אים געקומען צו חלום — און מיין מאַמע קומט צו מיר קיינמאָל נישט! פאַרוואָס? זי האָט מיך פיינט? מיין מאַ־מעשי איז דאָך אַזאַ גוטע געווען, וואָר? זי איז געווען אַ שיינע, טאַטעשי? ווי האָט זי אויסגעזען?

— פּונקט ווי דו שרהקע.

שרהקע האָט געעפנט אירע שוואַרצע אויגן און געקוקט צום פאָטער אין מויל אַריין:

— טאַטעשי, פאַרוואָס זאָגט ברײנע, אַז די מאַמעשי איז געווען אַ בלאָנדע — אַז איך גראָט ניט אין דער מאַמעשי אַריין?

מרדכי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ ווי איינער וואָס וואַכט אויף זיצנדי־קערהייט פון אַ חלום.

— וואָס, ברײנע זאָגט, דיין מאַמע איז געווען אַ בלאָנדע? יאָ, מיין קינד, אַ בלאָנדע אַ בלאָנדע. — — —

יוסף אַפּאַטאָשו.

היסטאָרישער ראָמאַן

פונם ראָמאַן „אין פוילישע וועלדער".

מרדכיס יחוס.

מרדכי, זיין טאַטע, זיין זיידע, זיין עלטער־זיידע, ביז דעם זעקסטן דור, זיינען אַלע געבאָרן געוואָרן אין די ליפּאָווצער וועלדער, חתונה געהאַט צווישן זיך, געלעבט משפּחהווייז. יעדן חנוכה זיינען זיי זיך צונויפגעפאָרן צום עלטסטן אין דער משפּחה און זיך געחשבונט.

יוסף אָפּאַטאָשו.

אין די אַלטע, גוטע צייטן פלעגן זיי קומען איבער הונדערט. איינס באיינס געקליבענע, ווי די ביימער. זיי זיינען געזעסן ביז האַלבער נאַכט איבער דעמבאָווע טישן, געשריבן מיט קרייט פּאַסקעלעך מיט רינגעלעך און געגעסן גריוון, געבראָטענע קאַטשקעס, אַז די ווייבער זיינען אַזש מיד געוואָרן פליקן די פעדערן. זיי האָבן פאַרטרונקען מיט היימיש ביר, זיך געקריגט אויף וואָס די וועלט שטייט. כהנים געוועזן, זיך אָפּט צעדמט, באַלד זיך איבערגעבעטן, געשלאָסן צווישן זיך שדוכים און זיך צעפאָרן.

האָט זיך ביי איינעם געמאַכט אַ חתונה (און דאָס זייער אָפּט), זיינען זיך צונויפגעפאָרן בלויזע מחותנים איבער דריי הונדערט.

יעדע משפּחה האָט זיך מיטגעבראַכט פון איר געגנט דעם רב און אַ קאַפּעליע קלעזמאָרים—האָט מען געשפּילט אונטערן פרייען הימל, זיך געקריגט, תמיד געוואָלט אָפּלאָזן דעם שידוך פאַר דער חופּה, תמיד זיך איבערגעבעטן און געטאַנצט אין אַלע צימערן, אין די שייערן, אין וואַלד.

פון צופיל ווילטאָג און לײדיק גיין האָט דאָס יונגוואַרג זיך געהאַלטן אין איין ליבן, תמיד געסטראַשעט די עלטערן, אַז אויב מע וועט זיי שטערן, וועלן זיי זיך סמען. די עלטערן פון זייער זייט האָבן תמיד געשלאָגן, אַרויסגעיאָגט פון שטוב און דאָס יונגוואַרג האָט זיך תמיד איבערגעבעטן און צוריקגעקומען.

און אַז ס'האָט איינמאָל פּאַסירט—אַ פישער־שייגעץ, פון דער צווייטער זייט ווייסל, האָט זיך פאַרליבט אין זייערס אַ טאָכטער און מיט איר אַ חופּה געשטעלט אין אַ נאָענטן „קאָשיושאָל", האָט דאָס יונגוואַרג אָפּגעוואַרט דאָס פּאָרל אויפן טראַקט, אָפּגעשלאָגן די מויד פון דעם שייגעץ, נישט געוואָלט האָבן אַ משומדת אין דער משפּחה. פון חרפּה האָט די מויד זיך געוואָרפן אין דער ווייסל, אָפּגעוואַשן דעם פלעק.

אַזוי האָט מרדכיס משפּחה, פּראָסטע, גוטע יידן, געלעבט אין די ליפּאָווצער וועלדער ביז אין די גרויסע יאָרן אַריין. האָבן פיינט געהאַט אַ למדן, דרך־ארץ געהאַט פאַר אַ רב, ווייניק געזאָרגט, געפּראָפּט די קופּערס מיט כל טוב, זיך געמערט, געהאַלטן מלמדים צו די קינדער ביז איבער זעכצן יאָר און מער ווי דאַווענען און

מעביר סדרה זיין און זעלטן ווען לייענען די תורה האָט דאָס יונגוואַרג זיך נישט אויסגעלערנט.

איינמאָל אַ חנוכה, ווען דער עולם האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אָפּגעקריגט און פאַרעסן מיט פּעטע קאַטשקעס, איז מרדכיס עלטערזיידע, דעמאָלט דער עלטסטער אין דער משפּחה, מיטאַמאָל אַוועקגעפאַלן. די אַלטע פישערס, דער רופא, דער שטאָטישער דאָקטאָר—קיינער האָט נישט געהאָלפן און דער קראַנקער איז געווען חרוב פאַרביי. די וואַלד-יידן זיינען געזעסן אַרום דעם קראַנקן, געפּיפּקעט שאַרפן טאַבאַק, זיך שוין געהאַט מיאש געווען און יעדער איינער האָט ביי זיך געטראַכט, ווער עס וועט ירשענען די ספרי-תורות, (די ספרי-תורות פלעגן איבערגיין צום עלטסטן פון דער משפּחה, ווו מע איז זיך צונויפגעפאָרן הנוכה חשבונען) איז ווי דורך אַ נס פּונקט דעמאָלט פאַרפאָרן אונטערן פענסטער אַ בויד מיט צוויי פערד. אַ ייד איז אַרויס פון דער בויד און געבעטן, מע זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן. ער פאָרט מיטן לובלינער. גלייך ווי דער רבי איז אַריין אין שטוב און אַרויפגעלייגט דעם קראַנקן די האַנט אויפן קאָפּ, איז דעם חולה בעסער געוואָרן און ער האָט זיך אַ יפגעזעצט.

פון דעמאָלט אָן האָט ר' מרדכיס משפּחה גענומען פאָרן נאָך לובלין, דערנאָך נאָך פּשיסכע, דערנאָך נאָך קאָצק.

און אַזוי ווי זיי זיינען געווען וואַרעמע יידן, אַזוי זיינען זיי געוואָרן הייסע חסידים, געזעסן ביים רבין אויבנאָן, אויפגעהערט צו שליסן שדוכים צווישן זיך און אז מע האָט געהאַלטן ביי אַ שידוך, איז מען געפאָרן צום רבין.

ביסלעכווייז האָבן די וואַלד-יידן אָנגעהויבן אַרויסצושיקן די זין אין אַנדערע גוּבערניעס, אַראָפּגעבראַכט פאַר די טעכטער חסידישע לומדים, וואָס האָבן זיך באַלד נאָך דער חתונה באַזעצט אין די אַרומיקע שטעט, נישט געוואָלט וווינען אין וואַלד. האָבן די וואַלד-יידן זיך צעשאָטן איבער פוילן, איבער וואָלין, זיך אויפגעהערט צו מערן. יעדעס יאָר חנוכה צום חשבונען איז די משפּחה געוואָרן קלענער. ביז אין אַ משך פון צוויי דורות איז אין די ליפּאָווצער וועלדער געבליבן בלויז מרדכיס פאָטער.

דורות לאַנג האָט מרדכיס משפּחה געוווינט אין די ליפּאָווצער וועלדער. און כאָטש זיי זיינען נאָר געווען „שרייבער"—האָבן זיי פונדעסטוועגן די חזקה געהאַט איבער די וועלדער און זיך גערעכנט פאַר די אמתע באַלעבאַטים. ווו נאָר אַ נייע קהלה, האָט מרדכיס משפּחה געשיקט פאַרטיק געהילץ—פאַרזאָרגט אַ שטיק פוילן מיט שולן, בתי-מדרשים, ווו יידן האָבן געדאַוונט. ווו נאָר אַ תלמוד-תורה, אַ בית-המדרש האָט פאַרלאַנגט אויף ווינטער האָלץ, האָט מרדכיס משפּחה געשיקט—באַהייצט אַ האַלבע גובערניע.

די פּויערים פון דער אַרומיקער אָקאָליצע האָבן פראַנק און פריי געקליבן די צווייגן פון די אַראָפּגעלאָזטעביימער, און ווו נאָר אַ מת ביי אַן אָרעמען פּויער—האָט מרדכיס משפּחה געגעבן ברעטער אויף אַ טרומנע.

רעכטס—די געדיכטע ליפּאָווצער וועלדער, ווו הונדערטיעריקע דעמבעס זיינען פון אַלטקייט געפאַלן, זיך צעקרישלט און אַרויסגעלאָזט נאָך שטאַרקערע דעמבעס. לינקס—פּעטע לאַנקעס, ווו קליינע געקאַלעכטע פישער-הייזלעך האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פון די הויכע גראָזן.

די גאַנצע געגנט איז געווען ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב, ווי אָפּגעשניטן צווישן וואַסער און וואַלד—זיינען די פישער-קינדער געוואַקסן האַלב-ווילדע, זיך באַהאַלטן, ווי איבערגעשראָקענע היהלעך, פאַר אַ דורכפאָרנדיקן מענטשן.

בייטאָג זײַנען די פישער געשלאָפן. און געשלאָפן זײַנען זיי, ווי די ציגײַנער־משפּחה־ווייז. זיי האָבן פאַרנומען אַ גאַנצע שטוב. טאַטע, מאַמע, קינדער, שניר און איידעמס זײַנען געלעגן צוזאַמען אויף שטרויענע זעק. מיט דער נאַכט זײַנען די מענער זאַטע, אויסגערוטע אַוועק אויפן פאַנג. פאַרן אַוועקגיין האָבן די ווייבער זיי אָפּגעצלמט, כּיטגעגעבן יעדן אָנגעבערענטן ווייץ צו פאַרנאַרן די פיש און אַ בייטשל מיט וועלפישע ציינער — אַ סגולה, אַז וואַנדע, די קייסערין פון דער ווייסל, זאָל נישט פאַרפירן.

די געזונטע אָפּגעבערענטע פישערס, וואָס האָבן נישט איינמאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן, זײַנען פאַרבליבן צווישן וואַסער און וואַלד, גרויסע קינדער, פאַרשטאַנען קינדער־לשון און זיך אויסגעטענהט מיט יעדן רויש פון וואַסער.

די פישערס האָבן זיך אויסגעצויגן אין די שיפלעך, געוואָרפן אין וואַסער אַריין די אָנגעבערענטע ווייצן און זיך אײַנגעהערט. און אַז די ווייסל האָט זיך גענומען בלעזלען, ווי זודיק וואַסער, זײַנען די פישערס געוועזן זיכער, אַז עס וועט זײַן אַ גוטער פאַנג. צופרידענע האָבן זיי אָנגעגרייט די סיטשן, שאַרפער אָנגעשפּיצט די אויערן. דאָס גערויש איז געוואָרן אַלץ גרעסער — מחנות קליינע פישלעך, ווי זילבערנע קריעס, האָבן זיך דורכגעטראָגן מיט אימפּעט, פאַרשוווּנדן און צוריק זיך באַוויזן. אויסגעהונגערטע העכט, קאַרפּן, שלייען מיט אָפענע מײַלער האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי.

פאַמעלעך האָבן די פישער אַרײַנגעלאָזט אין וואַסער די סיטשן, יעדע ווײַלע אַרויסגעשלעפּט פון די כאַליאַוועס די „מאַמעס" מיט בראַנפן, זיך דערוואַרעמט און געחלומט. און געחלומט האָבן זיי וועגן פאַרפיר־ליכטלעך, וואָס לויכטן בײַנאַכט אויפן וואַסער, וואָס בלישטשען דאָ און דאָרט פון וואַלד אַרויס, ווי וועלפישע אויגן. זיי זײַנען געוועזן זיכער, אַז דאָס זײַנען אוצרות — וואַנדעס אוצרות. יאָגן זיך אָבער נאָך אַ פאַרפיר־ליכטל טאָר מען נישט — עס פאַרפירט.

און אַז די ווייסל האָט זיך צעשפּילט, צעפּאַלדעוועט, זיך אַוועקגעשטעלט אונטער דער לבנה, ווי גרינלעכע שטיקער אײַז, האָבן די פישערס ווי קינדער זיך געבעטן בײַ איר, ווי בײַ אַ מאַמען, זי זאָל זיך דערבאַרעמען און אויפהערן. און אַז דאָס וואַסער איז נישט שטילער געוואָרן, האָבן זיי וואַנדען געוואָרפן אַ וואָלפישן צאָן נאָך אַ צאָן און צוזאַמען פאַראַנקערט די שיפלעך בײַם ברעג. זיי האָבן פאַרצויגן די פאַרצעלאָנענע פּיפּקעס, געשפּיגן אין וואַסער אַרײַן און צום הונדערטן מאָל געהערט פון די אַלטע פישערס, אַז דער פאַנג ווערט שוואַכער פון יאָר צו יאָר, אַז וואַנדע איז געפּענטעט, אַז די ווייסל איז צעשניטן, אַז נישטאָ מער די אַמאָליקע צײַטן, ווען אַ פישער האָט זיך געטראָגן איבערן וואַסער־ווי אַ פויגל.

און דאָרט פון וואַסער שנײַדט זיך וואַנדע אין דער נאַכט אַרײַן. זי שפּרייט זיך, הילט אײַן די ווייסל, קלאָגט זיך פאַר אירע קינדער, אַז מע האָט איר דאָס וואַסער פאַרומרייניקט, אַז פרעמדע מענטשן זײַנען אָנגעלאָפן ווי אַ היישעריק און איר איז דושנע — האָבן די יונגע פישערס אויסגעלאָשן די לאַמטערנעס, פון צער זיך געשפּיגן אין די פויסטן אַרײַן, שטאַרקער גענומען די וויאָסלעס אין די הענט און זיך געגליטשט איבערן וואַסער, ווי איבערן רוקן פון אַ בויגיקער גרויסער חיה. דאָס האָבן זיי זיך געגנבעט אין די רעגירונג־וואַסערן, ווו דער פאַנג איז גרעסער.

אַזוי האָבן די פישערס געלעבט פון דור־דורות, ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב. און געוואַקסן זײַנען זיי ווי די דעמבעס, מיט פלאַקסענע קעפּ, שטאָלענע אויגן און

אין די אַכציקער יאָרן האָבן זיי נאָך געהאַט אַלע ציינער—געלע ציינער, ווי אַלטע מיט מאָך באוואַקסענע פּיענעס.

זיי זיינען זעלטן געגאַנגען אין „קאַשטשאָל", נאָך זעלטענער זיך מתודה געווען. אַ טאָג פאַר פּסח האָבן זיי זיך אַלע צונויפגעלייגט, געגעבן יעדער מיט אַ פולער האַנט און אַראָפּגעבראַכט דעם גלח, ער זאָל באַשפּריצן דאָס געבעקס מיט הייליק וואַסער. און מאָנטאָג, דעם צווייטן טאָג פּסח, זיינען אַלע, קינד און קייט, אַוועק אויסגעפּוצטע אין וואַלד אַריין, פאַרבעטן דעם „פּאַן-שרייבער" און געפּירט מיט פּאַראַד צו דער ווייסל אַ שטרויענעם גולם מיט גרויסע אויגן פון קאָלירטע אייער.

און געגלויבט האָט מרדכיס משפּחה באמונה שלמה, אַז די ווייסל פאַרלאַנגט אירס—האָבן זיי יעדעס יאָר געשטעלט פּעסלעך ביר און מיט געזאַנג האָבן די „קאַצקער" צוזאַמען מיט די פישערס געבראַכט וואַנדען אַ קרבן—געוואָרפן דעם גולם אין וואַסער אַריין.

רוים און ירושלים.

באַרג אַרויף האָבן זיך געצויגן אָפּגעריייניקטע סטעזשקעס, וו פון ביידע זייטן איז געלעגן אַ טיפער שניי. לאַנגע געקאַלכטע געביידעס זיינען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן שטח און אויסגעזען פונדערווייטנס ווי קאַזאַרמעס. אין דער מיט איז געשטאַנען אַ קלויסטער מיט צווי טורעמס, וועמעס צלמים, באַשאָטן מיט צעדריוולטן שניי, האָבן זיך געצייכנט אין דער דורכזיכטיקער לופט. די טויערן פון קלויסטער זיינען געווען ברייט צעעפנט און די פלעמלעך פון די וואַקסענע ליכט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין שאָטן, פאַרשוונדן און זיך צוריק באַוויזן. פון אַלע זייטן זיינען אָנגעפאָרן שליטלעך מיט פויערים, יונגען מיט סענקעוואַטע שטעקנס זיינען אָנגעקומען קופּקעסווייז, פרויען אין שוואַרצע קליידער האָבן געקניט פאַרן קלויסטער און איינציקווייז פאַרשוונדן אין די צעעפנטע טויערן, ווי אין אַ באַלויכטענער טיפער הייל. מאַנאַכן אין לאַנגע, ברוינע קאַפּאָטעס מיט גאַרטלען, וו די טראָלדן האָבן זיך געבאָמבלט צווישן די פיס, האָבן זיך גאָטפאָרכטיק געשאַרט צווישן עולם, געטאָן זייער טעגלעכע אַרבעט, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פאָרגעקומען.

דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט. יעלענסקי האָט אויפגעהויבן דעם „קאָץ" און אַלע זיינען אַרויס. עס איז שווער געווען צוצוקומען צום קלויסטער. דער עולם האָט זיך געשפּאַרט פון אַלע זייטן. יעדע ווייַלע איז אָנגעקומען אַ פרישע קאָמפּאַניע. איינער האָט געטראָגן אַ צלם, אַן אַנדערער—אַ הייליק בילד און דער עולם האָט געזונגען. דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון אַרום און אַרום. דאָ האָט מען געענדיקט, דאָרט אָנגעהויבן, דאָ איז עמיצער אַריין אין דער מיט און דאָס שטילע געזאַנג האָט זיך געקייקלט איבערן ווייסן שניי, אָנגעיאָגט אַ טרויער. ס'פאָלק האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען און שטיל מיטגעזונגען, ווי אויף אַן „אָטפּוסט".

אַ יונגער גלח איז אויסגעוואַקסן, זיך באַגריסט, פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף מרדכין. ווען מע האָט אים פאָרגעשטעלט, איז מרדכין געוואָרן אומהיימלעך, געמיינט אַז פון אַלע זייטן קוקט מען אויף אים.

— פּאַניע קאַהאַנע—האָט דער גלח אַ צופרידענער געוויזן אויף די מענטשן. וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען — איצט וועט שוין קיינער נישט זאָגן, אַז ס'פאָלק איז קעגן אויפשטאַנד', האַ?

מרדכי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האַלב פאַרמאַכטע אויגן,

נישט געפילט, אַז אַרום איז אַ געדיכטע וואַנט מיט מענטשן, וואָס האַלט זיך אין איין צוזאַמענפּרעסן, פאַרשטעלט וואָס טוט זיך אַרום. אין מח ביי אים איז געוואָרן אַזוי לופטיק, אַז ער האָט זיך געהויבן איבער אַלעמענס קעפּ, געזען ווי דער שונא אַ באַוואָפנטער קומט אָן, שטעלט זיך אָן די ביקסן און סטראַשעט, אַז, אויב מע וועט זיך נישט פונאַנדערגיין, וועט ער שיסן. דער עולם האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי איין מענטש זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און זיך געבעטן ביים שונא:

— שיס!

דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן, געוואָלט נענטער צוקומען צום קלויסטער, מיטגעשלעפּט מרדכין, האָט ער דערפילט, ווי ער זיצט אין אַ קלעם, טראָגט זיך מיטן שטראָם, ווי אַ שפּענדל, און מורא געהאַט, די מאַסע זאָל נישט צעקוועטשן קאַהאַנען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען אַרום זיך פאַרדעכטיקע פּנימער, דערזען שפּיציקע אויגן, געהערט ווי אַן אַלטיטשקער אין אַ „קאָנפעדעראַטקע" דערציילט, ווי ער האָט אין די דרייסיקער פאַרטיידיקט וואַרשע, און קיינער פון די אַרומיקע הערט זיך נישט איין. אַלע מיט צעעפנטע מיילער, גייציקע אויגן רייסן זיך צום קלויסטער מיט אָנגעשטעלטע עלנבויגנס, איז מרדכין איינגעפאַלן, צי וואָלט די זעלבע מאַסע בכוח געווען זיך צו שטעלן קעגן וועלכן עס איז שונא?

ביים אַריינגאַנג אין קלויסטער, וווּ דאָס בילד פון דער הייליקער מאַמע איז געשטאַנען, האָט מען אויסגעשטעלט אַ גיפּסענע פיגור פון אַ יונגער פרוי. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ „קאָנפעדעראַטקע", אויפן האַרץ אַ ווייסן אָדלער פון בלומען און איבער די הענט און פיס האָבן געהאַנגען אייזערנע קייטן. אַ הייפעלע יונגע לייט מיט מיידלעך האָבן געקניט אויפן שניי און געזונגען:

Boże coś Polskę — — —

דאָס פאָלק האָט אונטערגעכאַפּט, געבליבן שטיין ווי אַ וואַנט, און אין דער קאַלטער לופט האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן אָן וווּרטער.

ביי דער פיגור איז אויסגעוואַקסן אַ גלח. נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער. דער עולם האָט זיך קיין ריר געטאָן, געשטאַנען מיט צעשטראַלטע פּנימער, נישט געהערט וואָס מע רעדט, בלויז געפילט, אַז די שעה האָט געשלאָגן, מע דאַרף צעררייסן די קייטן.

קאַהאַנע האָט געאַרבעט מיט די פויסטן, גערעדט הייזעריק. די, וואָס זיינען געשטאַנען נאָנט, האָבן געוואָרפן די היטלען, געשריען „יעדנאָשטש". מרדכי האָט דערפילט אַ פּאָר נאַסע וואָנסן פון טאַבאַק-שמעקן אויף זיינע באַקן — אַן עלטערער גוי האָט אים אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט:

— אַז „יעדנאָשטש", זאָל זיין „יעדנאָשטש"!

עמיצער האָט פאַרצויגן, און איבערן פעלד האָט אַ הילך געטאָן:

Z dymem pożarów — — —

דאָס געזאַנג איז געוואַקסן העכער און העכער, זיך געקייקלט איבער די פּוטערנע היטלען פון די פּויערים און אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ הייליק גלויבן פון אַ פאָלק, אַז היינט, מאָרגן וועט עס באַפרייט ווערן.

די לופט האָט אויפגעציטערט אַרום און אַרום:

— ער פאָרט, ער פאָרט.

— ווער?

— פּרינץ פּאָניאַטאָווסקי!

— ווער איז ער?

— ווער ער איז? כ'ווייס — — — — ווי זאָגט מען דיר?

— אַ פּרינץ?

— יאָ, פּאַניע, אַ פּרינץ!

— ניין, ס'איז גאָר הראַביא זאַמאָיסקי!

— ביסט זיכער?

— זיכער צי נישט זיכער, נאָר ס'קומט, ברודער, אָנצופּאַרן נישט ביליע־ווער!

— וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ געשפּאַן?

— ווי דאָס לויכט!

— גאָלד!

— ריינע גאָלד!

פון וואַלד איז אָנגעריטן אַ סוויטע שלאַכטשיצעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלויף, קיינער האָט נישט געוווסט, ווער עס קומט אָנצופאָרן. מע האָט אָנגערופן פאַרשיידענע נעמען, זיך געשפּאַרט, זיך געוועט. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ קאָטש, געשפּאַנט „נאַ־שפּיץ" אין צען פערד—לויט די צען פוילישע גובערניעס. אין קאָטש איז געזעסן אַ יונגערמאַן, אַרומגערינגלט מיט דאַמען. די פערד, געהילט אין בלוי־זיידענעם בראָקאַט, דורכגעוועבט מיט זילבערנע אָדלערס, האָבן געטראָגן אויף די פאַרריסענע קעפּ גאָלדענע יחוס־הערבן. בויגיקע פוילישע טעכטער, אין נאַציאָנאַלע „קראַקאָווסקע" קליידער, האָבן געשלאָסן אַן ערן־וואַך, עטוואָס געבויגן זייערע שטאָלצע קעפּ, געכשופט מיט די בלויע אויגן, מיט די גאָלדענע צעפּ. די גלאָקן האָבן זיך שטיל צעוויגט, און פון קלויסטער איז דעם פּרינץ אַנטקעגן געקומען אַ הייליקע פּראָצעסיע. און די קלויסטער־גלאָקן האָבן זיך שטאַרקער צעוויגט, און די שטאָלצע, פוילישע טעכטער האָבן טיפער געבויגן זייערע קעפּ, העכער און שטאַרקער האָט געקלונגען זייער געזאַנג, באַגלייט מיט אַ קרעכץ פון אַ יידישער פידל. אַזוי האָט מען אַראָפּגעשליידערט דעם שווערן יאָך, פאַרהילכט די חרפה און ווייטאָק פון פוילישן פאָלק—האָט דער עולם שטיל און הייליק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען פאַר זייער פּרינץ און געגאַרט נאָך זיינס אַ וואָרט.

און שטאָלץ איז געשטאַנען דער פּרינץ איבער דעם קניענדיקן פאָלק, קריגע־ריש געביסן זיין לאַנגע וואָנסע און געזען, ווי פון וואַלד קומט אָן אַ ייד, דאָס איז געוועזן משהלע דאָרף־שוחט, אַ קליין יידל מיט אַן אויסגעגעסן בערדל, וואָס האָט אַהיים געטראָגן אַ זעקל לונג־און־לעבערס. פאַרגעסן האָט דער פּרינץ, אַז מע קניט און מע וואַרט אויף זיינס אַ וואָרט. ער איז אַרויס פון דער קאָטש, אַנטקעגן געגאַנגען דעם יידל, אים אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט מיט אים. האָבן די שלאַכטשי־צעס געוואָרפן די „קאָנפעדעראַטקעס", די דאַמען—די ווייסע, זיידענע האַנטשן, און דאָס נאָר וואָס תפילהדיק פאָלק איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ וויוואַט, געשריען „יעד־נאָשטש", לאַנג לעבן זאָל מאָשעק — האָט זיך די ברייטע נאַטור פונם פּרינץ צע־שפּילט אונטער די דאַמעס געשרייען, האָט ער משהן געכאַפּט אויף די הענט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס יידל האָט געדריגעט מיט די פיס, געוויינט, אים אַריינ־געזעצט אין דער קאָטש און דער צוג האָט זיך ווייטער געצויגן.

די דאַמען האָבן גענומען באַרויִקן דעם שוחט, אים געגלעט, אַראָפּגענומען פון די העלדזער סאַמעטלעך, בענדער, צירונג, אויסגעפלאָכטן פאַר אים אַ „קאָנפעדע־ראַטקע" מיט אַ פּאַווע־פעדער, געגאָסן אויף אים פּאַרפומען פון זילבערנע פלאַ־

קאָנען און געוואָרפן גורל, ווער עס זאָל אים צוערשט אַ קוש טאָן. דער שוחט איז נעבעך געזעסן אין געברענטע צרות, געוויינט, תּפילה געטאָן.

מרדכי איז אויסגעוואַקסן ביי דער גיפּסענער פיגור, ווו הייליקע פאָנען האָבן געפלאַטערט. אַ בלייכער, מיט אויפגעהויבענע הענט, איז ער געשטאַנען עטוואָס גע־בויגן, זיך קיין ריר געטאָן. די אויגן אָפענע, מילדע, האָבן געקוקט עטוואָס צע־שראָקן און וועמעס בליק האָט צו זיי פאַרבלאָנדזשעט, האָט זיך שוין פון זיינע אויגן נישט געקאָנט באַפרייען. צווישן די פלאַטערנדיקע פאָנען האָבן אַרויסגעשטראַלט צוויי פּנימער, ווי צוויי לייבלעכע ברידער — דער בלייכער „זון“ און דער נאָך בליי־כערער מרדכי.

די געשרייען זיינען געוואָרן קלענער, דאָס געזאַנג שטילער. דאָ און דאָרט האָט מען געטייטלט מיט די פינגער, ווי אויף אַ וווּנדער, זיך נישט געכאַפּט, וואָס דאָ טוט זיך, פאַרגאַפטע זיך געהויבן אויף די שפּיץ פינגער:

— ווער איז דאָס?

— ווער איז דאָס?

— אַ ייד?

— ער זעט דאָך אויס ווי פּאַן יעזוס?

— ווער איז דאָס?

— ווער?

מרדכי איז געשטאַנען ווי פריער. ס'פּנים בלייך, אויסגעצויגן, די האָר נאָכ־לעסיק צעוואָרפן איבערן שטערן, די קאַפּאָטע צעקנעפּלט און די ווייסע, איידעלע הענט געווענדט צום עולם.

די פּלוצלינגע שטילקייט האָט געזשומעט אין די אויערן, בולטער געמאַכט דאָס איינטאָניקע וויגן פון די קלויסטער־גלאָקן, און אַ פּחד געמישט מיט נייגעריקייט האָט זיך געוויגט אין די הערצער.

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי פון וואַלד זיינען אָנגעריטן קאָזאַקן אויף קליינע, פלינקע פערד. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון אַ פּויק. די קאָ־זאַקן זיינען אָנגעלאָפן מיט פינקלדיקע באַיאָנעטן, מיט אָנגעשטעלטע ביקסן צום שיסן.

אָנשטאָט צו אַנטלויפן האָט דער עולם זיך נאָך מער צוזאַמענגעדריקט, פּלייצע צו פּלייצע, זיך צונויפגעגאָסן אין אַן אומענדלעכער וואַנט, און איבער דער וואַנט איז געשטאַנען מרדכי, ווי אויסגעהאַקט פון מאַטן שטיין, זיך אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אָן דער הייליקער מאַמע און געקוקט אויפן עולם.

די מאַסע האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, געוואָלט אַריין אין קלויסטער, געווען אָבער אַזוי צוזאַמענגעפּרעסט, אַז קיין איין מענטש האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן, איז די מאַסע געבליבן שטעקן אין דער לופט, דאַכט זיך געהאַנגען, ווי אַ פויסט וואָלט זיך איר אַוועקגעשטעלט אין האַלדז, און מיט גלאָציקע אויגן געקוקט אויפן בלייכן ייד.

די פּויק איז אַנטשוויגן געוואָרן, און ס'האָט זיך געהערט אַ הייזעריק קול פון אַן אָפיציר.

— צעגייט אייך, אַז נישט וועט מען אייך מיט געווער צעטרייבן.

קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אַ יונגער גלח האָט אויפגעהויבן אַ צלם און זיך צעזונגען:

Święty Boże — — —

דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט:

Święty Boże, święty mocny, święty a nieśmiertelny zmiłuj się nad nami — — — — — — — — — — — — —

אַלע האָבן אַראָפּגעכאַפּט די היטלען, געזונגען העכער, פאַרעקשנט געקוקט אויף די פינקלדיקע באַיאָנעטן, אויף די לעכער פון די אָנגעשטעלטע ביקסן, זיך געמאָסטן מיט כוחות.

אַ לייכט קלאַפּן פון פויקן, ווי מע וואָלט אַרבעס געשאָטן, האָט אויפגעטרייסלט די לופט. באַלד איז דאָס קלאַפּן געוואָרן שטאַרקער, איבערגעגאַנגען אין אַ וואָיען, אַז דרעשטשעס זיינען דורך איבערן לייב, און אַ קנאַל פון ביקסן האָט פאַרטויבט אויף אַ רגע דאָס שטילע געזאַנג. דער גלח האָט אַרויסגעלאָזט דעם צלם, אַ צווייטער האָט אים אויפגעהויבן, גלייך געפאַלן פון אַ קויל. מרדכי האָט אונטערגעכאַפּט דעם צלם.

די צונויפגעפּרעסטע וואַנט פון מענטשן האָט נאָכגעלאָזט, אַריבערגעשפרונגען איבער די קרעכצן פון די געפאַלענע, זיך נישט צעלאָפן, און מיט אויפגעהויבענע שטעקנס, מיט בלויזע הענט, מיט שטיינער זיך אַ שפּאַר געטאָן צום שונא.

מרדכי איז געלאָפן אויף אַ פריער.

ס'העמד צעריסן, ס'ווייסע לייב צעעפנט, די ליפּן פאַרקוועטשט פון ווייטאָק און די אָנגעצונדענע אויגן האָבן, דאַכט זיך, געשריען צום שונא:

— שיס! מאָרדעווע אומשולדיקע מענטשן!

די מאַסע האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, זיך געקייקלט אין דער בלויקייט אַריין מיט די פיס אַרויף, נישט געוואָרן. מרדכי האָט זיך געחדושט, פאַרוואָס ס'איז מיט־אַמאָל אַזוי שטיל געוואָרן. ער האָט גערופן, זיך געיאָגט אין דער בלויקייט. אַלץ איז אָפּגעשטאָרבן. צעשוווּמען.

בלוט און פייער.

צוויי לעשניקעס האָבן אַריינגעפירט אין הויף אַריין אַ פויער מיט געבונדענע אויף אַ הינטער הענט. פון די שייערן, פערד־שטאַלן האָבן זיך באַוויזן פאַראָבקעס אין שעפּסענע פעלצן, בייגעריקע אַרומגערינגלט דעם אַרעסטאַנט:

— וואָס איז דער מער, סטאַך?

— ווער האָט דיך אַזוי צעשלאָגן?

— זע נאָר ווי געשוואָלן?

— מע זעט דאָך ביי אים קיין אויג נישט אַרויס!

דער געבונדענער האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן, האָט דאָס אונטערגעשלאָגענע אויג צעקרומט דעם שמייכל און איבערן פנים האָט זיך צעלייגט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן ביים פונאַנדערוויינען. ער האָט שטיל געפרעגט:

— ווו איז אַנטעק?

— אַנטעק פּיאַסעצקעס?

— יאָ.

— אָט קומט ער!

אַנטעק, אַ ברייטביינעקער שייגעץ, אין אַ רויטן שפּאַנציר, איז אַרויס פון שטאַל אָן אַ היטל. ער האָט געקנאַלט מיט אַ קורץ בייטשל. דערזען סטאַכן אַ געבונדענעם, איז ער אונטערגעלאָפן:

— און ווו איז מיין „אַלטער"?

— זיי האָבן אודנז צעשלאָגן!

— פאַרוואָס?

— גנבעט נישט, וועט מען אייך נישט שלאָגן!—האָט זיך אַ לעשניק אָנגערופן.

— זאָגסט ליגן!—האָט דער געבונדענער מיט בטול געקוקט אויפן לעשניק, אומבאהאָלפן אַ שלעפּ געטאָן די צוגעבונדענע האַנט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן אין האַרץ אַריין—מיר האָבן נישט געגנבעט! מיר האָבן גענומען האָלץ פון אונדזער וואַלד, פון פּויערשן — — —

— אַ קוויטל האָסטו געהאַט?—האָט דער לעשניק ווילעריש אַ פרעג געטאָן.

— פאַרמאַך בעסער די געמבע, פאַרמאַך!—האָט אַנטעק אַ געשריי געטאָן אויפן לעשניק און ווידער געפרעגט סטאַכן—און ווו מיין „אַלטער" איז, ווייסטו גאָרנישט?

— פרעג זיי, די „פּסו־בראַטעס"—האָט דער פּויער געוויזן אויף די לעשניקעס — זיי האָבן אים געשלאָגן — — —

די לעשניקעס האָבן זיך פאַרלוירן, נישט געקאָנט פאַרטראָגן די בליקן פון די פאַראָבקעס, זיך גענומען רוקן אויף צוריק, געוואָרפן מיט די אויגן הין און הער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסמיידן אַ געפאַר און איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן:

—אַבי איר טשעפּעט זיך! מיר זיינען נישט שולדיק! איר אויף אונדזער פּלאַץ וואָלט אויך נישט בעסער געווען! צו וואָס האַלט מען אַ לעשניק אין וואַלד? ער זאָל לאָזן צעשלעפּן ס'האָלץ? דערצו איז דער פאַן אַליין געשטאַנען — — — געהייסן שלאָגן — — —

— האָסטו געשלאָגן? — איז אַנטעק אונטערגעגאַנגען.

דער לעשניק האָט נישט געענטפערט און זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק.

אַנטעק האָט אים אונטערגעטראָגן ס'בייטשל צו דער נאָז:

— אַזאַ הונטצוואָט! בינד גלייך אויף סטאַכן, הערסט?

— ווער ביסטו דאָס?—האָט דער לעשניק אַ בלייכער פאַרוואָרפן דאָס פּנים אויף צוריק און עטוואָס אונטערגעהויבן זיין סעקעוואַטן שטעקן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן.

— ווער איך בין? אָט ווער איך בין!—האָט אַנטעק אים אויסגעהאַקט אַ פאַטש.

דאָס איז גענוג געווען, די פאַראָבקעס זאָלן זיך אַ וואָרף טאָן אויף די לעשני־קעס. מע האָט געשלאָגן מיט וואָס ס'איז נאָר געקומען אין דער האַנט אַריין—מיט קלאָניצעס, דישלעס, פערדישע פאָדקאָוועס, מיט די אָפּצאָסן פון די שטיוול. פון די קולות האָבן זיך הינט גענומען רייסן אויף די קייטן מיט אַ בילעריי, שיקסעס האָבן געקוויטשעט און אין דעם טומל, וואָס האָט זיך געהויבן איבער די געביידעס פון הויף, זיך געקייקלט איבער די שטילע, פאַרשנייטע פעלדער, האָט זיך געהערט אַ פאַרצווייפלט געשריי:

— אָלאַ באָגאַ, ראַטעוועט! אָלאַ באָגאַ! — — —

דער שררה האָט אָנגעריטן פון וואַלד מיט אַ סוויטע. מיט אָנגעשטעלטע ביקסן האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם המון און אָפּגעשטעלט דאָס געשלעג. ס'איז געוואָרן אומאָנגענעם שטיל. די לעשניקעס, פאַרבלוטיקטע, אָן כחות, האָבן אָנגעוויזן אויף אַנטעקן.

— איך וועל אים אָנלערנען, דעם בונטאָווניק, דעם כאַם!—איז דער שררה

נישט אײַנגעזעסן אויפֿן פֿערד, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען—פֿינף און צוואַנציק שמיץ גלייך אויפֿן פּלאַץ!

ער האָט אַ טרייב געטאָן ס׳פֿערד, פֿאַרבייגעלאָפֿן אַנטעקן און אים אָפּגעמאָסטן מיטן ראַפּניק איבערן פּנים. אַ צעשפּאָלטענע פּאַס פּאַק איז גלייך אָנגעלאָפֿן ווי אַ שטיק קישקע. אַנטעק האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער באַק, געגומען לויפֿן אַרום און אַרום און זיך אויסטערליש צעשריען, אַז ביי אַלעמען זיינען דורך דרעשטשעס.

די פּאַראָבקעס האָבן געוואָלט אָפּציען, נישט זען די שאַנד פֿון אַ ברודער, האָט מען זיי פֿאַרשטעלט דעם וועג—געהייסן קוקן, ווי מע באַגייט זיך מיט אַ בונטאָווניק.

דער עקאָנאָם האָט אַנטעקן געבונדן הענט און פֿיס, ווי מע בינדט אַ בהמה פֿאַר דער שחיטה, און אַז מע האָט געבראַכט די ריטער, האָט עמעצער אַ ציי געטאָן ביים שטריק און אַנטעק איז אַ פֿאַל געטאָן אין שניי אַריין, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים. מע האָט אים אַוועקגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ. צוויי פּויערים האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אים. איינער אויף די פֿיס, דער צווייטער אויף די פּלייצעס. דער עקאָנאָם האָט באַטראַכט די ריטער, זיי גוט איינגעריבן אין שניי, עטלעכע מאָל מיט זיי דורכגעשניטן די לופֿט מיט אַ פֿייף און אַ צופֿרידענער איבערגעגעבן דעם שמייסער. די פּאַראָבקעס האָבן געהאַלטן די אויגן צו דער ערד, נישט געקוקט אויפֿן פּלאַץ, וווּ אַנטעק איז געלעגן, און אומבאַהאָלפֿענע געפּילט, ווי דער הויף ווערט פֿאַר זיי אַלץ ענגער און ענגער. עס האָט זיך דערהערט דעם עקאָנאָמס שטימע:

— פֿאַרטיק?

— פֿאַרטיק—האָט געענטפֿערט דער שמייסער.

דער עקאָנאָם האָט איינטאָניק געציילט:

— איינס — — — צוויי — — — — דריי — — — —

די רוט האָט געפֿייפֿט איבער די איינגעצויגענע הויזן, זיי דורכגעהאַקט, געשניטן מיטן פֿלייש. טראָפּנס בלוט האָבן געטריפּט אין ווייסן שניי אַריין, געטריפֿט און פֿאַרגליווערט געוואָרן. אַנטעק האָט געשריען נישט מיט קיין מענטשיש קול, אַנטשוויגן געוואָרן, ווידער אָנגעהויבן און צווישן שווייגן און שרייען, איז דאָס איינטאָניקע ציילן פֿון עקאָנאָם טעמפּ געפֿאַלן אויף די פֿאַרטויבטע אויערן:

— אַכט — — — — ניין — — — — צען — — — —

מרדכי איז אונטערגעקומען, געזען ווי מע שמייסט אַ דערוואַקסענעם מענטש, איז ער אַ פֿאַרציטערטער געוואָרן. ער האָט געהערט, אַז פּריצים שמייסן פּויערים, שמייסן ייִדן, עס אויפֿגענומען ווי אַ בבא-מעשה, וואָס אַלע דערציילן און וואָס קיינער האָט עס נישט בייגעוווינט. איצט האָט ער זיך אָנגעשטויסן דערמיט אויג אויף אויג.

ער האָט זיך דורכגעשטופּט און איז גלייך צוגעגאַנגען צום שמייסער:

— מענטש דו, ווי שעמסטו זיך גיט אויפֿצוהייבן אויף דיינעם אַ ברודער אַ האַנט?

מרדכיס דרייסטקייט, דאָס האַלטן זיך, זיין האַרציקייט—אַלץ האָט געווירקט, געקומען אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז דער שמייסער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויפֿן שררה, אויף מרדכין, האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן איבערצוקוקן און דאָס שטילקייט האָט געשניטן די אויערן.

צי דערפֿאַר, וואָס מע האָט אויפֿגעהערט שמייסן, צי דערפֿאַר וואָס אַ פֿרעמדער האָט געהאַט די העזה אים זיך אַנטקעגנצושטעלן, ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט דער

פּאַרדרוס ביים שרה געהאַלטן אין איין וואַקסן. אַן אָנגעכמורעטער האָט ער זיך אַרויסגערוקט מיטן פערד און געפרעגט מרדכין:

— ווער זייט איר דאָס?

— אַ דורכגייער — האָט מרדכי געענטפערט.

— טאָ גייט ווייטער, אַז ס'איז אייך גוט, — האָט דער שרה זיך געבייזערט — מישט אייך נישט אין פרעמדע אינטערעסן!

— לאָז דער „ווילמאַזשני פּאַן” אַזוי גוט זיין — האָט אַ פּאַראָבעק אָנגעהויבן שטאַמלען, זיך פאַרנויגט מיטן היטל אין דער האַנט און געוויזן אויף אַנטעקן — די איבעריקע שמיץ גיב מיר!

— וואָס טוט זיך דאָ, צו הונדערט טויזנט טייוואָלים? — איז דער שרה פון כעס נישט איינגעזעסן אויפן פערד און אַ געשריי געטאָן צום שמייסער — קאָלעק, שמייס ווייטער! דאָס כאַמסטוואָ וועט מיר נישט דיקטירן, וואָס איך האָב צו טאָן!

— קאָלעק איז אַ קאַטאָליק, ער וועט נישט שמייסן זיינעם אַ ברודער — האָט מרדכי זיך אָנגערופן.

— ווער איז ער, דער פרעמדער? — האָט איינער פון דער סוויטע אַריינגעוואָרפן.

— וואָס וויל ער?

— ס'איז אַ „קשאָנדז”?

— ווייס איך?

— ס'איז דאָך אַ ייד?

— וואָס דו פּלאַפּלסט!

— פרעג אים!

— פרעג אים דו!

— ס'איז אַ ייד! ס'איז אַ ייד!

— אַ ייד? — האָט דער שרה אַן איבערראַשטער איבערגעפרעגט.

— יאָ, — האָט מרדכי געענטפערט.

— טאָ גיב דעם ייד די איבעריקע שמיץ! — האָט דער שרה אַ געשריי געטאָן צום שמייסער און אויסגעשפּיגן — אַזאַ נישט גלויביקער!

איידער מרדכי האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, איז ער שוין געלעגן אויפן שנײ, געפילט ווי אַן אָנגעגליטער קלין שניידט זיך אַלץ טיפער אין לייב אַריין, שפּאַלט, דאַכט זיך, די פּלייצעס אין צווייען, צעקרישלט אַ ביין נאָך אַ ביין... די יסורים ווערן אַלץ גרעסער, פאַלן איבער אים, ווי שפּיציקע שטיינער און פון אונטער די קלעפּ הערט זיך דעם עקאָנאָמס איינטאָניק ציילן:

— צוואַנציק — — — — איין-און-צוואַנציק — — — — צוויי-און-צוואַנציק —

———————————————

מרדכי איז געלעגן אָן כוחות, נישט געזען, וואָס ס'טוט זיך אַרום אים, בלויז געפילט, ווי מע רייבט אים די שלייפן מיט שנײ. ער האָט געעפנט די אויגן, געקוקט איבער אַ רגע אויף די פּאַראָבקעס, וואָס זיינען געשטאַנען איבער אים, זיך געכאַפּט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און מיט די לעצטע כוחות זיך אַ שטעל אויף געטאָן. ער האָט נישט געקאָנט גיין, געזען רעדער פאַר די אויגן און זיך אָנגעהויבן וואַקלען. די פּאַראָבקעס האָבן אים אונטערגעכאַפּט, אַריינגעפירט אין שטאַל, ווו אַנטעק

איז געלעגן, אָפּגעוואַשן מיט לעבלעך וואַסער זיינע ווונדן און נישט דרייסטע אים געפרעגט צי ער וועט עפּעס עסן.

— אַ טרונק וואַסער, — האָט מרדכי זיך געבעטן.

ער האָט אויסגעטרונקען אַ פולע שעפּ. ס'וואַסער האָט געקילט זיין צעפלאַמטן קערפּער, אים אַ ביסל אָפּגעפרישט. מיט מאַטערניש האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בויך און אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט, ווי די פּאַראָבקעס, וואָס האָבן זיך צוזעצט אַרום אַנטעקן, האָבן געשמועסט:

— אַז וואָס ס'קומט אויף אונדז, איז אַלץ ווייניק! — האָט זיך איינער אָנגערופן

— איך וועל אים ווייזן, דעם „פּסו־בראַט", ווי צו שמייסן! — האָט אַנטעק אַריינגעוואָ־פן מיט אַ קרעכץ.

— מיר האַלטן אין איין ווייזן און זיי שלאָגן דערוויילן!

— אַז אַ פויער און אַ בהמה איז אַלץ איינס!

— גערעכט! וויטעק איז גערעכט! ווען מיר וואָלטן געווען מענטשן, וואָלטן מיר דאָ נישט געזעסן!

— אין פּעפּלאָווקע, דערציילט מען, האָבן די כלאָפּצעס אונטערגעצונדן דעם הויף.

— מיר דאַ־פן אויך אַזוי טאָן!

— איר זינדיקט — האָט זיך אַן אַלטער פורמאַן אָנגערופן.

— אין קאַרשין האָבן זיי דערהרגעט דעם שררה!

— מע דאַרף זיי אַלע אויסהרגענען!

— אונדזערער איז אויך נישט זיכער מיטן לעבן!

— איר זינדיקט, קינדער, איר זינדיקט — האָט דער פורמאַן זיך אָפּגעצלמט — דער נישט גוטער רעדט פון אייך אַרויס!

— ווי זינדיקן מיר, זיידע — האָט אַנטעק זיך אויפגעזעצט — אַז מיר האָבן ביי די פּאַנעס אַ גאַנץ יאָר „פּאָסט"? אונדזער שררה איז אַ שוואַכער מענטש, ערלויבט אים דער „קשאָנדז" צו עסן אין „פּאָסט" געבראָטענע קאַטשקעס, זיך אויסצוהאַלטן אַ קאָקאָנקע און אפילו שמייסן פויערים — — — הערט, זיידע, מיין נאָמען איז נישט אַנטעק, צי מיר וועלן זיך נישט אָפּרעכענען מיט אים! ווען נישט איר, אַלטע בהמות, וואָלטן מיר שוין לאַנג צוגענומען ביי די פּאַנעס די ערד, אונדזער ערד — — — דער „קשאָנדז" הייסט נישט, האַ? מיר וועלן זען — —

מרדכי איז געלעגן אין פיבער. ער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון די פּאַראָבקעס, נישט געוווסט, אַז די באַציִונגען צווישן דאָרף און הויף זאָלן זיין אַזוי פאַרשאַרפט, און געקריצט מיט די ציין פון באַליידיקונג. אַ טיפע מרה־שחורה האָט זיך געלייגט איבער אים, זיך איינגעביסן, געעקבערט ווי אַ שרויף, האָבן פינסטערע מחשבות זיך גענומען וועקן, אים באַפאַלן מיט נעגל און ציין, געשריען — נקמה, נקמה פאַר די שמיץ! אָן אַ שיעור פלענער האָבן אויפגעטיקט און זין געלאָשן אין זיין הייסן מוח. ער האָט זיך געהאַלטן מיטביידע הענט פאַר די שלייפן, וואָס האָבן זיך געהויבן, ווי בלאָז־זעק און געווען זיכער, אַז נאָר אַזוי נאָך וועט ער צוזאַמפנעמען די געדאַנקען.

מיטן אָנקומען פון דער נאַכט איז דער פיבער ביי מרדכין געשטיגן. די שטילע רייד פון די פּאַראָבקעס האָבן מאָדנע געקלונגען אין זיינע אויערן און ער האָט געזען, ווי דאָס פערד־שטאַל ווערט פול מיט מענטשן. ער האָט [illegible] אַרויפגערוקט אויפן

זאַק מיט היי, זיך אַ הייב געטאָן, געבליבן שטיין אויף די קניען. די פּאַראָבקעס האָבן אים איינציקוויז אַרומגערינגלט. ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו זיי. און וואָס לענגער ער האָט גערעדט, איז זייער אומרויִקייט אַלץ מער געוואַקסן, זיך אַרויסגע־ריסן מיט אַ קללה, מיט אַ געביילטער פויסט, זיך געלייגט אויף זייערע אָנגעכמורעטע פּנימער, ווי שווערע, פינסטערע וואָלקנס. מרדכי האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן, געשטאַנען אויפן זאַק מיט היי און זיינע ווערטער האָבן זיך געקנוילט, געוועקט אין די פּויערים דעם באַליידיקטן מענטש, געקלונגען אַזוי האַרציק און אין דער זעלבער צייט געשניטן פּאַסן לעבעדיקערהייט. די רייד זיינען געקומען פון זיך, נישט געגלויבט, אַז דאָס רעדט ער, מרדכי, און די ווערטער, ווי פונקען, זיינען געפאַלן אויף די פאַרוואָלקנטע מוחות, זיי געצונדן און אַ פייער האָט זיך צעפלאַקערט.

דער הימל איז געשטאַנען אין פלאַמען, אין רויך.

אויף אַ פריער האָבן פיר פּויערים געטראָגן אויף שטריק אַ טרומנע, ווו אַנטעקס פּאָטער, פּיאַסעצקי, איז געלעגן אַ דערהרגעטער. פּאַראָבקעס מיט קאָסעס, שפּאַד־לעס, העק זיינען נאָכגעגאַנגען, זיך גרופּירט לויט די דערפער. ביים אַריינקומען אין דאָרף, האָט דער גלאָק אָנגעהויבן קלינגען, ווי ס׳וואָלט אַ פייער געווען. ס׳פּויערים־פאָלק מיט די ווייבער און קינדער זיינען צונויפגעקומען, זיך געשטעלט אַרום און אַרום דער אָפענער טרומנע, ווו זייער שכן פּיאַסעצקי איז געלעגן. מרדכי, וועמען קיינער האָט נישט געקענט, נישט געוווסט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, איז אויסגעוואַקסן ביי דער טרומנע. זיין בלייך פּנים, דאָס האַלטן זיך, די צעפלאַמטע אויגן, האָבן צוגעגעבן עפּעס מיסטעריעזעס צו דער פּראָצעסיע. אַנטעק האָט אַני־דערגעקניט, צעשפּרייט די הענט:

— שכנים, איר ווייסט ווער ס׳האָט דערהרגעט מיין טאַטן?

— מיר ווייסן! מיר ווייסן! — האָבן די פּויערים געענטפערט און זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף די קניען.

— איך וויל איר זאָלט מיר העלפן קריגן גערעכטיקייט!

— מיר ווילן העלפן! מיר ווילן העלפן!

מרדכי האָט מספּיד געווען דעם טויטן, מיטגעריסן די אַרומיקע מיט זיינע האַרציקע, פּשוטע רייד, אַליין אויך מיטגעריסן געוואָרן און אַז ער האָט דערזען, ווי די פּויערטעס כליפּען, די פאַרהאַרטעוועטע הערצער פון די פּויערים האָבן נאָכגעלאָזט, ווייך געוואָרן, און אַ פּעסטע האַנט וואָלט איצט געקאָנט פירן די פּויערים, וווהין זי וואָלט נאָר געוואָלט, פּונקט דעמאָלט האָט זיך דערהערט אַ שטימע:

— קומט אין הויף אַריין!

— קומט, ברידער!

— מיר ווילן די פּאַנעס אָפּגעבן אונדזערע „כאַלופּעס״!

— און מיר ווילן וווינען אין שלאָס!

— גערעכט!

— גערעכט!

— נעמט דעם טויטן!

— נעמט די טרומנע!

— קומט!

— קומט!

— לאָזט די טרומנע אויף אַ פריער!
— ווער איז דער פרעמדער?
— כ׳ווייס נישט!
— דאָס הייסט גערעדט!
— ווי פון אַ ביכל אַרויס!
— רעדט בעסער ווי דער קשאַנדז!
— דערמאָן נישט זיין נאָמען!
— ווער האָט אים דערהרגעט!
— פּיאַסעצקין?
— יאָ.
— כ׳ווייס נישט.
— מע זאָגט דער פּאַן.
— מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אים!
— דו וואָלסט געקאָנט אויפהייבן אַ האַנט אויפן פּאַן?
— איך נישט!
— איך נישט!
— ס׳גייט אויף ביינאַכט אַ פראָסט!
— וואָס אַרט עס דיך? אין דיין שאָפּן-פּוטער וועסטו נישט געפרוירן ווערן.
— ווי אַ חזיר האָט דאָס יידל געקוויטשעט! אוי, געוואַלט! אוי, גע-וואַלט!
נישט געלאָזט אַראָפּציען פון זיך דעם פּעלץ!
— צינדט אָן די שטיקער קין! — האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זייטן.
— ס׳איז דאָך נאָך טאָג!
— צינדט אָן, זאָגט מען אייך!

דאָ און דאָרט האָבן אויפגעפלאַקערט מיט אַ קנאַקעריי שטיקער קין, זיך געריסן צום פאַרפּלאָמטן הימל. די פּאַראָבקעס מיט די בלאַנקענדע קאָסעס אויף די אַקסלען האָבן געשפּרייזט אַרום דער טרומנע מיט גע־בויגענע קעפּ.

די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שלאָס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַרלאָזענער, אַזוי שטיל איז געווען אַרום. דער המון האָט געשריען, געליאַרעמט, גערופן דעם שררה. דער עקאָנאָם איז אַרויס אויפן גאַנעק מיט אַ ביקס:

— צעגייט אייך מיט גוטן!
— אַ טשו! אַ טשו! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.
— מיט אַ ביקס?
— אַזאַ חזירישער עק!
— אַזאַ חזירישער אויער!
— פאַרטרייבט אים!
— מיר ווילן דעם שררה.
— אַ טשו! אַ טשו!
— אין שטאַל אַריין!

פון אַלע זייטן האָבן גענומען פליען אויף אים שטיינער, פּלעשער, שטיקער האָלץ און ס׳איז געוואָרן אַזאַ געשריי, אַז מע האָט געקאָנט טויב ווערן. דער שררה איז נישט אַרויס. פון עטלעכע פענסטער האָט מען אויסגעשאָסן מיט אַמאָל, געוואָלט איבערשרעקן דעם המון, געסטראַשעט אויפצוכאַפּן יעדן איינעם, ווער ס׳וועט וואַגן

אונטערצוקומען צום שלאָס. דער כּעס איז געוואַקסן. אַ פּאַראָבאָק האָט איינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, ווי איינער וואָס האָט מורא ער וועט כאַפּן קלעפּ, און זיך געלאָזט צום שלאָס. אַ קויל האָט אים אַוועקגעלייגט. דאָס איז גענוג געווען. דער המון האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, זיך געטראָגן ווי אַ שטורעם צום שלאָס, שיקנדיק אויף אַ פּריער אַ האָגל מיט שטיינער, פלעשער און העלצער. פון אַלע פענסטער האָט מען געשאָסן. דער המון האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, געשפּרונגען איבער די געפאַלענע, אויפגעבראָכן מיט העק די טירן, געקראָכן אין די קעלערס, אַרומגערינגלט דעם שלאָס פון אַלע זייטן. מע האָט אָנגעהויבן צו שלעפּן פון די קעלערס קאַשן מיט ווייַן, מיט אָקעוויט, זיך געריסן איבער די פלעשער, אָפּגעהאַקט די העלדזער, און געטרונקען. דאָס געשריי איז געוואַקסן, פון אַ קעלער האָט אַ געדיכטער רויך זיך אָנגעהויבן אַרויסצוקנוילן, מיטגעריסן מיט זיך אַ פלאַם, איז דער המון ווילד געוואָרן פון שמחה, זיך געהאַלדזט, געטרונקען ברודערשאַפט, געקניט אַרום דעם טויטן פּיאַסעצקי און געשריען וואָס כּוח נאָר: — דער שלאָס ברענט! דער שלאָס ברענט!

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען דער אַלטער פורמאַן, געהאַלטן די הייליקע „מאַמע", וואָס האָט שליטה איבער פייער, זיך געצלמט און שטיל געפּרעפּלט:

— איר זינדיקט, קינדער, איר זינדיקט!

דער המון האָט אָן אַלעם פאַרגעסן, זיך געשטופּט אַרום די קאַשן מיט שנאַפּס, זיך געקריגט, זיך געשלאָגן מיט די פויסטן, געכאַפּט, וויפיל איינער האָט געקאָנט, און די, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט דערשטופּן, האָבן געררעוועט, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים משוגע ווערן. די חיה אין מענטש האָט זיך געוועקט, אָנגעשטעקט קליין און גרויס, האָט מען געוואָרפן פלעשער בראָנפן אין פייער אַריין, געלאָפן איבערן הויף ווי פאַרסמטע מייז.

דער שררה האָט זיך באַוויזן אין אַ פענסטער, עפּעס געררעדט, געמאַכט מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך געבעטן. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נישט געוואָלט הערן, בלויז געשריען:

— לאָזט אים נישט אַרויס!

— פאַרברענט אים!

צום טייוול מיט דער שלאַכטאַ!

— ווער גייט אין שענק אַריין?

— קומט, כלאָפּצי, מיר וועלן אויפהענגען דעם שענקער פאַר די פאות.

— קומט!

— קומט!

מרדכי איז געשטאַנען אין אַ זייט, פאַרלוירן געקוקט, וואָס עס טוט זיך אַרום, וואָס ער האָט אויפגעטאָן און חרטה געהאַט. ער האָט מער נישט געגלויבט אין המון. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם שענקערס נאָמען, אים עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען און אַ גלייכגילטיקער זיך געלאָזט מיט דער צווייטער זייט פעלד.

— די טרומנע האָט זיך גערירט פון אָרט. די שטיקער קין האָבן געפלאַקערט אין דער נאַכט, זיך אָפּגעשפּיגלט אין די בלאַנקנדיקע קאָסעס, וואָס האָבן זיך באַוויגן איבער אַקסלען, און ס'האָט אויסגעזען, ווי דער טויט, אַ פּיל קעפּיקער, שפּרייזט איבער די וועגן און לאָזט אַלץ אַוועק מיטן רויך.

יוסף אָפּאַטאָשו (פונם ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער").

אייניקע באַמערקונגען צו „דאָס נייע וואָרט״.

1. די פאָלקסמעשיות, וואָס זיינען געגעבן אין דער כרעסטאָמאַטיע, זיינען ניט קיין עכטע פאָלקסמעשיות, ד. ה.—ניט פאַרשריבן דירעקט פון פאָלקס־מויל, נאָר אַרויסגענומען פון ספרים, ווו די פאָלקסמעשה האָט סימנים פון אַ אינדיווידועלער באַאַרבעטונג. אָבער דער גייסט און דער טאָן פון דידאָזיקע מעשיות איז געגוג פרימיטיוו־פאָלקסטימלעך. קיין עכטע פאָלקסמעשיות פאַרשרי־בענע דירעקט פון פאָלקסמויל האָט זיך אונדז לײדער ניט איינגעגעבן צו באַקומען.

2. פון דער פאָעמע „איליאַדע״ זיינען מיר געווען געצוווּנגען צו נעמען נאָר דאָס געזאַנג, וואָס איז פאַראַן אין דער יידישער איבערזעצונג.

3. הגם דער ראָמאַן „אַליין״ איז אַ המשך פון „אין פוילישע וועלדער״, אָבער ווייל ער איז אייגנטלעך ניט קיין היסטאָרישער ראָמאַן, האָבן מיר געהאַלטן פאַר מעגלעך אַריינצושטעלן די אויסצוגן פון „אַליין״ אין דער אָפּטיילונג פון ראָמאַן בכלל, וווּהין זיי פּאַסן, לויט אונדזער מיינונג, בעסער.

די מחברים

ענטפערס אויף די פאָלקסרעטענישן.

1.—אַ בוים מיט פּירות. 2.—אַ שוך. 3.—אַ נאָדל. 4.—דער מזל. 5.—אַ פידל. 6.—אַ מענטש קלינגט אין אַ גלאָק. 7.—אַ פעז. 8.—אַ נול (0). 9.—אַ זייגער. 10.—פּסח, סוכות, שבועות.

אינהאַלט לויט דעם סדר:

זייט

ייִדישע מיטן און אגדות
פון דער ביבל—דער מבול—
יידיש — יהואש— 3

ייִדישע אגדות פון תלמוד
און מדרש—פון דער זאַמלונג
„יידישע אגדות" פון ח. נ. ביאַליק
און י. ראַווניצקי:
דער פעניקס — — — — 5
אברהמס דימענט — — — "
סדומער נדבות — — — — "
צוריקוועגס ביי יענער גרוב — "
משהס טויט — — — — — 6
ר' שמעון און ר' ישמעאל — — 8
רב חנינא בן דוסא— — — — 9

גריכישע מיטן און אגדות.
דער גרויסער מבול—פון אָווידיוס. 12
פּראָמעטעאוס — פון ג. שוואַבע,
יידיש ד. טשאַרני — 15

משלים.
1) פון תלמוד. יידיש ח.נ. ביאַליק
און י. ראַווניצקי:
ר' עקיבא — — — — — — 20
חנינא בן דוסא און די שלאַנג. "
2) פון עזאָפּ:
פּראָמעטעאוס און די מענטשן. 21
האָפענונג — — — — — "
דער פויער און הערקל — "
דער פוקס און די מאַלפּע — "
3) פון דער זאַמלונג „דעם זיידנס משלים":
דער גוטער פוקס—מ. ריוועסמאַן. 22
4) פון מרדכילע: חנפענען און גנבענען."
משיחס צייטן — 23

שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן
1) פון „משלי" — — — — 24
2) פון „קהלת" — — — — 25
3) פון „בן־סירא" 26
4) פון תלמוד און מדרש — 72

זייט

5) פון פאַרשיידענע זאַמלונגען
אין יידיש (איגנאַץ בערנשטיין,
י. פּיראָזשניקאָוו און „ביים קוואַל" 28

ייִדישע פאָלקסרעטענישן:
פון דער זאַמלונג „יידישע
פאָלקסרעטענישן" פון ש. באַסטאָמסקי 30

יידישע וויצן:
פון דער זאַמל. „יידישע וויצן" פון
י. ראַווניצקי.
1) אַ שאלה אויף אַ שאלה — 31
2) דער נשרף — — — — — "
3) דער קלוגער חזן — — "

פאָלקסמעשיות:
פון דער זאַמלונג „ספורי הפלאות":
1) — — — — — — 32
2) — — — — — — 34

פאָלקסלידער
פון דער זאַמלונג פון ש. גינזבורג
און פּ. מאַרעק:
1) איך וועל אייך דערציילן אַמעשה. 40
2) טרערן גיסן זיך אין די גאַסן. "
פון דער זאַמל. „ביים קוואַל" II-טער ב.:"
1) ליד פון דער מאָביליזאַציע — "
2) אַף די גרינע פעלדער... 41

פּאָעמען.
א) העראָאישע:
1) פון דער ביבל:
גדעון דער שופט פון ישראל. 43
2) פון „איליאַדע"—
יידיש—מאַקס וויינרייך. 49
3) „פון הייאַוואַטהא"—
יידיש - יהואש: "
הייאַוואַטהאַס קינדהייט. — 55
הייאַוואַטהאַס חתונשאַפט. — 58
ב) היסטאָרישע:
חורבן ירושלים—שלום אַש. — 62

זייט

ג) פון לעבנסשטייגער:
רייסן—משה קולבאַק — — — 68
ד) לירישע:
אין קאַזמערזש.—ז. סעגאַלאָוויטש. 76
באַלאַדן:
אין קבר — — י. ל. פרץ— 82
די מאַמע צו חלום — יהואש. — 83
אַ מאַמעס האַרץ—מאַני לייב— 85
מאָניש. (פּאָעמע-באַלאַדע)—י. ל. פּרץ, 87
אידיליען.
אליעזר און רבקה—פון דער ביבל,
יידיש יהואש — 96
אַ שטילע פרייד — י. שוואַרץ — 100
פרייטאָג אין שטעטל—פונם בוך
„דאָס שטעטל“ פון שלום אַש 101
אידיליע—דוד אייגנהאָרן — — 106
אַ בלעטל שיר השירים—שלום-עליכם 108
שלום בית—י. ל. פרץ — — — 114
נאָוועלן:
צווישן טאַטע-מאַמע—ה. ד. נאָמבערג 117
אַ מעשה מיט אַ ציג—י. מ. ווייסנבערג 123
דער קראַנקער פינגער—א. רייזען. 128
פאָלקסטימלעכע געשיכטן.
אויף דער וואַך — ש. אַנסקי — 133
מסירת נפש—י. ל. פרץ — — 142
קדוש השם (לעגענדע)—שלום אַש. 166
אויב נישט נאָך העכער (חסידישע
מעשה)—י. ל. פרץ — — — — 170
היסטאָרישע דערציילונגען.
פונם בוך „קדוש השם“—שלום אַש:
אַ שול! אַ שול — — — — — 174

זייט

דער לובלינער יאָרמאַרק „ 178
די באַלאַגערונג פון נעמיראָוו „ 181
פאַר דער אמונה און פאַר דער
תורה „ 186

ראָמאַן.

פונם ראָמאַן „דאָס ווינטשפינגערל“
מענדעלע מוכר ספרים. 191
פונם ראָמאַן „מאָטקע גנב“—
שלום אַש:
מאָטקע וויל נישט די שמאַטקע
זויגן — 200
מאָטקע קריגט ציינער — — 205
מאָטקע לערנט אַ מלאָכה — — 209
„פונם יאַריד“—(אַווטאָביאָגראַפישער
ראָמאַן)—שלום עליכם:
די צעשטערטע האָפענונג — — 214
ווידער אין דער היים — — 218
אַ ייד אַ פּאָמעשטשיק — — 221
דאָס לעבן אין דאָרף — — 224
פונם ראָמאַן „אַליין“ י. אָפּאַטאָשו:
שרהקע באַקענט זיך מיט ברוכן — 229
שרהקע לייענט „יאָסעלע“— — 234

היסטאָרישער ראָמאַן.

פונם ראָמאַן „פּוילישע וועלדער“
יוסף אָפּאַטאָשו:
מרדכיס יחוס — — — — 237
רוים און ירושלים — — 240
בלוט און פייער — — — 244

אינהאַלט לויט די מחברים:

זייט

אַבראַמאָוויטש שלום-יעקב—
זע מענדעלע מוכר ספרים.
איינהאָרן דוד — אידיליע (שיר)—106
אָווידיוס—(לויט)—דער גרויסער
מבול — 12
אַש שלום-חורבן ירושלים (פּאָעמע)62
פרייטאָג אין שטעטל
(פונם בוך „דאָס שטעטל") . 101
קדוש השם (לעגענדע) — — "
פונם בוך „קדוש השם":
אַ שול, אַ שול! — — — — 174
דער לובלינער יאַרמאַרק. — 178
די באַלאַגערונג פון נעמיראָוו—181
פּאַר דעראמונה און פּאַר דער תורה. 186
פונם ראָמאַן „מאָטקע גנב":
מאָטקע וויל ניט די שמאָטקע
זויגן—200
מאָטקע קריגט ציינער — — 205
מאָטקע לערנט אַ מלאָכה — —209
אַנסקי ש.—אויף דער וואך — 133
אָפּאַטאָשו יוסף—פונם ראָמאַן
„אין פוילישע וועלדער":
מרדכיס יחוס — — — — 237
רוים און ירושלים — — — 240
בלוט און פייער — — — — 244
פונם ראָמאַן „אַליין".
שרהקע באַקענט זיך מיט ברוכן. 229
שרהקע לייענט „יאָסעלע" — 234
ביאַליק ה. נ. און ראַווניצקי י.
דער פעניקס (יידישע אגדה) 5
אברהמס דימענט. " " "
סדומער נדבות " " "
צוריקוועגס ביי יענער גרוב " "
משהס טויט — — — " 6
ר' שמעון און ר' ישמעאל " 8
רבי חנינא בן דוסא " 9
רבי עקיבא (משל) — — — 20
חנינא בן דוסא און די שלאַנג(משל) "

זייט

ביבל—(פון דער)—דער מבול— — 3
אליעזר און רבקה — — 96
גדעון דער שופט פון ישראל 43
האָמער—איליאַדע (אויסצוג) —
יידיש מאַקס וויינרייך— —49
וויסנבערג י. מ.—אַ מעשה
מיט אַ ציג — — 123
טשעמערינסקי—זע מרדכילע.
יהואש—די מאַמע צו חלום(באַלאַדע)82
לאָנגפעללאָ—פון דער פּאָעמע „הייאַ-
וואטהאַ"—יידיש יהואש.
הייאַוואטהאַס קינדהייט—55
הייאַוואטהאַס חתונשאַפט—58
מאַני לייב—אַמאָמעס הארץ — — 83
ר' מרדכילע—חנפענען און גנבע-
נען (משל)—22
משיחס צייטן " — 23
מענדעלע מוכר ספרים—פונם ראָ-
מאַן „דאָס ווינטשפינגערל" 191
נאָמבערג ה. ד.—צווישן טאַטע-
מאַמע — 117
סעגאַלאָוויטש ז.—אין קאַזמערזש—76
עזאָפּ—(משלים)—
פראָמעטעאוס און די מענטשן 21
האָפענונג — — — — "
דער פויער און העראַקל. "
דער פוקס און די מאַלפּע. "
פרץ י. ל.—אין קבר — — — 82
מאָניש — " 87
שלום בית — — — 114
מסירת נפש — — 142
אויב נישט נאָך העכער 170
פאָלקסמעשיות—פון דער זאַמ-
לונג „ספורי הפלאות"—
1) " " 32
2) " " 34

זייט

פאָלקסלידער — א) פון דער זאַמלונג
"יידישע פאָלקסלידער"
פון ש. גינזבורג און פ. מאַרעק:
1. איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה 40
2. טרערן גיסן זיך אין די גאַסן "
ב) פון "ביים קוואַל"
1. ליד פון דער מאָביליזאַציע — "
2. אַף די גרינגע פעלדער. — — 41
קולבאַק משה — רייסן (פּאָעמע) — 68
ראַווניצקי י. — יידישע וויצן. 31
רייזין אברהם — דער קראַנקער
פינגער — 128
ריוועסמאַן מ. — דער גוטער פוקס. 22
שוואַבע גוסטאַוו (יידיש ד. טשאַרני)
פּראָמעטעאוס — 15
שוואַרץ י. — אַ שטילע פר ייד — 106

זייט

שלום־עליכם — אַ בלעטל שיר
השירים — 108
"פונם יאַריד":
די צעשטערטע האָפענונג — 214
ווידער אין דער היים — 218
אַ ייד אַ פּאָמעשטשיק — 221
דאָס לעבן אין דאָרף — 224
שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן:
פון "משלי"
פון "קהלת".
פון "בן־סיראָ"
פון תלמוד און מדרשים.
פון פאַרשיידענע זאַמלונגען
אין יידיש.

ש. באַסטאָמסקי און מ. הײמסאָן

דאָס נײע וואָרט

מוסטערן פאַר ליטעראַטור-וויסנשאַפט

כרעסטאָמאַטיע פאַר די העכערע קלאַסן פון דער פאָלקסשול

צווייטער באַנד

ליריק

פאַרלאַג
„די נײע יידישע פאָלקסשול“
ווילנע

אלע רעכט אין אלע לענדער פארבא־
האלטן די מחברים פאר זיך.

S. Bastomski i M. Chaimson

„Dos naie Wort"

Liryka

Wypisy żydowskie na klasę starszę

1923.

געזעצט אין די דרוקערייען פון ש. פ. גארבער און צ. ש. א.

דרוקעריי ש. פ. גארבער, ווילנע, זאוואלנע 25.

Druk. F. Garbera, Wilno Zawalna, ul. 25

געזען האָב איך יידישע ווערטער, ווי פּייערלעך קליינע,
ווי פּייערלעך קליינע,
ווי פונקען, געצויגן פון פינסטערן אַרץ.
געפילט האָב איך יידישע ווערטער, ווי טייבעלעך ריינע,
ווי טייבעלעך ריינע...
די טייבעלעך וואָרקען און וואָרקען אין האַרץ...

מאָטאָ צו מ. קולבאַקס זאמלונג „שירים״.

פאַרשײדענע לירישע מאָטיװן.

פאָלקסלידער.

װיג־ליד.

כ׳האָב דיך, מײן קינד, שלאָפן געלײגט,
זאָלסטו מיר שלאָפן געזונטערהײט!
געזונטערהײט זאָלסטו מיר ליגן,
און איך װעל דיר זינגען און איך װעל דיך װיגן.
שלאָף, מײן קינד, שלאָף, מײן קינד,
דו זאָלסט מיר לעבן און זײן געזונט!

אַז כ׳װאָלט געהאַט דעם קײסערס אוצרות מיט זײן גאַנצער מלוכה,
װאָלט דאָס גאָר ניט זײן בײ מיר אַזױ גרױס ניחה,
װי דו ביסט בײ מיר ניחה, מײן ליכט, מײן שײן!
אַז איך דערזע דיך, מײן איך — די גאַנצע װעלט איז מײן!
שלאָף, מײן קינד, א. אַ. װ.

אַלע ברילִיאַנטן און אַלע אַנטיקן
קענען דאָך מײן האַרץ אַזױ פיל ניט דערקװיקן,
װיפיל דו טוסט דערקװיקן, מײן ליכט, מײן שײן,
מיט דיר, דוכט זיך מיר — די גאַנצע װעלט איז מײן!
שלאָף, מײן קינד, א. אַ. װ.

װען איך טו מיך אַמאָל װעגן דיר פאַרקלערן,
דאַכט זיך מיר, איך זע די זון מיט די שטערן,
װען דו מיט דײן געלעכטער טוסט צו מיר רײדן,
עפענען זיך פאַר מיר די טירן פון גן־עדן.
שלאָף, מײן קינד, א. אַ. װ.

דער טאַטע האָט דאָס קינד ניט געלערנט װאָס גאָט האָט געבאָטן,
װעט מען אים אויף יענער װעלט ברענען און בראָטן;
און דו, מײן ליב קינד, מיט דײן צדקות זאָלסט זיך מיען
דײן טאַטן פון גהינום אַרױסצוציען.
שלאָף, מײן קינד, א. אַ. װ.

די טירן פון גן־עדן װעלן אָפן שטײן,
אַז איך װעל אויף יענער װעלט דאַרפן גײן,
דו װעסט דאָך זײן אַ פרומער און אַ גוטער,
װעט מען זאָגן: לאָזט אַרײן דעם צדיקס מוטער!
שלאָף, מײן קינד, א. אַ. װ.

דו האָסט שוין, מיין קינד, דיינע אייגעלעך פאַרמאַכט,
ווי די שיינע זון גייט אונטער פאַרנאַכט.
זאָלסט זיי ווידער עפענען פון דיין זיסער רו
ווי די שיינע זון גייט אויף איינדערפרי.
שלאָף, מיין קינד, א. אַ. וו.

דו שלאָפסט שוין, מיין קינד, וועסט שוין רויִק ליגן,
כ׳גיי שוין אַוועק, גענוג דיך שוין וויגן,
און דער גוטער מלאַך זאָל דאָ שטיין ביי דיין וויגל,
ער זאָל דיך דאָ היטן, באַשיצן מיט זיין פליגל.
שלאָף, מיין קינד, א. אַ. וו.

פון דער זאמלונג פון י. ל. כהן.

---

* *
*

דאָס קינד ליגט אין וויגעלע מיט אויסגעוויינטע אויגן,
די מאַמע ליגט אויף דרערד די פיס אויסגעצויגן.
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

דאָס קינד ליגט אין וויגעלע און חלשט זויגן,
די מאַמע ליגט אין קבר מיט שאַרבנס אויף די אויגן.
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, קושן און גלעטן,
ווער וועט דיך, מיין קינד, דאָס וויגעלע אויסבעטן?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, פוצן און צירן,
ווער וועט דיך, מיין קינד, אין חדר אַוועקפירן?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, מאַכן פאַר אַ מענטשן,
ווער וועט דיך, מיין קינד, אונטער דער חופה בענטשן?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

אין דעם יתומס וויגעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פייער,
ווי אויפן פרייען פעלד אין דעם שטרוי פון אַ שייער.
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

אַז מע וועט אויספּאָרן מיט שיפן פיל יַמען,
וועט מען ניט געפינען דיין איינציקע מאַמען!
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

פון דער זאַמלונג פון ש. גינזבורג און פ. מאַרעק.

---

* * *

איז געפלויגן די גאָלדענע פאַווע
איבער אַלע יַמען,
לאָזט געריסן מיין טייערן טאַטן
מיט מיין ליבע מאַמען.

איז געפלויגן דער גאָלדענער פויגל
איבער אַלע גראָבן.
לאָזט געריסן מיין טייערן זיידן
מיט מיין ליבע באָבען!

איז געפלויגן די גאָלדענע פאַווע
איבער אַלע פעלדער,
האָט זי פאַרלוירן די גאָלדענע פעדער
אין די פרעמדע לענדער.

ניט אַזוי די גאָלדענע פעדער,
ווי די פאַווע אַליין,
ניט אַזוי דער פרעמדער זון,
ווי די טאָכטער אַליין.

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַ פייגעלע אָן אַ נעסט, —
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
ביי שווער און שוויגער אויף קעסט!

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַ וואַסער אָן אַ פיש, —
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַז מ'זיצט ביי אַ פרעמדן טיש!

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַ פייגעלע אָן אַ זאַמד, —
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַז מ'ווערט פאַרוואָגלט אין אַ פרעמדן לאַנד!

פון דער זאַמלונג פון ש. גינזבורג און פ. מאַרעק.

---

* * *

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווי האַלט דיר די שוויגער?
— די שוויגער רק ביין ווי אַ טיגער,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווי האַלט דיר דער שווער?
— דער שווער ברומט שטענדיק ווי אַ בער,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווי האַלט דיר דער מאַן?
— ביין מאַן — דער לעבן ווי אַ שפּאַן,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
וואָס עסטו דאָרטן?
— אַ שטיקל ברויט, ליבערסט דער טויט
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
אין וואָס גייסטו אָנגעטאָן?
— אין אַ קאַרטונענע קלייד, מיט צרות גענייט,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
וואָסערע שיך גייסטו?
— אַזעלכע שיך, וואָס ווערן צעריסן אויף גיך,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווי שלאָפסטו דאָרטן?
— אויף אַ קישן — נאָר לייט זאָלן וויסן,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
אַוווּ ליגסטו דאָרטן?
— אויפן האַרטן באַנק, טויט-קראַנק,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
גייט צו געוואָר ווערן דער מאַן?
— ער גייט ניט צו — ער האָט שכל ווי אַ קו,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווו האָט מען דיך אַראָפּגעהויבן?
— אויף אַזעלכע ערד, וואָס קיינמאָל ניט געקערט.
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
וואָס האָט מען דיר אונטערגעבעט?
— דריי שטרוי, ווינד און וויי,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
אין וואָס האָט מען דיך אָנגעטאָן?
— ניט די שמשטע — צערייסן, ניט הינט — צעבייסן,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע, דו מיין!
ווו האָט מען דיך אַוועקגעפירט?
— אין אַ שוואַרצן וואָגן, לייט זאָלן קלאָגן,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
וואָס'טן דיר געלייגט צוקאָפּן?
= אַ זעקעלע ערד, די קאָפּ צום פערד,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווי האָט מען דיר אַוועקגעפירט?
— מיט אַ ווייסן פערד, יונגערהייט אין דרערד!
מסתמא בין איך אַזוי ווערט,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

פון דער זאַמלונג פון ש. גינזבורג און פּ. מאַרעק.

* *
*

צו וויינען און צו קלאָגן
אויף מיין יונגער וועלט:
געבליבן בין איך עלנט,
ווי אַ שעפעלע אין פעלד,
ווי אַ שעפעלע אין פעלד!

הייב איך זיך אָן באַדענקען,
פאַל איך אַריין אין אַלערליי קרענקען.
אָי, אַלערליי קרענקען קאָן אַ דאָקטאָר היילן,
און די צרות פון מיין האַרצן
נישטאָ פאַר וועמען צו דערציילן!

צרות מיינע, מיט גרויסע ווונדן באַדעקט,
איך זאָל זיי וועלן אויפשרייבן,
וואָלט קיין פאַפיר ניט געקלעקט;
פאַפיר וואָלט אפשר געקלעקט,
נאָר די האַנט וואָלט דאָס ניט פאַרטראָגן.

אָי, די צרות פון מיינעם האַרצן
נישטאָ פאַר וועמען צו זאָגן,
נישטאָ פאַר וועמען צו זאָגן!

אַז די בלום בליט אין גאָרטן
און דער רעגן גייט אויף איר,
און אַז דער רעגן הערט אויף צו גיין,
ווערט זי אָן דעם קאָליר.
נישט אַזוי דעם קאָליר,
ווי די שיינע פאַרבן;
איידער אַזאַ לעבן,
בעסער יונג צו שטאַרבן!
יונגערהייט צו שטאַרבן
איז דאָך ניט קיין גרויסע סכנה,
גלייכער ווי צו בלייבן אַ יונגע אַלמנה!

וועט איר מיינען, — אַן אַלמנה,
וואָס דער מאַן איז געשטאָרבן?
אָ, ניין, ניין, — אַן אַלמנה,
דער מאַן איז פאַרטריבן געוואָרן!

פון דער זאַמלונג פון ש. גינזבורג און פ. מאַרעק.

---

* *
*

פירט מען מיר אַריין
אין ערשטן חדר,
טוט מען מיר אויס
די מוטערס קליידער.
ווי גרויס איז מיין פיין,
אַ יָון מוז איך זיין.
ווי גרויס איז מיין פיין,
ווי קען מיר ערגער זיין!

פירט מען מיר אַריין
אין צווייטן חדר,
טוט מען מיר אויס
די בּלהס זייגער.
ווי גרויס איז מיין פיין, א. אַ. וו.

פירט מען מיר אַריין
אין דריטן חדר,
טוט מען מיר אָן
סאָלדאַטסקע קליידער,
ווי גרויס איז מיין פיין, א. אַ. וו.

מיין מוטער האָט מיר געהאָדעוועט
אויף טייטלען און אויף פייגן,
אַז פאָניע גיט אַ פּאַטש —
מוז מען דאָך פאַרשווייגן.
ווי גרויס איז מיין פיין,
אַ יָון מוז איך זיין,
ווי גרויס איז מיין פיין,
ווי קען מיר ערגער זיין.

„פּנקס“.

אינדיווידועל־קינסטלערישע לידער.

אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך...

(פאָלקסטימלעך)

אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך,
צוגעדעקט מיט שינדעלעך,
און מיין קינד אין וויגל שלאָפט
באַקעט גאָר אָן ווינדעלעך...
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי.

אויפן בוידעם הענגט אַ וויג,
וויגט זיך דאָרט אַ שפין אין איר,
נעמט ער מיין חיונה צו,
און דעם דלות לאָזט ער מיר...
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי,
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי...

אויפן בוידעם זיצט אַ האָן,
און זיין קאַם—גאָר פייער־רויט.
ווען מיין ווייב וואָלט וועלן גיין
ערגעץ באָרגן אַ לאַבן ברויט...
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי.

ב. שאַפּיר.

אַ בריוו פון אַמעריקע.

(פאָלקסטימלעך.)

טייערע מאַמע, טייערע מוטער,—
דו מיין טייער כּשר האַרץ,
צי ווייסטו ווי איך וויין אַזוי ביטער
און ווי טיף איז דאָ מיין שמאַרץ?
אוי, וואָס וואָלט איך געגעבן,
איך זאָל טאָן אויף דיר אַ בליק!
איך וואָלט פאַר דיר געשטרעקט
דאָס לעבן,
איך זאָל קומען צו דיר צוריק!..

נאָר ס'איז ניט די דאָזיקע יאָרן,
וואָס מע קען טאָן אַלעסדינג:
מאַמע, כ'קען צו דיר ניט פאָרן—
שרייבן איז דאָס מיר ניט גרינג!
לאָה'נו לאָזט ניט: זי האָט מורא,
פאַר דעם „פריזיוו" ציטערט זי,
און מיין פיצעלע קינד, מיין דבורה,
האַלט מיך מיט די הענטלעך צו.
אַז איך זע זי ווערט מיר גרינגער:
דו וואָלסט הערן ווי זי רעדט!

ווי זי ווייזט מיט דעם גרויסן פינגער
אויף דער באָבעניוס פּאָרטרעט...
און מיין שיינער יונג, מיין סאַני,
אַרבעט—גאָלדענע האָט ער הענט!
משהלע זאָגט שוין „מודה אני",
רחלען וואָלסטו ניט דערקענט!...

דו דערמאָנסט זיי מן הסתמא
און דו בענטשט זיי אַוודאי דאָרט...
זיי גריסן, קישן דיך, טייערע מאַמע,
זיי געזונט!... נאָר נאָך איין וואָרט!..
אַז דו וועסט אויף דעם בית־עולם קלאָגן—
יאָרצייט האָבן מיר ערב שבועות—
זאָלסטו דאָרט דעם טאַטן זאָגן,
אַז איך שיק אים אָפּ אַ גרוס...

טייערע מאַמע, טייערע מוטער,
דו מיין טייער כּשר האַרץ,
צי ווייסטו ווי איך וויין אַזוי ביטער,
און ווי טיף איז דאָ מיין שמאַרץ?...

מ. ווארשאַווסקי.

מאני לייב

* * *

אוי, מאַמעניו, טייערע, מאַמעניו ליוב,
דעם יונגינקן שניידערל טרייב ניט
פון שטוב.

דער יונגינקער שניידערל שיין איז
ווי גאָלד,
דעם יונגינקן שניידערל האָב איך
דאָך האָלט.

— אוי, טאָכטערל, טאָכטערל, ווי
מיינע יאָר!
צי דען מיטן שניידערל ביסטו אַ פּאָר?

דער טאַטע וועט ברענגען פאַר דיר
פון דער וועלט
אַ טייערן חתן מיט יחוס און געלט.

— איך דאַרף ניט זיין יחוס, איך
דאַרף ניט זיין געלט,
איך וויל ניט פאַרשפּילן מיין
יונגינקע וועלט.

דער יונגינקער שניידערל שיין איז
ווי גאָלד,
דעם יונגינקן שניידערל האָב איך
גאָר האָלט.

דאָס מיידעלע עסט ניט און שלאָפט
ניט ביינאַכט,
דער שניידערל בלאָנדזשעט ביים
פענסטער פאַרשמאַכט.

און טאַטעניו-מאַמעניו האָבן באַטראַכט
און תנאים געשריבן אַ שבת-צו-נאַכט.

און שבת נחמו איז די חופה געווען,
מע האָט אַזאַ חתונה נאָך ניט געזען —

אַזוי ווי די זון האָט דאָס פּאָרל געשיינט,
עס האָבן געטאַנצט מחותּנים און פריינד.

געגעסן, געטרונקען פון טייערסטן סאָרט,
זיי האָט אַזש גערונען אַריבערן באָרד,

און ס'האָבן ביז איבער דער זיבעטער גאַס
די פידלען געוויינט און געריפּעט
דער באַס.

מאני לייב.

מאָריס ראָזענפעלד.

ווי איך זינג.

איר פרעגט ביי מיר ווי איך באַלאַנג,
וואָס מיך דערפרייט און מיר טוט באַנג!
אָ, הערט די נאַכטיגאַלס געזאַנג!
אָט גיסט זי אויס איר זיסן גוסט
אויף אַ געשמאַקן בלומענקוסט,
און אָט פאַרגייט זי פאַר געוויין
דאָרט ערגעץ אויף אַ הוילן שטיין...
אָט פייפט זי פריי אין גרינעם וואַלד,
און אָט הילכט פון אַ חורבה באַלד
אַרונטער איר פאַרכשופט קול,
זי זינגט דעם באַרג, זי זינגט דעם טאָל.

*

אַזוי זינג איך מיין ערלעך ליד
אַוווּ עס וועלקט און ווו עס בליט,
האָב קיין באַשטימטע ריכטונג ניט.
איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל.
און יעדעס ליד איז אַ געפיל,
איך קלער ניט וואָס, איך קלער ניט ווען.
אָט פלוצלונג גיט אין האַרץ אַ ברען,
עס גיט אַ קלעם, עס גיט אַ שפּאַר,
אַמאָל די פרייד, אַמאָל דער צער, —
דאָס קומט פון ברוסט און ניט פון קאָפּ,
און די נשמה נאַרט ניט אָפּ.

מאָריס ראָזענפעלד.

מיין סוד.

יהואש

און פיל איך זאָל ניט זינגען אַייך,
איר וועט בלויז פונקען קריגן,
די פלאַם — די פלאַם זי בלייבט ביי מיר
פאַרשלאָסן און פאַרשוויגן...

און פיל איך זאָל ניט זאָגן אַייך,
איר קריגט בלויז וועלן־שפּריצן,
דעם ים — דעם ים וועל איך אַליין
פאַר זיך אַליין באַזיצן...

און פיל איך זאָל ניט דיכטן אַייך
און פון מיין וועלט דערציילן,
מיין סוד — מיין סוד וועט קיינער ניט
מיט מיר אין לעבן טיילן...

יהואש.

דיין ליד.

עס זאָל דיין ליד פאַר דאָרשטיגע
ווי ווין באַרוישנד זיין;
ווי שטראָמען יאָגן,
ווי קוואַלן שלאָגן
און טרייבן זאָרג און פיין.

עס זאָל דיין ליד פאַר אָרעמע
מיט מוט געפליגלט זיין;
און אַלע ברידער
פון אין דער נידער
דערהויבן ביזן העכסטן שיין.

עס זאָל דיין ליד פאַר וואַנדרער
ווי טרייסט אין האַרץ אַריין;
פאַר די, וואָס פרעגן
אויף נייע וועגן, —
אַ ליכט און פאַקעל זיין!

א. רייזען.

דער טרערן־מיליאָנער.

אָ, נישט קיין גאָלדנער קאַמערטאָן
שטימט אָן מיין קעל צום זינגען.
עס קאָן דער ווונק פון אויבנאָן
מיין שטים נישט מאַכן קלינגען!

דעם שקלאַפּט אַ קרעכץ, ווען ער איז מיד,
נאָר וועקט אין מיר די לידער,
און מיט אַ פלאַם לעבט אויף מיין ליד
פאַר מיינע אָרמע ברידער.

* * *

דערפאַר פאַרגיי איך אָן אַ צייט,
דערפאַר ווערט אויס מיין לעבן:

מאָריס ראָזענפעלד.

וואָס קאָנען מיר די אָרמע לייט
פאַר אַ באַלוינונג געבן?

זיי צאָלן טרערן פאַר אַ טרער, —
דאָס אַלעס, וואָס זיי קאָנען: —
איך בין אַ טרערן־מיליאָנער
און וויין אויף די מיליאָנען.

מאָריס ראָזענפעלד.

דער נביא.

מיך האָט געשטאַרקט אַ פעסטע האַנט,
מיך האָט געבענטשט דאָס מויל פון גאָט,
איך בין דער אַקער און די זאָט,
איך בין דער שטורעם און דער בראַנד...

איך בין אַ פלייצונג אָן אַ מאָס,
איך בין אַ מבול, וואָס פאַרוויסט,
אין בין אַ רעגן, וואָס באַגיסט
אַ מדבר זאַמד צוליב אַ גראָז...

איך בין דער נעפל אין דער וויט,
איך בין אַ שאַל פון הויכע בערג,
איך בין די פרייד פון גרויסע ווערק,
איך בין דער ווייטאָק, וואָס באַנייט...

איך בין דער טויער און די טיר,
און בין דער שליסל און די שוועל,
איך בין אַן אָנזאָג און אַ טרעל
און וועלדער פויגלען הינטער מיר...

יהואש.

* * *

כ׳בין ניט אויף אייער רוף געגאַנגען,
איך קום צו אייך מיט זיבן וועגן;
איך פאַל אויף אייך ווי טוי אויף זאַנגען
און ווי אויף טרוקן גראָז דער רעגן.

אומזיסט האָט איר געטרוישט, געליאַרעמט
און מיך באַגעגנט מיט געזאַנג:
איך האָב פאַר אייך אַ טויב געוואַרעמט,
און אויסגעפּיקט האָט זיך — אַ שלאַנג.

און זעט: מיך רירט ניט אייער שאַלן.
און אייער הילכיקער געגרוס
ליגט טויט צו מיינע פיס געפאַלן
און איך צעטרעט אים מיט דעם פוס.

פון אייער אויסגעלאָשן אויג
בין איך דער לעצטער שוואַרצער בליץ,
פון אייערע פאַרקלעמטע ציין —
דער לעצטער צאָרנדיקסטער קריץ.

און רייד איך — מוזן הימלען שטומען,
די ערד באַוועגט זיך ניט פון אָרט;
די שטיינער קויקלען זיך און קומען
און שלינגען דאָרשטיק גאָטס אַ וואָרט.

ח. נ. ביאַליק.

עס גיבן נשמות...

עס גיבן נשמות מיט שיינע באַגערן,
באַקרוינטע מיט שניר פון פאַרצויבערטע שטערן,
באַוויטע מיט דופט פון גן־עדנשע בלומען,
זיי בלאָנדזשען און קאָנען קיין רו נישט באַקומען...

זיי זיינען געשטראָפט מיט אַן אייביקער בענקשאַפט,
זיי גייען אַדורך אין דער שטאָטישער ענגשאַפט,
ווי ליכטיקע שאָטנס פון ווייטע לעגענדן,
וואָס זוכן אין טומל, וווהין זיך צו ווענדן...

זיי טרוימען פון שטאָלצע רוביניקע טראָנען,
פון שיפן מיט ווייסע צעפלאַטערטע פאָנען,
וואָס שווימען דורך ווייטע געפערלעכע וועגן
אין לענדער געהיימע, צו זוניקע ברעגן...

זיי טרוימען און ס׳ווערן צעברעקלט די טרוימען

אָן ווערטער געמיינע, אָן אייזערנע צוימען;
זיי זינגען, און ס'פאַלט מיט אַ ווייטאָק
אַנידער
אויף טרוקענע שטיינער דער קלאַנג פון
די לידער...

עס איז זיי באַשערט אין די ענגע געביידן
אַזוי ווי מלאָכים געפאַלענע ליידן;
מלאָכים, וואָס האָבן די היימאַט פאַרלאָרן,
און זוכן און זוכן די אייביקע יאָרן...

ליִיב ביידוס.

מיין איינציקער פאַרלאַנג.

מיין טאָג שטאַרבט אָפּ, מיין זון גייט אונטער,
דער אָוונט קומט און האַלט זיך אויף ניט לאַנג:
די נאַכט — זי וואָלט איך טרעפן מונטער,
זי' טרעפן גייסטיק אַ געזונטער,
לאָז מיר דער טאָג נאָר געבן איין פאַרלאַנג:
אַ שיינעם, קלאָרן זונענאונטערגאַנג:
אַ זונענאונטערגאַנג מיט פאַרבן
אי העל אי רויט: פון פלאַמען און פון בלוט;
אַן אונטערגאַנג, וואָס לעבט אין שטאַרבן,
קען טויטן אָבער נישט פאַרדאַרבן.

מאָריס ווינטשעווסקי.

---

* * *

איך האָב אַ קיניגרייך,
און וואָס איז דיין באַגער? ,
צו זיין אַ וואַסער־בלום אין טייך,
אין מיטן טייך זיך וויגן הין און הער...

איך האָב אַ צויבערשטאָק,
און וואָס איז דיין פאַרלאַנג? —
צו זיין אַ זום־זום דורכן טאָג,
און שלומערן אין אָוונט אויף אַ זאַנג...

איך קום מיט אַלצדינג אָן,
וואָס קלייבסטו אויס דערפון?
צו זיין אַ טוי אויף רויטע מאָן,
און שימערן און אויסגיין אין דער זון...

יהואש.

ערב פרילינג.

כ׳האָב ליב צו וואַנדערן אין פעלד,
ווען פון דעם פרילינג ווייזט זיך קוים אַ סימן,
ווען אויף די בייטן ליגט נאָך ווייסער פראָסט,
און אויפן הימל ווינטער־כמאַרעס שווימען...

ווען שטום נאָך איז דער ערשטער פויגל־כאָר,
נאָך ניט ערוואַכט דער זיסער פרילינג־טומל,
ווען טיף אין דר׳ערד נאָך טוליען זיך פון קעלט
די וואָרצלען פון דעם ערשטן ניסן־בלומל.

דאַן האָב איך ליב אַרויסגיין אויפן שניי
און דאָ און דאָרט דערזען אַ פלעק אַ גרינעם,
און ליב צו הערן אונטער מיינע טריט,
ווי עס קנאַקט די שאָלעכץ פון דעם אייז דעם דינעם...

און ליב צו אָטעמען דעם ערד־גערוך,
די וואַרעמקייט און פייכטקייט פון געבערן,
דען זיסער ווי אין פולער בלומען־פראַכט
מיר איז דער פרילינג אין זיין אָנהייב ווערן...

יהואש.

פרילינג־ווינטן.

צוויי שטורם־פליגלען:
רע׳טס—אַ ווינט, און לינקס—אַ ווינט,
פון הוילן ליכט געשפינט!
איך טו די ווינטן אָן אויף זיך,
און גיך
דערהויב איך זיך—אַ פרילינגס־גבור
אַריבער טאָל און באַרג אַריבער,
אַריבער אָפּגרונטן און גריבער—
איך פלי אַריין אין אַלע שטיבער!...
און—כ׳נעם זיך איבער,
ווען איך הער
אַ פליסטערן: „ווער קלאַפּט עס, ווער?"
און איך דערקלער:
— דער ליבסטער פליט, דער ליבער!
און בגילופן
פון פליגלען־פרייד,
פון ווינטן־רייד,
פון פרילינגס־רופן —
איך פלי מיין וועג דעם גלייכן
און כ׳רייס אַראָפּ פון טייכן
פון אייז די האַרטע הויטן,
דעם שניי דעם טויטן,
איך פליק אַראָפּ פון דר׳ערד
דעם מרה־שחורה־טרויער:
אַוועק, דו וואָלקן גרויער!
מיין יוגנט איז— מיין חלף און מיין שווערד
איר הערט, צי ניט,
ווי ס׳גליט אֵון בליט
אין מיר די פרייד,
ווי ס׳גייט דער אייז,

דער ווינטער ווייס
פֿאַרקלעמט,
פֿאַרשעמט
אַוועק
אין עבר=וועג.

פֿאַרגאַנגענהייט!
—וואָס איז פֿאַרגאַנגענהייט!
איך בין באַנייט!
איך קום פון ווייט אַון נאָענט!
מיט הימלען בלויע,
מיט אויגן—בלויער,
אָן טראָפּן טרויער!
צו האָט איר מיך דערקאָנט—
דאָס בין איך דאָך,
באַפליגלט פון די ווינטן
מיט אַ כנופיא ווינטן הינטן—
דער יונגער פרילינגס=גבור...
האָ! האָ! מיין קול איז שטאַרק!
אַריבער אייך,
אריבער ים און טייך,
אַריבער טאָל און באַרג,
אַריבער אַלץ—מיט אַ געזאַנג אַריבער!

מ. בראָדערזאָן.

פרילינג=טרוים.

אַ טרעל אין דער לופטן, אַ קנאָספּ
אויף אַ צווייג,
אַ וואַרעמער הויך אויפן שטערן—
און ס׳האָט זיך אין הארצן געעפנט
אַ נעסט,
און לויז געלאָזט אַלע באַגערן...

דערזע איך, עס שווימט אויפן הימל אַרום
אַ ווייסינקער וואָלקן פון ווייטן—
אַ הייב און אַ שפרונג, און שוין זיץ
איך אויף אים.
און לאָז זיך אַוועק אויף אים רייטן...

איך פלי איבער טאָלן און שוועב
איבער בערג,
און שטיפנדיק יאָגט מיך אַ ווינטל...
שוין גרייך איך אַרויף צו דער
ליכטיקער זון,
און פליק מיר פון שטראַלן אַ בינטל...
דאַן פלעכט איך פון זיי אויפן קאָפּ
זיך אַ קראַנץ,
און בלייבן מיר איבעריק שטראַלן—
צעוואַרף איך זיי רעכטס און
צעוואַרף איך זיי לינקס,
אויף לאָנקעס און וועלדער און קוואַלן.
און דאַכט זיך, דער פרילינג בין איך
גאָר אַליין;
און איך בין דער קיניג פון לעבן,
און ווו נאָר אַ שימער, און ווו
נאָר אַ קווייט...
האָב איך פון מיין אוצר געגעבן...

יהואש.

די ערד ערוואַכט.

לייב ניידוס.

ס'ווערט דער הימל בלויער, העכער,
בושלעס שטייען שוין אויף דעכער,
שוואַלבן רוישן שוין אין לופט;
ס'ווילט זיך שרייען, וועמען רופן,
און דאָס האַרץ איז בגילופין
פון דעם שכּורדיקן דופט...

נעכטן—שניי, און איצטער—ווו=זשעז...
ס'בליצט אין זון אַ ברייטע לוזשע,
שטראַלן ברעקלען זיך אין איר;
שקצים פליושקען זיך און שפּרינגען,
שפּריצן וואַסער, לאַכן, זינגען,
לאָזן שלאַנגען פון פּאַפּיר...

אַלע טאָלן—גרין פאַרוואָקסן;
דאָרטן אַקערן צוויי אָקסן,
דאָ—אַ דאַרער ברוינער פערד.
ס'האַלט דאָס פּויערל אין שמייסן,
און די אַקעראייזנס רייסן,
פליקן שאַרף די שוואַרצע ערד.

ביז ס'פּאַלט צו דעם אָוונטס שלייער,
גייט אין פעלד אַרום דער זייער,
וואַרפט די הויפנס זאָמען שנעל;
ליגן שטיל אין דר'ערד די זאָמען,
ווי אַ ליד, נאָך אָן אַ נאָמען,
וואָס עס רייפט אין דיכטערס זעל...

דאָרשטיק גיך, ווי בחפזון,
שפּראָצן בלימלעך אויף און גראָזן
אומעטום, אין סאָד און פעלד;
אָט=אָ—צען, און אָט—שוין הונדערט.
און זיי גלאָצן=אָן פאַרוווּנדערט
גאָטס צעשפּרייטע ווייסע וועלט.

ערשט—נאָך נאַקעטע געשטאַנען,
שוין באַבלעטערט די קאַשטאַנען,
און די אָלכע, און דער גראַב;
נעם אין האַנט אַ בלאַנקן מעסער,

לאָז די צירקן, וואַרף די קראָמען—
ס'יאָגט דער שניי אין מוטנע שטראָמען,
ס'שמעקט מיט פייכטער, פרישער ערד;
ביסטו נאָר ניט עובר בטל,—
טו אַ זעץ זיך אויפן זאָטל
און—אַ שמיץ דעם פלינקן פערד!

פרעג קיין קשיות, זוך קיין עצות—
שטייפער, שטייפער צי די לייצעס,
טרינק אין לופט דאָס וואַרמע גאָלד!
שריי: „דער פרילינג איז געבאָרן!"
און צעבלאָז עס אין דיין האָרן
ווי אַ קיניגס אַ העראָלד!

ס'טוען תפילה דעמבעס הויכע,
וואָס זיי זיינען אַלע זוכה
ווידער פילן גרינס און שטראַל.
און די שטיקער אייז צו=להכעיס
מורמלען טייכלעך שטילע ברכות,
און בעריאָזקעס זאָגן טל...

קלייב דיר אויס אַ צווייג, וואָס בעסער,
און שנייד אויס אַ וואַנדער־שטאַב...

גוט צו זיין איז אונטערוועגנס
אין די ערשטע וואַר׳מע רעגנס,
און זיך צוהאָרכן פאַרקלערט,
ווי די טראָפּנדלעך די לויע,
פול מיט דאָרשטיקער הנאה
טרינקט די אויפגעוואַכטע ערד...

שענער, רייפער ווערט אַלץ ניסן,—
אייל־זשע, וועלט, פון פרייד געניסן,
צוויטשערט, שוואַלבן! גרעזל, שפּראָץ!
איטלעכס ווערעמל און שטיינדל
לעכצט צו זען דער זונס אַ חנדל,
זען דעם גרויסן חסד גאָטס...

לינד און ליכטיק! פּרשה שמיני:
ס׳קלינגען טרעלן דראָבנע, דינע:
פייגל פליען נאָנט און ווייט;
יענע—שיטן זילבער־ריימען,
די—פאַרריכטן אַלטע היימען,
ליד און לעבן ווערט באַנייט...

ס׳ווערט די וועלט פון פרייד משוגע,
באַריש ווערן אַלע קלוגע,
ס׳פיבערט וואַנזיניק דאָס בלוט;
ס׳הירזשען פערדלעך, ס׳מעקען ציגן,
ס׳לאַכן שטראַלן, ס׳זשומען פליגן,—
אַלע צאַפּלען אומבאַרוט...

פאַר דער יונגער פּראַכט פון שטראַלן
מאַכן אויף זיך שוין די שטאַלן:
רויִק שלעפּט זיך קו נאָך קו,
זאָרגלאָז לויפן שוין די לעמער,
און דער פאַסטוך שפּילט זיין זמר
אויף זיין פייפל: „דו־דו־דו״...

קאַטשקעס שווימען שוין אין וואַסער;
ווי אַ העלער קול מבשר
הילכט ביים פּלויט דער קריי פון האָן;
לעבן גאַניק אויפן קלעצל
צערטלעך וואַרעמט זיך אַ קעצל,
אין זיין פרילינגס־טרוים פאַרטאָן...

טוט אַקאַרשט אַ קוק אויף זשוקן;
אַט־אַ ליגט ער אויפן רוקן,
און אַט פאַלט אין קאָפּ אים איין
כאַפּן גאָר זיין אייגן ווײדל,
און ער דרייט זיך ווי אַ דריידל,
אויס און איין, אַלץ אויס און איין...

ביי די סאַזשלקעס די בלויע
הילכן קלעפּ: דאָס פּאַטשט אַ גויע
לעבן וואַסער אויס די וועש...
שאַ, וואָס איז פאַר אַ מוזיק עס?...
מיט אַ זעלטענער מתיקות
הערט מען קוואַקען שוין די פרעש...

סלויפט דער טייך אין גרינעם עיגול
מיט זיין דורכזיכטיקן שפּיגל,
ווי אַ בלוילעכער קריסטאַל;
דראָבנע פלאַטקעס זעט מען שמייען,
ס׳טוט אַ בליץ אַ גאָלדגער שלייען
אויף דער אויבערפלאַך צומאָל...

ס׳שלעפּט זיין נעץ דער אָרעמער פישער
און אַ פייכטער דופט אַ פרישער,
קילער טייך־דופט טוט אַ זעץ;
דורך צעפּוילטע וואַסער־פלאַנצן
שופּן זילבערנע זיך גלאַנצן
אין דעם נאַס־אַזשורנעם נעץ...

טרייער שמייכלט אַלץ אַווראָרע,
קושט די גרינע זייד־עטרה
אויף דעם וואַלדס געלאָקטן קאָפּ;
ס׳שמעקט מיט קילקייט און מיט סמאַלע
און אין מאָך איז אַ בהלה
פון מוראַשקעס אויף־און־אָפּ...

ס׳שטייט דער גאָרטן שלאַנק, גרין־קעפּיק,
ס׳לויכטן קנאָספּן פריש און קלעפּיק,

יעדער בוים — אַ יונגער העלד ;
ווידער בלימלען זיך די קלומבעס, —
ווי אַ סודיקער קאָלומבוס
וואָלט אַנטדעקט אַ נייע וועלט!

אין דער גרינער נאַכט פון גראָזן
שפּילן גרילן־ווירטואָזן
אַזוי האָפערדיק און בראַוו;
מוקן קאָן מען שוין געפינען,
און פון זשומענדיקע בינען
פליט אַ גאַנצער ערב־רב...

ווי אַ יחסן אַ באַוווסטער,
אַ געזעצטער און אַ יוסטער,
גייט דער שטאָרך פעלד־אויס,
פעלד־איין ;
שפּרייזט זיך שטאָלץ, רויט־אָפּ צו ביסלעך
און די יחוסדיקע פיסלעך
שטעלט מיושבדיק און פיין...

מיט זיין כלומרשטדיק נאַיִוון
ליבן שמייכל קומט דער סיוון, —
שאַרפער, רייכער ווערט דער דופט;
ווו — דער ערנסט, ווו — דער שפּיל איז!
ווי אַ וואַנזיניקע לילית
וואָלט פאַרפירן אונדז געפרווט...

ס׳ציט און ס׳רייצט דער דופט פון בעזן,
ס׳ווילט זיך איינטונקען דאָס וועזן
אין די בליטן בלוי און ווייס;
און די רירנדע נאַרציסן
וועקן אויף אַ וויי אַ זיסן,
און עס וואַרט דאָס בלוט אויף נייס...

בונטער ווערן די לאַנדשאַפטן
און עס ווערן רייף די זאַפטן
אין די אָדערן פון ערד;
און די שמעטערלינגען פאַלן
ווי באַרוישט פון דופט און שטראַלן,
ווי פון יונגן גליק פאַרצערט...

ליבער הימלישער שבועות!
ווען אַ יום־טובדיקן שמועס
פירן גרעזעלעך אין פעלד;
ווען עס ווערט די ערד נתעלה,
און עס דוכט, עס ווערט גאָטס כלה
די געבענטשטע פרילינגס־וועלט...

כ׳שפּרייז און כ׳טרינק די לופט די בלויע
מיט אַ סודיקער הנאה,
לאַנגזאַם שטעלנדיק די פיס...
אויף דער גרינער פעלדער־שיינקייט
ליגט אַ מאָדנע רייפע ריינקייט,
רוט די האַרציקייט פון רות...

גאָט, ווי פרעכטיק איז די שקיעה!
ווי אַ גאָלדענע יריעה
וואָלט דעם מערב־ברעג פאַרהילט...
און עס דוכט, ווי אין גן־עדן
אַ מיסטעריע פון פריידן
וואָלטן כרובים עס געשפּילט...

שאַ, ס׳לעשט אויס דער לעצטער זכר...
ס׳פאַלט אַ טונקל צו אַ ווייכער...
האָרך די נאַכטיגאַל און שווייג.
ווי אַ רואה ואינו נראה
שיט זי שטיל די טרעלן אירע
פון דעם טונקעלן געצווייג...

אַך, ווי באַנג און הימלעך איז מיר
פון איר אויסטערלישן מזמור,
פון איר זעלבסט־פאַרליבטן קלאַנג;
האָרך נאָר, האָרך נאָר: עס איז ניכּר,
ווי זי ווערט אַליין שוין שיכּור
פון איר אייגענעם געזאַנג...

ס׳הענגט אַריבער דער אַלעע,
ווי אַ זילבערנע קמיע,
די לבנה, שטראַלן טיילט...

ס'בלייכן עפּל-ביימער ווייסע,
ווי בת-מלכּות פון אַ מעשה,
וואָס די מאַמע האָט פאַרציילט...

און אַ פּלוצלונג אַ באַגליקטער,
שריי איך אויסעט, אַן אַנטציקטער

צו דער אויפגעבליטער וועלט:
— אָ, מה טובו אוהליך!
שטיל אַרום... און נאָר דאָס עכאָ
חזרט-איבער עס אין פעלד...

לייב ניידוס

* * *

עס זייגען פאַרפולט שוין די פעלדער
מיט שיין

און גייען שוין איבער.
און וואַלדישע ברעגן ניט האַלטן שוין
איין —

און זון גייט אַריבער.
און ס'העלן זיך וועלדער פון בערגל
ביז טאָל,

און ס'בלייכן זיך מאַכן.
און ס'זיינען שוין זוניקע פלעקן אַן צאָל
אַהין אויף פאַרקראַכן...

ד. האָפשטיין.

זעיר-אַנפּין*).

הענגט אויף אַ צווייג
אַ גילדערנע זון אין אַ טראָפּן געפאַנגען—
ציטערט און פליטערט אַ וואַלד מיט
געזאַנגען

אין אַ קליינינקן שטייג...

יהואש.

* * *

כ'האָב צום גראָז זיך איינגעבויגן,
צו דעם גראָז מיט טוי באַצויגן,
כ'האָב פון האַנט דעם טוי געטרונקען,
און געוואַשן מיינע אויגן.

פון די אויגן גלייך אין מוח,
קענטיק, איז דער טוי געגרונען
און די וועלט געוואָרן העל איז,
ווי באַשטראַלט פון הונדערט זונען...

און די בערג און רוימען שמייכלען,
און זיי ווינטשן מיר און גריסן: —
„צו געזונט דיר זאָל דער טראַנק זיין,
פון דעם מאָרגן-טוי דעם זיסן"...

יהואש.

דאָס טייכל.

זיס און היימיש רוישט דאָס טייכל
בלאַנצנדיק אין זונענשיין,
פלוידערט קינדעריש דורך אַ וואַלד-באַרג,
און די ביימער שלאָפן איין...

איינגעלוליעט מיט זיין מורמל
האָט ער אויך די בערג אַרום,
ער אַליין נאָר רעדט און פלאַפּערט,
ערד און הימל האָרכן שטום...

כ'ליג האַלב וואַך און האַלב פאַרדרעמלט,
ווי פאַרנעפּלט איז דער זין,
דורכן שלעפערדיקן מוח,
פלאַנטערט זיך דאָס וועלדל גרין...

לאַנגזאַם מישן זיך צוזאַמען
באַרג און הימל, גראָז און קוואַל,
און דער חלומדיקער טומל
פון אַ ווייטן וואַסערפאַל...

יהואש.

*) מיניאַטיור

עס האָט מיך פאַרפּלאָנטעט...

עס האָט מיך פאַרפּלאָנטעט מיט גרינס און מיט בלומען,
ווו פלאַטערלעך צאַפּלען אין נעצן פון שטראַלן,
ווו ס׳ציטערט די לופט פון דעם גרילצן און זשומען —
און איך בין פאַרכשופט צו דרערד צוגעפאַלן.

ס׳איז הייס, ס׳איז שיין, ס׳איז גוט! — אפילו
די האַלב דערוואָרגענע געפילן —
זיי ווילן אויך די זון דערלאַנגען,
און צאַפּלען ווייכע, גרינגע, שטילע,
און שטעקן קעפּלעך ווי די שלאַנגען,
זיך ציענדיק אַלץ העכער, העכער
מיט האַלבן גוף פון שוואַרצע לעכער.
דאָס האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן
גאָטס מילדע זון.

ס׳איז הייס, ס׳איז גוט! גאָטס ווערטל גלאַנצט
אין טיפן גראָז — דאָרט שמיצערט, טאַנצט,
דער סטעפּ — מיט בלומעלעך געצירט,
וואָס גאָט אַליין האָט זיי געפלאַנצט,
פאַרשפּרייט זיך ווייט און גייט אַוועק
גאָר אָן אַן אָנהייב, אָן אַן עק.
און איינזאַם דאָ צווישן גראָז
שפּיר איך אין מיר אַ גאַנצע וועלט —
דאָס האָט געטאָן אויף מיר אַ בלאָז
מיט פרייען פעלד.

ס׳איז שאַ, ס׳איז שטיל... אָט דאָ געשווינד
איז דורכגעפלויגן ווי אַ פייל
אַזוינס, וואָס האָט געשמעקט מיט קינד
און ליגט שוין ווייט פאַר טויזנט מייל.
דאָס האָט געטאָן אַ גלאַנץ, אַ בליץ,
און גלייך אין אויג דערלאַנגט אַ שפּריץ
מיט טראָפּנס טוי פון זיסן גליק,
פון יונגן גליק, וואָס ווערט גישט אַלט —
דאָס האָט אויף מיר געטאָן אַ בליק
דער גרינער וואַלד.

ח. נ. ביאַליק.

ים=לידער.

זון און ים, זון און ים,
קאַלטער, בליצעדיקער פלאַם.
יעדער פאַליע, יעדער שטראַל
צינדט פון זיך אַ נייעם שטראַל.
ווי אַ גרויסע שלייפמאַשין
וואַרפט עס פונקן הער און הין,
שלייפט און בליצט, בליצט און פיילט,
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם — נישט געאיילט.
בלעכן טאַנצן,
טאַנצן גלאַנצן...
טויזנט זונען
און צערונען.
אויפגעשטאַנען
פיל פאַנטאַנען —
אויגנבליק
און פלאַך צוריק.

יעדער ווינטל, יעדער בלאָז
שאַפט און מייסטערט פאָרמענלאָז.
יעדער קלייגער ווינטל=גלעט
קנעט און וועלגערט, קנעט און קנעט
פלאַם מיט וואַסער, פלאַם מיט וואַסער,
פלאַם מיט וואַסער אָן אַ סוף...

ז. סעגאַלאָוויטש.

---

*
*   *

אַ שטראַל פון דער זון
האָט אַ כוואַליע געקושט
מיט ליפן פון רייגעם גינגאָלד;
אַ שפרונג האָט די כוואַליע געטאָן ווי
צעמישט
און לעבן שוין מער נישט געוואָלט...

אשר שוואַרצמאַן.

ביים זונענפאַרגאַנג.

ווען נאָר קומען דער אָוונט, וועל איך גיין צו די שטאַמען,
וועל איך גיין צו די שטאַמען פון די איינזאַמע פיכטן;
כ'וועל מיך לייגן אַ שטילער מיט די שאָטנס צוזאַמען,
מיט די שאָטנס צוזאַמען אויף דעם מאָך דעם געדיכטן...

און אויף לופטיקע פליגל וועט דאָס ווינטעלע קומען,
וועט דאָס ווינטעלע קומען פון דער ווייטן צושוועבן
און וועט שטיל מיר דערציילן, וויפיל גראָזן און בלומען,
וויפיל גראָזן און בלומען האָט ער קושן געגעבן...

און אַן אָפשיין אַ ראָזע, מיט דעם ווינטל געאַרעמט,
מיט דעם ווינטל געאַרעמט וועט אויף ברעמען מיר פאַלן
און וועט שטיל מיר פאַרטרויען, ווי געגלעט און געוואַרעמט
ווי געגלעט און געוואַרעמט האָט ער לאָנקעס און קוואַלן...

איבער מיר וועלן צאַנקען ווי פאַרכשופטע מנורות,
ווי פאַרכשופטע מנורות דינע שפיצן פון פיכטן,
און פאַרשלעפערן ליבלעך וועט אַ דופטיקער קטרת,
וועט אַ דופטיקער קטרת פון דעם טוי דעם געדיכטן...

לייב ניידוס.

אין הימל־רוים.

אין הימל רוים
צעגייט און ווערט שוין בלאַס
דער לעצטער זוים,
דער גליענדיקער פּאַס...
אַ בינטל ווינטעלעך
פון איבער באַרג
זיך גנבעט שטיל
אין ברייטן טאָל...
נאָר ביימער איז דאָ קאַרג

פאַר אַלע מיטאַמאָל —
און ס'ווערט אַ לאָדעניש
און ס'ווערט אַ שפּיל
פאַר יעדער צווייג,
פאַר יעדער בלאַט, —
און איך, איך מיש זיך ניט — און שווייג
אין טומלדיקער רו...
איך הער זיך צו ...

ד. האָפשטיין

זון־פאַרגאַנג.

דאָ, און אום, און אויס, און איין,
ראָזער, רויטער, ריינער ווייַן,
שיין, שיין, שיין,
איך בין אין שיין אַריין.

פון דער שטילער מערב־וועלט
האָט דאָס רויטנס אויסגעקוועלט,
ווייך און ציטערדיק אַזוי,
און נשמות אָפּגעשיינט
און אַ הייב געגעבן זיי
מיט דער גאַנצער גרינגער וועלט
און געלאָזן זיך אַוווּ — — —
שווימט דאָס לעבן אויסגעהעלט.

רויִק, רויִקער פון רו,
שווים איך; שווים איך, שווים איך מיט
מיט מיין ריין און ראָז געמיט
און איך מורמל עפּעס שטיל,
כ'זאָג אַ לידעלע אַזאַ:
טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַ,
ציל, ציל, ציל — — —

דאָ, און אום, און אויס, און איין,
ראָזער רויטער, ריינער ווייַן,
שיין, שיין, שיין,
איך בין אין שיין אַריין.

מ. קולבאַק.

בין השמשות.

פאַרבאָרגענע פינגער באַדופטן דעם רוים,
אַ קוויקנדער באַלזאַם פון ערגעץ נעמט רינען;
געהיימע חלומות אין מערבס גאַרדין
פון זאַפראַן און פורפור זיך שפּינען...

עס הויכט פון אונענדלעכע וועלטן אַ ליד,
און אייביקע שטילקייטן הייבן אָן ריידן;
די ערד קושט דעם הימל און נאַכט קושט דעם טאָג,
און גאָט פון זיין טראָן קושט זיי ביידן...

אַ נעפּל־טול וועבט זיך אַרויס פונם טייך
און קרייזלט זיך איבער פאַרשלאָפענע וועלן;
דער וואַסערפאַל פונקלט מיט בלוטיקן גלאַנץ,
און שפּרינקלט מיט רויטע קאָרעלן...

אויף זיידענע זאַנגען פאַלט זאַפטיק דער טוי,
אין בלאָלעכע שאָטנס זיך הילן די טאָלן,
און קעגן דעם פּערל־קאָלירטן געוואַנט
די בוים־שפּיצן שאַרפער זיך מאָלן...

די ווערבע הענגט מיד אירע צווייגן אַראָפּ
און שלאָגט אין גערויטלטן וואַסער זיך אָפּ...
אַ קראָליק לויפט האַסטיק אַריבער דעם שטעג,
און שפּרינגט דורך די פעלדער אַוועק,
ביז עס שימערט פון ווייט זיך אַ פלעק,
און דאַן ווערט פאַרשוווּנדן
אַהין, ווו אַ בראַנד
האָט דעם ראַנד
פון דעם הימל געצונדן...

פון איר פליסיקער יאַגד,
פול מיט נעקטאַר געפּאַקט
אַ פאַרשפּעטיקטע בין קערט זיך אום,
מיט אַ שוואַכן געזום,
און כאַפּט אויף איר גאַנג
ווי־ניט־ווי
נאָך אַ לעצטן געטראַנק...
אַ פּיפּס און אַ פלאַטער—
און דאַן ווערט אַלץ שטום..
אַן אָטעם אַ מאַטער
פרעסט אויס פון די פלאַנצן
דעם גאַנצן
געבליבענעם רעשט פון פאַרפום...

———

אָ, זאָג,
יענע פראַכט—
איז עס טאָג,
איז עס נאַכט?...

ס׳איז דער חן פון פאַרגיין,
ס׳איז דער טויט, וואָס איז שיין...
ס׳איז דער גייסט,
וואָס זיך ווייזט,
ווען דער קערפּער צעפאַלט...
ס׳איז אַ טאָן, וועלכער שאַלט,
ווען יעדע מוזיק איז פאַרקלונגען...
ס׳איז דאָס האַרץ פון דער וועלט,
וואָס זיין תהום איבערקוועלט,
און איז ביז אַרויף צו די שטערן געדרונגען.

ס׳איז ניט טאָג,
ס׳איז ניט נאַכט—
עס איז עפּעס וואָס שמאַכט...
ס׳איז אַ קלאָג
און אַ שלוכצן פאַרשטיקט...
ס׳איז אַ גאָט ביז צו ווייטאָק אַנטציקט..

ס׳איז אַ פרייד,
וועלכע וויינט
שטילערהייט,
ס׳איז די לוסט און די פּיין,
ס׳איז די נאַכט און דער שיין,
וועלכע זיינען פאַראייניט,
און געוואָרן

פון פאָרן
איז יעדע באַשיינט...

ס׳איז אַ שלאָף און אַ וואַך־זיין צוזאַמען,
ס׳איז אַ סוף
און אַן אָנהייב פון ווערן—
אַ לעשן פון פלאַמען
און אַ צינדן פון שטערן...

ס׳איז אַ ליבּ און אַ דאַנק,
און עס איז אַ באַגערן...

עס איז אַ געזאַנג,
און אַ האָרכן און הערן...

ס׳איז אַ וועל,
וועלכע האָט זיך צעגאָסן
און שימערט און שווימט...
ס׳איז אַ זעל,
וועלכע האָט זיך פאַרשלאָסן
און טרויערט און טרוימט.

יהואש.

* *
*

ס׳דרימלען אַרום אונדז פאַרחלומט די ביימער,
זיידענע שאָטנס דעם וואַלד דעקן איין;
איבער דעם וואַסער אין גלאַנציקע פאַסן
וואַרפט די לבנה איר צערטלעכן שיין.

שפּילנדיק קרייזלט דער נאַכט־ווינט די גראָזן,
ס׳וויגן די ווערבן פאַרשלאָפן דעם קאָפּ;
טויזנטער גאָלדענע אויגן פון הימל
פינקלען און שפּיגלען אין וואַסער זיך אָפּ.

יהואש.

אַ גאָרטן ביי מיין הויז.

ווי אַ ליבּלעכע אידיליע
בליט אַ גאָרטן ביי מיין הויז!
ווי מיין חלום בליט די ליליע,
ווי מיין ליבּע בליט די רויז...

אין אַ ווינקל פון מיין גאָרטן
אָטמען ביימער אַזוי קיל,
דורך די זאַנפט־געהאַלדזטע צווייגן
רוישט אַ טייכל פריש און שטיל...

גרין פאַרטרונקען אין די גראָזן
ליגט ביים טייך אַ שמאָלע שטעג,

ווייל איך שיינע טרוימען וועבן,
לאָקט אַן אָוונט מיך דער וועג...

צינדן זיך די זילבער־שטערן,
ווער איך אַזוי שטיל און מילד,
ווערט די גאַנצע, גאַנצע לאַנדשאַפט
אין אַ צויבער־טרוים געהילט...

זע איך פון די בערג, פון ווייטן,
ווי עס ציען זיך צו מיר
עפּעס גייסטער צי מלאָכים,
און זיי בויגן זיך צו מיר...

וועבט פון מיר זיך אויס אַ לייטער, און איך קלעטער צו די שטערן,
ווי פון שטראַלן אַזוי דין, און איך שוועב אַהין, אַהין!..

יואל סלאָנים.

אין אַ לבנה=נאַכט.

עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...
צו דעם בלוי=ווייסן רוים,
צו דעם נעץ פון די צערטלעכע ליכטיקע שטראַלן
האָט פלוצלינג אַ שטילע מעלאָדיע דערגרייכט —,
ווי אַ טרוים...
און דערנאָך אין דער ווייטקייט פאַרפאַלן...
עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...
דאָרטן ווייט, דאָרטן ווייט, ווו עס דרעמלט דער וואַלד
אין אַ נעפל פון מאַטאָווען זילבער, —
שטיל, אין אַ שאָטן פאַרהילט
פון אַן אוראַלטן בוים,
אויפן פייכט=ווייכן גראָז מיט אַ האַרפע אין האַנט
מוז זיצן אַן עלנטער זינגער:
און אַ ניגון פאַרטראַכט וועבן שטיל, וועבן שטיל,
אויף די סטרונעס מיט צערטלעכע פינגער.
עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...

דוד איינהאָרן.

האַרבסט.

ווי ליב האָב איך די קלאָרע טעג פון האַרבסט,
ווען שפּינוועבס=פּעדעם שווימען אין דער לופטן,
און אין די שטעטלדיקע גערטנדלעך
די כריזאַנטעמען וועלקנדיק נאָך דופטן;

ווען פון די ביימער פאַלט און פלאַטערט גאָלד,
עס שמעקט אין סאָד מיט באַרן און מיט עפּל
און פרי פאַרטאָג אין מזרח פלאַקערט אויף
דאָס מאָרגנרויט אין גרויען קאַלטן נעפּל.

ווען אויף די לאָנקעס שרייען ווילדע גענדז;
ווען אין דעם בינשטאָק דרעמלען איין די בינען;

און דורך די שייבלעך בליען אויף ביינאַכט
אין שטומען דאָרף די רויכערדיקע קינען;

ווען אויף דעם גרונט פין שטומער, קאַלטער נאַכט
איז בולט יעדער בוים מיט אַשוורצע קאַרבן,
און דורך די צווייגן גלאָצט אַרויס אַ שרעק,
ווי פון די אויגנלעכער פון אַ שאַרבן.

ל. יפה.

האַרבסט־מאָטיוו.

פעלדער אָן זאַנגען, אָן גראָזן...
ביימער מיט נאַקעטע צווייגן...
נעסטער פאַרוויסט און פאַרלאָזן...
וועלדער פאַרזונקען אין שווייגן...

אָבלדיק טריב איז דער עטער,
כמאַרעס ווי קרעפ הויך צעהאַנגען..
הפקרדיק קייקלען זיך בלעטער...
איינזאַמע שטאַרבן פאַרלאַנגען...

ס׳דוכט, ס׳איז אַ וועלט־בית־הקברות...
ס׳לעבן — שוין טויט און באַגראָבן...
ס׳קראַקען נאָר — מאַכן הזכרות —
גלייכגילטיק — פינסטערע ראָבן...

אַ זאַק.

האַרבסטיקע בלעטער.

בעריאָזקעלעך שטייען
אין ליכטיקע רייען
ווי יונגינקע פעען
אַן איינזאַמער כאָר;

און ס׳צאַנקען די פלאַמען
אויף זייערע שטאַמען,
ווי פורפורנע קאַמען
אויף העל בלאָנדע האָר...

און בלעטעלעך פליען,
און לויכטן און גליען,
און גליענדיק, ציען
אַ טאַנץ אין דער מיט;

מיין פוס ווערט פאַרזונקען
אין פאַרביקע פונקען,
און שטיל ווערט דערטרונקען
דער קלאַנג פון די טריט.

אָ האַרבסטיקע בלעטער!
זיי שטראַלן אין עטער
ווי גרוסן פון געטער,
וואָס שטאַרבן שוין אָפּ!

זיי שאָרכן אַנטקעגן
אַזוי ווי אַ רעגן,
און צירן די שטעגן,
און דעקן מיין קאָפּ.

באַהענגען איינגאַנצן
מיין קאָפּ ווי מיט קראַנצן,
מיט קראַנצן, וואָס גלאַנצן
ווי קרוינען פון גאָלד...

און אומעטיק שטייען
בעריאָזקעס ווי פעען,
אין ליכטיקע רייען,
מיט פורפור באַמאָלט...

לייב ניידוס.

האַרבסט.

I.

די בלעטער ווערן געל און רויט
און פאַלן פון די ביימער;
די ביימער שטייען אַלט און מאַט
ווי האָפנונגסלאָזע טרוימער...

די שוואַרצע קראָע קוועלט און לאַכט,
עס וואַקסן בייזע אֵימות,
די גראָזן זאָגן וידוי שטיל,
עס וועלקן די חלומות...

דער נאָרד־ווינט ברומט, ער קומט, ער קומט
מיט מאָרד־לוסט און רציחה,
פרעסט אויס פון בלום די זאַפט און
קראַפט,
בויט אויף אַ מאָרד־מלוכה...

די קליינע ביימער בויגן זיך
און נורען זיך צוזאַמען,
ווי שעפעלעך אין ווילדן פעלד
פאַרלאָזן פון דער מאַמען...

די קליינע ביימער נורען זיך,
און שוואַרצע וואָלקנס שוועבן,
אוי־ווי, אוי־ווי, צו טראָגן זיי
אַוועק מיין יונגעס לעבן?...

אוי־ווי, אוי־ווי, איך פיל פון שניי
די קאַלטקייט פון דער ווייטן,
דער ליבער זומער פליט אַוועק,
דער ווינטער קומט צורייטן...

II

די גליענדע זון פונם זומער דעם שיינעם איז פּלוצלונג אַוועק, אין דער וויט־
קייט אַוועק,
אַזוי ווי אַ קראַנקער אין שרעקלעכע אַנגסטן, וואָס ציטערט פון שרעק, פון פי־
בער און שרעק.
דער טויט איז אַרויס אויף דער וועלט, אויף דער וועלט,
געהילט אין אַ מאַנטל פון גראָקייט און קעלט, און פאַרדאַרט און פאַרגעלט
מיט זיין שרעקלעכן אָטעם דאָס פעלד און דעם וואַלד;
און איבערגעלאָזן אויף ביימער און גראָזן
די פלעקן פון רויט־ברוינעם וויין, וואָס געטרונקען האָט ער ביי דעם קבר
פון זומער.
און ער האָט געזונגען
אין טויטלעכן קומער:
„ס'מוז דאַרבן און שטאַרבן אַלצדינג וואָס איז אַלט, אַלצדינג וואָס איז אַלט!"
איצט קרעכצן די ווינטן אין וואַלד, אין דעם הוילן, אַזוי ווי אין פיין,
אין עלנט און פיין.
אַזוי ווי זכרונות געווינטשטע, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען
און וועלן ניט זיין.
און ס'פליען אום פויגלען מיט פליגלען צעפליקטע,
און ווילן וואָס זינגען און בלייבן דערשטיקטע,
און ווערן פאַרשוווּנדן צו זוכן ווו רו,
דאָך קיינער ניט, קיינער ניט ווייס ניט אַווו.

און ס׳בלאָנדזשעט דער אומעט אויף פעלדער אַרום,
און וואַנדערט אויף וועגן פאַראיינזאַמט און קרום,
זוכט אויס זיך אַ פלאַץ ביי אַ טויטשטילן טייך,
און קניט ביי אַן אַלטן, אַ ווערבענעם בוים,
און וויינט וואָס דאָס לעבן איז קורץ און ניט רייך,
און וויינט וואָס עס זינקט און פאַרשווינדעט דער טרוים,
און ס׳בלייבט נאָר דער שוים...

יואל סלאָנים.

~~~~~~~~~~~~

* * *

אויסגעגאַנגען און פאַרשלעפערט
איז דער גאָרטן, טויט און שטום;
שטייט אַ שמעטערלינג פאַרגליווערט
אויף אַן אָפּגעבליטער בלום.

נאָר אַ ווינטל רירט די פליגלעך,
גיט די בלימעלעך אַ דריי;
רייסט פון זיי זיך קליינע שטיקלעך,
נאָר דער בלום טוט שוין ניט וויי.

און אַ בין צו איר פאַרבלאָנדזשעט,
דורשטיק פון אַ ווייטן וועג,
מיד, פאַרברענט ווי זי פאַרבראָנזעט,
גיט אַ שמעק און פליט אַוועק...

פרץ מאַרקיש.
~~~~~~~~~~~~

דער יום־טוב־טאַנץ.

ווייס דער וועג, אין גאָלד געשניטן;
פליט אַ שליטן נאָך אַ שליטן,
אין דער לופט די בייטשן קנאַלן;
בייטשן־קנאַל און יונג־געלעכטער
אין אַ ים פון ליכט און גאָלד,
און ברילִיאַנטן פאַלן ... פאַלן
אויף די קעפּ פון יונג און אַלט.

*

קלינגען גלעקער הויך און שאַלן,
און די זון צעשליידערט שטראַלן
רעכטס און לינקס,
פריידנס־כוואַליעס רוישן, ברויזן
פרייען פרייט זיך קינד און קייט,
אין די אויגן ברענט די פרייד

*

ערד און הימל — חתן־כלה,
מחותּנים זייגען אַלע,
ווער נאָר עס באַגערט.
און די זון! די זון איז שיכּור.
נאָך אַ ווײַלע וועט זי שטיקער
פון זיך פליקן
און זיי וואַרפן צו דער ערד.

ל. מילער.

---

* *
*

עס איז געשען! עס איז געשען!
אַ בלינדע וועלט האָט ליכט דערזען,
און גייט פון גליק אַראָפּ פון זינען,
עס ווייס דער מענטש ניט וואָס צו טאָן
פאַר פרייד.
ער האָט אַ נייע זון געזוכט
און ענדלעך זי געפונען.
עס טאַנצט די וועלט איר יום־טוב־טאַנץ,
און אַלע פלעכטן זיך אין קראַנץ
פון ווייסער פרייד אַרומגענומען
און פריי פון יאָך!
אויף אייביק פריי פון גרויער וואָך —
דער ווייסער יום־טוב איז געקומען!

ל. מילער.

שניי.

די ערד איז ווייס, דער הימל בלוי,
עס גליט די זון און ס׳בלענדט דער שניי:
איך מאַך די אויגן צו אַזוי
און גיי...
ניט פרעג: ווהין? ניט פרעג מיך: ווו? —
ווער דאַרף אַ וועג אין ווייסן שניי? —
איך מאַך די אויגן מײַנע צו —
און גיי...

ב. ביאַלאָסטאָצקי.

ערוואַרטונג.

עמיץ פאָרט. יאָ—יאָ—יאָ. ערגעץ ווייט. עמיץ פאָרט.
שניי און נאַכט. שניי און נאַכט. און דער גאַניק איז ווייס.
זאָל איך לויפן אַנטקעגן? ניין, איך בלייב אויף מיין אָרט.
עמיץ פאָרט. אפשר ברענגט ער מיר ליכטיקע נייס?...

די לבנה איז היינט אַזוי קאַלט, אַזוי קאַרג...
און די שאָטנס — געהיים... שאַ, דאָס גלעקל גייט אויס...

ס׳מוז דער שליטן איצט זיין ערגעץ הינטער אַ באַרג...
שאַ, אָט שלענגלען זיך ווידער די קלאַנגען אַרויס...

ווידער שטיל. אַזוי לאַנג. ניין, ס׳איז קיינער נישט, גיין...
אפשר יאָ? אפשר יאָ? צי דאָס דוכט זיך מיר בלויז?
ניין, ניין, ניין!... כ׳בלייב אַליין אויף מיין גאַניקל שטיין...
שניי און נאַכט. שניי און נאַכט. כ׳קער צוריק אין מיין הויז.

לייב ניידוס.

אויפן זילבערנעם שניי.

אויפן זילבערנעם שניי פונם פאַרק
פאַלט אַ שטראַליקער גרין־בלויער גלאַנץ:
יעדער בוים מיט זיין שאָטן ביים זייט,
יעדער צווייג איז פון בלומען אַ קראַנץ.

אויפן זילבערנעם פאַרק שלאָפט די נאַכט,
שוועבט איר רויִקער אָטעם אין לופט,
קלינגען שטילע אַ צווייג אָן אַ צווייג,
ציט פון סאָסניקע נאָדלען דער דופט.

אין דער זילבערנער שטילקייט פון פאַרק
הערט זיך נאָר ווו עס פלאַצט ווו דער אייז.
צווייג און בוים, נאַכט און קלאַנג און פאַרלאַנג
שטייען שטילע פאַרגליווערט אין ווייס.

י. שווארץ.

ווינטער.

לאָמיר מיידן די געביידן ווו מיר ליידן אין דער שטיל,
ווו ס׳איז שטויביק און ניט אייביק יעדעס מענטשלעכעס געפיל.

ס׳קומט שוין ווינטער. באַלד צעבינדט ער זיינע אוצרות פול מיט גלאַנץ,
ס׳וועלן שנייען זיך צעווייען און פאַרדרייען זיך אין טאַנץ.

ווייסע קראַנצן וועלן טאַנצן, וועלן גלאַנצן אין דעם רוים,
און צעפאַלן, ווי אָפאַלן, אין אַ שכורדיקן טרוים.

ווייסע קווייטן איינס צום צווייטן וועלן שפרייטן זיך אויף דר׳ערד,
און די ביימער, יונגע טרוימער, וועלן אָנטאָן ווייסע בערד.

נאָר דער ווינטער ווייס־געשפּינטער וועט ניט בויען דאָ זיין נעסט,
און ניט דאָ וועט אונדז לכבוד זיין דער מלכותדיקער פעסט.

אַך, די גאַסן וועלן שפּאַסן פון די פאַסן ווייסן שניי,
ס׳וועלן מענטשן זיי ניט בענטשן, נאָר צעטרעטן זיי אָן ווי׳...

לאָמיר מיידן די געביידן, ווו מיר ליידן אין דער שטיל,
ווו ס׳איז שטויביק און נישט אייביק יעדעס מענטשלעכעס געפיל.

לאָזן וועגן, ווייסע שטעגן אונדז אַנטקעגן פליען שנעל,
האַסטיק פליען און צעגליען אין דער קאַלטער שיינקייט העל.

ווייסע ווייטן ביי די זייטן זאָלן בייטן זיך אָן סוף,
זאָלן שווינדן און זיך צינדן, ווי פאַרהילט אין ווייסן שטאָף.

לייב ניידוס.

שניי.

דער רוים ווערט פאַרשטומט...
פון גראָען פאַרגליווערטן אויר
אַן איינציק קליין שנייעלע קומט,
און קריגט באַלד אַ חבר,
און ביידע זיך דרייען
פּאַמעלעך אַראָפּ
און פאַלן אין צווייען
אַרויף אויף אַ קאָפּ
פון נאַקעטן בוים,
ביי דעם זוים
פון אַן איינזאַמען פעלד...
ניט מער ווי אַ קוש ווערט
דערלאַנגט אין דער שטיל,
צי אפשר אַ גרוס-וואָרט
געמורמלט, אויב פיל...
דאַן שטאַרבן זיי שנעל און צעגייען,
דען דאָס איז דער גורל פון ערשטלינגען
שנייען —
ניט לאָזן קיין זכר פון זיך אויף דער
וועלט...
דערנאָך ווערט עס דיק און געדיכט...
אין לופט דאָס געזעמל פאַרמערט זיך,
און לאַנגזאַם אַ שיכט נאָך אַ שיכט
בעט אויס און צעשפרייט אויף דער ערד
זיך...
ביז איטלעכער קוסט ווערט באַקליידט
און יעטוועדער בוים ווי אַ בר-מנן שטייט,
און דאָס בלאָלעכע אייז
פונם טייך
ווערט גלייך
ווי באַפּעלצט מיט אַ פוטער פון ווייס...
און וועגן און שטעגן פאַרשווינדן פון לאַנד,
באַליילעכט אין זעלביקן לייכטן געוואַנט,
באַדעקט פון דעם שניי-קעניגס פּאַלע...
דאָך האַסטיק ברעכט אויס אַ בהלה —
שוין פייפט עס און ברומט עס און בילט...
די לופט ווערט געפילט
מיט פלאָנטערס און ווייסע געמיטן,
ביז צווישן
דער ערד און דעם הימל
זיך ווירבלט און וויכערט אַ ווילדעס
געווימל,
און ס'וואָיעט די וויסטע ממשלה
פון שדים און גייסטער —
דער שטורעם איז מייסטער...
ער רייסט זיינע קייטן אַראָפּ פונם האַלדז,
און גייט מיטן שניי אויף דער פרעריי
אַ וואַלץ
און אַלץ
קערט ער איבער,
דער איילנדער גבור...
דאָ בעזעמט ער גריבער,
דאָ בויט ער פּאַלאַצן און טורעמס,
אין האַסטיק-פאַנטאַסטישע פורעמס
און מויערט גיגאַנטישע שטיבער...
און באַלד אין אַ וואַנזין געשלידער
זיך קרייזט ער און דרייט זיך און פלעכט זיך,
און יאָמערט און סוויסטשעט און צויבערט,
און שופלט און שאַרט און צעשויבערט,
ביז איטלעכער בנין צעברעכט זיך,
און פאַלט אין אַ הויפן אַנידער,
צו ווערט אין די וואָלקנס געהויבן,
אין פוכיקע שטיקלעך און שטויבן...
און שוין איז דער ווירבל צעפלויגן...
פאַרצויגן
מיט לעפלעכן ליכט
ליגט דער לאַנדשאַפטס געזיכט
און דימענטן גלאַנצן אויף פעלדער אָן
פלעקן,
און ס'הויכט איבער ווייסע און ענדלאָזע
שטרעקן
דער פראָסט,
ביז ער לאָזט
אַ הייטל פון זילבער אויף זיי...
און דאָס איז דער שניי —
אַזוי לויטער און ריין,
אַז ס'האַרץ טוט אייך וויי,
אים צו טרעטן ביים גיין...

יהואש.

ווינטער-לידער.

I.

אויפגעוועקט האָט היינט פון שלאָף מיך
פריע קעלט, אַ קרראַ פון ראָב—
און איך ווייס נישט, וואָס איז פלוצלונג
אַזאַ פרייד אויף מיר אַראָפּ.

ווער האָט דאָס געשענקט מיין האַרצן
אומגעריכט אַ גליק אַ נייס,
וואָרום איז מיין צימער פלוצלונג
חֶנעוודיק און בלוילעך-ווייס.

זע, אַ וועלדל! ... אויף די שויבן
וואַקסט עס פריש אין ווינטער-פראַכט,
אויפגעבליט ווי אַהרנס שטעקן
האָט דער פענסטער איבער נאַכט.

סאָסנעס, דעמבעלעך באַשנייטע,
און פון פאַלמען דאָס געשטאַלט.
גוטן מאָרגן, ווינטער-שפּראָצונג!
בראַוואָ, קליינער, מילדער וואַלד!

און אַ קאַלטער גלאַנץ אַ העלער
האָט מיין צימער פול געמאַכט,
גלייך עס וואָלט אַראָפּ אַ מלאך
און עס אויסגעקאַלכט די נאַכט...

ס'האָט דער ווינטער-גלאַנץ דער פרישער
די נשמה מיר באַנייט,
פונקט עס וואָלט אַ ווייסער מלאך
זי פון שמערץ און זינד באַפרייט.

II.

ס'האָט דאָס אַייז באַדעקט מיין פענסטער,
האָט די ליבע זון פאַרשטעלט,
נאָר אין מיטן האָט אַ פונק זיך
אָנגעצונדן און געקוועלט.

ס'האָט אַ גאָלדן מאָרגן-שֶׂדל*)
זונענשטראַל און זונענשטויב
אומגערן זיך דאָ פאַרפלאָנטעט
אינם וועלדל אויף דער שויב...

און ער פלאַטערט דאָרט, דער שטיפער,
שמעלצט זיך, פלאָנטעט זיך אַלץ מער;
פלוצלינג גיט ער זיך אַ צאַפּל,
און עס ווערט פון אים אַ טרער...

באַלד — אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן —
ווידער איז די שויב קרישטאָל...
שפּרינגט אַריין אַ חיל שטראַלן
און באַפאַלט מיך מיטאַמאָל!

זי, די זון, האָט פאָרט דערטאַפּט מיך,
טוז, אין שטוב — און שפּרינג אַריין, —
אויסגעשאָסן גלייך אין פנים
אַלע אירע שפּיזן שיין.

ווידער קוקט אַ טאָג אין פענסטער,
אַזוי זיכער, קאַלט און העל,
ווידער ברענט מיין האַרץ פון קרעפטן,
איך בין ווידער יונג — און קוועל...

ס'ווערט מיין האנט אַ פלעצל אַייזן,
און מיין אָרעם אָנגעשטאָלט;
כ'וואָלט אַ לייב, מיר דוכט, צעריסן,
כ'וואָלט אַ ריז אויף שטויב צעמאָלט.

III.

אויף דער שוועל האָט מיך באַגעגנט,
אָפּגעגאָסן אומגעריכט, —
כליופּ אין פנים! — כ'ווייס אַליין ניט,
וויפיל שעפל קאַלטע ליכט.

כ'ווייס אַליין נישט וויפיל זונען
האָבן גאָלד אויף מיר געשפּריצט...
ווייט האָט זיך אַנטבלויזט גאָטס
וועלטל,
פרעך געפינקלט און געבליצט...

ווו נאָר ס'קאָן דאָס אויג דערגרייכן,
גלאַנצט גאָטס וועלטל, שעמערירט,
אויסגעשאָטן מיט ברילּיאַנטן
און מיט דימענטן פאַרצירט.

*) אין אָריגינאַל „צפריר“, אַ תלמודיש וואָרט, ד. ה. — באַגינען-רוחל, וואָס טראָגט פונאַנדער די בשורה, אַז די זון גייט שוין אויף.

ס'איז דער פראָסט אַליין דער מושל,
שטאַרק און קרעפטיק איז דער ריז,
ס'דינען קעלט און שיין צוזאַמען:
דער מיט נאָדל, דער מיט שפּיז...

אַ באַפעל, זעט אויס, אַ שטרענגער
דורכגעגאַן איז היינט בייַנאַכט:
„ווייס זאָל ווערן! מאָרגן ז' יום־טוב!
צירט אייך אויס אין שענסטן פּראַכט"!

און עס האָט אַ שניי אַ פרישער,
ערשט פון הימל, שפּאָגל ניי,
גיך פאַרשאָטן ווי אַ גריבל,
ווי אַ פלויט פאַרדעקט דערביי.

און עס האָבן מאַרמאָר־ווייסקייט,
גאָלד און זילבער און קרישטאָל
זיך צעוואָרפן און צעשאָטן
און צעשפּילט זיך מיטאַמאָל!

קלאָרע ליילעכער צעוויקלט,
אויסגעבעט די גאַנצע שטאָט,
זילבער־קייטלעך אָנגעהאַנגען
אויף דעם טעלעגראַפן־דראָט.

טישטעכער געשפּרייט אויף דעכער,
מיט קרישטאָלנע פרענדז באַצירט; —
גאָטס אַ גרויסער, ווייסער יום־טוב
איז געקומען — און רעגירט!

און די ווייסקייט בלענדט און צויבערט...
אין דער הויך, פון אויג פאַרשטעלט,
פלעכט אַ האַנט פון גאָלדנע שטראַלן
טויזנט קרוינען גאָר דער וועלט.

שטייט אַ דעמב באַזעצט מיט פייגלעך,
דורך באַגלאָזט, דורך—בליץ און בלאַנק
און פאַרהילעכט דעם פרימאָרגן
מיט אַ לעבעדיקן קלאַנג.

IV.

אוי, צעשפּיל דיך, פראָסט, מיט ווּט,
סמאַליע, שטעך און ברען און גלוט!

גיס דיין שטאָל אין האַרץ ביי מיר,
אויף מיין וואָנס דעם הויך באַפריר!

און באַשמיד מיין ברוסט מיט אייזן,
טאָמער וועט זי זיך צערייסן

פון פיל גבורה און פיל ווּט.
הוליע, פראָסט, און ברען און גלוט!

שטרענג די מוסקלען אָן ווי שטריק,
און מיין הויך אין האַלדז פאַרשטיק!

פינקלענד, שטראַלנד שעמעריר,
וואָס אַמאָל אַלץ מערער פריר!

V.

ס'ציט אַ רויך זיך פון די קוימענס,
קרייזט זיך רויק און באַזאַכט,
אויף דעם ווייסן שניי די ראָבן —
לעבעדיקע שטיקלעך נאַכט...

„שריק־שראַק, שריק־שראַק", קריצט דער
שניי דאָרט,
און פון אַלע זייטן גאָס
הערט אַ קריג זיך ווי פון מעסערס,
וועלכע רייבן זיך מיט כּעס.

ווי אַ שווערדן־קלונג אין לאַגער
אומעטום נאָר קריצט און קראַכט —
פון דעם שניי, וואָס ווערט צעריבן
אונטער טריט מיט פעסטער מאַכט...

דאָס איז מאָרגן־טריט, וואָס סקריפּען
פול מיט לעבן, פריידן פיל;
ס'פליען פערד... די נעזער פאַרען,
ס'קלינגען גלעקלעך: ציל, ציל, ציל.

אין פורפורנע, בלויע נעצן,
פיס געטאָקטע, העלדזער — רונד,
וואָרפן, שפּריצן שניי־ראַקעטן,
פליען דורך — און זיי געזונט!

ס'ווייזן זיך נאָר אין דעם שטורעם,
וועלכער טראָגט אַהין און קריק,
ראָזע, פלאַמענדע געזיכטער,
אָנגעצונדענע פון גליק.

ס'טראָגן זיי ווי מיט ווילדע רוחות
ווייט אַוועק דאָרט, פאָר נאָך פאָר,
ווייט, וווּ ס'וואַקסט דער ווייסער פעפער,
העט צו'ן אַלדע ווייסע יאָר!

פונקט ווי ס'וואָלט איין ווילדער חשק
אָנגעכאַפּט זיי! מיטאַמאָל
אין איין אָטעם איבערפליען
שטאָט און פעלד און באַרג און טאָל.

הפקר, הפקר! אַלץ איז הפקר!
היי, דו קוטשער! טראָג געשווינט!
וואַרף אַריין מיך אין דעם וויכער
און צעבלאָז מיך אויף דעם ווינט!

טראָג מיך ווייט! וווהין? ניט פרעג מיך.
איינס איז מיר! אַ ווו נאָר ס'גליט
כאָטש אַ פונק פון פרייד און לעבן
און אַ טראָפּן בלוט נאָר זידט.

עך, אַראָפּ די מרה־שחורה!
זע, ווי שיין איז ד'וועלט פאַרצירט!
ב'וויל דעם לעבנס־כּוס אויסטרינקען,
איידער ס'האָט אים ווער באַרירט!

ביז צום גרונט וויל איך אויסטרינקען
מיט איין זופּ דעם גאַנצן כּוס!
כ'וויל צעגיסן היץ און יוגנט
אָן אַ חשבון, אָן אַ מאָס!

ווען דאָס האַרץ וועט ווערן ליידיק,
אויסגעטריקנט, פּוסט און קאַלט, —
טראָג מיך, ברענג מיך הינטערן שטאָט
ווייט,
דאָרטן וואַרט אַ טיפער וואַלד...

ס'שטייען שטאָלץ דאָרט הויכע סאָסנעס,
ווי די זיילן אין אַ שלאָס.
אַלץ איז גרייט און ריין... מע ווייס ניט,
צוליב וועמען, צוליב וואָס...

ס'שטייט דער וואַלד פאַרקלערט, פאַר־
זונקען
אין אַ טיפן, ווייסן סוד.
אויף אַן אומבאַפלעקט מזבח
דעמפט ער ווייסן שניי צו גאָט...

קלאָרן שניי נאָך אומבאַרירטן.
כ'ווייס אין יענעם וואַלד אַן אָרט,
ס'שטעקט דאָרט ערגעץ אַ קאָוואַדלע
און אַ האַמער ליגט אויף דאָרט!

רייס איך דאַן פון ברוסט מיין האַרץ אויס,
ווי אַ שווערד באַדעקט מיט ראָסט,
פון איר שייד... און לייג אויף שטאָל דאָס
און צעגלי דאָס אויפן פראָסט.

און כ'וועל שמידן מיטן האַמער;
קלאַפּ און קלאַפּ! זיי שטאַרק און פעסט!
און עס וועט פון וואַלד דער אָפּקלאַנג
ענטפערן: אמן, שטאַרק און פעסט!

און מיין האַרץ וועט פול מיט קרעפטן,
וואָס ס'האָט קיינמאָל נישט געוווסט —
שטאַרקער, מוטיקער ווי פריער
וועט עס קלאַפּן אין מיין ברוסט...

ח. נ. ביאַליק.
יידיש — י. שווארץ און ז. שניאור.

ווינטער.

א.

כ'בין אַרויס דיר, פראָסט, אַנטקעגן
אויף די אויסגעגלאָזטע וועגן:
איך מיט גליטשערס נייע צוויי,
דו מיט שליסל פונם שניי.

שליסטו אויף דאָס שנייענשיטן,
מיר מיין גליטשלקע פאַרשיטן,—
איז דער טייך גענוג נאָך גרויס,
און איך רייב אַ נייע אויס.

שטעלסטו אונטער מיר אַ פיסל,—
רייס איך אויס ביי דיר דעם שליסל
און אַנטלויף מיט אים, היי, היי, —
כ'בין געפאַלן און איך שטיי!

און צעגלי מיר נאָך די באַקן
מיט אַ ווינטל אַ געשמאַקן,
כ'גיב זיך איינמאָל נאָך אַ דריי
און איך שיט דיך אָפּ מיט שניי.

אויסגעקאַטשעט כ׳האָב אַ שנייער
העכער נאָך פון אונדזער טויער,

ציילן קאָנסטו פראָסט? איינס, צוויי,
כאַפּ אַ קויל און ווייטער גיי!

ב.

אויסגעגלעט דאָס פעלד מיט שנייען
אי פון פאָרנט, אי פון הינטן,
האָבן זיך מיט ווילדן דרייען
אָפּגעלאָזט אין וועג די ווינטן.

דאָ אַ פּאָרהאַנג אויפגעהאַנגען,
דאָ אַ לאָדן אָפּגעריסן,
דאָ אין קוימען ווילד אַריינגעיין
און מיט שנייען אים פאַרשמיסן.

אויסגענישטערט ווי אַ גראָבן,
ווי אַ לאָך און ווי אַ צווינטער,
און אַן אוצר דאָרט באַגראָבן
פונם קאַלטן ווייסן ווינטער.

און אַ גאַנצע נאַכט אַזוי האָט
ווינט געדרייט זיך און געגראָבן,
ווי אַ גריבל — דאָרט פאַרווייעט,
ווי פאַרווייעט — דאָרט צעגראָבן.

ג.

שרעקט איר זיך פאַר טריט, וואָס קוויטשען
מענטשן, פרירט איר, ס׳איז אַייך קאַלט?—
איז אַרויס אויף פראָסט זיך גליטשן
נ׳אויף זיין הייסן פּנים — פאַלט!

האַנט אָן האַנט צעקלאַפּן — קענט איר?
פיס אויף גליטשיק אָרט — געשטעלט!—
וואָס פאַר ערטער, וואָס פאַר לענדער,
וועלכע האָבן ניט קיין קעלט?...

זאַווערוכעס לאַכן—הערט איר?
רייסט אַ ווינט אַ ליידיק נעסט...
וואָס פאַר לענדער, וואָס פאַר ערטער,
וועלכע האָבן ניט קיין פרעסט?...

אויפן פראָסט און קעלט—געוועזן שוין?
און געפאַלן? — צו געזונט! —
וואָס פאַר הערצער, וואָס פאַר מענטשן,
וועלכע קאָנען ניט דעם ווינט?...

ד.

שלעפּן שליטנס זיך פון ווייטן
אָנגעפּאַקטע גראָוו און גרייז;
און מיט שניי פון אַלע זייטן,—
היי, וואָס האַקט איר אויס דאָס אַייז?

שלעכטער שליטן, שלעכטער שליטן,
וואָס צענעמסטו אונדז דעם גליטש?

אויף דער גליטשלקע, אינמיטן,
פונקט אינמיטן איז אַ ריטש...

חברה, שנייערס, גרויסע שנייערס,
אין די שלעכטע שליטנס שמייס!
וואָס צענעמען זיי, ס׳איז זייערס?
היי, וואָס האַקט איר אויס דאָס אַייז?

פּרץ מאַרקיש.

ליטע.

עס האָט מיך געפּאַנגען דער אומעט, וואָס שוועבט אויף די טונקעלע פעלדער
און רוט אויף די איינזאַמע ביימלעך, וואָס שטייען צעוואָרפן אויף זיי ;
דער בלאָער פאַרטרויערטער הימל, וואָס קוקט אַ פאַרוויינטער אַרונטער
דורך ווייסלעכע זיידענע נעפלען, דערפילט מיט אַ צערטלעכן ווײ ;

די ראָזע און שטילע פאַרנאַכטן, וואָס שטאַרבן ווי עלנטע קינדער;
די נעכט, וועלכע באָדן זיך שטיל אין אַ בלאַסן, אַ קרענקלעכן שיין;
די מאָרגנס, וואָס וועקן זיך אויף ווי אַ שמייכל אויף גוססע ליפּן ;
די טעג, וואָס דערשייבנען פאַרהילט, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען צו זיין;

די שמאָלינקע טייכלעך, וואָס בלאָנדזשען אונטער ברוגזע ווערבעס;
די לאָנקעס, אויף וועלכע עס שפּראָצן זיך אָרעמע בלימעלעך שטיל;
די קליינע בעריאָזעווע וועלדלעך אויף ברייטע אומענדלעכע שטרעקעס
ווי איינציקע ליכטיקע טרוימען אין תהום פון אַ שוואַרצן געפיל.

עס האָט מיך פאַרכישופט דאָס לאַנד, ווו די זון קוקט אַרויס דורך אַ נעפל ;
דאָס לאַנד, ווו עס קומען קיין שטורעמס, נאָר ווינטעלעך קייקלען זיך מיד ;
דאָס לאַנד, וועלכעס בענק אין אַ טרויער און האָפט אין איר שטענדיקן צווייפל,
דאָס לאַנד, ווו עס האָט זיך געוועבט מיין פאַרבענקטעס, פאַרחלומטעס ליד.

דוד איינהאָרן.

זכרונות.

אַקלייגע שטוב ביים ברעג פון שטאָט,
אַן אַלטער בוים פון באַרן,
וואָס האָט שוין שטיל הכנעהדיק
פאַר זיך געבומען דאַרן.

אַ באַנק פון גראָז און שטרויכן צוויי
פאַרהילט אין ווייסע בליטן;
אַ גריבער טאָל בייט פרישן היי
און מיט אַ טייך אינמיטן.

אָט שפּרייט זיך אויס פון גאָלד געוועבט
אַ ליכטיקער פרימאָרגן;
דאָס הייזל רוט מיט גרינס באַדעקט
און קוקט אַרויס אָן זאָרגן.

אָט זע איך דאָרט אַ פענסטערל,
אַ שטיקל בלאָער הימל,
אין גרינס געפּאַסט און שטיל באַהויכט
מיט שאָטנס פון אַ דרימל.

איך ווייס דאָס אָרט, דאָס גליקלעך אָרט,
וואָס איך האָב שוין פאַרלאָרן;
דאָס איז די היים, די שטילע היים
פון מיינע יונגע יאָרן.

דאָס איז דאָס לאַנד, דאָס טרוימען-לאַנד,
וואָס איך פלעג אין מיין יוגנט
ביי יעדן שטראַל אַ ברודער זיין,
ביי יעדן בלום אַ קרוב.

דערגרייכט צום הימל מיט דער האנט,
געשמועסט מיט די שטערן,
און אין די שטילע פרילינגס נעכט
פלעג איך דעם וועלט-גאַנג הערן.

די שפּראַך פון יעדן גרעזעלע
האָב איך דאַן גוט פאַרשטאַנען;
דעם וועג פון יעדן ווינט געוווסט,
וואוהין ער גייט, פון וואַנען.

געהאַט האָט דאַן פאַר מיר אַ זין
דאָס אַלץ, וואָס האָט קיין ענדע,
דער סוד פון בלום, דער הימל-רוים
געוועזן איז אַ לעגענדע.

דאָס איז דאָך מיין טרוימען-לאַנד,
דעם זיידנס שטוב די קליינע.
געוויזן האָט דאָס פענסטערל
מיר דאַן אַ וועלט אַ שיינע.

מיר איז באַקאַנט געוועזן אַלץ,
קיין זאַך נישט פרעמד, פונוויטן,
דער שעפער פון דער גאַנצער וועלט
פלעגט פאַר מיין קליינעם פענסטערל
אין זיין מרכבה רייטן.

דוד איינהאָרן.

* * *

אין גאָרטן אין שאָטן פון גרינע ערבות
פלעג איך ביי די פיס פון מיין באָבעשי ליגן,
און זי, אַ פאַרטיפטע אין אירע מחשבות,
פלעגט מעשיות דערציילן מיר שטיל מיט אַ ניגון;

פלעגט מעשיות דערציילן פון „מנורת המאור",
פון אַלטן פאַרחלומטן ספר פון דיקן.
איר בליק האָט געברענט מיט אַ האַרציקן טרויער,
וואָס פלעגט זיך פאַרטוישן אין העכן אַנטציקן...

און פלאַטערן פלעגן דערנעבן ווי טויבן
די שאָטנס פון הייליקע גרויסע צדיקים...
אָ, זוניקער חלום! אָ, קינדישער גלויבן!
ס'וועט קיינער, שוין קיינער ניט ברענגען צוריק אים!..

און פונקט ווי אַ טייערע פאַרמעט-מגילה
צעוויקלען זיך איצטער די בילדער די אַלטע,
און ס'ציטערט אין ברוסט אַ פאַרגעסענע תפילה,
וואָס אָטעמט מיט בשמים פון בלומען צעשטראַלטע...

לייב ניידוס.

אַ סגולה.

ווען אַמאָל אויף מיידל-אויגן
איז געוועזן אַן אונטערגאַנג,
נעמט די באָבע פון איר מחזור
שנעל אַרויס אַ וווּנדערזאַנג.

„שפּייז מיט גערשטנדלעך אַ היגדל,
ווען אין שטאָט אַ הונגער הערשט, —
וועלן, קינד-לעב, דיינע אויגן
אייביק זיין באַהיט פון גערשט".

אפשר האָסטו, באָבע מיינע,
אין דיין מחזור סגולות מער?
טאָמער קענסטו ס'אויג פאַרהיטן
פון אַ גרויסער הייסער טרער?

מרים אולינאָווער.

די נאַשערקע.

אונדזער קעכין שרייט און רודערט,
ליאַרעמט ווילדעוועט און רעשט—
עמיץ האָט איר פוטער־קוכן
פון דער פאַן אַרויסגענאַשט.

קוקט מיך אָן מיין באָבע־לעבן
מיט דעם מילדן אויגן־גלאַנץ:
איינגערעגנט וועט דיר ווערן,
טאָכטערשי, דיין חופה־קראַנץ!"
. . . .

און מע האָט געפירט מיך—כלה—
צו דער חופה מיט מיין פריינד,
האָבן מענטשן שטיל געשמייכלט,
אָבער וואָלקנס—שטאַרק געוויינט...

נאָר איך בין דיר, רעגן, מוחל:
אין דעם גרויסן חופה־טאָג
נישט פאַרשעמט געטאָרט האָט ווערן
מיר מיין באָבעס אַלטע זאָג.

מרים אולינאָווער.

דער באָבעס טאַנץ.

שפילן פידלען זיס און טייער,
צינדט זיך אָן דאָס יוגנט־פייער
אין דער אַלטער פרומער באָבע.
וואָס מיר עלטער, עולם־הבא?
עס, פאַרגעסן זיך אינגאַנצן—
טאַנצן וויל די באָבע, טאַנצן!

שטעלט זשע אין אַ ראָד זיך אַלע,
טאַנצן גייט זי מיט דער כלה,
מיט דער כלה מיט דער שיינער,
זי אַליין און ווייטער קיינער.

ברייט דעם פעדעליק צעוומען
מיט אַ שמייכל אויף דעם פרומען
בלאַסן מוטער־שרה־פּנים
טאַנצט זי פאַר די מחותּנים,
טאַנצט און ס׳רוט אויף איר די שכינה.

וואָס מיר ברילן, ווען מיר תּחינה,
ווו מיר הויקער, ווער מיר שטעקן,
עלטער, שוואַכקייט—פוסטע שרעקן!

שפילן פידלען, שפילן פלייטן,
טאַץ און קעסל־פּויק באַגלייטן
און די אַלטע האָצקעט, דרייט זיך,
פליעסקעט צו דעם טאַקט און פרייט זיך:

ס׳לעצטע אייניקל אַ כלה,
נחת דאַנקען גאָט אין אַלע.
אויסגעגעבן זון און טעכטער,
איצט אַ דאַנק דיר, גאָט גערעכטער!

יונגוואַרג שטייט און כיכעט מונטער,
ווינקט זיך איבער... פייערט אונטער:
שטאַרקער, שטאַרקער,שטאַרקער, גיכער!
ס׳פליט די אַלטע ווי א וויכער;

לאַכט און בויגט זיך, וויגט און
קנייטשט זיך,
ווינקט קאָקעטיש, רופט און רייצט זיך:
„אַט אַזוי פלעגט מען ביי לייטן
טאַנצן, קינדערלעך, פאַרצייטן".

ה. רויזנבלאַט.

שטאָט.

שטאָט!
דו האָסט מיך פון ווייטן גערופן
מיט הודזשען פון דראָט!
כ'האָב שטענדיק אויף באַרג דיך געזען!
דו האָסט מיך פון ווייטן געצויגן
מיט צוואַנגען
פון שיין און פון שימער—
דו האַסט מיך פאַרנאַרט
און דו האָסט מיך געפאַנגען!
די רו פון מיין דאָרפישן צימער
האָסטו מיר צעעקבערט
מיט פייפן פון צוגן,
צעשפּאָלטן, צעשפּליטערט
מיט ציטער פון רעלסן...
אין הויכן איז שטענדיק געהאנגען,
איז שטענדיק געגאַנגען
דער אומרו פון דיינע פאַרצויבערטע
קלאַנגען—

שטאָט!
דו האָסט מיך געפאַנגען!
פאַר מיינע פאַרבלענדעטע אויגן
אויף פעלדער=אויף וועלדער=באַראָט
איצט ליגט דיין אַלמעכטיקער
שטיינערנער קערפּער
מיט רערן פאַרוואָרצלט אין טיף פון
דער ערד,
צעשליידערט די אָרעמס,
געהויפנט, געגאָרנט,
צעקעסטלט, צעצימערט,
מיט קוימענס פאַרשפּיצט און מיט
שאַרפן פאַרטורעמט,
פאַרקניפּט און פאַרגאַרטלט מיט
רעלסישע שלאַנגען,
באַפלאָכטן, באַהאַנגען
מיט שפּינוועבס פון דראָט—
שטאָט!
דו האָסט מיך געפאַנגען!

ד. האָפשטיין.

ניו=יאָרק.

מעטאַל. גראַניט. גערויש. געדראַנג. געפילדער.
אַווטאָמאָבילן. הויך=באַן. טיף=באַן. קאַר.
בורלעסק. גראָטעסק. קאַפּעען. קינאָ=בילדער.
עלעקטריש ליכט און גרילצנדער ווירוואַר.

געזיכטער פרעמד און בליקן פיינדלעך=שטאַר.
קיין שמייכל, קיין גוט=מאָרגן פריינדלעך=מילדער
און איינזאַמקייט און ניט געטרייסטער צער
אין אָט דער דרענגעניש כאַאָטיש=ווילדער.

לעיעלעס.

לידער אין פּראָזע.

בּיים ברעג פון דער ווייכסל.

נאַכט איז עס.

צעוואָרפן זיינען די הייזער, שיטער, איינס ווייט אָפּגערוקט פון צווייטן, זיי שטעלן זיך נישט צוזאַמען, נעמען זיך נישט אָן בּיי די הענט און רייסן זיך אָפּ פון גאָטס פרייער וועלט און ווערן צוזאַמען אַ שטאַרקע מויער און אַן אייגענע, באַזונדערע שטאָט. ניין, פאַרלאָרן זיינען זיי אין שטח, אויסגעמישט מיט אַלעס, פאַרשלונגען, פאַרטרונקען אין דער אומענדלעכקייט, וואָס איז אַרום און אַרום...

און פריי בּיסטו, פריי אויף גאָטס פרייער וועלט.

וואַרפט זיך דיר אַמאָל אין די אויגן אַ שוואַרצער פלעק, און אַ ווייסער שטרוידאַך קוקט אַראָפּ פון דער הויך, דאַכט זיך דיר, עס איז פון דער הוילער הויט אַרויסגעוואַקסן, נישט קיין מענטשנס הענט האָבּן דאָס געמאַכט, נאָר אויסגעוואַקסן איז עס ווי די גרעזער אין פעלד, ווי די בּיימער אין וואַלד.

און פאַרחלומט איז אַלץ אין גאָטס לייטזעליקן שלאָף, און אַלץ בּויגט זיך, טוליעט זיך אַיין צו דער מאַמעס בּרוסט — דער ערד, אַיינגעשלאָפן אויף גאָטס שויס. אַפּנים אַלץ אַרום איז צופרידן מיט זיין גורל, וואָס עס איז פאַר אים באַשערט און פאַרלאַנגט נישט קיין בּעסערס. די הויכע אויפגעשטעלטע שוואַרצע קוימענס גלאָצן ווי חזנים אין הימל אַריין, ווי בּעטנדיק: חלילה נאָר נישט ערגער.

איך גיי.

די הייזער, זיי קוקן אַרויס פון אַיינגעהילטן שלייער — געזעגנען און וווּנדערן זיך: ווער איז דער? בּאַלד אָבער טוליען זיי זיך ווייטער אַיין — און געהייסן וואָלט עס: עס איז נישט כּדאַי.

אָט איז דער בּאַרג, און איך שטייג אויף אים אַרויף.

אַן אַלטער בּאַקאַנטער... אַ זיידע איז ער, וואָס שטרעקט אויס זיין גרינע בּאָרד צו זיינע אייניקלעך און זאָגט: „צופּט, קינדערלעך, צופּט, אַז איר האָט פאַרגעניגן דערפון". ער בּויגט דעם רוקן אַיין: „קריכט, קינדערלעך, קריכט, אַז איר ווילט אַזוי. אַזוי איז דער בּאַרג, דער זיידע פון שטעטל. לויפט אַראָפּ, לויפט אַרויף, שפּילט אַייך מיט מיין זאַמד, מיט מיין גראָז. ליב זייט איר מיר אַלע".

איך שטייג אַרויף אויפן בּאַרג, קריך אויפן זיידנס רוקן.

טיילמאָל קוק איך מיך אום, הינטן אין דעם טאָל נעמען זיך צונויף אַלע הייזער און קוקן מיר פון הינטן נאָך. אַ בלויער, היימישער הימל איז אויסגעגאָסן פון אויבּן, אויף אים שיינען די שטערן, אַ לייכטער שלייער האָט אַרומגעהילט דאָס שטעטל און פון דעם לייכטן שלייער שפּאַרט זיך דורך דער שפּיץ פון אַ קירכע און קעגן אים ווערט פאַרלאָרן אין שטח פון אַוּיר דאָס קליינע פענדל פון דער שול.

ווי ווייט זיינען די מענטשן, ווי ווייט זיינען די הייזער, איינער פון צווייטן בּייטאָג; און ווי נאָענט אָבער, ווי היימיש נאָענט, ווי משפּחהדיק שפּירן זיך די אַלע הייזער בּיינאַכט. אַפילו דער הויכער שפּיץ פון דער קירכע און דאָס קליינע פענדל פון דער שול האָבּן פאַרגעסן זייער בּאַשטענדיקע מלחמה, וואָס איז צווישן זיי, און

לעבן איצט אין אַחדות, אין שלום, איין הימל ציט זיך דאָך איבער זיי, אין איין טאָל זיינען זיי פאַרחלומט און איין גאָט וואַכט איבער זיי.

איך שטייג אַרויף אויפן באַרג.

הינטן פון דעם טאָל קוקן מיר נאָך די שפּיצן פון די דעכער, זיי סודען זיך מיטאַנאַנדער, נאָר איך ווייס נישט וואָס זיי מיינען. דאָ דאַכט זיך מיר: זיי האָבן רחמנות, מיטלייד מיט מיר, באַדויערן און זאָגן איינער צום צווייטן: זע, דער אַנט־לויפט פון אונדז, פאַרלאָזט אונדז. באַלד אָבער דאַכט זיך מיר, אַז זיי, די הייזלעך, זיינען מיר מקנא: פיס האָט ער, קאָן ער אַוועקגיין, מיר אָבער מוזן תּמיד שטיין אויף איין אָרט.

פון דער צווייטער זייט נידערט אַראָפּ דער באַרג.

און אַ צווייטן הימל האָט גאָט דאָ, צו זיינע פיס, אויסגעגאָסן, אַ פיל מילדערן, אַ ליבערן און אַ מער היימישן. דאָס איז די ווייכסל, אונדזער הימל אויף דר׳ערד.

יענעם הימל אין דער הויך האָט גאָט פאַר זיך מיט זיינע מלאָכים געמאַכט, ער ציט זיך אין דער הויך, קוקט מיט שטאָלץ אין דער נידער אַראָפּ, ער ווייס פון זיין גרויסקייט, ער ווייס, ווי הויך ער איז פון די מענטשן און פון דער ערד, וואָס פאַר אַ לייטזעליקייט גאָט האָט אויף אים אויסגעגאָסן, וואָס פאַר אַ גאָלדענע ליבע שטערן ער פאַרמאָגט און וואָס פאַר אַ טייערן שאַץ ער האָט — די לבנה, וואָס באָדט זיך אין אים. ער ווייס זיין פאַרמעגן, און ווי אַ גרויסער נגיד קוקט ער צו דיר אַראָפּ.

אַנדערש אָבער איז דער הימל, וואָס גאָט האָט דאָ אויסגעגאָסן אויף דער ערד. די ווייכסל איז אונדזער הימל, אַ הימל פאַר אַזעלכע געוויינלעכע, אָרעמע מענטשן, ווי מיר זיינען. דער ערדישער הימל גיסט זיך און גיסט זיך און מישט זיך אויס מיט אונדזער נשמה, גיסט זיך צוזאַמען — מיט אונדז.

נישט ער בלאָנדזשעט, נישט ער בלאָנקעט — נאָר זיין וויכע, מאַמעדיקע אויס־זיכט איז אונדז נאָענט. נישט פאַרכט האָסטו פאַר אים, אַז איינשלינגען וועט ער דיך, נאָר דו פאַרטרויסט זיך, פאַרזיכערסט זיך אויף אים, עס גלוסט זיך דיר דיין גאַנץ האַרץ פאַר אים אויסצוגיסן, אים אַלץ דערציילן, ווי פאַר אַן אייגענער מאַמען.

עס גלוסט זיך עפּעס אַזוי דעם מענטש זיינע טרערן אין אים אַריינצוגיסן, אַז זיי זאָלן זיך צוזאַמענמישן מיט זיין וואַסער.

עס רינט דאָס וואַסער, איין כוואַליע יאָגט צו דער צווייטער, דאָס וואַסער גיסט זיך און גיסט זיך, און עס דאַכט זיך: עס זינגט אויס דיין ליד, עס דערציילט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דיין האַרץ, וואָס איז באַהאַלטן, פאַרבאָרגן אין דיין נשמה — און דיר ווערט אַזוי לייכט, אַז וויינען גלוסט זיך דיר ווי אויף אַ מאַמעס אַ האַרץ.

גאָט, דאַכט זיך, האָט אויך אַראָפּגענידערט פון זיין כּסא־הכּבוד — פאַרלאָזט דעם הימל אין דער הויך — און אַריינגעגאָסן זיין גאַנץ לייטזעליקייט, זיין גאַנץ הייליקייט דאָ אין דעם אַויר, אין די לופט. עס דאַכט זיך, אַז גאָט האָט זיך אויס־געמישט און צוזאַמענגעגאָסן מיט אַלעם, וואָס איז אַרום און אַרום.

און די כוואַליעס רינען, גיסן זיך צונויף איינער מיט דער צווייטער, מאַכן שלום, שליסן אַחדות און בינדן זיך אָן מיט די אַנדערע כוואַליעס. יענע ווייטער קניפּן זיך צוזאַמען מיט די איבעריקע און דאָס וואַסער קושט מיט ליבלעכקייט, מיט לייטזעליקייט די ברעגן פון טייך.

פון עק וועלט קומט עס און ווערט פאַרלאָרן אין צווייטן עק וועלט.

און דער טוי פון די טיפע גרעזער שטייגט אין דער הויך, און עס גיסט זיך

צונויף, שוועבט און ווערט אַ צוזאַמענגעוועבטע חופּה פון טוי־פּעדעם מיט געטלעכע קושן — עפּעס האָבן זיך צוזאַמענגעשפּינט אין דעם לופטיקן אַויר געפּרוירענע, פאַר־גליווערטע טרערן, וואָס קומען פון הערצער, וועלכע באָדן זיך אין גאַנצע קוואַלן ליבע און טרייסט, און די חופּה האָט אַרומגעהילט גאָטס באַשעפענישן.

און גאָטס באַשעפענישן זייַנען פאַרטרונקען און פאַרזונקען אין גאַנצע קוואַלן פון ליבע און טרייסט.

איך זיץ ביים ברעג פון טייך.

עס הערט זיך דאָס געזאַנג פון דער נאַכט.

פון גאַנץ ווייט קומט צו שווימען דאָס קול, און ווי אַ חלום פליט עס דורך אין דעם אַויר, און עס קלינגט מיט מיט דעם ליבן אָפּקלאַנג פון וואַסער. עס שווימט באַלד אַוועק, דער וואַסער־שטראָם האָט דאָס קול מיטגעצויגן, צו ברענגען אַ גרוס אין עק וועלט אַהין.

אַ פויגל, ערגעץ, מע זעט אים נישט, פאַרבענקט זיך און גיסט אויס זיין פאַר־לאַנג אין זיין געזאַנג, און זייַנע טענער שווימען צוזאַמען מיט אַ ווייטן אָפּקלאַנג, וועלכער רייסט דורך דעם שלייער פון דער נאַכט, און אַלץ ווערט ווידער פאַרלאָרן, און שטיל איז אין דער אומענדלעכקייט.

ביים ברעג זיץ איך און קוק אין וואַסער אַריין: אין דער הויך הענגט דער הימל מיט די שטערן.

אין די ערד טוליע איך אַיין מיין פּנים און איך בעט:

— גאָט, בעט איך, פאַרוואָס האָסטו דיין וווינונג געמאַכט אויבן אין הימל, זיך באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס, קום אַראָפּ און דאָ אויף דער ערד מאַך דיין וווינונג — וואָס אַרט עס דיך, אַז די מענטשן וועלן ווערן מלאָכים? גאָט, בעט איך ווייטער, און לאָז אַראָפּ מיין פּנים צווישן די הויכע זאַנגען — פאַר וואָס האָסטו מיך אָפּגעזונדערט פון דיין וועלט? פּיס מיר געגעבן פון דאַנען אַוועקצוגיין? אויערן — צו הערן דאָס אַלץ, אויגן — צו זען דאָס אַלץ, אַפילו אַ האַרץ האָסטו מיר געגעבן דאָס אַלץ צו שפּירן און איך וויל נישט זען, וויל נישט הערן און וויל נישט שפּירן דאָס אַלץ, נאָר אויסמישן וויל איך מיך מיט דעם אַלעם, אויסגיסן דאָ מיין נשמה און צוזאַמענגיסן זיך מיטן פעלד, מיטן וואַסער, מיט דיין לייטזעליקן טוי, מיט אַלעם וואָס איז דאָ, אַז איינס זאָל איך ווערן צווישן זיי, איינגעפלאַנצט זאָל איך ווערן אין דיין גאָרטן, ווי אַ ביימעלע אין וואַלד, אַ גרעזעלע אין פעלד — אָבער נישט אַ פייגעלע, וואָס גיט קוים אַ פּיפּס און פליט באַלד אַוועק...

איך ליג מיט דעם פּנים פאַרבאָרגן צווישן די זאַנגען.

און די כוואַליעס גיסן זיך, נישט עס קלינגען די וואַסערן, נאָר עס קושט איין כוואַליע די צווייטע. פון דערווייטן קומען צושווימען יענע אומבאַשטימטע טענער און קושן דעם אָפּקלאַנג פון די כוואַליעס. ערגעץ פון אַ בוים שיקט אַ פויגל גלאַט אַזוי זיינע גערוסן אין דער וועלט אַריין — און דאָס אַלץ מישט זיך אויס איינעם, און עס ווערט איין געזאַנג:

ווייך, קושנדיק.

און גאָט האָט זיין כסא־הכבוד פאַרלאָזט, אַראָפּגענידערט און אויסגעמישט זיך און צוזאַמענגעגאָסן זיך דאָ אין דעם קליינעם שטח מיט אַלעס, וואָס אַרום און אַרום.

און אַרומגעהילט האָט אַלץ אַ וואָלקן טוי.

ביים ברעג פון דעם טייך ליג איך, דאָס פּנים באַהאַלטן אין גראָז.

איך בעט שוין נישט. מיין תפילה איז שוין דערפילט געוואָרן.

איך הער שוין גאָרנישט, שפּיר שוין גאָרנישט, זע נישט און פאַרשטיי נישט. נאָר עפּעס ווי אַיינגעפלאַנצט בין איך — איך וואַקס און לעב מיט אַלעם, אויסגעמישט און צוזאַמענגעגאָסן מיט אַלעם — איין אָפּקלאַנג אין דעם אַלגעמיינעם געזאַנג, איין פאָדעם אין דעם געוועבעכטס.

נאָר איך אַליין ווייס גאָרנישט און פאַרשטיי גאָרנישט — און אַלע לעבן מיר, און אַלע זינגען מיר, — נאָר מיר אַליין ווייסן נישט דערפון.

שלום אש.

אויפן ים.

שווימט אַ שיף אין מיטן ים,
שווימט און וויגט זיך הער און הין,
שיף, פון וואַנען? שיף, וווּהין?... —
גייט אַ שיף אין ברייטן ים...

כמורנע, אומעטיק אויפן ים... עס דוכט זיך — נאָך האָט גאָט די וועלט ניט באַשאַפן. צווישן דעם קויטיקן הימל און דער וויסטער איבערפלעכע פונם וואַסער, אויף דער גאַנצער ברייט פונם וועלטלעכן תהו ובהו, שוועבט אַרום דער גייסט פון אַלמעכטיקן גאָט — אַ שטרענגער, אומפריינדלעכער און שווער־פאַרזאָרגטער גייסט. אומרויִק שליידערן זיך אייגע אויף די צווייטע די טונקל־געדיכטע וועלן מיט די גרויע שוים־קעפּ. שווער איז דער אומעט פון פאַרטרויערטן ים און גרויס איז זיין אויפרעגונג. מענטשל, וווּהין קריכסטו! מענטשל, וווּהין רוקסטו זיך! אויף אַ שאָל פון אַ ניסל האָסטו זיך געלאָזן איבער די מעכטיקע וואַסערן. אַך, דו נעבעך־נעבעכל!...

פון אַלע מעגלעכע זייטן: פון טונקעלן אויבן, פון קאַלט־פייכטן אונטן, פון אומקלאָרן, אומבאַשטימטן האָריזאָנט־רינג — רוקט זיך אויף דאָס שיף אַ געהיימניספולע, שטאָק־בלינדע נאַכט. און ווי דאָס קרעכצן פונם שיף אין דעם אָן־אויפהער־גערויש פון די וועלן, אַזוי ווערט פאַרשלונגען די אומדרייסטע שיין פון די פענסטער — אין צו־זאַמענגעגאָסענעם נעפּל פון הימל, וואַסער און נאַכט. און בלויז איבער דער „נאָז“ פון שיף און איבער זיין הינטערטייל ציטערן קינדעריש־הילפלאָז צוויי עלנטע, פאַרלאָ־רענע וואַנדער־פייערלעך...

קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן! זיינען מיר ווייט פון לאַנד?... איז גאָר איבערהויפּט פאַראַן ערגעץ פעסט לאַנד אויף אָט דעם וואַסער־מדבר? איז אָפּטמאָל די ערד נישט אַ חלום?...

ווייט, אָ, ווייט! זעסטו אָן דאָרטן הינטער אונדז, ווו דו זעסט גאָרנישט?... קאָנסטו איבערלויפן אין דיין געדאַנק צוריק איבער דעם לאַנגן, לאַנגן פליין, ווו מיר האָבן געלאָזן הינטער זיך אַזוי פיל העלע און פאַרצאָגטע טעג, אַזוי פיל בלאַסע און שוואַרצע נעכט?... דאָרטן — דאָרט גליט די ערד אין זונענשיין און שטייט, ווי גע־שמידט. און אַהער וואַרף אַ בליק, אין די צווייטע זייט. שפּירסטו די טעג און נעכט, וואָס קומען אונדז אַנטקעגן? אויך הינטער זייערע פּלייצעס צייכנט זיך שאַרף אַ לאַנגער, צעגלידערטער ערדפּאַס. דערווייל אָבער... ע... גיב אַכט! אַ וואַסערבאַרג גייט אויף אונדז!...

— — — אופ־ף!... פאַרביי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

טיפער א'ן טיפער זעצט זיך אויף אונדז די אַרומיקע נאַכט. שטיל און דער־שראָקן קרעכצט אונדזער שיף און צייטנווייז כליפּעט עס, ווי אַ קינד פון שלאָף.

און גייט, מ'זעט נישט קיין פּירער. געטריבן פון קרעפטן געהיימע, ווי אַ נאַכטוואַנדלער לויפט עס אין שלאָף.

געזאַלצענער, שאַרפער ווערט דער אָטעם פון שוואַרצן, צערודערטן ים, קיין מענטש אויסער מיר אויפן דעק. און פּנים אל פּנים פאַרבערענגען מיר ביידע, איך און דער ים, אַ לאַנגע, אַ לאַנגע, און שלאָפלאָזע נאַכט.

אַהער, גוטער־ברודער! גיב מיר דיין מעכטיקע, אייז־קאַלטע האַנט. ווי גרויס און שטאַרק דו ביסט, אַזוי קליין און נישטיק בין איך, ווי אומבאַגרענעצט עס איז דיין מאַכט, בין איך נישט ווייניקער שוואַך און הילפלאָז. אָבער ווי שרעקלעך דיין אויפרעגונג זאָל נישט זיין, בין איך טויזנטער, טויזנטער מאָל צערודערטער און אומרויִקער...

גרויס איז די אומרו פון קליינינקן מענטשעלע.

זע! זעלטן־ווען רייסטו זיך אַריין אין מאַנכע פון מיינע שטעט און דערפער. און איך דיך—האָב אין דער לענג און אין דער ברייט נישט איינמאָל דורכגעשפּרייזט, דיינע טיפענישן געפאָרשט, און — צו קליין ביסטו פאַר מיר... ווען דו צעבייזערסט זיך דאַן — אָ, געוויס! — קוקט דער טויט פון דיינע אויגן. אָבער ווען איך, ווען איך ווער צעווילדעוועט, דאַן בליצט פון מיינע — שגעון!... כאַ־כאַ.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער טאָג גייט.

די וואָלקנס ווערן דורכזיכטיק, שיטערער, רייסן זיך ערטערווייז און אַנטפּלעקן דעם מאַט־אויסגעבלייכטן הימל. דאָס געטרויש פון די וואַסערן פאַרלירט זיין שרעקנדן כאַראַקטער: די וועלן שפּילן זיך. פאַרשייט און לוסטיק, אַ ביסל ווילד, ווי צעלאָזענע קינדער. גרויס און שטראַלנד שטייגט ע מ י צ ע ר אַרויף דאָרט ווייט, ביים ברעג פון ים און הימל, און זיינע בליקן פאַרטרייבן די לעצטע שאָטנס פון דער פאַרשטאָרבענער נאַכט. שיין וועט זיין דער טאָג, וואָס קומט אָן אויף אונדז!

איך קוש דיין קאַלטע, טויטע האַנט, מיין ליבע, ליבע מוטער נאַכט! שיין וועט זיין דער טאָג, וואָס גייט געבוירן ווערן, אָבער אויך דיך, מיט דיין טיפן, האַרציקן אָטעם, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ל. שאַפּיראָ.

ביימער.

אין אַ ברייטער אַלעע שטייען ווי־זאַ־ווי צוויי ביימער. עס קומט דער פרילינג מיט גאָסט זעגן, מיט פריש לעבן, מיט בלומען, טוי און געזאַנג... עס קומט דער פרילינג און די טרויעריק־געבויגענע ביימער גלייכן זיך אויס! עס ווערט אַלץ וואַרי־מער און וואַרעמער. די שמעקנדיקע ווינטלעך בלאָזן לייכטער, לוסטיקער און פריילע־כער; די זון ווערט מילד און פאַרשווענדעריש; גאַנצע בינטן ליכט פליען אין דער לופטן, די צווייגן ווערן גרין און גרינער, זיי צעוואַקסן זיך אין אַלע זייטן און ווערן מיט בליטן און בלעטער באַדעקט.

און די רייכע גליקלעכע ביימער בויגן זיך צו איינס צום צווייטן: עס מישן זיך אויס די צווייגן, עס האַלדזן זיך די בלעטער, עס קושן זיך די בליטן! פוןביידע דערווייטערטע שטאַמען טרייבט זיך אַרויף די שֶפע ביז דער קרוין פון לעבן און ליבע, וואָס האָט זיי אַצונד צוזאַמענגעפּאָרט!

גליקלעכע ביימער! גליקלעכע ליבע! דער בלאָער הימל איז איבער זיי די חופה, די געפליגלטע קאַפעליע שלעפערט זיי איין מיט זיסע טרעלן, זיי חלומט זיך אייביק גליק און זיי פאַרגעסן זיך איינס אינם צווייטנס אָרעם...

עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט... עס פאַלן אַראָפּ די בליטן, און די נאַקעטע בלעטער טוליען זיך דערשראָקן איינס צום צווייטן... עס בלאָזט נאָך קעלטער... די פייגל געזעגענען זיך טרויעריק און פליען אַוועק... זיי קענען אָן וואַרעם און ליכט ניט זינגען, ניט לעבן... עס בלייבן נאָר קראַנקע, וואָס דער שניי וועט באַגראָבן...

דער הימל באַדעקט זיך מיט אַ גראָען וואָלקן, עס הייבן אָן פאַלן די בלעטער; אַלע, טרויעריקע צווייגן כאַפּן זיך אויף פון זיסן שלאָף, זייערע זיסע חלומות פאַרשווינדן... זיי ציען זיך איין, זיי ווערן קירצער און קירצער...

עס פאַלט דער ערשטער קאַלטער שניי, — די ביימער האָבן זיך צוריקגעצויגן איינער פון צווייטן, זיי שטייען שוין צוריק אָפּגערוקט ווייט מיט די שטאַמען צוגלייך... זיי האָבן שוין איינס דאָס אַנדערע פאַרגעסן... אָט שטייען זיי שוין פרעמד, קאַלט, קוקן אויף זיך מיט בייזע אויגן... און אונטן גייט אַ מערדערישע מלחמה צווישן די וואָרצלען איבער אַ טראָפּן זאַפט...

צו וועט נאָך צוריק זומער ווערן?

— איך וועל אים שוין ניט דערלעבן! צאַפּלט און גוססט איין איבערגעלאָזטע שוואַלב אין שניי.

— קראַ—קראַ—קראַ! רופט לוסטיק די שוואַרצע גנבטע, די קראָע—עס וועט שוין קיינמאָל קיין זומער ניט זיין — און לאָזט זיך אַראָפּ מיטן שאַרפן שנאָבל צו דער פאַרפראָרענער ערד.

— פּההי! אויס זומער! בלאָזט דער קאַלטער ווינט...

י. ל. פּרץ.

---

* *
*

אויפן ברעג פון טייך זיץ איך, אין שאָטן פון וואַלד.
בלוטיק איז אונטערגעגאַנגען די זון, זילבערן־בלאַס איז אַרויסגעשווומען די לבנה...
אין קרישטאָלענעם וואַסער־שפּיגל שלאָגט זיך אָפּ דער הימל... און דער אָפּ־געשפּיגלטער זעט מיר אויס שענער, פיינער און עכטער... אַ שאָד וואָס ער צערייסט זיך אָפּט!... אַ שטיל ווינטל טרייבט, דער וואַסערשפּיגל רייצט זיך, רונצלט, שרומפּט איין...
שטיל רוישן די בלעטער, שטיל ציטערן די וואַסער־רעדלעך אויפן טייך... שטיל גיסן אויס די בלומען זייער אָטעם, שטיל... פון ווייטן טרילערט עפּעס אַ פויגל...
איך זיץ ווי פאַרכשופט... איך עטעם אויף אַ נייער וועלט אין אַן אַנדערער, ריינער, הייליקער לופט... פריש איז דאָ אַלץ און ניי, ווי ערשט פון באַשעפערס הענט אַרויס...
עס בענקט זיך דאָ אַזוי זיס... מע קריגט דאָ אַלץ אַזוי ווייכהאַרציק־ליב, עס גיסט זיך אַזוי אַלץ צוזאַמען מיט דער נשמה...
אַ שוואַרצער פלעק באַווייזט זיך אויפן טייכל פון ווייטן... אַ קליינער פישער־קאָן... דאָס וואַסער רוישט עס ליבלעך אַרום, עס באַוואַרפט עס מיטן שוים ווי מיט ווייסע, דראָבנע בלימלעך, און די פאַליע לעכצט און קושט עס אויס אַלע גלידער...
מיין באַקאַנטער וואַסיל, אַ יונגער שטאַרקער פישער, רודערט און זינגט:

מיין הימל, מיין הימל — דיין פּנים;	דו ביסט מיין ליב', מיין נשמה.
די אויגן דיינע — די שטערן.	צי וואָלט איך אָן דיר דען געלעבט?
דער ריינסטער קלאַנג פון גן־עדן	פון דיינע, די ליכטיקע שטראַלן
לאָזט אין דיין שטימע זיך הערן...	איז זי, מיין נשמה, געוועבט!

דו ביסט מיין ליב און מיין ליידן!
פון האַרפע דער גאָלדנסטער קלאַנג!
פון די ליפּן פון דיינע דער כשוף —
דאָס איז מיין איינציק געזאַנג!

ער זינגט שוין נישט און דאָס ליד ציטערט מיר נאָך אין די אויערן...
דאָס זעלבע איז מיטן טייך, מיטן וואַלד... יעדעס בלאַט, יעדעס רעדל אויפן וואַסער זינגט עס... דאָסזעלבע טרילערט פון ווייטן די שטילע, זיסע נאַכטיגאַל; מיט דעמזעלבן עטעמט יעדע בלום... אַלץ איז צוזאַמענגעגאָסן אין איין פאַרלאַנגען, איין בענקעניש, איין נשמה...

י. ל. פּרץ (פון „אַ זומער־וווינונג").

---

* *
*

... אין דעם זיינען דאָ — זאָגט דער ראש־ישיבה — אַ סך בחינות: איינער קען אַ שטיקל, איינער אַ האַלבן, איינער אַ גאַנצן נגון. — דער רבי, ז"ל, האָט געקאָנט אַ גאַנצן נגון, אַפילו מיט אַ צושפּיל! — איך (האָט ער צוגעגעבן טרויעריק) האָב קוים די זכיה צו'ן אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס...
— עס איז פאַראַנען אַ נגון, וואָס מוז האָבן ווערטער... דאָס איז גאָר אַ ני־דעריקע בחינה... עס איז פאַראַנען אַ העכערע בחינה: אַ נגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָן ווערטער — אַ ריינער נגון! נאָר דער נגון דאַרף נאָך האָבן אַ קול. און ליפּן, דורך וועלכע דאָס גייט אַרויס! און ליפּן — פאַרשטייסטו — זיינען דאָך גשמיות! און דאָס קול אַפילו, עס איז אַן איידעלער גשמיות, גשמיות איז עס!

לאָז זיין, אַז דאָס קול שטייט אויף דער גרענעץ צווישן רוחניות און גשמיות!
נאָר סיי ווי סיי דער נגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול, וואָס הענגט אָפּ פון די ליפּן, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אינגאַנצן ריין... נאָך נישט קיין אמתער רוחניות!...
דער אמתער נגון אָבער זינגט זיך גאָר אָן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווייניק, אין האַרץ, אין די געדערעם!
אָט, דאָס איז דער סוד פון דוד המלכס ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה“... אינם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער נגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָט ברוך הוא! דאָס איז נישט דער נגון פון אַ בשר ודם, דאָס איז קיין אויס-געטראַכטער נגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון נגון, מיט וועלכן גאָט האָט די וועלט באַשאַפן; פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַריינגעבלאָזן אין איר...
און אַזוי זינגט די פּמליא של מעלה! אַזוי האָט געזונגען דער „יוד“, זכרונו לברכה!

י. ל. פּרץ. פון „מקובלים“.

---

* * *

... אין מיטן שטילן גערויש פון ביימער איז אַרויסגעשוומען אַ שטילער, זיסער שטילער נגון...
און דעם נגון, האָט זיך געדאַכט, האַלט אונטער אַ גרויסע, נאָר אַ שטילע קאַפּעליע משוררים: דאָס האָבן גערוישט די ביימער אין וואַלד...
שטיל און האַרציק האָט זיך דער נגון געקלאָגט; געבעטן זיך רחמים, ווי אַ קראַנקער בעט אויף זיין לעבן...
דערנאָך הייבט דער נגון אָן צו זיפצען; צו בעטן זיך מיט קורצע אויסגעשרייען. מע פילט, אַז עמיץ קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין „על חטא“, — צי איז עס יום-כפור, צי זאָגט עמיץ ודוי?
נאָר העכער, און אין-איין-וועג צעבראָכענער, ווערט דאָס קול: וואָס אַמאָל אָפּגעריסענער, ווי פון טרערן דערשטיקט, ווי פון יסורים איבערגעהאַקט, — דערנאָך עטלעכע טיפערע זיפצן, אַ שאַרפער אויסגעשריי; איינער... אַ צווייטער און פּלוצלונג רייסט זיך עס אינגאַנצן אָפּ, שטיל, — עמיץ איז געשטאָרבן...
דער נגון וועקט זיך ווייטער אויף, און ער פאַלט שוין אַריין אין הייסע, ברענענדיקע געשרייען. און די געשרייען פליען, יאָגן און פלאָנטן זיך; עס ווערט אַ הימל-געשריי, אַ יאָמער — ווי ביי אַ לויה!
און אינמיטן דער לויה שווימט אַרויס אַ דין, ריין קינדיש קול; איז עס נאַס, ציטעריק און דערשראָקן, — קדיש זאָגט אַ קינד!
און עס גייט איבער אין אַ שטייגער: הודיות, דמיונות, טויזנטער געדאַנקען, וואָס גייען לאַנגזאַם איבער אין זיסע, באַרעמהאַרציק-זיסע מעלאָדיען... עס טרייסט, עס רעדט איין... און מיט אַזאַ גוטסקייט, מיט אַזאַ מסירת-נפש, מיט אַזאַ פעסטן גלויבן, אַז עס ווערט ווייטער גוט, ווייטער זיס; עס גלוסט זיך ווייטער צו לעבן, עס ווילט זיך לעבן; עס ווילט זיך האָפן!... אויסגעגאַנגען זיינען שיר די מענטשן...

י. ל. פּרץ.

(פון „אַ גלגול פון אַ נגון“).

* *
*

מיר האָט געטרוימט:

אויפן שיידוועג בין איך געזעסן און געוואַרט, ביז די זון וועט אויפגיין...

בלייכער און בלייכער זיינען געוואָרן די שטערן... אַ צאַרטער גרויער פליגל האָט געווייט אין לופטן, און פון פליגל האָבן זיך געשאָטן און געפּאָכעט בלאַסע בענדער, און די גאַנצע פינסטערניש איז אַליין פון זיך פאַרשוואונדן...

די פינסטערניש איז אינם בלאַסן שיין פאַרשלונגען געוואָרן...

בלייכער און בלייכער זיינען געוואָרן די שטערן — אין דעם הימל זיינען זיי איינציקווייז פאַרשוואונדן... דער הימל האָט זיי צוריק אין זיין טיפעניש אַריינגענומען...

נאָר איינער, דער מאָרגנשטערן, איז אויפסניי געבאָרן געוואָרן, נייע כּוחות אָנגעקליבן. ער האָט אויף אַלע זייטן שטראַלן געוואָרפן, געוווּנקען:

„די זון וועט באַלד אויפגיין"!...

אַ לאַנגער, דורכזיכטיק-ווייסער וואָלקן, וואָס האָט נאָך פון דער נאַכט גערוט, געדרעמלט איבערן מזרח-האָריזאָנט — האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן ראָז צו ווערן — און ער האָט זיך איינגאַנצן געגומען טרינקען אינם גרויסן שטראָם פון מאָרגן-ליכט...

און דאָס מאָרגן-ליכט איז דאָס מאָל ווייכער און זאַנפטער ווי שטענדיק געווען... ס'האָט ניט געברענט, נאָר געגלעט...

און דער וואָלקן האָט זיך ניט אָנגעצונדן — נאָר אַליין האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צאַרטן, דורכזיכטיקן, אויף ראָז געפאַרבטן שניי...

אַ קינדיש-ראָזער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם גאַנצן מזרח, און פון דאָרט האָט זיך דער פרימאָרגן-שמייכל צעשפּרייט און באַפליצט אַלץ, וואָס אונטערן הימל און אין הימל... — — — — — — — — — — — — — — —

אין רעכטן מזרח האָבן זיך די אונטערשטע בּרעגן פון הימל פונאַנדערגעצויגן, פרייליכער און צאַרטער ווי שטענדיק. אונטערטאַנצנדיק האָט זיך די זון באַוויזן און אַלץ העכער אַרויסגעשוואומען.

און פון ביידע זייטן זון, ביי אירע ראַנדן, האָבן זי פעסט אַ פּאָר הענט געהאַלטן...

דיינע הענט האָב איך דערקענט!

און ווען די זון האָט זיך גענומען אָפּטיילן פון האָריזאָנט, האָבן זיך אונטער איר דיינע לאָקן — דורכזיכטיקע, ליכטיקע שטראַלן — באַוויזן.

און דיינע הענט האַלטן פעסט פון ביידע זייטן די ראַנדן פון דער זון, און דער אונטערשטער ברעג פון דער זון איז אויף דיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט...

און דיין קאָפּ דערהויבט זיך אַלץ שטאָלצער און מעכטיקער אַרויס פון אונטער דער ערד... אָט איז שוין דיין האַלדז... דיינע אַקסלען... אָט איז שוין דער גאַנצער ליכטיקער קערפּער.

און דיין לייב האָט זיך אין אַ שטיק מאָרגן-הימל פאַרוואַנדלט...

די זון האָט אַלץ העכער געשטיגן, ביז דיינע טריט האָבן זיך שוין אויפן האָריזאָנט באַמערקט: ביסט אויף די שפּיצן פינגער געשטאַנען און האָסט געוואָלט אַלץ העכער די זון אויפהייבן — — — — — — — — — —

— — — און דיינע אויגן...

דיינע אויגן, וואָס אין זיי האָט געברענט דאָס ליכט פון אַלע וועלטן, האָבן צו מיר געקוקט.

זיי האָבן צו מיר געשמייכלט...

אין דיינע אויגן איז געלעגן דער גליקלעכער אויגנבליק פון אַלע וועלטן, פון אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד, ווען זיי טרוימען אַמאָל, און זייער טרוים איז ליכט...

פון דיינע אויגן האָט אַרויסגעוונקען דער גרויסער וועלט-שעפער; אין זיין פּנים האָט געגרוט דער גליקלעכער שמייכל, וואָס ציטערט אין לופטן ביי יעדן זונאויפגאַנג...

מיך האָבן די שטראַלן אַרומגענומען און אַרומגעשפּונען פון אַלע זייטן... איך בין אין אַ הייליקן פרימאָרגן-נעץ געפאַנגען געוואָרן, און כ׳האָב געשפּירט:

פאַרבאָרגענע הענט נעמען שטיל צונויף די ברעגן פון נעץ און הייבן מיך פון מיין אָרט אויף... רייסן מיך אָפּ פון דער ערד און טראָגן מיך צום העלן מזרח, צום זונאויפגאַנג...

דו ביסט שטיין געבליבן אויפן האָריזאָנט, טראָגנדיק אויפן קאָפּ דאָס ליכט פון אַלע וועלטן און גאַנצן לעבן, און האָסט געוואַרט אויף מיין קומען...

און ווען די פאַרבאָרגענע האַנט האָט מיך צו דיר געבראַכט, האָסטו די זון איינגעלאָזן און מיך אין דיינע אָרעמס אַריינגעכאַפּט — איך האָב מיין קאָפּ, מיין עלנטן, פאַרבאָרגן אויף דיין ברוסט און כ׳האָב געשפּירט — דיין ברוסט האָט ווי דאַן געציטערט... דיינע אָרעמס האָבן מיר אַלץ פעסטער געדריקט צו זיך און כ׳האָב געשפּירט:

די זון האָט זיך אַרויסגעשלייכט און דערווייטערט זיך, דערווייטערט זיך פון אונדז — — — — — —

כ׳האָב מיין קאָפּ אויף דיין ברוסט פאַרבאָרגן — נאָר כ׳האָב געשפּירט מיט אַלע מיינע גלידער, מיט מיין גאַנצן וועזן:

ס׳ווערט פינסטער אַרום אונדז...

הינטער אונדזערע פּלייצעס שוועבט און טראָגט זיך אַ שפּאָט-שמייכל...

עס וועבט זיך אַרום אונדז אַ נעץ פון שאָטן, פון נאַכט-פעדעם... פאַרבאָרגענע הענט וואַרפן אונדז ביידן אין נעץ אַריין און טראָגן אונדז אַוועק פון האָריזאָנט —

איך פאַרכט מיר צו עפענען מיינע אויגן...

איך פאַרכט מיר אָפּצורייסן מיין קאָפּ פון דיין ברוסט... אויף מיר פאַלט אַן אימה אָן. איך ווער אין פאַרכט איינגעהילט — — מיין האַרץ וויל צעריסן ווערן... אַ פאַרבאָרגן געפיל רייסט מיך, וועקט מיך, איך זאָל אויפוואַכן, איך זאָל אויפוואַכן — — און כ׳האָב אויפגעוואַכט — — — — — — — — — — — — —

— — — ס׳הערשט ווי פריער די גרויסע נאַכט, און פון דער נאַכט אַרויס ווינקט צו מיר מיין לאַנגער, אומענדלעכער לאַנגער וועג...

* *
*

אין פליגלען ווערט דער מענטש געבאָרן. צאַרט זיינען זיי, ווי דאָס ליכט פון מאָרגנשטערן, און ווי שטערן-שטראַלן הילן זיי דעם גאַנצן מענטשן-קערפּער איין...

וויל איז צו דעם, וואָס האָט פון געבאָרן-טאָג אָן זיינע פליגלען געשפּירט.

וויל איז צו דעם, וואָס האָט צוגלייך גיין און פליען געלערנט.

ווער עס מערקט ניט אויף זיך די געטלעכע פליגל, ווערן זיי ביי אים אין אייזערנע רייפן פאַרוואַנדלט; זיי וואַקסן זיך צונויף מיט זיין אייגענעם לייב און ער ווערט אין זיין אייגענעם איך געפאַנגען.

פ ר ץ ה י ר ש ב י י ן. פון „וואַנדערער-טרוימען."

מיין בענקשאַפט.

שאָטנס קריכן, שאָטנס פאַלן פון אונטן און פון אויבן; פון דעכער און פון הינטער־געסלעך. אָט זע איך, ווי זי גייט שוין צו מיר, זי גייט צו מיר מיין בענקשאַפט. שטיל ווי אַ שאָטן צווישן שאָטנס שווימט זי גלייך צו מיר, גלייך צו מיר. אירע הענט זיינען אַזוי איידל און שטאָלץ צונויפגעלייגט אויף איר ברוסט, און די פינגער באַהאַלטן זיך אין טונקעלע פאַלדן, געוועבטע פון שאָטנס. אַ הויכע, שוואַרצחנוודיקע, אַ זיכערע אין איר שיינהייט גייט זי גלייך צו מיר, און גלייך אויף מיר קוקן אירע טיפע אויגן...

פאַרביי איר און אַרום איר, אויף די גראָע טראָטואַרן, לויפן פאַרביי צענדליקער און הונדערטער מענטשן און מענטשלעך. אָבער זי, מיין בענקשאַפט, באַמערקט זיי קיינעם ניט, מיידט זיי אויס אַלעמען, אַלעמען. אירע אויגן זעען נאָר מיך, נאָר מיך.

זי גייט, זי גייט, זי גייט...

קום שוין גיכער, צו מיר, מיין איין איינציקע בענקשאַפט. דיינע פאַלדן זיינען ווייך, דיינע פאַלדן זיינען טונקל, אַזוי ווי זומער־שאָטנס, און פון דיינע פולע, טונקעלע ברוסטן שלאָגט אַ דינער, דינער ריח פון טרערן און האַלב־געשטאָרבענע פיילכן. און אויף דיינע ליפן גוססט אַ מעלאָדיע אָן ווערטער, אָן טענער.

קום שוין גיכער, גיכער... דורכן פענסטער, דורך דער טיר. דיר איז דאָך אַלץ איינס, דו קענסט דאָך אַפילו דורך אַ וואַנט דורכקריכן, דו קענסט זיך דאָך אַפילו פון באַלקן אַראָפּלאָזן. קום גיכער, — וואָס גייסטו אַזוי לאַנגזאַם? ווי אַ שאָטן צווישן שאָטנס שוועבסטו. קום שוין, נעם מיך שוין אַרום מיט דיינע ווייכע אָרעמס.

דו ביסט שטום, גאָט האָט דיך מיט קיין קול ניט באַשאָנקען, און דיינע ליפן זיינען שטענדיק צוזאַמענגעדריקט. איך האָב קיינמאָל ניט געזען די פאַרב פון דיינע ציינער. כ׳ווייס ניט, צו זיינען זיי אַזוי ווייס, ווי פערל, צו טונקל ווי דיין הויט; איך פיל זיי נאָר ווען־ניט־איז, ווען דו כאַפּסט זיך צו מיר צו קושן מיך לאַנגזאַם, ציטריק און אומעטיק. דו קענסט ניט קושן אָן ציינער, דו קענסט ניט... זיי בייסן מיר אַיין שטילערהייט מיין פלייש, ווען דו קושט מיך, און לאָזן מיר אַריין אין מיין בלוט אַ זיסן גיפט, און מיר איז דאַן אַזוי גוט, און מיר איז דאַן אַזוי ביטער...

שטום ביסטו, מיין בענקשאַפט, אָבער אַנשטאָט דיין מויל רייִדן דיינע אויגן, זיי שטעכן מיך און גלעטן מיך. לאַנג אויסגעשניטן זיינען זיי אונטער דיין הויכן שטערן, ווי גרויסע מאַנדלען, און שוואַרץ זיינען זיי און באָדן זיך אין בלאָע ווייסלען — ווי אויגן פון מצרים־פּרויען. און טיף זיינען זיי, צו וואָס זאָל איך גלייכן זייער טיפקייט? כ׳וואָלט עס געגליכן צו אַ הימל אין אַ זומער־אָוונט, צום אוקיאַנוס, צו דער פאַנטאַזיע פון אַ גאון. אָבער אין דיינע אויגן געפינען זיך אי דער הימל, אי דער אוקיאַנוס, אי דער גאון, אי אַלץ, אַלץ... און מיט גלות השכינה איז דאָס אַלץ אָנגעזאַפּט, מיט גלות השכינה, מיט גלות השכינה.

ניין: רייד נישט, רייד נישט... בלייב בעסער שטום. דיין קול קען דערשרעקן און צעטרייבן די אומעטיקע, באַפליגלטע וועלטן, וואָס דיין בליק רופט אַרויס. נעם מיך אַרום נעענטער ביים האַרצן מיט איין האַנט, און מיט דער אַנדער האַנט הייב אויף מיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און קוק אין מיר אַריין גלייך און טיף אַזש ביז די וואָרצלען פון אַלע אָדערן. און שווייג און שווייג... מע דאַרף נישט רייִדן, מע דאַרף נישט...

ז. שניאור.

ליבע-מאטיוון.

דער בלאסער בת-מלכה, נאך וועלכער איך בענק
און וועל זי נישט קיינמאל געפינען.
פאר דער, וואס איך פלעג אין די זילבערנע נעכט
די הארציקסטע מעשהלעך שפינען.

נאך דער, וואס איך גאר אין די ליכטיקע טעג
און זוך אין די ראזע פארנאכטן.
דער יונגער פרינצעסין, וואס ווינט ערגעץ-ווו,
ערגעץ-ווו אין א שלאס א פארמאכטן.

(דוד איינהארנס ווידמונג צו זיין בוך
„שטילע געזאנגען")

דאס ליד דער לידער-שלמהס

(שיר השירים אשר לשלמה).

פארוואָרט.

„שיר השירים" איז אַ זאַמלונג פון שעפער-טאַנץ-ווייך- און האָכצייט-לידער, וואַרפט אַ רעטראָספעקטיווע פלאַם אויף אַן אַלט-העברעישן ווינקל פון אַ גאַנץ אומבאַקאַנטן לעבן. עס בלאַנקט אויף אַ נאַטור, ניט אין „ברכי-נפשי"-סטיל געשיל-דערט; זי רעדט צו אונדז אויסשליסלעך פון—ליבע! פון דער ליבע, וואָס וועקט זיך צוזאַמען מיט דער נאַטור.

די געגנט: ביי בעל המון, ווו שלמה האָט זיינע וויינגערטנער און זיין ווייַנהויז, ווו די גערמישטע יוגנט זאַמלט זיך, קוים „ווייכן די שאָטן, וואָס לייגן זיך אויף דער זון, און עס קילט זיך דער טאָג".

אויסער שעפער-לידער, דעם שולמית-טאַנץ און זיין רעזולטאַט—די שולמית-ליבע, גייט דורך, אלס אַ גאַנצע פאבולע, די ליבשאַפט צווישן שלמה און אַ ווייַנבערג-היטערין, וועלכע ער באַגעגנט, פירט אין ווייַנהויז אַריין, פלאַנצט איבער איר זיין ליבעס-פאָן און זי דערקלערט זיך אים אין ליבע.

דער ווינטער צעשיידט, דער פרילינג קומט. מיט אים וועקט זיך די ליבע אויפסניי, ער רופט זי אַראָפּ פון דער פעלזן-הויך, ווו זי ווינט איבער די ווייַנבערג— די ליבשאַפט גייט אויפסניי.

צו-הויז בענקט זי נאָך אים. טרוימט וועגן זיין קומען. עס געשיט. ער ווערבט וועגן איר ביי די ברידער. זיי צווייפלען אָבער וועגן איר רייפקייט און יונגפרוילעכקייט-זיי האָבן זי דאָך אין צאָרן פאַר אַ היטערין צום ווייַנבערג געשטעלט, אויסן אויג געלאָזט. זי פאַרזיכערט, אַז זי איז רייף און יונגפרוילעך. זי באַגליקט אים! זי זאָגט זיך אָפּ פון כלה-גאָב, נאָר „צוויי הונדערט" פאַר די ברידער אויסקויף-געלט.

באמערקונגען:

1) לויט דעם טעקסט רעדט „זי" צו אים אין דער דריטער פערזאָן און גייט באלד אריבער ערמוטיקט צו דער צווייטער.

2) די פערזמאָס פון דער איבערזעצונג איז אונטערגעוואָרפן דעם אינהאַלט, צוליב דעקלאמאציאָן.

3) וואָס אַנבאַלאַנגט פאַרגלייכונגען מיט „ראָס" (פערד) און רייטוואָגן, מוז מען זיך פאַרזעצן אין דעם פרימיטיוון אָריענט, ווען דער רייטוואָגן איז געווען דאָס נייסטע און דאָס שענסטע, צו דער צייט פון איין: „אבי, אבי, רכב ישראל ופרשיו".

1.

זאָל ער קושן מיך,
קושן מיט זײַן מויל—
דען דײַן פרײַנדלעכקײַט
ליבער שמעקט אַלס ווײַן.

צום גערוך ווי פײַן
דײַנע אײלן זײַנען;
און דײַן נאָמען שוין [1]
איז אַ תּורק אײל!

די יונגפרויען אַלע
ליבן דיך דערום!

אָ, צי מיך, צי,
מיר לויפן דיר נאָך;
ברענגט דער קיניג מיך
אין זײַנע קאַמערן! [2]
וועל'מיר לוסטיק זײַן,
פרײען זיך מיט דיר!

און דערמאָנען וועל'מיר. [3]
נישט אַזוי דעם ווײַן,
ווי דײַן פרײַנדלעכקײַט!
ווי טרײַ מיר ליבן דיך!

—

— שוואַרץ בין איך. דאָך שײן,
ירושלימס טעכטער, —
ווי די קדר-צעלטן,
ווי די פאָרהענג שלמהס!
נישט קוקט, וואָס ברוין איך בין,
מיך האָט די זון געברוינט!
ס'האָבן מײַנע ברידער מיר,
מײַנער מוטער-זין [4] געצירנט,
און צום ווײַנבערג מיך
אַלס היטערין געשטעלט, —
האָב איך דעם ווײַנבערג-מײַן
נישט געהיט!

2. [5]

— אַך, זאָג מיר דו,
וואָס מײַן זעלע ליבט,
וו' פיטערסטו,
וו' לאַגערסטו —
צו מיטאָג-צײַט?
נאָך וואָס אויסזען זאָל בײַ לײַט,
אַז איך לויף [6] די הערדן נאָך
פון דײַנע קאַמעראַדן?
— ווייסט עס נישט,
דו שענסטע פרוי?
גײ נאָך די טריט
פון שעפעלעך, —
און פיטער דײַנע ציקעלעך
בײַ די שעפער-צעלטן.

—

צו דעם ראָס אין פּרעה'ס וואָגן
גלײַך איך דיך, אָ, ליבסטע מײַן! [7]
אַך, ווי שײן עס זײַנען דײַנע
באַקן אין די קײטעלעך
און דײַן האַלדז אין שנירן!

גאָלדענע קײטעלעך מאַכן מיר דיר,
מיט זילבערנע פליטערלעך!

—

[illegible]ײלט דער קיניג נאָך
מיט זײַן באַגלײט [8]

---

1) דײַן לויב, דײַן רוהם.
2) אין ווײַנהויז.
3) געדענקען, דאַנקבאַר דערמאָנען.
4) אין פּאָליגאַמישן מוטער-הויז הערשן די ברידער.
5) שעפער-ליד, דועט.
6) „עטה" — עטה אל השלל, יאָגן, לויפן נאָך וואָס.
7) רעיה — שעפערין, פרײַנדין, געליבטע
8) אַפוואַרטנדיק איר פערפומירונג.

און מיין נאָרד
האָט אויפגעדופט!

אַ בינטל מירא
איז ער, מיין געליבטער, מיר,
אַ באַלזאַם־שטענגל איבער מיר
פון עין־גדיס גאָרטן...

— שיין ביסטו, געליבטע מיין, [1]
שיין!
אויגן — טויבן גלייך!
— שיין ביסטו, געליבטער מיין,
און זיס!
און פריש און גרין
איז אונדזער בעט! [2]
אונדזערע הייזער
פון צעדער געבאַלקט, [3]
די גאַלעריע — ציפּרעסן!

4.

— איך בין די ליליע פון שרון,
איך בין די רויז פון טאָל!

— וואָס די רויז איז צווישן דערנער —
מיין געליבטע צווישן פרויען!

— וואָס דער עפּל־בוים אין וואַלד — איז
מיין געליבטער צווישן מענער!

גלוסט זיך רוען אין זיין שאָטן,
שמעקן זיס די פרוכטן־זיין [4]

האָט צום ווייבהויז מיין געליבטער
מיך געפירט!
און איבער מיר אויפגעפלאַנצט
זיין ליבעס־פאָן.

אָ, קרעפטיקט מיך מיט טרויבן־זאַפט!
און מיט עפּל לענט מיין אונטער
איך בין ליבעס־קראַנק!

אונטער מיין קאָפּ —
זיין לינקע האַנט,
און זיין רעכטע
האַלדזט מיך אום...

איך באַשווער אייך,
אָ, ירושלימער טעכטער,
ביי דעם הירש
און רעה אין פעלד —
וועקט די ליבע נישט!
וועקט זי נישט,
ביז זי בליט נישט אויף אַליין!

5.

אָ, די שטים!
מיין געליבטער קומט!
שפּרינגט שוין איבער די בערג,
היפּט שוין איבער היגל, —
דעם רעה,
דעם יונגן הירש צוגלייך!
אָט שטייט ער שוין הינטער דער וואַנט,
דורך די פענסטער קוקט ער,
דורך די גראַטן בליקט ער!
רופט זיך מיין געליבטער אָן,
זאָגט צו מיר:
שטיי, מיין געליבטע, אויף!
לאָז דיך גיין! [5]
דען דער ווינטער איז פאַרביי,
געוויכן איז די רעגן־צייט.
שפּראָצן האָבן זיך באַוויזן
איבער דער ערד!

---

[1] געזאַנג ביים ווייַן — שעפּער־ליד.
[2] זיך־בעט ביים טרינקען, (ביי אחשורוש—מטות זהב וכסף).
[3] אין פרייען — אין שאָטן פון צעדערן.
[4] ע׳ — דער בוים; די פרוכט — זיינע ליבקאָזונגען.
[5] איבער די גערטנער.

און די צייט איז געקומען
פאַר געזאַנג! —
עס לאָזט די טורקל־טויב זיך הערן
אין אונדזער לאַנד!

דער פייגנבוים,
ער טרייבט די קנאָספּן!
דער ווייַנשטאָק גרינט
און לאָזט זיין דופט. —

אָ, שטיי אויף, געליבטע, און גיי,
שיינע פריינדין, לאָז זיך גיין!

אָ, טויב דו־מיין,
אין פעלזן־שפּאַלט,
אין פאַרבאָרגנהייט פון שטאַפּל; —
אָ! באַווייז מיר דיין געשטאַלט,
און מיך לאָז דיין שטימע הערן!

דען דיין שטים איז אַנגענעם,
הערלעך — דיין געשטאַלט!

כאַפּט פאַר אונדז [1]
די פוקסן,
די קליינע פיקסלעך,
וועלכע צעשטערן די וויינגערטנער,
דען אונדזערע וויינגערטנער
זיינען אין בליונג.

מיין געליבטער געהערט מיר
און איך געהער אים —
(אים) וועלכער וואַנדערט
צווישן די ליליען.

ביז דער טאָג
וועט פאַרוויען
און די שאָטנס
זיך יאָגן,
וואַנדער אַרום,
געליבטער מיינער,

זיי גלייך צו אַ הירש
אָדער צו
אַ הינד אַ יונגן, אויף די צעשפּאָלטענע
בערג.

6.

אויף מיין געלעגער,
אין די נעכט,
זוך איך דעם,
וואָס מיין זעלע ליבט. —
זוך איך אים; געפין אים נישט!

וועל איך אויפשטיין,
גיין אין שטאָט,
אויף מאַרק און גאַס זוכן דעם,
וואָס מיין זעלע ליבט. —
זוך איך און געפין אים נישט!

באַגעגענען די היטער מיך,
די, וואָס קרייזלען אין דער שטאָט,
— האָט איר, פיליכט, געזען דעם,
וואָס מיין זעלע ליבט?
קוים פאַרביי, טרעף איך אים,
ד ע ם, וואָס מיין זעלע ליבט!
כאַפּ איך אים
און לאָז נישט אָפּ!

פיר איך איהם
צום מוטער־הויז.

אין מוטער־צימער
ברענג איך אים! [2]
באַשווער איך אייך,
ירושלימס טעכטער!
ביי דעם הירש
און רעה אין פעלד!
וועקט זי נישט, [3]
וועקט די ליבע נישט.
ביז זי בליט נישט אויף אַליין! [4]

---

1) די פאָלגנדיקע דריי סטראָפן זיינען גענומען פון יהואשעס איבערזעצונג. ביי פרצן פעלן זיי.
2) טרוימעריי.
3) מיט לידער, געשפּרעכן, מיט רייד — נישט!
4) לידער־רעפריין.

7. [1])

אַך, ווער שטייגט
פון וויסטעניי
אין די רויכיקע זיילן.
מיט מירא און ווייררויך געדעמפט.
און אַלע טענדלער־פּולווערס?!

— — — — — — — — — — —

אָט דאָס איז שלמהס בעט.
זעכציק העלדן—אַרום,
פון די שטאַרקסטע אין ישראל!

אַלע זיינען שווערד־געגורט,
אַלע זיינען שטרייט באַהאַוונט!
מענער—שווערדער ביי די לענדן
פאַר די שרעקן פון דער נאַכט!

און אַ זענפט [2]) האָט קיניג שלמה
זיך געמאַכט פון צעדער־האָלץ!
און די זיילן מאַכט ער—זילבער,
און די אָנלען [3]) גאָלד־געטריבן!
און פון פּורפּור איז דער זיץ.
מיט דער ליבע אויסגעבעט
פון ירושלימס טעכטער!

קומט אַרויס, ציונס טעכטער,
קומט, דעם קיניג שלמה זעט,
אין דער קרוין, מיט וואָס די מוטער
האָט צום האָכצייטס־טאָג געקרוינט אים,
צום טאָג פון זיין האַרצנס־פרייד!

8.

שיין ביסטו, פריינדין־מיין,
שיין!

דיינע אויגן דורכן שלייער —
טויבן גליין!

און די האָר —
די געמזן־הערד
פון דעם גלעד־באַרג געגליטשט!

און די ציין —
לעמער ווייסע רייען צוויי,
אָקאָרשט פון דער וואַש אַרויס.
גאַנצע, אָן אַ פעל!

און די ליפּן—פּורפּור־פעדעם!
דיין רעדנס־אַרט, ווי אָנגענעם!
די שלייף, וואָס קוקט
פון אונטער דער הויב —
אַ גראַנאַטן־שניט!

דער האַלדז,—דער ריינער דוד־טורעם,
שטאָלץ געהויכט, און באַהאַנגען —
טויזנט שילדן!
גאַנצע טויזנט קריגער־שילדן!

די ברוסטן־פּאָר—אַ רעהען־פּאָר —
אַ יונגער הירשן־צווילינג־פּאָר,
וואָס פּיטערט זיך אין רויזן!

9. [4])

ביז עס קילט נישט אָפּ דער טאָג
און די שאָטן וויכן,
גיי איך מיר צום מירא־באַרג,
צו די ווייררויך היגל!
אַך, דו ביסט אינגאַנצן שיין,
פריינדין מיין,
און אָן אַ פעל!

---

[1]) ברוך־שטיקער פון שלמהס א האָכצייטס־ליד, כלה־עמפּפאַנג, קאַמערן־שוי, — שלמה פון דער מוטער, לויט צייט־געברויך, אלס חתן געקרוינט.

[2]) הימל־בעט.

[3]) „רפד“ — אונטערלעגען.

[4]) אָפּשיידס־ליד.

10. [1]

מיט מיר,
מיט מיר פון לבנון, כלה,
מיט מיר פון לבנון קומסטו!

קוקסט פון אמנה־הויך,
פון דעם שניר־ און חרמון־שפּיץ!
פון דער לייבן־היים,
פון די טיגער־בערג!

האָסט באַהאַרצט מיך,
שוועסטער כלה,
מיט איין אויג פון דיינע אויגן,
פון דיין האַלדזבאַנד מיט אַ שנירל!

און ווי שיין דיין ליבשאַפט איז,
שוועסטער כלה,
ווי שמעקנדיקער פאַרן ווין
דיין ליבשאַפט איז!
און דיינע איילן —
שטייגן אַלע איילן איבער!
זיסקייט טראָפן —
דיינע ליפּן, כלה!
האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג!
און דער דופט פון דיינע קליידער —
דער לבנון דופט!

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

און אַ גאָרטן, אַ געשלאָסענער
איז מיין שוועסטער־כלה!
אַ קוואַל אַ פאַרשלאָסענער,
אַ ברונען אַ פאַרזיגלטער!

די אָרעם זיין—דער פּאַראַדיז!
גראַנאַטן און די זיסטע פרוכט!
ציפּער־בליט און נאַרד!

נאַרד, און קראָקוס, און די קאַנאַ,
שאַפראַן, ווייִרויך און אַלאָע,
מירטן און די אַלע פיינסטע
פון געווירצן!

אַ גאָרטן־קוואַל ביסטו מיר,
אַ קוועלנדיקער וואַסער־ברונען [2]
פון לבנון אָנגעפלאָסן!

(די כלה;

— וועק דיך, נאָרד,
פלי אָן, זיד! [3]
בלאָזט מיין גערטל אויף, —
זאָלן פליסן דיינע ג׳ווירצן, —
און זאָל מיין געליבטער קומען
צו זיין גערטל און זיך לאָבן
מיט זיין פרוכט!

כ׳בין געוועזן, שוועסטער כלה,
אין מיין גערטל!
און מיין מירא דאָרט געקליבן
און די דופטיקע געווירצן!
און געלאָבט זיך מיט מיין האָניק,
און מיין זיסן וויין געטרונקען!

עסט, קאַמעראַדן,
טרינקט, באַרוישט אייך,
ליבע פריינד!

11. [4]

שלומער איך,
מיין האַרץ איז וואַך, —
אַ שטים!
מיין געליבטער קלאַפּט!

— עפן מיר,
שוועסטער ליבע,
זיסע טויב!

1) כלה־גאַנג. אויפנאַמע.
2) וואַסער־האַלטער, רעזערוואַר.
3) נאָרד־ און זיד־ווינט.
4) ראָמאַנס, אַן אַנדער באַאַרבעטונג פון מאָטיוו 6.

דען מיין קאָפּ איז פול מיט טוי,
און די לאָקן —
מיט די טראָפּן פון דער נאַכט.
— איך האָב מיין קלייד שוין אויס=
געטאָן,
ווי זאָל איך אָנטאָן עס?
ריין געוואַשן מיר די פיס,
ווי באַשמוץ איך זיי?

דורך די גראַטן שטעקט מיין ליבער
אויס זיין האַנט, —
ברומט צו אים מיין אינגעווייד!

שטיי איך אויף און עפן אים!
מירא טריפן מיינע הענט,
פון די פינגער טריפט מיר מירא
אויף די קעפּלעך פון די ריגל.

כ׳האָב געעפנט מיין געליבטן. —
אַוועקגעשליכן און פאַרשוווּנדן, —
מיין געליבטער!
און מיין זעל איז דאָך פאַרגאַנגען
ביי זיין שטי...!

זוך איך אים, געפין אים נישט!
רוף איך אים, ער ענטפערט נישט!

באַגעגענען די וועכטער מיך,
די וואָס קרייזלען אין די גאַסן!
שלאָגן מיך,ביילן מיך!
רויבן מיר דעם שלייער צו,
די היטער פון די מויערן!

באַשווער איך אייך
ירושלימס טעכטער!
טרעפט איר אים,
דעם געליבטן מיין,
וואָס זאָגט איר אים‚ [1]
— איך בין ליבעס=קראַנק!

— וואָס איז דיין פריינד
צווישן פריינד,
דו, שענסטע פרוי,
וואָס באַשווערסטו
אונדז אַזוי?

— לויטער איז מיין פריינד און ראָז,
אונטער טויזנטער די פאָן! [2]
לויטער גינגאָלד איז זיין קאָפּ,
און די לאָקן—ראָבן שוואַרצע!

די אויגן=זיין —
טויבן ביי די וואַסער=קוואַלן, —
פולע, באָדן זיך אין מילך!

און די באַקן—וויירויך בייטן,
דופטנדיקע וויירויך=היגל.
און די ליפּן, ווי די רויזן;
מירא פליסן זיינע ליפּן!

זיינע הענט—גאָלדן וואַלצן,
מיט טאָפּאַזן אויסגעפילט!
די שטאַטור—אַן עלפנביין!
מיט סאַפירן אויסגעדעקט!
און די שענקל—מאַרמאָרזיילן
אויף גינגאָלדענעם געשטעל!
די געשטאַלט פון אַ לבנון.
און די וווּקס איז פון אַ צעדער!
און זיין גומען—זיסיקייטן
און אַ גליסטונג—ער אינגאַנצן!

אָ, דאָס איז מיין פריינד,
דאָס איז ער,
מיין געליבטער,
אָ, איר טעכטער ירושלימס!

— און ווּ איז דיין פריינד געגאַנגען,
שענסטע צווישן פרויען?
ווּ האָט זיך געווענדט דיין פריינד, —
זוכן וועל׳מיר אים מיט דיר

---

1) (זאָגט אים:).

2) דער העכסטער, שענסטער.

— צו זיין גערטל האָט געניִדערט,
דער געליבטער מיין,
צו די ווייַרויך־בייטן, —
ווײדן וועט ער אין די גערטן
און זיך קלייבן וועט ער רויזן.
איך בין מיין פריינדס,
מיין פריינד איז מיין, —
דער וואָס פיטערט צווישן רויזן. [1]

12.

שיין ביסטו,
פריינדין מיינע,
תּרצה־גלייך!
ווי ירושלים ליבלעך,
און אָפּשרעקיק [2] ווי באַפאָנטע! [3]

ווענד אָפּ פון מיר די אויגן דיין,
זיי איבערוועלטיקן מיך!
אַך, די האָר — די געמזן־הערד,
וואָס גליטשט אַראָפּ פון גלעד־בערג!

און די ציין,—די לעמער־הערד,
אָקאָרשט ערשט פון וואַש אַרויס,
ווי צוגעפּאַסט און אָן אַ פעל! [4]
. ון פון אונטער דער הויב די שלייף—
אַ גראַנאַטן־שניט!

[5] 13.

זעכציק זיינ׳ן די קיניגינס,
די קעפּס־ווייבער—אַכציק!
יונגפרויען—אָן אַ צאָל!

איינע נאָר מיין ציכט׳קע טויב,
איינע ביי איר מוטער אויך,
ביי איר געבערערין—אַ קלאָרע!

די יונגפרויען זעען
און לויבן זי!
די קיניגינס, קעפּסווייבער
באַוווּנדערן:
— ווער איז די,
וואָס שטראַלט, ווי מאָרגנגלאַנץ,
און איז ליבלעך, ווי דער מאָנד,
און איז לויטער, ווי די זון?

14.

צום ניסן־גערטל נידער איך:

איך וויל דאָס גרינס אין טאָל באַזעען!
צי האָט דער ווינשטאָק אויפגעבליט
און די מילגרוים קנאָספּט?

ווייס איך דען,
וואָס מיין זעלע מאַכט פון מיר,
ווי די וואָגנס עמינדיבס! [6]

15.

קער זיך אום,
ווענד זיך אום,
אָ, שולמית!

קער דיך, ווענד דיך,
לאָז דיך זען!

— וואָס זעט איר דען,
וואָס געפעלט אייך אין שולמית,
ווען זי גייט דעם קריגער־טאַנץ?
—ווי שיין עס זיינען דיינע טריט,
נדיבס טאָכטער [7] אין די שיך!

די רונדן פון די היפטן־ביין —
רינגען פון אַ מייסטער־האַנט!

---

1) רעפריין.
2) נישט צוגענגלעך, נישט צוטריטלעך, שטאָלץ, אָפּווייזנדיק.
3) פלעצער, פּאַגען־פלעצער, וואו צו גיין איז נישט ערלויבט.
4) פעלער
5) צווישן דער און דער שפּעטערער סטראָף וואָלט געפּאַסט די ערשטע פון זיבן.
6) אזוי לייכט און באַוועגט.
7) מעגלעך: פירשטן־טאָכטער.

און דער נאָפּל—גלייך דעם בעקן
פון מאַנד, דעם פולן, אָן אַ פעל!
און דער לייב—אַ ווייצן=גאַרב!
מיט דער רויזן=שנור געגורט!

די בריסטן דיין—אַ רעהען=פּאָר,
אַ יונגער הירשן=צווילינג=פּאָר!
דער האַלדז—
פון עלפנביין אַ טורעם;
און די אויגן,—ווי די קוואַלן
וואָס ביי חשבון! —
ביי דעם טויער פון בת=רבים!
די נאָז—דער טורעם פון לבנון,
דער וואָס אויף דמשק קוקט!

און אַ כרמל=באַרג דער קאָפּ,
די פריזור אין פּורפּור=בענדער —
אַ קעניג,
אין רעגאַליען געשנירט!

אַך, ווי שיין
ווי זיס דו ביסט,
די פאַרייניקונג
פון ליבשאַפט און גענוס! [1]

(שולמית:)

איך געהער מיין פריינד
און איך בין זיין באַגער!

אָ, קום, פריינד,
לאָמיר גיין אין פעלד אַריין,
נאַכטן אין דערפער!

און זיך פעדערן באַגינען
צו די וויינבערג.

זען, ווי דער וויינשטאָק בליט,
און דאָס גרינס האָט אויפגעשפּראָצט
און עס קנאָספּן די גראַנאַטן, —

דאָרט גיב איך מיין
ליבשאַפט דיר!

אויפגעדופט דער ליבעס=עפּל [2]
אויף אַלע טירן—זיסע פרוכטן,
אַלט און ניי; פאַר דיר, מיין פריינד,
אויפבאַוואַרט!

16. [3]

וואָלט מיר דיך ווער
פאַר אַ ברודער געמאַכט,
וואָס געזויגן האָט
פון מיין מוטערס ברוסט!

און באַגעגן איך דיך אין גאַס,
קוש איך דיך, —
מע שענדט מיך נישט!

פיר איך דיך,
ברענג איך דיך
אין מיין (מוטערס) הויז,
לערנט די מוטער מיך,
ווי צו לאָבן דיך
מיט ווייַן געקאָכטן,
מיט מיין מילגרוים=זאַפט!

אונטער מיין קאָפּ
איז זיין לינקע האַנט, —
מיט זיין רעכטער האַנט
האַלדזט ער מיך אַרום!

---

1) קונסט=גענוס
2) דודאים—מזלדיק צו ליבע, ווי אויך צו קינדער, חי ווייטער.
3) יונגפרוילעכע בענקשאַפט, טרוימען, גלוסטונגען.

איך באַשווער אייך,
ירושלימס טעכטער,
וועקט זי נישט,
וועקט די ליבע נישט,
ביז זי בליט נישט
אויף אַליין!

אַך, ווער שטייגט עס
אויף פון מדבר
און זי שמיגט זיך
צו איר ליבסטן!

„אונטערן עפּל האָב איך דיך געוועקט,
ווו דיין מוטער האָט אין ווייען
דיך געהאַט"...

נעם מיך צו דיין האַרצן צו,
ווי אַ זיגל!
ווי א זיגל צו דיין אָרעם זריק!
דען שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבע!
ווי דער אָפּגרונט איז איר אייפער!

וואַסערן פיל
וועלן די ליבע נישט פאַרגיסן,
טייכן—נישט פאַרפלייצן!

און זאָל אַ מאַן
זיין גאַנץ פאַרמעג פון הויז
פאַר ליבע ביטן, —
מע לאַכט אים אויס!

17.

אַ וויינבערג אין בעל המון האָט
שלמה געהאַט!
דעם וויינבערג=היטער אָפּגעגעבן!
ברענגט אים יעדער פאַר זיין פרוכט
טויזנט זילבער=שטיק!

דער וויינבערג מיין איז מיר פריי:
און די טויזנט, שלמה,—דיין!
הונדערטער צוויי —
פאַר די היטער פון זיין פרוכט! [1]

18. [2]

—אָ דו, וואָס אין די גערטנער זינגסט,
קאַמעראַדן הערן זיך צו,
לאָז דיך הערן!

—אנטלויף פריינד!
זיי די רעה,
דער יונגער הירש
איבער די ווירויך=בערג!

יידיש—י. ל. פרץ.

---

[1] פאַראבאל. זי זאָגט זיך אָפּ פון איר כלה=אָפּצאָל, נאָר—צוויי הונדערט פאַר די ברידער אויסקויף=געלט.

[2] עפּילאָג.

* * *

הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
וואָס וועסטו טאָן אין אַזאַ ווייטן וועג?
וואָס וועסטו טאָן אין אַזאַ ווייטן וועג?

איך וועל גיין אין אַלע גאַסן
און וועל שרייען: „וועש צום וואַשן!"
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
ווו וועסטו וואַשן אין אַזאַ ווייטן וועג?
ווו וועסטו וואַשן אין אַזאַ ווייטן וועג?

דו מוזט מיינען, אַז איך בין שוואַך,
איך קאָן וואַשן וועש ביים טייך!
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע!
וואָס וועסטו עסן אין אַזאַ ווייטן וועג?
וואָס וועסטו עסן אין אַזאַ ווייטן וועג?

ברויט מיט זאַלץ וועל איך עסן,
טאַטע-מאַמע וועל איך פאַרגעסן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
אויף וואָס וועסטו שלאָפן אין אַזאַ
ווייטן וועג?
אויף וואָס וועסטו שלאָפן אין אַזאַ
ווייטן וועג?

איך בין נאָך אַ יונגע פרוי,
איך קען שלאָפן אויף אַ בינטל שטרוי,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
מיט וואָס וועסטו זיך צודעקן אין
אַזאַ ווייטן וועג?
מיט וואָס וועסטו זיך צודעקן אין
אַזאַ ווייטן וועג?

דער טוי פון הימל וועט מיך צודעקן,
די פייגעלעך וועלן מיך אויפוועקן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

פאָלקסליד.
פון דער זאַמלונג י. ל. כהן.

אַ ליד פון אַ פייגעלע.

איך גיי אַרויס אויפן גאַניקל,
דאָס שטעטעלע באַקוקן,
קומט צופליען אַ קליין פייגעלע
און טוט זיך צו מיר בוקן.

נישט אַזוי דאָס קליינע פייגעלע,
ווי איר שייגער פליען.
זי וואַרפט אַראָפּ מיר אַ קליין בריוועלע,
איך טו עס גלייך באַקומען.

איך לייען איבער די ערשטע שורהלע,
מיין ליבער איז פאַרדאָרבן,
איך לייען איבער די צווייטע שורהלע,
מיין ליבער איז געשטאָרבן!

קלייבט צונויף אַלע מיינע חברטעס,
אַלעמען איניינעם,
ווער ס'האָט נאָר אַ ליבע געפירט,
זאָל מיר העלפן וויינען!

פאָלקסליד.

* * *

מיינע שבתים און מיינע יום=טובים
טוען מיר ניט איינגיין,
אַז איך דערמאָן זיך אָן מיין זיס לעבן,
זיץ איך און טרויער און וויין.

וואָלט איך געווען אַ פייגעלע,
וואָלט איך צו דיר געפלויגן,—
אַז דו וואָלסט וויסן מיין טרויער=האַרץ
מיט מיינע פאַרוויינטע אויגן.

וואָלט איך געווען אַ פישעלע,
וואָלט איך צו דיר געשווומען,
אַז דו וואָלסט וויסן מיין פאַרביטערט
האַרץ,
וואָלסטו צו מיר געקומען.

אוי, וואָלט איך געהאַט פערד און וואָגן,
וואָלט איך צו דיר געפאָרן,
אַז דו וואָלסט וויסן מיין פאַרביטערט
האַרץ,
מיט מיינע אָפּגעשניטענע יאָרן.

וואָלט איך געהאַט טינט און פעדער,
וואָלט איך צו דיר בריוועלעך געשריבן,
אַז דו וואָלסט געלייענט מיינע פאַר=
ביטערטע בריוו,
וואָלסטו אין חלשות געבליבן.

איך עס ניט און טרינק ניט און
שלאָף קיין נעכט,
און בענקען בענק איך נאָך דיר,
אַז דו וואָלסט וויסן מיין פאַרטרויערט
האַרץ,
וואָלסטו געקומען צו מיר!

פאָלקסליד.

פון דער זאמלונג מ.—ג.

* * *

שרייב איך דיר אַ בריוועלע
אין דעם ווייטן לאַנד,
שרייב איך דיר אַ בריוועלע,
ציטערט מיר מיין האַנט.

שוואַרצינקע ווערטערלעך,
ווייסינקער פּאַפּיר.
און די טרערן פינסטערע
גיס איך אָן אַ שיעור.

קלעפּ איך צו דאָס בריוועלע,
שיק איך עס אַוועק:
שווים זיך, שווים זיך, בריוועלע,
אין דעם ווייטן וועג.

וואַרט איך אויף דיין בריוועלע,
איז מיר זייער שלעכט,
עס איך ניט און טרינק איך ניט,
שלאָף איך ניט קיין נעכט.

נעמען זיך גאָר ניט די הענט
עפּעס וואָס צו טאָן,
רק איך וואַרט בײַם טויערל
אויפן פּאָסטאַליאָן.

ברענגט ער מיר אַ בריוועלע
פון דעם ווייטן לאַנד,
עפן איך דאָס בריוועלע
ציטערט מיר מײַן האַנט.

שוואַרצינקע ווערטערלאַך,
ווייסינקער פּאַפּיר,
און די טרערן פינסטערע
גיס איך אָן אַ שיעור.

מאַני לייב.

פּערל.

פּערל=טרערן פּערלען זיך
פון מײַן געליבטעס אויגן,
ס׳האָט פון ווייטן, ווייטן לאַנד
צו איר מײַן האַרץ געצויגן.

שנירלעך פּערל ברענג איך איר
פון ווייטן לאַנד צו פירן;
לוסטיק וועט זי האַלדזן מיך,
אַז כ׳וועל איר האַלדז באַצירן.

כ׳האַלט די פּערל, שרײַ מיט פרייד:
„צו דיר בין איך געפלויגן!“
פּערל=טרערן פּערלען זיך
פון מײַן געליבטעס אויגן.

„שנירלעך פּערל ברענג איך דיר
פון ווייטן לאַנד צו פירן,
און איך וועל דיך האַלדזן הייס
און וועל דײַן האַלדז באַצירן!“

און דורך טרערן זע איך זי
פאַרקלעמט, דער קאָפּ געבויגן—
פּערל=טרערן פּערלען זיך
פון מײַן געליבטעס אויגן...

פּרץ הירשביין.

פּאָלקס=מאָטיוו.

ניט גריסט מיך פון אים:
איך ווייס וואָס ער מאַכט:
איך זע אים, ער זיצט
מיט יענער און לאַכט.
ניט טרייסט מיך: ער וועט
נאָך קומען צוריק:
עס איז שוין צו אים
פאַרברענט יעדער בריק.
ניט טרייסט מיך: די צייט
וועט היילן מײַן פּיין:
פאַרגעס איך אָן אים,
וועט ערגער מיר זײַן...

א. רייזין.

שימאָנע=סאַן.

דער רעגן בלעזלט זיך אין שטילן וואַסער,
קוק איך ווי די רינגען שפּרייטן זיך פונאַנדער:
שימאָנע=סאַן, דו סאַמוראַאי בלאַסער,
ווען וועסטו קומען? פון דײַן ווייטן וואַנדער?
שימאָנע=סאַן, מײַן העלער שטערן...

איין טאָג קלייב איך אַלע רויטע בלומען,
און שיט די בלעטלעך איבער אַלע שטעגן;
שימאָנע=סאַן וועט אין פרימאָרגן קומען,
און איך וועל גיין אַ רויטע אים אַנטקעגן—
שימאָנע=סאַן, מײַן העלער שטערן...

אויף מאָרגן טו איך קאַרשן־קווייטן רייסן,
און פלעכט זיי אין די האָר און אויף די
שלייפן.
שימאָנע־סאַן וועט זען מיין קאָפּ אַ ווייסן,
און וועט אין פינסטער מיר אַנטקעגנלויפן—
שימאָנע־סאַן, מיין העלער שטערן...

געשוואָרן האָבן אַלע טורטל־טויבן
צו פליען זען, אַוו ער איז פאַרשוואונדן:
שימאָנע־סאַן, ביי מײַנע קליינע שויבן
וועט אַלע נאַכט אַ ליכטל זיין געצונדן—
שימאָנע־סאַן, מיין העלער שטערן...

יהואש.

אַ נאַכט ביים ניעמאַן.

ס׳איז די פרילינגס־נאַכט געקומען, איינזאַם שטאָלץ איז זי געשווומען.
אויף דעם ניעמאַן אויף דעם שטומען ווי אַ רויכיקע געשטאַלט;
שטיל געשלייכט דורך זיינע וועגן, דורך לבנהדיקע שטעגן,
וועלכע האָבן אונדז אַנטקעגן ווי אַ זילבער־נעץ געשטראַלט.
ביי אַ בוים אַ גרין־צעשפרייטן זיך געטוליעט איינס צום צווייטן
האָבן מיר זיך ווי די קווייטן, וועלכע דרימלען אויף אַ בייט ...
ס׳שאָרכט אַ צווייג... אַ צווייטע... דריטע ... — ס׳האָט געוויס די זעל פון ליטע
דאָרט געפלאַטערט, אַ צעבליטע, און מיט טרויער אונדז באַווייט...
און אַרום האָט אַלץ געשוויגן, נאָר אַ ציטערדיקער ניגון
פלעגט זיך אָפּט אין לופט צעוויגן און פאַרוויגן אונדזער טרוים;
דאָרט, אין ווייטקייטן, אין גרינע האָט געוויינט אַמאַנדאַלינע,
האָט געוויינט מיט סטרונעס דינע אין לבנהדיקן רוים...
און דער ניעמאַן האָט, אַ גוטער, שטיל געשמייכלט אַ באַרוטער,
און די נאַכט האָט ווי אַ מוטער אונדז באַגריסט דורך צווייגן־סכך,
האָט אונדז שטיל אַרומגענומען, און כ׳האָב, דוכט זיך מיר, פאַרנומען:
„טרוימט אייך, טרוימט אייך, ליבע בלומען! טרוימט — איך שטיי דאָ אויף
דער וואַך! ...״

לייב ניידוס

* * *

און ס׳וואָלט דעם סוד ביינאַכט די ערד
דערציילט די ווינטן שטילערהייט,
וואָלט אינדערפרי גערוישט דער וואַלד,
און ס׳וואָלט גערעדט שוין קינד און קייט:
זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב...

דער קוואַל וואָלט איינגערוימט דעם טייך,
וואָלט ער ביי־טאָג אַנטקעגן זון
אין ברייטן פעלד, פאַר ווייטן שליאַך
דערציילט דערפון:
זי האָט אים ליב!...
זי האָט אים ליב!...

ס׳וואָלט יעדער מענטש מיך, ווי אַ פריינד,
באַגריסט מיט ליבע ביי זיין שטוב
און ס׳וואָלט געשטראַלט, און ס׳וואָלט
געשיינט:
זי האָט דיך ליב?!
זי האָט דיך ליב ?!

כ׳וואָלט אויפן העכסטן פעלזן־שפּיץ
אַרויפגעגאַנגען, זיך געשטעלט
צו לאָזן וויסן מיטן בליץ
אַ האַלבער וועלט:
זי האָט מיך ליב!
זי האָט מיך ליב!

אשר שווארצמאַן.

* * *

אַ גאַנצע נאַכט איבערן ים געקוקט
צו יענער זייט ווו דו פאַרברענגסט —
אַ גאַנצע נאַכט איין וואָרט געשיקט:
געדענקסט?

און ס'האָט דער מאָרגנווינט געבראַכט
אַן ענטפער מיר אויף מיין געוויין —
ס'האָט קאַלט דער מאָרגנווינט געלאַכט:
אוי, ניין!

דו האַרטע, דו צאַרטע, דו שטילע,
דו פייניקסט מיין האַרץ אין דער שטיל,
און צייטנווייז דאַכט זיך אפילו,
אַז ס'טרוימט זיך מיר נאָר מיין געפיל.

און צייטנווייז מיין איך אפילו,
אַז כ'וועל נאָך דערוואַכן פון טרוים —
דאָך צייטנווייז וויין איך אַ תפילה,
וואָס בעט אויף דעם טויט זיך אין טרוים.

ש. י. אימבער. (פון „וואַנדערלידער")

* *

אַך, ביז וואַנען, מאָרגנשטערן,
ס'לעשט זיך ניט דער זונענרייך,
(קוים צו הערן,
שרייען פויגלען אין דעם ווייץ),

שיק די בליקן צו דעם דיכטער,
קוק אין ד'אויגן מיר אַריין,
(אַלץ געדיכטער
ציען פויגלען זיך צום שיין),

אייל זיך צו: עס וועט דיך טוישן
באַלד די זון: פאַרשעמט און ראָז,
(כ'הער אַ רוישן,
כ'הער אַ גרילצן אין דעם גראָז),

לעז מיין חלום דורך, מיין העלן,
און באַשייד זיין סוד געשווינט,
(גלייך ווי וועלן
וויגט דער האָבער זיך אין ווינט)

און פאַרטרוי דאָס, שטערן העלער,
מיין געליבטער אין איר טרוים,
(שנעלער! שנעלער!
באַלד שטראַלט אויף דער הימל-רוים:)

פאָל ווערלען,
ידיש: לייב ניידוס.

* * *

עס נעמט מיך, דוכט מיר, ווער ביים האַנט
און דעקט מיר צו די אויגן;
און וויגט מיך שטיל און וויגט מיך לאַנג
אַריבער מיר געבויגן,

ער נעמט דערציילן מיר פון דיר,
און רופט דיך אָן ביים נאָמען;
און בענטשט דיך שטיל, און בענטשט דיך לאַנג
און איך — איך ענטפער אָמן.

אַ. גיסענזאָן

אָדע און הימן.

דאָס ליד פון יַם=סוף.

(א) דענסטמאָל האָט משה און די קינדער פון ישראל געזונגען דאָס
דאָזיקע געזאַנג צו גאָט, און זיי האָבן געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:

איך וועל זינגען צו יהוה,
וואָרום ער איז הויך דערהייכט;
דעם פערד מיט זיין רייטער
האָט ער געשליידערט אין ים.
(ב) מיין שטאַרקייט און געזאַנג איז יהוה,
און ער איז געווען מיין ישועה.
דאָס איז מיין גאָט,
און איך וועל אים באַשיינען;
דער גאָט פון מיין פאָטער,
און איך וועל אים דערהויבן.

(ג) יהוה איז אַ קריגסמאַן,
יהוה איז זיין נאָמען.
(ד) פרעהס רייטוועגן און זיין חיל
האָט ער געוואָרפן אין ים,
און זיינע געקליבענע עלטסטע
זיינען אין ים=סוף דערטרונקען.
(ה) די תהומען האָבן זיי צוגעדעקט,
זיי האָבן ווי אַ שטיין
אין די טיפענישן גענידערט.

(ו) דיין רעכטע האַנט, גאָט,
דו פראַכטיקער אין שטאַרקייט,
דיין רעכטע האַנט, גאָט,
טוט צעברעכן דעם פיינט.
(ז) און מיט דיין גרויסמאַכטיקייט
צעשטערסטו דיינע קעגנשטייער,
שיקסט אַרויס דיין גרימצאָרן,
פאַרצערט ער זיי ווי שטרוי.
(ח) און פון דעם הויך פון דיינע נאָזלעכער
האָבן זיך די וואַסערן געהויפנט;
אַזוי ווי אַ סטויג
זיינען די שטראָמען געשטאַנען;
די תהומען האָבן געגליווערט
אין האַרצן פון ים.
(ט) דער פיינט האָט געזאָגט:
איך וועל יאָגן, איך וועל כאַפּן,
איך וועל טיילן דעם רויב,
מיין זעל וועט זיך אָנפילן מיט זיי;
איך וועל ציען מיין שווערד,
אויסראָטן וועט זיי מיין האַנט.
(י) האָסטו מיט דיין אָטעם אַ בלאָז געטאָן,
האָט דער ים זיי צוגעדעקט;
זיי זיינען איינגעזונקען ווי בליי
אין די מאַכטיקע וואַסערן.

(יא) ווער איז ווי דו, יהוה,
צווישן די געטער?
ווער איז ווי דו,
פראַכטיק אין הייליקייט,
פאָרכטיק אין לויבונגען,
טוער פון ווונדער?
(יב) האָסט אויסגעשטרעקט דיין רעכטע האַנט,
האָט די ערד זיי איינגעשלונגען.
(יג) האָסט געפירט מיט דיין חסד
דאָס פאָלק, וואָס דו האָסט אויסגעלייזט;
האָסט באַלייט מיט דיין שטאַרקייט
צו דיין הייליקער וווינונג.
(יד) פעלקער האָבן געהערט,
האָבן זיי געציטערט,
אַן אַנגסט האָט באַנומען די וווינונג פון פלֶשֶת.
(טו) דערשראָקן האָבן זיך
דענסטמאָל די פירשטן פון אדום,
די פירער פון מואב—זיי האָט אַ שוידער באַנומען,
צעגאַנגען געוואָרן זיינען אַלע וווינער
פון כנען;

(טז) אַן אימה און אַ פחד איז געפאַלן
אויף זיי.
דורך דער גרויסקייט פון דיין אָרעם
זיינען זיי שטיל ווי אַ שטיין געוואָרן,
בעת דיין פאָלק איז אַריבער, גאָט,
בעת אַריבער איז דאָס פאָלק,
וואָס דו האָסט אויסגעקויפט.
(יז) וועסט זיי ברענגען און זיי פלאַנצן
אויף דעם באַרג פון דיין אַרב,
דעם אָרט, וואָס דו האָסט געמאַכט
פאַר דיר, גאָט, צום וואוינען,
דעם הייליגטום, גאָט,
וואָס דיינע הענט האָבן אויפגעשטעלט.

גאָט וועט קיניגן
אויף אייביק און שטענדיק.

יידיש — י ה ו אָ ש.

בָּרְכִי נַפְשִׁי.

לויב גאָט, אָ, מיין זעל! גאָט, מיין גאָט, גרויס ביסטו זייער
אין שענקייט און הערלעכקייט ביסטו אָנגעקליידט.
ער הילט זיך איין אין ליכטיקייט, ווי אין אַ קלייד, שפּרייט אויס די הימלען, ווי אַ טעפּיך;
ער בויט אין די וואַסערן זיינע וואוינונגען, ער מאַכט די וואָלקן פאַר זיין רייטוואָגן
און טראָגט זיך אויף די פליגלען פונם ווינט.
ער מאַכט פאַר זייגע שלוחים די ווינטן, פאַר זיינע דינער — דעם פלאַם=פייער.
ער האָט באַפעסטיקט די ערד אויף אירע גרונדפעסטן, אום זי זאָל אייביק פון אָרט
זיך ניט רירן.
דעם אָפּגרונט האָסטו מיט אַ קלייד באַדעקט, אויף די בערג שטייען וואַסערן;
פון דיין געשריי לויפן זיי, פון דיין דונער=שטים איילן זיי;
זיי שטייגן אויף די בערג, זיי נידערן אין די טאָלן, אינם אָרט, וווּ דו האָסט זיי באַשטימט.
אַ גרענעץ האָסטו געמאַכט, זיי זאָלן ניט אַריבער און פאַרפליינן די ערד.
ער לאָזט פליסן די קוואַלן צו די טייכלעך, צווישן די בערג גייען זיי;
זיי טרינקען אָן אַלע חיות פון פעלד, די ווילדע שטילן זייער דאָרשט.
איבער זיי רוען די פויגלען פון הימל, פון צווישן די צווייגן לאָזן זיך הערן זייערע שטימען...
... עס זעטיקן זיך גאָטס ביימער, די צעדערן פון לבנון, וואָס ער האָט געפלאַנצט;
וואָס דאָרט בויען די פויגל נעסטן, דער בוטשאַן האָט אויף ציפּרעסן=ביימער זיין הויז.
די הויכע בערג — פאַר די אינדן, די פעלזן — אַ שוץ פאַר די קראָליקעס.
ער האָט באַשאַפן די לבנה צוליב די צייטן, די זון ווייס איר אונטערגאַנג.
ער מאַכט פינסטער, ס'ווערט נאַכט — דאַן ווידעמען זיך אַלע חיות פון וואַלד.
די טיגערן שרייען נאָך רויב, בעטן ביי גאָט זייער שפּייז;
ס'שיינט אויף די זון — און זיי פאַרשווינדן און לאַגערן אין זייערע היילן.
ס'גייט אַרויס דער מענטש צו זיין אַרבעט און צו זיין דינסט ביז אויף דער נאַכט.
ווי גרויס זיינען דיינע ווערק, אָ גאָט! אַלע האָסטו מיט קלוגשאַפט באַשאַפן,
פול איז די ערד מיט דיינע באַשעפענישן!

פון תהילים. קאַפּ. ק"ד.
יידיש — ז. קאַלמאַנאָוויטש.

* * *

עס דאַנקט, גרויסער גאָט, דיר מיין זעלע
און ס'לויבט דיר מיין טיפסטער געזאַנג;
ביי איטלעכן שטויס פון די כוואַליעס,
ביי איטלעכן שטורעם-געדראַנג.

ווען ס'שפּריצט אויס די שיף ווי אַ בושל
די פליגל און טראָגט מיך גאַנץ שנעל;
און אויך, ווען דער תהום קאָכט און שטורעמט
ווי נאָכגעאַמט וואָלט ער מיין זעל.

עס פרעגלט דער ים זיך אין פלאַמען
און ס'זידט ווי אַ קעסל די טיף.
די וואַלפיש געגרייט צו דער סעודה
באַגלייטן אין מחנות די שיף.

כ'פאַרגעס אויך מיין איינציקע טאָכטער,
מיין שוועסטער-נשמה, מיין פרייד;
איר זון, וואָס זיין אָפּשייד, אויף שטיקער
צעריסן מיין האַרץ האָט מיט לייד.

די פרוכט מיינע לענדנס, מיין צירונג;
קאָן יהודה יהודהן פאַרגעסן? *)
וואָס באַטרעפט עס אַקעגן דיין ליבע,
וואָס האָט מיין נשמה באַזעסן?

ביז כ'וועל דיינע טויערן באַטרעטן,
די טויערן פון הייליקער שטאָט...
און כ'וועל אַלס אַ קרבן מיין האַרצן
עס מקריב זיין דיר, גרויסער גאָט!
און מיין קבר זאָל ליבע פאַרציילן,
מיין גרויס-ליבע צו דיר, שטאַרקער גאָט!..

פון ר' יהודה הלוים ים-לידער.
יידיש — י. שוואַרץ.

*) ר' יהודה הלוים איינקל, ווי די היסטאָ-ריקער ווייזן אויף, האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען יהודה.

גאָט אין הימל.

גאָט אין הימל, טויזנט דאַנקען,
פאַר דעם ליכטיקן פרימאָרגן,
פאַר די רויזן אין מיין גאָרטן,
פאַר דעם היינט און פאַר דעם מאָרגן,
פאַר דער אייביקייט פון ים.

פאַר דער רגע, וואָס מיר דוכט זיך,
אַז איך פלי איבער די וויליעס,
איבער גערטנער, איבער סעדער...
טויזנט דאַנקען, טויזנט תפילות
צו דער זון, וואָס קושט דעם ים!

ז. סעגאַלאָוויטש.

די העלדן פון זשיטאָמיר.

אָ, טויטע העלדן, ווען איך לייען
אין בוכשטאַבן פאַרבלוטיקט רויט
די נייס פון אייער גבור-טויט,
איך מוז אי וויינען אי זיך פרייען...

און שטייענדיק אין שמערץ געבויגן
אויף אייער קבר, מיר ערשיינט
דער מאָרגנדיקער לוין פון היינט,
מיר גלאַנצט דער צוקונפטס רעגנבויגן...

און אין די שוואַרצע איכה-קלאַנגען
פון אומגליקלעכן פאָלק, וואָס מאַכט
„אל מלא רחמים" אייך, מיר דאַכט,
צוגלייך זיך הערן ווי געזאַנגען,

וואָס וועקן ווי מוזיק די אויערן: —
„דאָס שקלאַפנפאָלק — עס האָט ערוואַכט
און ברעכט מיט זעלבסטבאַוווסטער מאַכט
פון זיין געפענקעניש די טויערן...

מיט אויפגעהויבן שטאָלצן שטערן
מיט יונגער קראַפט אין יעדן גליד,
מיט מעכטיק-פעסטע שמשון-טריט
זיך גייט עס קעגן שונא ווערן...

אַ, שטאָלצער טאָג — אי זיס, אי ביטער,
ווען זעלבסט-באַפרייטע גלות-קנעכט
מיט שמחה גייען אין געפעכט
און פאַלן קעמפנדיק ווי ריטער...

אין האַרצן מוט, אין האַנט כּלי-זיין
און אין די אויגן יענער ברען,
וואָס איז פון תּמיד אָן געווען
דער סימן פון אַ פאָלק אַ פרייען"...

* * *

אָ, טויטע העלדן, ווען איך לייען
די נייס פון אייער גבור-סוף,
איך פלוך און בענטש, איך האַס און האָף,
איך מוז אי וויינען אי זיך פרייען...

יהואָש.

דעבסן.

(דעם העלד און מאַרטירער כוגם אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט).

געגרויסט זאָל זיין דיין זעל אויף אונדזער בייזער ערד!
אויף טיפע אָפּגרונטן פון ניט דערגרייכטע רוימען
און אויף דער העלער פרייד, וואָס קליינע קינדער טרוימען,
און אויף דעם רויטן בלוט, וואָס פאַרבט דעם שונאס שווערד,
און אויף דעם בלינדן וואָרעם אינם שטויב, וואָס קריכט —
שפּרייט אויס דיין ריינע זעל איר פלאַטערדיקן פליגל
און לייגט אויף אייביק טיף אַרויף איר קלאָרן זיגל,
דעם זיגל, אָ, מאַרטירער, פון דיין ליכט!

מאַני לייב.

יוגנט.

יוגנט — העלער יום-טוב,
יום-טוב פון דעם לעבן;
ווערסט געפייערט פריילעך,
וואָס עס זאָל ניט געבן.

יוגנט — העלער יום-טוב,
זון אין אַלע פענסטער;
און פון יעדן יום-טוב
יוגנט איז דער שענסטער.

ביי דער שווערסטער אַרבעט
אין פאַבריק דער גרויער,
דרינגסטו אויך אַריין דאָרט
און עס ווייכט דער טרויער.

און אויך דאָרטן קלינגען
לידער און געלעכטער,
ווען די רעדער יאָגן
יונגע זין און טעכטער.

האָפנונגען די ווייטסטע
דיר אַליין געהערן,
און ווי גאָלדנע שטראַלן
ווינקען דיר באַגערן.

ווו דו ווענדסט זיך, יוגנט,
יום-טוב דיינע וועגן;
און די טעג די העלסטע
גייען דיר אַנטקעגן...

אברהם רייזען.

שמעון פרוג.

דער אָדלער.

גצווידמעט ש. י. אבראמאָוויטש
צו זיין 70-יאָריקן יובילעאום

קוקט, שוועלבעלעך, מיינע, ווי רויק און ברייט
די גרויסע, די מעכטיקע פליגל צעשפרייט
ער שוועבט צו די שטראַלן... וווהין, פרעגט איר, האַלט ער
זיין לופט-וועג, דער אָדלער, דער אָדלער דער אַלטער?

ער שטרעבט צו דער אייביקער געטלעכער שיין...
זיין האַרץ ווייס פון שרעק ניט, זיין קאָפּ ניט געבויגן;
ניט פינטלענדיק קוקן אין הימל אַריין
די ליכטיקע אָדלערשע אויגן.

ווי אַלט איז ער?—פרעגט ביי דעם רוישנדן וואַלד
און פרעגט ביי די פעלזן, און פרעגט ביי די שטראָמען,
וואָס פליסן אין וואַלד פון די פעלזן... ווי אַלט?
עס זינגען אַ הערלעכן לויב צו זיין נאָמען

די שטערן, די וואָלקן... זיי ווייסן די צייט,
ווען ער האָט די שאַפונגס-ענוים געליטן,
ווען ער האָט די פעדערן זיינע געביטן,
זיין אָדלערשע יוגנט באַנייט.

ש. פרוג.

רעליגיעזע מאָטיוון.

פון „תהילים“.

קאַפּיטל כג.

א. אַ מזמור צו דוד
גאָט איז מיין פּאַסטוך,
עס טוט מיר ניט פעלן.

ב. אויף גראָזיקע לאָנקעס
פּיטערט ער מיך,
אויף וואַסערן רויִקע
מאַכט ער מיר ליגן.

ג. ער קוויקט מיין נשמה
און פירט מיך באַרויִקט
אויף וועגן גערעכטע
זיין נאָמען צוליב.

ד. און גיי איך אין טאָל
פון די טויטלעכע שאָטנס,
שרעקט מיך קיין בייז ניט,
ווייל דו ביסט מיט מיר;
דיין רוט און דיין שטעקן
זיי טוען מיך טרייסטן.

ה. דו גרייטסט מיר אַ טיש
קעגן מיינע באַדריקער;
טס׳געזאַלבט מיר מיט בוימאייל
מיין קאָפּ,
מיין בעכער, ער איז איבערפול.

ו. נאָר גוטס און גענאָד
זיי וועלן באַגלייטן
די טעג פון מיין לעבן,
און זיצן וועל איך
אין גאָטס הויז לאַנגע יאָר.

יידיש דוד אייגהאָרן.

פון „תהילים“.

גם כי אלך בגי צלמות...
(תהילים כ״ג, ד׳)

איך האָב געוויינט אַגאַנצע נאַכט,
האָט מיר די נאַכט אַ הילף געבראַכט...

איך האָב געוויינט, האָט מיין געוויין
דאָס האַרץ מיר אויסגעוואַשן ריין...

האָב איך געטרונקען שטיל מיין פּיין,
ווי איינער טרינקט אַ קילן ווין...

האָב איך געזאָגט: מיין שמאַרץ איז גרויס,
ווערסטו מיר נעמען אין דיין שויס...

האָב איך געזאָגט: איך בין אַ קינד,
וואָס זוכט זיין פאָטער און געפינט...

און ווען איך שטרויכל און איך פעל,
איז תמיד גרייט פאַר מיר דיין שוועל...

און ווען איך גיי אין וויסטן טאָל,
פון ווייטן רופט צו מיר דיין קול...

און ווען איך מעק דיין נאָמען אויס,
ביסטו דער היטער פון מיין הויז...

און ווען איך פיל מיט שטאָלץ זיך אָן,
מיט מיטלייד קוקסטו פון דיין טראָן.

און ווען איך בין ביים לעצטן ראַנד,
שטרעקסטו צו מיר דיין שטאַרקע האַנט...

יהואָש.

* * *

זאָל ס׳האַרץ דיינס אין ים זיך ניט שרעקן,
ווען זען וועסטו כוואַליעס באַזיגן;
עס שטייען באַקעמפט די מאַטראָסן,
דער שיפס=קאַפּיטאַן איז אַנטשוויגן.

עס פליען צעריסן די זעגלען,
עס קראַכן און ברעכן די בוימען;
דער ווינט יאָגט און שטיפט מיט די כוואַליאַס.
וואָס קאָכן און זידן און שוימען,

ווי לוסטיקע שניטער מיט הויפנס
פון צייטיקע, גאָלדענע זאַנגען,
וואָס פלעכטן די זאַנגען אין גאַרבן,
און שפּילן לויט זייער פאַרלאַנגען.

אָט שלאָגן זיך כוואַליעס ווי לייבן,
אָט וואַרפן זיך כוואַליעס ווי שלאַנגען

אַ רגע — די שיף האַלט ביים זינקען,
די זעגלען אויף שטיקער צעפליטערט;
פאַרצווייפלטע שטייען די שיפסלייט
און איטלעכער יאָמערט און ציטערט.

וואָס העלפן די עצות פון זקנים? —
עס ברעכט זיך דער מאַסטבוים אין ברעקלעך,
די צעדער — געגליכן צו שפּענדלעך,
די דעמבעס—פאַרוואַנדלט אין שטעקלעך;

דער ים טוט די בערג, ווי אַ זעמדל, אַ הויב
און וואַרפט די גראַניטענע פעלזן ווי שטויב.

און איטלעכנס האַרץ איז צעבראָכן —
נאָר מיין האַרץ שלאָגט זיכער, אָן מורא,

דאָרט לעבן אויף געטלעכע וואונדער —
דו גיבסט אָפּ אַ לויב=ליד דעם בורא,

דעם גאָט, וועלכער שטילט אַיין די ימען,
וואָס קאָכן אין צאָרן און ברומען;
דו ביסט דיינע זינד זיך מתודה
און ער האָט דיין תפלה פאַרנומען.

דו לויבסט אים און זינגסט זיינע וואונדער
און ער האָט אַנטפּלעקט באַלד זיין אָרעם;
ער גיסט זאַפט אין טרוקענע ביינער,
ער קערט אום נשמות אין פגרים.

אַ רגע — דער ים ווערט אַנטשוויגן,
די כוואַליעס — ווי סטאַדעס צעשפּרייטע;
און די נאַכט — ווען די זון זינקט אַרונטער
מיט טויזנטער שטערן פאַרזייטע —

אַן עטיאָפּישע שיינהייט — איר הילע
די בלויע מיט גאָלד צוגעקליבן —
די שטערן זיי בלאָנדזשען אין וואַסער
ווי גרים פון היימאַט פאַרטריבן.

זיי צינדן אין וואַסער אָן פלאַמען,
און צינגלען, און יאָגן זיך, שטיפן; —
און ס׳זיינען דער ים און דער הימל,
דאָס צירונג פון נאַכט, גלאָז=געשליפן.

דער ים איז אין שיין גלייך צום הימל,
צוויי ימען צוזאַמען געגאַנגען;
אַ דריטער ים, ס׳האַרץ מיינס, שלאָגט צווישן
מיט כוואַליעס פון נייע געזאַנגען...

פון ר׳ יהודה הלוי. יידיש — י. י. שוואַרץ

תפילות און סליחות.

שמע קולנו—פאַרנעם אונדזער שטים, גאָט, אונדזער גאָט, באַשיץ און דערבאַרעם זיך איבער אונדז און נעם אָן מיט באַרעמהאַרציקייט און מיט באַוויליקונג אונדזער תפילה. מאַך אונדז, גאָט, אומקערן צו דיר, און מיר וועלן זיך אומקערן, באַנייַ אונדזערע טעג, ווי פריער, זאָלסט אונדז ניט אָפּוואַרפן פון זיך; און דיין הייליקן גייסט זאָלסטו ניט אָפּנעמען פון אונדז. זאָלסט אונדז ניט אַוועקוואַרפן צו דער צייט פון עלטער; בעת עס וועלן זיך אויסלאָזן אונדזערע כחות, זאָלסטו אונדז ניט פאַרלאָזן. זאָלסט אונדז ניט פאַרלאָזן, גאָט, אונדזער גאָט, זאָלסט זיך ניט דערווייטערן פון אונדז. טו מיט אונדז אַ צייכן צום גוטן, וועט מען זען, אַז דו, גאָט, האָסט אונדז געהאָלפן און געטרייסט. פאַרנעם, גאָט, אונדזערע רייד, פאַרשטיי אונדזערע געדאַנקען. זאָלן די רייד פון אונדזער מויל דיר זיין צו רצון און די טראַכטונג פון אונדזער האַרצן—פאַר דיר, גאָט, אונדזער באַשעפער און אויסלייזער. וואָרום צו דיר, גאָט, טוען מיר האָפן. דו וועסט ענטפערן, גאָט, אונדזער גאָט.

אויף דיין גרויס באַרעמהאַרציקייט פאַרזיכערן מיר זיך און אויף דיין גערעכטיקייט שטיצן מיר זיך; און אויף דיין פאַרגיביקייט האָפן מיר, און אויף דיין הילף קוקן מיר אויס. דו ביסט דאָך דער מלך, וואָס האָט ליב גערעכטיקייט פון קדמונים; וואָס פאַרגיט די זינד פון זיין פאָלק און טוט אָפּ די חטאים פון די, וואָס פאַרכטן פאַר אים; דער וואָס שליסט אַ בונד מיט די ערשטע און איז מקים זיין שבועה צו די לעצטע. דו ביסט דאָך דער, וואָס דו האָסט אַראָפּגענידערט אין דעם וואָלקן פון דיין כבוד אויפן באַרג סיני, און דו האָסט באַוויזן די וועגן פון דיין גוטסקייט צו משה דיין קנעכט, און די שטעגן פון דיין גענאָד האָסטו אים אַנטפּלעקט, און דו האָסט אים געלאָזט וויסן, אַז דו ביסט דער גאָט פון באַרעמהאַרציקייט און לייטזעליקייט, פון לאַנגמוט און גרויס גענאָד; דער, וואָס טוט פיל גוטס טאָן; דער, וואָס פירט די גאַנצע וועלט מיט דער מדה פון באַרעמהאַרציקייט.

אַזוי ווי אַ פאָטער דערבאַרעמט זיך אויף זיינע קינדער, אַזוי זאָלסטו זיך, גאָט, דערבאַרעמען אויף אונדז. ביי גאָט איז די הילף. אויף דיין פאָלק רוט דיין אייביקער זעגן. גאָט צבאות איז מיט אונדז; אונדזער פעסטונג איז דער גאָט פון יעקב אויף אייביק. גאָט צבאות, ווויל איז דעם מענטשן, וואָס האָפט אין דיר. גאָט, העלף!

דער מלך זאָל אונדז ענטפערן אין דעם טאָג, וואָס מיר רופן צו אים. פאַרגיב די זינד פון דעמדאָזיקן פאָלק אין דיין גרויס גענאָד, אַזוי ווי דו האָסט דעמדאָזיקן פאָלק פאַרגעבן פון מצרים ביז איצט.

נויג, גאָט, דיין אויער און הער, עפן דיינע אויגן און זע אונדזער פאַרוויסטונג, און די שטאָט, וואָס אויף איר איז דיין נאָמען. וואָרום ניט צוליב אונדזער גערעכטיקייט מאַכן מיר פאַלן אונדזער געבעט פאַר דיר, נאָר צוליב דיין גרויס באַרעמהאַרציקייט. גאָט, הער; גאָט, פאַרגיב; גאָט, פאַרנעם און טו. זאָלסט ניט פאַרזאַמען צוליב דיר אַליין, גאָט!

גאָט, דו גאָט, גאָט דערבאַרעמדיקער און לייטזעליקער, געדולדיקער און פילגנעדיקער, וואָרהאַפטיקער, וואָס פאַרגיט די זינד און שולד און פאַרברעכן און מאַכט ריין (פון זינד). דו זאָלסט אויך פאַרגעבן אונדזערע זינד און אונדזערע חטאים.

פאַרגיב אונדז, פאָטער אונדזערער, ווייל מיר האָבן געזינדיקט, זיי אונדז מוחל, אונדזער קיניג, ווייל מיר האָבן זיך פאַרשולדיקט, וואָרום, דו גאָט, ביסט אַ גוטער און אַ פאַרגעבער און אַ פילגנעדיקער צו אַלע, וואָס רופן צו דיר.

ביי דיר, גאָט, איז די גערעכטיקייט, און ביי אונדז — די שאַנד פונם פנים. וואָס זאָלן מיר קלאָגן, וואָס זאָלן מיר זאָגן, וואָס זאָלן מיר ריידן און וואָס זאָלן מיר זיך גערעכט מאַכן. מיר וועלן זוכן אונדזערע וועגן און מיר וועלן פאָרשן און מיר וועלן זיך אומקערן צו דיר, וואָרום דיין רעכטע האַנט איז אויסגעשטרעקט צו אַנטפּאַנגען די, וואָס טוען תשובה. ניט מיט חסד און ניט מיט (גוטע) מעשים זיינען מיר פאַר דיר געקומען; ווי אָרעמע און ווי בעטלער האָבן מיר געקלאַפּט אין דיין טיר. אין דיין טיר האָבן מיר געקלאַפּט, דערבאַרעמדיקער און לייטזעליקער, מיר בעטן דיך, זאָלסט אונדז ניט לאָזן מיט ליידיקן זיך אומקערן פון דיר, וואָרום דו ביסט דער, וואָס פאַרנעמט דאָס געבעט.

תחינות.

די הקדמה פון שרה בת טובים צו דער תחינה „שלשה שערים“.

איך נעם צו הילף דעם לעבעדיקן גאָט ב״ה, וואָס לעבט אימער און אייביק, און איך שטעל די אַנדערע שיינע נייע תחינה אויף טייטש מיט גרויס ליבשאַפט, מיט גרויס פאָרכט און מיט גרויס ציטערניש, מיט דערשרעקעניש, מיט צעבראָכענע גלידער, מיט גרויס געבעט. גרויס רחמנות זאָל גאָט האָבן אויף מיר און אויף כל ישראל, איך זאָל ניט דאַרפן לאַנג נע ונד צו זיין בזכות אונדזערע מוטערס שרה, רבקה, רחל, לאה, און מיין ליבע מוטער לאה זאָל אויך פאַר מיר בעטן גאָט ב״ה, אַז דאָס וואָס איך בין נע ונד זאָל מיר זיין איין כפרה אויף מיינע עוונות און השם יתברך זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אין מיין יוגנט געשמועסט אין שול, ווען מע האָט געלייענט אין דער ליבער הייליקער תורה:

הער פון דער גאַנצער וועלט, איך מאַך פאַלן מיין געבעט פאַר דיר אַזוי, ווי איך הייב אָן צו מסדר זיין מיין אַנדערע שיינע נייע תחינה מיט מיינער גאַנצער כוונה און מיט מיין גאַנצן גרונט פון מיינעם האַרצן, זאָלסט אונדז היטן פון פיין און פון שמערצן. איך בעט דעם ליבן גאָט ב״ה, אַז ער זאָל שוין האָבן גרויס רחמנות אויף כל ישראל און אויך אויף מיינע אַלטע יאָרן, איך זאָל שוין ניט דאַרפן נע ונד צו זיין. אַזוי ווי דו האָסט דערהערט דאָס געבעט פון אונדזערע אָבות ואמהות, אַזוי זאָלסטו דערהערן מיין געבעט. ליבער גאָט, געדענק דעם זכות פון אונדזער הייליקן פאָטער אַברהם אָבינו עליו השלום, וואָס ער האָט מיט זיין לינקער האַנט באַגריפן אין דעם האַלדז פון זיין זון יצחק און מיט זיין רעכטער האַנט האָט ער גענומען דעם שעכט-מעסער צו שעכטן זיין זון יצחק און דאָס האָט ער געטאָן, ער זאָל דיר צוליב טאָן און האָט זיך ניט אויפגעהאַלטן דיין שליחות צו טאָן. אַזוי, ווי דו האָסט

אים געשיקט, אַזוי קערסטו דיך צו דערבּאַרעמען איבּער אונדז. און איך בּעט הימל און ערד און אַלע הייליקע מַלְאָכִים, אַז זיי זאָלן פאַר מיר בּעטן, אַז מיינע ביידע תּחינות זאָלן אָנגענומען ווערן און עס זאָל ווערן איין קרוין אויף דעם קאָפּ פון זיין הייליקן נאָמען אָמן כּן יהי רצון:

איין שיינע תּחנה אַלע טאָג מתפלל צו זיין אויף פּרנסה, ווער דאָ איז איין בּעל משא ומתן ובפרט אָן איין טאָג, ווען מען תּענית האָט, לכל הפּחות אום ערב ראש חודש אין יום־כפּור קטן זאָל מען פּשיטא די תּפלה בּכוונה גדולה מתפלל זיין.

אָנָא הָאֵל, איך בּעט דיך, אַלמעכטיקער גאָט, דו טוסט אָנבּרייטן פּרנסה צו אַלע די בּאַשעפעניש אין דער גאַנצער וועלט, דו טוסט אויך בּאַשערן קליידער צו אַלע בּאַשעפעניש אין דער וועלט, אַזוי בּעט איך דיך אויך, דו אַלמעכטיקער, בּאַרעמהאַר־ציקער פאָטער, קיניג, דאָס דו זאָלסט אונדז געבּן אונדזער נערונג און אונדזער מְחִיָה בּשופי, גאַנץ גרינג, דאָס דו זאָלסט אונדז שפּייזן און דערנערן, מיך און אונדזער הויזגעזינט און כּל ישראל מיט גוטע פּרנסה בּכבוד. אַזוי איין פּרנסה, די דאָ זאָל זיין מיט פרייד, און ניט חלילה מיט צער, מיט הֶיתֵּר און ניט מיט איסור, איין פּרנסה, די זאָל זיין מיט כּבוד און ניט מיט בּזיון, מיט שעמהאַפטיקייט; און איין פּרנסה, דאָס מיר ניט בּרויכן זאָלן ניט קיין שענקונג אָדער לייַונג פון איין בָּשָׂר וָדָם, נאָר מיר זאָלן אַלע צייט געשפּייזט ווערן פון דיין פולע האַנט און געטרייע מילדע האַנט; אַזוי איין פּרנסה, דאָס מיר זאָלן דערבּיי קענען דינען דיך און האַלטן דיין ליבּע תּורה און מצוות די הייליקע, און אונדזער פּרנסה זאָל זיין (אַ) זיכערע פּרנסה; און דו זאָלסט מיר בּאַשערן מיין שפּייז פון מיין הויזגעזינט און אַלע אונדזערע בּאַדערפעניש, ווען מיר זיי ווען בּרויכן. און מיר זאָלן זוכה זיין צו זיצן איבּער אונדזער טיש מיט פרייד און מיט (אַ) שטילן האַרצן, בּכבוד מיט אַלע אונדזער הויז־געזינט; און זאָלן ניט בּרויכן צו האָבּן אָדער געצוווּנגען צו ווערן, איך אָדער אַלע מייניקע חלילה איבּער פרעמדע טישן צו קומען. און מיר זאָלן ניט בּרויכן אונטערטעניק צו זיין אַלע טאָג (פון) אונדזער לעבּן צו קיינעם מענטשן. און עס זאָל אונדזער לעבּנסטאָג אויף אונדז זיין דאָס יאָך פון דיין הייליקן קיניגרייך, צו דינען דיר אַלע צייט מיטן גאַנצן האַרצן מיט אונדזערע קינדער און ניט (מיט אַ) פאַרשעמטן פּנים. און דו זאָלסט אונדז בּאַהיטן און בּאַשירמען פאַר אַרמוט, און פּאַר נויטבּאַדערפעניש, און פאַר דַלוּת, פאַר שַׁפלות. און מיר זאָלן זוכה זיין אורחים איבּער אונדזער טיש צו האַלטן. און מיר זאָלן קענען גומל חסד זיין מיט איטלעכן מענטשן, ווער דאָ פון אונדז וואָס פאַרלאַנגען טוט. און דו זאָלסט אונדז בּאַשערן געלט, דאָס מיר זאָלן קענען צדקה געבּן זעלכע לייט, די דאָ זיינען רָאוי צדקה צו נעמען; און דו זאָלסט אונדז שיקן אייטל זעלכע לייט, דאָס אונדזער צדקה אָן זיי אָנגעלייגט איז, און מיר זאָלן ניט געשטרויכלט ווערן מיט זעלכע לייט, די זיי ניט ראוי זיינען צדקה צו נעמען, דאָס מיין צדקה זאָל זיין ניט אָנגעלייגט אָן זיי.

ליבּער הימלישער פאָטער, דאַנקען מיר דיר, דאָס דו אונדז פון מוטערלייבּ אָן בּיז אויף דעם היינטיקן טאָג דערצויגן האָסט, און דערנערט האָסט, און האָסט אונדז געשפּייזט און אַלץ גוטס געטאָן, אַזוי בּעטן מיר דיך, דאָס דו אונדז ווייטער זאָלסט געבּן איין פריילעך האַרץ מיט שלום און געזונט. און לאָז דאָך דיין שכינה לייכטן אויף אונדז און דערלייז אונדז אויס דעם לאַנגן גלות דערמיט, דאָס דיין אייבּיקער נאָמען זאָל דערלייטערט ווערן אויף דער ערד פאַר אַלע פעלקער.

געלויבט ביסטו, גאָט, אַלץ איז דיין און אַלץ איז אין דיינער האַנט און מאַכט. דורך דיין גרויס גענאָד און באַרעמהאַרציקייט ווערן מיר אין דעם גלות דערהאַלטן, און פון דיינער האַנט האָבן מיר אַלע טאָג חסד ורחמים. איך בעט דיך, דו זאָלסט אונדז געבן נאָך דיינעם ליבן ווילן עסן און טרינקען און קליידונג מיט כבוד, דען דו ווייסט, דאָס מיר אויף דער וועלט אָנע דאָס ניט קענען לעבן, און דאָס מיר זעלבסט אָנע דיין גנאָד און ווילן (גאָר) ניט ערוואַרטן, זונדער ווען דיין מילדע האַנט אויפטוסט און לאָזט אַלץ וואַקסן, דאַן ווערן מיר געזעטיקט און אַלץ, וואָס דאָ לעבט. דרום, אֵל שַׁדַי, אַלמעכטיקער גאָט, העלף אונדז, דאָס מיר זאָלן דערקענען דיין חסד, וואָס דו מיט אונדז טוסט אין גלות, און זאָלן דערקענען דיין ווערדיקן נאָמען.

און לאָז אונדז ניט אונדזער לבבות מאַכן באַשוועַרט מיט דאַגות און מיט איבעריקע זאָרג פון מַשָׂא וּמַתָּן, דאָס מיר זאָלן נאָך גרויס געלט און גוט טראַכטן און מעכטן דעם שטן אין זיינער נעץ ניט זיין געפאַנגען. און גיב אונדז נאָך דעם חסד, דאָס מיר אַלע זאָרג אָנלייגן זאָלן און ווענדן אויף דיין הייליקן נאָמען.

און זאָלסט אונדז לאָזן פאַרגנוגן מיט לחם נָקִי, און מיר זאָלן אונדזער פרנסה אַנטפאַנגען פון דיין הייליקע האַנט, און מיר זאָלן זיך אַלע צייט באַנוגן לאָזן מיט וואָס דו אונדז באַשערן ווערסט, דען עס איז קיין בעסער רייכטום, אַלס וועלכער מענטש, דער זיך באַנוגן לאָזט מיט וואָס, דו ליבער גאָט, אים באַשערן טוסט און מיט דעמזעלביקן מְשַׂמֵחַ איז.

און דו זאָלסט דאָך אַמאָל געדענקען אָן דיין פאַרוויסטן בית־המקדש, דאָס עס זאָל באַלד אויפגעריכט ווערן אין אונדזערע טעג אויך, ווייל מיר זיך אין דיינער געטלעכער הילף מעכטן רעכט פריי דערפרייען, דען מיר האָבן יאָ קיין אַנדערע טרייסט און הילף, אַלס דיך, גאָט אַליין, וועלכער אונדז אַלע צייט אין דער גרויסער נויט געהאָלפן האָט, אַזוי האָפן מיר, דאָס דו, אַלמעכטיקער גאָט, וועסט אונדז ווייטער ניט פאַרלאָזן און אַלע צייט העלפן, ווען מיר דיך אָנרופן צו גוטן אָמן, כֵּן יְהִי רצון.

פון דעם ספר „תחינות ובקשות״.

תפילה צו ליכט־בענטשן.

(צוערשט די ברכה „להדליק נר״ און נאכער):

לכבוד דעם אייבערשטן, לכבוד גאָט
און לכבוד זיין געבאָט,
און לכבוד דעם ליבן שבת־קודש, —
וואָס האָט אונדז געבאָטן די ליבע מצוה ליכט צו בענטשן.
גיב מיר אַ גוט האַרץ איך זאָל קאָנען מקים זיין
כל תרי״ג מצוות מיט כל ישראל. אָמן כן יהי רצון.
ווי די ליכט לייכטן, אַזוי זאָל איך זוכה זיין
צו לייכטן — אין דיינע אויגן און לייטישע אויגן.
שלום־עליכם, מלכה, שלום־עליכם, כלה!
העלף־זשע מיר, ליבער גאָט, אָננעמען דעם ליבן שבת־קודש,
ווי אַ מלך — די מלכה, ווי אַ חתן — די כלה:
אין שיינע קליידער און זיסע שפייז מיט שלום און פרייד.
ווי די ליכט לייכטן, אַזוי זאָלן לייכטן
מיינע קינדערס אויגן אין דער תורה. אָמן כי יהי רצון.

המבדיל.

ברוך המבדיל בין קודש־לחול.
גאָט פון אַברהם, פון יצחק און יעקב,
באַהיט דיין פאָלק ישראל אין דיינעם לויב,
אַז דער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק,
און די זיבן טעג פון דער וואָך זאָלן קומען
צו געזונט, צו לעבן, צו מזל און ברכה,
צו חן און צו חסד און צו אַ גוטן געווין.
שיק אונדז, השי״ת, אליהו־הנביא אין
אונדזער שטוב אַריין,

ער זאָל אונדז מיט גוטע בשורות־
טובות מבשר־זיין,

אַז די געזונטע זאָלן ניט קראַנק זיין,
און אַז די קראַנקע זאָלן געזונט זיין,
און די הונגעריקע זאָלן געשפייזט זיין,
און די נאַקעטע זאָלן באַקליידט זיין,
און אונדזער האַרץ זאָל דערפרייט זיין,
און פון ביטערן גלות זאָלן מיר דערלייזט
זיין.

צום ערשטן מאָל הייב איך אָן:
הויכער און שטאַרקער! רוף איך דיך אָן,
פאָטער דו מיין, ליבסטער דו מיין,
שיק אונדז, השי״ת, אליהו הנביאן אין
אונדזער שטוב אַריין;

צום צווייטן מאָל הייב איך אָן:
הויכער און שטאַרקער! רוף איך דיך אָן,
פאָטער דו מיין, ליבסטער דו מיין,
שיק אונדז, השי״ת, אליהו הנביאן אין
אונדזער שטוב אַריין;

צום דריטן מאָל הייב איך אָן:
הויכער און שטאַרקער! רוף איך דיך אָן,
פאָטער דו מיין, ליבסטער דו מיין,
מיט זאַלץ און מיט ברויט
שיק אונדז, השי״ת, אליהו הנביאן אין
אונדזער שטוב אַריין,
מיר זאָלן קיינער ניט ליידן קיין הונגער
און קיין נויט.
אָמן כן יהי רצון, אָמן ואָמן.

פון „לעבן און וויסנשאַפט“.

ישמח משה.

(פאָלקסליד).

ישמח משה, ישמח משה,
יִשְׂמַח מֹשֶׁה בְּמַתְּנַת חֶלְקוֹ.

ווי האָט מען אים גערופן?
כִּי עֶבֶד נֶאֱמָן, כִּי עֶבֶד נֶאֱמָן
כִּי עֶבֶד נֶאֱמָן קָרָאתָ לוֹ.

וואָס האָט מען אים געגעבן?
כְּלִיל תִּפְאֶרֶת, כְּלִיל תִּפְאֶרֶת
כְּלִיל תִּפְאֶרֶת בְּרֹאשׁוֹ נָתַתָּ לוֹ.

ווו איז ער געשטאַנען?
בְּעָמְדוֹ לְפָנֶיךָ, בְּעָמְדוֹ לְפָנֶיךָ,
בְּעָמְדוֹ לְפָנֶיךָ עַל הַר סִינַי.

וואָס האָט ער מיט זיך געבראַכט?
וּשְׁנֵי לוּחוֹת אֲבָנִים, וּשְׁנֵי לוּחוֹת אֲבָנִים,
וּשְׁנֵי לוּחוֹת אֲבָנִים הוֹרִיד בְּיָדוֹ.

וואָס שטייט אין זיי געשריבן?
וְכָתוּב בָּהֶם, וְכָתוּב בָּהֶם,
וְכָתוּב בָּהֶם שְׁמִירַת שַׁבָּת.

פון י. ל. כהנס זאַמלונג.

בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ.

(פאָלקסליד).

ברוך אלהינו, אונדזער גוטער פריינד!
שבת קדש איז דאָך ביי אונדז היינט.
שבת האָט דאָך אַ פָּנים פון יענער וועלט,
שבת טאָר מען ניט האַלטן פייער און
געלט.

שבת אין הימל איז פייער פיל,
האָבן די מַלְאָכִים זייער שפיל —
טאַנצן און שפּרינגען און לויבן גאָט,
וואָס ער האָט באַשאַפן אונדזער געבאָט.

ג—מ.

נאַציאָנאַלע מאָטיװן.



דוד איינהאָרן.

* * *

מיין פאָלק, עס געהערט מיין נשמה דיין טרויער.
אַזוי ווי די שכינה אין שוואַרצן פאַרהילט,
וועט זי אייביק זיצן מיט בענקשאַפט ערפילט
ביי דיר אויף דיין אַלטן צעוואָרפענעם מויער...

און דאָרט אויף די חורבות, פון בלאַסלעכע שטראַלן,
וועט זי איינזאַם שפינען מיין צערטלעכעס ליד,
וואָס וועט דיך דערגרייכן פאַרחלומט און מיד,
און שטיל אין דיין זעלע, ווי פערל צעפאַלן...

מיין ליד וועט אַן איינזאַמע תפילה דיר ווערן,
אַ בעכער פאַר דיינע פאַרלאָזענע טרערן;
מיט אים וועסטו וועבן דיין טרויריקן ניגון,
מיט אים וועלן מאַמעס די קינדער פאַרוויגן!...

דוד איינהאָרן.

גָלות-מאַרש.

מיט דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד;
אָן אַ גואל, אָן אַ פריינד,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ היינט, —
ניט געדולדעט, נאָר געיאָגט,

ווו גענעכטיקט, ניט געטאָגט,
אימער ווײ, ווײ, ווײ,
אימער גײ, גײ, גײ,
אימער שפאַן, שפאַן, שפאַן,
כל-זמן כח איז פאַראַן

אונדזער גבורה ליגט אין שטויב,
אונדזער תּורה איז אַ רויב,
אונדזער נאָמען — אַ געפאַר,
אונדזער יחוס — נאָר אַ צער,
אונדזער גאונות — נאָר אַ חטא,
אונדזער פיינקייט — אַ געשפּעט,
אימער שלעכט, שלעכט, שלעכט,
אימער קנעכט, קנעכט, קנעכט,
אימער זוך, זוך, זוך
ברכה אין דעם שונאס פלוך.

און אַזוי, אָ, יאָר נאָך יאָר,
און אַזוי, אָ, דור נאָך דור,
אָן אַ האָפנונג, אָן אַ צוועק,
אַיינגעהילט אין גרויל און שרעק,
וואַנדלען מיר וועלט אויס, וועלט אַיין
פון יסורים נאָר צו פּיין.
אימער טרעט, טרעט, טרעט,
אימער בּעט, בּעט, בּעט,
אימער נויט, נויט, נויט,
און קיין גליק זאָגאַר צום טויט.

מאָריס ראָזענפעלד.

פון טיפעניש.

און מיט טרוקענע ביינער די טאָלן פאַרזייט,
און מיט קללות און טויט האָבּן ווינטן געווייט.
פון יחזקאל.

מיינע — טויזנטער יאָריקע וווּנדן אין מיר —
רופן, בּלוטן מיט אָפענע מיילער צו דיר!...
דען מיין מוט איז געבּראָכן, עס לעשט זיך מיין פונק
אין תּהומות פון חושך, און שוואַך איז מיין צונג
און ניט זיכער מיין טראָט, און מיין זעל איז פול שאַנד,
און עס וואַקלט מיין קני, און אָן מאַכט איז מיין האַנט.
נאָר אין אויג בּרענט פון אויטאָ=דאַ=פעען דער בּראַנד,
און אין אויער קלינגט גרויזאַם אַ קייטן=געקלאַנג,
און אַ וויינען פון תּהילים, און אַ פּריסטער געזאַנג
און אַ גלאָקן=געקלאַנג און געשרייען פון האַס...
און מיין האַרץ ווערט צעפּלאַצט פון אָנמעכטיקן כּעס.

נאָך גאַנץ פרי, אויף מיין מויל האָט דיין נאָמען געגליט
און אַן אויג האָט געוויינט און אַ טרער האָט געבּריט.
און אַז אויפקומען פלעג איך אין מיטן דער נאַכט,
אויף דער ערד איז געזעסן מיין זיידע פאַרשמאַכט,
און בּאַשאָטן מיט אַש האָט זיין גרייז=גרויער קאָפּ
שטום געציטערט פאַרצווייפלט אַרויף און אַראָפּ —
און געצוקט האָט פאַר ווייטאָק זיין טרויער=געזיכט...
ס'האָט אין שאָטנס געצאַפּלט דער פלאַם פון דער ליכט
און זיין שטים האָט געציטערט, געכליפּעט, גענאָגט,
און דורך טרערן די תּפילות פון דוד געקלאָגט.
נאָר זיין אויג האָט געבּליצט און געבּרענט און געפלאַמט,
ווי דאָס אויג פון אַ חיה אין גראַטעס פאַרצאַמט,
און דאָס קינדישע האַרץ איז געוואָרן פאַרסמט.

און אין חלום געזען האָב איך דורות אין בלוט:
ס'האָבן מחנות געוואַנדלט, געטריבן פון רוט
מיט געזונקענע אויגן, געבונדענע הענט
און געקלאַפּט האָבן קעפּ זיך אָן אַייזערנע ווענט...
ס'האָט געשמיסן אַ בייטש, ס'האָט געיאָמערט אַ קינד
און געפייפט האָט מיט צאָרן אַ שניידנדער ווינט!...

י. י. שוואַרץ.

זאָג, מאַראַן.

(אַ יידיש־שפּאַנישער מאָטיוו)

זאָג, מאַראַן, דו ברודער מיינער,
ווו איז גרייט דער סדר דיינער?
— אין אַ טיפער הייל אַ חדר,
דאָרט האָב איך געגרייט מיין סדר.

זאָג, מאַראַן מיר, ווו, ביי וועמען
וועסטו ווייסע מצות נעמען?
— אין דער הייל, אויף גאָטס באַראָטן
האָט מיין ווייב דעם טייג געקנאָטן..

זאָג, מאַראַן, ווי וועסט זיך קליגן
אַ הגדה ווו צו קריגן?
— אין דער הייל אין טיפע שפּאַלטן
האָב איך זי שוין לאַנג באַהאַלטן.

זאָג, מאַראַן, ווי וועסט זיך ווערן
ווען מע וועט דיין קול דערהערן?
— ווען דער שונא וועט מיך פאַנגען,
וועל איך שטאַרבן מיט געזאַנגען.

אברהם רייזען.

צו מיין פאָלק!

שטיי אויף דער וואַך!
האָט דיך די שעה פון נסיון געטראָפן,
נעם און באַפריש די פאַרראָסטעטע וואָפן,
מאַך נישט די אויגן צו, לייג זיך ניט שלאָפן,
שטיי אויף דער וואַך!
זיי, ווי אַ פעלז!
דער, וואָס פאַרשטייט נאָר זיין אומגליק — דער קאָן עס!
ליאַרעמען בייז מעג דער ים פון סכנות —
שטיי, ווי פאַרגליווערט אין שטרענגער עקשנות,
זיי ווי אַ פעלז!
בעטל קיין טרייסט!
גרויס איז דער ווייַ פון דיין גרויסער נשמה,
בעט נישט ביי קיינעם קיין שטראַל פון נחמה,
מאַך ניט דיין שטאָלץ און די הייליקייט טָמֵא,
בעטל קיין טרייסט!
גלויב אין דיין קראַפט!
מעג זיין דיין קערפּער צעוווּנדעט, צעשטאָכן,
גלויב אין דיין עתיד מיט פעסטן בטחון.

לייב ניידוס.

ווען כ'ציִנד די ליכטלעך אָן די אַכט...

פאַרלאָשן זיינען מיינע שטערן
און פינסטער איז די לאַנגע נאַכט,
דאָך הייבט מיר ליכטיק אָן צו ווערן,
ווען כ'ציִנד די ליכטלעך אָן די אַכט!

מיין מאַכט פון שטאָלץ איז לאַנג אַריבער,
דער ווילדער שונא שפּאָט און לאַכט;
עס לעבט דאָך אויף דער אַלטער גבור,
ווען כ'ציִנד די ליכטלעך אָן די אַכט!

עס שטומען אַלע מיינע לידער
פון גבורה, העלדנטאַט און מאַכט,
דאָך קלינגען זיי אין האַרץ מיר ווידער,
ווען כ'ציִנד די ליכטלעך אָן די אַכט!

אַן אַלטע טרער מיין אויג פאַרטונקלט
און האָט עס שיר נישט בלינד געמאַכט,
דאָך זעט ווי העל צוריק עס פינקלט,
ווען כ'ציִנד די ליכטלעך אָן די אַכט...

אברהם רייזען.

ליכט.

נשמות ווימלען שטויביקע,
דער נעפּל איז געדיכט —
ציִנדט אָן די ליכט, די אייביקע,
די חשמונאים־ליכט!

ווען בלוטיקע געוויטערן
צעטרייסלען אונדזער גאַס,
ווען אָרמע הערצער ציטערן
פאַר אָנמאַכט און פאַר האַס —

ווען וויסטע אימות לויערן
אויף אונדזער אַלטן וועג,
ווען אונדזערע שיפן טרויערן
און בענקען נאָך אַ ברעג —

ציִנדט אָן דעם שיין דעם ליכטיקן —
ער ווייזט אין שווערע טעג
דעם וויכטיקן, דעם ריכטיקן
דעם אויסדערוויילטן וועג!

זאָל לויכטן ער, דערמאָנענדיק
אָן לאַנג פאַרשוועכטן מוט, —
דערוועקנדיק און מאָנענדיק
פון אונדז דעם אַלטן גלות!

עס פעלן הערצער גלויביקע,
דער נעפּל איז געדיכט, —
ציִנדט אָן די ליכט די אייביקע
די חשמונאים־ליכט!

לייב ניידוס.

טרייסט.

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט.
זייט נישט דער ווינט, וואָס לעשט די פלאַם,
נאָר בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז סם!
נאָר בוימל גיסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!

מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט, —
עס האָט געלייכט שוין נישט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין נישט איין שלאַכט,
און נישט געלאָזט די פאָן פון האַנט!
עס שטייט — אַן אייזן־פעסטע וואַנט
אין וויסטן, ווילד־פאַרקאָכטן ים.
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! בלאָזט אויף די פלאַם!

אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! נישט אָפּגעשלאָפּט!
זאָל שפּריצן העל די לעבנסקראַפט
אַלס פייערדיקע זייל ביינאַכט — — —

עס זינקט די נאַכט, דער טאָג ערוואַכט!
און שיקט די שטראַל — אַ גאָלדענע פייל —
אַלס גרוס דער פייערדיקער זייל! —
אָ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט!

י. ל. פּרץ.

גלוסט זיך מיר ווייגען...

גלוסט זיך מיר ווייגען געשמאַקער פון האַרצן,
ציט מיך, ווי כמאַרעס, צום ים, צו דעם שוואַרצן,
טיפער צו אַייך, מיינע עלנטע ברידער.
כ׳ווייס אויך: אַ טרער פון מיין אייגענער מאַמען
עקבערט דעם תהום דאָרט אין אַייערע ימען,
בענקט אפשר שטילערהייט נאָך מיינע לידער.

*

כ׳ווייס: איר האָט טרערן נאָך גיט אויסגעוויינטע,
צרות דערציילטע און נאָך מער געמיינטע,
וואָס ווי פאַרשטיקטע, פאַרבאָרגענע קוואַלן
לעכערן שטיינער און רייסן אַיין קברים,
שלענגלען זיך, בלאָנדזשען אין דרערד, ווי אַ וואָרעם —
און ווערן אין דרערד דאָרט פאַרפאַלן.

*

דורכשלאָגן זאָלן זיך אַייערע טרערן!
גרינגער זאָל ווערן און פרייער זאָל ווערן! —
אפשר, ווער ווייסט, וועט נאָך גאָט אַמאָל געבן:
איבערגיין וועלן די פינסטערע צייטן,
אויך אונדז וועט אפשר געראָטן, ווי לייטן,
בעסערס און שענערס דערלעבן!

*

און פאַר אַ זכר פון היינטיקע כמאַרעס
וועט אַייך פאַרבלייבן אַ נייער „על נהרות",
וואָס ער וועט הימל און ערד איבערקערן.
גליקלעך איז דער און געבענטשט זאָל דער ווערן
וואָס וועט פאַראייביקן אַייערע טרערן,
הייליקע, צווייטויזנטיעריקע טרערן.

ח. נ. ביאַליק

עלעגיעס.

זכור... פון „קינות לת״ב״.

(א) זכור ה׳— געדענק, גאָט, וואָס איז געשען מיט אונדז, לוג און זע אונדזער שאַנד. (ב) אונדזער אַרב איז פאַרקערט געוואָרן צו אַנדערע, אונדזערע הייזער — צו פרעמדע. (ג) מיר זיינען יתומים און האָבן נישט קיין פאָטער, אונדזערע מוטערס זיינען ווי אַלמנות. (ד) אונדזער וואַסער האָבן מיר געטרונקען פאַר געלט, אונדזער האָלץ האָבן מיר באַקומען פאַר אַ הויכן פּרייז. (ה) אין נאַקן האָט מען אונדז געיאָגט, מיר זיינען מיד געוואָרן און מע האָט אונדז ניט אָפּגעלאָזט. (ו) צו מצרים האָבן מיר אויסגעשטרעקט די הענט, צו אַשור — זיי זאָלן אונדז זעטיקן מיט ברויט. (ז) אונדזערע עלטערן האָבן געזינדיקט און זיי זיינען שוין נישטאָ, און מיר מוזן ליידן זייערע זינד. (ח) קנעכט געוועלטיקן איבער אונדז און קיינער לייזט אונדז ניט אויס פון זייערע הענט. (ט) מיט סכנות נפשות האָבן מיר אַריינגעבראַכט אונדזער ברויט (צוליב דער געפאַר) פון דעם שווערד אין מדבר. (י) אונדזער הויט איז ווי דער אויוון דערהיצט געוואָרן צוליב דעם פיבער פון הונגער. (יא) ווייבער האָבן זיי געפּייניקט אין דער שטאָט ציון, יונגפרויען — אין די שטעט פון יהודה. (יב) די האַרן זיינען געהאַנגען געוואָרן דורך זייער האַנט (פון „די שונאים), דאָס פּנים פון די זקנים האָבן זיי ניט געשוינט. (יג) די בחורים האָבן געשלעפּט מילשטיינער און די יונגע קינדער זיינען געשטרויכלט געוואָרן איבער די האָלץ (וואָס זיי האָבן געשלעפּט). (יד) די אַלטע לייט זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון די טויערן, די יונגע לייט — פון זייערע געזאַנגען. (טו) עס איז פאַרשטערט געוואָרן די פרייד פון אונדזער האַרץ, אונדזער טאַנץ איז פאַרקערט געוואָרן צו טרויער. (טז) עס איז אַראָפּגעפאַלן די קרוין פון אונדזער קאָפּ. ווי איז אונדז וואָס מיר האָבן געזינדיקט! (יז) אויף דעם טוט ווי טאָן אונדזער האַרץ, איבער דעם זיינען פאַרטונקלט געוואָרן אונדזערע אויגן: (יח) אויף דעם באַרג ציון, וואָס איז פאַרוויסט געוואָרן, פוקסן טוען דאָרט אַרומגיין.

יידישע מאָטיוון.

I.

האָסט ניט צוגעהערט מיין תפילה,
ניט פאַרנומען מיין געוויין —
און מיין הייסע טרער געפאַלן
איז אויף האַרטן, קאַלטן שטיין.

און אין שוואַרצן טאָג פון צאָרן
האָסט דיין פּנים אָפּגעווענדט —
כ׳האָב אומזיסט צו דיר גערופן,
ס׳האָט אומזיסט מיין האַרץ געברענט.

און פאַר זינד פון טאַטעס שטראָפסט
פּיצלעך עופעלעך פון ברוסט;
און די קינדערשע געמיטער
ווערן פרי פון פלאַם געקושט.

פון די יונגע קלאָרע אויגן
ברענט אַ האַס אַרויס און שפּריצט;
אויף די בלייכע יונגע ליפּן
ווערט אַ קללה איינגעקריצט.

האָסט ניט צוגעהערט מיין תפילה,
ביט פאַרנומען מיין געוויין —

און מיין הייסע טרער געפאַלן
איז אויף האַרטן, קאַלטן שטיין.

II.

...און וואָס וועסטו ענטפערן, גאָט,
און וואָס וועסטו זאָגן —
ווען קומען אַמאָל וועט דער טאָג,
די שעה וועט שלאָגן?...

מיט וואָס וועסטו ענטפערן, גאָט,
פאַר גיהנמס פון דורות,
וואָס האָבן געגליט און געזידט
פאַר קיינעמס עבירות?...

און ווי וועסטו שטילן דעם שטראָם,
פון טרערן די ימען —
דעם קול פונם שרייענדן בלוט
אין פייער און פלאַמען?

און ווי וועסטו לעשן דעם פלאַם
פון נקמה אין האַרצן?
דעם בליק פונם קינד, וועלכער ברענט
מיט פייער מיט שוואַרצן?

ווען קומען אַמאָל וועט דער טאָג,
די שעה וועט שלאָגן —
אוי, וואָס וועסטו ענטפערן, גאָט,
און וואָס וועסטו זאָגן?

י. י. שוואַרץ.

יידישע עלעגיע.

אַ צער פון טויזנט דורות ליגט אויף מיר;
די גרויסע פיין געשטעמפּלט האָט מיין שטערן.
מיין טייערע, ווער ווייס, צי איך וועל ווען
דעם שופר פון מיין אויסלייזונג דערהערן?

מיין טייערע, איך ווייס ניט, וואָס איז שווער,
צי הבלס טויט, צי קינס לאַנגער לעבן, —
נאָר מיך באַשטראָפט אין צווייען האָט מיין גאָט:
ער האָט דעם צער פון ביידן מיר געגעבן.

אַליין בין איך פון אַלעמען פאַרשעמט
און טראָג אויף זיך די זינד פון אַלע מענטשן —
ווי נעמט מען, זאָג, די כוחות פון אַמאָל:
אין פייער גיין — און גאָט פון דאָרטן בענטשן?

דוד איינהאָרן.

* *
*

I.

און ווי נאָר דער פרילינג באַווייזט זיך אין פעלד,
דערפיל איך זיך עלנט און שָפל.
כ׳גיי אום אויפן גרויסן פאַראַד פון דער וועלט,
ווי צווישן חתנים אַן אָבל.

עס שלעפן די פיס זיך אין גאָרטן, אין וואַלד,
און ווו נאָר אַ גרעזל טוט גרינען;
דאָס האַרץ אָבער בלייבט צום אַרומיקן קאַלט
און קאָן זיך קיין טרייסט ניט געפינען...

וואָס פייניקט אַזוי מיך און וואָס אַזוי קלעמט,
ווען פול איז די וועלט מיט געזאַנגען;
וואָס פיל איך אַזוי זיך דערשלאָגן און פרעמד,
ווען אַלץ איז פון ליבע געפאַנגען?

און טריבע געדאַנקען, און שווערע ווי בליי
זיך פלאָנטערן, קריכן אין מוח —
אָ, ניין, ניט פאַר מיר האָט צעבליט זיך דער מאַי,
ניט מיר שיקט דער גאָרטן זיין ריח!

II.

מיך רייצן די דופטן און זאָגן מיט שפּאָט:
„דערשטיק דיינע בעסטע פאַרלאַנגען“.
אַ ווינטל לויפט דורך און פאַרטרויט מיר אַ סוד:
„פאַרגאַנגען דיין פרילינג, פאַרגאַנגען“.

עס זאָגט מיר די חָנעווודיק בליענדע בלום:
„פאַרוועלקט איז דיין יוגנט אין שימל“.
„אַן אייביקע כמאַרע דיך וויקלט אַרום“ —
פאַרנעם איך פון לויטערן הימל.

„פאַרשלאָסן דיין גייסט, אין אַ שטייגל פאַרשפאַרט“—
דער פויגל־כאָר רופט אין זיין שאַלן.
„דו בלאָנדזשעסט אין חושך, בייטאָג ווי ביינאַכט“—
מיר בלענדנדיק זאָגן די שטראַלן.

און זעצט זיך די זון, און אַ טוי פאַלט אַרויס,
און שאָטנס פאַרשפרייטן זיך קילע.
דאַן פרווו איך זיך קניען, נאָר כ׳ווייס שוין פאָרויס:
פאַרהאַסט און פאַרשעמט איז מיין תפילה.

נ. אייזין.

אמאליקע טעג.

צעשטעלט זיך אין רייען אַמאָליקע טעג,
פאַרשווונדענע טעג פון מיין לעבן,
איך וועל אַייך אַדורכגיין פון אָנהייב
ביז ברעג,
און יעדערן „שלום" אָפּגעבן.

איך וועל מיר פאַר יעדערן געבן אַ בייג,
און שטרעקן מיט ליבשאַפט די האַנט אַייך;
עס וועט זיך באַווייזן אַ טרער אין מיין
אויג —
אַן אַלטע—זי איז דאָך באַקאַנט אַייך.

אָך, קלייבט זיך צוזאַמען פאַרגאַנגענע טעג!
פאַרגעסט וואָס איך האָב אַייך געשאָלטן,
עס איז נאָר געוועזן פאַר צרות אָן ברעג,
עס האָט מיר מיט אַייך ניט געגאָלטן.

איר זענט אַזוי חושכדיק פינסטער געוועזן
און שווער ווי די ריזיקע בערגער,
געהאָפט האָב איך בעסערע טעג פאַר
מיר זען,
אומזיסט אָבער—די זיינען ערגער! ...

אברהם רייזען

עלעגיע.

די זון פאַרגייט אין פלאַמען.
די זון — מע זעט זי קוים.
אַזוי פאַרגייט מיין האָפענונג,
אַזוי פאַרלעשט מיין טרוים.

די נאַכט, די נאַכט איז פינסטער,
די נאַכט איז שטום און שוואַרץ,
אַזוי זעט אויס מיין טרויער,
אַזוי זעט אויס מיין האַרץ...

וועלט, דו, וועלט, דו זאָרג ניט —
באַלד לייכט אויף דיין טאָג!
אייביק איז מיין טרויער,
אייביק איז מיין קלאָג.

יצחק קאַצענעלסאָן.

נַע־ונַד.

פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט,
עס פאַלן שווער די אויגן צו;
דו וואַנדערסט טעג, דו וואַנדערסט נעכט
און בענקסט נאָך פריינד, און בענקסט נאָך רו

דו זוכסט — און ווייסט ניט וואָס דו ווילסט,
דו טראַכסט — און ווייסט ניט דיין געדאַנק!

ביסט יונג, און וואַרעם איז דיין בלוט
און פילסט זיך מיד, און פילסט זיך קראַנק.

עס טרייבט אַן אומבאַוווסטע מאַכט
און שטרענג באַפעלט זי: גיי און גיי!
דו גייסט — און ס׳שטאַרבן טעג נאָך טעג
און עפּעס טוט דיר אַזוי וויי.

דו פרעגסט: וואָס איז דער צוועק פון גיין?
און זיפצסט אַליין: ווער ווייסט!... ווער ווייסט?...
און בלייבן בלייבסטו נע־ונד,
און שטאַרבן ווערסטו אָן אַ טרייסט...

שעפּס.

כאָטש אַ טרער.

איך בין מער די גאָלדענע צייט ניט מקנא,
פון יוגנט און גלויבן און גליק,
ווען מיר האָט אין האַרצן דער פרילינג געלויכטן
און מאַי האָט געלאַכט אין מיין בליק...

דאָס האַרץ איז פאַרחושכט, דער קאָפּ איז געבויגן,
עס איז גאָר ניטאָ מער דער מוט —
צו טראַכטן פון דאַמאָלסט—עס גלויבט זיך שיר גאָרניט
אַז ס׳איז ווען אַמאָל געווען גוט...

נאָר איין זאַך, איין איינציקע, בין איך מקנא,
און קען ניט פאַרגעסן נאָך יעצט:
די טרער, וועלכע האָט ווי אַ רעגן אום זומער
די אויגן מיט פרישקייט באַנעצט...

דאַן פלעגן די שמערצן ווי נעפּל צעריגען,
די וואָלקנס צעפליען גאָר שנעל,
די ברוסט פלעגט זיין פרייער, דער קאָפּ פלעגט זיך הויבן,
די וועלט פון דאָס ניי ווערן העל...

איצט זיינען די ליידן ווי פינסטערע קריעס,
דאָס האַרץ איז אַ פעלזיקער שטיין,
ניטאָ וואָס ס׳זאָל שמעלצן די פראָסטיקע אייז־בערג,
און מאַכן די פעלזן צעגיין...

דער שטיין ווערט אַלץ האַרטער, די לאַסט ווערט אַלץ שווערער,
און דריקט וואָס אַ רגע אַלץ מער,
עס בעט זיך אומזיסט די פאַרקלעמטע נשמה,
אַ טרער כאָטש, אַן איינציקע טרער...

יהואָש.

הארבסט־מאָטיוו.

טאָג — און דאָך קיין ליכט ניט;
נאַכט — און דאָך קיין שטערן;
שווערע, שוואַרצע וואָלקנס —
און קיין דונער הערן.

טויטע, טעמפּע קלאַנגען,
טונקל־גרויע פאַרבן;
אַלעס, דאַכט זיך, גוסטט,
אַלעס קלייבט זיך שטאַרבן.

און עס פרירט אין האַרצן,
ס׳שטאַרבט אָפּ שטיל דאָס האָפן;
מאַכטלאָז בויגט דער קאָפּ זיך —
שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן!...

ל. לאנדוי.

דער אָוונטגלאָק.

אָ, מוזע, רוף מיך נישט מיט דיינע צויבערפינגער,
וועק נישט די סטרונעס פון מיין קראַנקן האַרץ!
פאַרמשפּט איז צום טויט דיין בלאַסער זינגער,
צו ענדע איז דאָס ליד פון קאַמף און שמאַרץ.

זיין וועג איז זייער שווער, ער האָט אויף אים באַגעגנט
דערנער, שטיינער, פאַרליימדונג, הונגער נויט און קעלט־
עס האָט געבליצט, געדונערט און גערעגנט
און ער האָט אָפּדאַכלאָז געוואַנדערט אויף דער וועלט.

איצט קלאַפּט דער טויט אין זיין לעבנסקאַמער,
ער זאָגט: „צו ענדע איז דיין אַרבעטסטאָג,
פאַרלעש דיין פייער, לייג אַוועק דיין האַמער,
קום! דו הערסט?... עס קלינגט דער אָוונטגלאָק.

עס קלינגט דער אָוונטגלאָק, יאָ, איך הער אים קלינגען,
מיין טויט־אורטייל הער איך אין זיין קלאַנג,
און לעבן ווילט זיך... עס ווילט זיך טרוימען, זינגען,
קעמפן קעגן יעדן שקלאַפנצוואַנג...

איך וואָלט געוואָלט, אָ פאָלק, דיין רויטן זעגל
נאָך מאַכן רויטער מיט מיין האַרצנס בלוט...
און ווי אַ לייב מיט זיינע שאַרפע נעגל
דיין פיינד באַקעמפן מיט שטאָלצן העלדנמוט.

דאָך, וואָס נוצן די הייליקסטע פאַרלאַנגען?
צו ענדע איז מיין לעבנסשטורעמטאָג! —
צו ענדע — טרוימען, כּרערן און געזאַנגען,
ער רופט, דער טויט, עס שלאָגט דער אָוונטגלאָק.

ד. עדעלשטאַט.

פילאָזאָפישע מאַטיזן.

פונם ספר „קהלת״.

קאַפיטל א.

א) די ווערטער פון קהלת דעם זון פון דוד, קיניג אין ירושלים: —

ב) נאַרישקייט פון נאַרישקייטן — זאָגט קהלת — נאַרישקייט פון נאַרישקייטן; אַלץ איז נאַרישקייט!

ג) וואָס פאַר אַ נוץ איז דעם מענטשן אין זיין גאַנצער מאַטערניש, וואָס ער מאַטערט זיך אונטער דער זון?

ד) אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט אָן, און די ערד באַשטייט אייביק.

ה) און עס שיינט (אַרויס) די זון, און עס פאַרגייט די זון און פון איר פלאַץ, צו וועלכן זי שטרעבט דאָרטן, שיינט זי (ווידער) אַרויס.

ו) גייענדיק צו דרום און זיך אומדרייענדיק צו צפון, קרייזט זיך און גייט רונד אַרום דער ווינט, און אין זיינע קרייזן קערט אום זיך דער ווינט.

ז) אַלע שטראָמען גייען צום ים און דער ים ווערט ניט פול; פון דעם פלאַץ, וווהין די שטראָמען גייען, (פון) דאָרטן קומען זיי ווידער.

ח) אַלע זאַכן מיען זיך. קיין מענטש קען (עס) ניט אויסדריקן. ניט זאַט ווערן קען דאָס אויג זעענדיק און ניט פול דאָס אויער — הערנדיק.

ט) וואָס איז געשען, דאָס וועט (ווידער) געשען און וואָס איז געטאָן געוואָרן, דאָס וועט (ווידער) געטאָן ווערן; און עס איז ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון.

י) פאַראַן אַ זאַך, וואָס מע זאָגט (אויף איר): אָט זע, עס איז אַ נייס! (און דאָך) איז עס שוין געווען פון אַלטע צייטן, (און) שוין געווען פאַר אונדז.

יא) (עס בלייבט ניט) קיין אָנדענקען פון די אַמאָליקע, און פון די שפּעטערדיקע, וואָס וועלן ערשט זיין, פון זיי וועט אויך ניט בלייבן קיין אָנדענקען צווישן די, וואָס וועלן נאָך שפּעטער זיין.

יב) איך, קהלת, בין געווען קיניג איבער ישראל אין ירושלים.

יג) און איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו זוכן און צו פאָרשן מיט קלוגהייט וועגן אַלצדינג, וואָס פאַסירט אונטער די הימלען. דאָס (אויך) איז אַ שלעכטע באַשעפּ־טיקונג, וואָס גאָט האָט געגעבן דעם מענטשנס קינדער זיך צו באַשעפטיקן מיט איר.

יד) איך האָב געזען (די) אַלע זאַכן, וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון, און אַלצדינג איז בלויז נאַרישקייט און ווינט־יאָגעניש —

טו) אַ פאַרקרימונג, וואָס מע קען ניט אויסגלייכן, און אַ פעלער, וואָס קען ניט גאַנץ געמאַכט ווערן.

טז) גערעדט האָב איך מיט מיין האַרצן, זאָגנדיק: אָט בין איך גרויס געוואָרן און האָב דערוואָרבן מער קלוגהייט ווי איטלעכער, וואָס איז געווען פאַר מיר (אַ הער־שער) איבער ירושלים, און מיין האַרץ האָט אָנגעזען פיל חכמה און קענטעניש.

יז) און איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו פאַרשטיין חכמה און (אויך) צו פאַרשטיין משוגעת און נאַרישקייט; איך ווייס אָבער, אַז דאָס אויך איז ווינט־יאָגעניש.

יח) דען אין פיל חכמה איז פיל פאַרדרוס, און דער, וואָס מערט קענטעניש, מערט ווייטאָק.

קאַפּיטל ב.

א) איך האָב געזאָגט אין מיין האַרצן: קום לאָמיך דיך פּרובירן מיט לוסטיקייט, און געניסן גוטס זאָלסטו; אָבער דאָס אויך איז נאַרישקייט.

ב) אויף לאַכן האָב איך געזאָגט: ס'איז משוגע, און אויף לוסטיקייט — וואָס טוט זי אויף?

ג) איך האָב געקלערט אין מיין האַרצן, צוצוגעווינען צו וויין מיין לייב (צו דער זעלבער צייט וואָס) מיין האַרץ זאָל זיך מיט חכמה אַרומפירן; און זיך האַלטן אָן נאַרישקייט ביז איך וועל זען, וועלכעס איז דאָס בעסטע פאַר דעם מענטשנס קינדער, וואָס זיי זאָלן טאָן אונטער די הימלען אין זייערע געציילטע טעג פון לעבן.

ד) איך האָב גרויסע זאַכן אויפגעטאָן: איך האָב מיר געבויט הייזער, איך האָב מיר געפלאַנצט וויינגערטנער.

ה) איך האָב מיר געמאַכט גערטנער און סעדער און איך האָב איינגעפלאַנצט אין זיי יעדן (סאָרט) פרוכטבוים.

ו) איך האָב מיר געמאַכט סאַזעווקעס פון וואַסער, אום פון זיי אָנצוטרינקען דעם וואַלד מיטביימער באַוואַקסן.

ז) איך האָב איינגעשאַפט קנעכט און דינסטן, און הויז-שקלאַפן האָב איך געהאַט; איך האָב געהאַט אַ סטאַדע פון רינדער און שאָף מער ווי אַלע, וואָס זיינען געוועזן פאַר מיר אין ירושלים.

ח) איך האָב מיר אויך אָנגעזאַמלט זילבער און גאָלד און אוצרות פון קיניגן און פון די לענדער; איך האָב מיר איינגעשאַפט זינגערס און זינגערינס און די פאַרגעניגנס פון דעם מענטשנס קינדער און אַלערליי רייצנדע שיינהייטן.

ט) און איך בין געוועזן גרעסער און האָב מער דערוואָרבן ווי איטלעכער, וואָס איז געוועזן פאַר מיר אין ירושלים; אויך איז מיר מיין חכמה בייגעשטאַנען.

י) און (קיין זאַך), וואָס מיינע אויגן האָבן פאַרלאַנגט, האָב איך פון זיי ניט געמינדערט; איך האָב ניט צוריקגעהאַלטן מיין האַרץ פון קיין לוסטיקייט, כדי מיין האַרץ זאָל זיך אָנפרייען מיט מיין האָרעוואַניע, דען דאָס איז דאָך געוועזן מיין (איינציקער) טייל פון מיין האָרעוואַניע.

יא) האָב איך זיך אָבער געקערט צו אַלע מיינע אויפטוען, וואָס מיינע הענט האָבן אויפגעטאָן, און צו דער האָרעוואַניע, וואָס איך האָב געהאָרעוועט אום (דאָס) אויפצוטאָן און — אַלץ איז נאַרישקייט און ווינט-יאָגעניש און קיין נוץ איז ניטאָ אונטער דער זון.

יב) און געווענדט האָב איך זיך צו זען חכמה און ס'איז משוגעת (בלויז) און נאַרישקייט; דען וואָס (קען אויפטאָן) דער מענטש, וועלכער קומט נאָך דעם קיניג? (בלויז) דאָס וואָס מע האָט שוין פריער געטאָן.

יג) דאַן האָב איך איינגעזען, אַז אַ מעלה האָט חכמה איבער נאַרישקייט, ווי די מעלה פון ליכט איבער פינסטערניש.

יד) דער חכם האָט זיינע אויגן אין קאָפּ און דער נאַר גייט אין פינסטערניש, אָבער איך ווייס אויך, אַז איין שיקזאַל וועט זיי אַלעמען טרעפן.

טו) און איך האָב געזאָגט אין מיין האַרצן: ווי דער שיקזאַל פון דעם נאַרן,

(אַזוי) וועט מיר אויך פּאַסירן, צו וואָס דען בין איך קליגער געוועזן? און איך האָב געטענהט מיט מיין האַרצן, אַז דאָס אויך איז נאַרישקייט.

טז) דען עס בלייבט ניט קיין ערינערונג פון דעם חכם אַזוי ווי פון דעם נאַרן— אויף אייביק; דען דאָס אַמאָליקע וועט אין די קומענדיקע טעג אינגאַנצן פאַרגעסן זיין. און ווי שטאַרבט דער חכם? — גלייך ווי דער נאַר.

יז) און איך האָב פיינט געקראָגן דאָס לעבן, ווייל צווידער איז מיר געוואָרן די פּאַסירונג, וואָס פּאַסירט אונטער דער זון; דען אַלצדינג איז נאַרישקייט און ווינט־יאָגעניש.

יח) און איך האָב פיינט געקראָגן מיין גאַנצע האָרעוואַניע, וואָס איך האָב אָנגעהאָרעוועט אונטער דער זון, אום זי איבערצולאָזן פאַר אַ מענטשן, וואָס וועט קומען נאָך מיר.

יט) און ווער וויים, צי וועט ער אַ חכם זיין אָדער אַ נאַר? און דאָך וועט ער געוועלטיקן איבער מיין האָרעוואַניע, וועלכע איך האָב צונויפגעהאָרעוועט מיט מיין חכמה אונטער דער זון. דאָס אויך איז נאַרישקייט.

כ) און איך האָב זיך איבערגעלייגט, זיך מיאש צו זיין אין מיין האַרצן פון מיין גאַנצער האָרעוואַניע, וואָס איך האָב אָנגעהאָרעוועט אונטער דער זון.

כא) דען ס'איז דאָ אַ מענטש, וואָס זיין אַרבעט איז מיט חכמה און מיט קענטעניש און מיט פעיקייט, און פאַר אַ מענטשן וואָס האָט דערויף ניט געאַרבעט לאָזט ער איבער זיין אייגנטום. דאָס אויך איז אַ נאַרישקייט און אַ גרויסער אומרעכט.

כב) דען וואָס קומט אַרויס דעם מענטשן פון זיין גאַנצער האָרעוואַניע און פון דער שטרעבונג פון זיין האַרצן — וואָס ער מיט זיך (אַזוי) אונטער דער זון?

כג) דען אַלע זיינע טעג זיינען ווייטאָקן און זיין באַשעפטיקונג — פאַרדרוס; צומאָל ביינאַכט שלאָפט ניט זיין האַרץ. דאָס אויך איז נאַרישקייט.

כד) עס איז אויך ניט גליק פאַר דעם מענטשן, ער זאָל עסן און טרינקען און לאָזן זיין זעל געניסן גוטס פאַר זיין האָרעוואַניע. דאָס אויך, האָב איך געזען, קומט פון גאָטס האַנט.

כה) דען ווער נאָך קען עסן און געניסן מער ווי איך (האָב געקענט)?

כו) דען דעם מענטשן, וואָס איז ביי אים אָנגענומען, גיט ער (גאָט) חכמה און קענטשאַפט און פרייד; און דעם זינדיקן גיט ער אַ באַשעפטיקונג: צו קלייבן און צו זאַמלען (אום עס דערנאָך) אַוועקצוגעבן צו דעם, וואָס איז אָנגענומען ביי גאָט. דאָס אויך איז נאַרישקייט און ווינט־יאָגעניש.

יידיש יהואש.

פונם ספר „איוב“.

דער העלד פונם בוך „איוב“ — איז אַן אמת פרומער מאַן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיינע מדות טובות, אים קומט אויס אויסצושטיין זייער אַ סך צרות; זיין עשירות איז צערויבט געוואָרן, זיין משפחה צעשטערט, און ער גופא איז געוואָרן געשטראָפט מיט אַ שרעקלעכער צרעת. זיינע פריינט קומען אים טרייסטן; צווישן אים און זיינע פריינט קומט פאָר אַ ריי דיאַלאָגן. מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון איובס ענטפערס אויף זיינע פריינדס טרייסטווערטער און מוסר.

קאַפּיטל ט.

א) און איוב האָט געענטפערט און געזאָגט:

ב) ווי קען אַ מענטש גערעכט זיין קעגן גאָט?

ג) ווען ער זאָל וועלן זיך קריגן מיט אים, וואָלט ער אים ניט געקענט ענטפערן איינס פון טויזנט.

ד) קלוגהאַרציק (איז ער) און שטאַרק אין קראַפט. ווער האָט זיך אַיינגעשפאַרט קעגן אים און איז געבליבן גאַנץ?

ה) ער רוקט איבער בערג (פון זייער פּלאַץ) און זיי ווייסן ניט; ער (איז דער, וועלכער) קערט זיי אום קאַפּויער אין זיין צאָרן.

ו) ער שאָקלט די ערד אַרויס פון איר אָרט און אירע זיילן ווערן צעטרייסלט.

ז) ער זאָגט נאָר צו דער זון, און זי שיינט ניט, און אויף די שטערן לייגט ער אַ זיגל.

ח) ער האָט די הימלען אויסגעצויגן אייגער אַליין און ער טראַמפּלט אויף די הויכקייטן פון ים.

ט) ער האָט באַשאַפן די שטערן פון בער, דעם אָריאָן און די זיבן גרויסע שטערן און די קאַמערן פון דרום.

י) ער טוט זאַכן גרויסע, גאָר ניט צו דערפאָרשן, און וווּנדער — אָן אַ צאָל.

יא) דאַכט זיך, ער גייט מיך פאַרביי, דאָך זע איך אים ניט; ער גייט דורך און איך באַמערק אים ניט.

יב) ווען ער כאַפּט אַוועק, ווער וועט אים אָפּהאַלטן? ווער וועט אים זאָגן: וואָס טוסטו?

יג) גאָט ציט ניט צוריק זיין צאָרן. אונטער אים בייגן זיך די העלפערס פון דעם שטאָלצן.

יד) און איך זאָל אים ענטפערן? און אויסקלייבן מיינע ווערטער קעגן אים?

טו) ווען איך זאָל אַפילו גערעכט זיין, קען איך ניט ענטפערן. איך קען זיך בלויז בעטן פאַר מיין ריכטער.

טז) ווען איך זאָל רופן און ער זאָל מיר אָפּענטפערן, וואָלט איך אויך ניט געגלויבט, אַז ער פאַרנעמט מיין שטים.

יז) ער, וועלכער צעשמעטערט מיך מיט זיין שטורעמווינט און האָט געמערט מיינע ווונדן אומזיסט.

יח) ער לאָזט מיך ניט מיין אָטעם אָפּציען, דען ער פּילט מיך אָן מיט ביטערקייטן.

יט) קומט עס צו קראַפט, איז ער מעכטיק. קומט עס צו געריכט, ווער וועט אים פאַר מיך גיין לאָדן?

כ) ווען איך זאָל אַפילו גערעכט זיין, וועט מיך מיין אייגן מויל באַשולדיקן, ווען איך זאָל זיין אומשולדיק, וועט ער מיך אַלס פאַרדאָרבן אַרויסשטעלן.

כא) בין איך אומשולדיק? איך ווייס אַליין ניט מיין אייגענע זעלע. איך פאַראַכט מיין אייגן לעבן.—

כב) עס איז אַלץ איינס. דעריבער האָב איך געזאָגט: אי דעם אומשולדיקן אי דעם פאַרדאָרבענעם פאַרניכטעט ער.

כג) ווען די רוט טויט פלוצלונג (עמיצן), דאַן לאַכט זי פון די פּייניקונגען פון די אומשולדיקע.

כד) די ערד איז איבערגעגעבן געוואָרן אין דער האַנט פון דעם שלעכטן, די געזיכטער פון די ריכטער האָט ער פאַרדעקט. אויב ניט (ער), ווער דען איז עס?—

כה) און מיינע טעג זיינען פלינקער ווי אַ שטאַפעט, זיי זיינען אַנטלאָפן און האָבן קיין גוטס ניט געזען.

כו) זיי זיינען פֿאַרשוווּנדן ווי שיפלעך פון ריטער, ווי דער אָדלער, וועלכער פלאַטערט אַרונטער אויף (זיין) שפּייז.

כז) זאָל איך זאָגן: איך וועל פאַרגעסן מיין קלאָג, איך וועל אַוועקוואַרפן מיין טרויער=געזיכט און וועל מונטער זיין—

כח) האָב איך מורא פאַר מיינע ווייטאָקן, איך ווייס, אַז דו וועסט מיך ריין ניט אַרויסלאָזן.

כט) איך וועל בלייבן דער שולדיקער. צו וואָס דען זאָל איך זיך מיען פאַר גאָרנישט?

ל) ווען איך זאָל זיך האָבן געוואַשן אין שניי=וואַסער און האָבן געריייניקט מיינע הענט מיט לויג—

לא) וואָלסטו מיך אין אַ זומפיקן גראָבן איינטונקען און מיינע קליידער וואָלטן מיך עקלהאַפט געמאַכט.

לב) דען ער איז ניט אַ מענטש אַזוי ווי איך, איך זאָל אים ענטפערן, און מיר זאָלן צוזאַמען קומען פאַר געריכט.

לג) עס איז ניטאָ ווער עס זאָל צווישן אונדז אַנטשיידן, ווער עס זאָל אויף אונדז ביידן אַרויפלייגן זיין האַנט.

לד) זאָל ער נאָר אָפּטאָן פון מיר זיין רוט, זאָל זיין שרעק מיך נאָר ניט סטראַשען—

לה) און איך וועל ריידן און איך וועל זיך פאַר אים ניט שרעקן, דען איך ביי זיך בין ניט אַזוי (שולדיק).

קאַפּיטל י.

א) מיין זעל איז מיד פון מיין לעבן, איך וועל לויז לאָזן מיין קלאָג, איך וועל ריידן אין דער ביטערניש פון מיין געמיט.

ב) איך וועל זאָגן צו גאָט: פאַראורטייל מיך ניט, לאָז מיך וויסן פאַר וואָס דו שטרייקסט קעגן מיר.

ג) איז דיר גוט, ווען דו אונטערדריקסט? ווען דו פאַראַכטעסט דאָס ווערק פון דיינע הענט און באַלייכטעסט די פּלענער פון די וואָס טוען שלעכטס?

ד) האָסטו דען אויגן פון פלייש? קוקסטו דען ווי אַ מענטש קוקט?

ה) זיינען דיינע טעג אַזוי ווי די טעג פון אַ מענטשן? אָדער זיינען דיינע יאָרן ווי די טעג פון אַ מאַן?—

ו) ווען דו זוכסט מיין זינד און פאָרשט נאָך מיין פאַרברעכן.

ז) ווייסטו דאָך, אַז איך בין אומשולדיק, און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל ראַ־טעווען פון דיין האַנט.

ח) דיינע הענט האָבן מיך געפורעמט, האַרמאָניש צוזאַמען רונד אַרום, און דאָך פאַרניכטעסטו מיך.

ט) דערמאָן זיך, אַזוי ווי ליים האָסטו מיך געקנאָטן. ווילסטו מיך ווידער אומ־קערן אין שטויב?

י) דו האָסט מיך דאָך אַזוי ווי מילך אויסגעגאָסן, ווי קעז האָסטו מיך פאַר־גליווערט.

יא) מיט הויט און מיט פלייש האָסטו מיך פאַרקליידט. מיט ביינער און מיט אָדערן האָסטו מיך דורכגעוועבט.

יב) לעבן און גנאָד האָסטו מיר געשאָנקען און דיין אויפפאַסונג האָט אָפגעהיט מיין גייסט.

יג) דאָך דאָס האָסטו פאַרבאָרגן געהאַלטן אין דיין האַרצן; איך ווייס אַז, דאָס איז ביי דיר געווען (באַשלאָסן):

יד) אַז אויב איך זינדיק זאָלסטו אויף מיר אַכט געבן, און פון מיין שולד זאָלסטו מיך ניט פריישפרעכן.

טו) אויב איך בין שלעכט, דאַן ווי איז מיר, און ווען איך בין גערעכטיק, זאָל איך מיין קאָפּ ניט אויפהויבן. איך בין געזעטיקט מיט שאַנד. אָ, זע מיין עלנט׳

טז) און עס ווערט אַלץ גרעסער. ווי אַ לייב יאָגסטו זיך נאָך מיר, און קערסט זיך אַלץ ווידער אום זיך קעגן מיר וואונדער (גרויזאַם) אַרויסצווייזן.

יז) דו באַנייסט דיינע עדות קעגן מיר, דו פאַרמערסט קעגן מיר דיין צאָרן. ענדערונגען און אָפקומענישן (קומען נאָכאַנאַנד) איבער מיר.

קאַפּיטל כא.

א) און איוב האָט געענטפערט און געזאָגט:

ב) אָ, הערט מיין וואָרט און זאָל דאָס זיין די טרייסטונג אייערע (וואָס איר זאָלט מיר געבן).

ג) האָט געדולד מיט מיר און איך וועל ריידן, און נאָך מיין ריידן וועט איר מאַכן שפּאַס.

ד) האָב איך דען קעגן אַ מענטשן אַ קלאַגע? — וואָרום זאָל מיין געדולד ניט פּלאַצן?

ה) קערט זיך צו מיר און ווערט דערשטוינט, לייגט אַרויף די האַנט צום מויל.

ו) ווען איך דערמאָן זיך, ווער איך דערשראָקן, אַ ציטערניש נעמט אָן מיין פלייש.

ז) וואָרום לעבן די וואָס טוען שלעכטס, זיי עלטערן זיך און ווערן רייך?

ח) זייערע קינדער שטייען לעבן זיי, זייערע שפּראָצונגען (זיינען) פאַר זייערע אויגן.

ט) זייערע הייזער זיינען זיכער פון שרעקן, און די רוט פון גאָט (פאַלט) ניט אויף זיי.

י) זיין אָקס באַפרוכפּערט און פאַרפעלט ניט, זיין קו קעלבט זיך און פאַר־וואַרפט ניט.

יא) זיי שיקן זייער יונגוואַרג אַרויס ווי די לעמער, זייערע קינדערלעך שפּרינגען (לוסטיק) אַרום.

יב) זיי נעמען פויק און האַרף און מאַכן זיך לוסטיק צו דעם קלאַנג פון דער פלייט.
יג) זיי פאַרברענגען זייערע טעג אין ווילטאָג און אין אַ רגע (אָן לאַנגע מאַטערניש) גייען זיי אין גרוב אַריין.

— —

כב) קען (עמיצער) לערנען קענטעניש צו גאָט, וועלכער אורטיילט די העכסטע?—
כג) דער שטאַרבט אין זיין פולער שטאַרקייט, רויִק און זארגלאָז;
כד) זייבע געפעסן זיינען פול מיט מילך, און זאַפטיק איז די מאַרך פון זיינע ביינער.
כה) און דער שטאַרבט מיט אַ פאַרביטערטע זעל און האָט קיין גוטס ניט גענאָסן.
כו) צוזאַמען ליגן זיי אין שטויב און דער וואָרעם דעקט זיי צו.—

יידיש יהואָש.

די יונגע יאָרן.

(פאָלקסליד)

איבער בערג, איבער טאָלן
פליען טויבן פאָרן,
נאָך קיין נחת ניט געהאַט,
שוין אַוועק די יאָרן.

מיר האָבן דעריאָגט אונדזערע יאָרן
אויפן גרויסן בריק,
יאָרן, יאָרן, קערט זיך אום
צו אונדז גלייך צוריק.

שפּאַנט, קינדער, שפּאַנט די פערד,
לאָמיר גיכער פאָרן,
אפשר וועלן מיר נאָך קענען
דעריאָגן אונדזערע יאָרן.

ניין, ניין, מירן ניט גיין,
ס'איז ניטאָ צו וועמען,
האָט איר אונדז ניט געדאַרפט
יונגערהייט פאַרשעמען.

עס לעשן זיך שטערן.

עס לעשן זיך שטערן אין הימל,
עס לעשן זיך לעבנס אויף דר'ערד.
פאַר וועמען ס'איז ליכטיק זיין גורל
און וועמען ס'איז טרויער באַשערט.

עס טרעפן זיך טייכן מיט טייכן,
און גיסן אין ים זיך אַריין,
און מענטשן און לעבנס פאַרגייען,
אַליין אין דעם אייגענעם פיין...

און פאַלט ווען אַ שטערן פון הימל,
דאַן האָט ער זיין ליכטיקן וועג,
און מענטשן און לעבנס פאַרגייען,
אַליין אויף אַ פינסטערן שטעג...

פרץ הירשביין.

די וואָלקנס.

און דער אָוונט איז ווילד און פאַראומערט,
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבערפילט,
און די וואָלקנס, זיי יאָגן דערשראָקן,
אין געהיימניש און חושך פאַרהילט.

און דער הימל איז פול מיט באַוועגונג,
פול בהלה און פינסטערער מאַכט,
און די וואָלקנס, זיי יאָגן און יאָגן,
און פאַרשווינדן אין שטורעם און נאַכט.

אַזוי פליען די טעג און די יאָרן
דורך די טאָלן פון יאָמער און פיין,
אַזוי טראָגן זיך דורות
אין דעם אייביקן גאָרנישט אַריין.

אַזוי גייען די לעבנס צום קבר
אין געהיימניש און חושך פאַרהילט.
און דער אָוונט איז ווילד און פאַראומערט,
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבערפילט.

א. ליעסין.

---

* *
*

עס וויאַנען נאָך אונטן די טויט געלע
בלעטער,
וואָס האָבן געגרינט פאַראַיאָרן,
די שטענגלעך, וואָס האָבן געבליט לעצטן
זומער
נאָך זיינען פאַרפוילט ניט געוואָרן,
און אויבן שוין רירט זיך
דאָס לעבן און צירט זיך,
מיט בלעטער שוין נייע באַדעקט זיך
דער וואַלד,
עס שפּרייט זיך מיט קרעפטיקער יונגער
געוואַלט
דער פרילינג נאָר=אָקאָרשט געבאָרן:

עס וויאַנען נאָך אונטן די טויט געלע
בלעטער,
און אויבן שוין שמייכלט דאָס לעבן,
אַן אייביקער פלאָנטער פון וועלקן און
וואַקסן,
אַ מיש=מאַש פון שטאַרבן און שטרעבן...
מיט האַסטיקע טריט
דאָס לעבן וואָס בליט
צעטראַמפּלט דאָס לעבן וואָס האַלט שוין
ביים סוף,
עס בייטן די פאַרבן זיך, ס'בייט זיך
דער שטאָף,
נאָר תמיד דאָס זעלביקע לעבן.

יהואָש.

סאַציאַלע מאָטיוון.

* *
*

הייב איך מיך אויף,
עס איז שוין זעקס דער זייגער,
גיב איך אַ קוק אין שפּיגעלע,
דאָס פּנים איז ווי אַ פּגר!
אָך, דו ליבער גאָט,
זאָג זשע שוין אַליין:
צי האָב איך קיין אַנדער האָפענונג,
נאָר אַ שניידערין צו זיין!

הייב איך מיך אויף,
דער האָן גיט אַ קריי,
דאָס האַרץ איז מיר טרוקן,
ס׳איז נישטאָ קיין גלעזל טיי!
אָך, דו ליבער גאָט, א. אַ. וו.

גיי איך צו דער אַרבעט
נישט מיט גרויס אָכאָטע,
קום איך אַריין אין וואַרשטאַט,
מאַכט מען מיך צו בלאָטע.
אָך, דו ליבער גאָט, א. אַ. וו.

נעם איך מיר צו דער אַרבעט,
די מאַדאַם ליגט נאָך אין בעט,
גיט זי אַ געשריי:
וואָס קומסטו אַזוי שפּעט!
אָך, דו ליבער גאָט, א. אַ. וו.

איך אַרבעט אָפּ דעם ווינטער,
דאָס פּנים איז מיר חושך,
נעם איך געלט מאָנען,
זאָגט מען צו אויף פּסח.
אָך, דו ליבער גאָט, א. אַ. וו.

קומט מיין מאַמע נאָך געלט,
שטייט זי ביי דער טיר,
גיט מען אַ געשריי:
נישטאָ קיין געלט פאַר איר!
אָך, דו ליבער גאָט, א. אַ. וו.

אָך, דו ליבער גאָט,
האָב אויף מיר רחמנות!
כ׳וועל פּטור ווערן דאָס שניידעריי,
פאַסט איך אַ תּענית.
אָך, דו ליבער גאָט,
זאָג זשע שוין אַליין:
צי האָב איך קיין אַנדער האָפענונג,
נאָר אַ שניידערין צו זיין!

פאָלקסליד.

פון דער זאמלונג „ארבעט און פרייהייט“ פון ש. לעהמאן.

אברהם רייזען.

ווי קום איך?

ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען, מיין קינד?
ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט;
די קינדער — זיי פלעגן נאָר זאָגן: האַם-האַם!
און אָפטמאָל די מאַמע — אַ קללה צום גראַם.

ווי קום איך צו שיינקייט? פון וואַנען, מיין קינד?
דער וועג צו די פעלדער — דורך גוים און הינט...
די גאַס איז געווען אַזוי אָרעם און וויסט,
ביי איטלעכער טיר — נאָר אַ בערגעלע מיסט...

אָרעמעס לעבן.

אָרעמעס לעבן! נאָר שטענדיק זיך מאַטערן,
שטענדיק צו לעבן אין נויט;
כוחות די יונגע די פרישע צעפּטרן,
זוכנדיק טרוקענעס ברויט!

וואָגלען און וואַנדערן! ווו טאָגן, ניט נעכטיקן,
נעכטיקן ניט, ווו געטאָגט!
הערן דאָס שפּעטן פון ביין-נידערטרעכטיקן,
שווייגן — קיין וואָרט ניט געזאָגט!

בוקן זיך, בויגן זיך נידעריק, נידעריק,
ברעכן דעם קערפּער אויף האַלב;
ריידן תחנונים און וויינענדיק, ציטערדיק
בעטן ביים גאָלדענעם קאַלב...

שטיקן פאַרלאַנגען און שטרעבונגען קראַפּטיקע,
שטיקן און דריקן אין האַרץ,
בלומען פון יוגנט, די פרישע, די זאַפּטיקע,
לאָזן צעטרעטן אויף שוואַרץ...

אַברהם רייזען.

אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.

וואָס טוען צוויי עופהלעך קליינע אין גאַס —
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
די הענטעלעך — אייז און די פיסעלעך — נאַס,
די ליפּעלעך — בלוי און די בעקעלעך — בלאַס:
ווו איז זייער היים אין דער וועלט?
— זייער היים! זייער היים בין איך, זאָגט די גאַס,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.

ווו גייען צוויי קינדערלעך קליינינקע היינט,
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט?

וואָס? גאָר אָן אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ פריינט?...
יתומימלעך? נעבעך! וואָס זע איך? מיר שיינט,
אַז איינער פון זיי איז גאָר בלינד!
— געוויס, זאָגט די גאַס, און איך בין זייער פריינד
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט.

וואָס בלייבן זיי שטיין מיטאַמאָל דאָ אַליין
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
צום האַנדלען — צו אָרעם, צום בעטלען — צו קליין,
צו שוואַך און צו ערלעך צום גנבענען גיין,
ווו קריגן זיי עסן אָן געלט?
איצט שוויגט שוין די גאַס. אַך, איר האַרץ איז פון שטיין,
דער ווינט שווייגט, דער רעגן, די קעלט.

מאָריס ווינטשעווסקי.

מיין ניט...

מיין ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע — באַשאַפן
מאַכן אַ וועג זיך מיט פויסטן און נעגל
צום שענק־פּאַס, און פרעסן און זויפן, ווען אַנדערע
קוקן פון וייטן מיט גלעזערנע אויגן,
פאַרחלשט און שלינגען דאָס שפּייעכץ און ציען
צוזאַמען דעם מאָגן, וואָס וואַרפט זיך אין קרעמפן —
אָ, מיין ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע!

מיין ניט, די וועלט איז אַ הפקר — באַשאַפן
פאַר וועלף און פאַר פוקסן, פאַר רויב און פאַר שווינדל;
דער הימל — אַ פאַרהאַנג, אַז גאָט זאָל ניט זעען;
דער נעפּל — מע זאָל אויף די הענט דיר נישט קוקן;
דער ווינט — צו פאַרשטיקן די ווילדע געשרייען;
די ערד — איינצוזאַפּן דאָס בלוט פון קרבנות —
אָ, מיין ניט, די וועלט איז אַ הפקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוויגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג נישט פאַרלאָשן!
פון טרערן ווערט טייכן, פון טייכן ווערט ימים,
פון ימים—אַ מבול, פון פונקען—אַ דונער—
אָ, מיין נישט לית דין ולית דין.

י. ל. פּרץ.

דאָס געבעט.

(נאָכאַמונג)

רבונו של עולם!
נאָך ווייניק געליטן?
ווען וועסטו, רבונו
של עולם, פאַרשיטן

דעם אָפּגרונט דעם טיפן,
וואָס טיילט דיינע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לעמער און שינדער?

* * *

און ברייט איז דער אָפּגרונט,
און טיף ווי אַ תהום,
און זאַפּט אין זיך איין
אונדזער בלוט ווי אַ שוואָם!...

* * *

עס ווערן אין אָפּגרונט,
— ווו ס׳מעסער נאָר בליצט, —
מיט בלוט אויף די ריינסטע
אידעען באַשפּריצט...

עס ציטערט פון דאָרטן
דעם ווייטאָקס געוויין,
דאָרט ליגט די נקמה
און קריצט מיט די ציין...

דאָרט ליגט די פאַרצווייפלונג
דערשראָקן, פאַרבליפט,
מיט ליפּן ווי קוילן,
ביים בעכער פון גיפט...

* * *

רבונו של עולם!
נאָך ווייניק געליטן?
ווען וועסטו דעם שרעקלעכן
אָפּגרונט פאַרשיטן?

דאָרט ברעכן די פליגל
די אָדלער די גרעסטע,
דאָרט ווערן פאַרשטיינערט
די הערצער די בעסטע...

רבונו של עולם,
צי שפּראָצט דען דיין לויב
פון פינסטערן, פוילן
און בלוטיקן שטויב?

י. ל. פּרץ.

מיין רוע־פּלאַץ.

נישט זוך מיך, ווו די מירטן גרינען!
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ.
ווו לעבנס וועלקן ביי מאַשינען —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

נישט זוך מיך, ווו די פייגל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ!
אַ שקלאַף בין איך; ווו קייטן קלינגען —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

נישט זוך מיך, ווו פאָנטאַנען שפּריצן!
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ!
ווו טרערן רינען, ווו ציינער קריצן —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט ריינער ליבע,
טאָ קום צו מיר, מיין ליבער שאַץ!
און הייטער אויף מיין האַרץ דאָס טריבע
און מאַך מיר זיס מיין רוע־פּלאַץ.

מאָריס ראָזענפעלד.

צום שקלאַף.

ווען כ׳זע דיינע הערשער, וואָס טרינקען דיין בלוט —
דיין בלוט, וואָס איז מיר אַזוי טייער,
דאַן צינדט זיך אין האַרצן ביי מיר אָן אַ גלוט,
עס פלאַקערט באַלד אויף דאָרט אַ פייער...

אַ ווילדער פייער פון צאָרן און האַס,
און יעטווידער נערוו שרייט נאָך ראַכע;
איך וויל דאַן צערייבן, צעמאָלן אויף אַש
די אַלע, וואָס דריקן די שוואַכע...

נאָר, שקלאַף, ווען איך זע, אַז דו גיסט זיך קיין ווייך
און ווילסט זיך גאָר בעסער ניט מאַכן —
אָ, דאַן ווערט דאָס האַרץ שיר צעשפּרונגען אין מיר,
איך הייב אָן פאַר ווייטאָק צו לאַכן...

יוסף באָוושאָווער.

* * *

און דו אַקערסט, און דו זייסט,
און דו פיטערסט, און דו נייסט,
און דו האַמערסט, און דו שפּינסט —
זאָג מיין, פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט?

וועבסט ביים וועבשטול טאָג און נאַכט,
גראָבסט אונדז אייזן פון דער שאַכט,
ברענגסט די שפע אונדז אַריין,
פול מיט תבואה און מיט וויין.

נאָר — ווו איז דיין טיש געגרייט?
נאָר — ווו איז דיין יום־טוב־קלייד?
נאָר — ווו איז דיין שאַרפער שווערד?
וואָסער גליק איז דיר באַשערט?

שאַפסט אונדז אוצרות אָן אַ שיעור,
אַלץ פאַר יענעם, נישט פאַר דיר,
און פאַר זיך האָסטו אין נויט
נאָר געשמידט אַ שווערע קייט...

מאַן פון אַרבעט, אויפגעוואַכט,
און דערקען דיין גרויסע מאַכט.
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל!...

ג. הערוועג.

נישט תמיד...

נישט תמיד נאָנט איז אונדז דער שלום,
דער ליבעס ציטערדיקער טרוים.
נישט תמיד ליב איז אונדז דער חלום
אונטער דעם ווייסן עפּלבוים...

ס׳איז דאָ אַ צייט, ווען ס׳ווערט פאַרביטן
דער טרוים אויף קאַמף, די בלום אויף
שווערד,
ווען ס׳ווערט דאָס האַרץ פון פאָלק
צעשניטן
און ס׳דעקט אַ רויטער טוי די ערד...

ס׳איז דאָ אַ צייט פון גרויסע שטרייטן,
פון שיינער הייליקער געפאַר.
געעפנט ווערן נייע ווייטן,
און שטיין ווערט גאָט, — און שקלאַף
ווערט — שר!...

און ווי צו דעם, וואָס האָט אויף וואָפן
ניט אויסגעטוישט זיין צאַרטן טרוים,
און האָט די שטורעם־שעה פאַרשלאָפן
אונטער דעם ווייסן עפּלבוים...

לייב נײַדוס.

דער וועכטער.

עס שלייכט צו אַ שטאָט בײנאַכט
די שווערד!
נאָר אויפן טורעם דער וועכטער וואַכט:
ער הערט!

און בלאָזט טראָמפּײט
און שמעטערט מיט מאַכט,
עס ציטערט די נאַכט,
דאָס פאָלק ערוואַכט:
דער שונא גייט, דער שונא גייט!

און ס'פלאַקערט אויף די שלאַכט
אין הויף, אין גאַס,
אויף מויער און וואַנט —
פאַר ווייב און קינד,
פאַר פאָלק און לאַנד!

פאַר רעכט און פריי גייט אַלץ אין קאָן.
ווער זיגן וועט, דאָס ווייסט איין גאָט,
דער וועכטער האָט
דאָך זיינס געטאָן!
ער האָט זיין ערע ניט באַפלעקט,
ער האָט געוועקט!
ער האָט געדינט זיין פאָלק, זיין לאַנד!

נאָר ווי דעם וועכטער, שפּאָט און שאַנד,
וואָס האָט בײנאַכט
אַן אויג פאַרמאַכט
און דערוואַכט
ערשט אין דער בראַנד.

י. ל. פּרץ.

די וואַנט.

די אויגן — פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט —
מיר שטיי'ן ביי אַ הויכער, געמויערטער וואַנט, —
מיט העק און מיט האַמערס, און אייזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצוימט אונדז די וועגן צום לעבן, צום גליק;
פאַרשטעלט אונדז די ליכטיקע זון און זי מאַכט
פון פריילעכן טאָג אונדז א פינסטערע נאַכט —
מיר ברעכן די וואַנט!

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין צי אַ ציגל, טרעפט וועמען אין קאָפּ, —
די איבריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווייטער, מע לויפט נישט אַוועק —
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער —
פאַרזאַמלט זיך, ברידער, קומט אַלע אַהער,
זאָל יעדערער צולייגן פעסטער זיין האַנט,
מיר וועלן די הויכע, די פינסטערע וואַנט
צעברעכן, צעברעכן!..

א. רייזען.

פון דער סעריע „אויף די וועגן סיבירער".

* *
*

איבער וועגן לאַנג שוין אָפּגעזומערטע,
אונטער הימלען גרויע און פאַרקומערטע
גייען מענטשן, גייען איינגעבויגענע,
פרויען — קראַנקע, קינדער — ניט געזויגענע.

דורך די אַלטע קליידער, די צעריסענע,
שטיקער לייבער זעען זיך צעביסענע,
אַלע אויגן — טונקעלע, פאַרלאָשענע,
נאָר מיט קאַלטע טרערן אָנגעגאָסענע.

קיינער שטעלט אין וועג זיך ניט אַנטקעגן זיי,
וווּ, ווי ווייט איז זייער היים צו פרעגן זיי;
זיי אַליין אויך — קיינער רעדט צום אַנדערן,
שוין פאַרגעסן פון ווען אָן זיי וואַנדערן.

גלאַט אַזוי אַמאָל צונויפגעקליבענע,
איבער גוואַלד פון זיך אַליין געטריבענע,
גייען מענטשן, מענטשן איינגעבויגענע,
שלעפּן זיך מיט קינדער ניט געזויגענע.

ה. לייוויק.

---

* *
*

וואָלט כאָטש ווער געקומען
אונדז אַנטקעגן,
זאָגן: „פריד צו אייך"
פון יוצא וועגן.

גלאַט אַזוי אַ שאָטן
זען פון וועמען,
זאָגן: „פריד צו דיר"
און זיך פאַרשעמען...

זאָל זיך כאָטש פאַר אונדז ווער
איבערשרעקן,
שליידערן אין פנים
אונדז אַ שטעקן...

קומט ניט, קומט ניט קיינער
אונדז אַנטקעגן;
פעלדער — ווילד פאַרוואַקסן,
טויטע וועגן...

ה. לייוויק.

---

* *
*

איינגעשמידטע — זיבן מיר,
יעדער אין אַ קאַמער זיצט באַזונדער;
אָנגעשפּאַרטערהייט ביים טיר
שטייען מיר און וואַרטן אויף אַ וווּנדער:

פלוצלונג איינער שטילערהייט
עפענען וועט אַלע טירן,
וועט צערייסן אונדזער קייט,
אונדז פון תפיסה אַרויספירן.

וועט אונדז פירן פאַרן האַנט
איבער וועלדער, איבער גרויסע ימען,
צו אַ ווייטן, ווייטן לאַנד, —
און אַהיים אונדז ברענגען, צו דער מאַמען.

ה. לייוויק.

ערגעץ.

וועגן געלאָדן מיט ביקסן, קאַנאָנען און קוילן;
מענטשן מיט אויגן פאַרשטויבטע מאַרשירן אין רייען;
שטיל די מוזיק און געזאַנגען, מע הערט קיין באַפעלן;
נאָר ווייטע פאַרבאָרגענע ערגעץ, פאַרשטיקטע געשרייען...

מע זעט ניט קיין פירער פאַרויס; אַלע פירער—זיי זיינען
פאַרלאָרן געגאַנגען אין שלאַכט פון די טיפע טראַנשעען.
געפירט פון דער פינסטערער נאַכט אין די דרעמלענדע אויגן
מאַרשירן אין ערגעץ אַליין די פאַרשטויבטע אַרמעען.

שעה איין און שעה אויס, אָן אַ אָפּשטעל, די פערד ווי די מענטשן,
געדולדיקע, מידע, זיי שלעפּן די משא פאַר צווייען,
די גלאַנציקע אויגן האַלב־אָפּן פאַרלאָפן מיט טרערן,
זיי גייען אַהין, ווו עס גייען די שטומע אַרמעען...

די נאַכט ווערט אַלץ קלערער און העלער, דער טאָג קומט אַנטקעגן,
אַלץ נענטער עס ווערן די ווייטע פאַרשטיקטע געשרייען...
עס האָט זיך אין מזרח די זון נאָך קיין האַלבע באַוויזן,
שוין ליגן אין גריבער פאַרשאָטן די שטומע אַרמעען...

ה. לייוויק.

דער העלד.

מעדאַלן האָט דריי מיר געשאָנקען דער קעניג
און האָט נאָך דערצו מיר די פרייהייט געשאָנקען;
אַ העלד בין איך, ליבסטע, איז דאָס דיר נאָך ווייניק?

איין האַנט האָב איך מקריב געווען פאַר מיין קעניג,
די צווייטע וועט העלדיש און טריי דיך אומאַרמען—
און איז דיר איין אָרעם, מיין טייערסטע, ווייניק?

מיין היים — פאַר דעם צינז האָט פאַרנומען דער קעניג,
דערפאַר אָבער האָט ער די לענדער פון שונא
עראָבערט... מיין ליבסטע, איז דאָס דען נאָך ווייניק?!

איין האַנט... דריי מעדאַלן... אַ העלד ביי מיין קעניג!
און יעדערער קומט דאָך אונדז שענקען מיט חשק
אַ שיינע נדבה. איז דאָס דיר נאָך ווייניק?

ה. רויזנבלאַט.

נ ב י א י ש.

פון עמוס.

... ווי איז צו די, וואָס פאַרוואַנדלען דאָס געריכט אין אַ גיפט, רעכט און גערעכטיקייט האָבן זיי מיט די פיס געטראָטן. זיי האָבן פיינט דעם, וואָס שטעלט זיך איין אין געריכט פאַר דער גערעכטיקייט, און קאָנען ניט אָנקוקן דעם, וואָס זאָגט דעם אמת. און אָט דערפאַר, וואָס איר פאַרשטויסט דעם אָרעמאַן און נעמט ביי אים שוחד אין ברויט, וועט איר בויען הייזער פון געהאַקטע שטיינער און וועט אָבער אין זיי ניט וווינען; איר וועט אָנפלאַנצן גרויסאַרטיקע וויינגערטנער, אָבער זייער וויין וועט איר ניט טרינקען, וואָרום — איך ווייס — צאָלרייך זיינען אייערע זינד, און אָן אַ שיעור — אייערע עבירות. איר דריקט די אומשולדיקע, איר נעמט שוחד און פייניקט די ניט=פאַרמעגלעכע אין געריכט.

... האָט פיינט שלעכטס, ליבט גוטס, פירט איין דעם אמת אין געריכט, אפשר וועט דאַן יהוה, דער גאָט צבאות, רחמנות האָבן איבער דעם רעשט פון יוסף.

אַזוי זאָגט דעריבער יהוה, דער גאָט צבאות: אויף אַלע פלעצער וועט זיך הערן אַ געוויין, און אין אַלע גאַסן וועט מען שרייען: „ווי! ווי!“ די אַקערער וועלן רופן די קלאָגער, זיי זאָלן מתפלל זיין און קלאָגן, און אין אַלע וויינגערטנער וועט זיין אַ זיפצעריי, ווען איך וועל גאָר דורכגיין צווישן דיר, — האָט געזאָגט יהוה.

אָן אומגליק אויף די, וועלכע רופן צו דעם טאָג פון יהוה! אויף וואָס איז אייך דער טאָג פון יהוה? ער איז דאָך פינסטעריש און ניט ליכט. גלייך ווי איינער וואָלט אַנטלויפן פון אַ לייב און אַריינפאַלן צו אַ בער, אָדער ער וואָלט קומען אַהיים און זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אָן דער וואַנט, און אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געגעבן. יאָ, דער טאָג פון יהוה איז פינסטעריש און ניט ליכט, אַ שרעקלעכע פינסטערניש.

איך האָב פיינט, איך פאַראַכט אייערע ימים=טובים, און איך וויל ניט דעם ריח פון אייערע יום=טובדיקע קרבנות. — און בשעת איר דערלאַנגט מיר אייערע פייער=אָפּפער, נעם איך ניט אָן מיט פרייד אייערע מתנות און אויף אייערע דאַנק=אָפּפער פון פעטע קעלבער קוק איך ניט. אַוועק פון מיר מיטן טומל פון אייערע לידער, דעם נגון פון אייערע האַרפן וויל איך ניט הערן! זאָל בעסער ווי דאָס וואַסער זיך גיסן די געזעצלעכקייט און די גערעכטיקייט — ווי אַ ניט אויפהערלעכער שטראָם!...

יידיש — ש. א י י ז נ ש ט א ט.

פון ישעיה א.

די זעונגען פון ישעיהו, דעם זון פון אָמוץ, וואָס ער האָט געזען איבער יהודה און ירושלים, אין דער צייט פון עוזיהו, יותם, אָחז, חזקיהו, די מלכים פון יהודה:

הערט צו, הימלען, פאַרנעם, דו ערד, ווייל יהוה רעדט.
זין האָב איך געהאָדעוועט און דערהויבן, און זיי האָבן געפּעלשט אין מיר.
דער אָקס ווייס זיין באַלעבאָס און דער אייזל — זיין האַר,
און ישראל ווייס ניט. מיין פאָלק פאַרשטייט עס ניט.
ווי איז דער זינדיקער אומה, דעם פאָלק, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט געזעצלאָזיקייט,
דעם מערדער־געשלעכט, דעם פאַרברעכערישן דור,
זיי האָבן פאַרלאָזן יהוה, באַליידיקט דעם הייליקן פון ישראל און זיך אָפּגעקערט פון אים...
וואָס מער איר ווערט געשלאָגן, אַלץ פאַרעקשנטער זייט איר אין אייער מרידה!
אייער גאַנצער קאָפּ איז דאַך קראַנק, און דאָס האַרץ איז אָפּגעשוואַכט,
פון דער פוס־זויל ביזן שפּיץ קאָפּ איז ניטאָ אויף אים קיין געזונטער אָרט,
נאָר געשווירן און בײלן
און אייטערדיקע ווונדן, ניט אַרומגעשמירטע מיט בוימל,
אייער לאַנד איז אַ מדבר, אייערע שטעט — איבערגעגעבן דעם פייער.
פרעמדע עסן פאַר אייך אין די אויגן די פּירות פון אייערע פעלדער.
אַלץ איז פוסט געוואָרן, ווי נאָך דער צעשטערונג פון סדום.
און די טאָכטער פון ציון איז געבליבן ווי אַ ביידל אין אַ ווייגאָרטן,
ווי אַ שומר־געצעלט אין אַ גאָרטן, ווי אַ וואַך־טורעם.
ווען גאָט צבאות וואָלט אונדז ניט איבערגעלאָזט קיין קליינעם רעשט,
וואָלט מיט אונדז געוואָרן כמעט דאָס גלייכע וואָס מיט סדום, מיר וואָלטן געגליכן זיין צו עמורה.

הערט־נאָר צו די ווערטער פון יהוה, איר מלכים פון סדום!
פאַרנעמט די תורה פון אונדזער גאָט, איר פאָלק פון עמורה!
צו וואָס דאַרף איך אייערע פיל קרבנות? — זאָגט יהוה.
איך בין זאַט מיט די פייער־אָפּפער פון די שעפּסן בעק
און מיט דעם פעטס פון די געשטאָפּטע קעלבער,
און דאָס בלוט פון די אָקסן, ציגעלעך און בעק וויל איך ניט.
איר קומט פאַר מיין געזיכט, — אָבער ווער בעט אייך, איר זאָלט טרעטן מיינע הויפן!
ברענגט מיר ניט קיין פאַלשע מתנות, זיי זיינען פאַר מיר אַן עקלהאַפטער ווייררויך,
די ראָשי חדשים, שבתים און פייערלעכע פאַרזאַמלונגען, די תעניתים און ימים־טובים אייערע טראָג איך ניט אַריבער
זיי זיינען מיר צו לאַסט, איך בין מיד זיי צו טראָגן.
און ווען איר שפּרייט אויס אייערע הענט, קער איך אָפּ פון אייך מיינע אויגן,
וויפיל איר זאָלט ניט בעטן, הער איך ניט:
אייערע הענט זיינען פאַרפלעקט אין בלוט. וואַשט זיך אַרום, רייניקט זיך,
מיינע אויגן זאָלן ניט זען אייערע שלעכטע מעשים;
הערט אויף צו טאָן שלעכטס, לערנט זיך אויס טאָן גוטס;
זוכט דעם אמת; האַלט אָפּ דעם געוואַלד־טוער;
באַשיצט דעם יתום, שטעלט זיך איין פאַר דער אַלמנה!

קומט, לאָמיר באַטראַכטן, זאָגט יהוה:
ווען אײַערע זינד זײַנען ווי דער רויטער ווערעמל, קאָנען זיי דען ווײַס ווערן ווי שניי?
אָדער אויב זיי זײַנען רויט, ווי פּורפּור, קאָנען זיי דען ווײַס ווערן ווי וואָל?
ווען איר וועט זײַן אונטערטעניק און צוהערן זיך, וועט איר געניסן פון דער ערדס גוטס.
ווען איר וועט אָבער ניט וועלן און וועט ווידערשפּעניקן, וועט אײַך אויפעסן דאָס שווערד.
אמת, — אַזוי זאָגט יהוה.

אָ, ווי איז געוואָרן צו אַ זונה די געטרײַע הויפּט־שטאָט,
וואָס איז געווען פול מיט גערעכטיקייט; אמת, האָט אין איר גערוט, און איצט — מערדער!

דײַן זילבער איז געוואָרן פּסולת, דײַן רײַנער ווײַן איז געמישט מיט וואַסער.
דײַנע האַרן זײַנען פאַרברעכער און חברה־לײַט פון גנבים,
אַלע נעמען זיי מיט פאַרגעניגן מתנות און יאָגן זיך נאָך ש ו ח ד,
די רעכט פון יתום פאַרטיידיקן זיי ניט, און די טענה פון דער אַלמנה קומט ניט פאַר זיי.
דערפאַר איז אַזוי דאָס וואָרט פון גאָט צבאות, דעם מעכטיקן פון ישראל.
אָ, איך וועל חוזק מאַכן איבער מײַנע קעגנער און רעכענען זיך מיט מײַנע פײַנט.
און איך וועל קעגן דיר שיקן מײַן האַנט, און איך וועל פון דיר אַראָפּנעמען ווי מיט זייף דײַנע פּסולת,
און וועל אָפּטיילן פון דיר די צומישונג פון בליי,
און וועל אויף דאָס ניי באַשטימען איבער דיר אַזעלכע ריכטער ווי אַמאָל, און עצה־געבער ווי פאַרצײַטן.

דאַן וועט מען וועגן דיר זאָגן: די וווינונג פון אמת, די געטרײַע הויפּטשטאָט.
ציון וועט זיך ראַטעווען דורך גערעכטיקייט, און אירע צוריקגעקערטע — דורך גערעכטיקייט.

אויף אַלע אָפּטריניקע און זינדיקע — די מפּלה,
און אויף די, וואָס פאַרלאָזן יהוה — דער אונטערגאַנג!
און איר וועט זיך שעמען פאַר די דעמבן, וועלכע אײַך האָט זיך געגלוסט,
און אײַך וועט זײַן אַ חרפּה פאַר די גערטנער, וואָס איר האָט אויסדערוויילט,
ווײַל עס וועט מיט אײַך געשען ווי מיטן דעמב, וואָס פון אים זײַנען אַראָפּגעפאַלן די בלעטער, און מיטן גערטנדל, וואָס האָט קיין וואַסער ניט.
און די שטאַרקע וועלן זײַן ווי פלאַקס
און די מעשים פון זייערע הענט — ווי אַ פונק,
און זיי וועלן צוזאַמען ברענען, און קיינער וועט ניט לעשן.

יידיש — ש. אײַזנשטאַט.

פון יחזקאל.

גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו די הירטן גיי און זאָג...
אַיי, די מערדער, אַיי, די הירטן,
עס וועט זיין צו זיי אַ קלאָג!"

*

אַיי, די מערדער, אַיי, די הירטן,
עס וועט קומען אַייער שטראָף;
ווייל זיי האָבן זיך געפּאַשעט,
זיך געפּאַשעט, נישט די שאָף;

*

נאָר די בעסטע וואָל געטראָגן,
און דאָס פעטסטע פלייש געפרעסן;
נאָר אום זיך אַליין געקימערט;
אָן די שעפּעלעך פאַרגעסן!...

*

נישט געשטאַרקט די אָפּגעשוואַכטע,
און—נישט אויסגעהיילט קיין וווּנד;
די פאַרוווּנדטע און די קראַנקע
נאָך געוואָרפן פאַר די הינט!

*

נישט געזוכט גאָר די פאַראירטע,
אַ פאַרבלאָנדזשעטע — פאַרפאַלן!
און געפירט זיי אין אַ מדבר,
אָן אַ גרעזל, אָן אַ קוואַלן.

*

און געיאָגט זיי אויף די בערגער,
ווו אַ שטיין און ווו אַ דאָרן;
ווילדע טירע, חיות רָעות
זיינען פון זיי זאַט געוואָרן!

*

און פאַר זיך אַליין געקוילערט,
זיך געפּאַשעט, נישט די שאָף...
אוי אַייך, שעפער, ווי אַייך, הירטן,
עס וועט קומען אַייער שטראָף.

יידיש י. ל. פּרץ.

פון ישעיה ב.

א) טרייסטעט, טרייסטעט מיין פאָלק, זאָגט אַייער גאָט.

ב) רעדט צו דעם האַרצן פון ירושלים און רופט צו איר, אַז פול געוואָרן איז איר צייט, אַז פאַרגעבן געוואָרן איז איר פאַרברעך, אַז זי האָט געקריגן פון דער האַנט פון גאָט דאָפּל פאַר אַלע אירע זינד.

ג) אַ שטים רופט אין דער וויסטע: רייניקט אָפּ דעם וועג פון גאָט, גלייכט אויס אין דער סטעפּע אַ שטעג פאַר אונדזער האַר.

ד) יעדער טאָל זאָל אויפגעהויבן ווערן און יעדער באַרג און בערגל זאָל ווערן נידעריק; און דער קרומער פלאַץ וועט ווערן גלייך און די (באַרג) שפּיצן— אַ טאָל.

ה) און אַנטפּלעקט זאָל ווערן דער גלאַנץ פון גאָט, און זען זאָל יעדער לייב צוגלייך; דען דאָס מויל פון גאָט האָט גערעדט.

א) און דו, ישראל, מיין קנעכט; יעקב וועלכן איך האָב אויסדערוויילט, דער זאָמען פון אַברהם מיין פריינד.

ב) וואָס איך האָב דיך פעסט אָנגענומען פון די עקן פון דער ערד און פון אירע (פאַרשיידענע) טיילן האָב איך דיך אַרויסגערופן, און איך האָב געזאָגט צו דיר: מיין קנעכט ביסטו, איך האָב דיך אויסדערוויילט, און איך האָב דיך ניט פאַראַכטעט.

ג) דו זאָלסט ניט שרעקן זיך, דען מיט דיר בין איך; דו זאָלסט ניט צעטראָגן זיין, דען איך בין דיין גאָט; איך קרעפטיק דיך און העלף דיך; איך שטיץ דיך מיט דער רעכטער האַנט פון מיין גערעכטיקייט.

ד) דען שעמען זיך און צו שאַנד ווען ווערן די, וואָס היצן זיך קעגן דיר; זיי וועלן זיין ווי נישט; און אונטערגיין וועלן די, וואָס שטרייטן מיט דיר.

ה) דו וועסט זיי זוכן און וועסט זיי ניט געפינען — די וואָס קריגן זיך מיט דיר; ווי נישט און גאָרנשיט וועלן זיין די, וואָס קעמפן קעגן דיר.

ו) ניט שרעקן זאָלסטו זיך, דו וואָרעם פון יעקב, הייפעלע פון ישראל; איך העלף דיר — זאָגט גאָט — און דיין אויסלייזער איז דער הייליקער פון ישראל.

ז) אָט מאַך איך דיך פאַר אַ שאַרפע דרעש-ראָד, אַ נייע, וואָס האָט ציינער; דו וועסט צעדרעשן בערג און צערייבן; און בערגלעך וועסטו ווי שפריי מאַכן.

ח) דו וועסט זיי צעוואַרפן, און דער ווינט וועט זיי אַוועקטראָגן, און דער שטורעם וועט זיי צעשפּרייטן; און דו וועסט זיך פרייען מיט גאָט; מיט דעם הייליקן פון ישראל וועסטו זיך רימען.

ט) די אָרעמע און די נויטבאַדערפטיקע זוכן וואַסער און ס'איז ניטאָ; און זייער צונג איז פון דורשט פאַרטריקנט; איך, גאָט, וועל זיי ענטפערן; (איך) דער האַר פון ישראל וועל זיי ניט פאַרלאָזן.

י) איך וועל אויף די נאַקעטע באַרג-שפּיצן אויפעפענען טייכן; און אין די טאָלן וועל איך אויסברעכן קוואַלן; איך וועל פון דער וויסטע מאַכן — אַ סאַזעווקע פון וואַסער; און פון דעם פאַרטריקנטן לאַנד — וואַסער-אויסגוסן.

יא) איך וועל אַיינזעצן אין דער וויסטע דעם צעדער, דעם אַקאַציענבוים, און דעם מירטנבוים און דעם איילבוים; איך וועל פלאַנצן אין דער סטעפּע דעם ציפּרעס און דעם טענענבוים און דעם בוקסנבוים צוזאַמען.

יב) אום זיי זאָלן זען און ווייסן און אַריינטאָן זיך (אין זינען) און באַגרייפן צוזאַמען, אַז די האַנט פון גאָט האָט עס געטאָן, און דער הייליקער פון ישראל האָט עס באַשאַפן.

א) אָט איז מיין קנעכט, וועלכן איך וועל שטיצן; מיין אויסדערוויילטער. וועלכן מיין זעל באַגערט; איך האָב אַרויפגעגעבן מיין גייסט אויף אים; אַן אורטייל איבער די פעלקער וועט ער אַרויסלאָזן.

ב) ער וועט ניט שרייען און ער וועט ניט הילכן; און ער וועט ניט לאָזן הערן דרויסן זיין שטים.

ג) אַ צעשפּאָלטענעם שטעקן וועט ער ניט צעברעכן; אַ טונקעלן פלאַקס-קנויט וועט ער ניט פאַרלעשן; מיט וואַרהייט וועט ער אַן אורטייל אַרויסלאָזן.

ד) ער וועט ניט מיד ווערן און וועט ניט אָפּגעשוואַכט ווערן, ביז ער וועט ברענגען אויף דער ערד גערעכטיקייט; און אויף זיין לערע וואַרטן די אינזל-לענדער.

יידיש — יהואש.

אין שחיטה=שטאָט.

ח. נ. ביאַליק.

„... פון שטאָל און אײַזן, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש, — און קום!
קום גיי אין שחיטה=שטאָט, זאָלסט זען מיט דיינע אויגן,
זאָלסט אָנטאַפּן מיט דיינע אייגענע הענט
אויף צוימען, סלופּעס, טויערן און ווענט,
אויף שטיינער פון דער גאַס, אויף אַלע העלצער
דאָס שוואַרץ=פאַרטריקנט בלוט מיט די געהירן
פון דיינע ברידערס קעפּ און העלדזער.
און אומבלאָנדזשען זאָלסטו צווישן חורבות
דורך ווענט צעבראָכענע מיט אויסגע=קרימטע טירן,
פאַרביי צעשטירצטע אויוונס, האַלבע קוימענס,
אָנטבלויזטע שוואַרצע שטיינער, האַלב=פאַרברענטע ציגל,
ווו פייער, האַק און אײַזן האָבן געכטן
אויף דער בלוט=חתונה אַ ווילדן טאַנץ געשפּילט;
און קריך דורך בוידעמער, דורך לע=כעריקע דעכער,
און קוק זיך איין אין אַלע שוואַרצע לעכער —

דאָס זיינען אָפּ'גע, שוואַרצע, שטומע וואונדן'
וואָס וואַרטן מער אויף קיין רפואה אין דער וועלט...

אין גאַסן וועסטו גיין, מיט פעדערן פאַר=פלייצטע —
דו באָדסט זיך אין אַ טייך, אַ ווייסן טייך,
וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון מענטשנס בלוטיקן שווייס;
דו טרעטסט אויף גאַנצע בערג צעפּליקטע האָב=און=גוטס —
דאָס זיינען גאַנצע לעבנס, גאַנצע לעבנס,
צעבראָכענע אויף אייביק ווי אַ שאַרבן!
דו גייסט, דו לויפסט, דו פּלאָנטערסט זיך אין חורבן,
מעש, זילבער, פוטער, שמות, זייד און אַטלעס,
צעריסענע, צעפּליקטע אויף פּיך=פּיצלעך,
מיט פּיט צעטראָטענע שבתים, ימים=טובים, נדנס,
טליתים, תפלין, פּאַרמעט, שטיקער תורה,
יריעות הייליקע, קלאָר ווייסע וויקעלעך פון דיין נשמה,
זע, זע, זיי וויקלען זיך אַליין אַרום דיין פוס
און קושן דיר די טריט פון מיסט אַרויס
און ווישן אָפּ פון דיינע שיך דעם שטויב...—
דו לויפסט? צו ליכט און לופט אַנטלויפסטו?
אַנטלויף, אַנטלויף — דער הימל לאַכט אויס דיר!
די זון וועט דיר מיט שפּיזן אויסשטעכן די אויגן,
אַקאַציען, מיט פרישע גרינס=און=ווייס באַצויגן,
וועלן סמען דיך מיטן ריח פון בלוט און בליטן,
דיין קאָפּ מיט בלימעלעך און פעדערן באַשיטן,

און שטיקלעך גלאָז פון מיטן גאַס מיט טויזנט גלאַנצן
וועלן דיר אַנטקעגן אויף דיין בייז=וווּנדער טאַנצן...
דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשענקט אַ צווילינג:
אַ שחיטה מיט אַ פרילינג;
דער גאָרטן האָט געבליט, די זון געלויכטן—
און דער שוחט האָט געשאָכטן...
דער חלף האָט געגלאַנצט, און פון דער וווּנד
האָט בלוט מיט גאָלד געפליסט...
אַנטלויפסט? באַהאַלטסט זיך אין אַ הויף?— אומזיסט!
אָט איז אַ בערגל מיסט!
דאָ האָט מען צוויי געקעפט: אַ יידן מיט זיין הונט...
אין מיטן הויף האָט געפטן זיי איין האַק געקעפט,
און היינט האָט זיי אַהער איין שוויין פאַרשלעפט,
געשנאָרט, געגריבלט זיך אין זייער אויס=געמישטן בלוט.
שאַ, מאָרגן וועט אַ פרישער רעגן קומען
און אָפּשווענקען דאָס בלוט אין רינ=שטאָק, ס'זאָל ניט שרייען
צום הימל גוואַלד פון מיסט אַרויס; און אפשר
איז שוין דאָס איינגעזונקען אין דעם תהום דעם שטומען
און זויגט די דערנער אָן ביי אַ פלויט אַ קרומען,
און מאָרגן וועט די זון, ווי היינט, ווי נעכטן,
ווי אַלע טאָג, אַ ליכטיקע אַרויסג״יין
פון מזרח זייט, געמינערט ניט אַ האָר נישט,
און שאַ, און שטיל, און גלייך ווי גאָרנישט...

און ווילד, משוגע ווילד, פאַרקריכסטו אויף אַ בוידעם
און בלייבסט דאָרט שטיין אין פינסטער=ניש אַליין;
דו פילסט? דאָ שוועבט נאָך איצט אַרום דער טויט=שרעק
און פאָכעט מיט אַ קאַלטן שוואַרצן פליגל
און פרירט די וואָרצלען פון די האָר אין קאָפּ;
און דאָ און דאָרט, פון אַלע שוואַרצע לעכער —
זע אויגן, אויגן, שטומע אויגן קוקן...
דאָס קוקן די נשמות פון די קדושים,
פאַרוואָגלטע, פאַרשטויסענע נשמות,
וואָס האָבן זיך איינגעבעם דאָ אין ווינקל צונויפגעפרעסט דערשראָקענע — און שווייגן...
אָט דאָ האָט זיי די שאַרפע האַק געפונען
און אָט אַהערצו קומען זיי אַ קוק טאָן,
צום לעצטן מאָל אין זייערע שוואַרצ=אַפּלען
פאַרחתמענען פון זייער סוף דעם אָפּשיין,
די גאַנצע שרעק פון זייער טויט דעם ווילדן,
די גאַנצע תוכחה פון זייער וויסטן לעבן...
און ציטערנד, ווי טויבן פאַר דער שחיטה,
דאָ טוליען זיי זיך צו דעם דאַך איינגענעם
און קוקן לאַנג אויף דיר מיט שטומע אויגן,
וואָס מאָנען נאָר און פרעגן דיך אָן לשון
און טענהן שטומערהייט אַלץ יענע אַלטע טענה,
וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט דערגרייכט צום הימל
און וועט צום הימל קיינמאָל ניט דער=גרייכן:
„פאַר וואָס פאַר וואָס? און נאָכאַמאָל פאַר וואָס?...“

און דו פאַרדרייסט דעם קאָפּ — ניטאָ קיין הימל!
אַ דאַך, אַ שטומער דאַך, מיט שוואַרצע שינדלען;
אָט הענגט אַ שפּין — גיי, פרעג דעם גרינעם שפּין!
ער האָט געזען אַלצדינג, ער איז אַן עדות׳

איין לעבעדיקער עדות אויף דעם בוידעם,
לאָז ער זשע דיר דערציילן אַלע מעשיות:
אַ מעשה פון אַ בויך מיט פעדערן געפילט,
פון נאָזלעכער מיט נעגל, קעפּ מיט האַמערס,
פון מענטשן נאָכן קוילען קאָפּ־אַראָפּ, ווי געגנדז,
צום באַלקן פון דעם בוידעם אויפגעהאַנגען,
און פון אַ קינד אַן איינגעשלאָפנס מיט זיין מאַמעס
צעשפּאַלטענע און טויטע ברוסט אין מיילכן,
און נאָך אַ קינד אַ לעבעדיקס צעריסן,
איינעם מיט זיין לעצטן שריי אויף צווייען —
אַ האַלבער „מאַ...!" און „מאַמע" ניט געענדיקט...
און נאָך, און נאָך פיל מוראדיקע מעשיות,
וואָס לעכערן דיין קאָפּ, וואָס עקבערן דעם מוח
און טויטן דיר אויף אייביק דיין נשמה.
און דו דערשטיקסט אין קעל דיין ווילדן בריל
און שפּרינגסט אַראָפּ און לויפסט אַרויס אין גאַס —
און נאָכאַמאָל פאַר דיר אַ וועלט ווי נעכטן
און אומפאַרשעמט גיסט אויס די זון, ווי, תמיד,
פאַר יעדער שוועל, פאַר יעדער טיר איר שפּילליכט
און וואַרפט אַרויס איר גאָלד פאַר די חזירים...

און ווייטער, מענטש, קום ווייטער, כוועל דיר ווייזן
באַהעלטענישן — שטאַלן פון חזירים,
און זע מיט דיינע אויגן אַלע מיסטן,
ווו דיינע ברידער, חשמונאימס יורשים,
די אייניקלעך פון אייביקע קדושים,
אין יעדער לאָך צו דריי מנינים האָבן
אין יענעם שחיטה־טאָג זיך אויסבאַהאַלטן
און גרויס געמאַכט צווישן מיסט מיין נאָמען...
אַנטלאָפן, ווי די מייז, באַהאַלטן זיך, ווי וואַנצן,
און, ווי די הינט, געשטאָרבן... און צו מאָרגנס
איז פון זיין שטוב אַ זון אַרויס און האָט געפונען
אין מיסט זיין טאַטנס פגר... וואָס־זשע וויינסטו, מענטש?
צו וואָס פאַרדעקסטו מיט די הענט דיין פּנים? —
קריץ שטאַרקער מיט די ציין און פּלאַץ פאַר ווייטאָק!

איצט גיי אַראָפּ אין טאָל, דאָרט גרינט אַ גאָרטן,
אין גאָרטן שטייט אַ שטאַל, די טויטע שטאַל;
ווו איינגעשלאָפענע אויף זייערע קרבנות,
טויט־שכורע פון בלוט, וואַמפּירן ווילדע—
זע, ליגן דאָ אין שטאַל צווישן רעדער
צעבראָכענע, מיט בלוט און מאַרך פאַר־שפּריצטע,
מיט שפּיצן אָפענע און אויסגעשטרעקטע,
ווי פינגער מערדערשע צו עמיצנס אַ האַלדז.
וואַרט אויס, פאַרנאַכט, ווען פייערדיק און בלוטיק
וועט אונטערגיין אין מעריב־זייט די זון—
זאָלסטו זיך שטיל אַריינגנבען אין שטאַל—
און ווער פאַרפאַלן דאָרט אין תהום פון שרעק...
אַ שרעק, אַ שרעק! זי שוועבט דאָ אין דער לופטן,
זי רוט אויף אַלע ווענט, זי איז אַיינ־געפרעסט אין שטילקייט...
שאַ, הער זיך איין: סע רירן זיך די רעדער..
דאָס צאַפּלען דאָרט פון אונטן שטיקער אבֿרים,
זיי וואַרפן זיך אין אייגן בלוט און גוסן...
אַ שטילער קרעכץ, אַ כאָרכלען פון אַ האַלדז

אַ ניט דערקווילעטן, אַ לעצטער זיפץ,
אַ צוגעשטיקטער רוף, אַ קריץ פון ציין...—
דאָס אַלעס וואַלגערט זיך דאָ ערגעץ
אונטער רעדער,
און שלאָגט זיך אָן די שפּיצן, אָן די
העלצער,
און שפּאַרט זיך דורך פון לעכער און פון
שפּאַלטן,
און בלייבט פאַרגליווערט הענגען אין
דער לופטן,
אַ שוואַרצע חופּה אויף דיין קראַנקן קאָפּ.
אַ ווײ, אַ שטומער ווײ, אַ צער, אַ גרויסער
צער ...
יסורים שטומע פּלאַטערן ... שאַ, שטילער,
ס'איז נאָך דאָ עמיצער מיט דיר, ער
בלאָנדזשעט
מיט צוגעמאַכטע אויגן אין דער פינסטער,
פאַרטיפט אין אָפּגרונטן פון גרויסן אומעט,
שטרעקט אויס פאַר זיך צוויי דאַרע הענט
צום שוואַרצן
מיט שטומע אַנגסטן אָנגעפילטן חלל
און טאַפּט דאָס פינסטערניש מיט בלינדע
פינגער,
ניט זוכנדיק קיין אויסוועג פאַר זיין
טרויער—
ס'איז ער, ס'איז ער אַליין, דער גרויסער
שמערץ=גייסט,
וואָס האָט זיך זעלבסט פאַרשלאָסן דאָ
אין תּפיסה
און אָן רחמנות זיך אַליין פאַרמשפּט
אויף אייביקע, אויף גרויסע שטומע ליידן;
און ערגעץ דאָ אין שטאַל, אַרום אײַך
ביידן,
איז בע=ונד, און שוועבט אַרום און רוט
ניט,
און קאָן פאַר זיך קיין ווינקל ניט געפינען,
אַ מידע, אַ טויט=מידע, שוואַרצע שכינה.
האַרץ=רייסנד! וויינען וויל זי — און זי
קאָן ניט,
כאָטש איין געשריי טאָן—און זי שווייגט...
שטיל וואַרגט זי זיך מיט אירע טרערן,
פאַרשפּרייט די פליגל איבער די קדושים,
פאַרלייגט דעם קאָפּ אַרונטער און פאַר=
גייט זיך
און וויינט, און וויינט אין זיך אָן לשון...

— — — — — — — — — — —

שאַ, גיי פּאַמעלעך צו, פאַרשליס די טיר
און אויג=אויף=אויג בלייב איבער דאָ
מיט איר.
און לאָז זיך אָנזאַפּן אויף אייביק דיין
נשמה
מיט אירע שטילע, ברענענדיקע ליידן;
און ווען אין דיר וועט אַלעס אָפּשטאַרבן
און שווייגן —
נעם ריר זיי אָן — זיי וועלן אויפלעבן
און ריידן.
און גיי אַוועק, צעטראָג זיי אין דיין שויס
אין אַלע עקן פון דער גאַנצער וועלט
און זוך, נאָר ניט געפין פאַר זיי קיין
נאָמען ...

איצט גיי אַרויס פון שטאָט, ווען קיינער
זעט ניט,
און שלייך זיך שטיל, פּאַמעלעך צום
בית=עלמין,
און שטעל זיך אויף די פרישע קדושימס
קברים,
און שטיי, און קוק, און לאָז אַראָפּ די
ברעמען —
און ווער פאַרשטיינערט!
דיין האַרץ זאָל אויסגיין, חלשן אַ טרער—
נאָר טרוקן, ווי אַ שטיין אין מדבר,
בלייבט דיין אויג;
און שרייען וועסטו וועלן, רייסן קברים,
און ברילן ווי אַן אָקס צום שחיטה=
באַנק געבונדן —
נאָר שטום ווי די מצבות, בלייבסטו שטיין.
נעם קוק זיי אָן, דאָ זיינען זיי די קדושים,
דאָ ליגן זיי געשחטענע, ווי קעלבער,
און האָטט פאַר זיי קיין טרער, ווי איך—
קיין לוין ...
איך בין אַהער געקומען, טויטע ביינער!
ביי אײַך מחילה בעטן: זייט מיר מוחל,
זייט מוחל אײַער גאָט, איר אייביקע פאַר=
שעמטע,

פאַר אַייער ביטער פינסטער לעבן זייט מיר מוחל,
פאַר אַייער צען מאָל ביטערן, פינסטערן טויט.
אַז איר וועט קומען מאָרגן אונטער מיינע טירן
און אָנקלאַפן ביי מיר און מאָנען לוין —
וועל איך אַייך עפענען, קומט זעט — איך האָב נישט!
אַ גאָטס רחמנות איז אויף אַייך — נאָר כ׳האָב נישט!
אַ יורד בין איך, גלייך מיט אַייך פאַר־אָרעמט...
און וויי, און ווונד, און וויי איז אַלע וועלטן!
און לאָזן אַלע הימלען ברומען פאַר רחמנות! —
אַ זעלכע קרבנות — און אומזיסטע!
אומזיסט אַזוי געלעבט, אַזוי געשטאָרבן,
ניט וויסנדיק צו וואָס, פאַר וואָס, פאַר וועם?
אין וואָלקן אַיינגעהילט איר קאָפּ, וועט אייביק
מיין אַלטע שכינה וויינען שטיל פאַר בושה,
און נאַכט אויף נאַכט וועל איך אַראָפּ פון הימל
באַוויינען זיך אויף אַייער קבר...
די שאַנד איז זייער גרויס, און זייער גרויס דער ווייטאָק —
און וואָס איז גרעסער? — זאָג שוין דו, בן־אדם!
ציין, שווייג בעסער, און זיי אַ שטומער עדות,
אַז דו האָסט מיך אין אָרעמקייט געפונען
און צוגעזען מיין עלנד און מיין טרויער.
און גייענדיק צוריק — נעם מיט, בן־אדם,
אַ טייל פון צער מיינעם, פון שטילן ווייטאָק,
און מיש אים אויס מיט צאָרן־גיפט און וואַרף אים
אין שויס פון די נאָך־לעבעדיקע מתים...

ווילסט גיין צוריק — פאַרקוקסטו זיך אויף גרעזלעך —
אַ פרישע יונגע בשורה פון אַ פרילינג
פילט אָן דיין האַרץ, באַהויכט דיר דיינע אויגן
מיט שטילן באַנג נאָך וויטן, נייען לעבן, —
ס׳איז קברים־גראָז, סע שמעקט מיט טויט, בן־אדם!...
רייס אויס אַ הויפן גראָז, פאַרוואַרף דאָס הינטער זיך
און זאָג דערביי, צומאַכנדיק די אויגן:
„מיין פאָלק איז אָפּגעריסן גראָז — צי קאָן דען
אַן אָפּגעריסענעס נאָך לעבן״?...
און קוק זיך מער ניט אום — אַנטלויף פונדאַנען,
צו די נאָך־לעבעדיקע לויף, ס׳איז היינט אַ תענית,
און פאַל אַריין צו זיי אין שול, און ווער פאַרפאַלן
אין זייער ברענענדיקן ים פון טרערן...
דו הערסט? יללות, ווילדע שרעקלעכע יללות,
דורך מיילער אָפענע, דורך ציין פאַר־קלעמטע,
צערייסן זיך אויף טויזנט לעבעדיקע שטיקער,
פאַרמישן זיך און גיסן זיך צונויף
אין איין פאַרצווייפלטן און מוראדיקן יאָמער,
וואָס וואַרפט זיך, ווי אַ קראַנקער אין דער לופטן
אויף קעפּ, פאַרריסענע צום פייכטן באַלקן,
אויף פנימער פאַר ווייטאָק אויסגעקרימ־טע... —
אַ גרויל, אַ גרויל! אַ פראָסט נעמט דורך דיין לייב!
אַזוי קלאָגט נאָר אַ פאָלק, וואָס איז פאַרלוירן,
וואָס אַש און רויך איז זיין נשמה, און אַ מדבר,
אַ וויסטער מדבר, איז זיין האַרץ געוואָרן.
קיין אייציק גרעזל האַס, קיין קערנדל נקמה!

דו הערסט? זיי קלאַפּן זיך אין ברוסט „אשמנו“!
זיי בעטן, איך זאָל זיי די זינד פאַרגעבן...
צי זינדיקט דען אַ שאָטן אויף די ווענט —
אַ שאַרבן אַ צעבראָכענער, אַ טויטער וואָרעם? —
וואָס בעטן זיי? וואָס שטרעקן זיי די הענט?
אַ פּויסט ווו איז? ווו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָפּרעכנען פאַר אַלע דורות,
און אײַנלייגן די וועלט, צערייסן הימלען,
מײַן שטול, מײַן כּסא־כּבוד, איבערקערן!..
— — — — — — — —
— — — — — — — —
— — — — — — — —

און הער בן־אדם!
צעשרייט דער חזן זיך בײַם עמוד:
„טו, גאָט, פאַר די געשאָכטענע קרבּנות!
פאַר די צדיקים טו, פאַר פרומע זקנים?
פאַר זויגנדיקע קינדער טו, פאַר פּיצלעך קינדער“!
און נאָכשרייען מיט קולי־קולות וועט דער עולם,
אַזוי, אַז אַלע ווענט און זײַלן פון דעם הויז
מיט דיר אינײַנעם וועלן ציטערן פאַר פּחד —
וועל איך אויף דיר אַן אַכזר זײַן, אַ גרויסער אַכזר —
מיט זיי וועסטו בײַ מיר ניט וויינען!
און הייבט זיך אויף אין דיר אַ בריל און רײַסט זיך —
דערשטיק איך אים צווישן דײַנע ציין!
דו זאָלסט דאָס אומגליק ניט ווי זיי פאַרשוועכן,
פאַרבלײַבן זאָל דאָס אומבאַקלאָגט לדורות...
און דײַן ניט־אויסגעווייניטע טרער באַגראָב אין זיך,
אין האַרצן טיף פאַרמויער זי, בוי אויס דאָרט

פון האַס, פון גרימצאָרן און גאַל פאַר איר אַ פעסטונג,
און לאָז זי וואַקסן דאָרט אַ שלאַנג אין נעסט,
און זויגן זאָלט איר איינער פון דעם צווייטן,
און תּמיד בלײַבן הונגעריק און דאָרשטיק,
און ווען אַ בייזער יום־הדין וועט קומען —
צעברעך דײַן האַרץ, באַפרײַ די בייזע שלאַנג!
און לאָז זי אָפּ ווי אַ פאַרסמטע פײַל,
טויט־הונגעריק מיט ברענענדיקן גיפט,
אין מיטן האַרצן פון דײַן אייגן פאָלק...

און מאָרגן גיי אַרויס אין גאַס, בן־אדם,
און זע: אַ מאַרק, אַ מאַרק פון לעבעדיקן בראָכוואַרג!
דערשלאָגענע, האַלב־טויטע מענטשן־ווערעם,
צעבראָכענע און אויסגעקרימטע רוקנס,
פאַרוויקלטע אין שמאַטעס, הויט און ביינער
מיט קינדער וויסטע קאַליקעס, מיט ווײַבער
צום טויט פאַרמאַטערטע און אײַנגעדאַרטע,
אַ היישעריק, סוף־זומערדיקע פליגן,
באַפאַלן טיר און טויער, אַלע פענסטער,
באַלאַגערן די שוועלן פון די הײַזער
און שטרעקן אויס, געלערנטע צו בעטלען, קרומע הענט
מיט אויפגעדעקטע אײַטעריקע ווונדן,
און יעדער שרײַט אויס זײַן פּעקל סחורה,
פאַררײַסנדיק די לויזע אויגן צו די פענסטער,
ווי קנעכט, ווי הינט געשלאָגענע צום באַלעבאָס:
אַ גראָשן פאַר אַ ווונד, אַ גראָשן פאַר אַ ווונד!
אַ גראָשן פאַר אַ טאָכטער אַ געשענדטע!
אַ גראָשן פאַר אַן אַלטן טאַטנס טויט
און פאַר אַ יונגן חופּה־זון אַ קדיש!

צום בית־הקברות מיט די טאָרבעס, שלעפּער!

אַהינצו גייט, גראָבט אויס די ווייסע
ביינער
פון אײַערע קדושימס פרישע קברים,
שטאָפּט אָן די טאָרבעס, יעדערער זיין
טאָרבע,
און לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין, און
שלעפּט זיך
פון שטאָט צו שטאָט, ווו ערגעץ אַ יריד,
און אונטער אַלע פרעמדע הויכע פענ-
סטער
זינגט הייזעריקע בעטלערשע נגונים,
און רחמים בעט, און שנאָרעט אויס, און
שווינדלט,
ווי ביז אַהער, מיט אײַער פלייש און ביין.
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

און איצט געגוג, אַנטלויף, דו מענטש,
אַנטלויף אויף אייביק!
אין וויסטן מדבר לויף — און ווער משוגע!
צערייס אויף טויזנט שטיקער דיין נשמה
און וואַרף אַרויס דיין האַרץ פאַר ווילדע
הינט;
און לאָז דיין טרער אַראָפּפאַלן אויף
הייסע שטיינער
און דיין געשריי זאָל אײַנשלינגען דער
שטורעם...

ח. נ. ביאליק.

דאָס לעצטע וואָרט

(נביאיש):

איך בין צו אײַך פון גאָט געשיקט:
ער האָט געזען איר ווערט דערשטיקט;
ער האָט געזען, איר פוילט און פאַלט,
איר ווערט פון טאָג צו טאָג מער אַלט;
און אָפּגעלאָזט האָט זיך די האַנט
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט —
און גאָט האָט זיך אין אײַך דערמאָנט,
און ער האָט מיך צו אײַך געבראַכט.

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו שווער דער יאָך — איך קאָן ניט מער!..
גיי רייס פון זייער האַרץ אַן „אוי“!
שיס אויס פון זייער אויג אַ טרער!
און שווער זאָל זיין די טרער און ביטער
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אַזוי — די ערד זאָל טאָן אַ ציטער
און אָפּטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס“.

איך האָב געפאָלגט און בין געגאַנגען,
מיין וועג איז פול געוועז מיט שטיינער;
באָר אייך געפיל און אייך פאַרלאַנגען
האָט טיף געגליט אין מיינע ביינער;
איך האָב געפילט, איר זייט באַ שלאַנגען...
און מיט אײַך, ביי אײַך—קיינער, קיינער...
מיך האָט געטריבן אײַער ווייטיק,
איך האָב געמיינט מיין הילף איז נייטיק.
איך בין געשטראָפט פון גאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרענקט פאַר
יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדן שמאַרץ
און ווערט פאַרברענט פון יעדנס גיהנם...
איך האָב געהערט, עס איז אײַך שווער,
האָב איך געמיינט, איר פילט און ווייסט
און וואַרגט זיך שטיל מיט אײַער טרער
און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט,—
און טייער זיינען די מינוטן...
„איך גיי, איך קום — כ׳וועל היילן ווונדן,
מיט אײַך איינעם וועל איך בלוטן,
און ווו מע דאַרף, וועל איך פאַרבינדן,
און ווו מע מוז, וועל איך אָפּלעקן
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אײַער ווונד.
כ׳וועל טרייסטן, בעטן, וויינען, וועקן —
און וועל ניט לאָזן גיין צו גרונד!
איך גיי, איך קום — איך טראָג אַ טרייסט,

איך טראָג אַ בשורה פון נחמה;
איך בין געבענטשט פון גאָט מיט גייסט —
אַייך וועל איך שענקען מיין נשמה...
איך בין פון גאָט מיט מוט באַשמידט,
וואָס רייסט אויס בערג און ווערט ניט מיד,
וואָס לאָזט מיין רוקן זיך ניט בויגן
און קוקט דעם בייז גלייך אין די אויגן;
און גאָט האָט מיר געשענקט אַ צונג,
אַ שאַרפן, ווי אַ שאַרפן קלונג, —
אויב איר זיינט שטיין—איז זי אַן אייזן,
אויב איר זיינט אייזן—איז זי שטאָל...
איך קום, איך וועל זיך נאָר באַווייזן—
און איר וועט אויפשטיין מיט אַמאָל!"...
איצט שטיי איך אונטער אייער טיר —
און אָפּגענומען איז מיין לשון;
עס הענגט אַ שווערע נאַכט אויף מיר—
מיין פונק, מיין ליכט איז אויסגעלאָשן.
מיך האָט באַגעגנט שפּאָט און שאַנד,
איר האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט—
און אָפּגעשטויסן איז גאָטס האַנט
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט...

איך האָב שוין מער קיין שפּראַך פאַר
אַייך —
פאַר אַייך איז פרעמד און טויט גאָטס
שפּראַך.
איך האָב געזאָגט איין וואָרט—האָט דאָס
דער ווינט פאַרטראָגן מיט איין בלאָז;
נאָך איינס האָב איך געזאָגט—איז דאָס
געפאַלן, ווי אַ פונק, אויף גראָז —
נאָר טרוקן איז געווען דאָס גראָז
און אויסגעברענט האָט דאָס מיט רעש
און ס'איז דערפון געוואָרן אַש.
האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ קול—
האָט דאָס געטראָפן ווי אַ קויל
און ווי אַ דונער דורכגעלאָפן
אין מיטן שיינעם, העלן טאָג
און גלייך אין האַרצן אייך געטראָפן—
און אויסגעבראָכן האָט די קלאָג!
און אויסגעשאָסן האָט די טרער! —
נאָר, ווי מיר! פאַלש איז אייער ג'וויין!
ניט קיינער, קיינער גלויבט אים מער.
ניט גאָט, ניט איך, ניט איר אַליין...

בין איך צו אייך אין שמוץ געקראָכן
און אַלע קליידער איינגעריכט,
כ'האָב מיט די הענט פאַר אייך געבראָכן
און הילף ביי אייך פאַר אייך געזוכט...
נאָר קיינער קומט צו הילף ניט, קיינער,
און איך בין איינער, איינער, איינער...
מיין תפילה האָט געהערט די וואַנט,
איר האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט;
און אָפּגעשטויסן איז גאָטס האַנט
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט!...

נאָר ווייסט, איר אומגליקלעכע ווייסט—
איך האָב ניט מער פאַר אייך קיין טרייסט...
איך האָב אַ וואָרט אַ שרעקלעך וואָרט,
וואָס וועט אייך הויבן פון דעם אָרט;
וואָס וועט דאָס ליכט אייך מאַכן שוואַרץ
און וועט פאַרסמען אייך דאָס האַרץ,
אין מויל פאַרגיפטן אייך דעם ביסן
און ביטער מאַכן אייך דאָס ברויט,
דאָס לעבן וועט דאָס אייך פאַרמיאוסן
און וועט ניט געבן אייך דעם טויט...
ניטאָ פאַר אייך קיין וואָרט נחמה!
איך האָב פאַרברענט שוין מיין נשמה
און האָב מיין בונט מיט אייך צעריסן...
צעבראָכן ליגט אין דר'ערד מיין מוט—
איך וועל אויף אייך מיין גאַל אויסגיסן
און וועל באַשפּייען אייך מיט בלוט...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„דאָס לעצטע מאָל שריי אויס אַן „אוי"!
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטן מאָל.
אַז ציטערן זאָל באַרג און טאָל;
און נעם זיך אָן מיט גאַל און זאָג:
הערט, טויבע, הערט!
עס גייט אַ טאָג,
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט באַגיסן—
נאָר איר אַליין וועט בלייבן קנעכט
און וועט קיין טראָפּן ליכט געניסן...
און בלינדערהייט, מיט זין און טעכטער,

וועט איר אַרומלויפן פאַרסמט
אַהין, אַהער, פאַר טויזנט מייל,
און בעטן, חלשן אַ שטראַל ...
נאָר אייך באַגעגנט אַ געלעכטער,
וווהין איר קומט, האָט איר פאַרזאַמט"...

איך שליס אויף אוצרות לעבן, מאַכט,
און ימים פרייד וועל איך צעגיבן —
נאָר איר אַליין וועט זיין פאַרשמאַכט
און אייער קוואַל וועל איך באַטריבן;
און טרוקענע, מיט זין און טעכטער,
וועט איר אין פרעמדע טירן קלאַפּן,
מיטן פּנים צו דער ערד צופאַלן
און איבער פרעמדע קוואַלן קניען
און דאָרשטיק אייער האַלדז אויסציען
און בעטן, חלשן — אַ טראָפּן ...
נאָר אייך באַגעגנט אַ געלעכטער,
פאַר אייך פאַרשלאָסן אַלע קוואַלן.

איך שיק אַראָפּ אַ מילדן גייסט,
וואָס פרישט ווי טוי פון גאָט און ווייזט
אַ נייעם וועג צו נייע הימלען —
נאָר איר וועט טרוקן זיין, ווי שטרוי,
און ניט אויף אייך וועט פאַלן טוי,
איר?—איר וועט אייביק פוילן, שימלען.
און אויב ס'איז נאָך פון פרי'ר געבליבן
אַ פונק פון גייסט, געפיל און גלויבן,
אַן ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרער — —
וועל איך דאָס איינציקווייז אָפּרויבן.
און אייער האַרץ וועט בלייבן לער
אָן טעם, אָן ריח, אָן לייב און לעבן ...

און וויסט וועט ווערן אייער צעלט,
און אומשלעפן וועט איר זיך מידע,
ווילד־פרעמדע אויף אַ פרעמדער וועלט
און בעטלער אויף אַ רייכער סעודה,
און שטייענדיק ביי פרעמדע שוועלן,
וועט איר די וווּנדן זיך אויפּדז׳עקן
און וועט פאַר פרעמדע זיי אויסשטעלן,
אַ ציטערדיקע האַנט אויסשטרעקן
און בעטן הילף אויף בעטלער־לשון —
נאָר אויסבעטלען וועט איר פאַר געלט,
און לעבן וועט איר פאַר אַ גראָשן...

און שווער וועט אייך דאָס לעבן ווערן—
אַ לאַנגע נאַכט און ניט איין שטערן...
און אייער קרעכץ פאַרטראָגט דער ווינט
און אייער קול וויל גאָט ניט הערן...
און שרעקלעך גרויס וועט זיין די נויט,
ווי גרויס און שרעקלעך איז די זינד;
און איר וועט חלשן דעם טויט
און בענקען וועט איר נאָכן לעבן...
נאָר גאָט וועט אייך ניט ביידע געבן...
און שרעקלעך ווי וועט זיין דער שמאַרץ...
אַפילו אייער אייגן האַרץ
וועט אייער אייגן מויל ניט גלויבן...
איר וועט זיך פּרוּוון הויבן, הויבן —
אַן אָטעם טאָן—און וועט ניט קענען.
דאָס איז אַ קבר, נאָר באַגראָבן
זיינט איר דאָרט לעבעדיקערהייט...
דאָס איז אַ פייערדיקער גיהנם,
וואָס וועט קיין ענדע קיין מאָל האָבן—
נאָר ס'איז אַ גיהנם אָן אַ טויט...

און גאָט זאָגט מיר:
„איצט גיי אַראָפּ
צום טעפּערס הויז און קויף אַ טאָפּ,
און טו אַ וואָרף, און זאָג דערביי
שטאַרק הויך, אַז יעדערער זאָל הערן:
„אַזוי וועט איר צעבראָכן ווערן!"
און רייד ניט מער, ניט וויין, ניט שריי,
בויג אָן דעם קאָפּ און ווער פאַרשטומט —
עס גייט דער טאָג, ער קומט, ער קומט"...

ח. נ. ביאַליק.

סאַטירע און איראָניע.

די פרומע קאַץ.

דריי זינגפויגעלעך זיינען געווען אין איין שטוב, און אַלע דריי, איינס נאָכן צווייטן — האָט די קאַץ צורעכטגעמאַכט...

עס איז קיין איינפאַכע קאַץ נישט געווען, נאָר אַן אמת, אמת פרומע נשמה, וואָס האָט נישט אומזיסט געטראָגן די ווייסע גוט-יידישע יופּע און געהאַט אייגעלעך, אין וועלכע דער הימל האָט זיך געשפּיגלט...

עס איז אַ פרומע קאַץ, אַ טבילה-קאַץ געווען! צען מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן, און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זייט, אין אַ ווינקעלע...

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געכאַפּט וואָס עס איז מילעכדיקס, און ערשט, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי געגעסן פליייש, כשר מויזן-פליייש...

און נישט געאײַלט זיך צו דער אַכילה, ווי אַ גראָבע זאַך. נישט געכאַפּט און געשלונגען, ווי פּרעסער טוען; נאָר בנעימות, שפּילנדיק... זאָל דאָס מייזל לעבן נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע... זאָל עס אַביסל אַרומטאַנצן, אָפּציטערן, וידוי זאָגן, — אַ פרומע קאַץ כאַפּט נישט...

אַז מע האָט אין שטוב אַריין דעם ערשטן זינגפויגל געבראַכט, האָט זי אויף אים באַלד רחמנות באַקומען; עס האָט זי ביים האַרץ אָנגעכאַפּט.

— אַזאַ שיינס, — זיפצט זי, — אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיהדיק פייגעלע זאָל קיין עולם הבא נישט האָבן!

— און עס קען קיין עולם הבא נישט האָבן! — איז זיכער די קאַץ.

ערשטנס, וואַשט זיך עס דייטשעריש מיטן גאַנצן לייב אין שיסעלע וואַסער...

צווייטנס, אַז מע האָט עס איינגעזעצט אין שטייג, איז עס שוין אַ חיה רעה, כאַטש אַ יונג, זיס און פיין זינגפייגעלע... האַלט עס שוין מער פון דינאַמיט, ווי פון שולחן-ערוך!

הייבט דאָס זינגען אַליין! דאָס אויסגעלאַסענע זינגען, דאָס צופייפן און דאָס קוקן גלייך אָן אַ שום דרך-ארץ אין הימל אַריין! דאָס רייסן זיך אַרויס פון שטייג צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פרייער לופט, צום אָפענעם פענסטער...

צו איז נאָך אַמאָל אַ קאַץ אין אַ שטייג געזעסן? צו האָט נאָך אַמאָל אַ פרומע קאַץ אַזוי געפּיפן, אַזוי זמרי-בן-סלואדיק געפּיפן?

— און אַ שאָד! — וויינט דאָס פרומע האַרץ אין דער פרומער קאַץ, — עס איז דאָך אַ לעבעדיקע זאַך, אַ טייערע נשמה, אַ פונק פון דער הויך!

דער קאַץ קומען טרערן אין די אויגן:

— און דאָס גאַנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גוף איז אַזוי שיין, דער עולם-הזה דעריבער — אַזוי גלוסטיק, דער יצר-הרע אַזוי שטאַרק...

ווי קען אַזאַ קליין זיס פייגעלע זיך אַנטקעגנשטעלן דעם שרעקלעכן גרויסן יצר-הרע?

און וואָס מער עס לעבט, מער זינדיקט עס, גרעסער וועט זיין די שטראָף... האַ!

און אַ הייליק פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קאַץ, דאָס פייער פון פּנחס

בן אליעזר בן אַהרן הכהן... און זי איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש, ווו די שטייג מיטן זינג־פייגעלע איז געשטאַנען, און —

עס פליען שוין פעדערן אין צימער...

מע האָט די קאַץ געשלאָגן ... די שלעג נעמט זי אָן פאַר ליב... זי האָט פרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַוטשעט אַ יאָמערלעכן על חטא...

מער וועט זי שוין נישט זינדיקן...

די קלוגע קאַץ פאַרשטייט, פאַר וואָס מע האָט זי געשלאָגן. מער וועט זי אויף קיין שלעג נישט פאַרדינען...

— מע האָט זי געשלאָגן, — פאַרשטייט די קאַץ, — דערפאַר, ווייל זי האָט פאַרפעדערט די שטוב, ווייל אויפן ווייסן געשטיקטן טישטוך זיינען געבליבן פלעקן פון בלוט ...

אַזאַ פּסק מוז מען מקיים זיין גוט, שטיל און פרום, עס זאָל קיין פעדער נישט פליען, קיין טראָפּן בלוט נישט פאַלן ...

און — אַז מע האָט דעם צווייטן זינגפויגל געקויפט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי אים שוין שטיל און פיין דערוואָרגן און מיט די פעדערן צוזאַמען איינגעשלונגען...

מע האָט די קאַץ געשמיסן ...

אַצונד האָט ערשט די קאַץ פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן פעדערן גייט עס, נישט וועגן פלעקן פון בלוט אויפן טישטוך...

דער סוד איז, אַז מע טאָר נישט טויטן! אַז מע דאַרף ליב האָבן, מוחל זיין, אַז נישט מיט אַרבע מיתות בית־דין *) פאַרבעסערט מען די זינדיקע וועלט!

מע דאַרף מחזיר למוטב זיין **), מוסר זאָגן, צום האַרץ ריידן!

אַ קאַנאַריק אַ בעל־תשובה קען קומען צון אַזאַ מדרגה, צו וועלכער די פרומסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכן!

און די קאַץ דערפילט, ווי עס וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פאַר פרייד!

אויס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צייטן! אויס בלוט פאַרגיסן!

רחמנות, רחמנות, און נאָכאַמאָל רחמנות ...

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטן קאַנאַריק!

— שרעק דיך נישט, — מאַכט זי מיט דער ווייכסטער שטימע, וואָס איז אַמאָל אַרויס פון אַ קאַציקן האַלדז, — זינדיק ביסטו דו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן, ווייל איך האָב רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אַפילו די שטייג נישט עפענען, איך וועל דיך אַפילו נישט אָנרירן!

דו שוויגסט? — זייער גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגען, איז גלייכער שווייגן!

דו צאַפּלסט? — נאָך בעסער! צאַפּל, צאַפּל, מיין קינד, נאָר נישט פאַר מיר, פאַרן בורא עולם צאַפּל, פאַר זיין ליבן נאָמען!

---

*) די פיר אַרטן פון טויט־שטראָף, וואָס האָבן עקסיסטירט ביי די יידן אין פאַלעסטינע (פאַר־שטיינען, פאַרברענען, דערהרגענען און דערוואָרגן).

**) אומקערן צו גוטן, אַרויפפירן אויף אַ גוטן וועג.

הלואי זאָ'סטו שוין אַזוי בלייבן — שטיל, ריין און צאַפּלדיק...

איך וועל דיר העלפן צאַפּלען! פון מיין פרומער נשמה וועל איך הויכן אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מיין הויך זאָל אַריין אמונה אין דיין לייב, יראת שמים אין דיינע ביינדעלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערצעלע!

און די קאַץ פילט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי אַ פרייד עס איז יענעם אַריינצובלאָזן מיטן הויך פרומקייט און ערלעכקייט...

און עס וואַקסט דאָס פרימסטע האַרץ אין דער פרימסטער ווייסער קאַץ —
נאָר דער קאַנאַריק קען אין דער קאַצן-לופט נישט עטעמען —
עס האָט אים דערשטיקט!

י. ל. פּרץ.

די נאַכטוועכטער.

אַ נאַכט—אַ מחיה! דאָס נעבכל איז טייער!
נאָר היט אַייך פאַר פייער! היט אַייך פאַר פייער!
נאָר נישט געקאָכט און געזאָטן!
פאַרשליסט נאָך די פענסטער און טירן און טויערן,
פאַרמאַכט נאָך די אויגן, פאַרשטאָפּט אַייך די אויערן,
און שנאָרכט אַייך, ווי גאָט האָט געבאָטן!

און קענט איר נישט שלאָפן, נו, ליגט כאָטש באַריט!
און הערט זיך שטיל אַיין ווי די פלעדער-מויז פליט.
ווי שטיל, און ווי האַרציק און טייער!
און הערט איר גערוישן, געשרייען, געלעכטער,
צי קללות — זייט רויִק, מיר זיינען די וועכטער!
און היטן אַייך אַלע פאַר פייער!

פאַרשאָלטן זאָל ווערן ווער ס'רירט זיך און גייט
און צינדט אָן אַ פייער, צו רירט די טראָמפּייט
צום בלאָזן, צום וועקן ביינאַכט!
מע וועט אין גהינום די לייבער זיי דרעשן!
און דאָ וועל' מיר לעשן און לעשן און לעשן.
געטריי וועל' מיר דינען דער נאַכט.

שלאָפט אַיין! מיר דאַוונען, מיר בעטן און קניען
פאַר גאָט! דער רבונו של עולם זאָל ציען
אַ וואָלקן אויף אַייך ווי אַ בליי!
אַ וואָלקן אַ שוואַרצן! אָ, גאָט וועט אונדז הערן,
ער וועט נאָך פאַרלעשן לבנה און שטערן,
און דעמאָלט — ווי אָטעמט זיך פריי!

און מיר וועלן רופן נאָך פעסטער, געטרייער;
היט אַייך פאַר פייער! היט אַייך פאַר פייער!
שאַ, קיין גערויש, קיין געלעכטער!
קיין ליכטל אין מוח, קיין פלעמל אין האַרץ!
פרום זאָל זיין! רויִק און טויטלעך און שוואַרץ!

מיר זיינען, מיר זיינען די וועכטער!

י. ל. פּרץ.

מָשִׁיחַס=צַייטֶן.

אַז משיח וועט קומען, וועלן אַלע יידן אַרומגיין לעטניע, אין לאַנגע טלית=
קטנס און וועלן האָבן דעם גרויסן נחת=רוח פון דער וועלט. בולקעס וועלן וואַקסן,
טייערע קוכנס און שטרודלען וועט מען אָפּשניידן פון בוים. אַווו מע טוט אַ קוק,
רינט מילך און האָניק, און פירות פונם גן=עדן ליגן פאַר יעדער שטוב הויפנסווייז.
פ׳יש קומען אָן פאַרטיק געקאָכט און לייגן זיך אַנידער אויפן טיש. געגנדז און אינדי=
קעס זיינען דאָ אָן אַ שעור און קאָסטן גאָרניט. טייערע ווייַנען און בוימלען גיסן
זיך אין אַלע הייזער. און אַלץ קומט אַליין צום מענטשן, ווי דער שלָו און דער מָן...
איטלעכן טאָג איז סעודת שלמה בשעתו *), און ס׳ווערט צוגעשפּילט צו דער יויך,
ווי אויף אַ חתונה. איטלעכער ייד פאָרט אַרויס ווי אַ קיסר מיט ברענענדיקע פערד
און מיט אַ בריטשקע. די ווייבער גייען אָנגעטאָן אין סאַמעט און אין זיידנס מיט
צירונג און מיט העלדזער פערל, אַז עס בלישטשעט; און אַווו מע טוט אַ קוק, איז
לויטער תענוג. די זון שיינט תמיד, מע זעט קיינמאָל ניט קיין כמאַרע. ס׳איז ניטאָ
קיין ווינטער, קיין זאַווערוכע, און מ׳שלאָפט בייטאָג מיט אַזאַ מין מתיקות; איטלע=
כער מענטש איז געבעט אַזוי ווייך און מ׳איז צוגעדעקט מיט זיידענע קאָלדרעס. אויף
יעדן ווונק קומען צען משרתים און עבדים ושפחות, וואָס טראָגן אַלץ צו און באַ=
דינען איטלעכן יידן, ווי מ׳באַדינט אַ שררה. און גאָלד און אַבנים טובות שטייען אין
פעסלעך, אָבער נאָר צום פאַרגעניגן, וואָרום קויפן טאָר מען ניט, — ווער שמועסט
האָרעווען, צו גאָר טאָן אַ מלאָכה. ס׳גאָר ניט קיין חלוק צווישן אַן אָרעמאַן און
אַ נגיד, צווישן דעם פּראָסטן עולם און די איידעלע. איטלעכער ייד איז אַזוי רייך,
ווי דער אַנדערער. נאָר די הייזער זיינען פאַרשיידן וועדלוג איטלעכנס גוסט. אַלע
שטעט זיינען ווי גערטנער. און מ׳איז פריילעך און בניחה דעתיה **), ווי אום שבת
זומער בשנת שובע ומבורכת ***). פאַר אַלע גזרות רעות און הריגות, וואָס יידן האָבן
געהאַט צו ליידן אין גלות, ווערט איצונד באַצאָלט; פאַר יעדער יידישער טרער, וואָס
איז פאַרגאָסן געוואָרן, וועט מען קריגן אַ זאַק מאַנדלען. און מיאוסקייטן וועט מען
גאָרניט זען — איטלעכער ייד וועט האָבן אַ שיין פנים, און די נקבות וועלן זיין לויטער
בת=מלכהס און פרינצעסינען; און זיי וועלן זיין תמיד יונג און ליכטיק און אויסגע=
פוצט. און דער צער פון קינדער האָבן וועט גאָר גאָרניט מער זיין, און קיין שלאַפ=
קייט, קיין קראַנקייט. אַלע וועלן זיין פריש און געזונט און לעבעדיק. אַי, וועט דאָס
דעמאָלט זיין גוט צו לעבן און צוצוזען, ווי דער אייבערשטער האָט אַלץ מקיים גע=
ווען, וואָס ער האָט צוגעזאָגט! און שפּעטער וועט טאַקע קומען תחית המתים. אַלע
טאַטעס און זיידעס, אור=אור=זיידעס, באָבעס, פעטערס, מומעס, פאַרשטאָרבענע קינ=
דער, — אַלע וועלן אויפשטיין און וועלן זיך פרייען מיט די זייעריקע. יאָ, וועט דאָס
זיין אַ קושן און אַ האַלדזן! ניטאָ מער קיין יתומים און קיין אַלמנות ניט; ניטאָ קיין
חשוכי=בנים ****). די קרומע וועלן אַלע ווערן גלייך, די בלינדע—זעענדיק, און די טויבע
הערנדיק, — אַלע מומים פון גוף און פון דער נשמה וועלן ווערן ווי אָפּגעווישט.
קיינער ווערט ניט אין כעס, קיינער רעדט ניט אויף זיין חבר אַ שלעכט וואָרט, קיין

---

*) אַ רייכער מאָלצייט צו דער צייט.

**) גוט אויפגעלייגט.

***) אין אַ זאַט און געבענטשט יאָר.

****) קינדערלאָזע.

קנאה ושנאה איז ניטאָ. און אין אַלע הערצער איז שמחת יום־טוב. עפּעס אַ קליינִיקייט, יידן האָבן דערלעבט די גאולה, די אמתע גאולה, וואָס אַלע נביאים האָבן דערויף געזאָגט נביאות, און אַלע ספרים הקדושים האָבן דערפון גערעדט! אַ קליינִיקייט, דער שופר פון משיחן האָט זיך געלאָזט הערן פון איין עק וועלט ביז אין דעם אנדערן! אַז די אומות האָבן זיך דערשראָקן, און אַלע שונאי ישראל האָבן געהאַט זייער מפּלה. און די גבורי ישראל זיינען אַלע ווי שמשון. ס׳איז אַ וועלט פון לויטער גבורה און תענוג און נקמה באויבי ה׳. און מ׳לעבט און מ׳פרייט זיך, און יידן זיינען ביי גאָט כּל ולך און האָבן אָפּגענומען גאָר די וועלט.

און אַפילו די חיות רעות האָבן אויך באַקומען אַן אַנדער טבע. אָקסן גייען אַרום מיט וועלף שפּאַצירן; אַ קליין שעפּעלע שפּילט זיך מיט אַ בער, קיינער טשעפּעט ניט דעם אַנדערן. קיין חיה און קיין בהמה איז ניט הונגעריק; קיין בוים דאַרט ניט פון טרוקנקייט. ס׳קומט אויס, ווי אַן אייביקער קוואַל האָט זיך אויפגעעפנט; ווי מזל און ברכה, עושר וישועה, נחת וצדק וכל טוב האָט באַגאָסן די וועלט; ווי קליינע פידעלעך שפּילן ביי איטלעכן אין האַרצן: ברכי נפשי לה׳ לה׳ עולם ומלואו, — אויף אַלץ, וואָס דערויף שיינט די זון.

מ. י. בערדיטשעווסקי.

עפּיגראַמען.

* * *

שקר, שטייט, „אין לו רגלים“,
אָבער אמת—ער האָט פיס,
פאַרט דער שקר אין קאַרעטן
און דער אמת גייט צו פוס.

י. ל. פּרץ.

* * *

ווען איך בין גאָט, וואָלט איך אַנדערש געשטראָפט!
איך וואָלט אַ זינדער אַ האַרטן
צוגעזאָגט אַלעס, אי נחת, אי גליק—
און וואָלט אים געהייסן נאָר וואַרטן!...

י. ל. פּרץ.

טובות.

זיי האָבן מיר געלט געבאָרגט,
ווען מיר איז שלעכט געווען,
זיי האָבן פאַר מיר געזאָרגט,
איך זאָל ניט אונטערגיין.
דאָך האָבן זיי מיין ווייי
מיר אימער אויפגעוועקט;
דען שטענדיק האָבן זיי
די גוטס מיר צוגעשטעקט.

מ. ראָזנפעלד.

פרידן.

צעשמעלצן ווילן זיי דעם שווערד,
ער זאָל אַלס אַקראַייזן דינען,
צו אַקערן דערמיט די ערד,
אום דאָרט צו זוכן, צו געפינען
נאָך אַ שאַרפערע געווער,
וואָס זאָל קענען שניידן מער.

מ. ראָזנפעלד.

אינהאַלט:

פֿאַרשיידענע לירישע מאָטיוון.

פאָלקסלידער.

זייט.

ויג־ליד — — — — פון דער זאַמלונג י. ל. כהן 4
דאָס קינד ליגט אין וויגעלע... „ „ „ ג—מ. 5
איז געפֿלויגן... „ „ „ „ 6
טאָכטער, דו ליבסטע... „ „ „ „ 6
צו וויינען און צו קלאָגן... „ „ „ „ 8
סאָלדאַטן־ליד „ „ „ „פנקס“ 8

אינדיווידועל־קינסטלערישע לידער.

אויפֿן בוידעם שלאָפֿט דער דאַך. (פֿאָלקסטימלעך) — ב. שאפיר . . . : 9
אַ בריוו פון אַמעריקע (פֿאָלקסטימלעך) — מ. ווארשאווסקי 9
אוי, מאַמעניו, טייערע... (פֿאָלקסטימלעך) — מאני לייב 10

ווי איך זינג — מאָריס ראָזנפעלד 11
מיין סוד — יהואָש. 12
דיין ליד — אַ. רייזען. 12
דער טרערן־מיליאָנער — מ. ראָזנפעלד. 12
דער נביא — יהואָש 13
כ׳בין ניט אויף אייער רוף געגאַנגען — ח. נ. ביאַליק. 13
עס גיבן נשמות — לייב נײַדוס. 13
מיין אײנציקער פֿאַרלאַנג — מאָריס ווינטשעווסקי. 14
איך האָב אַ קיניגרייך... — יהואָש 14

ערב פרילינג — יהואָש 15
פרילינג־ווינטן — מ. בראָדערזאָן 15
פרילינג־טרוים — יהואָש 16
די ערד ערוואַכט (פּאַטעטישע סאָנאַטע) — לייב נײַדוס 17

עס זיינען פֿאַרפולט... — ד. האָפשטיין. 20
זעיר־אַנפּין — יהואָש 20
כ׳האָב צום גראָז זיך איינגעבויגן... — יהואָש 20
דאָס טייכל — יהואָש 20
עס האָט מיך פֿאַרפלאָנטעט... — ח. נ. ביאַליק 21
ים־לידער — ז. סעגאַלאָוויטש. 22
אַ שטראַל — אָשר שוואַרצמאַן. 22
ביים זונענפֿאַרגאַנג — לייב נײַדוס. 22
אין הימל־רוים — ד. האָפשטיין. 23
זון־פֿאַרגאַנג — מ. קולבאַק 23
בין־השמשות — יהואָש. 23
ס׳דרימלען אַרום אונדז... — יהואָש 25
אַ גאָרטן ביי מיין הויז — יואל סלאָנים 25
אין אַ לבנה־נאַכט — דוד אײנהאָרן 26

זייט.

הארבסט — ל. יפה. 26
הארבסט־מאָטיוו — אַ. זאַק. 27
הארבסטיקע בלעטער — לייב נײדוס. 27
הארבסט — יואל סלאָנים. 28
* * * — פּרץ מאַרקיש. 29

דער יום־טוב־טאָג — ל. מילער. 30
* * * — ל. מילער. 30
שניי — ב. ביאלאָסטאָצקי. 30
ערוואַרטונג — לייב נײדוס. 30
אויפן זילבערנעם שניי — י. שוואַרץ. 31
ווינטער — לייב נײדוס. 31
שניי — יהואָש. 32
ווינטער־לידער — ח. נ. ביאַליק, יידיש — י. שוואַרץ און ז. שניאור. 33
ווינטער — פּרץ מאַרקיש. 35
ליטע — דוד אײנהאָרן. 37
זכרונות — דוד אײנהאָרן. 37
אין גאָרטן, אין שאָטן... — לייב נײדוס. 38
אַ סגולה — מרים אולינאָווער. 38
דו נאַשערקע „ 39
דער באָבעס טאָג — ה. רויזנבלאַט. 39

שטאָט — ד. האָפשטיין. 40
ניו־יאָרק — לעיעלעס. 40

לידער אין פּראָזע.

ביים ברעג פון דער ווייכסל — שלום אַש. 41
אויפן ים — ל. שאַפּיראָ. 44
ביימער — י. ל. פּרץ. 46
* * * (פון „אַ זומערוווינונג") — י. ל. פּרץ. 47
* * * (פון „מקובלים") „ 47
* * * (פון „אַ גלגול פון אַ ניגון") „ 48
* * * (פון „וואַנדער־טרוימען") — פּרץ הירשביין. 49
מיין בענקשאַפט — ז. שניאור. 51

ליבע־מאָטיוון.

דער בלאַסער בת־מלכה — ווידמונג צו דוד אײנהאָרנס „שטילע געזאַנגען" 52
שיר השירים — יידיש י. ל. פּרץ. 62
הער נאַר, דו שיין מיידעלע... — פאָלקסליד. 62
אַ ליד פון אַ פויגל — „ 63
מיינע שבתים... — „ 63
שרייב איך אַ בריוועלע (פאָלקסטימלעך) — מאַני לייב. 63
פּערל „ — פּרץ הירשביין. 64
פאָלקס־מאָטיוו „ — אַברהם רייזען. 64
שימאָנע סאַן — יהואָש. 64
אַ נאַכט ביים ניעמאַן — לייב נײדוס. 65
* * * — אָשר שוואַרצמאַן. 65
* * * — ש. אימבער (פון „וואַנדער־לידער") 66

זייט.

* * — פון פּאָל־ווערלען. יידיש ליוב ניידוס 66
עס נעמט... — א. ניסענזאָן. 66

אָדע און הימן.

דאָס ליד פון ים־סוף (רעליגיעזע) — פון דער ביבל. יידיש יהואש . . 67
ברכי נפשי... פון תהילים. קאַפּ. ק״ד — יידיש ז. קאַלמאַנאָוויטש. . 68
עס דאַנקט... — פון ר׳ יהודה הלוים ים־לידער. יידיש י. שווארץ . . 69
גאָט אין הימל — ז. סעגאַלאָוויטש 69
די העלדן פון זשיטאָמיר — יהואש. 69
דעבסן — מאַני ליוב 70
יוגנט — אברהם רייזען 70
דער אָדלער — ש. פרוג. 71

רעליגיעזע מאָטיוון.

פון תהילים — יידיש דוד אײנהאָרן. 72
״ ״ ״ יהואש. 72
זאָל ס׳האַרץ דיינס אין ים זיך ניט שרעקן... — פון ר׳ יהודה הלוי,
יידיש — י. י. שווארץ . . . 73
תפילות און סליחות 74
תחינות:
1. די הקדמה פון שרה בת־טובים צו דער תחינה „שלשה שערים״. . . 75
2. א תחינה אויף פרנסה — פון דעם ספר „תחינות ובקשות״ 76
תפילה צו ליכט־בענטשן — פון „לעבן און ווינשאַפט״. 77
המבדיל (גאָט פון אברהם) — ״ ״ ״ ״ 78
ישמח משה — פאָלקסליד. פון דער זאַמלונג י. ל. כהן. 78
ברוך אלהינו — ״ ״ ״ ״ ג—מ 78

נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

מיין פאָלק — דוד אײנהאָרן. 79
גלות־מאַרש — מאָריס ראָזנפעלד 79
פון טיפעניש — י. י. שווארץ 80
זאָג, מאַראַן — א. רייזען. 81
צו מיין פאָלק — ליוב ניידוס. 81
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אבֿות... — א. רייזען. 82
ליכט — ליוב ניידוס 82
טרייסט — י. ל. פרץ. 82
גלוסט זיך מיר וויינען — ח. נ. ביאַליק. 83

עלעגיעס.

זכור... — פון קינות לת״ב. 84
יידישע מאָטיוון I. — י. י. שווארץ. 84
״ ״ II. — ״ 85
יידישע עלעגיע — דוד אײנהאָרן. 85
עלעגיעס — נ. אייזין. 86
אמאָליקע טעג — אברהם רייזען. 87
עלעגיע — יצחק קאַצענעלסאָן 87
נע־ונד — ח. שעפּס 87
באָטש א טרער — יהואש. 88
האַרבסט־מאָטיוו — ל. לאַנדוי 88
דער אומגליק — ד. עדלשטאַט 89

פילאָזאָפישע מאָטיוון.

זייט.

פונם ספר „קהלת“ — יידיש יהואָש. 90
פונם ספר „איוב“ — יידיש יהואָש. 93
די יונגע יאָרן — פאָלקסליד. 96
עס לעשן זיך שטערן — פרץ הירשביין. 96
די וואָלקנס — א. ליעסין 97
עס וויאַנען... — יהואָש 97

סאָציאַלע מאָטיוון.

הייב איך מיך אויף — פאָלקסליד. פון דער זאַמלונג „אַרבעט און פרייהייט“. 98
ווי קום איך — א. רייזען. 99
אָרעמעס לעבן — „ 99
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט — מאָריס ווינטשעווסקי. 99
מיין ניט... — י. ל. פרץ 100
דאָס געבעט — „ 101
מיין רוע פלאַץ — מאָריס ראָזנפעלד 101
צום שקלאַף — יוסף באָוושאָווער 102
און דו אַקעדסט... — ג. העררוועג 102
נישט תמיד — לייב ניידוס 102
דער וועכטער — י. ל. פרץ. 103
די וואַנט — א. רייזען 103
פון דער סעריע „אויף די וועגן סיבירער“ — ה. לייוויק.
איבער וועגן... 104
וואַלט באַמש וער געקומען... 104
איינגעשמידטע זיינען מיר... 104
ערגעץ — ה. לייוויק 105
דער העלד — ה. רויזנבלאַט. 105

נביאיש.

פון עמוס — — יידיש ש. אייזנשטאַט. 106
פון ישעיה א. — „ 107
פון יחזקאל (שיר) — „ י. ל. פרץ. 109
פון ישעיה ב. — „ יהואָש. 109

אין שחיטה־שטאָט — ח. נ. ביאַליק. 111
דאָס לעצטע וואָרט — „ 117

סאַטירע און איראָניע.

די פרומע קאַץ — י. ל. פרץ. 120
די נאַכטוועכטער — „ 122
משיחס צייטן — מ. י. בערדיטשעווסקי. 123

עפיגראַמען.

שקר און אמת — — י. ל. פרץ. 124
ווען איך בין אַ גאָט...— „ 124
טובות — מ. ראָזנפעלד 124
פרידן — „ 124